STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04729

SHRIFTEN

Hillel Zeitlin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04729-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657047290T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

הלל צייטלין.

שריפטען

פערלאג
וועלט־ביבליאטעק

ווארשא
תר״ע.

Соч. Г. ЦЕЙТЛИНА.

ВАРШАВА 1910 г.

Типографія «Гацефира» Панская 40

אינהאלט.

זייטע

די בעקשאפט נאך שענדיים 5

די פרוי ביי יודען 38

ר׳ נחמן 46

א רחמנות אויפן אלטען גאט . . . (שטימונג) . . 76

מיין שטעדטיל 79

די אינערליכע וועלט 92

נעדאנקען בילדער 106

יוסף נע-ונד׳ניק 117

אונזער אידעאל 126

ערנסטע שמועסען 137

די בענקשאפט נאך שענהייט.

I.

„לא תעשה לך פסל ומסכה" —

טויזענדער יאהרען האט דאס יודישע פאלק מיט דעם פערבאט געלעבט. איינגעווארצעלט איז ער געווען אין פאלקס מוח און הארץ, נשמה און לייב, הייליג און גרויס איז ער געווען אין אלע צייטען און דורות.

„ניט מאך זיך קיין בילד" — מיט דעם געדאנק איז געווען דורכגעדרונגען די יודישע אמונה און די יודישע פילאזאפיע. אלעס האט געמוזט טראגען א שטעמפעל פון אונקערפערליכקייט; אלעם האט געמוזט זיין אהן א געשטאלט און אהן א פארם.

„כי לא ראיתם כל תמונה" —

דאס האט דער יוד געדארפט געדענקען, טראכטענדיג און פארשטעלענדיג זיך די גאטהייט.

די רוחניות האט געדארפט זיין ריין און ווייט פון אלץ, וואס האט א שייכות צום גוף, צו בלוט און פלייש, צו דער ערד. הימליש און נאר הימליש האט זי געמוזט זיין, הויך האט זי געמוזט ארומשוועבען, מיט אלעם מענשליכעס האט זי קיין מגע ומשא ניט געטארט האבען.

זעהר פיעל האט די מענשליכע נאטור געקעמפפט געגען דעם. גרויסע ליידען האט דעם מענשענס לייב געליטען פון אזא אויסער-

ערדישער גאטהייט, די רייך בעגאבטע יידישע פאנטאזיע האט אליין געפורמט פון איהר בעפרייט ווערען. לאנג און מעכטיג איז די מלחמה געווען, נאר זי, די אויסערערדישע גאטהייט, האט גובר געווען.

שלאף און אהנמעכטיג איז דער בעזיגטער קערפער געבליבען. אין שרעק פארן קערפערליכען, פאר יעדע פיגור און יעדעם בילד, זענען ביי דער יידישער פאנטאזיע די פליגלען אונטערגעהאקט געווארען, דער אבסטראקטער שכל האט איבער אלעם געהערשט און פון דעם אייביגען אלמעכטיגען שעפער איז א שוואכער שאטען געבליבען.

נאר די ערד טהוט איהרס, דער קערפער טהוט זיינס, די פאנטאזיע שפיעלט אליין, און זיי שטרייטען נאך אליין מיטן שונא, זיי פרובען נאך אליין בילדער מאלען, גופים שאפען.

פון צייט צו צייט לאזען זיי זיך הערען, פון צייט צו צייט הערמאהנען זיי זייער אלטע ממשלה, הויבען אן מאהנען זייער רעכט. שלאף איז זייער קול, נידעריג און ציטערדיג איז ער, ער זאגט אבער זיינס...

בעשטימט דער גרויסער בן־מימון, אז דער וואס שטעלט זיך פאר די גאטהייט אלס עטוואס קערפערליכעס, איז אן אפיקורס, קומט ר' אברהם בן דוד (ראב"ד) און זאגט, אז עס איז גאר ניט אזוי, אז פיעל גרויסע מענשען האבען געזעהן פאר זיך די גאטהייט אלס עטוואס קערפערליכעס, אז „רבים ושלמים" זענען אין אזא וועג געגאנגען...

קומט ר' משה תקו און ערקלערט, אז די מעשה איז גראד פערקעהרט ווי דער רמב"ם זאגט. מיט פיעל ראיות פון פסוקים און מדרשים ווייזט ער אויף, אז די גאטהייט מוז מען זיך פארשטעלען נאר אלס עטוואס קערפערליכעס, זינליכעס. די פאנטאזיע דארף נאר זיין הייליג און ערהאבען, די חושים דארפען נאר זיין ריין און איידעל, די גאטהייט מוז פארגעשטעלט ווערען אלס עטוואס, וואס איז אויסערוועלטליך שען, אבער ניט אלס אזעלכעס, וואס האט גאר קיין גוף ניט און קיין געשטאלט ניט. דאס וואס האט קיין גוף און קיין געשטאלט ניט, האט אין זיך קיין לעבען ניט...

די מקובלים האבען זייערס געטהון, שרייענדיג אין איין קול, אז זיי מיינען ניט חס ושלום פארשטעלען די גאטהייט אלס קער-

פער. מקדים זענענדיג הונדערטער הקדמות, אז מיט אלע זייערע בילדער מיינען זיי נאר ריינע אבסטראקציעס, הערען זיי דאך פארט ניט אויף צו מאלען די גאטהייט און זי פארצושטעלען אין אלערליי בילדער. די הקדמות זענען זיך הקדמות, און די פאנטאזיע האט איהרס געטהון...

דאס איז, ווי געזאגט, א שלאבער פראטעסט געגען דער הערשענדער שטימונג, געגען דער אלגעמיינער מיינונג. אין דער הינזיכט איז דעם רמב״ם׳ס מיינונג די הערשענדע געבליבען. דעם רמב״ם׳ס מיינונג שטימט פארט מיט׳ן טיעפען זין פון „לא תעשה לך פסל״ און פון „לא ראיתם כל תמונה״...

דער קאמפף איז אבער געגאנגען נאר וועגען אינערליכע פארשטעלונגען, וועגען אינערליכע שעפערישע אקטען. דא האט נאך די פאנטאזיע געפרובט איהרס טהון, דא האט זי נאך וועלן ניט וועלן געפרובט זיך בעפרייען פון די טויטע אבסטראקציעס, אבער אין דער אויסערליכער שעפפונג, אין די אויסערע אויסדריקען פון בילדער און געשטאלטען האט די יודישע פאנטאזיע קיינמאל ניט דערוועגט זיך צו בעפרייען און ארויסצוהויבען. מאלען געטער און געטינען האט מען אין קיין אופן ניט געטארט. מען האט בכלל ניט געטארט מאלען קיין מענשליכע צורות. אויף אזא אופן, האט די בילדער-קונסט ביי יודען ניט געקאנט זיך ענטוויקלען. זי האט אפילו ניט געקאנט געבארען ווערען...

די אלטע יודישע קונסט האט זיך פיעל ווייניג אויסגעדריקט אין ארכיטעקטור, אין מוזיק, אין פאעזיע, אבער ניט אין מאלען און סקולפטור. דא האט זי גארנישט געקאנט מאכען. די אמונה איז איהר געשטאנען אנטקעגען, די יודישע פארשטעלונגען האבען איהר אין אלעם געשטערט.

נאר פלוצים איז א וואונדער געשעהען. ווי נאר די יודען האבען אנגעהויבען נעהמען אנטהייל אין דער אלגעמיינער אייראפעאישער קולטור, האבען אנגעהויבען ערשיינען יודישע קונסט-ווערק.

ווי אזוי איז דאס וואונדער געשעהען? פון וואנען האבען זיך גענומען אט די אלע וועלט-בערימטע קינסטלער? ווי אזוי האט עס א פאלק, וואס האט טויזענדער יאהרען געטריבען פון זיך יעדעס בילד און יעדע געשטאלט, מיט אמאל אנגעהויבען ארויסגעבען פון זיך אנטאקאלסקיס?

וואס פאר אנ׳ארט האט די קונסט און די שענהייט אין דער פאלקס־נשמה? אין וואסער ווינקעל פון פאלקס־גייסט איז עס געווען בעהאלטען און טיעף בעגראבען? ווי אזוי האט עס פלוצים ארויס־געשפראצט? ווי אזוי זענען אזוינע נסים געשעהן? ווי אזוי איז דאס אלעס פון גארנישט בעשאפען געווארען?

אייראפעאישע קולטור, אייראפעאישע וויסענשאפט האבען געווים געווירקט אויף די יודען. אבער דאך זענען לייב און נשמה ביי די יודישע קינסטלער געבליבען יודישע. זיי דענקען יודיש און דיכטען יודיש. די יודישע נשמה שוועבט ארום אין די בעסטע ווערק זייערע.

פרעגט זיך דאך: וואו איז דאס אלץ ביז אהער געווען?

אפשר איז דאס נאר א קליינער חלק פון פאלקס־רייכטהום? אפשר בעווייזען זיך אין די אלע אנטאקאלסקי׳ס, איזראעלס, הירשענבערג׳ס נאר איינציגע פאלקס־שטראהלען? אפשר איז זיי גאר נישט בעוואוסט אלעס, וואס מען קאן פון יודענטהום נעהמען?

די ערשיינונג ערקלערט זיך מיט דעם פאלגענדען געדאנק פון פרידריך ניטשע: אלע שלעכטע אינסטינקטען, וואס האבען ניט געקאנט האבען קיין אויסערליכע ענטוויקלונג, זענען אלץ טיעפער און טיעפער אינערליך אריינגעגאנגען. דאס וואס מענשען האבען געטריבען און געיאגט איז אלץ טיעפער אין נשמה אריינגעדרונגען. וואס עס האט ניט געראנט פערשפרייטען זיך און פריי שאפען האט אלץ טיעפער אויף איין ארט געגראבען

בילדער און געשטאלטען, אויף וועלכע די יודען האבען תמיד געקוקט, ווי אויף עטוואס שלעכטעס, זענען בעהאלטען געווארען טיעף אין נשמה. דער יודישער גייסט, וואס האט ניט געקאנט שאפען אויסערליך, האט געשאפען אינערליך.

זענענדיג ווייט פון נאטור און פון קונסט, לעבענדיג שטענדיג אין ריינע אבסטראקציעס, שרעקענדיג זיך שטענדיג פאר יעדע פארם און אויסזעהן, האבען די אינערליכע בילדער און געשטאלטען אויך געמוזט סוף כל סוף בלאס און שלאף ווערען. דא האט זיך עס אבער געפונען נאך א טיעפערען ארט, די אינערליכע בעדערפנישען האבען זיך אויסגעזוכט אנ׳אנדער ווינקעל.

„טרייב די נאטור דורכ׳ן טהיר, וועט זי קומען פון פענסטער". האבען די יודען די שענהייט פון זיך געטריבען, האבען זיי אלע

זינליכע פארשטעלונגען פון זיך געיאגט, האט די „נאטור" אין אנ־אנדער ארט אנגעהויבען רײדען. די נאטור האט זיך אידער ארט געפונען אין לײדענשאפטליכער בענקשאפט נאך דער געטליכער שענהײט. די בענקשאפט איז אזוי שטארק און גרויס געװען, אז זי האט געמוזט מיט געװאלד זיך ארויסרײסען.

אין בענקשאפט נאך דער געטליכער שענהײט („תפארת"), נאך דער פיעל לײדענדער שכינה, נאך איהר גאולה, — אין דעם אלעמען איז געװען טיעף בעהאלטען די ליעבע צו שענהײט, צו הארמאניע, צו דער נאטור, צו דער שען־הארמאנישער געשטאלט.

דאס אלץ האט אויסגעבראכען אין דער לעצטער צײט מיט א שרעקליכער קראפט.

און דאס אלץ איז נאר עטװאס פון דער טיעפער בענקשאפט. די אלע יודישע קינסטלער װײסען אײגענטליך נאר עטװאס פון דער יודישער נשמה. אין די צוקונפטיגע יודישע קינסטלער מוז עס פיעל גרעסער און שטארקער זײן.

ענטדעקען עטװאס פון דער יודישער בענקשאפט נאך שענהײט, אויף װיפיעל זי װײזט זיך ארויס אין דער אגדה, קבלה און חסידות — דאס איז דאס ציעל פון די פאלגענדע קאפיטלען.

II.

„װי אזוי איז דאס ליכט בעשאפען געװארען? — גאט האט זיך אין טלית, װי א שליח צבור אנגעטהון און די װעלט איז פול ליכט געװארען".

דאס געטליכע ליכט האט די פינסטערע װעלט ערפילט, נאר צו גרויס איז געװען דאס ליכט, צו העל האט עס געשײנט, צו גלענצענד, צו פראכטפאל, די װעלט האט עס נאך ניט זוכה געװען, זי האט עס נאך ניט פערדיענט. װאס האט גאט געטהון? ער האט צוגענומען דאס ליכט, װאס האט אין ששת ימי בראשית געשײנט און האט עס בעהאלטען פאר די צדיקים לעתיד לבוא, פאר די קומענדיגע צײטען, קומענדיגע דורות.

„װאו זשע האט עס גאט בעהאלטען? אין די אותיות פון דער תורה".

לעהרן, הייסט עס, די תורה, בעטראַכט זי, פערטיעף זיך אין איהר, לייען אין די שורות און צווישען די שורות, פערשטעה איהר געהיימען זינען, ערקען איהרע סודות, דערגרייך איהרע גרויסע כוונות, געפין איהרע אַלוועלטליכע ציעלען און אידעאַלען, וועסט דאַן דערזעהען דאָס בעהאַלטענע ליכט, דאָס ליכט פון דער צוקונפט.

ס'איז פאַראַן אָבער נאָך אַנ'אָרט, וואו מען קאָן געפינען דאָס געהיימע צוקונפטס-ליכט, דאָס איז — דאָס פרייע פעלד, דער פרייער וואַלד.

אויב דיין נשמה איז ריין, שטעה אויף פריה, פריה, לאָז די שטאָדט מיט איהר האַנדעל און טומעל, מיט איהר קיוט און שימעל, געה אַרויס אויף דעם פרייען גרויסען פעלד, טהו אַ קוק מיט אָפענע ריינע אויגען אויף גאָטס פרייע ליכטיגע וועלט, וועסטו דאָס געהיימע צוקונפטס-ליכט זעהן.

זעה: אויף אַלץ איז גאָטס גנאַד אויסגעגאָסען, אַלץ איז אַזוי שען און אַזוי מילד, אַלץ איז אַזוי גוט און ריין, אַלץ רעדט פון טיעפער הייליגקייט און אייביגער גוטסקייט, אַלץ רעדט פון אייביגען פריעדען און אייביגען גליק, אַלץ רעדט פון גרויסע סודות, פון ווייטע, ווייטע וועלטען, פון דער ליכטיגער, ליכטיגער צוקונפט.

זעה: די שטאָדט וועט פאַלען, אַלעס פאַלשעס, שמוציגעס און אומריינעס וועט פערשווינדען, אַלעס קליינליכעס, ענגעס און טעמפעס וועט קיין אָרט ניט האָבען, אַלץ וועט פריי און ליכטיג ווערען, אַלץ וועט הייליג און גרויס ווערען.

„אין דער ווייטער צוקונפט וועלען בטל ווערען ניט נאָר אַלע מלחמות, געוואַלט-טהאַטען און קריעג, נאָר אויך דאָס געלד, דער האַנדעל, דאָס אייגענטהום".

טיעפע, טיעפע צוקונפט! דאָס גאַנצע לעבען וועט ווערען אַ הימלעס ליכט, אַנ'אייביגעס ליעד, אַנ'אייביגער צדיקים-טאַנץ. גאָט און מענש וועלען איינס ווערען, שעפפער און בעשאַפענע — אויף אייביג בעהעפט, גאָט „געדט מיט די צדיקים אַ טאַנץ אין גן-עדן און זיי זעהען איהם אַלע אָפען.."

„זיעבען כתות צדיקים וועלען געהן מקבל פנים זיין די שכינה און וועלען שיינען ווי די זון, ווי די לבנה, ווי די הימלען, ווי די שטערען, ווי די בליצען, ווי די ראָזען, ווי די ריינע מנורה, וואָס איז געווען אין בית המקדש."

זעה: ווינטער איז די ערד אָבגעשטאָרבען, זומער שטעהט זי אויף תחית המתים, יעדעס גרעזעלע טהוט תפלה צו גאָט, יעדעס גרעזעלע בעט זיך, יעדעס גרעזעלע זאָגט שירה.

דאַווען, מענש: דאַווען צוזאַמען מיט די ריינע שענע גרעזעלעך. זיי ליעבען דיך, זיי געלוסטען צו דיר, זיי ווילען מיט דיר צוזאַמען גאָט בעטען.

יעדעס גרעזעלע האָט זיך זיין בעזונדער חן, אויף יעדען גרעזעלע ליעגט אַ בעזונדער שעהנהייט, יעדער מין האָט זיך זיין בעזונדערע פּראַכט און צויבער.

„ווי דער שר פון דער גאַנצער וועלט האָט אַלע מינים גרעזעלעך דערזעהן, האָט ער גלייך אויסגעשריען: „זאָל זיין דער כבוד פון גאָט אויף אייביג, זאָל זיך גאָט מיט זיינע מעשים פרעהען.“

הער: אַלץ זאָגט שירה צו גאָט, דער טאָג, די נאַכט, די זון, די לבנה, די וואָלקען, די בליצען, דער ווינד, דער טהוי, דער רעגען, דאָס וואַסער, די טייכען, די ימים, די קוואַלען, דער גן עדן, דער גיהנם, דער מדבר, די פעלדער, די וועלדער, די בוימער, די זאַנגען, די פייגעלעך, יעדעס קלענסטע בעשעפעניש.

„אַלע בוימער ריידען צוזאַמען, אַלע בוימער ריידען מיט מענשען.

הער: אַלץ זינגט, די הימעל־ספערען זענען לויטער מוזיק, מען דאַרף נאָר האָבען אַנ׳אויער צו הערען.

דעם מענשענס נשמה איז פון אויבען גענומען, דאָרט אויבען איז זי געוועזען געוועהנט צו די נגונים און ליעדער פון מלאכים און הימעל־ספערען, דעריבער אַז זי, די נשמה, זעענדיג אין גוף, דערהערט אַ נגון, דערמאָהנט זי זיך עטוואָס פון יענע הימלישע מעלאָדיען און ווערט לוסטיג פרעהליך, ווערט געטליך ערהויבען.“

וואָלסטו ביי מיר אַלע מאָל אַזא חן האָבען, וואָסרע חן דו האָסט איצט ביי מיר.

פריש און ריין, געטליך־פרעהליך און געטליך ענטציקט איז געוועזען די גאַנצע וועלט, בשעת זי איז פון דעם שעפּפערס האַנד אַרויס. זי האָט זיך מיט גאָט געפרעהט, און גאָט האָט זיך מיט איהר געפרעהט.

„אָה, מיין וועלטעלע, האָט איהר גאָט דאַן געזאָגט, הלואי

שען איז די וועלט, געלויבט זאָל זיין דער, וואָס האָט זי מיט זיין וואָרט בעשאַפען!

„דאס איז די געבורטס־געשיכטע פון הימעל און ערד — זייער שעפּפער לויבט זיי, ווער קאן זיי שענדען? זייער שעפּפער דערהויבט זיי, ווער קאן אין זיי עטוואס שלעכטעס געפינען? אה! שען זענען זיי, דערהויבען זענען זיי".

שען און הייליג איז די וועלט געווען, בשעת זי איז בעשאפען געווארען, נאך שענער און הייליגער וועט זי לעתיד לבוא זיין.

די וועלט איז בעשאפען געווארען, דאס האט דער מלך־גאט מיט דער וועלט תנאים געשריבען, לעתיד לבוא וועט אבער די גרויסע התונה זיין. בשעת תנאים האט דער מלך וועניג מתנות געגעבען, בשעת התונה וועט אלץ, אלץ דער וועלט געשאנקען ווערען

III.

שען און ערהויבען איז די וועלט געווען. נאר דא איז דער מענש בעשאפען געווארען...

דער מענש איז אויף דער וועלט געקומען און האט מיט זיך געבראכט קענטעניש, בענקשאפט, וועהטאג, אמת און שקר, גוט און שלעכט, שען און מאוס, ריין און אומריין, מצות און עבירות, מלחמות, קריעג, קנאה, שנאה, כעס בעליידיגונג, גראבקייט, ווילדע הנאות, ווילדע געפיהלען.

דער מענש איז וויטער געגאנגען און אלץ שרעקליכער איז מאוסער איז דאס לעבען געווארען. א קאמפפס־פלאץ איז די גאנצע וועלט געווארען, א גרויסע בלוט־באד איז פון גאטס טעמפעל געווארען.

דער מענש איז וויטער געגאנגען. ער האט די וועלט מיט איהר שעפער שלעכט געמאכט, ער האט אין אלץ אייביגע הסרונות געפונען, אייביגע ליידען, ענטדעקט.

ניט ער, דער מענש, אליין איז פול זינד און ליידען, נאר אויך די גאנצע וועלט. אלץ מוז זיין, בלוט מוז אייביג פערגאסען ווערען, אלץ מוז קליין און מאוס זיין, אזוי איז די וועלט, אזוי איז די נאטור.

צוציטערט איז די וועלט געווארען, צושפאלטען און צובראָ־

קעלט איז די געוואָרען, אַלץ איז ליידענד, דורשטיג, זינליך, פינס-טער און קליין.

אָפּט בענקט עס פלומרשט, עס זוכט אַ הילף, עס וויל פריי ווערען און אויסגעלעזט ווערען, עס איז אָבער אין דעם אויך שוואַכקייט, צובראָכענקייט, קליינקייט און מוטלאָזיגקייט.

עס פיהלט זיך עפּיס, אַז עס האָט בעדאַרפט אַנדערש זיין און געקאָנט אַנדערש זיין, נאָר עס איז ניטאָ קיין שטאַרקער ווילען און קיין ווירקליכער וועלט-שמערץ, אום אַלע קייטען צוצורייסען, אום אַלע צאַמען צוצוברעכען.

מען צובריכט איינציגע קייטען און מען טהוט אויף זיך אַן אַנדערע, מען צובריכט איינציגע צאַמען און מען בויט אויס אַנדערע. מען שרעקט זיך פאַר'ן פרייען, ברייטען, אונענדליכען הימעל, פאַר די הייטע, טיעפע, אייביגע שטערן.

די אמת'ע שענהייט ענטפּלעקט זיך אין מענשענס לעבען נאָר צייטענווייז. דאָס טרעפט דאַן, ווען דער מענש שפּרינגט פון זיין אייגענער הויט אַרויס, ווען ער ווערט הימעל און ערד, ווען ער ווערט אַליין — נאַטור.

דאָס טרעפט דאַן, ווען ער פערגעסט אַלע זיינע חכמות, אַלע זיינע אויפקלערונגען און המצאות, אַלע זיינע ליידענשאַפטען און פאָר-שטעלונגען, ווען ער ווערט אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט גאָטס ערקענטניס, מיט גאָטס געפיהל און גאָטס ווילען.

דאָס טרעפט דאַן, ווען ער ווערט — אַלץ און אַלץ ווערט — ער. ווען ער ווערט אַליין די געהיימע, אַלערהעכסטע, אַלערטיעפסטע, אַלערריינסטע און אַלערהייליגסטע בעשעפעניש. איינער פון אַזעל-כע מאָמענטען איז בעת מתן תורה געוועזען.

פריהער — קולות וברקים. עס האָט געהילכט, געשטורעמט, די וועלט איז פול געוועזען. אַלץ ציטערט, פלאַטערט, וויגט זיך, הויבט זיך, עס דאַרף עטוואָס אונגעהערטעס, גרויסעס בעשאַפען ווערען. עס ווערט טויט-שטיל מיט אַמאָל. עס וואַרט אַלץ. די וועלט איז אין איין געדאַנק פערזונקען געוואָרען...

באַלד, באַלד, וועט עס קומען, באַלד-באַלד וועט עס ענט-פּלעקט ווערען, באַלד-באַלד וועט עס ערשיינען..

שטיל, שטיל. „די פייגעלעך האָבען זינגען אויפגעהערט, די אופנים האָבען פליהען אויפגעהערט, די שרפים האָבען אויפגעהערט

„קדוש" זאגען, דער ים האט זיך א ריהר ניט געגעבען, די מענשען האבען רײדען אויפגעהערט. די גאנצע וועלט שווייגט שטום און עס געהט א קול ארויס: „אנכי ד' אלהיך"!

דערהערענדיג גאטס שטימע פערלאזען די נשמות די גופים, גאט שיקט אראב דעם טהוי, וואס איז מחיה מתים, און די מענשען ווערען לעבעדיג, מלאכים טראגען זיי אום אויף די פליגלען, זיי בעצירען זיי מיט אלערלײ ציהרונגען, די מענשען ערקענען אלע הימלישע סודות און רײדען אויף מלאכים-שפראך...

IV.

דאס וואס די גאנצע וועלט לעבט איבער מאסענווייז, די שענהייט, וואס ענטדעקט זיך אין דער גאנצער מענשהייט זעלטען, זעלטען, — ערשיינט אין איינציגע אויסערוועהלטע פערזאנען שטענדיג.

גליקליכע מענשען! די שכינה רוהט אויף זיי שטענדיג, די געטליכע שענהייט בעלייכט זייער פנים אין יעדע רגע.

זייער שענהייט איז ניט פון דער וועלט, — פאלען מוז יעדערער דערזעהענדיג זי, ערשטוינט מוז יעדערער ווערען.

יעדער פיהלט, אז דאס איז עטוואס איבערמענשליכעס, אניעזעהנליכעס, עטוואס, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט און איז ביז אהער קיינמאל ניט פארגעקומען.

„יעקב'ס בילד איז אין כסא הכבוד געשטעלט" [10].

„מלאכים געהען ארויף זעהן דאס אויבערשטע בילד, געהען אראב זעהען דאס אונטערשטע בילד".

„אז משה איז געבארען געווארען, איז דאס הויז פול ליכטיג געווארען".

פיער גראציעס רעכענט די יודישע לעגענדע: שרה, רחל, אביגיל, אסתר.

ר' בנאה האט די היילען געצייכענט. אז ער איז געקומען צו אדם הראשונ'ס הייל איז ארויס א בת קול און האט געזאגט: דו האסט ביז אהער מיין אפבילד געזעהן, מיין בילד אליין קאנסטו ניט זעהן" [11].

„אין רב כהנא'ס שענהייט איז געוועזן עטוואס פון רב'ס שענ-

הייט, אין רבס — פון ר' אבהו'ס, אין ר' אבהו'ס — פון יעקב אבינו'ס, אין יעקב אבינו'ס — פון אדם הראשון".

„דער, וואָס וויל האָבן אַ באַגריף פון רבי יוחנן'ס שיינהייט, זאָל ברענגען אַ זילבערנעם בעכער ערשט פון פייער אַרויס און זאָל אים אָנפילן מיט קערנער פון רויטע מילגרוים און זאָל אים אַרומלייגן מיט אַ קראַנץ פון רויטע רויזן און זאָל אים שטעלן צווישן ליכט און שאָטן, — אין דער שיין איז פאַראַן עטוואָס פון רבי יוחנן'ס שיינהייט".

אַז רבי אליעזר איז קראַנק געוואָרן, איז רבי יוחנן געגאַנגען מבקר חולה זיין אים. אַז ער איז געקומען, האָט ער געפונען רבי אליעזר'ן ליגנדיק אין אַ פינסטערער שטוב. רבי יוחנן האָט זיין אָרעם אָפּגעדעקט און אין שטוב איז ליכטיק געוואָרן. זעהט ער, אַז רבי אליעזר וויינט, רופט ער זיך אָן צו אים: וואָס וויינסטו? אויב איבער דעם, וואָס דו האָסט ניט קיין פיעל תורה געלערנט, ווייסען מיר דאָך שוין לאַנג: „סיי מעהר, סיי ווייניגער — אַבי די כונה זאָל זיין פון גאָטס וועגען"; אויב איבער דעם, וואָס דו ביזט אָרים — ניט יעדער איז זוכה צו האָבן צוויי טישען. אויב פון דעם, וואָס דו האָסט קיין קינדער ניט — זעה! אָט איז דאָס ביינדעל פון מיין צעהנטען זוהן" ענטפערט אים רבי אליעזר: „איך בעוויין די שיינהייט, וואָס דאַרף אין דער ערד פוילען". — יאָ! ענטפערט אים ר' יוחנן: דערויף איז דאָ באמת וואָס צו וויינען" און ביידע בעוואַשען זיך מיט טרערען".

„אַז רבי עקיבא האָט טורנוסרופוס ווייב דערזעהן, האָט ער זיך פאַנאַנדער געוויינט: אַזאַ שיינהייט פוילט עס אין דר'ערד"...

די יודישע טראַדיציע דערצעהלט וועגען זעלטענער שיינהייט פון זעהר פיעל הייליגע, בעלי מופת, משיחים, מקובלים און חסידים. בעזונדערס איז ביי די לעצטע ענטוויקעלט געוועזן די פאָרשטעלונג פון געטליכער שיינהייט. בשעת זיי דערצעהלען און רייִדען פון גרויסקייט, חכמה און הייליגקייט, רייִדען זיי דערביי אויך וועגען דער זעלטענער שיינהייט פון געוויסע הייליגע.

איינע פון די צעהן ספירות, וואָס די מקובלים און חסידים רייִדען פון זיי שטענדיג, איז „תפארת". „תפארת' הייסט אין קבלה און אין חסידות אייגענטליך אי שיינהייט, אי האַרמאָניע.

שיינהייט און האַרמאָניע אין אַלץ, אי אין גוף, אי אין נשמה,

אי אין שכל, אי אין מדות, אי אין דיכטען אי אין טראכטען אי אין ריידען, אי אין אויפפיהרונג.

אין אלץ מוז די „תפארת" ערשיינען, אלץ מוז דורך איהר פארשענערט ווערען, אלץ מוז דורך איהר באלויכטען אין געמאסטען ווערען, אלץ מוז דורך איהר באלויכטען און בעטראכט ווערען.

„אז א מענש איז ניט גוט געקליידעט, צושטערט ער די מדה פון תפארת".

„אז א מענש טראגט אן שענע קליידער און צוהויט זיך אויס, זאל ער א כונה האבען בעשענען גאטס בילד".

„די נשמה רוהט אין יעדען אבר און אין יעדער תנועה פון מענשען. נאך דער נשמה נאך זענען די תנועות. וואס די נשמה איז שענער, זענען שענער די תנועות. די תנועות פון די גרויסע צדיקים זענען זעהר שען און אנגענעם, ווייל זייערע נשמות זענען געטליך שען. יעדער מענש מוז האבען זיינע אייגענע תנועות, ווייל אין יעדערען מוז לייכטען זיין אייגענע נשמה".

„אז די גרויסע צדיקים לערנען, לייכט די תורה אין זייער פנים, און אז זיי דערמאהנען א תנא, שטעלען זיי זיך איינגאנצען פאר איהם מיט זיין שורש אין מרכבה עליונה.

„אייגענטליך האט דער מענש דריי שטאפלען פאר זיך. ערשטענס, דארף ער איינצאמען זיינע נאטירליכע תאות. אויף אזא אופן קאן ער קומען צו דער מדה פון יראה". צווייטענס דארף ער צוברעכען און אויסווארצלען אלע זיינע געבארענע שלעכטע מדות, דאן קומט ער שוין צו א העכערער מדרגה, צו דער מדרגה פון „אהבה". דאס איז אבער נאך אלץ ניט גאר: ער מוז נאך קומען צו א דריטער, א פיעל העכערער מדרגה; ער מוז קומען צו דער מדה פון „תפארת". ער מוז זעהן, אז אלע זיינע מעשים און תנועות זאלען שען און ערהויבען זיין".

„איך פלעג פאהרען צום מעזריטשער מגיד, דערצעהלט ר' ריב שרה'ס, ניט צוליעב תורה הערען, נאר צוליעב זעהן, ווי ער טהוט אויס און טהוט אן די זאקען זיינע".

„אלע יהודים, וואס דער שפאלער זיידע האט מיהר געזעהן, זענען אפילו א טויזענד חלק ניט פון יענע יהודים, וואס ער פלעגט מיהר זיין דאן, בשעת ער פלעגט טאנצען שבת און יום טוב. ער איז געווען גרינג ווי א קינד פון פיער יאהר. ווער עס פלעגט זיין רקוד

זעהען פלעגט מיזען גלייך תשובה טהון. דאס הארץ פלעגט פול פרייד ווערען און די אויגען — פול טרערען".

„אמאל איז רבי שלום געזעסען ביין שפאלער זיידע ארום טיש. רבי שלום איז זיך געזעסען אין איין ווינקעל און איז געווען אין דביקות פערנומען, דער שפאלער זיידע — אין צווייטען ווינקעל. נאכ'ן עסען רופט זיך אן דער שפאלער זיידע צו רבי שלום'ען: „קאנסט איהר טאנצען"? — „ניין" — — „טא זעהט ווי דער שפאלער זיידע טאנצט". דער שפאלער זיידע הויבט זיך אויף פון ארט, גייט זיך דורך א פאר מאל איבער'ן שטוב. רבי שלום ווערט נשתומם? — „זעהט איהר? זעהט איהר, ווי דער זיידע טאנצט"? אזוי איז עס עטליכע מאל געווען. דער זיידע הערט ניט אויף צו טאנצען, און רבי שלום זאגט צו זיינע מענשען: „גלויבט מיר, אז ביי איהם זענען די אברים אזוי הייליג, אז מיט יעדען טראט איז ער מיחד יחודים. אויף מארגען האט שוין רבי שלום גאר נישט געטהון. ער איז נאר געזעסען און געקוקט אויפ'ן אלטען זיידען".

„זיינע אויגען האבען ווי די זון און די לבנה געלויכטען — דערצעהלען דעם בראצלאווערס תלמידים אויף זייער רבי'ן — און בעזונדערס שבת און יום טוב. ווער עס האט זיין פייער, הייליגקייט און שענקייט ניט געזעהן, ווער עס האט די געטליכע נגונים ניט געהערט — דער האט קיין גוטס ניט געזעהן. ביז משיח'ן וועט מען שוין געוויס אזוינס ניט זעהן און ניט הערען".

„שבת צו נאכט — דערצעהלט א צדיק וועגען רבי ליב סאסובער, האט ער נייע סאפיאנער שיך אנגעטהון און האט אנגעהויבען טאנצען. אין די רקודים האבען זיך די גרעסטע זאכען פון דער וועלט אויסגעוויזען, אין יעדער תנועה זענען מורא'דיגע יחודים געווען. די שטוב איז פול ליכט געווארען און די גאנצע פמליא של מעלה איז מיט איהם צוזאמען א טאנץ געגאנגען".

V.

וואס עס ווערט שטארקער די פרישות, ווערט טיעפער די אינערליכע בעהאלטענע ליידענשאפט; וואס עס ווערט טיעפער די

ליידענשאפט, ווערט גרעסער די בענקשאפט נאך שענהייט.

די בענקשאפט נאך שענהייט ווערט גרויס, אבער די פרישות לאזט איהר ניט בעווייזען זיך, לאזט איהר ניט שאפען, לאזט איהר ניט געפינען קיין נאטירליכע פארמען און פריי אויסדריקען זיך. זי מוז דערפאר אננעהמען משונה׳דיגע פארמען, זי מוז געהן אין קרומע דרכים, מוז שטענדיג ריידען מיט א פערשטעלטען לשון, מוז אלץ טהון לשם שמים, זי מוז איהר גאנצען צער אין אמונה ארייינטהון. „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם“ — „דאס הארץ און די אויגען זענען צוויי סרסורים פון זינד“ ויגד...

אז איינער איז מפסיק זיין לערנען און זאגט: „א! ווי שען דער בוים איז! ווי שען דאס פעלד איז, איז ער א מתחיב בנפשו“.

זאר מען די אויגען און דאס הארץ ניט נאכגעבען, טאר מען א מינוט ניט מפסיק זיין פון לערנען, זענען אבער דערויף ברכות פארהאן...

ווערסטו נתפעל פון דעם שיינעם ריינעם הימעל, קענסטו דיין טיעפען געפיהל אין א ברכה אויסדריקען: ברוך עושה מעשה בראשית!

זעהסטו די בענייטע לבנה, און דיין הארץ ווערט פול מיט פרייד און טרויער צוזאמען, זיי זי מקדש, גיס דיין הארץ אויס פאר דיין שעפער.

זעהסטו די וועלט-ארדנונג, די תקופה פון דער זון, די לבנה אין איהר גאנצען גלאנץ, דעם וועג פון די שטערן, דעם סדר פון די מזלות, זאג: ברוך עושה בראשית!

ווערסטו ערשטוינט פון גרויסען ים, קאנסטו דיין געפיהל אין א ברכה אויסדריקען: ברוך שעשה את הים הגדול!

אויף אלץ, אויף אלץ דארף מען גאט ליבען: אויף דונערן, אויף בליצען, אויף ווינטען, אויף בערג, אויף ימן, אויף טייכען און אויף מדבריות.

געהסטו ארויס אין פריהלינגס-צייט און זעהסט, ווי די בוימער בליהען, קאנסטו דיין פרייד פאר גאט אויסזאגען: געלויבט זאל זיין דער, וואס אין זיין וועלט פעהלט גאר נישט, און וואס האט בעשאפען אלע שענע בעשעפענישען און אלע שענע בוימער פון מענשענס פערגעניגען וועגען

קאנסטו אין דיינע גאטס הייזער קיין בילדער ניט שטעלען,

דאַרפֿסטו אָבער דאָס דינסט צו גאָט בעשײַנען מיט וואָס דו קאָנסט.

„הורדוס האָט דעם בית המקדש פֿון פֿעשריידענע מינים מראַמאָר געבויט. אַז ער האָט געוואָלט פֿערדעקען זיי מיט גאָלד האָבען די חכמים איהם געזאָגט: לאָז עס אַזוי ווי עס איז, אַזוי איז עס שענער, ווען דאָס מראַמאָר ווייזט אויס ווי חוואַליעס פֿון ים״

„מיט וואָס איז תכלת בעסער פֿון אַלע פֿאַרבען? ווײַל תכלת איז גלייך צום ים, דער ים איז גלייך צום הימעל, און דער הימעל איז גלייך צום כסא הכבוד״.

„דאַרפֿסט גאָט בעשײַנען מיט אַ שענער סוכה, מיט אַ שענעם לולב, מיט אַ שענעם שופֿר, מיט שענע ציצית, מיט אַ שענער ספֿר תורה, און עס דאַרף זי שרײַבען אַ קינסטלער מיט שענער טינט, מיט אַ שענער פֿעדער און אַנטהון זי אין שענעם זײַד״ ¹.

אַז דו דאַרפֿסט פֿאַר גאָט דאַווענען, מוזטו דיך אָנטהון אין דײַנע בעסטע קליידער ².

„רבי חנינא פֿלעגט זאָגען: לאָמיר אַרויסגעהן געגען די קעניגין שבת, געגען די כלה שבת. רבי ינאי פֿלעגט זיך אָנטהון אין זײַנע שענע קליידער און פֿלעגט זאָגען: קום כלה, קום כלה״ ³.

דער אר״י פֿלעגט וועלען בעגעגענען די מלכה שבת דווקא אויפֿ'ן פֿרײַען פֿעלד. אַלע פֿרײַטאָג צו נאַכט פֿלעגט ער אַרויס מיט זײַנע תלמידים אויסער'ן שטאָדט און דאָרטען מקבל שבת זײַן. דאַן פֿלעגט ער אַלע נשמות מתקן זײַן, די גאַנצע וועלט ריין מאַכען, דעם קץ מקרב זײַן ⁴.

אַזוי פֿלעגט זיך אויך דער בעש״ט נוהג זײַן. פֿרײַ אין גאָט'ס פֿעלד פֿלעגט ער מיט זײַנע תלמידים אַרומשפּאַצירען און פֿלעגט אַלע נשמות מעלה זײַן און די גאַנצע בריאה צו אַ העכערער מדרגה ברענגען ⁵.

דער בעש״ט איז קײַן ארץ ישראל געפֿאָהרען. אַז ער איז געקומען קײַן סטאַמבול, איז ער געוואָרען מיעד און קראַנק פֿון ווײַטען וועג, פֿון צרות און אָרימקייט, און איז פֿון אַלע מדרגות אַראָבגעפֿאַלען און געוואָרען אַ פּשוט'ער ערהרליכער אָרימער ייד. די מעשה איז געווען פֿאַר פּסח. ער האָט ניט געהאַט, מיט וואָס פּסח צו מאַכען, און ער איז געזעסען און געוואַרט אויף גאָט'ס גנאָד. גאָט האָט איהם אַ גרויסען עושר צוגעשיקט, וועלכער האָט איהם פֿערבעטען צו זיך אויף יום טוב. דער בעש״ט [illegible] דעם

גביר געגאַנגען. אַז ער איז געקומען צום גבירס הויז, האָט ער דערזעהן פאַר זיך גרויסע עשירות, אַ שען אויסגעפּוצט הויז, מיט פיעל גאָלדענע כלים, אַלץ אָנגעגרייט און שען אויסגעשטעלט צוליעב דעם סדר. אַז ער האָט דאָס אַלץ דערזעהן, האָבען זיך צו איהם אומגעקעהרט אַלע זיינע הויכע מדרגות, און דער עושר איז פערדרוש'ט געוואָרען, זעהענדיג, ווי דער אָרימער פשוט'ער קבצן איז פלוצים דער גרעסטער מענש געוואָרען.

רבי נחמן בראַצלאַווער איז געקומען צו זיינע הויכע מדרגות, בלאָנזשענדיג אין פעלדער און אין וועלדער, לויבענדיג גאָט מיט דער נאַטור צוזאַמען, זאָגענדיג תהלים אין טיעפע הײלען, שווימענדיג אַליין אויף אַ שיפעלע אין דעם ווייטען גרויסען טייך.

נאָר מעהר ווי אין דעם אַלעם זעהען מיר די בענקשאַפט נאָך שענהייט אין די געוויסע שמערצען פון פערשידענע צדיקים, אין די גרויסע שטאַרקע ליידענשאַפטען, אין דער געוויסער אייביגער מלחמה מיט דעם „יצר הרע", אין דעם גרויסען טרויער, וואָס אין דער מלחמה איז.

„וואָס דער מענש איז גרעסער, איז ביי איהם דער יצר־הרע גרעסער" [1].

לעתיד לבוא וועט גאָט דעם יצר־הרע ברענגען און וועט איהם שחט'ן פאַר אַלעמען אין די אויגען, ביי די רשעים אין די אויגען וועט ער אויסזעהן ווי אַ האָר; די צדיקים וועלען איהם זעהן גרויס, ווי אַ באַרג... .

די וויינען און די וויינען [2]... ביי די רשעים איז אַזאַ קליינטשקער יצר־הרע און דאָך קאָנען זיי איהם ניט בייקומען, ביי די צדיקים איז ער שרעקליך גרויס און דאָך זענען זיי איהם מנצח...

זיי זענען איהם מנצח, אָבער זעהר טייער קאָסט זיי דער נצחון. אַז זיי זענען איהם אין גאַנצען מנצח, זענען זיי פול מיט בענקשאַפט נאָך איהם...

איינינע אגדות שילדערן אונז אין קורצע, שטאַרקע ווערטער די אייביגע „מלחמה" מיט'ן „יצר־הרע" און די אייביגע בענקשאַפט נאָך שענהייט. אין איינינע שטריכען מאָלען זיי אונז גרויסע טראַגעדיעס פון גרויסע מענשען. מיר זעהען פאַר אונז ליידענשאַפטען — פייער, מענשען — אייזען.

„רבי מתיא בן חרש איז כל ימיו אין בית־המדרש געזעס-

סען און תורה געלערענט. ער איז געווען שען, ווי די זון און א פנים האט ער געהאט פון א מלאך, ווייל ער האט קיינמאל אויף קיין פרוי ניט געקוקט. איינמאל איז פארביי איהם דער שטן דורכגעגאנגען און האט איהם שטארק מקנא געווען. „ווי זאגט דער שטן, זאל אזא מענש קיינמאל ניט זינדיגען?“ געהט אוועק דער שטן צו גאט: „רבונו של עולם! וואס פאר א מענש איז רבי מתיא בן חרש?“ — „ער איז א צדיק גמור“. — „גיב מיר רשות וועל איך איהם איבערריידען“. — „דו וועסט מיט איהם גאר נישט מאכען, פונדעסטוועגען געה זיך“. געהט אוועק דער שטן און שטעלט זיך פאר רבי מתיא'ן אלס א שענע פרוי, וואס צו איהר שענקייט איז קיין גלייכען נישט געווען פון נעמה תובל קין'ס שוועסטער אן (דורך וועלכער מלאכים האבען אויף געזינדיגט, ווי עס שטעהט געשריבען: און די געטער האבען דערזעהן, אז די מענשישע טעכטער זענען שען). שטעלט זיך דער שטן גלייך געגען רבי מתיא'ן. אז רבי מתיא האט דערזעהן די פרוי, האט ער זיך אומגעקעהרט. שטעהט איהם די פרוי אנטקעגען. קעהרט ער זיך אב אויף רעכטס — זי איז דא; אויף לינקס — זי איז אויך דא. וואו ער קעהרט זיך, דארט איז זי אויך. זאגט רבי מתיא בן חרש: איך שרעק מיך פאר'ן יצר־הרע, ער זאל מיך ניט מאכען זינדיגען. וואס זשע האט דער צדיק געטהון? טהוט ער א רוף זיין תלמיד, וואס האט איהם בעדיענט, און זאגט איהם: געה אקארשט און ברענג מיר פייער און צוועקעס. ווי דער תלמיד האט די ברענענדיגע צוועקעס געבראכט, האט זיי רבי מתיא זיך אין די אויגען אריינגעשטאכען. אז דער שטן האט עס דערזעהן, איז ער פערציטערט געווארען און איז פון אימה אויף הינטען געפאלען. זאגט גאט צו רפאל המלאך: „געה הייל רבי מתיא בן חרש“. איז געקומען רפאל און האט זיך געשטעלט פאר רבי מתיא'ן. זאגט איהם רבי מתיא: „ווער ביסטו?“ — „איך בין רפאל המלאך. גאט האט מיך געשיקט דיר די אויגען אויסהיילען“. — „לאז מיך, וואס געווען איז געווען“. געהט רפאל אוועק צו גאט און זאגט: אזוי און אזוי האט מיר רבי מתיא געזאגט. ענטפערט איהם גאט: „געה זאג רבי מתיא'ן, איך בין פאר דיר ערב, אז דער יצר־הרע וועט אויף דיר קיין שליטה נישט האבען“.

עס איז געווען א רוצח ריש לקיש. איינמאל האט זיך רבי

יוחנן געבאדען אין ירדן. אז ריש לקיש האט איהם דערזעהן, איז ער גלייך אין ירדן אריינגעשפרונגען. זאגט רבי יוחנן צו איהם: „צו דיין כח האסטו געדארפט תורה לערנען". ענטפערט איהם ריש לקיש: „צו דיין שענקייט האסטו געדארפט א פרוי זיין". זאגט איהם רבי יוחנן: „אז דו וועסט תשובה טהון, וועל איך פאר דיר מיין שוועסטער געבען. זי איז שענער פון מיר".

אזוי איז עס געשעהען. ריש לקיש דער גרויסער רוצח איז געווארען דער גרעסטער צדיק. ווי ער איז פריהער געווען גרויס און שלעכט, אזוי איז ער דערנאך געווארען גרויס און גוט...

אויף רבי מאיר'ן, ר' עקיבא'ן, פלימו'ן, ר' חייא'ן בר אשי ווערט דערצעהלט, אז זיי האבען ביי א נסיון נישט געקאנט ביי־שטעהן. נאר פון בעזונדער ליעבע צו זיי האט זיי גאט פון שלעכטס אבגעהיט. דערביי ווערט דערצעהלט, ווי גאט האט ר' מאיר'ן דעם נסיון צוגעשיקט דערפאר, וואס ער פלעגט לאכען פון די, וואס קאנען דעם יצר־הרע נישט ביי־קומען. אויף פלימו, איז די צרה אנגעשיקט געווארען דערפאר, וואס ער האט שפאט געטריבען פון יצר־הרע...

אין נהרדעא האט מען געבראכט געפאנגענע פרויען. מען האט זיי פערפיהרט צו רבי עמרם הסידא אויפ'ן איבערשטיבעל און מען האט דעם לייטער צוגענומען. איינע פון זיי איז אזוי שען געווען, אז ווען זי איז דורכגעגאנגען, איז ביי ר' עמרם'ען אין שטוב ליכטיג געווארען. האט ר' עמרם געהאפט דעם לייטער, וואס צעהן מענשען האבען איהם נישט געקאנט אויפהויבען, האט אויפגע־הויבען איהם אליין און האט אנגעהויבען אראפגעהן. אז ער איז געקומען אין האלב וועג, האט ער זיך אוועקגעשטעלט און האט אנ־געהויבען שרייען: „עס ברענט! עס ברענט!" זענען געקומען די חכמים, זאגען זיי איהם: דו האסט דאך אונז אין בזיונות אריינגע־בראכט. — „נשקשה, ענטפערט זיי רבי עמרם, בעסער זאלט איהר זיך מיט מיר אויף דער וועלט שעמען, איידער אויף יענער וועלט". האט רבי עמרם בעשוואָרען דעם יצר הרע, ער זאל פון איהם אוועק־געהן. איז פון איהם ארויס א פייערדיגער זייל. זאגט איהם רבי עמרם: „זעהסטו, דו ביסט פייער, און איך בין פלייש, און איך בין שטארקער פון דיר".

VI.

די העכסטע פארם פון יודישער בענקשאפט נאך שענהייט זעהען מיר אין „גלות השכינה“.

„גלות השכינה“! דערין איז דער וועלט-שמערץ, דערין איז דער יודען-שמערץ, דערין איז אויך דער טרויער אויף דער פערשוואונדענער שענהייט.

די שכינה איז פערטריבען! אלץ איז פינסטער, אלץ ליידט, קיין זאך האט קיין תקומה ניט. זארג און קרענק, פערניכטונג און טויט — דאס איז דעם מענשענ'ס געשיכטע. נייע דורות — נייע טייכען בלוט פערגאסענע. נייע דורות — נייע, שטרעבונגען, נייע דאגות און נייע צרות. נייע דורות — נייע האפנונגען פאלשע, נייע חלומות פאלשע. פוסט און וויסט איז דאס לעבען פון דעם איינציגען מענשען, פוסט און וויסט איז דאס לעבען פון כלל. טהוט א שיין אויף ארגע די זון, ווערט דערנאך טויזענד מאל פינסטערער. מיינט דער מענש צו פערבעסערען און פערגרינגערן זיין לעבען, ווערט עס נאך פיעל מאל ערגער און שווערער. מיינט דער מענש געפינען דאס גליק, פיהלט ער אלץ מעהר און מעהר, ווי ווייט אומגליקליך ער איז. מיינט דער מענש ווערען גרויס און שטארק, פיהלט ער אויף יעדען שריט און טריט, ווי ווייט ער איז קליין און שוואך. מיינט דער מענש דערגעהן דעם אמת, געפינט ער אלץ מעהר נייע שקרים. מיינט דער מענש ערקענען און וויסען, ווערט ער אלץ מעהר איבערציינגט, ווי אלץ איז פערדעקט און פערהילט, ווי גרויס עס זענען די סודות פון דער וועלט, ווי ווייט ער איז פון דער אמת'ער ערקענטניס.

די שכינה איז פערטריבען! אלץ וואס עס איז הייליג, שען, גרויס און גוט, אלץ וואס האט א וואסער ניט איז ווערט, אלץ, אלץ איז אין גלות. די בעסטע פערלען זענען אין קויט איינגעזונקען. אלץ שרייט פון וועהטאג, אלץ וויל פון גלות ארויס, אלץ וויל אויסגעלעזט ווערען. אויף דער וועלט הערשט נאר דאס שלעכטס, די טומאה, די גראבקייט, די ווילדקייט, די טעמפקייט, די אכזריות. שיינט עטוואס שענעס און גרויסעס ארויס, ווערט עס פערשוואונדען באלד; בשעת עס שיינט, האט עס אויך קיין גרויסע מאכט ניט. די וועלט איז עפיס ווי בעשאפען געווארען נאר פאר

שמוץ און נידערטרעכטיגקייט. וואָס עס איז ווירקליך שען און הייליג האָט דאָ קיין אָרט ניט.

די שכינה איז פערטריבען! וויל עמיץ ליכטיג מאַכען, וויל עמיץ די גאולה ברענגען, מוז ער אונמענשליכע שמערצען ליידען. מענשען פערוואַרפען איהם מיט קויט, פייניגען איהם און מאַטערן ביז'ן טויט, פערשמוצען זיין נאָמען און כבוד.

די שכינה איז פערטריבען! דאָס יודישע פאָלק איז פון זיין אָרט פערטריבען, טויזענדער יאָהרען וואַנדערט עס אַרום, ווערט אַרומגעוואָרפען אין כף הקלע, ווערט פעריאָגט פון גאָט און מענשען, ווערט געפייניגט פון אַלע ווילדע און שלעכטע. אַלע מערדער און תלינים וואַשען זיך אין זיין בלוט, אַלע מענשען-חיות פאַלען אויף איהם שטענדיג אָן, שמוץ און שאַנדע בעגלייטען איהם תמיד, שפּאָט איז איין ענטפער אויף אַלע צרות זיינע. דאָס פאָלק קאָן צו זיך ניט קומען, בלאָנדזשעט בלינד אַרום, ווייס ניט, ווען ווערט עס אויסגעלעזט און ווער זיין גואל איז.

די שכינה איז פערטריבען! די געטליכע שענהייט ענטדעקט זיך ניט. מען זוכט זי — זי בעווייזט זיך ניט. מענשען האָבען מיט זייערע מיאוס'ע מעשים זי פערטריבען און פעריאָגט. די מענשען זענען ניט ווערט זעהן זי. זיי זענען ניט זוכה זעהן די אמת'ע שענהייט. זיי יאָגען זיך נאָך זיגליכקייט, נאָך כלומר'שטדיגער שענהייט אָדער עטוואָס שענהייט, זיי קאָנען אָבער ניט ערקענען די אַלוועטליכע שענהייט, די ריינע שענהייט — די גאָטהייט.

פיעל זוכה זענען די אויסגעקליבענע, וואָס זעהען זי, די שכינה, וואָס זעהען זי אין איהר טרויער־קלייד, וואָס זעהען די טרערען איהרע, וואָס הערען איהר שטים, וואָס ליידען מיט איהר, קלאָגען מיט איהר, וואַרטען מיט איהר צוזאַמען אויפ'ן גואל צדק.

אַז ירמיהו הנביא איז פון בית המקדש אַרויסגעגאַנגען האָט ער פאַר זיך דערזעהן זעהר אַ שענע פרוי פעריאָמערט, פערקלאָגט. — ווער ביסטו? שען ביסטו ווי אַ מענש, שרעקליך ווי אַ מלאך. — איך האָב אַמאָל רוהיג געלעבט, היינט בין איך פון מיין אָרט פערטריבען געוואָרען. מיינע קינדער זענען ביי שונאים אין די הענד, מיינע מלכים און שרים זענען אין אייזערנע קייטען, דאָס בלוט פון מיינע נביאים ווערט געגאָסען ווי וואַסער. מיין נאַכטלעגער איז חרוב, מיין ליעבער פריינד איז פון מיר אַנטלאָפען.

זאגט וויטער די פרוי צו ירמיהו: טהו תפלה צו דיין גאט פאר די ארימע, אומגליקליכע, ער זאל מיינע קינדער פון געפענגניש אויס-לעזען. וואס זשע שווייגסטו, ירמיהו? גייה שריי צו די אבות און משה, זאלען די פיטערער ראטעווען דאס שעפעלע פונ'ם וואלפ'ס הענד."[25]

ר' אברהם הלוי, דער מחבר פון דעם ספר תיקוני שבת, האט געוואוינט אין צפת. אלע האלבע נאכט פלעגט ער אויפשטעהן און פלעגט ארומלויפען אין די יודישע גאסען און פלעגט שרייען מיט א ביטערען קול: „אחינו בני ישראל! איהר וויסט דאך, אז די שכינה איז בעונותינו הרבים אין גלות און דער בית-המקדש איז פערברענט. שטעהט אויף, לאמיר שרייען צו גאט, זיין רחמנות איז גרויס. אפשר וועט ער אונזער תפלה הערען און וועט זיין פאלק ישראל אויסלעזען". אזוי פלעגט דער חסיד שרייען און פלעגט קיינעם ניט לאזען רוהען, ביז וואנען אלע פלעגען זאגען תיקון חצות. דערנאך פלעגען זיי לערנען יעדערער נאך זיין השגה נאך, ווער גמרא און משניות, ווער תנ"ך, ווער קבלה, און נאכדעם פלעגען זיי זאגען פערשיעדענע פזמונים און זייערע בקשות אויסגיסען. אזוי פלעגען זיי ביז טאג פערברינגען.

דער אר"י הקדוש פלעגט רבי אברהמ'ן זעהר ליבען און פלעגט זאגען, אז ער, רבי אברהם, איז א גלגול פון ירמיהו הנביא. איינמאל זאגט צו איהם דער אר"י: „זאלסט וויסען, אז דו דארפסט שטארבען, ס'איז פארהאן נאר איין תקנה פאר דיר, אז דו וועסט זי טהון, וועסטו לעבען נאך צוויי און צוואנציג יאהר. גייה קיין ירושלים, טהו דארטען תפלה ארום כותל מערבי, גיס אויס דיין הארץ פאר גאט, וועסטו זוכה זיין זעהן די שכינה". דער חסיד איז אוועק קיין ירושלים, האט זיך געשטעלט פארן כותל מערבי מיט גרויסע תחנונים, האט זעהר פיעל געוויינט. מיט א מאל האט ער דערזעהן ארום וואנד א געשטאלט פון א פרוי אנגעטהון אין שווארצען. פון גרויס פחד איז רבי אברהם צו דער ערד געפאלען און האט געשריען און געוויינט: „אך און וועה! אך און וועה איז מיר! אין אזא לאגע האב איך דיך דערזעהן"... ער האט אזוי פיעל געוויינט, געשריען, געריסען זיך די האר פון קאפ, ביז וואנען ער איז אבגעשלאפט געווארען און האט איינגעדרעמעלט. אין חלום איז דער רוח הקדש געקומען צו איהם אין שענע בגדים אנגע-טהון און האט געזאגט: „בערוהיג זיך, מיין זוהן אברהם, די יודען

וועלען נאך צוריקקומען צו זייער אָרט". רבי אברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין צפת. אַז דער אר"י האָט איהם דערזעהן, האָט ער איהם גלייך געזאָגט: היינט ווייסטו שוין לעבען, דו האָסט זוכה געווען זעהן די שכינה".

רבי חיים וויטאַל דערצעהלט אין זיינע חלומות: „ערשט איך זעה פאַר מיר אַ פרוי, שען ווי די זון, זי געהט צו צו מיר און זאָגט: וואָס וויינסטו, חיים מיין זוהן, איך האָב דיין געוויין געהערט און בין געקומען העלפען דיר. זי האָט איהר האַנד אויסגעשפּרייט, און איך האָב אָנגעהויבען שרייען: מוטער, מוטער, העלף מיר. דערנאָך האָב איך דערזעהן, ערשט גאָט זיצט אויף אַ שטוהל, אַן אַלטער גרייז, די באָרד ווייס ווי שניי, שען אָהן אַ סוף. ער האָט מיר פאַר מיין רעכטער האַנד אָנגעהאַלטען און האָט געזאָגט: חיים מיין זוהן, שרעק דיך ניט, האָב קיין מורא ניט".

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל געקומען אין שטאָדט דיקלאָ אין ספירה-צייט, געקומען איז ער אין שטאָדט שפּעט בייַ נאַכט. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, אַ צרה'דיגע; ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס און האָט ניט געהאַט וואו צו נעכטיגען. איינער אַ גאַרבער האָט איהם צו זיך גענומען אין שטוב. ר' לוי יצחק האָט געוואָלט דאָרטען דאַווענען און צעהלען ספירה. ער האָט אָבער דאָרטען גאָרנישט געקאָנט טהון מחמת דעם שלעכטען ריח. שפּעט בייַ נאַכט איז ער אַליין אין דעם בית-המדרש אַוועק און האָט זיך שטאַרק פערטראַכט אויף דער אומוואַנדערונג פון דער שכינה, אויף איהר אַנגסט און שמערץ, אויף איהר שרעקליכער ירידה, האָט זעהר פיעל געוויינט, ביז וואַנען ער האָט פון שוואַכקייט איינגעדרימעלט, און האָט פאַר זיך געזעהן אַ שרעקליכעס ליכט. וואָס אפילו דער גלגל חמה איז געגען איהם פינסטער. אין דעם ליכט האָט אַרויסגעשיינט אַ פרוי אויסגעציהרט אין פיער און צוואַנציג ציהרונגען, און יעדע ציהרונג שיינט אַזוי, אַז דעם מענשענס רעיון קאָן עס בשום אופן ניט משיג זיין, און זי האָט איהם געזאָגט: שטאַרק זיך, מיין זוהן, עס וועט אַלץ גוט זיין".

ר' יעקב שמשון שיפּעטעווקער איז געווען אין ארץ ישראל. איינמאָל האָט זיך איהם אין דמיון פאָרגעשטעלט די שכינה ווי אַ פרוי, וואָס בעקלאָגט איהר ליעבען מאַן. ר' יעקב שמשון האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט געזאָגט: דאָס איז ניט אַנדערש, אַז

דער רבי ר׳ פנחס קאָריצער איז געשטאָרבען...״

דער זוהר איז פול מיט באַשרייבונגען פון ליעבע, פרייד און ליידען פון דער שכינה. דער גאַנצער זוהר דאָס איז אַ מין געטליכער ראָמאַן פון גאָט מיט כנסת ישראל, פון קודשא בריך הוא און די שכינה. ער זוכט זי שטענדיג, זי זוכט איהם שטענדיג. מענשען צושיידען זיי. עס שיינען אַרוים אייניגע גליקליכע מינוּטען, זיי פערשווינדען אָבער באַלד. די פרייד איז פול האָפנונג אויף די צוקונפט, ווען מענשען וועלען ריין און הייליג ווערען. אין דער געטליכער בענקשאַפט זענען דאָ די וועלט-צרות, די יודישע בעזונדערע צרות, עס זענען אָבער אויך עסטעטישע ליידען פערהאַן.

„אין דעם טאָג, וואָס דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען, און די יודען זענען אַוועק אין גלות מיט קייטען אויף די העלזער און די הענד אויף הינטען געבונדען, און די כנסת ישראל איז אַרוים פון קעניג׳ס הויז, אום צוזאַמען מיט די יודען צו געהן, האָט זי די (כנסת ישראל) געזאָגט: איך וועל געהן פריהער בעקלאָגען מיין וואוינונג, מיין מאַן און די קינדער. אז זי האָט דערזעהן איהר חרוב געוואָרען וואוינונג, דאָס בלוט פון די חסידים דאָרטען פערגאָסען, דעם הייליגען היכל אין פייער פערברענט, האָט זי אָנגעהויבען שרייען אזוי, אז אַלע אויבערשטע און אונטערשטע זענען אויפגערעגט געוואָרען און איהר קול איז אָנגעקומען ביזן מלך, און דער מלך האָט געוואָלט מאַכען פון דער וועלט תהו ובהו. אַלע הילות מלאכים זענען אַראָב טרייסטען זי, זי האָט אָבער קיין טרייסט ניט צוגענומען״.

די בני ארץ ישראל קלאָגען: „מיר האָבען קיין מוטער ניט! וועה, וועה, איז אונז, וועה איז אייך, מיר דאַרפען קלאָגען, מיר דאַרפען אונזער ביטער האַרץ אויסגיעסען פאַר די, וואָס פיהלען אונז מיט. מיר געהען אַלע טאָג צו דער מוטערס בעטעל און מיר געפינען זי דאָרטען ניט. מיר פרעגען אויף איהר — קיינער ענטפערט אונז ניט. מיר פרעגען איהר בעטעל — ניטאָ... מיר פרעגען איהר שטוהל — געפאַלען... מיר פרעגען איהרע היכלות — שווערען זיי, אז זיי ווייסען פון איהר ניט... מיר פרעגען די ערד — ניטאָ קיין סימנים פון טריט. מיר פרעגען דעם דאַך, ענטפערט ער, אז זי איז פון דאַך צו דאַך געשפרונגען, אַלץ געיאָמערט און געקלאָגט אויף אונז... מיר פרע-

גען די וועגען און שטעגען, ענטפערען זיי, אז זיי האבען גע-זעהן איינע וויינענדיג מיט א ביטערען קול אויף אירע קינדער, און ווייסען ניט, וואוהין זי איז אהין געקומען... לאמיר קלאגען און קושען די ערד, וואס זי האט אמאל געטראטען... לאמיר קושען דעם ארט, אויף וועלכען זי איז אמאל געזעסען... לאמיר קושען די וואנד פון היכל און הארצרייסענד וויינען...

אין גן עדן התחתון איז פארהאן א בעהאלטענער פערבארגענער ארט, וואס קיינער ווייסט פון איהם ניט, אין איהם זענען בעהאלטען טויזענד לוסט-פאלאצען, חוץ משיח'ן געהט אין זיי קיינער ניט אריין. דער גאנצער גן עדן איז פיל מיט מרכבות פון צדיקים און משיח איז דער ממונה אויף זיי אלעמען. אלע ראשי חדשים, שבתים און ימים טובים געהט משיח אריין אין יענע פערבארגענע פאלאצען. אין די פאלאצען איז פארהאן א בעהאלטענער ארט, וואס איז גאר ניט בעוואוסט, און ער רופט זיך עדן, עס איז פאר קיינעם קיין מעגליכקייט נישטא צו דערקאנען איהם. משיח געהט ארום און ארום איהם, ביז וואנען איהם ווערט ענטדעקט אנ'ארט וואס רופט זיך קן צפור. אין יענעם ארט זענען אויסגעמאלט די געשטאלטען פון אלע פעלקער, וואס טהוען שלעכטס יודען. געהט ער אריין אין יענעם ארט, הויבט אויף די אויגען, דערזעהט ער, ווי די אבות געהען אריין אין דעם חרוב געווארענעם בית-המקדש, דערנאך זעהט ער, ווי די מוטער רחל וויינט און גאט טרייסט זי און זי וויל קיין טרייסט ניט אננעהמען, דאן הויבט משיח זיין קול אויף און הויבט אן וויינען, און דער גאנצער גן עדן ווערט ציטערט און אלע צדיקים וויינען, און עס ווערט ציטערט דער הימעל, וואס איז אויפ'ן גן עדן, און ער דערגרייכט ביז צום כסא הכבוד..."

„דער מלך איז אין צארן אריין אויף די מטרוניתא, האט זי פון זיינע פאלאצען ארויסגעשיקט. אז ער געהט זוכען זי, גע-פינט ער זי וואלגערן זיך אין אש. אָ! וואס פאר א כבוד זי וועט האבען! אָ! וואס פאר א ליעבע דער מלך וועט איהר ארויסווייזען! פאר'ן האנד וועט ער זי אננעהמען, וועט זי אין די פאלאצען אריינפיהרען און וועט איהר שווערען אז ער וועט זיך שוין מיט איהר קיינמאל נישט שיידען."

„פיעל זוכה איז די הבריא. אז דער מלך וועט צו זיך רופען די מטרוניתא, וועט ער פרעגען, ווער האט אירע ציהרונג.

צורעכט געמאכט, ווער האט איהר די קרוין אנגעטהון. ווער האט איהר די קליידער אנגעטהון? — בעסער פון דער הבריא וויים קיינער ניט די כלה צו ציהרען.״

„דוד זאגט: פנה אלי וחנני (קעהר זיך צו מיר און ערבארעם מיך). איז דען ביי גאט נישטא שענער פון דוד׳ן, וואס ער זאל זיך נאר צו איהם קעהרען? עס איז אבער פאראן א העכערער דוד, אן׳אויבערשטער, און ער איז דער ממונה אויף פיעל אויבערשטע הילות. אז גאט וויל זיך איבער דער וועלט ערבארימען, טהוט ער אויף יענעם דוד אקוק, דאן ווערט זיין פנים ליכטיג און אלע וועלטען ווערען ליכטיג. זיין קאפ איז גאלד און געציהרט מיט זיבענערליי גאלדענע תכשיטין. פון גרוים ליעבשאפט צו איהם זאגט איהם גאט: „קוק אויף מיר, דיינע אויגען זענען זעהר שען״. קוקען יענע אויגען אויף גאט, ווערט גאטס הארץ פול מיט ליעבע און רחמנות. הויבט אן שטארק ברענען די ליעבע, זאגט גאט: „קעהר אב א ווייליע דיינע אויגען, דען זיי ברענען מיך מיט פייער״...

„אין איינעם פון די היכלות איז פאראן א גינגאלדענע קרוין, זעהר אן׳ערהאבענע, זעהר א טייערע, קיינער זעהט זי איצט ניט. זי איז מיט אלע טייערע שטיינער אנגעפילט און איז פון מלך משיח׳ס וועגען געגרייט. אז משיח געהט ארויף אין טורם, שטעהט איין אדלער פון איין זייט, דער צווייטער — פון דער צווייטער זייט. אז משיח געהט ארויף, האלטען די אדלערס די קרוין. ווי ער הויבט אן לייענען די תורה, עפענט זיך א טהירעל אויף און עס געהט ארויס די טויב, וואס נח האט זי פון תבה ארויסגעשיקט, און טהוט משיח׳ן די קרוין אן. געהט משיח אראב, גיט זי די קרוין ווידער די אדלערס אב״.

ווייטער דערצעהלט זיך פיעל וועגען די טויזענדער פליהענדע פאלאצען, אין וועלכע עס רוהט משיח. וועגען די כרובים וואס פערשפרייטען די פליגלען דארטען, וועגען די פויגעלעך, וואס הערען ניט אויף דארטען שירה צו זאגען, וועגען די אותיות וואס פליהען ארום, וועגען די הימלען וואס הענגען איבער זיי, וועגען די גלגלים מיט די נגונים זייערע, וועגען די וויינשטאקען, וועגען די טייכען וואס פליסען דארטען, וועגען די קוואלען, וואס שטראמען דארטען, וועגען די פערלען און דימאנטען, וואס זענען ארום די קוואלען,

וועגען די אַלערליי פייערען, וואָס ווייזען זיך דאָרטען, וועגען אַלערליי ליכט, וואָס שיינט דאָרטען, וועגען אַלערליי זיסע שטימען, וואָס הערען זיך דאָרטען. משיחן פּאָלגען די כּרובים, די הימלען, די גלגלים, די אָדלערס, וואָס פליהען אַרום, דאָס פייער, דאָס וואַסער, אַלע הערען איהם, ער הערשט אין די היכלות, אין די הימלען, עס שטעהען דימאַנטענע זיילען, שיינען מיט אַלערליי קאָליערען, עס גלאַנצט דאָס גאָלד, עס ברענט דאָס ליכט, עס שמעקען די ריחות פון אַלערליי בשמים, עס ווערט פול קטורת, אַלץ זינגט, דאַווענט, בעט גאָט פאַר די יודען, פאַר דער שכינה...

VII

די „שכינה" הייסט אין אגדה אייגענטליך גאָט אַליין בכבודו ובעצמו. דער נאָמען קומט אָבער פאָר דאָס רוב אין דעם זינען, אַז גאָט רוהט אין דער וועלט, האָט אַ שייכות מיט איהר, ליעבט זי, פיהרט זי צום גוטען. פיעל מאָל ווערט אָנגעווענדעט דער נאָמען „שכינה" אויף וויפיעל גאָט רוהט אויף יודען, באַלייכט זיי, ליידט מיט זיי צוזאַמען, טרייסט זיי, העלפט זיי, רייניגט זיי, הייליגט זיי.

די אַגדה איז אָבער אַזוי געוועהנט צו בעטראַכטען די „שיה" נאָר מיט דער וועלט צוזאַמענגעבונדען אָדער נאָר מיט יודען צוזאַמענגעבונדען, אַז זי הויבט אָן ווען ניט ווען פאָרשטעלען זיך די שכינה אַלס עטוואָס געטליכעס אָבער ניט גאָט אַליין. אין איין אָרט איז אַפילו פאַרהאַן דער אויסדרוק: „אמרה שכינה לפני הקב"ה" (די שכינה האָט פאַר גאָט געזאָגט)

וואָס די אַגדה רעדט פּאָעטישער, לירישער, האַרציגער, שיינט אַלץ מעהר אַרויס דער ווייבליכער כאַראַקטער פון דער שכינה. אין דער אויבענדערמאָהנטער אגדה וועגען ירמיהו הנביא ווייזט זיך די שכינה אַלס אַ פערקלאָגטע פרוי...

אין קבלה איז עס בעשטימטער און דייטליכער. „די שכינה איז פשוט אַ מלכה", „מטרוניתא", „עולמתא שפירתא" (אַ שענעס מיידעל.)

דער זוהר און אַלע ספרי קבלה זענען פול מיט אגדות וועגן „יהוד קודשא בריך הוא ושכינתיה". וואָס מיינען זיי, די מקובלים, מיט „קודשא בריך הוא" און וואָס מיינען זיי מיט „שכינה"? דערויף ענטפערן זיי: „קודשא בריך הוא" דאָס איז „זעיר אנפין" (זעקס מדות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד); „שכינה" אָבער איז די מדה „מלכות".

דאָס איז אָבער אויך גאַנץ ווייניג קלאָר, כדי צו ערקלערען דאָס, מוז מען פאָרלעגען די יסודות פון קבלה. נאָר עס איז ניט דאָ דאָס אָרט דערצו. אין קורצען קאָנען מיר אָבער בעמערקען: ז"א (זעיר אנפין) הייסען אין קבלה די מדות, דורך וועלכע גאָט פיהרט די וועלט, ווי זיי זענען אַליין פאַר זיך, ווי זיי זענען אין זייער געטליכער הויכקייט. אין „שכינה", אין „מלכות", ווערען זיי אין דער וועלט ענטדעקט, בעוויזען, אויסגעשפּראָכען. די „שכינה" (דאָס זעלבע, ווי די מדה מלכות) הייסט אַלזאָ אָפט „דבור", „מאמר", ווייל דער „דבור" (רייד) ענטדעקט דאָס, וואָס איז אינווענייג געטראַכט געוואָרען. „שכינה" הייסט אַלזאָ די עפענטליכע גאָטהייט.

אונטער „קודשא בריך הוא" פערשטעהען אָבער אָפטמאָל די מקובלים נאָר די מדה „תפארת". דאַמאָלסט האָט שוין דער אויסדרוק „יהוד קודשא בריך הוא ושכינתיה" אַ מעהר עסטעטישען זין.

בעטראַכטען עסטעטיש דעם אויסדרוק, הייסט ער אייגענטליך: די געטליכע העכערע שענהייט פעראייניגט מיט דער וועלט-שענהייט.

„תפארת" וועט הייסען די ריינע געטליכע שענהייט; „שכינה" וועט הייסען די געטליכע אַלוועלטליכע שענהייט. „תפארת" האָט מיט דער וועלט ניט צו טהון; „שכינה" איז מיט דער וועלט, אין דער וועלט, און נאָר אין דער וועלט

אַמאָל איז די וועלט אינגאַנצען פעראייניגט מיט גאָט, דאַן ווערט שמחה והדוה אין אַלע עולמות עליונים. די געטליכע שענהייט שיינט העל, אָפען, קלאָר פאַר אַלעמען און אין אַלעמען. עס ווערט אַלץ אויסגעלייטערט, אויפגעהויבען, קומט עס, הייסט עס, פאָר דער „יהוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", די פעראייניגונג פון גאָט און וועלט, גאָט און מענש, הימעל און ערד, עס טרעפט אָבער, אַז די וועלט איז פינסטער, פערזונקען, דערווייטערט פון שעפּפער, פערשלאָסען אין זיך, אָבגעטיילט און דערווייטערט. דאַן קומט פאָר

דער „פירוד" (אָבשייד"), די שכינה ווערט דערווייטערט פון „קודשא בריך הוא" עס בענקט אפילו, עס פיהלט, אז עס פעהלט עפּיס, מען קאָן אָבער צו דער גאָטהייט ניט צוגעהן, — צו פיעל דער־ווייטערט, צו פיעל אָבגעטראָטען

און גרויס איז דאַן דער צער פון דער „שכינה". די שענהייט זוכט איהר געטליכען שורש, זי וויל דערהויבען ווערען, אויסגעלעזט ווערען: זי איז אָבער אין דער וועלט פערזונקען, די וועלט־פינסטערניש געהמט זי אַרום, די וועלט־קייטען פערבינדען זי. זי איז ביי דער וועלט אין געפענגניש, זי קאָן צו זיך ניט קומען, זי קאָן פון איהר צרה ניט בעפרייט ווערען.

נאָר עס איז גרויס דער צער. און וואָס עס ווערט גרעסער די בענקשאַפט נאָך דער געטליכער שענהייט, ווערט די וועלט אַליץ מעהר בעפרייט. עס ווערט גרעסער די בענקשאַפט און עס הויבען אָן ביסלעכווייז די קייטען אַראָבפאַלען, עס הויבט זיך אָן די תפיסה ברעכען, עס הויבען אָן פליגלען וואַקסען.

דער צער ווערט פערוואַנדעלט אין בענקשאַפט, די שטענ־דיגע ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט אין פאָרשטעלונגען, די פאָר־שטעלונגען אין וואָס מעהר נאָהענטקייט צו דער גאָטהייט.

און די שכינה הויבט אָן ביסלעכווייז בעפרייט ווערען, און עס הויבט אָן ווידער פאָרקומען דער יחוד; פון אָנהויב טעג־ווייז, מאָמענטענווייז, דערנאָך מעהר און מעהר, ביז וואַנען עס הויבט ווידער אָן שיינען די האָפנונג, ביז וואַנען דער גרויסער טאָג ווערט אַליץ נעהנטער און נעהנטער.

און ניצוצי קודשה (פונקען פון הייליגקייט) זענען אין דער גאַנצער וועלט פערזייהט און פערשפּרייט, אומעטום זענען זיי, אומעטום, אפילו אין די אומריינסטע, שמוציגסטע ערטער. מען דאַרף נאָר זיי קאָנען אויפזוכען, מען דאַרף נאָר קאָנען אויפקלויבען זיי, צוזאַמענשטעלען זיי, מען דאַרף נאָר אויפזוכען זיי וואו זיי זענען ניט פאַרהאַן, כדי זיי פאָרצושטעלען אין איין גרויסען בילד, כדי זיי צו ברענגען צו איין שעפּונג.

און דאָס גרויסע געטליכע בילד איז אַ קומה שלמה, אַ געט־ליכער אָרגאַניזם, עס ווערט אַ מרכבה פאַר די גאָטהייט, די וועלט ווערט ריינער און העכער, שענער און ליכטיגער.

ווי זשע קלויבט מען צונויף אָט די ניצוצי קדושה? וואו

זוכט מען זיי און ווי זוכט מען זיי? ווי מאַכט מען פון פערשידענע זאַכען איינס?

דערמיט בעשעפטיגט זיך די קבלת האר"י, דערמיט בעשעפטיגט זיך אויך די חסידות. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער צו שענהייט, דאָ האָט די חסידות איהר בעזונדער טיעפען בליק.

אין חסידות געהט עס אַריין וועהר „אין אַהויכען דרך פון „העלאת המחשבות הזרות" — אויפהויבען די פרעמדע געדאַנקען (די שלעכטע געדאַנקען).

דער וועג איז אַפילו, לויט אייניגע פאַרשטעהער פון חסידות, זעהר געפעהרליך. דער רב מלאַדי זאָגט אָן, מען זאָל זיך ניט פערנעהמען מיט אויפהויבען די מחשבות זרות. אויף יענע חסידישע כתבים, וואָס פערנעהמען זיך פיעל דערמיט, זאָגט ער, אַז זיי האָבען שלעכט פערשטאַנען זייער רבינ'ס (בעש"ט) כוונה. רבי נחמן בראַסלאַווער הייסט די גרויסע צדיקים אָדער, בעסער געזאָגט, דעם גרעסטען צדיק (וואָס ער איז בבחינת משה משיח) זיך דערמיט בעשעפטיגען. פאַר אַלעמען האָט ער אָבער אַנאַנדער כלל: אל תכנס עם פתוייך בטוען ונטען (זאָלסט ניט אַריין אין טענות ומענות מיט דיינע רייצענדע געדאַנקען). פאַר די, וואָס פערשטעהן גוט דעם בעש"ט'ס מיינונגען איז אָבער קלאָר, אַז דער ענין פון אויפהויבען די מחשבות זרות איז ביים בעש"ט געווען איינער פון די גרעסטע עיקרים.

כדי צו פערשטעהן עס ווי געהעריג איז, מוז מען זיין בעקאַנט האָטש אין אַלגעמיין מיט'ן בעשט'ס מיינונג אויף גוטס און שלעכטס.

די גאַנצע וועלט איז געטהייט (אלהות). גאָט און וועלט דאָס איז איינס. אויסער גאָט איז גאָר נישטאָ. אַלץ, אַלץ איז געטהייט, וואָס דו הערסט, וואָס דו זעהסט, וואָס דו פיהלסט, וואָס דו דענקסט. אין גוטס און אין שלעכטס, אין פרייד און אין וועה, אין הויך און אין דער נידער, אין גרויס און אין קליין, אין שען און אין מאוס, אומעטום איז די געטהייט. דאָ שיינט זי אָפען דאָרטען איז זי פערבאָרגען און בעהאַלטען, זי איז אָבער אומעטום גלייך פאַרהאַן.

אַלץ, אַלץ איז אותיות פון דער תורה, צרופים פון גאָטס געדאַנק, פערשידענע ערשיינונגען פון איין זאַך, פערשידענע איברים פון איין גוף; דער גרויסער מלך גאָט איז אין דער גאַנ-

צער וועלט ענטדעקט, אלע זענען זיינע און ער איז אלעמענס.

ווען אלעס איז געטהייט, צי קאן מען דען אייגענטליך ריידען פון שלעכטס, בייז, זינד, מאוס, אומריינקייט? אז אומעטום איז גאט גלייך פארהאן, קאן מען דען חלוקים מאכען? צי קאן מען דען זאגען: דאס איז גוט און דאס איז שלעכט, דאס איז כשר און דאס טריף, דאס איז ריין און דאס איז אומריין? איז דען ניט אלץ גלייך? זענען דען ניט אלע אותיות גלייך? זענען דען ניט אלע אברים גלייך?

וואלט דער בעש"ט זיך פארגעשטעלט די געטהייט, ווי שפינאזא, וואלט ער אויך מוזען זאגען צוזאמען מיט שפינאזאן, אז אלע פארשטעלונגען פון גוטס און שלעכטס, פאלקאמען און ניט פאלקאמען, זענען ריין מענשליכע. די ריינע געטהייט האט מיט זיי ניט צו טהון. ווייל מענשען האבען נישט קיין פאלקאמע אידעען, דוכט זיך זיי, אז דאס איז גוט, און דאס — שלעכט — דער אלוועלטליכער עצם — נאטור — גאט — איז ניט גוט און ניט שלעכט. מענשען ליעבען, פרעהען זיך, ליידען, לעבען, שטארבען — צו גאט אבער האט עס ניט.

דער בעש"ט אבער, האטש ער האט געדענקט פאנטעאיסטיש, ווי שפינאזא, האטש ער האט תמיד געזעהן די איינהייט פון גאט און וועלט, האט ער דאס זיך אבער אין גאנצען אנדערש פארגעשטעלט. גאט און וועלט איז איינס, גאט איז אבער אין דער וועלט ניט געבונדען. די וועלט אינגאנצען איז א מין פערבלענדעניש, א מין פערשטעלעניש פון גאט. וויל ער, ווערט זי שוין אויס. די וועלט איז פון איין זייט די געטהייט אליין. פון דער צווייטער זייט איז זי אבער א שעפפונג, א קונסטווערק, א מייסטערווערק. אלס א שעפפונג האט זי, די וועלט, איהר ציעל, זי ווערט צו איהר ציעל פון צייט צו צייט נעהנטער, זי געהט אלץ העכער און העכער, ריינער און ריינער.

שפינאזאס גאט איז אהן לעבען, א ריינע אידעע, דעם בעש"טס גאט איז אבער דאס וואס לעבט, שטרעבט, וואקסט און בליהט, ליידט און דיכטעט, דענקט און שאפט, צו וואס עס רייסט זיך דאס הארץ און געלוסט די נשמה. דעם בעש"טס גאט איז אין מענשען, אפילו זיינע פעהלערען און ליידען, זיין זינד און קליינליכקייט.

דעריבער קאן אויך דער בעש"ט ניט זאגען, ווי די, וואס טראכ-

טען, אז דאָס שלעכטס האָט קיין ממשות׳דיגען קיום נים. ניין! דאָס שלעכטס האָט אַ ממשות. מיר פיהלען עס, וואו מיר קעהרען זיך און ווענדען, מיר זעהען זיין ווירקונג אויף יעדען שריט און טריט, מיר הערען זיין שווערען אָטהעם, האָט דען קיין ממשות׳דיגען קיום ניט דאָס, וואָס לאָזט אונז ניט לעבען, קוועלט און פייניגט אונז פון וויעג ביז׳ן קבר?

דער בעש״ט דענקט דעריבער אַזוי: דאָס שלעכטע איז די קלענסטע מדרגה פון גוטס. דאָס שלעכטס איז ניט קיין היפך פון גוטס, נאָר דאָס זעלבע גוטס אין זעהר אַ קליינער מאָס. מחמת מענשען זעהען ניט אָט דאָס ביסעל גוטס, וואָס דערין איז פאַרהאַן, רופען זיי דאָס אָן שלעכטס. אין יעדער זאַך פון דער וועלט זענען דאָ פערשיעדענע מדרגות פון דעם העכסטען ביז דעם נידריגען. דאָס גוטס האָט אויך זעהר פיעל פערשיעדענע מדרגות, אין די הויכע מדרגות איז דאָס גוטס זעהר גרויס, אין די נידריגע — ווייניגער, אין דער נידריגסטער — גאָר ווייניג. עטוואָס גוטס איז אָבער אומעטום פאַרהאַן; אָהן דעם וואָלט עס גאָר ניט געקאָנט עקזיסטירען.

דאָס שלעכטס האָט דעריבער אַ ממשות, אָבער עס עקזיסטירט אַלס די קלענסטע מדרגה פון גוטס און עס קאָן דערהויבען ווערען.

מאַכט די דערמאָהנטע הנהגה ברייטער און טיעפער, פער־שטעהט איהר שוין גאַנץ גוט, ווי מען דאַרף שטרייטען מיט דעם שלעכטס, מען דאַרף דאָס שלעכטס ניט אויסרייסען, מען קאָן ניט אויסרייסען דאָס, וואָס גאָט בעשאַפט, מען דאַרף עס פשוט איפהויבען, דערהעכערן. אַלץ וואָס געפינט זיך אויף די נידריגע מדרגות דאַרף מען אויפהויבען אויף העכערע מדרגות. בשעת עס געפינט זיך אויף די נידריגע מדרגות, הייסט עס — גוטס.

איין בוים, אויף איהם זענען פירות פאַרטיגע, ניט פאַרטיגע, ניט דערוואַקסענע און אפילו ווערעמדיגע; איין מאַטעריאַל — און פון איהם מאַכט מען כלים בעסערע, ערגערע, גאָר שלעכטע. עס צובּרעכען זיך די כלים און עס בלייבען שטיקלעך שערבלעך. קיין היפך איז דאָ ניטאָ; עס זענען פאַרהאַן נאָר פערשיעדענע מדרגות — אייניגע מעהר פאָלקאָמע, אַנדערע ווייניגער פאָלקאָמע און ווידער אַנדערע גאָר ווייניג פאָלקאָמע.

אויפ׳ן בעש״ט׳ס לשון הייסט עס אַזוי: יעדע וועלטליכע ליעבע יעדער וועלטליכער שרעק איז אַן אַראָפּגעפאַלענע געטליכע יראה,

יעדע וועלטליכע שענהייט איז אן אראפגעפאלענע געטליכע שענהייט,
יעדע וועלטליכע חכמה איז אן אראפגעפאלענע חכמה עליונה.

וואס האט אלזא דער מענש צו טהון? ער דארף צונעהמען די וועלט ווי זי איז, ער דארף בעטראכטען און פארשטעלען יעדע זאך, ווי זי איז פאראהן, ער דארף נאר יעדע זאך צוריק אומקעהרען צום שורש, ער דארף פון יעדער ליעבע א געטליכע ליעבע מאכען, פון יעדען שרעק א געטליכע יראה מאכען, יעדע שענהייט צוריק אומקעהרען צו דער געטליכער „תפארת“.

בעטראכטענדיג און פארשטעלענדיג, אז אין יעדער זאך איז פאראהן גאטהייט, לאזט ער די זאך אליין און פערטיעפט זיך אין דער גאטהייט: זעהענדיג אין יעדער זאך בעזונדער עטוואס געטליכעס, לאזט ער דאס „עטוואס“ און וויל דערגרייכען דעם כלל, דעם עיקר, דעם עצם. אזוי ווערט יעדע זאך דערהעכערט און פערגעטערט.

דו זעהסט שענהייט און ווילסט עס זינליך גראב פערשטעהן, דארפסטו גוט בעטראכטען, אז אין דעם, וואס עס ציהט מיך און געוועלטיגט איבער מיך, איז פאראהן עטוואס געטליכעס, אז אין דער שענהייט, וואס איך זעה, איז פאראהן עטוואס פון דער העכערע געטליכער שענהייט, אז דער עיקר איז דערפאר דאס געטליכע, דאס דערין איז פאראהן. צו וואס זשע איז איין שטראהל, אז פאר מיר איז די גאנצע זון? וואס איז פאר מיר איין טראפען, אז פאר מיר איז דער גרויסער ים? איך דארף גאט ליעב האבען — דארטען איז אלעס פאראהן.

אזוי קומט דער מענש פון דער שענהייט, וואס ער זעהט, צו דער גאטהייט. אלעס קליינליכע און זינליכע פערשווינדט, און עס ווערט אלץ ריין און הייליג.

איין מעשה, וואס עס דערצעהלט א פריהערדיגער מקובל (ר׳ יצחק דמן עכו) ערקלערט זעהר גוט דעם חסידישען געדאנק.

„אמאל איז א בת מלך ארויס פון טייך. איינער א פראסטער מענש האט זי דערזעהן און האט געזאגט. „א! ווען דו וואלסט מיינע זיין! „אז די בת מלכה האט עס דערהערט, האט זי איהם געענטפערט: „דארטען! אויפ׳ן בית-עלמין“... דער מענש האט עס אבער פשוט פערשטאנען און האט אנגעהויבען געהן צום בית-עלמין. ער זיצט אזוי טאג און נאכט אויפ׳ן בית-עלמין און טראכט

נאָר וועגען דער בת מלכּה. ער האָט אַלײן, אַז זי, די בת מלכּה, וועט פאָרט צו איהם קומען. ער װאַרט חדשים לאַנג, זי איז אַלײן נישטאָ. ער האָט אַלע זײַנע חושים, פאָרשטעלונגען און געדאַנקען אין אײן לײַדענשאַפט אַרײַנגעטהון. ער האָט נאָר די צורה פון דער בת־מלכּה פאַר זיך געזעהן. ביסלעכװײַז, ביסלעכװײַז, האָט ער זיך אָן מענשען און גאַנצען פערגעסען, ער האָט פערגעסען אָן אַלײן, וואָס ער האָט אַמאָל געזעהן, געפיהלט און געטראַכט. לעבענדיג אַזוי פיעל אין אײנזאַמקײַט, פערטהון שטענדיג אין אײן אידעע, האָט ער אויפגעהערט זינליך זיך פאָרצושטעלען דער בת־מלכּה׳ס־שענהײַט און האָט עס אַלעס גײַסטליך בענומען. אַרײַנגעטהון אין גײַסטיגער שענהײַט האָט ער אין גאָטהײַט אָנגעהויבען לעבען. מיט דער צײַט איז ער דער גרעסטער קדוש געוואָרען".

פון טיעפער לײַדענשאַפט — צום גײַסטיגען לעבען, פון גײַסטיגען לעבען — צו גאָטהײַט.

די פֿרוי ביי יודען

„פֿאַרהאַן אַזאַ אונווִיסענדעס פֿאָלק, — שרייבט פּושקין אין איינער פֿון זיינע בעמערקונגען, — וואָס זיינע מענער דאַנקען גאָט פֿאַר דעם, וואָס זיי זענען ניט בעשאַפֿען געוואָרען קיין פֿרויען״.

ווער דאָס „אונווִיסענדע פֿאָלק״ איז? — דאָס איז גאַנץ לייכט צו טרעפֿען. יודען האָבען טאַקי אַזאַ ברכה: „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שלא עשני אשה״...

פֿאַרוואָס האָט פּושקין ניט אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿונ׳ם פֿאָלק, וואָס האָט אַזאַ מין ברכה? — ווייל פּושקין האָט יודען ליעב געהאַט, און איהם האָט זיך ניט געוואָלט רעדען וועגען יודען מיט׳ן לשון פֿון אַלערליי יודען־פֿרעסער. אַז פּושקין האָט יודען ליעב געהאַט און באמת ליעב געהאַט, — דאָס זעהט מען קלאָר פֿון זיין אָנגעהויבענער פּאָעמאַ, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי דער אַלטער יוד זיצט ביי זיין אַלטען ספר אין אַ טיעפֿער, שטומער נאַכט און איז פֿול ערוואַרטונג. מיט מעהר ליעבע מאָלען, ווי פּושקין האָט עס געמאָלט, איז אונמעגליך. אַ שאָד, וואָס פּושקין האָט אַזאַ פּאָעמאַ נאָר אָנגעהויבען און ניט פֿערענדיגט.

לערמאָנטאָוו האָט יודען ניט געקענט. ער האָט יודען פֿון ווייטען אידעאַליזירט. זיין „איספּאַנצי״ איז געשריבען געוואָרען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון לעסינג׳ס „נאַטאַן דער ווייזע״. פּושקין האָט אָבער יודען גוט געקענט. זייענדיג אין קעשענעוו האָט ער, קענטיג, געהאַט אַ משא־ומתן מיט יודען. צו איין יודישער טאָכטער (ווי עס ווייזט אויס פֿון זיין קליין־ליעדעל „Еврейкѣ״) האָט ער געהאַט אַ צו־נאָהענטע בעציהונג...

ניט גרויס איז דער פראגמענט פון דער דערמאהנטער פאעמא. פון יעדער שורה זעהט מען אבער ארויס טיעפע קענטעניש און איינפאכע, נאטירליכע ליעבע צום אייביגען יודען, צום אייביגען טרוימער. פושקין האט אבער דערהערט פון אזא ברכה ווי „שלא עשני אשה" און דא האט זיך זיין מענש געפיהלען בעליידיגט און ער האט געמוזט זיין כעס אויסדריקען האטש אין סתם־לשון: „פארהאן אזא אונוויסענדעם פאלק"...

אזא בעציהונג צו פרויען, אזא מין בעטראכטען פרויען אלס נידעריגערע ברואים, האט אויפגערעגט פיעל יודען־קענער, וועלכע זענען גאר ניט געוועזען קיין שונאי־ישראל. געגען אזא מין בעציהונג האט ארויסגעזאגט זיין שארפסטע ערביטערונג אויך דער גרויסער יודישער פאעט יהודה ליב גארדאן...

און ווי זאל מען טאקי אין צארן ניט אריין און ווי זאל מען דעם שארפסטען פראטעסט ניט אויסדריקען, ווען מען זעהט, אז איין טייל מענשען בעטראכט דעם צווייטען טייל, ווי שקלאפען, ווי געמיינע, שלעכטע בעשעפעניש׳ען, ווי שטומפזיניגע, נארישע קעפ, ווי שטומע פיה, ווי עפעס חפצים, ניט ווי מענשען...

די מענער, זענען לויט׳ן יודישען דין חייב אין אלע מצוות, און פרויען זענען פטור פון אלע מצוות שהזמן גרמא; מענער דארפען לערנען תורה — פרויען דארפען ניט לערנען קיין תורה; נאך מעהר: כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות (ווער עס לערנט זיין טאכטער תורה, איז גלייך ווי ער לערנט זי עטוואס געמיינעס); די מענער זענען די רעדעל־פיהרער, די חכמים, די יועצים, — פרויען דארפען זיך אין גארניט מישען (אין חכמה לאשה אלא בפלך — די חכמה פון א פרוי איז נאר אין שפינדעל: זי האט שכל נאר אויף שפינען).

די פרוי ווערט בעטראכט פיעל מאל אין יודישען דין און אין דער יודישער אלטער ליטעראטור בכלל, ווי עטוואס פאסיוועס („אסתר קרקע עולם היתה"). זי האט ניט קיין אייגענעם רצון, קיין אייגענע התחלה, קיין אייגענע אינדיווידואליטעט („אין פרי בטנה של אשה מתברך אלא מפרי בטנו של איש"). אין די פערשיעדענסטע יודישע ספרים זענען פארהאן פערשיעדענע אויסדריקען פון דער א"ט. איין יודישער רב דרוקט, למשל, א „ילקוט הדש", דארף ער אין אות א׳ רעדען אויך וועגען „אשה" (פרוי), רופט ער דעם דערמאהנטען

פרק אן: „אשה וכל עניני פריה ורביה". די פרוי איז ביי איהם נישט מעהר, ווי א זאך פון פריה ורביה...

אדער די חסידים, למשל, ווען זיי זאגען, אז מען דארף בעטראכטען דעם געשלעכטס-אקט נאר ווי א מצוה, נאר ווי א דבר שבקדושה, זאגען זיי עס אזוי: „ויאהב את אשתו כמו שאוהב את התפילין בלבד, רק שהם מצות ה' יתברך" (ער זאל ליעב האבען זיין פרוי ווי ער ליעבט זיינע תפילין, נאר ווייל עס איז א מצוה, — זעה צוואת ריב"ש ועוד).

אזא מין בעציהונג צו א פרוי ווי צו עטוואס א זאך, ניט ווי צו א גלייכען מענשען מיט גלייכען דענקען, פיהלען, ליידען און שטרעבען, בעמערקט איהר אין דער אלטער יודישער ליטעראטור איבעראל, און נאך ניט אזוי אין בעשטימטע דינים ווי אין סגנון, אין ארט אויסדריקען זיך.

איך ווייס אלע תירוצים. איך ווייס, אז מען געפינט דערצו פערשיעדענע טעמים. דער יודישער געלעהרטער ריב"ל האט אויך גאנץ שארפע תירוצים געפונען (אין זיין „זרובבל"). די אלע תירוצים זענען אבער גוט נאר פאר פרעמדע. ווען מיר רעדען צווישען זיך, מוזען מיר דאך מודה זיין, אז אט די אלע תירוצים זענען מעהר ניט ווי שארפע סאפיזמען...

אויף דער ברכה פון „שלא עשני אשה" ענטפערט ריב"ל, אז סאקראט האט אויך עטוואס עהנליכעס געזאגט. דאס איז אמת. סאקראט האט זיך אבער אמאל געזאגט א שארף ווארט, און דא, ביי יודען איז עס א דין, און יעדער איז מחויב צו מאכען טאג-טעגליך אזא ברכה...

אויף דעם, וואס יודישע פרויען לערנען קיין תורה נישט, ענטפערט ריב"ל מיט א צעטעל פון פערשיעדענע יודישע פרויען, וואס האבען געקאנט לערנען (די מוטער פון סמ"ע און נאך אזעלכע). דאס איז אבער זעהר א קאלטער תירוץ. מיר יודען ביי זיך ווייסען דאך, אז אט אזעלכע ווי די מוטער פון סמ"ע זענען זעהר זעלטענע אויסנאהמען. אין אלגעמיין פאלגען יודען דאך די עצה פון רבי יהושע: ניט צו לערנען די טעכטער תורה.... ניט קיין תירוצים דארף מען אלזא זוכען נאר פערשטעהן, בעטראכטען די אמת'ע פערהעלטניס פון אונזער אלטער ליטעראטור צו פרויען, מען מוז אמאל פאלגען שפינאזא'ס עצה: „ניט לאכען, ניט וויינען, נאר פערשטעהן"...

און וויל מען פערשטעהן און בעטראכטען גאנץ אביעקטיוו די טיעפסטע יודישע אנשויאונגען אויף פרויען, מוז מען קומען צו דעם בעשלוס: די אפיציעלע, פארמעלע, אויבערפלעכליכע, טאג-טעגליכע, וואכעדיגע פערהעלטנישען דריקען אוים גרינג-שעצונג, און אמאל זאגאר פעראכטונג צו פרויען; די טיעפערע, הייליגערע און אינערליכערע פערהעלטנישען צו פרויען זענען אבער אנדערע, להלוטין אנדערע. דער יוד אין זיין קודש הקדשים, אין זיין בענקשאפט, אין זיין טרויער, אין זיין שכינה-זוכעניש, אין יענע צייטען, ווען ער זוכט דאס אייביגע, דאס געטליך-שענע, דאס אייביג-ליעבענדע אייביג-ליידענדע — זוכט ער דאס אייביג-מוטערליכע, דאס אייביג-ווייבליכע, פון אט דעם טיעפען בענקען, טרויערן, ליידען און זוכען ווערט געבוירען די „שכינה", די „מטרוניתא", די „עולמתא שפירתא", די „אמא", הימעל-ליעבע, אייביגע רחמנות, צארטקייט ווייכקייט, טרייסט, הילף אין אונגליק, רפואה דעם קראנקען, שטיצע דעם שוואכען, מוט דעם געפאלענעם, דעם זינדיגען, זונען-ליכט און מוטער-ליעבע אלעמען, גוטע און שלעכטע, צדיקים און רשעים.

און דער רושם פון אט דער אייביגער בענקשאפט פונ'ם אינערליכסטען און טיעפסטען דורשט נאך אלץ וואס איז גוט און מילד, שען און איידעל, פון דעם פערגעטערן דאס מוטערליכע, דאס ווייבליכע, — אט דער רושם בלייבט אינ'ם יודענס הארצען, אפילו ווען ער געהט ארוים פון זיינע העכערע וועלטען און לעבט זיין „ווירקליכען", טאג-טעגליכען לעבען, דאס לעבען פון מצות און מארק, א בלאט גמרא מיט א רובעל.

און צוויי התחלות, צוויי געגענזייטיגע יסודות געהען דאן ארײן אינ'ם יודענס פערהעלטעניש צו דער פרוי, פון איין זייט דער יוד דער פקח, דער, וואס איז מבטל בתכלית הבטול די פרוי, „וואס האט לאנגע האר און קורצען שכל", דער מאן, וועלכער רעכענט זיך פאר איין עיקר און דער פרוי פאר א טפל, דער תלמיד חכם, וואס דאס ווייב וועט זיין א בענקעלע אונטער זיינע פיס אין גן-עדן; און פון דער צווייטער זייט — דער יוד, וואס זעהט אין דער פרוי דעם סימבאל פון דאס העכסטע, דאס שענסטע און דאס בעסטע...

און דער יוד בלייבט זיך אלזא אין טעאריע, אין וויץ, אין טרוקענעם דין — דער אמת'ער מזרח-מענש מיט זיין קוק אויף פרויען, ווי אויף נידעריגערע ברואים, און אין דער פראקטיק,

אין לעבען, אין שטענדיגען פערקעהרר — דער מענש, וואָס ליעבט און אַכטעט זיין פרוי מעהר פון אַלעמען (איך רעד דאָ פונ'ם אמת'ן יודען, פונ'ם פעסט־גלויביגען און גוטען אין מדות) און פערהאַלט זיך צו איהר מיט דער גרעסטער צערטליכקייט, ווייכקייט און רחמנות.

און דעריבער זעהען מיר, אַז האָטש דער מאַן ביי יודען האָט פאַר זיך גענומען די עולם־הבא און מיט דער פרוי האָט ער נאָר חסד געטהון, ווען זי האָט אויך אַ חלק געהאַט, — האָט זיך דער יוד (איך רעד דאָ ווידער פונ'ם גאַנצען, פעסטען יידישען טיפּ) שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זיין ריינעם, שענעם פאַמיליען־לעבען, מיט'ן אמת'ן שלום, וואָס האָט געהערשט ביי אונזערע אמת'ע עהרליכע יודען צווישען מאַן און פרוי. די פרוי האָט ניט געדאַרפט מאָהנען איהרע רעכטען, ווייל זי האָט געהאַט אין לעבען אַלע רעכטען. דער אמת'ער עהרליכער יוד האָט גאָר ניט פערשטאַנען ווי קאָן זיין אַנדערש...

די יודישע פרוי האָט נאָר דאַן דערפיהלט איהר ביטערע לאַגע, בשעת זי האָט אָנגעהויבען פיהלען גרעסערע בעדערפעניסען, בשעת זי האָט זיך שוין ניט געוואָלט בענוגענען מיט דעם, וואָס זי איז אַ „אשת חיל", וואָס זי איז אַ מוטער און איז געשעצט און געליעבט פון מאַן און קינדער, בשעת זי האָט שוין געוואָלט ווערען אַקטיוו אין געזעלשאַפטליכען זין פון וואָרט, דאַן איז ערשט געבוירען געוואָרען דער פראָטעסט פון דער יודישער פרוי, וועלכען גאָרדאָן האָט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט מיט זיין „אשה עבריה, מי ידע חייך"...

אָבער בשעת די יודישע פאַמיליע האָט געפיהרט איהר פאַטריאַרכאַלישען לעבען, האָט זיך די יודישע פרוי געפיהלט אויפ'ן אָרט, נאַטירליך, גוט, וואָהל, אינגאַנצען צופריעדען מיט דער ליעבע פון מאַן, מיט זיין ווייכקייט און רחמנות.

דען דער פאַטריאַרכאַלער יוד איז ניט דער פאַטריאַרכאַלער רוס, למשל, וועלכער לעבט לויט זיין „דאָמאָסטראָי". דער „דאָמאָסטראָי" ראָטעט דעם רוס צו האַלטען דער פרוי אין דער מורא און צו בענוצען דעם קנוט, אין דער צייט וואָס דער תלמוד־יוד האָט געוואוסט, אַז האָטש דער תלמוד ברענגט פיעל אַנעקדאָטען אויף דער טעמא פון קהלת: „אדם אחד מאלף מצאתי, ואשה בכל אלה

לא מצאתי״ („צווישען טויזענד פרויען איז ניטא קיין איינע אַ רעכטע״), האָטש אין תלמוד זענען דאָ פיעל שפּאָטווערטלעך אויף דעם אַדרעס פון פרויען, האָטש דער תלמוד קוקט טאַקי אויף פרויען ווי אויף אַ געשלעכט וואָס שטעהט נידעריגער פונם מענליכען געשלעכט, פונדעסטוועגען הערט ער ניט אויף צו מזהיר זיין מיט טויזענדער אזהרות, אַז דער מאַן זאָל „ליבען זיין פרוי ווי זיך זעלבסט און עהרען — נאָך מעהר ווי זיך זעלבסט״, אַז דער מאַן זאָל דער פרוי קיינמאָל ניט באַליידיגען און צו טרעהרען ניט ברענגען („לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו, שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה״) און זאָל אָהן איהר וויסען די קלענסטע זאַך ניט טהון, ער זאָל שטענדיג זי שואל עצה זיין („אתתך גוצא — גחון ולחיש לה״). ווער רעדט, אַז ער טאָר קיינמאָל ניט באַנוצען געגען איהר די קלענסטע געוואַלד-טהאַט, און אויב ער באַנוצט עס יאָ, איז ער אַ רשע, אַ טמא, דער ערגסטער און געמיינסטער מענש, און לויט אַנדערע אחרונים — זאָגאַר אַ מנודה.

דער תלמוד-יוד האָט דאָס אויך געוואוסט, אַז האָטש דער יודישער דין באַטראַכט די פרוי אַלס אַ וועזען אַ נידעריגען, אַ געמיינערען, אַ גרינגערען, (פרויען און קנעכט זענען אין מצוות גלייך...), איז דאָס אָבער אַלץ געזאָגט געוואָרען אין מילי דשמא, אין גאָטס-זאַכען, אין מצוות, בכלל אין רוחניות, אין שכל, אין מדות, אָבער ניט אין זאַכען, וואָס זענען נוגע דער פרוי דירעקט, דאָרט וואו עס רעדט זיך וועגען שפּייז, וועגען קלייד, וועגען באַהאַנדלונג. דאָ בייט זיך שוין אום דער ניגון. די פרוי, ווייל זי איז שוואַכער, עדעלער, שענער, צניעות'דיגער, איז זי פריהער און פאָרצוגליכער פאַר'ן מאַן.

דער דין זאָגט אין דעם פאַל אזוי: ווען איינער שטאַרבט און לאָזט נאָך זיך אַ קליינעם קאַפּיטאַל, זאָלען די טעכטער פונם קאַפּיטאַל געשפּייזט ווערען און די זיהן זאָלען האָטש אין די הייזער געהן („הבנות יזונו והבנים יחזרו על הפתחים״).

ווייטער: ווען איינער איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, אַ בעל חוב און אַ יורש, און ער האָט אַ פקדון אָדער אַ הלואה ביי אַ צווייטען אין די הענד, מאָהנט מען אויף דאָס געלד און מען גיט עס אָב דעם שוואַכען, דער פרוי („יתן לכושל שבהן״).

אמת, אַז אין די ביידע דינים איז דאָ מחלוקת. אַרמון מאָהנט

זיינע מענער־רעכטען און טענה׳ט: „בשביל שאני זכר הפסדתי!“ און רבי עקיבא וויל זיין הארט און טענה׳ט: „אין מרחמים בדין“, — געננג איז אָבער דאָס, וואָס אין ערשטען פאַל בלייבט די הלכה ניט ווי אדמון, און אין צווייטען פאַל שטעלט זיך פאַר די פרוי אַזאַ אויטאָריטעט ווי רבי טרפון.

און בכלל האָבען מיר פיעל דינים, וואו די פרוי האָט דעם פאָרצוג, וויַיל זי איז שעמעוודיג („שבושתה מרובה משל איש“) און כדי זי זאָל חן האָבען („משום חינא“ — זעה אין כתובות פ״ד אין תוספות).

וואָס־זשע לערנט עס אונז? — דאָס לערנט אונז, אַז דער יוד איז ניט תוכו כברו. איך מיין: דער יוד איז אין זיין אינערען לאין ערך בעסער פון זיין אויסערען, איך וואָלט נאָך מעהר געזאָגט: דער יוד, אַפילו אין זיין אינערליכען, אין זיין בעוואוסטזיין, איז ער אַמאָל צו „קלוג“, צו בעל־הבית׳יש געזאָנען, צו געמיין אין זיין פערהעלטניס צו דער פרוי, אָבער דער יוד אין זיין טיעפערען „איד“, אין זיין נשמה־„איד“, אין דעם איך, וואָס איז אונטער דעם בעוואוסטזיין, האָט דער יוד די עדעלסטע און די צאַרטסטע פערהעלטעניש צו דער פרוי, וויַיל דאַן זעהט ער אין דער פרוי די פערקערפערונג פון אַלעם שענעם און פון אַלעם גוטען; פון אַלעם געטליכען און ערהאַבענעם.

און אָט דער אינערליכסטער „איד“ ווירקט אויך אויפ׳ן געוועהנליכען לעבען, און דערפון איז געבוירען געוואָרען דאָס אַמאָליגע אידעאַלע פאַמיליען־לעבען.

עס האָט זיך ניט געקאָנט שלעכט פערהאַלטען צו דער פרוי דער יוד, וואָס, האָטש ער האָט ניט געהאַט קיין מוטער־קולט ווי אַנדערע, דאָך האָט ער אין זיך, אין די בעהאַלטענסטע ווינקעלעך פון זיין נפש־האלהות, געפיהלט טויזענד מאָל מעהר ווי אַנדערע דאָס עביג־רחמנות׳דיגע, דאָס עביג־שענע, וואָס ווערט פערקערפערט אין מוטער־ליעבע און אין פרויען־שענהייט. דער יוד האָט זיינע מיסטישע איבערלעבונגען ניט געמאָהלט אין געשטאַלט, ער האָט זיך צו דעם ניט געבוקט, ער האָט עס אָבער מיט זיין אינערליכען אויג געזעהן, ער האָט הימעל־קולות געהערט.

מיר געפינען עס אין אגדה: רב יוסף, ווען ער האָט געהערט די טריט פון זיין מוטער, האָט ער געזאָגט: איך וועל אויפ־

שטעהן פאר דער שכינה, וואס קומט אן. („איקום מקמי שכינה דאתאי").

מיר געפינען עס אין הסודות (אין איהרע העכערע פארמען...): די שענהייט פון אפרוי איז אסימבאל פון עטוואס, וואס ערראינערט דאס געטליכע („ציון וסימן למדת תפארת העליונה").

מיר געפינען עס נאך שארפער און נאך בולטער אין דער אלטער קבלה, בעזונדערס אין פאלגענדען ווילדמיסטישען, פאעטיש-שענעם ציטאט פון „ספר הקנה" (דף ד' ע״ב).

„אמאל זענען מיר געגאנגען אין טבריא. האבען מיר אין וועג געפרעגט אונזער רבי׳ן: וואס איז „אלהים"?*)

— איהר האט אויערן און הערט נישט....

— פון וואנען זאלען מיר הערען?

— הערט!

האבען מיר דערהערט אבת-קול: אם-אדם (מענשען-מוטער, כנסת-ישראל, שכינה).

— און פון וואנען קומט דער קול?

— האלהים יעננו בקול...

*) אין קבלה איז אלהים א רמז אויף א געוויסער מדה אין אלהות, אבער נישט די עצמות אלהות, וואס האט גאר קיין נאמען נישט, ווייל עס איז העכער פון אלע נעמען.

ר' בי נחמן*).

(זיין וועלט-אנשויאונג).

אם אסק שמים שם אתה
ואציעה שאול הנך...
(תהלים ל"ט).

„ווינטער איז בחינת עבור, די וועלט טראָגט אין זיך אַ גרויסען סוד; זומער איז אָבער בחינת לידה, דער סוד ווערט אַנטפּלעקט".
„ווינטער זענען אַלע בוימער און אַלע גראָזען ווי אָפּגע-שטאָרבען, זומער ווערען זיי ווידער לעבעדיג".

*) רבי נחמן בראצלאווער איז געווען דעם בעש"ט אייניקעל. פון זיין זיידען האט ער געירש'ט די גרויסע, געטליכע נשמה, די טייערדיגע ליעבע צו גאט און מענשען, ראס הימעל-הויכע און אבגרונד-טיעפע דענקען. ער האט אבער מעהר ווי זיין זיידע די וועלט בעגריפען און איז געווען מעהר בעגאבט מיט דיכטער-קראפט. דאגעגען פעהלט איהם דעם בעש"ט געטליכע רוהע און העכערע הארמאָניע. אין דעם ארטיקעל האב איך געגעבען רבי נחמנ'ס וועלט-אנשויאונג. איך האב זיך בעמיהט פון טויזענדער רבי נחמנ'ס צוזייהטע און צושפרייטע ווערטלעך א גאנצע וועלט-אנשויאונג שאפען. זיין לעבען און דיכטונג וועל איך ווען ניט איז בזונדער געבען.

„אין דער וועלט איז דאָן תחית המתים, אַלעס איז ווי פונס נײַ געבוירען. יעדעס בוימעלע פרעהט זיך, יעדעס גרעזעלע פרעהט זיך".

„אַ מענש דאַרף שטענדיג האָבען התבודדות. בעסער איז אָבער אַז די התבודדות איז אונטערן שטאָדט, דאָרט וואו די גרעזעלעך וואַקסען".

„עס איז גוט פרוּם צו זיין צווישען זיי".

„אַז דו דאַוועננסט, טהוסט בעטען ביי גאָט, גלוּכט צו איהם, בענקסט נאָך איהם, הער: די גרעזעלעך דאַווענען אויך מיט דיר, גלוּכטען אויך מיט דיר, בענקען אויך מיט דיר".

„אַז דו וועסט זוכה זיין הערען די שירה וואָס יעדעס גרעזעלע זאָגט צו גאָט, וועסטו פיהלען, ווי שען זי איז, ווי ריין זי איז, ריין איז זי פון יעדער פניה, פון יעדע מחשבה זרה".

„אַלע גראָזען שיקען שלוחים צום צדיק און לערנען איהם אַלערליי עצות און אַלערליי דרכים ווי אַזוי צו דינען גאָט ברוך הוא".

די עצות זענען פיעל, די דרכים זענען פיעל. ניט אַלע שרות זענען גלייך, ניט אַלע מדרגות זענען גלייך, ניט אַלע רעטער זענען גלייך — — — — — — — —

שען איז אַלעס אין גאָטס וועלט, אַלעס מוז אָבער הורכן מענשען אַנ׳עליה האָבען.

דער מענש ערקענט עס אַלעס, און מענשענס גייסט וועט עס אַלעס ערהויבען.

„עס פיטערט אַ פאַסטוך זיינע שאָף אין פעלדער און אין וועלדער. אין יעדען אָרט האָט ער אַ בעזונדער ניגון. ער שאַפט זיין ניגון פון דער שירה וואָס די גרעזעלעך זאָגען. נאָכן אָרט נאָך איז דער ניגון".

„קחו לכם מזמרת הארץ -- יעקב האָט געשיקט אַ מתנה צו יוספ׳ן אַ ניגון פון ארץ ישראל"...

„עס איז פאַראַן אַזאַ פעלד, אויף וועלכען עס וואַקסען זעהר פראַכטפאָלע בוימער און בלומען. שען איז דאָס פעלד — ניט אויסצודערצעהלען און אויסצושרייבען! אַלע בוימער זענען הייליגע נשמות, אַלע בלומען זענען הייליגע נשמות. פאַראַן אָבער זעהר פיעל נשמות וואָס וואַנדערען נעבעך אַרום פעלד, שטרעבען אַהין אַריין און קאָנען ניט.

אַפילו אַ גרויסע נשמה אַז זי גייט אַרויס פֿון דער וועלט אַז איהר שווער צוריק צוקומען...

ווארטען אַט די אַלע נשמות אויף תּיקון, זיי ווארטען אויף דעם העכר פֿינים פֿעלד!

II

די גאַנצע וועלט איז איין ניגון פֿאַר גאָט ברוך הוא. אין יעדע זאַך, אין יעדער בריאה קלינגט עטוואָס פֿונים וועלט־ניגון.

אין דאָס לעבען פֿין די נידעריגע בּריאים הערען מיר אָבגעריסענע טענער, שוואַכע ווידער־קלאַנגען; אין דאָס לעבען פֿין די העכערע בּריאים, הערען מיר שוין שטאַרקערע, לויטערע טענער. אינים מענשען זענען שוין פֿעראַן חלקים פֿונים ניגון.

אין יעדער מענשען איז פֿאַראַן עטוואָס בּענקשאַפֿט, עטוואָס שטרעבונג, עטוואָס אומרוה, עטוואָס טרויער.

אין יעדער מענשען איז פֿאַראַן עטוואָס וואָס וויל העכער און פֿיינער ווערען. —

ביי פֿיעל מענשען איז עס גאַנץ שוואַך, ביי איינינגע, אויסדער־וועהלטע, איז עס פֿיעל שטאַרקער און מעכטיגער —

אַלץ איז אָבער פֿונאַנדערגעטיילט, צושפּאָלטען און צוריסען. איהר הערט די פֿערשיעדענסטע קלאַנגען, די פֿערשיעדענסטע טענער, איהר קאָנט עס אָבער נישט אומפֿאַסען, איהר קאָנט עס נישט בּעגרייפֿען אַלס עטוואָס גאַנצעס, איהר הערט נישט דעם גאַנצען ניגון.

דאָס קאָן טהון נאָר דער גרעסטער צדיק פֿון דור, דער וואָס איז בּבחינת משה משיח. ער איז אין זיך כּולל אַלע דורות און אַלע עולמות. ער שטעלט אויף דעם וועלט־ניגון פֿון די פֿערשיעדענסטע קלענסטע חלקים. וואו ער שטעהט און געהט הערט ער פֿערשיעדענע קלאַנגען און טענער, וואו ער שטעהט און געהט געפֿינט ער דאָס ביסעל גוטעס, וואָס איז דאָ אין יעדער זאַך און אין יעדער בריאה. בּיי איהם גיסט עס זיך אַלעס צונויף. פֿון אַלערליי שטרעבונגען ווערט איין שטרעבונג, פֿון אַלע צובראָכענע געדאַנקען ווערט איין געדאַנק, פֿון אַלע מינים טרויער ווערט איין טרויער, פֿון אַלע

שטיקלעך ניגונים ווערט איין ניגון.

און קומסטו צו אזא צדיק און הערסט פון איהם דעם וועלט-ניגון, געפינסטו דיינס אויך דערינען, נאר פיעל פערשענערט, פיר-בעסערט, און ריינער.

געדענק זשע, מענש, און פערגעס נישט דאס וואס דו האסט געהערט פון צדיק. ווען דו האסט אפילו נישט משיג געווען דעם וועלט-ניגון האסטו דאך אבער משיג געווען דאס וואס איז שייך צו דיין שורש נשמה, צו דער גוטער נקודה, וואס דו זעלבסט האסט אין זיך. דיין שורש נשמה האט דארטען, אינם צדיקס וועלט-ניגון אנעליה געהאט, א בירור געהאט — דו האסט דאך עס אליין געהערט, דו האסט דאך עס אליין געפיהלט.

און אז דו געהסט אוועק פון צדיק און בלייבסט עלענד אליין און אלע מדות רעות און אלע תאוות רעות ווילען פון דיר קויט און בלאטע מאכען —

און אז עס ווערט דיר שווער אויפ'ן הארצען און דו גלויבסט אין קיין ישועה ניט — און אז דו שרייסט צו גאט און דיר דוכט זיך, אז גאט הערט דיין קול ניט —

און ווען דיר דוכט זיך, אז דו ביזט ערגער פון אלעמען אין דער וועלט און ביסט ניט ווערט, אז די ערד זאל דיך אויף זיך טראגען —

דערמאהן זיך אן יענער נקודה טובה, וואס דו האסט אין זיך אהן א שום ספק. דו האסט זי אין זיך, דו מוזט זי האבען, דען יעדער מענש האט זי אין זיך, — האלט זיך אן פעסט אן יענער נקודה, לאז זי ניט אב פון זיך, שטעל זי זיך פאר אין יענער ריינקייט און קלארקייט, ווי זי איז אינים צדיקים וועלט-ניגון, פערטיעף זיך אין איהר, פעראייניג זיך אינגאנצען מיט איהר, און דאן פרוב ווייטער געהן, פרוב העכער שטייגען.

III

„יעדער חכמה האט איהר זמר. דער זמר דאס איז דער קוואל פון וואנען די חכמה נעהמט זיך, איהר חיות, איהר מהות.

„וואָס די חכמה איז גרעסער און טיפער אַלץ גרעסער און טיפער איז דער זמר איהרער“.

„אַזוי געהען די חכמות מדרגות־ווייז, און אַזוי אויך די זמרים זייערע, ביז עס דערגרייכט צו דער העכסטער חכמה פון אַלע חכמות: די חכמה, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער פערענטפערונג פון די גרעסטע וועלט־קשיות (פראַגען)“.

„אַז עס קומט נאָר צו דער טיפסטער קשיא דאָרטען קאָן שוין קיין חכמה ניט העלפען, ווייל דאָרטען איז שוין דער אין סוף. דאָרטען דערלאַנגט נאָר די אמונה“.

„יעדער אמונה האָט אויך איהר זמר. וואָס פאַר אמונה אַזאַ זמר“.

יעדער אמונה האָט אַלזאָ איהר עבודה, איהר תפלה, איהרע ניגונים“.

„אפילו די אפיקורסות האָט אויך איהר זמר. אויף אלישע בן אַבויה זאָגען די חכמים, אַז ער האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען זיין זמר יוני“.

„אויף די גרעסטע וועלט־קשיות זענען קיינע תשובות נישטאָ. און ווער עס איז אַריינגעפאַלען אין די גרעסטע כפירות קאָן איהם קיינער גאָרנישט ענטפערען“.

„נאָר דער צדיק הדור, וואָס ער איז בבחינת משה־משיח יענער קאָן אַפילו די גרעסטע אַפיקורסים צו תשובה ברענגען, ווייל זיין ניגון איז העכער פון אַלע ניגונים, ווייל זיין ניגון איז דער מקור פון אַלע ניגונים, ווייל ער שעפּט זיין ניגון פון אין סוף“.

„אונזער וועלטיל איז אַזוי נידעריג און מגושמדיג. ווי אַזוי זשע באַהעפט עס זיך מיט גאָט ברוך הוא? — דורך נגינה“.

„אַז איינער הערט אַ פרעהליכען ניגון און דינט גאָט מיט שמחה, אָדער ער הערט אַן אומעטיגען ניגון און דינט גאָט מיט אַ צובראָכען הארץ האָט דער ניגון איין עליה, האָטש דער מנגן איז גאָרנישט קיין אָדם הגון“.

„די גאַנצע לעבעדיגקייט, וואָס די קדושה טראָגט אַריין, איז נאָר דורך נגינה“.

„יעדער יוד האָט אַ חלק לעולם הבא און די גאַנצע פרייד וואָס עס וועט דערוועקט ווערען לעתיד לבוא איז אַלץ דורך ניגון און דורך שיר“.

„פאַרהאַן אַ ניגון פון דרך הטבע: די הימלען דערצעהלען גאָטס כבוד — לעתיד לבוא וועט אָבער די טבע אינגאַנצען בטל ווערען — און דאַן וועט זיך הערען דער ניגון פון אָפּענער השגחה און פון וואונדער. דער קול פון יענעם ניגון בעלעבט דעם גן עדן, בעשאַפט אַלע גן־עדן־ריהות, שפּייזט די היילינגע נשמות און איז בחינת משיח".

„פאַרהאַן דריי קולות: אַ קול, אַ ווידער־קול, און אַ קול וואָס ווערט פון ביידע קולות צוזאַמען, אַט ווי אַ שטייגער אַ קול וואָס געהט אַרויס פון אַן אייגענער כלי: דער קול בעגעגענט זיין ווידער־קול און פון דער הרכבה ווערט אַן אַנדער קול. אַט פון די דריי איינפאַכע קולות בילדען זיך דורך פערשיעדענע הרכבות און צירופים די שענסטע און די עדעלסטע טענער וואָס די מוזיק לערענט אונז. די דריי קולות זענען אין זייער טיעפסטען איינציגען מהות: חסד און זיין הפך־דין — און די הרכבה פון זיי: רחמים".

„דאָס גאַנצע הוות פון דער וועלט איז דורך די קולות און דבורים פון גאָט ברוך הוא; און אַלע היילינגע קולות און דבורים פון מענשען גיסען זיך צונויף מיט די געטליכע קולות".

„דער בעש"ט פלעגט הערען דבורים פון אַ פידעל. פון די טענער פלעגט ער מאַכען דבורים".

IV

„דער עיקר הוות פון דער וועלט איז די בענקשאַפט, דאָס היילינגע בעגעהרען (כסופין דקדושה)".

„ביי גאָט ברוך הוא איז טייער די קלענסטע תנועה פונ'ם מענשען, יעדעס ריהר וואָס דער מענש ריהרט זיך פון שלעכטען צום גוטען".

„דאָס גאַנצע לעבען פונ'ם מענשען איז נישט מעהר ווי אַ נסיון".

„גאָט שיקט צו דעם מענשען בכיוון אַלערליי מניעות און שטערונגען, בכדי דער מענש זאָל זיי מנצח זיין און זאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערען".

„אונזער וועלטיל דאָס איז אַנ'אָרט, וואו הין אַלע ברואים ווערען

געשיקט, אַז זיי זאָלען די וועלט הורכגעהן, דורכליידען, געפּריבט ווערען, געלייטערט ווערען. יעדער רגע שיקט מען צו דעם מענשען אַלץ נייע און נייע שטערונגען".

„דער מענש דאַרף שרייען צו גאָט אַט ווי ער וואָלט הענגען אויף אַ הויט השערה, און אונטער איהם איז דער טיפער ים, און אַ שטורם־ווינד טראָגט ביזן הימעל — — — —

אין גרויס סכנה איז דער מענש אויף דער וועלט. יעדער ווייסט דאָס פון זיך זעלבסט".

„דער עסק פון עלענדען מענשען אויף דער וועלט איז זעהר, זעהר טיעף".

„וואו דו שטעהסט און וואו דו געהסט, אין יעדער צייט און יעדען אָרט, ווען דו דערמאָנסט זיך אָן גאָט קאָנסטו זיך אַ קעהר טהון צו איהם. ער איז אומעטום און אַלע מאָל נאָהנט".

„אַז אַ מענש גיסט אויס זיין ביטער האַרץ פאַר גאָט און דער־צעהלט איהם זיין צער שטעלט זיך איהם די שכינה אַנטקעגען און דערצעהלט איהם איהר צער און זי טרייסט איהם אַז זי וועט זוכען מיטלען ווי אַזוי צו מתקן זיין אַלע פגמים".

„אַז דו זיפצט בענקענדיג נאָך היילינקייט (אנחה הקדושה) ווערט דיין גייסט פרישער, געזינטער און ווערסט ניצל פון עצבות".

„דורך דעם זיפץ ווערט דער מענש גאָר אַ נייע בריאה, סיי אין גוף סיי אין נפש".

„אפילו אין דער קדושה זעלבסט געהט מען דורך דעם זיפץ פון אַ נידריגער מדרגה צו אַ העכערער".

„דיין דופק קלאַפּט און דערמאָהנט דיך יעדע רגע אָן גאָט. קול דודי דופק.."

„דאָס גאַנצע געטליכקייט איז אין האַרצען און דעריבער אויב דיין האַרץ איז ריין דאַרפסטו נאָר הערען וואָס דיין האַרץ זאָגט דיר, דען דאָס וואָס דיין האַרץ זאָגט דיר זאָגט עס גאָט".

„ביי דיר אין האַרצען איז די גאַנצע עולם הבא און אַלע ש"י עולמות, וואָס גאָט וועט געבען יעדען צדיק.

איינעמס האַרץ האַלט אויף אַלע עולמות; דער צווייטער זיצט דערביי און בעמערקט עס גאָר ניט".

„כי אני ידעתי כי גדול ד' — איך אין נאָר איך, דען דאָס וואָס איינער ווייס פון גאָטס גרויסקייט ווייסט נישט דער אַנדערער.

יעדער מענש האט אַבעזונדער ערקענטניס, און יעדער מענשען שיינט אַריין אַנ'אַנדער אור. אפילו אין איין מענשען גופא שיינט אַריין יעדער טאָג אַנ'אַנדער אור. דאָס וואָס איך ערקען היינט איז עס מיר נעכטען פרעמד געווען. יעדען טאָג דערקען איך גאָט פון ס'ניי".

V

פערשטעהן און פיהלען דאָס אַלץ קאָן אַמענש נאָר דאַן, ווען ער ווייסט זעהר גוט די וועלט און דאָס לעבען, ווען ער פערשטעהט און פיהלט, ווי אונגליקליך ער איז אין זיין אַלטעגליכען לעבען, אין זיין אייביגער לויפעניש און יאָגעניש.

צו גאָט קאָן מען קומען נאָר פון יאוש. מען רופט איהם באמת נאָר דאַן, ווען מען איז זיך מיאש פון דער וועלט, ווען מען פערשטעהט די טבע פון אַלערליי ליידענשאַפטען, פון אַלערליי שטרעבונגען.

און ביי איהם, ביי גאָט, איז שוין קיין יאוש גאָר נישטאָ. צו איהם קאָנסטו קומען מיט דיין שווערסטערן געמיט, מיט דיין טיעפסטען טרויער.

ווען דו קוממסט צו איהם ביזטו אַגוטער אורח און וואָס דו ברענגסט מיט זיך קאָן ער אַלץ סובל זיין. ער קאָן דיך פון אַלע צרות טרייסטען; ער קאָן דיך פון אַלע זינד ריין מאַכען.

נאָר ווייסען דאַרפסטו, אַז ניט דו אייגער אַליין ביזט עלענד און אונגליקליך, קליין און אונריין, נאָר אַלע מענשען פון דער וועלט, וועמען דו זעהסט, וועמען דו קענסט, אויך וועמען דו זעהסט ניט און קענסט ניט.

דען אַלע מיינען אין דער וועלט גליקליך צו זיין און זיי פערשטעהען נישט, אַז די וועלט קאָן קיין גליק נישט געבען, ווייל אַלעס וואָס אין דער וועלט איז פערהאַן, פיהרט נאָר צו ליידען, צו אייביגע שמערצען.

„מען זאָגט, אַז עס איז דאָ עולם הזה און עולם הבא. נו. אין עולם הבא גלויבען מיר, אַז זי איז ערגיץ וואו פאַרהאַן, דאַרפען מיר אפנים גלויבען אַז „עולם הזה" איז אויך ערגיץ

וואו פאַרהאַן, דען דאָ וואו מיר לעבען איז לויטער גיהנם...

מען מיינט, אַז אין דער וועלט איז דאָ פאַרגניגען און ליידען. דאָס איז אַ גרויסער טעות. באמת איז אין דער וועלט מעהר נישטאָ ווי ליידען און געוויסע רגעים ווען מען ליידט נישט. דאָס וואָס מען רופט אָן „פאַרגניגען“ איז ניט עטוואָס פּאָזיטיוועס, עטוואָס וואָס עקזיסטירט אַן און פאַר זיך, נאָר אַ געוויסער צושטאַנד, ווען איניגע וואונשען ווערען ערפילט, דאָס הייסט, ווען מען הערט אויף אַ ווײַלע צו ליידען.

„אַלע קולות פון דער וועלט קומען נאָר פון חסרונות. יעדער־ער קלאָגט זיך אויף עפּעס אַ חסרון, דעם פעהלט דאָס, דעם צווייטען יענס, און אַפילו די קולות פון שמחה קומען אויך נאָר פון חסרונות, ווײַל עס זענען ערפילט געוואָרען געוויסע חסרונות...“

עס טרעפט אַמאָל איינער זיצט אין אַ געזעלשאַפט, פערמאַכט זיין פויסט און קומט צו צו יעדערען און זאָגט צו איהם: טרעף וואָס איז בײַ מיר? דער זאָגט דאָס, דער זאָגט יענץ, אַז ער געהט אַרום די גאַנצע געזעלשאַפט און הערט אויס אַלעמענס טרעפעניש עפענט ער אויף דעם פויסט און ווייזט אַז ער איז פּוסט. אַזוי טהוט אויך דער יצר הרע. ער נאַרט די גאַנצע וועלט. יעדערען דוכט זיך, אַז עס איז פאַרהאַן עפּעס, אַז די וועלט קאָן איהם עפּעס געבען. דער יצר הרע האָט אָבער אַ לעדיגען פויסט: אין איהם איז גאָר נישטאָ.

„עס יאָגט זיך, און עס לויפט דער מענש. ער יאָגט זיך נאָך פרנסה, ער יאָגט זיך נאָך אַנדערע זאַכען, ער יאָגט און יאָגט און קאָן גאָרנישט האַפּען. זײַנע זינד נאַרען איהם, נאָך זײַנע זינד יאָגט ער זיך. עס איז שוין אָבער אפשר צײַט צו בערוהיגען זיך...“

„אַלע קינדער פון דער וועלט לעבען אָב די יאָהרען אין יסורים און אַלערליי אונגליקען. אפילו די גרעסטע גבירים און די גרעסטע שרים, אַז דו וועסט דיך גוט צוקוקען צו זייער לעבען, וועסטו זעהן וויפיעל צרות זיי האָבען, וויפיעל טרדות און דאגות, אַלערליי קרענק, אַלערליי וועהטאָגען, שטענדיג זענען זיי אין צאָרן און אין טרויער“.

נאָר פיעל גרעסער און טיעפער זענען די גײַסטיגע ליידען, די אינערליכע שמערצען, די אײַביגע אונצופריעדענהײַט מיט דער וועלט, מיט דאָס לעבען, מיט זיך זעלבסט —

און וואָס דו ביסט גײַסטרייכער, וואָס דו בענעהמסט און פער־

שטעהסט אַלץ טיעפער דאָס לעבען, וואָס גרעסער און שטאַרקער, שענער און אידעלער דו ביזט, האָסטו אַלץ גרעסערע יסורים.

יעדער מענש נאָך זיין נשמה נאָך אַזעלכע יסורים האָט ער. איינער האָט יסורים פון עלטערן, פון זיינע קינדער, פון זיין משפחה, דער צווייטער איז גרעסער פון איהם האָט ער יסורים פון זיינע שכנים, דער דריטער איז נאָך גרעסער האָט ער יסורים פון דער גאַנצער שטאָדט, פאַרהאַן אָבער דער וואָס איז גאָר גרוים, יענער האָט יסורים פון גאָר דער וועלט".

און נאָך מער: די איבעריגע אנגערליכע מלחמות, וואָס קומען פאָר אין דער מענשהייט און די איבעריגע מלחמה, וואָס דער מענש האָט אין זיך זעלבסט:

„די גאַנצע וועלט איז פיל מיט מחלוקות: איין אומה מיט דער צווייטער, אַ שטאָדט מיט דער צווייטער, אַ משפחה מיט אַ משפחה, אַ שכן מיט אַ שכן, קריעג צווישען פאָר פאָלק, אין געזינדעל, צווישען נאָהנטע פריינד, די מהות פון די מחלוקות איז איינע ווען צוויי מענשען קריעגען זיך, און ווען צוויי פעלקער קריעגען זיך. מען קריעגט זיך אוים פערשיעדענסטע ליידענשאַפטען, מען קריעגט זיך ווייל די איינע קאָנען ניט סובל זיין די כאַראַקטערען און מדות פון די צווייטע. ווען איינער וויל אפילו רוהיג זיצען לאָזט מען איהם ניט, מען האַפּט אריין מיט געוואַלד אין קריעג, אָט אַ שטייגער ווי אַז צוויי פעלקער האַלטען מלחמה און דאָס דריטע פאָלק מוז זיך פערטהיידיגען און ווערט ניט ווילענדיג אריין געצויגען אין קריעג...

ווען איינער אַנטלויפט פון אַלעמען און איז נאָר מיט זיך זעלבסט, קומט איהם אויך אוים אויסצושטעהן אָט די גאַנצע מחלוקת, דען אין איהם זעלבסט הערען ניט אויף צו קריעגען זיך די פערשיעדענסטע געגענזייטיגע ליידענשאַפטען און די פערשיעדענסטע געגענזייטיגסטע מדות, דען דער מענש איז דאָך אַן עולם קטן און אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט קומט אין איהם זעלבסט אויך פאָר.

און פערשטעהט זיך, אַז די לעצטע מחלוקת איז פיעל געפעהרליכער פון דער ערשטער, דען דער איין עלענדער מענשעלע אין זיין איינזאַמקייט דאַרף איבער ליידען דאָס, וואָס עס ליידט איבער אַ גאַנצע וועלט".

די אינערליכע מלחמה איז אַמאָל אַזוי גרוים אַז זי קאָן דעם מענשען צו שגעון ברענגען".

VI

פֿאַרהאַן נאָר אײן אָרט וואו מען קאָן אָפּרוהען פֿון אַלע לײדענשאַפֿטען און אַלע דאגות און זינד, דאָס איז בײם גרעסטען צדיק פֿון דור, װעלכער איז אַלײן הורכגעגאַנגען, האָט אַלײן ערקענט און װײס, װי צו בערוהיגען יעדערען בעזונדער, װאָס פֿאַר אַן־עצות צו געבען יעדערען נאָך זײן נשמה נאָך, נאָך זײן כאַראַקטער נאָך. נאָך זײנע אײגענשאַפֿטען און געװאָהנהײטען.

ניט אַלע נשמות זענען גלײך, ניט אַלעמענס לעבען איז גלײך און ניט אַלעמען איז גוט אײן רפואה.

דער צדיק הדור װײס װאָס פֿאַר אַ רפואה צו געבען יעדערען בעזונדער, מיט װאָסערע מיטלען צו הײלען, װי אַזױ צו בערוהיגען און צו בעפֿריעדיגען.

אַז דו אַנטלױפֿסט פֿונ׳ם װעלט־טומעל און קומסט צום צדיק הדור אָטהעמסט דו די רײנסטע און שטילסטע לופֿט.

דאָרטען בײ איהם זענען ניטאָ קײן מחלוקת, קײן װעלט־תאוות, קײן שנאה, קײן קנאה, קײן פּירוד. דאָרטען איז די רײנע ליעבע, די ליעבע צו אַלעמען גלײך, גרױס און קלײן שען און מאוס.

דער צדיק הדור איז קײנעם נישט מרחיק, אפֿילו דעם װאָס זינקט אין אַלע מ״ט שערי טומאה —

אדרבא: דעם נידריגסטען און אונרײנסטען איז ער נאָך מעהר מקרב, װערט צו איהם פֿיעל װײכער, מיט מעהר צאַרטקײט, מיט מעהר רחמנות.

צום צדיק רעדט ער אַמאָל האַרטע רײד: װאָס מאַכסטו זיך אַזױ גרױס? װאָס איז מיט דיר אַזױ דער יחוס? װאָס האָסטו געזעהן? װאָס װײסטו?

אַז עס קומט צו איהם דער גרעסטער רשע רעדט ער מיט איהם גאָר אַנדערע דבורים: װאָס פֿאַלסטו בײ זיך אַזױ אַראָפּ? דו ביזט דאָך גאָטס אַ קינד. ער װאַרט דאָך אַלע טאָג אויף דײן תשובה...

און אַזױ רעדט דער צדיק הדור מיט יעדער מענשען אַנדערש, מיט אַנדערע דבורים, מיט אַן־אַנדער שטימע.

און ער גיעט זײנע רפואות טראָפּענסװײז, טראָפּענסװײז, פֿון טאָג צו טאָג, פֿון צײט צו צײט ערלעזט ער דעם מענשען.

און אַזוי גערט אַוועק דער מענש פֿונם וועלט־טומעל, ווערט נאָהנט צו גאָט, און האָט בײַ איהם, בײַ גאָט, די אמת'ע שמחה, דעם אמת'ען תענוג, וואָס די וועלט האָט עס ניט.

„דער אמת'ער צדיק ווייס און קען יעדערען מענשען, זײַן אָנהויב און זײַן סוף, אַלץ וואָס ער האָט געטהון און וואָס ער וועט טהון".

„אַז דער צדיק רעדט מיט אַ מענשען דערקענט ער פֿון מענשענ'ס דיבור וואָס פֿאַר אַ נשמה בײַ איהם איז".

„אַז מען איז זיך מתקרב צום צדיק הדור פֿערזוכט מען דעם טעם פֿון גן עדן, דען דער צדיק איז דער גערטנער פֿון גן עדן".

„די וואָס זענען נאָהנט צו איהם דאַרפֿען איהם נאָר ציגעל און שטיינער ברענגען; ער בויט שוין אַליין פֿון זיי די העכסטע און די שענסטע פּאַלאַצען".

„דער צדיק קוקט מיט גאָטס אויגען דערפֿאַר זעהט ער אַלץ און ווייס אַלץ".

„די וועגען און די שטעגען בענקען: ווען וועט מען שוין געהן דורך זיי צום צדיק האמת!"

„אַז דער צדיק האָט אַ צער קלאָגען זעהר פֿיעל נשמות אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און אַז איהם ווערט גרינגער ווערט אַ שמחה אין אַלע עולמות".

„אין דעם דור וואָס אין איהם איז ניטאָ אַזאַ צדיק זענען אַלע מענשען ווי יתומים, זיי בלאָנזשען אַרום עלענד, ווייסען ניט וואָס צו טהון, און דעם רחמנות אויף זיי איז ניט אַריבער צו טראָגען".

VII

מענשען זעהן און ווייסען ניט וואָס זיי זעהן, הערען און ווייסען ניט וואָס זיי הערען...

די וועלט איז פֿול סודות — דו ווייסט זיי ניט; די וועלט איז פֿול וואונדער — דו זעהסט זיי ניט.

„גאָט איז גרויס — מען ווייס גאָר ניט; עס טהוען זיך אויף דער וועלט זאַכען — מען ווייס גאָר ניט".

דו זעהסט ניט. ווײַל דײַנע אויגען זענען פֿערדעקט, פֿערשטעלט.

עס געדענקט אַמאָל פֿאַר דיר אַ מענטש, דוכט זיך: אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, אַ בשר ודם. מער זעסטו ניט, מער פֿילסטו ניט — ווּאָלסטו אָבער האָבן אַנדערע אויגן וואָלסטו עפּעס אַנדערש געזען, פֿאַר דיר איז אַ צדיק 1) דורכגעגאַנגען. און ווייסטו וואָס אַ צדיק איז? — אַן אַנדער בריה, איין אַנדער מהות.

אויסערליך — אַזאַ מענטש ווי דו, אינערליך — גאָר פֿון אַנדערע, אַנדערע וועלטן.

און דו זאָגסט: דער צדיק האָט אַ העכערע נשמה פֿון מיר...

ביזט זיך טועה, ברודער. דער צדיק איז אין גאַנצן איין אַנדערער, איין אַנדער גוף, איין אַנדער ווילן, איין אַנדער פֿילן, אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע חלומות, אַנדערע האָפֿנונגען, איין אַנדער גלויבן.

אַ מענטש! דו דאַרפֿסט זיך לערנען זען, דו דאַרפֿסט דיך געוואָהנען אַריינקוקען אין דער טיעפֿעניש, דו דאַרפֿסט אַנדערע אויגען האָבן.

דו ביזט געוואָהנט צו זען אַלעס גלייך, פֿלאַך, איינפֿאַך, וואָכעדיג — ניין! די וועלט איז אומגעהויער טיעפֿער, געשעהענישן — לאַין איך טיעפֿער.

אַרום יעדען איינפֿאַכען מהות, שוועבט נאָך אַ מהות, אַ העכערער, אַ טיעפֿערער, אַן אייביגערער, אַ רוחניותדיגער. —

און וועסטו אַריינקוקען אין יענעם מהות, וועסטו שוין גלייך קענען אונטערשיידען אַלע מדרגות, וועסטו שוין פֿערשטעהן. וואו לאָזט זיך אויס די וואָך און וואו הויבט זיך אָן דער יום טוב, וואו לאָזט זיך אויס דער אַלטאָגס מענטש און וואו הויבט זיך אָן דער שעפֿער, דער טרוימער, דער צדיק.

אָט זעהסטו פֿערשיעדענע ערטער. ארץ ישראל — דוכט זיך אַ לאַנד ווי אַלע לענדער, די זעלבע הייזער, די זעלבע הויפֿען — עס שוועבט אָבער דאָרטען איין אַנדער קדושה, איין אַנדער נשמה, עס רוהט דאָרט די שכינה.

די יודען — פֿערטריבען, דאָס לאַנד — חרוב ומחרב. די שכינה וואַנדעלט מיט איהר פֿאָלק אַרום, זי ווערט אָבער אָפֿט געוואָהר איהר אַלטען וואָהנונג, זי קלאָגט מיט איהרע קינדער אויף איהר חרובֿ־הויז, זי וועקט די ישני עפר, זי איז מעורר רחמים, זי טרוימט וועגען אַ נייעם הויז, נייע יודען, נייע מענשען, נייע הימלען, אַ נייע ערד.

אין דער וועלט — ארץ ישראל; צווישען מענשען — דער צדיק, הגם זיך אַ מענש ווי אַלע מענשען, דאָך אַבער איין אַנדערער. עס האָט אין איהם דער איבּיגער טרויער, עס האָט אין איהם די איבּיגע פרייד. עס האָט אין איהם די וועלט־חכמה, די וועלט־שענהייט, די שכינה, גאָט.

„אָט זעהסטו: די זון איז פיעל טויזענד מאָל גרעסער פון דער ערד, און זי שיינט אַלע מאָל גלייך, זומער, ווינטער, טאָג, נאַכט, — פאַרוואָס זעהסטו ניט שטענדיג דאָס ליכט? פאַרוואָס פינסטערט זיך פיעל מאָל אין חושך אין קעלט? — ווייל די ערד פערשטעלט, ווייל דו לעבּסט אויף דער ערד, ווייל דו ביזט נאָהנט צו דער ערד. די מניעה איז ניט פון דער זון, נאָר פון דער ערד'

„דאָס ליכט פון צדיק איז העל און פראַכטיג, גרויס און מעכטיג אַלע מאָל, נאָר דו, מענש, ווייל דו ביזט אין עולם הזה אַריין געטהון, זעהסט עס ניט..."

„לעג אַרויף אַ קליין מטבע אויפ'ן אויג, וועט עס דיר די גרויסע זון פערשטעלען. קליינינקייטען, קליינינקייטען, פערשטעלען די ליכט פון דער תורה, דאָס ליכט פון די צדיקים וועלכעס שיינט אין רבוא רבבות וועלטען".

„דער בעש"ט פלעגט קלאָגען: וועה, וועה, די וועלט איז פול אורות און וואונדערבּאַרע שרעקליכע סודות, נאָר אַ קליין הענטעל פערדעקט די אויגען און לאָזט ניט זעהן..."

VIII

דער מענש וואָלט אַלץ זעהן, נאָר דריי זאַכען פערשטעלען דאָס גרויסע ליכט: תאוות, געוואָהנהייטען, דער קליינער שכל (אפיקורסות).

צו ערשט — תאוות.

מיט ווילדע תאוות דאַרף מען קעמפפען ניט ווי אַלע מיינען, מיט שווערגעמיט, מיט צובּראָכענקייט, מיט מרה שחורה, נאָר, פערקעהרט, מיט שמחה, מיט גרויס שמחה, מיט אונגעהויער שמחה. דאָס ניט קענען בּעקעמפפען די תאוות נעמט זיך פון שווערג־

קײט. דער גוף איז שווער, גראָב, מיאוס. וואָס זשע דאַרף מען טהון? מען דאַרף אָן גאָט דעם פאָטער, דעם רבונו של עולם, זיך דערמאָנען. זײן חסד איז גרויס אָהן א שיעור אין אָהן א ברעג, זײן חסד פערשפרייט זיך אין אונענדליכע וועלטען, זײן חסד איז אין דער קלענסטער בריה, גיעט מוט. ערהויבט, שאַפט פליגלען.

די שווערסטע לײדענשאַפטען זענען, מײסטענס, שטאַרק מיט דעם, וואָס דער מענש גלויבט אין זײער מאַכט, מיט דעם, וואָס דער מענש רעכענט אַז קײן שטאַרקערע קראַפט פון זײ איז ניטאָ, מיט דעם, וואָס דער מענש גיט זיך גלײך אונטער. ער האָפט ניט אויף עטוואָס שענערס, ער גלויבט ניט, ער איז פול מרה שחורה.

דערצו קען נאָר דער צדיק העלפען. ער טראָגט אַריבער דעם מענשען אין העכערע וועלטען. דער מענש פיהלט זיך פרײ, געפליגעלט, פול גײסטיגער קראַפט. אַלץ וואָס איז פריהער געווען אונמעגליך ווערט נאָכהער — מעגליך.

און אַז דער מענש לײדט פון פרויען-שענהײט און ער זינקט אין טיעפסטער מרה שחורה אַרײן, ווײזט איהם דער צדיק פיעל העכערע שענהײט, אונענדליכע שענהײט, אײביגע שענהײט, געטליכע. „דער וואָס איז אײן אמת'ער צדיק האָט קײן מורא ניט פאַר קײן פרוי און פאַר קײן מלאך...“

ס'איז קײן קונץ ניט פרעהליך צו זײן בשעת מען פיהלט זיך פרײ, ערהאָבען, — פרעהליך דאַרף מען אַלע מאָל זײן, אין דער שווערסטער צײט, אַז מען פיהלט זיך ניעדעריג דערשלאָגען.

„ווען מען ליגט נאָר אין בלאָטע שרײט מען, און מען שרײט און מען שרײט“.

גאָט הערט אַלע מאָל, אַלע מאָל איז ער אַרום דיר, האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקען, וואָס אַראָבצופאַלען בײ זיך.

אַלע מאָל איז דיר גאָט א פאָטער, אַלע מאָל ביזטו גאָטס א קינד. א גוט-קינד, א שלעכט-קינד, א מיאוס-קינד — אַלץ א קינד.

„אַלע חסרונות וואָס דער מענש האָט אין זיך, סײ אין גשמיות סײ אין רוחניות, האָבען אײן אָרט אויך אין דער שכינה כביכול. שרעקסטו זיך, ווערסטו נשתומם פון דעם געדאַנק, וואָס דו האָסט געשאַפען אַזוי פיעל לײדען, אי אינטען אי אויבען, דאַרפסטו אָבער צוריק א טראַכט טהון: ווער בין איך? וואָס איז מײן לעבען? ווי קומט

זיך צו אָט דעם גרויסען כבוד, אַז אַליין דער מלך פון דער וועלט דערצעהלט מיר די פעהלערען זיינע? און דיינע מוחין וועלען בענייט ווערען, די שמחה וועט זיך צו דיר ווידערקעהרען

און אַז דו קענסט די מרה שחורה אין שמחה אומקעהרען — שאַפסטו וועהר אַ גרויסע זאַך. דו מאַכסט רייך די שמחה, מאַכסט זי פיעל טיעפער, ערנסטער, שענער, וויל אין איהר געהט אריין דער עלעמענט פון טרויער...

וויסטו ווי דאָס איז?

„אָט ווי אַ שטייגער מענשען געהן אַ פרעהליך־טאַנץ. דעבײַ בע־מערקען זיי ווי איינער שטעהט פערטראַכט, פערטרויערט. וואָס זשע טהוען די פרעהליכע יונגען? האַפּען זיי דעם מרה־שחורהניק מיט געוואַלד אין רינגעל־טאַנץ אריין..."

דער כלל איז: דו דאַרפסט אַלע מאָל פרעהליך זיין ווי דיר זאָל ניט געהן, וואָס דיר זאָל זיך ניט טרעפען. קיין יתום ביזטו קיינמאָל נישט. דיין פאָטער לעבט אייביג.

„שרעק דיך ניט, מיין ליעב קינד, גאָט איז מיט דיר, אַרום דיר, נעבען דיר, — קיין יאוש איז גאָר ניט פאַרהאַנען".

דו מוזט שטענדיג איבערווינדען אין זיך דאָס שווערע, דאָס פוילע, די צובראָכענקייט, די אַלטקייט.

„אַלט טאָר מען ניט זיין!"

אַלע מאָל דאַרף דיין נשמה יונג זיין, אָנהויבען אַלע מאָל פון ס'ניי, ווייטער געגאַנגען, ווייטער געזוכט.

„ניט געקלאָגט, ניט געדאַגה'ט, נאָר געטאַנצט, נאָר געשפרונגען, און טאַקי: האָפּ!...

לעבסטו שטענדיג אין איין גייסטיג־פרעהליכער אַטמאָספערע, געניעסטו די שענע ריינע הייטערקייט, לעבסטו אין שטענדיגער נאָהנטקייט צו דער גאָטהייט, צו דער שכינה, וועסטו קענען איבערווינדען אַלע שווערע תאוות, אַלץ וואָס אין דיר איז מאוס, גראָב, געמיין. דו וועסט איבערווינדען אין זיך אפילו די שטאַרקסטע געשלעכטס־תאוות ווען זיי ערנידעריגען דיך, ומכל שכן אַז דו וועסט איבערווינדען די תאוה צו געלד און אַנדערע תאוות.

לעבסטו אין אַ הויכער ריינער אַטמאָספערע קענסטו פשוט ניט איבערטראָגען דעם ריח פון געלד.

„פאַרהאַן אַזעלכע מאכלים, וואָס ווען מען איז זוכה צו גע־

ניסען פון זיי ווארפט מען תכף אַוועק די תאוה פון געלד. מען דערפילט דעם שלעכטען ריח פון געלד און מען שעמט זיך מיט איהם. דאָס געלד — די גרעסטע חרפה, די גרעסטע בושה. די אָרימע לייט שעמען זיך, ווייל זיי האָבען זיך אַמאָל קליין געהאַלטען איבער גאָר נישט. זיי ערקענען, אַז אַ שאַנדע איז גאָר — צו האָבען געלד. די גבירים האָבען ניט וואו אַהין צו טהון זיך פון גרויס בושה, זיי קענען איינער דעם צווייטען אין פנים ניט קוקען. דורך דר ערד וואָלטען זיי דורכ-געפאַלען פון שאַהם. די גאָלדענע געטער געהען צום גרונד, אין היילען און ריסטען שלייערט מען זיי".

IX

פאַרהאַן שטאַרקע שווערע תאוות. דאָס גאַנצע לעבען קומט דעם מענשען אויס צו קעמפפען מיט זיי. געגען זיי איז דאָ נאָר איין מיטעל: אַ קראַפט געגען אַ קראַפט.

געגען חושך — ליכט. דאָס ליכטיגע גלויבען, פרעהליכקייט, הייטערקייט; דאָס טיעפע, טיעפע נאָכדענקען איבער דאָס לעבען און דעם זין פונים לעבען.

פאַרהאַן אָבער פיעל איידעלערע תאוות, פערוויקעלטע, פער-שענערטע, פערפוצטע. ניט אַזוי גרינג איז צו ערקענען זייער מהות, און ניט מיט איינע מיטלען קען מען זיי ערקעמפפען.

נאָך מעהר: פיעל מאָל מוז מען האָבען אָט די לעצטע תאוות. זיי פיהרען אַליך העכער און העכער, זיי העלפען דעם מענשען שטייגען אין די הויכע עולמות אַריין.

מען מוז איהם אַליין האָבען, טאַקי דעם יצר הרע...

אין אַליך איז דאָ יצר הרע. אין דאָס העכסטע, אין דאָס שענס-טע, אין דאָס הייליגסטע.

„אפילו אין דעם ברען, אין דעם חשק צו געהן אַליך נעהנטער צו גאָט איז אויך דאָ אַ יצר הרע..."

עטוואָס עהנליכעס האָבען יודען פאַר מתן תורה איבערגעלעבט, און גאָט וואָרט האָט געמוזט פערזאָגען „פן יהרסו לעלות אל ה'"...

„פאַראַן אַלערליי בחינות אין יצר הרע. פאַראַן מענשען ניעדריגע, מגושם׳דיגע — זייער יצר הרע איז ניעדריג און מגושם׳דיג ווי זיי, פאַראַן אָבער מענשען ביי וועלכע עס איז דאָ גאָר איין אַ נ ד ע ר יצר הרע. י ע נ ע ר יצר הרע איז אַ הייליגער מלאך און מיט איהם מוז מען זיך גאָר אַנדערש בעגעהן״.

דער ערשטער יצר הרע איז — בלוט און פלייש; דער צווייטער — דער אייביגער פייער, דער אונגעהויער בעגעהר, דאָס אומענדליכע בענקען.

ד ע ר יצר הרע — דרינגט אַריין אין די טיעפסטע שרשים פון דער נאַטור, אין די ערשטע, טיעפסטע, רייכסטע קוועלען, ווייט ווייט ביז אין גאָטהייט אַריין.

„אפילו למעלה, כביכול, איז אויך דאָ די בחינה פון יצר הרע...״

און ווייל דאָס איז אַזוי טיעף, ווייל דאָס איז אַזוי שטאַרק — מוז מען נאָך מעהר קרעפטען אָנווענדען אויף צו געבען עס אַ גוטע ריכטונג.

ו ו י י ל די מאַטעריע איז אַזא איידעלע, ו ו י י ל עס איז גרינג דאָ צו געשטרויכעלט ווערען און צו פאַלען, מוז מען זיך זעהר שטאַרק היטען.

עס מוז זיך געפינען איינער וואָס האָט אַלץ אויסגעפרובט, אַלץ דורכגעליטען, ער קען פערהיטען, ער קען בעוואָרענען.

דאָ מוז קומען דער צ ד י ק. ער מוז שטענדיג דעם ריכטיגען וועג ווייזען.

ניט אַלע קענען לערנען, ניט אַלע קענען שטראָפען, פיעל, פיעל זענען דאָ וואָס מאַכען קאַליע מיט זייער לערנען, מיט זייער שטראָפען.

„ווען דער מוכיח איז ניט ראוי, אַז ער זאָל שטראָפען, איז לא די וואָס ער פערריכט גאָרנישט מיט זיין שטראָפען, נאָר אדרבא, ער פערדאַרבט נאָך די נשמות פון זיינע הערער, אָט ווי אַ שטיינער, אַז עס ליגט אַ זאַך וואָס האָט אַ שלעכטען גערוך; כל זמן דאָס ליגט ערגעץ וואו אין ווינקעל הערט מען עס ניט, ווי מען הויבט עס אָן פון אָרט ריהרען קען מען פון שלעכטען ריח ניט אויסהאַלטען. דער נאַרישער מוכיח מיט זיין שטראָף ר ו פ ט א ר ו י ס אַלע שלעכטע מעשים און אַלע שלעכטע מדות, וועלכע זענען ערגעץ וואו טיעף בעהאַלטען געווען...״

מען דאַרף וויסען פון חעמען צו לערנען, און דער לעהרער, דער שטראָפער, דאַרף וויסען ווי צו בעגעהן זיך אין יעדער פאַל.

מען דאַרף זיך זעהר שטאַרק היטען, ווען מען וויל דאָס בייזע אַרויסנעמען פון מענשען, מען זאָל אין דערוועלבער צייט ניט אַרויס־נעמען אויך דאָס גוטע...

עס איז זעהר גרינג אַ טעות צו האָבען. זעהר אָפט טרעפט עס, אַז מען חיל ביי איינעם די שלעכטע מדות טוידטען און מען טוידט אין דערזעלבער צייט זיין נשמה, זיין האַרץ, זיין מוח.

„מען נעמט אַמאָל וואַסער און מען שטעלט צו צום פייער. הויבט זיך רייניגען וואַסער. ווי עס הויבט אָן קאָכען, זידען, זעהט מען אַז אין איהר איז פיעל פסולת געווען, וואָס זשע טהוט מען? — מען נעמט ביסלעכווייז אַראָב די פסולת און דאָס וואַסער בלייבט קלאָר אויף איין אמת. איידער דער מענש קומט צום צדיק איז אין איהם דאָס גוטע און דאָס בייזע צונויפגעמישט אַזוי אַז עס דוכט זיך אַז אַלץ זיין איהם איז גוט. אַז ער קומט צום צדיק הויבט זיך אין איהם אָן אַלעס לייטערען. עס שוימט אַרויף דאָס בייזע, דאָס געמיינע. דאַרף מען, אַז איינער זאָל שטעהן דאַביי און זאָל אַראָבנעהמען יעדעס מאָל דאָס אונרייניגע, די פסולת. מען קען עס אפילו מיט אַמאָל אַראָבנעהמען, עס קען אָבער גרינג טרעפען, אַז מען זאָל מיט די פסולת אויך דעם מוח אַראָבנעהמען, דעריבער מוז מען פיעל וואַרטען ביז וואַנען עס ווערט אַלעס קלאָר...“

דער צדיק בענוצט קיין שאַרפע מיטלען, ער מאַכט קיינע אָפּעראַציעס: ער טהוט נאָר אַ קלייניגקייט: ער ווירקט מיט זיין מהות אויף דעם מהות פונ׳ם צווייטען.

ער קומט צום צווייטען ניט מיט קיין געוואַלד, ניט מיט קיין שטורם ער וויל גאָר נישט טוידטען, אויסרייסען, ער ווירקט נאָר אַזוי, אַז דעם צווייטענס מהות ווערט העכער, ריינער, פיינער, און קוים קומט עס פאָר אַזוי, געהט שוין ממילא דאָס געמיינע און דאָס נידעריגע אַרונטער...

מענשען מיינען אַז זיי קענען זיך העלפען ווען זיי וועלען פון זיך אָבשטויסען די שלעכטע געדאַנקען.

עלענדע! זיי פערשטעהען גענוג ניט די טבע אָט פון די אַלע שלעכטע געדאַנקען: וואָס דו שטופסט זיי אַלץ מעהר אָב פון זיך קריכען זיי אַלץ מעהר צו דיר אין קאָפּ אַריין, וואָס דו

קעמפפסט מיט זיי שטאַרקער, ווערען זיי אַליין שטאַרקער און שטאַר־
קער, דו פערפאָלגסט זיי און זיי פערפאָלגען דיך מיט מעהר קראַפט,
מיט מעהר וואוט.

זיי בעהערשען דיך מיט דעם שטאַרקסטען געוואַלט, עס העלפען
ניט דיינע יסורים, עס העלפען ניט דיינע מיטלען.

דאָס איז — אַ קאַמפף. אַזוי איז שוין די טבע פון אַ קאַמפף:
אַז איין צד שטרענגט אָן זיינע קרעפטען מוז דער צווייטער אויך זיינע
לעצטע קרעפטען אָנווענדען...

און אַזוי ווי דיינע שלעכטע געדאַנקען שטאַמען פון דיין טיעפען
מהות, פון דיין טבע — ווערען זיי אַלע מאָל שטאַרקער זיין פאַר
דיין שכל, פאַר דיין גוטסקייט, פאַר דיין פרומקייט.

און קוים רופסטו אַרויס אַ קאַמפף — זענען זיי דיך מנצח.

מיר זעהען דאָס אין פערשיעדענסטע אופנים, אין פערשיעדענסטע
דרכים.

„רשעים מלאים חרטות" — די רשעים זענען שטענדיג ניט
צופריעדען מיט זייער שלעכטס, און וואָס מעהר זיי זענען ניט
צופריעדען אַליין מעהר שלעכטס טהוען זיי: די „חרטות" רופען
אַרויס אַ געגענזייטיגען ווידערשטאַנד...

פאַלען איינעם אַריין שלעכטע מחשבות אין דאַווענען, וואָס
מעהר ער שטויסט זיי אָב פון זיך אַליין מעהר בעהערשען זיי איהם. ער
מאַכט זיך מיט געוואַלד אַ טבע: ניט צו טראַכטען. עס טראַכט
זיך אָבער ניט ווילענדיגערהייד...

איינער וויל אָבשטויסען פון זיך אַ שרעקליכען געדאַנק, אַ
שרעקליכע פאָרשטעלונג, אַ בילד, אַ ערינערונג — וואָס מעהר ער
שטויסט עס אָב פון זיך, בעהערשט איהם אַליין מעהר דער פחד.

איינער פערמאַכט די אויגען, ער וויל ניט זעהן עטוואָס זינ־
דיגעס אָדער עטוואָס שרעקליכעס. ער פערמאַכט דוכט זיך שטאַרק
די אויגען, און דאָך ועט ער זיך ניט קענען איינהאַלטען, ער
וועט מוזען אַ קוק טהון בגניבה אַהין, וואוהין מען טאָר ניט. ניט
איין לוטס ווייב האָט די טבע צו קוקען, וואוהין עס איז ניט ערלויבט
צו קוקען...

דער קאַמפף מוז אַלזאָ גאָר אַנדערש געפיהרט ווערען. דו דאַרפסט
מיט דיין פיינד אינגאַנצען שלום מאַכען: זאָל זיך טראַכטען וואָס עס
טראַכט זיך, זאָל זיך העלען וואָס עס ווילט זיך, מען דאַרף נאָר ביטלעב־

זײַן, בײַסלעכווײַז דעם גאַנצען אײגענעם מהות אומבײַטען, מען דאַרף זיך געוואָהנען אין העכערע עולמות לעבען, אָטהעמען די שטילע ריינע לופט, געפינען זיך אין געגענוואַרט פונ׳ם צדיק, הערען זײַן וועלט-נגינה, הערען זײַנע וועלט-מעשיות, זעהן פאַר זיך ריינע קלאָרע הימלען, געניסען — די אײביגקײַט.

דאָרטען אין די שטילע ריינע הימלען וועסטו פון שטורם אָפּרוהען. ער וועט ניט דערגעהן אַהין. ער האָט דאָרט קיין אָרט ניט.

דאָרטען הערשט די ריינע ליעבע דער הייליגסטער, שטילסטער געדאַנק, די הייליגסטע שטילסטע תפלה. מען הערט איינע די צווייטע, מען פיהלט איינע די צווייטע.

„זעה! בשעת דו רעדסט ריהרסטו די לופט-וועלען, די לופט-וועלען שטויסען איינע די צווייטע און זיי טראָגען דײַנע ווערטער צום הערער, דעריבער אַז די לופט איז ריין און קלאָר דערגעהט דײַן קול ווײַט, ווײַט, אָבער אין דער צײַט פון אַ שטורם-ווינד הערט מען ניט דײַן קול, ומכל שכן דײַנע ווערטער. בשעת עס איז דאָ ליעבע אויף דער וועלט, בשעת די וועלט-אַטמאָספערע איז שטיל און ריין, הערט איינער דעם צווייטענס ווערטער, מען פיהלט, מען פערשטעהט איינע די צווייטע, יעדער קול דערגעהט ווײַט, ווײַט. ווען עס שטאַרקט זיך אָבער די שנאה, ווען דער שטורם-ווינד צומישט אַלעס און פערטויבט אַלעס, ווערט אַ מיש-מאַש אויף דער וועלט, אפילו נאָהנטע פיהלען ניט און פערשטעהען ניט איינע די צווייטע, ומכל שכן ווײַטע“.

דער צדיק בראָגט אַרײַן ליעבע אין דער וועלט, און אפילו די ווײַטסטע, די פרעמדסטע הויבען אָן פערשטעהן און מיטהעלפען איינע די צווייטע. זײַן וואָרט טראָגט זיך אין וועלט-רוים, און עס וועקט און עס רופט אַלעמען.

„דאָס וואָרט ווירקט אַמאָל באַלד, אַמאָל ווירקט עס אין אַ צײַט אַרום: פאַרהאַן אַזעלכע סמים און רפואות וואָס ווירקען ערשט אין אַ צײַט אַרום“.

X

דעם ערשטען ווירט אינ׳ם מענשענס לעבען פערנעמען די תאוות דעם צווייטען — די געוואָהנהייטען.

די געוואָהנהייטען דערלאָזען אָפט מאָל ניט דעם מענשען זעהן דאָס, וואָס דאָס אויג האָט געדאַרפט זעהן.

בעזונדערס איז אַמאָל שרעקליך די ווירקונג פון די געוואָהנהייטען דערמיט, וואָס דער מענש ערקענט זיי ניט, ער ווייס גישט אַז זיי זענען נאָר געוואָהנהייטען.

פיעל מאָל זאָגט דער מענש: „איך זאָג אַזוי“ „איך טהו אַזוי“, „איך פיהל אַזוי“ „איך דענק אַזוי“ און באמת דענקט ניט דער „איך“ אַזוי, ניט זיין אייגען נאַטור רעדט אין איהם, ניט זיין אייגען נשמה, נאָר די מיינונגען פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט, די מיינונגען פון די מענשען מיט וועלכע ער האָט אינם משך פון זיין לעבען אַ מגע ומשא געהאַט, די מיינונגען פון זיינע נאָהנטסטע, אָט זיי, יענע מיינונגען, רעדען פון זיין „איך“...

פאַרהאַז אָבער מיינונגען און פאָרשטעלונגען, וואָס זייערע שרשים זענען טיעף אינערליך, זיי, אָט די לעצטע זענען טאַקי אַ חלק פון מענשענס לעבען, פון זיין גייסטיגער וועלט, און דאָך זענען זיי אויך ניט „איך“.

זיי זענען פיעל טיעפער פון די ערשטע, זיי שטאַמען אויך אָבער פון דער ירושה, וואָס אונז האָבען איבערגעלאָזען די פריהערדיגע דורות. די ירושה פון אונזערע עלטערען און עלטער-עלטערען; זיי זענען אין מיר, אין מיין בלוט און פלייש, אין מיין מוח און הארץ, און דאָך זענען זיי ניט „איך“

דען מיין טיעפסטעס וועזען שטעהט דאָך ניט נאָר איבעראַלע מיינונגען און פאָרשטעלונגען, גלויבענס און האָפנונגען פון מיין דור, נאָר אויך איבער אַלץ וואָס אין מיר איז טיעף איינגעוואָרצעלט דורך טויזענדער דורות.

דען מיין אמת'ער „איך“, אָט דער „איך“, וואָס ליידט און זוכט הילף, דער „איך“ וואָס זעהט דעם תהום פון פערניכטונג, און געניסט עטוואָס פון דער אייביגקייט, דער „איך“ וואָס בענקט און טרויערט און פרעהט זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָט — אָט דער „איך“ שטעהט איבער אַלץ און אַלעמען.

בכדי צו געפינען אָט יענעם „איך“ מוז מען שטענדיג ישוב הדעת האָבען, מען מוז זיך ערקענען, מען מוז וויסען אין זיך אַלע וועגען און אַלע שטעגען, אַלע נקודות און אַלע תגין, מען דאַרף שטענדיג ערקענען און וויסען, וואָס אין מיר איז מיינע און ניט מיינע.

פארהאן פיעלערליי חושך און פיעלערליי שקרים, וועלכע נעהמען זיך פון דער ערד און פון דער מדינה וואו דער מענש איז ערצויגען געווארען. דען האטש אפילו אין יעדער שטיק ערד און אין יעדער מדינה איז דאך פארהאן פיעל גוטעס, וואס דאס איז דאך די בחינה פון אמת, אבער די קליפה קומט פאר די פרי — את זה לעומת זה עשה אלהים — און דעריבער איז פארהאן פיעלערליי חושך, וואס פערפינסטערען דעם אמת אין יעדען ארט, נאך זיין בחינה נאך, פארהאן פיעלערליי חושך און שקרים וואס בעהעפטען זיך אין מענשען פון געבורט אן — הן בעון חוללתי — פארהאן פיעלערליי חושך און שקרים וואס זענען אין מענשען מצד זיין משפחה וועלכע האלטען זיך למשל פאר גרויסע מיוחסים וואס דער גאנצער כבוד פון דער וועלט קומט זיי, עס גיבען נאך פיעלערליי שטותים און בלבולים אזעלכע, און דער וואס וויל געהן אין דרך הקודש, יענער דארף אוועקגעהן, ארויסגעהן, אבקעהרען פון די אלערליי דרכים און ציהען זיך גאר צו דער נקודה פון אמת וואס איז איינגעווארצעלט אין איהם מצד דער נשמה זיינער, וועלכע איז א חלק אלוה ממעל".

„אחד היה אברהם — אברהם האט גאט געדיענט נאר דערפאר וואס ער איז איי נער געוועזן, ווייל ער האט אין דעה געהאט אז ער איז נאר איינער אין דער וועלט און האט גאר ניט געקוקט אויף די וואס האבען אבגעקעהרט פון גאט און שטערען איהם, דאס גלייכען ווער עס וויל אריינגעהן אין גאטס דיענסט קען ניט אריין אהן דער בחינה. ער מוז טראכטען, אז מעהר פון איהם איז אויף דער וועלט ניטא".

„מענשען קענען אמאל שטערען און אבווענדען איינעם פון גאט דיענען און פון די אמת'ע צדיקים נאך מעהר פאר'ן יצר הרע, דען דער יצר הרע האט יכולת נאר נאך זיין כח נאך, נאך דעם עולם נאך פון וואנען ער נעמט זיך, אבער אין דעם מענשען זענען דאך נכלל אלע עולמות".

XI

אויסער תאוות און געוואהנהייטען שטערט דער קליינער מענשליכער שכל צו זעהן אלץ.

„פאַראַן אַ געבאָרענער הקרן אין מענשענס האַרצען — דער יצר הרע".

עס דוכט זיך דעם מענשען, אַז ער קען אַלעס אומפאַסען אין בעגרייפען מיט זיין קליין שכל און ער לייקענט דעריבער אין אַלעס, וואָס איז העכער און טיעפער פון זיין שכל.

ער מיינט, אַז איהם איז גרינג אויפצווייזען, אַז עטוואָס אַ זאַך איז ג י ט אָ, וויל ער בעגרייפט עס ניט.

בעגרענעצט איז דער מענש! ער ווייס ניט, אַז גראַדע דאָרטען וואו עס לאָזט זיך אויס זיין שכל און עס הויבט זיך אָן דער „איך ווייס ניט" דאָרטען איז די עכטע טיעפקייט, דאָרטען איז די העכסטע ערנסטקייט, דאָרטען איז די אונענדליכקייט, די אייביגקייט, די גאָטהייט.

„תכלית הידיעה אשר לא נ ד ע" — דאָס לעצטע וואוהין דאָס וויסען ברענגט אונז איז, אַז מיר ווייסען ג אָ ר ניששט.

מען קען אָבער אַנדערש ניט קומען צו דעם „לא נדע" נאָר דורך דעם „תכלית הידיעה", פריהער מוז מען זעהר פיעל וויסען, און דאָס וו י ס ע ן מוז אונז ווייזען, וואו די ידיעה לאָזט זיך אויס.

„פאַראַן אונגעהויערע ידיעות איינע העכער פון דער אַנדערער, ווען מען קומט צו דעם „תכלית הידיעה" פון א י ן וויסענשאַפט זענען, אָבער דאָ פיעל אַנדערע וויסענשאַפטען און מען מוז קומען צו דעם „תכלית הידיעה" פון י ע נ ע וויסענשאַפטען.

וואָס די וויסענשאַפט איז גרעסער אַלץ גרעסער איז דער „תכלית" איהרער, אַלץ טיעפער איז דער „לא נדע" איהרער, נמצא: וואָס די וויסענשאַפטען שטייגען אַלץ העכער שטייגט אַלץ העכער דאָס נ י ט-וו י ס ע ן..."

אַריינדרינגען אינ'ם תהום פונ'ם אונבעוואוסטען, אינ'ם סוד פון דער שעפפונג, אינ'ם זין פון אונזער לעבען און שטאַרבען, אינ'ם אָנהויב און ענדע פון אַלע מעשי בראשית, אין דעם חושך וואָס פערהילט אַלץ, אינ'ם תהו ובהו וואָס הערשט איבעראַל ביי דער אויסערליכער געזעצמעסיגקייט, קען מען אַלזאָ ניט מיט שכל, נאָר מיט פאַנ-טאַזיע.

„דער עיקר פון אמונה איז נאָר דאָרטען וואו עס הערט אויף דער שכל, דאָרטען וואו מען פערשטעהט ניט די זאַך מיט'ן שכל דאַרף מען האָבען אמונה; און אַז מען פערשטעהט ניטאָ זאַך מיטן שכל

בלייבט פאַנטאַזיע, נמצא אַז דער עיקר אמונה איז אין פאַנטאַזיע (בחינת המדמה)".

די פאַנטאַזיע איז אָבער ביי ניט אַלעמען גלייך. ביי אַלע מענשען איז זי געמיין, שוואַך און אונריין. די אמת'ע פאַנטאַזיע איז נאָר ביי די צדיקי אמת.

„אַז די פאַנטאַזיע איז ניט אויסגעלייטערט און ניט אויסגעבעסערט קומט מען דורך איהר צו פאַלשע אמונות, דער עיקר אויסלייטערונג און אויסבעסערונג פון דער פאַנטאַזיע איז אָבער נאָר דורך די צדיקי אמת וואָס זיי האָבען די בחינה פון רוח הקודש און נבואה".

דאָרט וואו דער צדיק קען ניט ווירקען מיט ווערטער און מיט ניגונה ווירקט ער מיט ספורי מעשיות. ער טראָגט דעם מענשען איבער דער צייט, איבער דעם רוים, איבער אַלע גרענעצען, איבער אַלע מענשליכע בעגריפען, איבער אַלעס, וואָס האָט אַיין אָנהויב און האָט אַיין סוף. ער גיט איהם צו געניסען די אמת'ע פרייהייט, די אמת'ע שמחה, דאָרט וואו קיין טומעל און קיין ליידען דערגעהט ניט.

פאַרהאַן אָבער אַ וועג וואָס פיהרט נאָך ווייטער, נאָך העכער, טיעף טיעף אין די שרעקליכסטע וועלט־געהיימניסען, דרינגט אַיין אין דאָס האַרץ פון דער בריאה, אין דער נשמה פון אַלע נשמות, אינ'ם לעבען פון אַלע לעבענס, אינ'ם אוראַלטען קוואַל פון וואַנען אַלעס שטאַמט און וואוהין אַלעס קעהרט זיך ווידער.

דער צווייטער וועג איז דער געדאַנק פון צדיק.

„דער געדאַנק פונ'ם צדיק" — דאָס איז ניט דאָס וואָס מען רופט אָן „שכל", דער „שכל" דערגעהט אַהין ניט דער שכל איז עטוואָס קאָנקרעטעס, בעגרייפליכעס, בעשטימטעס, בעגרענצטעס, עטוואָס וואָס קען אומגעפאַסט ווערען און בעגריפען ווערען מיט ווערטער. דער „געדאַנק פונ'ם צדיק" דערגעהט אָבער אַהין וואו קיין ווערטער זענען ניטאָ, וואו עס גיבען קיינע בעשטימטע בעגריפען, וואו עס הערשט אַ טיעפעס שטיל־שווייגען.

בשעת גאָט האָט משה'ן איבער פיעל דורות געטראָגען און האָט איהם בעוויזען, ווי עקיבא בן יוסף דרשה'ט תלי תלים של הלכות אויף יעדער שטריך פון דער תורה און נאָכהער זיין שרעקליכען סוף, און אַז משה איז ערשטוינט געוואָרען האָט איהם גאָט געזאָגט: שתוק! כך עלתה במחשבה (שווייג! אַזוי איז דער אוראַלטער געדאַנק געוועזען).

אָט דעם שטיל-שווייגען, אָט דעם אורהאַלטען געדאַנק בע-גרייפט דער צדיק הדור, דער וואָס איז בבחינת משה-משיח.

משה האָט געוואוסט סתרי אותיות — ער האָט בעגריפען דאָס, וואָס האָט קיין אותיות ניט, וואָס איז איבער די אותיות, געדאַנק אָהן אותיות, אָהן ווערטער.

„דער עולם המחשבה (געדאַנקען-וועלט) רופט זיך אָן עלית העולמות (וואו די עולמות ווערען דערהויבט), דען די מחשבה איז זעהר הויך, און ווער עס וויל אַריין אין עולם המחשבה דאַרף שווייגען, דען אפילו גוטע רייד שאַדען דעם געדאַנק, און ווען מען שווייגט אפילו און מען רעדט גאָר ניט קאָן מען איהם אויך אָנווערען, דעריבער מוז די מחשבה בעזונדער ריין זיין".

„דער אורהאַלטער געדאַנק", „דער געדאַנק אָהן אותיות" — אָט דאָ ליעגט דאָך דאָס גאַנצע טיעפקייט פונ'ם „צמצום", וועגען וועלכען עס ריידען די מקובלים.

פריהער, זאָגען די מקובלים, איז געווען דער אור אין סוף פול איבעראַל נאָכהער האָט זיך דער אור צוריק געצויגען (נסתלק האור לצדדים) און עס האָט זיך געבילדעט אַ לעדיגער רוים (מקום פנוי) און אין דעם לעדיגען רוים האָט אַריינגעשיינט אַ שטראַהל פון אין סוף און עס האָט זיך געבילדעט דער אדם קדמון, די ספירות, די עולמות.

דער גאַנצער „צמצום" (צוריק ציהען איינהאַלטען, בעגרענ-צען) איז אייגענטליך דאָס, וואָס גאָט האָט די וועלטען בעשאַפען אַזוי, אַז מען זאָל מיינען אַז זיי עקזיסטירען אַן און פאַר זיך. דער „לעדיגער-רוים" הייסט אייגענטליך: די געטליכקייט איז פער-שטעלט געוואָרען, פערדעקט געוואָרען.

די געטליכקייט איז אַלץ איינס פאַר דער בריאה און נאָך דער בריאה, דער אור אין סוף איז פול איבעראַל איצט ווי פריהער, נאָר גאָט האָט געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל מיינען, דאָס די וועלט איז עפּעס פאַר זיך אַ יש.

דערפאַר זענען קיינע תירוצים נישטאָ אויף די וועלט-קשיות, אויף די וועלט-פראַגען. די אַלע האַרבע וועלט-פראַגען נעמען זיך טאַקי אָט פון דעם „מקום פנוי" פון דער איינגער פערשטעלעניש, פער-בלענדעניש.

מען וואונדערט זיך און מען פרעגט קשיות אויפ'ן רבונו של

עולם. מען פערגעסט זיך אָבער, אַז די קשיות מיט די רעטענישען מוזען זיין, ווייל אָהן דעם וואָלט דאָך קיין בריאה ניט געווען, אָהן דעם וואָלט דאָך קיין וועלט ניט געווען, אָהן דעם וואָלט דאָך גאָר זיין לויטער געטליכקייט.

די וועלט־קשיות וועלען זיך אַלזאָ פערענטפערען נאָר דאַן, ווען די וועלט וועט אויפהערען עקזיסטירען, ווען דאָס וועלט־שפיעל וועט זיך ענדיגען, ווען די פערבלענדעניש וועט אָבגעטהון ווערען.

מעהר נישט דער צדיק אין זיין טיעפען שטיל־שווייגען, אין זיין געדאַנק אָהן אותיות, ער בעגרייפט די געטליכקייט, וואָס איז אין דעם מקום פנוי, ער זעהט דעם שעפער אין דער בריאה ווי אויסער דער בריאה.

ער זעהט עס, ער האָט אָבער דערצו קיין ווערטער ניט און גיעט איבער עטוואָס דערפון מיט נגינה, מיט ספורי מעשיות, און נאָך מעהר — מיט זיין גאַנצע מהות, מיט זיין גאַנצער אויפפיהרונג, מיט זיין געטליכער ליעבע.

XII

„וועגען די קשיות וואָס זענען פאַרהאַן אויף השם יתברך — אדרבא! אַזוי דאַרף זיין אַז עס זאָלען זיין קשיות, אַזוי איז עס גוט, אַזוי איז עס שען, דען ווייל ער איז אַזוי הויך, ווייל ער איז אַזוי ערהאַבען, מוז דאָך געבען אַז מיר זאָלען זיין הנהגה ניט פערשטעהן, מוזען דאָך זיין קשיות. פערקערט: ווען זיין הנהגה וואָלט זיין ווי מיר פערשטעהען וואָלט דאָך עס הייסען אַז זיין דעה איז ווי אונזערע...“

דאַן וואָלט דאָך שוין ניט זיין קיין געטליכע דעה, נאָר אַ ריין מענשליכע...

„מענשען פרעגען קשיות אויף גאָט און זיי פערשטעהן ניט, אַז אָפט מאָל זענען די קשיות אַליין דער אמת'ער תירוץ: אַזוי פערדרעהט מען אַמאָל אַ קינד דעם מוח'ל, מען פלאָנטערט צונויף אַ קשיא מיט אַ תירוץ צוזאַמען, און דאָס קינד ווייס נעבעך ניט אַז אין דער קשיא איז דער תירוץ...“

„די גאַנצע וועלט איז אַ גלגל החוזר, אַלץ דרעהט זיך, און

ווערט אומגעביטען, פון מענש מלאך, פון מלאך — מענש, פון קאפ — פוס, פון פוס — קאפ, און אזוי אלע זאכען פון דער וועלט קעהרען זיך ווידער, דרעהען זיך, ווערען פערוואנדעלט איינע אין די אנדערע. דאס וואס ס'איז אויבען ווערט אונטען, וואס אונטען — אויבען. מלאכים זענען אראב למטה און זענען זינדיג געווארען, מענשען זענען מלאכים געווארען״.

אין דערויף איז די געטליכע גלייכהייט, די איביגע גערעכטיגקייט.

„אין אלע יסורים איז פארהאן עטוואס פערגניגען, אין אלע עולות — יושר, אין אלע דינים — רחמים, — אין אלע נפילות און ירידות — דער איבערשטער, אין אלע קריגעריי פון דער וועלט אין כלליות און אין פרטיות, אין יעדער שטאדט, צווישען שכנים, אין יעדען הויז — אומעטום איז פארהאן א באהאלטענער שלום, אין אלע שלעכטע צייטען — גוטס, דען די וועלט איז פול מיט גאט'ס כבוד, מיט זיין חסד, מיט זיין גוטסקייט״.

„אומעטום איז פארהאן יושר, אפילו דער וואס טהוט אלע עולות מוז זיך ביי איהם געפינען עפעס יושר, דער חלוק איז נאר ווען הויבט זיך אן דער יושר, ביי איינעגע הויבט זיך אן דער יושר באלד, ביי די צווייטע — נאכדעם אז זיי טהוען שוין אב די עולה, ביי די דריטע — אז זיי טהוען אב פיעל עולות. ווען עס איז מוז אבער דער יושר קומען״.

„דער, וואס איז זוכה צו דערקענען גאט, איז ביי איהם אלץ איינס לעבען און שטארבען, דען ער איז באהעפט און נכלל אין גאט, און ווי באלד ער איז נכלל אין גאט לעבט ער איביג ווי גאט אליין״.

„מען דארף אז דער מוח מיט'ן דעת זאלען אויפעסען דעם גוף, דאס הייסט: מ'נים גוף זאל ווערען א העכערער מהות, א נשמה־(הגוף יתהפך למהות הנשמה)״.

„פארהאן א זאך וואס פליהט דורך אין קאפ ווי א שיין, נאכדעם פליהט עס ארויס, דארף מען זיין א בריה אום מען זאל עס קאנען דערהייכען״.

„מען דארף זעהר היטען די מחשבה, דען די מחשבה קאן זיין א לעבעדיגע זאך ממש״.

„די מחשבה איז בעשאפען אזוי, אז זי זאל קיינמאל נישט

רוהען, ווי דער אומרוה פֿון זייגער".

„פֿאַראַן אַ ליכט, וואָס שײַנט אַרײַן אין טויזענדע וועלטען. און אָט דאָס ליכט קאָן אַ געוועהנליכער מענש ניט מקבל זײַן, דעריבער דאַרף מען האָבען אַ גרויסען חכם, וועלכער זאָל קאָנען פֿונאַנדערטיילען טויזענדער אויף הונדערטער, דאָס הייסט: ער זאָל דאָס ליכט פֿונאַנדערטיילען אויף קליינע חלקים, כּדי עס זאָל ליכטיג מאַכען אַלע קליינע מענשען".

„איינער טראָגט אַ ליכט און זײַן ליכט ברענט אַ שעה. יענע שעה זוכט ער — אין אַ שעה אַרום פֿערלעשט זי זיך. אַ צווייטער טראָגט אַ ליכט וואָס ברענט איינינע שעה — יענער זוכט מעהר. אַ דריטער טראָגט אַ ליכט — זײַן ליכט ברענט אַ גאַנצען טאָג, ער זוכט און זוכט.

פֿאַראַן אָבער איינער, וואָס האָט פֿיעל וואונדערבאַרע ליכט, וואָס ברענען און לײַכטען שטענדיג און ווערען קיינמאָל ניט פֿער־לאָשען. מיט יענע ליכט זוכט ער אין די אוצרות פֿון מלך, גאָט איביג און איביג".

„עס זעהט זיך אַמאָל פֿון דער ווײַטען אַ פֿײַערל, — מען געהט צו נאָהנט און מען זעהט גאָר נישט; עס ברענט אַמאָל אַ פֿײַערל אין מענשענ'ס האַרצען — עס ברענט אַ ווײַלע און פֿערשווינדעט גלײַך. דאָס איז ליכט נעהמט זיך פֿון זומפּף; דאָס איז ליכט אינ'ם מענשענ'ס האַרצען נעמט זיך פֿון פֿערשיעדענע חרטות, וואָס די רשעים האָבען..."

„ווער עס איז מגשם די תּורה און מאַכט פֿון איהר אַ ממשות — פֿערגעסט ער זי גאַנץ אָפּט, ווײַל יעדער דבר גשמי האָט דאָך אַ שיעור און אַ מאָס; דער וואָס איז אָבער תּופֿס די רוחניות פֿון דער תּורה, פֿערגעסט זי קיינמאָל נישט, ווײַל די רוחניות איז איבער'ן רוים און איבער אַלע גרענצען".

„וואָס דער שכל איז גרעסער געהט ער אַלץ מעהר אַריבער די גרענצען פֿון צײַט און רוים"

„פֿאַראַן אַ באַהאַלטענע פֿערבאָרגענע תּורה וואָס די וועלט קאָן איהר אור ניט אַריבערטראָגען; פֿאַראַן צדיקים נסתּרים וואָס זענען איבער דער וועלט, אַז יענע תּורה און יענע צדיקים וועלען נתגלה ווערען וועט די וועלט פֿול שלום ווערען און די ישועה וועט קומען".

„מענשען מיינען, אַז ווען משיח וועט קומען וועט די וועלט

קאַפּויר אומגעקעהרט ווערען, — עס איז גאָר ניט אַזוי! מענשען וועלען נאָר פּלוצלינג אַ נייעם ליכט דערזעהן, אַ גרויסער רעש וועט ווערען, יעדער וועט זיין משא ומתן לאָזען, מען וועט די נאַרישקייטען אַוועקשליידערען, מען וועט לויפען גאָט זוכען".

„אַ מענש מאַכט זיך אַ מלבוש, וואָס דער מלבוש ווערט עלטער ווערט ער אַלץ ערגער, מיאוס'ער, געמיינער, — גאָט האָט זיך אַ מלבוש געמאַכט — די וועלט — און ער ווערט אַלץ ריינער, שענער, פיינער, אידעלער. עס קומען פון צייט צו צייט גרויסע צדיקים וואָס ריינינגען איהם, בעשענען איהם און בעציערען איהם, ביז וואַנען עס וועט קומען דער לעצטער גואל און וועט איהם אינגאַנצען צו רעכט מאַכען".

א רחמנות אויפ'ן אלטעי גאט ...

(שטימונג).

אמאל האט זיך מיר געמאכט הערען א ספור-המעשה פון אני־אלטען הכוד:

„מיר זענען ביידע געפאהרען. ער איז געפאהרען אין דארף; איך — צום רבי'ן. איך בין געפאהרען מיין נשמה אפפרישען, עפעס היות קריגען, ער איז געפאהרען אין דארף אריין, וואו גוים האבען אויף איהם געווארט. מען האט איהם בעדארפט אין שמד פיהרען...

געוועזען איז עס שפעט אין דער נאכט. מיר פאהרען אין וואלד. שטיל ארום. איך שווייג, ער שווייגט אויך. דאס לשון איז ביי איהם אבגענומען....

ער האט זיך אבער לאנג נישט געקאנט איינהאלטען. ער האט מיר אנגעהויבען דערצעהלען, ווי אזוי מען וועט איהם שמדען, ווי אזוי ער וועט גליקליך ווערען. די גוים גיבען איהם א שטיק ערד, א הויז, א געזונד ווייב....

עס איז מיט אמאל געווארען אזוי סמוטנע.... די נאכט האט זיך מעהר אנגערוקט... דאס פינסטערניש איז געדיכטער געווארען... דער ווינד צווישען די ביימער האט געוויינט... דאס פערדעל האט געבלאנדזשעט.. געטשאפעט טיעף, טיעף אין קויט... פון ווייטען האט זיך געדאכט, ווי א וואלף ברומט...

איך האָב געציטערט, געפלאַטערט, עס האָט מיר געקלאַפּט
אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך זעה אַ יודישע נשמה ווערט פון גאָט
אָבגעריסען און איך קאָן נישט העלפען....

איך האָב גאָר נישט געענטפערט. איך האָב נאָר איהם מיט אַ
טיעפען קרעכץ געזאָגט: „אַרחמנות אויפן אַלטען גאָט.

אַ קינד בין איך דאַמאָלס געווען, בשעת איך האָב די מעשה גע-
הערט. געווען איז דאַמאָלס אַ ווינטערדיגער בין־השמשות. אין בית־
המדרש אויפ׳ן טיש ברענט אַ קליין ליכטעל. יודען זיצען אַרום
טיש און לערנען אגדה. הינטער דער בימה, צווישען שוואַכען אָבשיין
און דינקעלע שאָטענס, זיצען עטליכע יודען, פערזאָמעטיגטע,
פערחושכ׳טע, מען רעדט שטיל, מען דערצעהלט מעשיות. איין
אַלטער דערצעהלט די מעשה מיט׳ן משומד, די איבעריגע הערען.
אַ שנעע קלאַפּט אין פענסטער. די שאָטענס ווערען געדיכטער, די
פנימ׳ער — פינסטערער. פון דעם אָרעם קליינעם ליכטעלע הערט זיך
אַ קול:

„אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם, ומה לו לאב
שגלה את בניו מעל שולחנו!” („וועה איז די קינדער, וואָס זענען פער-
טריבען געוואָרען פון זייער פאָטערס טיש, און ווי איז עס דעם
פאָטער, וואָס האָט זיינע קינדער פון זיין טיש פערטריבען”)...

און דאָ צווישען די שאָטענס, ענדיגט זיך די מעשה מיט׳ן:
„רחמנות אויפ׳ן אַלטען גאָט”...

אַ קינד בין איך נאָך דאַמאָלס געווען. איך האָב דאַן גאָר
געוואוסט פון גאָט, וואָס שפּאַלט דעם ים סוף, וואָס בערג צעגעהען
פאַר איהם ווי וואַקס, וואָס אַלע פעלקער בעטרעפען ביי איהם ווי אַ
שטויב, ווי אַ וואַסער טראָפען; אַ גאָט, וואָס צאָרנט און זיין צאָרן
קאָן די וועלט ניט סובל זיין, אַ גאָט, וואָס האָט אויף די יודען פאַר
זייערע זינד געצאָרנט און האָט זיי פון זיין לאַנד אַרויסגעשיקט.

אָבער דאָס ליידען פון אַ גאָט — ווי האָב איך עס געקאָנט
בעגרייפען?

איך האָב עס ניט פערשטאַנען. איך האָב עס אָבער גע-
פיהלט. אַלץ אַרום מיר, אי דעם האַלב-איינגעפאַלענען בית-מדרש,
אי די אַלטע ספרים, אי די טרעהרען אויף די ספרים, אי די צוקנייטשטע
פנימ׳ער, אי די שאָטענס, אי דער קרעכץ, אי די אגדה, אַלץ, אַלץ
זאָגט: „אַרחמנות אויפ׳ן אַלטען גאָט”...

פיעל יאהרען זענען אוועק פון יענער צייט. פיעל וואסער איז דורכגעלאפען. פיעל יודישעס בלוט איז פערגאסען געווארען....

איך ווייס שוין לאנג, וואס עס איז אזוינס „שכינתא בגלותא" און „מלך עלוב", ווי אזוי דער יודישער גאט ליידט צוזאמען מיט'ן יודישען פאלק, ווי אזוי די שכינה קלאגט אויף יעדער צרה פון יודען.

איך ווייס עס שוין לאנג, לאנג. איך האב אבער קיינמאל אזוי שטארק ניט געשפירט דעם שטארקען וועהטאג דערפון, ווי אין די לעצטע טעג. —

צושטערט זענען געווארען אלע האפנונגען; אלע חלומות — דברים בטלים; אלע אידעאלען — פוסטע ווערטער; א יודיש פאלק, א יודיש-לאנד, אויפבלי‏הונג — אש און רויך.

עס האט א בליץ געטהון אויף א סעקונדע, דער אלטער גאט האט זיין פנים בעוויזען, — ער האט אבער קיין מענשען ניט געפונען....

און אזוי זאגט גאט: „מדוע באתי ואין איש? קראתי ואין עונה?"...

און פון אלטען בית-מדרש הער איך א שטימע, א רחמנות אויפ'ן אלטען גאט!...

מײַן שטעדטיל.

(ערינערונגען, שטימונגען, בילדער).

— איהר האָט בײַ מיר אַלץ אָבגערויבט, איהר האָט בײַ מיר צוגענומען מײַן גאָט, מײַן גלויבען, מײַן האָפנונג. וואָס האָט איהר אָבער צו מײַן שטעדטיל געהאַט? — — —

איהר האָט בײַ מיר אַלץ צוגענומען. איהר קאָנט מיר צוריק גאָרנישט געבען. גיעט זשע מיר האָטש מײַן שטעדטיל צוריק!

גיעט מיר די הויכע שול, וואָס איז שוין הינדערטער יאָהרען אַלט. מען דאַוועט שוין דאָרט לאַנג, לאַנג נישט. הרוב איז זי געוועזען. הרוב'ערהייד אָבער איז זי הייליג און גרויס געוועזען.

מען טאָר אַהין בײַ נאַכט נישט געהן. נאַכט אין נאַכט דאַוונען דאָרט די מתים. עס קומען אַראָב אַלע הייליגע צדיקים. שטעלען זיך אויף דער הרוב'ער בימה. ברענגען מיט זיך אַ פֿײַערדיגע ספר תורה. משה רבינו איז דער בעל קורא: יעמוד יצחק בן אברהם...

נאַכט און נאַכט איז די הויכע שול פֿול מיט צדיקים מלאכים און שרפים, די צדיקים דאַוונען, די מלאכים זאָגען שירה, די שרפים זאָגען: קדוש, קדוש.

נאָר אַז מיר קינדער קומען אַהין גאַנץ פֿריה, געפֿינען מיר שוין די הימעל-וואָהנער נישט. די צדיקים זענען אין גן עדן, די מלאכים הויך, הויך אונטערן כסא הכבוד —

מיר זעהען אָבער פֿאַר זיך דעם הויכען, הויכען דאַך. פֿויגעלעך

בליהען דארט ארום פראנק און פרײ. עס איז זײער ארט. קײנער שטערט זײ נישט.

נאכט אין נאכט, װען די הײליגע הבריא קומט אראב דאװנען — דאװנען די פױגעלעך אױך מיט זײ.

און װען מען הױבט אױס: יעמוד יצחק בן אברהם און משה רבינו לײענט איהם װי אזױ מען האט איהם, יצחק׳ן, צו דער עקידה געפיהרט און די מלאכים טהוען איהם אן קרױנען אױפ׳ן קאפ, פערשפרײטען די פױגעלעך זײערע פליגלען איבער איהם און מאכען איהם א חופה —

און בשעת מען לײענט װי אזױ משה האט די יודען פון מצרים ארױסגעפיהרט, קלינגט איבער גאר דער װעלט די שירה פון די אבות און פון די פױגעלעך...

און װען מען לײענט פון אלע נסים, פון אלע װאונדער, זענען זײ דא. מיט אלע הײליגע און רײנע דערצעהלען זײ די שבחים פון גאט —

און אז מיר קומען אין דער פריה, זעהען מיר די פױגעלעך ארומפליהענדיג פון װאנד צו װאנד, פון פענסטער צו פענסטער. עס ציטערן זײערע פליגעלעך, עס הערט זיך נאך דער בת-קול פון דער נאכט-תפילה...

און דארטען אױפ׳ן װאנד זענען נאך גאנץ די עשרת הדברות, א משונה׳דיגער מזרח, א מנורה מיט זיעבען רעהרען, א לײב, אן אדלער —

און נאך פיעל, פיעל ציורים. נאר זײ זענען שױן אבגעמעקט. הונדערטער יאהרען איז זי אלט, אט די שוהל.

און שטעהענדיג אין דער אלטער שוהל װערט דאס הארץ פול מיט פרײד און צוזאמען דערמיט אױך מיט א גרױסער אימה. עס פיהלט זיך דאס רוהען פון גאט אין דעם ארט —

און מיט א הארץ פול פרײד און װעהטאג צוזאמען לאזען מיר די הױכע שוהל, געהען ארײן אין דעם אלטען חסידישען בית מדרש, װאס איז דאבײ. דארטען דאװענט מען און מען לערנט —

און אט שטעהט ער דער אלטער רבי יעקב ארום מיטעל-באנק. דער קאפ אריבערגעדעקט מיט׳ן טלית. ער דאװענט שטיל.

נאר אט גערט זיך דער עולם פונאנדער. עס בלײבען נאר יחידי הסגולה. דאמאלס הױבט ר׳ יעקב אן זײן הב״ד. עפעס װי

אַ שטײן פֿאַלט איהם אָפּ פֿונ'ם האַרצען. ער איז איצט אַלײן. ער קאָן דאַוונען ווי ער וויל.

און עס ווערען קולות וברקים. ה' אלהיכם אמת — הויבט ער אָן אויסשרײַען —

און עס ציטערן די ווענד. אמת, אמת, שרײַט ער.

געוואַלד אמת!

און עס פֿיהלט זיך אַז דאָס איז אַזוי, אַז עס מוז אַזוי זײַן. אַז עס קאָן אַנדערש נישט זײַן. אַז עס איז דאָך פּאָרט אַזוי.

אַז ער איז דאָך פּאָרט אמת און אמת איז ער.

און דאָרט, דאָרט, ערגעץ אין אַ ווינקעל פֿון הדר שני שטעהט רבי אַבֿרהמ'ל דער דאַוונער. אַנ'אורה איז ער בײַ אונז.

ער דאַווענט גראַדע אָהן רעש. קלאָר, וואָרט בײַ וואָרט, נאָר אין יעדען וואָרט לעגט ער די גאַנצע נשמה אַרײַן —

און ליעב האָט ער בשעת מעשה אָפּטײַטשען זיך יעדעס וואָרט. ער קאָן זיך נישט אײַנהאַלטען און זאָגט אַרויס דעם טײַטש.

און ער האָט זיך אײַן טרויעריגען ניגונ'דעל און קלאַפּט זיך צו מיט'ן פֿוס —

הללוהו שמש וירח, די זון לויב זשע גאָט, די לבנה לויב גאָט, הללוהו כל כוכבי אור, איהר שטערען לויבט זשע ווײַטער גאָט, לויבט איהם איהר הימלען, איהר הויכע הימלען —

וואַסער, פֿײַער ווינדען, בערג, בוימער, אַלטע, יונגע, אַלע, אַלע, אַלע לויבט דעם בורא.

און אָט אין אַנ'אַנדער ווינקעל שטעהט אײנער אַ יונגער מאַן. נישט קײן הויכער, אַ שוואַרץ רונדע בערדעל. אַ פּאָר ברענענדיגע שוואַרצע אויגען. אַרײַנגעטהון אין אַ טיעפֿער, טיעפֿער התבוננות..

פּלוצלונג טהוט ער זיך אַ האַפּ. עפּעס ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהון. אַי, אַי, אַי, און לויפֿט אַרום פֿון וואַנד צו וואַנד, פֿון אײן עק שוהל צום צווײטען ביז וואַנען ער בערוהיגט זיך אַביסעל און ווערט ווײַטער אַרײַנגעטהון אין זײַן התבוננות...

און אָט שטעהט אַ ייד, מאַכט משונה'דיגע העוויות, שרײַט אויס ווילדע משונה'דיגע קולות —

און אָט שטעהט ער, דער מנגן אַלײן. אײגענטליך איז ער גאָר קײן חזן נישט. ער קאָן בײַ'ן עמוד נישט דאַוונען.

נאָר ווען ער דאַוונט אַלײן, ווען דער עולם געהט זיך

פונאַנדער, שטעהט ער שעות ווײַז אַין... איהר וועט פון איהם קיין געשריי נישט הערען.

איהר וועט נאָר הערען פון איהם כל המיני ניגונים שבעולם. ער וועט אײַך אַלץ אויסזינגען.

איהר וועט הערען אין זײַנע ניגונים דעם טיעפסטען טרויער, די גרעסטע פרייד, טרויער און פרייד צוזאַמען געמישט, בענק־שאַפט אָהן ענדע, האַרץ־רײַסענעש און קלאָג, אינערליכע לײַדען, שטרעבען אין דער הויך און פאַלען, דאָס בעטען זיך פון אַ קינד, די טרייסט פון אַ מוטער, ישועות ונחמות פון די עולמות עליונים.

און אָט שטעהען אַרום טיש אַ פּאָר יונגע לײַט פון די שאַרפע משכּילים אין חסידות. מען רעדט זעהר שטיל. האַלבע דבורים, מעהר מיט'ן וואונק, מיט'ן קנייטש.

— איך קאָן פאָרט נישט משיג זײַן ווי אַזוי זענען עס דער שכל, משכּיל און מושכּל[1] בשעת זיי זענען בכח — איינס?

— ווײַל זיי זענען דאַן אין „אַין" און אין „אַין" מוז אַלץ קומען לידי אַחדות הפשוטה.

— איז דאָך אָבער דאַן נישטאָ קיין שכל, משכּיל און מושכּל?...

און אַרום אַ צווייטען טיש שטעהען ווײַטער אַ פּאָר חסידישע יונגע לײַט. מען רעדט מילי דבדיחותא.

— אַ מתנגד איז ווי יענער גוי, להבדיל, וואָס זאָגט: ניע אוקראַל ניטשעהאָ, ניע אוביל ניעקאָהאָ, אַוו סאַמי ראַיי פּאָידו...[2] ער האָט אַלץ מקים געווען, ער האָט זײַן חוב אָבגעפּטרט. וואָס דאַרף ער נאָך?...

— גאָט קאָן זיך איהם קיינמאָל נישט אויסצאָהלען. סטײַטש! ער האָט קיין הויר נישט געגעסען און האָט קיין בייגעל פון מאַרק נישט געהאַפּט...

און אָט געהען שוין אַרום אָט די לעצטע פון בית מדרש. אַ ווײַלע ווערט עס שטיל.

די זומער־זון שײַנט אין די הויכע פענסטער אַרײַן. אַרום

---

1) דער שכל אליין, משכיל — דער כח, וואס איז משיג, וואס דער־גרייכט; מושכל — די זאך, וואס ווערט דערגרייכט, מושג.

2) איך האב גארנישט גענגב'עט, קיינעם נישט געהרג'עט, איך וועל גלייך אין גן־עדן אריין.

בית מדרש אַ גרינע לאָנקע. עס עפענען זיך די פענסטער. דאָס גרינס קומט אין בית המדרש אַריין.

אַ ווײַלע ווערט עס שטיל. באַלד הערען זיך ווײַטער קולות. עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון תורה.

מיר, קינדער, נעהמען אַרויס גמרות, הערן די שעורים, „ל״ג עגעץ״ נייע — —

און דאָרט אַרום די טישען זיצען עלטערע בחורים, זענען פערטיעפט אין לערנען, זינגען ווער שטיל, ווער אויפ׳ן קול — איינער:

בשעה שעלה משה למרום, בשעת משה איז אויפ׳ן הימעל אַרויף מצא להקב״ה, האָט ער געפונען גאָט ברוך הוא שהוא יושב וקושר כתרים לאותיות — ער קרוינט קריינען צו די אותיות — און אַ צווייטער:

בשעה שעלה משה למרום, בשעת משה איז אַרויף אויפ׳ן הימעל, בקשו מלאכי השרת לדחפו, האָבען די מלאכים געוואָלט איהם אַראָבשטויסען, אמרו: מה לילוד אשה בינינו? וואָס האָט אַ מענש צו טהון ביי אונז? — — — —

מיד פרש עליו עננו — האָט אויף איהם גאָט זיין וואָלקען פערשפרייט, האָט איהם אין וואָלקען אַריינגענומען — — —

און אַ דריטער:

אָמר הקדוש ברוך הוא, עס האָט געזאָגט גאָט ברוך הוא, עלי לשלם את הבערה שהבערתי בציון, איך דאַרף בעצאָהלען פאַר דער שרפה וואָס איז געווען אין ציון. מיט פייער איז זי חרוב געוואָרען און מיט פייער וועט זי געבויט ווערען — — — — — — —

עס איז געקומען ערב שבועות. פריי פון חדר, פריי פון לערנען לויפען מיר אַרום אין די גרינע פעלדער אַרום שטעדטיל, מיר דראַפען זיך אויפ׳ן הויכען באַרען בוים, וואָס איז אַרום שמעון דעם נייעם נגיד׳ס הויז, עס ווערט קולות פון דער שמעוניכע, דאַן קריכען מיר איינציגווייז אַראָב, געהען זיך כלומר׳שט פונאַנדער, דערוויל גרייטען מיר אָן, ווער אַ שטעקען, ווער אַ שטיין, ווער עפעס אַנאַייזען, רוקען זיך צו בימלעכווייז, ביסלעכווייז צום בוים, הויבען אָן וואַרפען אין דער הויך...

ווערט די שמעוניכע נאָך מעהר אין כעס, הויבט אָן שעלטען

מיט ביטערע פינסטערע קללות, הערט מען זי דאָך מסתמא, ווי דעם קאָטער.

ווערט אַ שטאַרקע מלחמה צווישען אונז מיט איהר, זי האַפּט אַ יונגעל, רייסט איהם אַראָב דאָס היטעל, די חברים פערוואַרפען זי מיט שטיקלעך האָלץ און שטיינדליך —

און אין מיטען מלחמה האַפּען זיך אַרויף אַ פּאָר מזיקים פון אונז אויפ'ן בוים, הויבען אָן טרייסלען די צווייגען און די שמעוניכע מאַכט קולות עד לשמים.

און עס וואָלט זיך די מלחמה נישט געענדיגט ווען עס וואָלטען נישט פערביי־געהן אַ פּאָר שענע יורען וואָס האָבען אָנגעשריען אויף די „שקצים" און האָבען אונז פונאַנדערגעטריבען.

דאַן זענען מיר אַוועק צום טייכעל וואָס איז אין עק שטעדטיל געוועזען אויפ'ן בריקעל, געקוקט ווי דאָס וואַסער לויפט, געוואָרפען שטיקלעך האָלץ אַהין, געדראַפּעט זיך צום וואַסער־מיהל, אַראָבגעגאַנגען לאָזען שיפלעך שווימען אין טייכעל, געבאָדעט זיך, געשטופּט איינער דעם צווייטען אין וואַסער אַריין, געקייקעלט זיך אינ'ם גראָז, געריסען, געשלעפּט, געוואָרפען אין וואַסער.

נאָר דאָס אַלץ האָט אויך דערעסען. און חברה האָט זיך אַלאָז געטהון אין אַנדער עק שטעדטיל, וואו עס איז געשטאַנען מישקעס ווינד־מיהל, און אַ ציגעלניע.

שטיל און רוהיג אַרום און אַרום. אַ גרויס ברייט פעלד. מען זעהט קיינעם נישט דורכגעהן. דער ווינד־מיהל מאַהלט נישט. ניטאָ מישקע מיט זיינע בנים. אַ לעבען!

עס ליגען אפילו מישקעס שומרים, צוויי גרויסע הינד, זיי זענען אָבער איצט אויך שטיל און טשעפּען קיינעם נישט. זיי ליגען פויל. רירען קוים דעם עק.

חברה פּרובט דראַפּען זיך אויפ'ן ווינד־מיהל; ווילען שטופּען די פליגלען, קריכען אַראָב, דראַפּען זיך אויף דאָס הייזעל וואָס איז דערביי.

אַ טייל געהען אַוועק צום ציגעלניע, קריכען אַריין אינ'ם קאַסטען מיט לעהם, שמירען זיך אויס דורך און דורך, געהען אַראָב, וואו מען ברענט די ציגעל, קריכען קוים אַרויס פון דאָרט —

און איינעם פערדריסט עס עפּעס פּלוצלונג אויף די כלבים וואָס ליגען זיך אַזוי רוהיג. ס'טייטש! עס זענען דאָך גאָר קיין כלבים נישט!...

מיט ביטערע פינסטערע קללות, הערט מען זי דאָך מסתמא, חוץ דעם קאַטער.

ווערט אַ שטאַרקע מלחמה צווישען אונז מיט איהר, זי האָט אַ יונגעל, רייסט איהם אַראָב דאָס היטעל, די חברים פערוואַרפען זי מיט שטיקלעך האָלץ און שטיינדליך —

און אין מיטען מלחמה האָפּען זיך אַרויף אַ פּאָר מזיקים פון אונז אויפ'ן בוים, הויבען אָן טרייסלען די צווייגען און די שמעוניכע מאַכט קולות עד לשמים.

און עס וואָלט זיך די מלחמה נישט געענדיגט ווען עס וואָלטען נישט פערביינעהן אַ פּאָר שענע יודען וואָס האָבען אָנגעשריִען אויף די „שקצים" און האָבען אונז פונאַנדערגעטריבען.

דאַן זענען מיר אַוועק צום טייכעל וואָס איז אין עק שטעדטיל, געוועזען אויפ'ן בריקעל, געקוקט ווי דאָס וואַסער לויפט, געוואָרפען שטיקלעך האָלץ אַהין, געדראַפּעט זיך צום וואַסער-מיהל, אַראָבגעגאַנגען לאָזען שיפלעך שווימען אין טייכעל, געבאָדעט זיך, געשטופּט איינער דעם צווייטען אין וואַסער אַריין, געקייקעלט זיך אינ'ם גראָז, געריסען, געשלעפּט, געוואָרפען אין וואַסער.

נאָר דאָס אַלץ האָט אויך דערעסען. און חברה האָט זיך אַ לאָז געטהון אין אַנדער עק שטעדטיל, וואו עס איז געשטאַנען מישקעס ווינד-מיהל, און אַ ציגעלניע.

שטיל און רוהיג אַרום אין אַרום. אַ גרויס ברייט פעלד.

מען זעהט קיינעם נישט דורכגעהן. דער ווינד-מיהל מאַהלט נישט. נישטאָ מישקע מיט זיינע בנים. אַ לעבען!

עס ליגען אַפילו מישקעס שומרים, צוויי גרויסע הינד, זיי זענען אָבער איצט אויך שטיל און טשעפּען קיינעם נישט. זיי ליגען פויל. ריהרען קוים דעם עק.

חברה פּרובט דראַפּען זיך אויפ'ן ווינד-מיהל; ווילען שטופּען די פליגלען, קריכען אַראָב, האַבען זיך אויף דאָס הייזעל וואָס איז דערביי.

אַ טייל געהען אַוועק צום ציגעלניע, קריכען אַריין אינ'ם קייטען מיט לעהם, שמירען זיך אויס הויך און דורך, געהען אַראָב, וואו מען ברענט די ציגעל, קריכען קוים אַרויס פון דאָרט —

און איינעם פערדריסט עס עפּיס פּלוצונג אויף די כלבים וואָס ליגען זיך אַזוי רוהיג. פּ'טייטש! עס זענען דאָך גאָר קיין כלבים נישט!...

האפט ער א שטיינדעל, ווארפט אויף איין הונד, ווערט ער, דער הונד, אביסעל צארענדיג, ער פוילט זיך אבער שטארקע קולות צו מאכען.

ווארפט מען אין איהם אגרעסערען שטיין. ווערט ער שוין שטארק ברוגז.

הכרה געפעלט דעה עסק, הויבט מען איהם אן ווארפען פון אלע זייטען, ווערט ער — אש להבה. זיין הכר נאך איהם —

און מיר מוזען זיך אבטראגען מיט די קאפאטעס.

שפרינגט מען אין גראבען, וואס איז נישט וויט פון הארטען, א טייל לויפען צו דעם נייעשען בית־עלמין ביז וואנען עם ווערט שטיל דער צארן פון מישקעם שומרים.

קלויבט זיך הכרה ווייטער צונויף און מען איז אזוי פעריגהיט ביז פאר נאכט.

מען דערמאהנט זיך אבער, אז די עלטערן ווארטען און מען דארף אין בית מדרש געהן —

איינציגווייז, איינציגווייז צוגעהט זיך דער עולם.

נאך אזוי פיעל הארעוואניע וואלט הוכט זיך זיין איושר צו אברוהען און שלאפען געשמאק, מען איז דאך אבער יודען און מען דארף שבועות אויף זיין.

ווער עס וויל געהט אין בית מדרש „תקון" זאגען; ווער עס פוילט זיך, זאגט זיך „תקון" אין דער היים.

איך האב אבער אנאנדער עסק. איך דארף געהן זאגען „תיקון" מיט מיין אלטען זיידען, וועלכער איז געלעגען צום בעט און מען האט בעדארפט זיצען נעבען איהם.

זיצען מיט'ן זיידען האט זיך מיר זעהר געוואלט. ער איז געוועזען איינער פון די עלטסטע חסידים, האט זעהר פיעל מעשיות געוואוסט און האט זעהר שען דערצעהלט.

אנהויבען פלעגט זיך דאס על פי רוב פון דעם, וואס איהם, דעם זיידען, האט זיך געחלומט, א רמז אויף דעם פסוק: „ופלגשו ושמה ראומה" און אין פיעל יאהרען ארום, האט ער עס געפינען אין זוהר הקדוש, נאכהער פלעגט עס אריבער געהן צו די אפיקורסים וואס זאגען, אז אין דער תורה איז מעהר נישטא ווי פשט, נאכהער —

צום רעסטעווער וואס דער „ערבי נחל" האט אויף איהם געזאגט, אז אין חיצוניות איז ער ייד און זייד, זייד און ייד, און אין פנימיות אפיקורס, אפיקורס און אפיקורס, נאכהער — צו רבי מנשה איליער, וואס דער עולם מורמעלט אויף איהם, און אזוי פלעגט עס קומען צום „המגיד" און פונ'ם „המגיד" גלייך צו נאפאלעאנען און צו דער גרויסער מחלוקת, וואס איז געווען צווישען דעם אלטען רבי (דעה רב) און צווישען אנדערע, ווי דער קארלינער, ר' לוי יצחק בערדי־טשעווער, וואס דער אלטער האט געהאלטען פאר רוסלאנד. —

דאן פלעגט עס אריבער איננאנצען צום אלטען רבי'ן און מען פלעגט אנהויבען פון דעם, ווי דער אלטער רבי האט נאך אליין געלערענט און נישט האבענדיג קיין ליכט פלעגט ער לערנען פאר דער לבנה, נאכהער — ווי ער איז געווען ביי'ן מעזריטשער, ווי ער איז נתגדל געווארען, ווי אביגדור האט איהם געמסר'ט, די נסים ונפלאות וואס מיט איהם האט זיך געטהון אין פעטערבורג, זיין צוריקקומען פון פעטערבורג, זיין גדלות —

אזוי פלעגט ער ביסלעכווייז צוקומען צו „דער גרויסער התונה". „די גרויסע התונה" — וועגען איהר האט דעה זיידע ליעב געהאט דערצעהלען, די גרויסקייט פון איהר איז בעשטאנען אין דעם, וואס דער אלטער רבי האט א שדוך געטהון מיט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער און ביידע זיינען געווען אויף דער התונה.

רוח הקודש האבען דארטען אלע געשעפט עמערסווייז, נסים האבען זיך דארטען געוואלגערט אויפ'ן באנק און אונטער'ן באנק —

ווער עס איז נאר געווען אויף דער גרויסער התונה האט בע־קריגען א הארה אויפ'ן גאנצען לעבען און אין זיין גאנצען האר־גען און לערנען האט אריינגעשיינט יענער אור.

מען האט געזעהן דעם בערדיטשעווער, דעם אלטען, גע־האפט א ווארט, א רמז, א תנועה — גענוג.

זיי פלעגען צווישען זיך רעדען מילי דעלמא, און מיט יעדען ווארט פלעגען זיי מעלה זיין אלע נשמות, מתקן זיין אלע פגמים.

אלע פערשטויסענע נשמות האבען געוואַרט אויף דער גרויסער התונה. דארט האבען זיי תיקון געהאט.

עס זיינען בטל געווארען אלע דאגות, אלע פחדים. פער־געסען געווארען אלץ. נישטא קיין עול הפרנסה, עול אשה ובנים, עול גלות; דער עול פון יצר הרע איז אויך בטל געווארען.

פשוט'ע חסידים זענען דארט נתעלה געווארען צו דער מדרגה פון „לבי חלל בקרבי"[3].

און וואס איז דער חידוש? עס האט דארטען מאיר געווען אור עתיק דאצילות[4].

מילא זיי אליין זענען געווען למעלה מכל השגה און נאך ווייל זיי האבען מרחם געווען זיך אויפ'ן חדר יתום זענען זיי לעבען געבליבען. ווען נישט דאס, וואלטען זיי בטל געווארען אין אין סוף.

מיט גרוים דעת האבען זיי געהאלטען זיך צו זיין בבחינת רצוא ושוב[5].

נאר נישט אלע מאל האט דאס געהאלפען. איינמאל איז דער אלטער געקומען צו כלות הנפש.

געווען איז דאס בשעת ער, זכר צדיק לברכה, איז געגאנגען מיט דער כלה א טאנץ. די כלה האט געהאלטען איין ברעג פאטשיילקע, ער דעם צווייטען ברעג —

איז מען געגאנגען ארויף. דער רבי בראש און נאך איהם די חסידים. עס איז אראב די גאנצע פמליא של מעלה, עס איז געווארען שמחה וחדוה אין אלע עולמות.

האט מען געדארפט א ניגון זאגען. האבען די חסידים אנגעהויבען זאגען. זענען די ניגונים אבער נישט געווען פון אזא הויכער מדרגה, האט ער אנגעהויבען זיין ניגון זינגען...

וואס מעהר ער האט אנגעהויבען זינגען אלץ שטארקער איז געווארען די דבקות. אזוי האט שוין דער ניגון א טבע. וואס ווייטער און ווייטער קומט מען אלץ אין העכערע עולמות אריין; בקיצור ער האט אנגעהויבען זינגען: „נכספה גם כלתה נפשי", „לבי ובשרי ירננו אל אל חי", „נפשי תערוג אליך אלהים" — אנעך די וועלט!

איז מען געקומען צום זוהר: „בחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא"...

און אוים מענש! ער האט עלית נשמה געהאט.

---

3) נאכ'ן „תניא" נאך קאנען דערצו קומען נאר צדיקים גמורים, און דאס הייסט אייגענטליך, או מ'דארף שוין דעם יצר-הרע נישט מנצח זיין, ווייל ער איז שוין אינגאנצען נישטא.

4) דאס אינערליכסטע און טיעפסטע פון גאט'ס רצון, איינע פון די העכסטע מדרגות אין קבלה, האטש עס ניעבען נאך העכערע מדרגות

אין א פאר שעה ארום האט זיך די נשמה צוריקגעקערט. וואס די נשמה האט דארטען געזעהן און משיג געווען, וועט מען אין הינטערשטער יאהרען ניט אויסדערצעהלען —

דאביי האט דער זיידע אנגעהויבען זינגען שטילערהייד דעם רבי'ס ניגון.

א קליין לעמפעל אויפ'ן טיש. דער זיידע ליגט אין זיין בעטיל. דער זוהר ביי איהם אויפ'ן הארצען.

עס לייכט זיין פנים. די אויגען קוקען ווייט, ווייט.

ער זינגט שטיל, איינגעהאלטען. אין די גרויסע בלויע אויגען א רביקות־פייערל —

טיעפער און טיעפער ווערט דאס געזאנג, שטארקער און שטארקער ווערט די דביקות —

„בהד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא" —

די טיעפע נאכט קוקט אין פענסטער אריין...

דער יונגער פרעהליכער טאג וויל מנצח זיין די טיעפע נאכט. עס שיינט אריין דער מארגען־שטערען. איך לויף פון שטוב ארויס.

איך געה אריין אין גארטען וואס נעבען זיידענס שטוב. די גרעזעלעך גיבען נאך איבער איינע די צווייטע די נאכט־סודות —

נאר אט שיינען די ערשטע זונען־שטראהלען אויף זיי און די גרעזעלעך גרייטען זיך שוין מקבל פנים זיין דעם ליכטיגען הע־לען טאג —

עס איז פול די לופט מיט זיסע ריחות פון די ארומיגע וועלדער און פעלדער. עס הערט זיך דעם פאסטוכס פייפען. עס הערען זיך קולות פונים חסידישען בית־מדרש.

א שטילער ווינדטעל בלאזט. די גרעזלעך שושקען זיך, קינ־דער זאגען נאך „תיקון".

עס הערען זיך שוין די לעצטע קולות פון בית מדרש. די בויגע־לעך פון דער הויכער שוהל האבען שוין די טאג־שירה אנגע־הויבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געהען יודען גרויסע און קליינע פון בית מדרש ארויס. קינדער לויפען פרעהליך, די זון הויבט אן בע־

גיסען מיט איהרע שטראהלען די שפיצען דעכער. יודען געהען צום טייכעל טובל זיין זיך.

פארלעך, פארלעך געהען און רעדען. שטילע אידעלע שמו־עסען.

מען שמועסט וועגען מתן תורה, וועגען השראת השכינה, וועגען אמאליגע רביים, וועגען די ריינע לופט און וועגען מאי.

— ווייסטו וואס דער „אוהב ישראל" זאגט וועגען מאי?

— וואס?

מאי איז אותיות מ״י. מי טרעפט אן פופציג, וייל אין דעם חודש זענען מאיר אלע נון שערי בינה. די אומות העולם זענען אויך מודה, אז היינטיגער חודש איז מסוגל צו אלע גוטע זאכען.

— בינה איז דאך שכינתא עלאה און אז זי איז מאיר אין שכינתא תתאה[7] איז די וועלט פול מיט חסדים.

— דער חודש איז זעהר מסוגל צו רפואת הגוף און נאך מעהר צו רפואת הנפש —

— — — — — — — —

אין בית מדרש צום דאווענען. יודען מיוחסים, לומדים און חסידים שטעהען אין מורח. די זון שיינט אויף די עטרות פון די טליתים.

די יהידי סגולה טהוען אן בעזונדערע יארמאלקעס לכבוד שבועות. מען טהוט זיך אן וואס מעהר אין וייסען.

די וייסע פארב וייזט אויף אורות און אויף חסדים און שבועות מוזען דורכאוים חסדים זיין.

א קליין דאר יודעל געהט ארויף אויפ'ן בימה. עפענט אויף דעם סידור און הויבט אן דעם טרויעריג־הארציגען ניגון פון „אקדמות".

דער עולם ציהט נאך איהם, מען איז אין גאנצען אין די „אקדמות". ווער עס פערשטעהט נישט קוקט אין פירוש

און דער גאנצער עולם איז בעגייסטערט מיט דעם גרויסען כבוד וואס גאט האט אבגעגעבען זיין ליעבען פאלק ישראל און פון דעם כבוד וואס זיי וועלען נאך האבען לעתיד לבוא.

---

5) שכינתא תתאה — די מדה פון מלכות, די שכינה, וואס רוהט צווישען אונז און אונזער וועלט.

בשעת זיי האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע" האָבען דאָך מלאכים זיי קרוינען אָנגעטהון —

ווי זיי האָבען גאָט׳ס דיבור דערהערט זענען זייערע נשמות אַרויסגעפלויגען; גאָט האָט געשיקט דעם טהוי וואָס מען וועט מיט איהם מחיה המתים זיין און האָט זיי לעבעדיג געמאַכט. —

מלאכים האָבען זיי אויף די פליגלען געטראָגען; גלייך צום באַרג צוגעטראָגען —

מלאכים וועלען זיי לעתיד לבוא ווייטער בעדיענען, גאָט וועט מאַכען אַ גרויסע סעודה פאַר די צדיקים, אויף שטוהלען פון גיגנאָלד וועלען זיי זיצען און דעם יין המשומר וועלען זיי טרינקען —

דער עולם האָט אָבגעדאַוונט. גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

נאָך דער מילכיגעס — קליין און גרויס אויפ׳ן פרייען פעלד. —

שענע יודען רעדען וועגען ענינים פון חסידות, סתם יודען — מילי דעלמא. יונגלעך שטיפען, מיידלעך שפאַצירען פאַרלעך, פאַרלעך, וואַרפען אַ בליק אויף דעם און יענעם בחור׳ל און ווערען פאַרשעמט — — — — — — — —

.. און ווען איך קום היינט אין מיין שטעדטיל דערקען איך זי נישט. די הויכע שוהל — לאַנג, לאַנג נישטאָ.

מען האָט זי עפּעס אין אַנאַנדער שטעדטיל אוועקגעשענקט.

דער אַלטער חסידישער בית־המדרש — לאַנג, לאַנג, אָבגעברענט.

אויסגעבויט געוואָרען אַ נייער — עס זענען שוין אָבער נישטאָ אין איהם רבי יעקב, און אַברהמיל דער דאַחנער.

עס זענען דאָ קאַלטע יודען מיט קאַלטע הערצער.

עס זענען דאָ שוואַכע יודען, וואָס גלויבען זיך אַליין נישט.

קינדער האָבען זיי און די קינדער גלויבען אויך אין גאָר נישט.

די טאַטעס האָבען פיינד די קינדער, די קינדער — די טאַטעס; נאָר די טאַטעס האָבען זיך אַליין אויך פיינד, די קינדער האָבען זיך אַליין אויך פיינד.

דוכט זיך, אז די זון שיינט שוין דאָרטען נישט אזוי העל, דוכט זיך, אז די פעלדער זענען שוין דאָרטען נישט אזוי גרין —

עס איז שוין דאָרטען, קיין קדושה נישטאָ, עס איז דאָרטען קיין יוגענד נישטאָ.

עס איז דאָרט קיין גלויבען נישטאָ, עס איז דאָרט קיין האָפנונג נישטאָ.

שטומפּזיניג און נאַריש זענען זייערע געדאַנקען און מעשים. ליידען און שטאַרבען, לעבען איז טוידט!...

...איהר האָט ביי מיר אַלץ אָפּגערויבט. איהר האָט ביי מיר צוגענומען מיין גאָט, מיין גלויבען, מיין האָפנונג, וואָס האָט איהר אָבער צו מיין שטערטיל געהאַט?

איהר האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען. איהר קאָנט מיר צוריק גאַרנישט געבען. גיעט מיר האָטש מיין שטערטיל צוריק!

די אינערליכע וועלט.

I

דער טרוים.

אין אָנפאַנג איז געווען דאָס ליידען.

אַז דאָס ליידען דערגעהט ביז דער טיעפסטער נקודה אין האַרצען, ווערען בעשאַפען די טרערען.

ווען די טרערען מאַכען דעם מענשען קראַפטלאָז און מיט־לאָז, הויבט זיך אָן דער קאַמפף מיט דעם וויינען.

דער קוואַל פון די טרערען איז אָבער טיעף אין דער וועלט־שעפּפונג, אין דער וועלט־נשמה, און דער מענש קאָן זיי ניט איבער־ווינדען. דאַן רופט דער מענש אַרויס אין זיך זיין גאַנצע קראַפט, זיין גאַנצען מוט, זיין גאַנצעם ליכט. ער מוז דאָס וויינען בעקעמפפען!

שטאַרק איז דער מענש, ער בעקעמפפט דאָס וויינען, דער קאַמפף קאָסט איהם אָבער צו טייער...

ער נוצט־אויס אין קאַמפף זיין גאַנצעם העלדענטום, זיין גייס־טיג רייכטהום, ער שטרענגט־אָן אַלע פיזישע און מאָראַלע כוחות...

פון אונגעהויערען קאַמפף, פון צופיעל אָנשטרענגונג ווערט ער אָבער מיעד, אָבגעשוואַכט, איינגעבויגען, האַלב צובראָכען.

דאַן קומט אַ דריטער מאָזים. עס נייגט דעם מענשען צו רוהע, צום שלאָף. עס שלאָפט דער מענש. ער טרוימט אָבער אין שלאָף...

אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, דורכגעליטען, אויסגעוויינט, געהאָפט, געשטרעבט, געבענקט, געדענקט, געזוכט, געקעמפפט, ווערט אין איין האַרמאָניע צונויפגעגאָסען, אין געטליכע קולות, אין וועלט־פאַרבען, אין אַ שענעם טרוים.

און עס טרוימט דאַן דער מענש און זעהט פאַר זיך יענע וועלטען, וואָס זענען נאָך נישט בעשאַפען געוואָרען; יענעם גן־עדן, וואָס קיינער האָט נאָך אין איהם נישט אומגעשפּאַצירט; יענע מלאכים, וואָס האָבען זיך נאָך קיינעם נישט בעוויזען; יענע שענהייט, וואָס קיין אויג האָט זי נאָך נישט געזעהן; יענע גרויסקייט, וואָס קיין גייסט האָט זי נאָך נישט אומגעפאַסט.

לאַנג שלאָפט אָבער נישט דער מענש.

דער מענש ערוואַכט פריש, מונטער, גרייט צום קאַמפף, גרייט צו שטייגען העכער און העכער. —

עס ערוואַכט דער מענש שטאַרקער, העלדישער און רייכער.

ער איז רייכער געוואָרען מיט דעם, וואָס ער האָט זיין שענעם טרוים געזעהן; מיט דעם וואָס ער האָט זיין אייגענעם אידעאַל געפונען.

אַלץ וואָס ער האָט אין טרוים געזעהן, טהוט־אָן וואַכענדיג אַ קאָנקרעטע פאָרם; פון פערשיעדענסטע בעזונדערע שטריכען שאַפט זיך איין הערליכעס בילד, איין ליכטיגע נקודה.

און אָט דאָס ניי־בעשאַפענע בילד, אָט די ניי־ערפונדענע ליכטיגע נקודה, גיסט זיך צונויף מיט אַלץ, וואָס איז איהם פון לאַנג אָן געוועזען שען, ערהאַבען, הייליג, ריין, העלדיש און גרויס.

דער טרוים, דאָס אידעאַל, ווערט ביי איהם בלוט און פלייש.

ער און זיין אידעאַל ווערען איינס.

ער קוקט שוין נישט אויפ'ן אידעאַל ווי אויף ווייטע, חיטשע הימלען, הויכע, הויכע, שטערען, נאָר ער טראָגט איהם אין זיך, ער לעבט אין איהם שטענדיג, ער פערקערפּערט איהם אין זיין ערדישען לעבען, אין אַלטעגליכע האַנדלונגען, עס איז דאָס ליכט פון זיינע אויגען, די לופט צום אָטעמען.

און ווען דער טרוימער געהט, בעגלייט איהם דער טרוים זיינער.

ער געהט צווישען מענשען, רעדט מיט זיי, דיספּוטירט, לערנט פון זיי, לערנט זיי — זיין טרוים מיט איהם.

ער זעהט אַלץ, וואָס מענשען טהוען, ער אורטיילט איבער זיי

זיי געפעלען איהם, זיי געפעלען איהם נישט — אלין זאגט איהם דער טרוים זיינער.

ער טהוט פיעל מעשים, ער געהט אין פערשיעדענע וועגען, ער ווענדט אן פערשיעדענע ריכטונגען — ס'איז א פערזוך צו זעהן דעם טרוים אין דער ווירקליכקייט.

אין גאטס הימלען, אין יעדען שטערן, אין יעדען בלום, אין יעדען לעבען, אין יעדען געפיהל, אין יעדען טומעל, אין יעדען גערויש, אין יעדען שווייגען, אין יעדען שמייכעל, אין יעדער ליעבע, אין יעדער רחמנות, אין יעדען געוויין, אין יעדער בענקשאפט, אין יעדען געזאנג — אומעטום וויל ער זיין טרוים זעהן.

אין אלע מעשים פון דער וועלט, אין אלע מלחמות, אין אלע געדאנקען, אין אלע שטרעבונגען און האפנונגען, אין אלע זכרונות פון עבר, אין אלע אידעאלען פון צוקונפט — אומעטום וויל ער זיין טרוים זעהן.

גאטס וועלט איז אין זיינע אויגען א מייסטער-ווערק, וואו ער זעהט די שענהייט פון זיין אייגענער נשמה, די הייליגקייט פון זיין אייגענען הארץ, די גרויסקייט פון זיין אייגענען גייסט.

II

דער טרוימער צווישען מענשען:

עם קומט דער טרוימער צו די מענשען. ער ברענגט זיי א נשמה, וואס זעהט אלע עולמות און אלע דורות; א הארץ, וואס בעלעבט אלעם און ערקוויקט אלעם; א שטארקע ליעבע, וואס נעהמט ארום דעם גרעסטען און דעם קלענסטען, דעם שענסטען און דעם העסליכסטען; שטארקע רחמנות, וואס פיהלט דאס ליידען פון דעם קלענסטער און דער נידעריגסטער בריאה; שטארקען גלויבען אויף צו רוהרען בערג פון ארט און די שטארקסטע שטיינער ווייך צו מאכען.

ווי בעגעגנען איהם מענשען?

רעדט ער מיט זיי ווייכע רעד, קומט ער צו זיי מיט צערטליכקייט און רחמנות, לאכען זיי איהם אויס.

קומט ער צו זיי מיט זיין גאנצען צער און צארן, האסען זיי איהם.

קומט ער צו זיי מיט זיין קראנקט און מאכט, פערפאלגען זיי איהם.

עס טרעפט אבער, אז ער, דער טרוימער, בעזיעגט זיי, פון אנפאנג הויבען זיי אן גאר הערען (ער רעדט דאך אזוי שען!), נאכהער בלייבען זיי פערצווייפעלט, צום סוף ערשטיינט און בעזיעגט...

איז עס אבער אויף א לאנגע צייט?

עס געהט-אריבער די בעציבערונג אין פערוואונדערונג. מענשען הויבען-אן צו זיך קומען.

עס איז זעהר שען, אבער...

און מיט דעם „אבער" גראבט מען א קבר פאר'ן טרוימער...

מען מאכט איהם פאר א שענעם רעדנער, פאר א שענעם קינסטלער, בכלל פאר א שען-גייסט, און דאס, וואס ער רעדט און וואס ער לערנט, וואס אין איהם לעבט, ליעבט און ליידעט, וואס עס ברענט אין איהם, אינוועניג, טרייבט איהם און יאגט איהם, רויבט-אב זיין שלאף ביי נאכט און זיין רוהע ביי טאג, דאס אלעס איז זיי, די מענשען, גאר ניט נוגע...

און וואס האט ער, דער טרוימער, אויסגעפידרט? וואס האט ער וועמען געבראכט? וואס האט ער וועמען געגעבען?

נאך דער אלטער גביא האט זיך געקלאגט: „און דו ביזט ביי זיי אזעלכער, וואס האט זיך א שען קול'כל און זינגט זיך שען. זיי הערען דיינע ווערטער און פאלגען זיי ניט".

און פון די אלטע צייטען אן ליעבען מענשען אלץ מעהר און מעהר דאס שענע קול'כל און הערען אלץ ווייניגער, וואס מען זאגט...

מענשען פיהלען זיך אמאל שולדיג פאר'ן טרוימער. עפעס פיהלען זיי, אז אין יענעם איז עטוואס אונגעהויער שענעס און גרויסעס, נאר זייער שולד צאהלען זיי, די מענשען, אייגענארטיג...

זיי פערגעטערען דעם טרוימער, מאכען איהם פאר אין עבודה זרה, הערען און לעזען דעם טרוים און טהוען.... פערקעהרט!

און דאס איז אויך, ווי געזאגט, אין די בעסטע פאלען. מ'רוב דערגעהט עס צו דעם אויך נישט. מען לאכט איהם, דעם

טרוימער, פּשוט אויס, מען פערוואַרפט איהם מיט שטיינער, אָדער מען טיהרט איהם צו דער תּליה...

און דאָ קומט־פּאַר אַ פּיעל שרעקליכערע און טיעפערע טראַגעדיע!

דער טרוימער איז געקומען צו מענשען. צוליעב זיי האָט ער געלעבט, זיי האָט ער אַלעס געבראַכט, זיי האָט ער געוואָלט בעגנעדיגען.

און זיי?

זיי ווילען נישט הערען... רשעים זענען זיי... טמאים זענען זיי... שלאַנגען... עקדעשען...

יאָ. אָבער טאָמער קאָנען זיי ניט הערען? טאָמער דאַרפען זיי עס גאָר ניט הערען? טאָמער קאָן דאָס לעבען ניט זיין אַנדערש, ווי ס'איז?

„השמים שמים לד׳ והארץ נתן לבני אדם“.

דער הימעל צו גאָט, מענשען אויף דער ערד. זיי דאַרפען קיין הויכע טרוימען נישט, זיי דאַרפען נישט האָבען די הימלען אויף דער ערד.

הייַנט צוליעב וואָס האָט ער געלעבט? וועמען האָט ער זיין גוטס געבראַכט? צו וואָס איז עס אין גאַנצען?

קומט ער, דער טרוימער, אַמאָל אין וואוסט אַריין, טהוט דאָס, וואָס משה האָט געטהון: ער צוברעכט זיינע לוחות.

וואָס איז ער אָבער אָהן די לוחות? וואָס איז ער אָהן זיין טרוים? קאָן ער דען לעבען אָהן זיין נשמה, אָהן זיין גאָט?

ער ווערט ווייכער. ער טהוט ווייטער דאָס, וואָס משה האָט געטהון. ער פּרובט אַנדערע לוחות געבען. ער פּרובט ווייטער געהן צו מענשען. ער מוז געהן צו מענשען. אַנדערש קאָן ער ניט...

עס קומען אָבער פּיעל ערגערע מינוטען. עס קומען אַזוינע מינוטען, ווען מען פערזוכט ניט־נאָר דעם טעם פון טויט, נאָר מען לעבט איבער אַלע יסורי־גיהנם...

וואָס הייסט? אַלע זענען געגען מיר! אַלע, גאָר אָהן אויסנאַהם, גרויס און קליין, רייך און אָרים, קלוג און נאַריש, אַלעמען בין איך פרעמד. טאָמער זענען זיי גערעכט?

און איך? מיין חלום איז גאָר נישט, דברים בטלים, אויסן

הימעל אַ ייִד, ווינד און שטויב, אַש און רויך.

און דאָס לעבען?

דאָס לעבען איז טאַקי ווי זיי פערשטעהען, ווי זיי פיהלען.

...קויט, בלאָטע, זינה, שלעכטס, בלוט-פערגיסעניש, פאַלשקייט, אומריינקייט, צביעות, פעררעט, ווילדקייט, אכזריות, שטומפּזיניגקייט...

קיין פעולה נישט! דאָס איז דאָס לעבען!...

אַי חיין הלום? אַי דיינע הימלען אויף דער ערד? אַי דיין ליעבע, דיין רחמנות, דיין גלויבען, דיין האָפנונג? — גאָר נישט. דו האָסט זיך גענאַרט, עס האָט זיך דיר עפּעס אָבגעדוכט..

גערעכט זענען זיי, און ביי דיר איז נאָר אַניאילוזיע, אַ פאַטאַ-מאָרגאַנאַ, אַ תהו ובהו.

אַזעלכע שרעקליכע מינוטען לעבען-איבער די גרעסטע מענשען פון דער וועלט.

די גרעסטע וועלט-נביאים ווינדען עס אָבער באַלד איבער. זיי האָבען אין זיך גענוג קראַפט צו שטעלען זיך געגען אַלע מענשען פון דער וועלט, זיי שטעלען-אַוועק זייער חלום געגען דער ווירקליכקייט.

די, וואָס זענען ניט אַזוי פיעל שטאַרק, ליידען מעהר פון אַט די שרעקליכע ספקות. סוף כל סוף זענען זיי עס אָבער אויך מנצח. זיי קאָנען דאָך פאָרט ניט אויסשטעכען די אויגען, וואָס זעהען אַנדערש פון אַלעמענס; די אויערען, וואָס הערען אַנדערש, דאָס האַרץ וואָס פיהלט אַנדערש.

און עס זאָגט דער טרוימער אַזוי צו מענשען:

אַזוי איז אייער לעבען. אַנדערש קאָנט איהר ניט לעבען. איך ווייס אָבער פון אַנאַנדער לעבען.

עס לעבט מיין גאָט!

III

א פּאר שטילע ווערטער.

(פון א בריעף).

.. פארהאן, ברודער, גוטע מינוטען אין מיין לעבען.

עס קומט מיר אוים אמאל אלע מיינע שולדען בעצאהלען, בעפרייט ווערען פון דער געזעלשאפט, אריין אין מיין איינזאמקייט, מאכען א שטיקעל השבון מיט זיך זעלבסט...

אין יענע מינוטען בעמיה איך זיך אמאל צו פערגעסען אלע מענשען און אלע מעשים.

פאר מיר איז דאן נאר: גאט, די וועלט און איך.

ניט גרינג קומט עס מיר אן. זעהר פיעל מאל מיה איך מיך אומזיסט: מענשען זענען שטארקער, מען קאן זיי ניט פערגעסען.

עס טרעפען אבער זעלטענע, זעלטענע מינוטען, ווען איך קאן יא פערגעסען די מענשען מיט זייערע צרות, אונגליקען, קנעכט־שאפטען, ליסטען, נידערטרעכטיגקייטען; איך פערגעס דאן מיינע איי־גענע דאגות אויך, איך פערגעס זאגאר די פערפלוכטע פראגען...

איך וויל דאן ניט טראכטען, איך וויל דאן ניט צארנען, איך וויל דאן ניט ענטפערען, איך וויל נאר קוקען, הערען, הערן קוקען.

די וועלט ווייזט מיר דאן זייער איינפאך אוים: די ערד לעבט, דער בוים לעבט, דאס גרעזעלע לעבט, די פערגעהענדע זון לעבט, די הימלען לעבען; דער הונד, וואס לויפט פארביי מיר, לעבט;— ער לעבט, מיט דעם זעלבען רעכט, וואס די זון לעבט, מיט דעם רעכט, וואס די הימלען לעבען, און איך — איך לעב אויך...

איך פיהל דאן, ווי היינע זאגט, „די זיסע קוואל דעם דאזיינס"... איך אטעם די וועלט־לופט, איך שלינג די טראפענס פון לעבען, איך בין מיט דער שעפפונג — איינס; איך בין מיט דער וועלט — איינס. אהן א שום אנשטרענגונג פערשטעה איך דאן, וואס הייסט עס „דער הלק בעהעפט זיך מיט דעם גאנצען".

איך פערשטעה און פיהל עס אלין זעהר פשוט: אליין ווערט מיר טאהנט, זעהר, זעהר נאהנט, אלעס איז מיינס, און איך בין אלעמענס. איך ווייס ניט דאמאלס פון קיינע קשיות, תירוצים, פראגען,

אַנטוואָרטען, פּראָבלעמען, דילעמען, חקירות, קריגערייען, קאָמפּראָמיסען, — פֿאַר מיר איז איינס: דאָס לעבען, און נאָר דאָס לעבען. איין ריינער קוק אויף הימעל און ערד.

איך קוק דאַן ווי אַ קינד אויף אַלעם. עס פרעהען מיר די לעצטע זונען-שטראַהלען, די זאַמד-בערגעלעך. דער ריינער הימעל, די נאַכט-שאָטענס, די שושקעריי פון די בלעטלעך, דאָס זשומען פון די פליעגען, דאָס גערויש פון טייכעל, די בעוועגונג פונ'ם ווינד-מיהלכעל...

אַלץ איז מיר ליעב, אַלץ איז מיר גוט, אַלץ איז מיר שען.

איך קלויב ניט קיין התפעלות, איך בין ניט אויפגערעגט, ניט פערוואונדערט.

פֿאַר מיר איז אַ שטיל-שווייגען, אַ טיעפעס, טיעפעס שטיל-שווייגען.

איך פערזינק אין דעם שטיל-שווייגען. איך בין דאַן אינגאַנצען אין איהם.

איך פערגעהם דאַן אַלע פאַרבען, אַלע פערענדערונגען, אומבייטענישען, איבערקעהרעניש; פֿאַר מיר איז נאָר דאָס לעבען זעלבסט, דאָס דאַזיין זעלבסט.

איך פערגעהם אַלץ. איך פערגעהם דאָס שלעכטע און די לייטע, דאָס העסליכע און די העסליכע...

פלוצלינג טרעפט אָבער, אַז אַ מענש געהט פאַרביי מיר. אַ מענש געהט-דורך, און אין זיין געזיכט ליינען איך שוין אַ שטאַרקען פּראָטעסט געגען מיין רוהע-שטימונג...

זיין געזיכט זאָגט מיר:

„ניטאָ קיין שלעכטס" און וואו בין איך? וואו בין איך מיט מיינע צרות, מלחמות און ניט-ערפילטע וואונשען?

„ניטאָ קיין העסליכעס" — און וואו בין איך? וואו בין איך מיט מיין לוסט און ניעדערטרעכטיגקייט, מיט מיין נאַרישער קנאה, נאַרישער שנאה; מיט מיינע מיאוסע, נאַרישע, אוננאַטירליכע תאוות?

אַזוי זאָגט מיר דעם מענשענס פנים, און אַלע איבעריכע וועהטאָגען, אַלע ספקות, אַלע „פערפלוכטע פראַגען", אַלץ וואָס פערהושכ'ט מיין לעבען, די אַלע צרות און דאגות, וועלכע איך האָב געוואָלט פערגעסען, — דאָס אַלעס ברעכט אין מיר מיט אַמאָל אויס מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט, וועלכער ס'איז זעהר שווער צו בעהערשען...

איך האָב דאָך אָבער אַמ ערשט געזען אַ נ אַ נ ד ע ר וועלט.
איך קאָן דאָך עס נישט אָפּלייקענען. איך האָב זי דאָך פֿאַרט געזען.
איך האָב דאָך פֿאַרט געזען אַ וועלט פֿון רוהע, ליעבע און פֿריידען.
זאָגט מיר יענע וועלט אַזוי:

איך האָב דיך נישט גענאַרט, איך האָב דיך נישט פֿערפֿיהרט, איך האָב דיר קיין וואונדער נישט בעוויזען, איך האָב קיין צויבער נישט בענוצט, איך האָב פֿאַר דיר מיינע הערליכע קליידער נישט אָנגעטהון, איך האָב דיר מיינע רייכסטע פֿאַרבען נים ענטדעקט. איך האָב דיר בעוויזען דאָס וואָס דו קאָנסט דאָך אין קיין פֿאַל נישט לייקענען. איך האָב דיר בעוויזען: הימעל, ערד און די ליעבע!...

דאַן טרעפֿט, אַז איך ענטלויף מיר פֿינ'ם מענשען, איך זוך מיר אויס אַ שטיל, שטיל ווינקעלע, און בעמיה מיך צו געפֿינען אָט יענע נקודה, וואָס איז אַלץ כולל, וואָס אַלץ פֿעראייניגט זי, וואָס אַלץ פֿערגלייכט זי. איך זוך שלום מאַכען צווישען ביידע עולמות...

און איך פֿערשטעה דאַן, אַז די לאָגיק און די וויסענשאַפֿט וועלען מיר דאָ גאָרנישט העלפֿען, די פּאָעזיע וועט אויך נאָך ברייטער מאַכען די ביידע עולמות — קיין שלום צווישען זיי וועט זי אויך נישט מאַכען. דאָס האַרץ שוואַנקט אַרום צווישען די ביידע עקסטרעמען, אַמאָל אַהער, אַמאָל אַהין, און די וועלט האָב איך ליעב און מענשען האָב איך ליעב...

און איך פֿערטיעף זיך אַלץ מעהר אין זיך, בעזוך אַלע פֿער־באָרגענע ווינקעלעך אין מיין נשמה, און איך געפֿין, אַז ביידע זאַכען לעבען אין איהר, און אַז עס איז פֿערהאַן עטוואָס אַזוינס, וואָס פֿער־אייניגט אַלץ...

טיעף, זעהר טיעף אין דער נשמה לעבט אַ ג ל וי ב ע ן, האָטש דער ש כ ל זאָגט, אַז מענשען זענען מ ע נ ש ע ן און וועלען קיינ־מאָל נישט בעסער ווערען, ווי זיי זענען...

און אַז עס וואַכט אויף אין מיר דאָס ג ל וי ב ע ן, זעה איך דעם צוקונפֿטס־מענשען גאָר אַנדערש, איך זעה איהם שוין אַלס גאָטס־קינד, אַלס קינד פֿון דער שענער, ריינער נאַטור.

איך קעהר מיך אום ווידער צו מענשען, ברענג מיט מיר מיין גלויבען. בימלעכווייז, בימלעכווייז ווערט עס אָבגעשוואַכט: די מענשען טהוען זייערס...

עס גליהט אָבער אימער אין מיר א פונק פון טיעפען, טיעפען גלויבען!...

IV

צווייערליי וועלט-שמערץ.

(פון א צווייטען בריעף).

... דו האָסט מיר אַזוי געשריבען:

איך פערשטעה דיך ניט. דו זעהסט פאַר זיך די שטילע, ריינע איינזאַמקייט. מיט אַמאָל דערזעהסטו אַ מענשען. אַז דו דערזעהסט דעם מענשען פאַלסטו אַראָב ווי פון הימעל אויף ערד. וואָס איז אָבער מיט'ן מענשען דער יחוס?

דו פאַסט-אום דאָס טיעפסטע, דאָס אינערסטע און דאָס איי-בינסטע פון לעבען. און אַז דו דערזעהסט דעם מענשען, לאָזטו דאָס אַלץ און עסקיסט זיך נאָר מיט איהם און זיינע צרות. מיט וואָס האָט עס אָבער דער מענש פערדיענט?

מענש. וואָס מענש? ווען מענש? פאַר וואָס זאָלען מיר ניט לאָזען איהם אינגאַנצען?

וואָס איז דער מענש? אַ קליין נידעריג בעשעפעניש, אַ וואָרים ווי אַלע ווערים. און אַז יאָ אַזוי, וואָס האָבען מיר צו קוקען אויף איהם? וואָס געהט ער אונז אָן? זאָל ער יאָ ליידען, ניט ליידען, וועמען אַרט עס?

אַזוי האָסטו מיר געשריבען. דו האָסט נאָך דיינע ווערטער מיט צוויי שטאַרקע פראַזען בעפעסטיגט. דו האָסט מיר דערמאָנט, וואָס ישעיה זאָגט: „חדלו לכם מן האדם“, דו האָסט מיר אויך דערמאָנט וואָס ניטשע'ס זאַראַטוסטראַ זאָגט: „דער מענש איזט עטוואַס, וואָס איבערוואונדען ווערדען זאָל“.

וואָס זאָל איך דיר, ברודער, זאָגען? גוט איז דיר, וואויל איז דיר. איך בין דיר מקנא.

דו קאָנסט מבטל זיין דעם מענשען (איך רעכען אַפילו, אז נאָר מיט ווערטער...) איך קאָן עס אין קיין אופן ניט.

ווען איך זינק אין טיעפע אָבגרונדען, און ווען איך פליה אין הויכע הימלען; ווען איך זעה די פינסטערע ליידענדע ערד, און ווען איך זעה די ליכטיגע צוקינפטס-וועלט; ווען איך בין אַריינגעטהון אין דער איינפאַכער ווירקליכקייט, און ווען איך לעב אין די הויכע, הויכע פאַנ-טישע טרוימען; ווען איך האָב פאר זיך גאָר איינצעלנע ערשיינונגען, איינצעלנע פאַקטען, און ווען איך בין פערזונקען אין אַבסטראַקטע אַלגעמיינע זאַכען; ווען איך זעה די שטערבליכקייט, און ווען איך זעה די אונשטערבליכקייט, — קיינמאל, קיינמאָל קאָן איך נישט פערגעסען דעם קאָנקרעטען מענשען מיט זיינע קאָנ-קרעטע ליידען.

איך קאָן עס נאָר אויף אַ ווײַלע פערגעסען. די ווײַלע דויערט אָבער ניט לאַנג. איך וויל מיך פערגעסען, ער, דער מענש, קומט אָבער און דערמאָנט מיך...

איך געה מיר אַמאָל און בין זיך אַרײַנגעטהון אין אַנשויען די הויכע, הויכע בוימער, וואָס פערשטעלען די זון, דאָס ריינע, ריינע טײַכעל, וואָס בעצויבערט און ציהט מיין נשמה, די ברייטע, ברייטע וויעזען מיט די פערשידענסטע שענע און צאַרטע בלומען— דערבײַ געהט זיך פאַרבײַ אַ מענש, אַ פערשכורטער, אַ צובלוטיגטער, אַ פערהונגערטער, — ער געהט און פאַלט, געהט און פאַלט...

וואָס איז מיר דאַן די נאַטור? וואָס איז מיר די גרויסקייט און די שענקייט פון דער נאַטור? וואָס איז מיר דאָס אַלץ, אַז מיינע ברידער זענען הונגעריגע, צושלאָגענע, נאַקעטע און באָרפיסע?

דו זאָגסט מיר: „לאָז דעם מענשען" — וואָס הייסט „לאָזען"? ווי זאָל איך איהם לאָזען? איך בין דאָך אַליין אַ מענש. דו זאָגסט מיר: „פערגעס אָן דעם מענשען". ווי אַזוי אָבער זאָל איך איהם פער-געסען? קאָן איך דען פערגעסען די מענשען-צרות, וועלכע איך פיהל שטענדיג? קאָן מען דען פערגעסען דאָס, וואָס מען טראָגט אין זיך. דו זאָגסט: „דעם מענשען איבערווינדען". מעגסט זיך אויפהויבען הויך וואָס העכער קאָן ניט געבען — האָסטו אָבער אַ ליעבענדעס, ליידענדעס הארץ, וועסטו גלייך אויף דער ערד פאַלען. מעגסט פליהען ווי אַ אָדלער — האָסטו אויגען, וועסטו זעהן דאָס העסליכע, דאָס ליידענדע, דאָס פינסטערע, וואָס איז אין דער נידער... ווי איך זעה, פערשטעהען מיר פערשידען דעם וועלט-שמערץ. ייסטו, אין וואָס בעשטעהט דער אונטערשיעד?

וואַרט, איך וועל דיר עס ערקלערען?

די גרעסטע און די טיעפסטע מענשען פון דער וועלט ווערען ערשטוינט, דערקענענדיג גוט דעם מענשענס לעבען, דעם מענשענס לעבענס־שיקזאַל. זייער ליעד — אַ האַרצרייסענדע קלאַג, זייער שרייבען — טרערען, זייערע רעדע — זיפצען.

בשעת מיר הערען און לייענען זייערע רעד, ווייסען מיר נאָר, אַז זיי קלאָגען זיך, מיר ווייסען אָבער נאָך ניט, פון וואַנען נעהמען זיך די קלאָגען.

מיר ווערען ענטציקט פון זייערע שענע ווערק, מיר ווערען בעצויבערט פון זיי, ניט אַלע מאָל האָבען מיר אָבער דעם מוט אַריינצוקוקען אין תוך אַריין.

ויל מען אָבער אַריינקוקען אין דעם תוך פונ'ם קלאָגען, וויל מען ערקענען די אינערליכע מאָטיווען, זעהט מען, אַז איינינגע קלאָגען זיך אויף איינס, די צווייטע — אויף עטוואָס אַנדערש.

אין כלל איז אַזוי: איינינגע קלאָגען זיך איבערהויפט אויף דעם מענשענס קלייגקייט, שוואַכקייט, ניעדערטרעכטיגקייט; די צווייטע — אויף דעם מענשענס צרות, אויף דעם מענשענס ליידען. לאָמיר נעהמען צום ביישפיעל צוויי ערליי צרות: די צרות פון געטהע'ס פויסט און די זיפצען פונ'ם איטאַליענישען פאָעט לעאָפאַרדי.

פון וואַנען נעהמען זיך פויסט'ס ליידען?

פויסט שטעהט אין גרונד איבערין מענשען. ער פיהלט ניט קיין ממשות'דיגע איינפאַכע ליעבע צו מענשען. ער ווייס נאָר זיין אינערליכען, טיעפען, אַלוועלטליכען אידעאַל. בשעת ער זעהט, ווי טיעף עס איז דער אָבגרונד צווישען דעם אידעאַל און צווישען דער ווירקליכקייט, איז ער פול מיט ערביטערונג און אונענדליכע שמערצען.

פון וואַנען נעהמען זיך לעאָפאַרדי'ס זיפצען?

ער פיהלט די ממשות'דיגע ליידען פון מענשען. ער זעהט אַלע זייערע צרות פון קליין און גרויס, אַלט און יונג, די צרות פון אַלערליי מענשען, אין אַלע דורות און אין אַלע צושטאַנדען, ער דערקענט עס אין גאַנצען, ער פיהלט עס אין גאַנצען. און ער זאָגט זיין האַרץ: אַ מיין האַרץ! הער אויף צו קלאַפּען, דו האָסט שוין ניט, אויף וואָס צו האָפען...

ער וויל אויך, אז דער מענש זאל זיין שען, קלוג, עדעל, גרויס, שטארק, ער ליעבט מענשען, און ליעבהאבענדיג זיי, וואלט ער, פערשטעהט זיך, וועלען זעהן זיי וואס גרעסער און וואס שענער. ער פערגעסט אבער קיין מאל ניט דעם עיקר: זיין קאנקרעטע ליעבע און די קאנקרעטע ליידען פון מענשען.

און מיין ניט, אז דער, וואס קוקט־זיך־צו צו די אלטעגליכע מענשליכע בעדערפנישען, ווער עס לעבט מיט מענשען און אין מענשען און פיהלט דאס גאנצע ליידען זייערע, האט דערפאר קלענערע עסטעטישע בעדערפנישען! ניין! ער האט אין זיך דאס עסטעטישע ליידען פיהל מעהר פון אנדערע. ביי אהם קומט אבער נאך עטוואס צו: דאס איינפאכע, ממשות׳דיגע ליידען, וואס נעהמט זיך פון איינפאכער, ממשות׳דיגער ליעבע...

און אט דא געהען מיר זיך פונאנדער:

דו, ברודער, זעהסט פאר זיך נאר גרויס און קליין. דעריבער טראכסטו, אז בשעת דער מענש איז אין זיין אינערליכער וועלט, בשעת ער לעבט אין זיין עסטעטישער אנשויאונג, דארף ער קוקען פון אויבען אראב אויף יענע ווערים, וואס ווימלען ערגעץ דארט אונטען...

איך ווייס אויך, מיין ליעבער, וואס הייסט גרויס און קליין, איך ווייס אבער אויך, וואס הייסט ליידען, וואס הייסט עלענד און נויט, הונגער און קעלט.

די פערשטעהסט אזוי דעם וועלט־שמערץ:

אין מענשענס נשמה לעבט אנ׳אידעאל. אט דער אידעאל איז כולל אין זיך אלעם שענעם און ערהאבענעם, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען. דער מענש שטרעבט צו פערווירקליכען אט דעם אידעאל, די אייביגע צרה בשטעהט אין דעם, וואס די קליינינקייטען דערלאזען עס ניט. זיי, די קליינינקייטען דערלאזען עס ניט. זיי, די קליינינקייטען, לעגען שווערע שטיינער אויפ׳ן גייסט, לאזען איהם ניט אויפהויבען זיך.

דער מענש אין אידעאל איז גרויס ווי גאט זעלבסט. „פון אט דעם גאט, ווי עס זאגט שילער, ווערט אבער א וועלט פול ווערים“...

דעריבער טראכסטו אזוי: בשעת דער מענש ווערט בעפרייט פון די אלע קליינינקייטען, לעבט ער דאך נאר אין אייביגען אידעאל;

לעבעדיג אין אייביגען אידעאל געניסט ער דאך די פאלקאמענע הארמאניע, היינט וואס האט ער דאן צו נעהמען אין אכט דעם מענשענס צרות?

איך פערשטעה אבער אנדערש דעם וועלט-שמערץ:

דאס ליידען געהט דורך די גאנצע שעפפונג. וואס די וועלט-שעפפונג ווערט העכער, ווערען אלץ גרעסער, שטארקער און טיעפער די צרות.

אינים מענשען דערגעהט דאס ליידען ביז דער העכסטער מדרגה, נאר אין מענשען זענען אויך דא די פערשידענסטע שטופען פונים ליידען.

וואס דער מענש איז העכער, עדעלער און פיינער, האט ער אלץ גרעסערע ליידען.

צו די ממשות׳דיגע ליידען קומען צו אלץ מעהר און מעהר עסטעטישע, גייסטיגע.

ממילא איז דאך דער גרונד דאס ממשות׳דיגע ליידען, אט די צרות וואס געהען דורך די גאנצע שעפפונג, אט די צרות, וואס זענען דער תוך פונים לעבען, דער עיקר פון אלץ. צו זיי, אט צו די ממשות׳דיגע ליידען, קומען צו וואס ווייטער, ווייטער, אלץ עדעלערע, אבסטראקטערע, און עסטעטישערע ליידען.

אט די לעצטע מאכען גרעסער די שמערצען. דער יסוד איז אבער דאס רעאלע, שטענדיגע, ממשות׳דיגע.

דעריבער טאר מען זיי קיינמאל ניט פערגעסען, דעריבער קאן מען זיי קיינמאל ניט פערגעסען.

געדאנקען־בילדער.

I

זונין זאגט צו רבי עקיבא'ן: דיין גאט האט דאך אזוי פיינד די עבודה זרה,ווארום פערניכטעט ער זי נישט?

ענטפערט רבי עקיבא: זיי, די געצענדיענער, בוקען זיך צו דער זון, צו דער לבנה, צו די שטערען, זאל דען גאט די וועלט חרוב מאכען איבער די שוטים? — די וועלט בלייבט א וועלט, עס שיינט די זון, עס לייכטען די שטערען, און די שוטים בלייבען שוטים.

איינער רויבט פון צווייטען ווייץ, פערזייעט דעם געגזל'טען ווייץ — זאל דען די ערד איהר פרוכט נישט געבען? זאל דען דער געגזל'טע ווייץ נישט אויפגעהן? — די ערד טהוט איהר'ס, עס פליהט, עס וואקסט.

איבער שוטים קען די וועלט נישט חרוב ווערען...

עס זאגט צו זיך דער דיכטער: אלעס וואס איז הייליג און שען אין דיר ווערט פון אנדערע פערפלעקט און פערשמוצט.

יי, די אנדערע, פערשטעהען דיך נישט, ווילען דיך נישט פערשטעהן.

לויבען זיי דיך, שענדען זיי דיך—אלץ איינס. זיי ווייסען נישט וואס זיי לויבען, זיי ווייסען נישט וואס זיי שענדען.

זיי ווייסען גארנישט, זיי פלאפלען אבער זעהר פיעל, זיי ליארמען זעהר פיעל.

זיי פלאפלען, זיי ליארמען: עס איז פול מיט זיי די וועלט אלץ איז זייערס: דאס הויז, די גאס, די שול, די רעליגיע, די וויסענשאפט, די קונסט.

זיי זענען פיעל, ווי די הייזשעריקען — וואָס קענסטו מיט זיי מאַכען?

זיי זענען פול אומעטום, ווי די פרעש אין מצרים — וואָס קענסטו מיט זיי מאַכען?

וואָס פאַר אַ מאַכט האָט דיין ריינעס וואָרט? וואָס פאַר אַ קראַפט האָט דיין פייער?

זעה, וואָס איז געוואָרען פונ'ם פיינסטען ווילען דיינעם, פון דער טיעפסטער האָפנונג דיינער?

זעה, וואָס ס'ווערט פון דיינע געדאַנקען, געפיהלען, שטרעבונגען?

און ער ענטפערט זיך: זאָל איך דען איבער די שוטים מיין וועלט הרוב מאַכען? זאָל איך דען איבער זיי מיין אינערליכען וועזען טוידטען?

זאָלען זיי פלאַפלען, ליאַרמען, זאָלען זיי די וועלט ערפילען, מיין וועלט וועלען זיי נישט הרוב מאַכען!

עס לעבט מיין וועלט, עס שיינט די זון, עס לייכטען די שטערען, עס העלט, עס גלאַנצט, עס פרעהט זיך די ערד, עס שפראָצט, עס בליהט...

II

זיי פלאַפלען זעהר פיעל פון מענש און קינסטלער.

וואָס איז ביי זיי „מענש"?

מענש איז ביי זיי עטוואָס וואָס עסט, טרינקט, זוכט ווייב און געלד, טרייבט פאָליטיק, לעזט ביכער און שפיעלט אין קאָרטען.

וואָס איז ביי זיי „קינסטלער"?

קינסטלער איז ביי זיי עטוואָס, וואָס שרייבט ביכער און מאָלט בילדער, איבער וועלכע מען קען פלאַפלען און רעצענזיעס שרייבען.

יענער און יענער איז קליין אַלס מענש און גרויס אַלס קינסטלער...

וואָס „גרויס" און וואָס „קליין"? וואָס ווייסען זיי פון גרויס און קליין?

„קליין אַלס מענש, גרויס אַלס קינסטלער" — מען קען ווענינ

פלאפלען פון איהם אלס „מענש" און מען קען פיעל פלאפלען איבער זיינע ביכער און בילדער.

מעהר ווייסען זיי נישט, מעהר קענען זיי נישט ווייסען.

אויף צו פערשטעהן א מענשען דארף מען אליין א מענש זיין, אויף צו פערשטעהן א קינסטלער דארף מען אליין קינסטלער זיין.

ווי קומען זיי אבער צו פערשטעהן, וואס מענש איז, וואס קינסטלער איז, זיי, וועלכע זענען אויף אזוי פיעל ווייט פון מענש אויף וויפיעל זיי זענען ווייט פון קינסטלער...

וואס איז מענש? — דאס וואס וויל, שטרעבט, האסט, צארענט, ליעבט, ליידעט, גלויבט, האפט, זוכט, בענקט, צערשטערט, שאפט, טרוימט, זינגט, דיכטעט, זוכט א וועג צום הימעל, וויל ערווערבען פליגלען.

וואס איז קינסטלער אין מענשען? — דאס, וואס נעהמט דאס שענסטע, דאס בעסטע, דאס שטארקסטע, דאס טיעפסטע אין מענשען און פלעכט דערפון איין וועלט־קראנץ, וועבט דערפון איין אייביג־ליעד, אייביג־חלום, שאפט זונען, וואס פערגעהען קיינמאל נישט, בלומען, וואס ווערען קיינמאל נישט פערוועלקט.

קענט איהר דען אבטיילען מענש פון קינסטלער? קענט איהר זיי פונאנדערשיידען?

דער קינסטלער שעפט פון מענשען, דער קינסטלער ערפילט און ערגענצט דעם מענשען.

מענש און קינסטלער — קוידל און פלאם, זון און ליכט.

עס גיבט „גרויס" און „קליין": א גרויסער פלאם, א קליין פייערעל, גרויסעס ליכט און קליינעס ליכט.

גרויסע מענשען, קליינע מענשען, גרויסע קינסטלער, קליינע קינסטלער.

קליין דער מענש — קליין דער קינסטלער; גרויס דער מענש— גרויס דער קינסטלער.

מען דארף גאר ווייסען, מיט וואס פאר א מאס צו מעסטען.

מען קען עס נישט מעסטען נישט מיט מארק־מוסר, נישט מיט קלוב־מוסר, נישט מיט אינטעליגענטען־מוסר, נישט מיט קיין מוסר.

פארהאן איין אנדער מאס:

קראַפט, מאַכט, פרײהײט, שטרעבונג, ליבע שמעלצן מיט דער פאַנטאַזיע, זוכן גאָט, דעם אמת׳ן גאָט.

III

פאַרדאַן זאַכען וואָס דער מענש קען עס נישט דערגרייכען; דער קינסטלער קען דאָ אויך גאָרנישט העלפען.

דער געדאַנק הערט נישט אויף צו אַרבײטען, עס וועבען זיך חלומות, עס רײסט זיך, עס הויבט זיך אין לופטען, עס פליהט אין הימעל — די ערד ציהט אָבער צו זיך, עס פאַלט אַלץ נידעריגער, עס ווערען אונטערגעשניטען די פליגלען.

און עס ווערט ערבײטערט דער מענש: ער, דער וועלט=קעניג, קען די וועלט נישט משיג זײן, ער, דער יודע הכל, הויבט נישט אָן זיך זעלבסט צו קענען...

און עס בלײבט שטעהן דער מענש: נישטאָ קײן וועג, נישטאָ קײן שטעג. געה בלאָנזשע אײביג אין ווילדען וואַלד...

און זײן פאַנטאַזיע הויבט איהם שוין אָן מאָלען אַנ׳אונענדליכען מדבר, אַ שרעקליכען תהום, אַנ׳אַלוועלטליכען תהו ובהו...

קעהרט ער זיך צוריק. הויבט אָן זײנע שטיבעלעך בויען, זײנע קלײנע חשבונות מאַכען.

בעסער רוהיג זײן, בעסער רוהיג שלאָפען, וועניגער טראַכטען, וועניגער זוכען, וועניגער טרוימען — בעט זיך אויס וואָס ווײכער און שלאָף.

דאָרט, דאָרט, אין די הויכע הימלען איז עפּיס אַזוי שען, אַזוי גרויס — עס איז אָבער נישט פאַר דיר. ווערסטו וועלען פליהען, וועסטו דיך האַלז און נאַקען ברעכען.

פליה נישט הויך, בויג זיך צו דער ערד, קריך, פויזע, ווי אַ וואָרים מיט אַלע ווערים גלײך...

געהט אַלץ דער מענש צוריק, צוריק, זינקט אַלץ נידעריגער און נידעריגער. —

פאַלט אַלץ דער מענש, ווערט קלענער און קלענער, שוואַכער און שוואַכער —

ער פּרובט אַמאָל אויפהויבען זיך, — נישטאָ קײן כחות; ער

פּרובט פֿון זײַן ענגען קרײַז אַרויס — מען קען נישט.

האָט דאָך אָבער דער מענש אין זיך צער און צאָרן, שטאָלץ און מוט, זאָגט ער: עס איז גאָר קיין בעסערס נישטאָ...

עס איז גאָר נישטאָ קיין הימעל, עס ווערען גאָרנישט געשעהן קיין וואונדער, עס איז נאָר דאָ די פֿינסטערע ערד. —

און עס זעהט דער מענש אין וועלט און לעבען נאָר געזעצען און ער ליעבט די געזעצען, קושט די קעטען...

און עס טראַכט זיך אויס דער מענש אַלץ נײַע און נײַע גרענעצען, און מאַכט זײַן לעבען שמאָלער און שמאָלער, ענגער און ענגער...

און עס מאַכט זיך דער מענש אַ תהום: דאָס קענסטו וויסען, דאָ קענסטו געהן, ווײַטער קענסטו נישט וויסען, ווײַטער טאָרסטו נישט געהן...

און ער ווערט אַזוי אײַנגעוואָהנט אין תהום און ער ליעבט אַזוי זײַן קליין-וועלטעל, אַז ער הויבט אָן זינגען: נישטאָ קיין מחוץ לתהום, עס גיבט נישט העכער פֿון אונזער הכמה...

און ער לאַכט אויס די געטליכע חלומ'ות, די נשמה-בענקשאַפֿט, דעם וועלט-טרויער.

און עס ווערט אַ שרעקליכע אָרימקײַט, אַ שרעקליכע בע-גרענעצטקײַט.

און עס ווערט אַ העסליכע צופֿריעדענקײַט מיט זיך זעלבסט. אַ מאוס-נאַרישע גאוה, אַ שרעקליכע טעמפּקײַט.

און דער מענש פֿערליערט זײַן צלם אלהים, ווערט פֿערזונ-קען אין קלײנע תאוות, קלײנע שטרעבונגען, קלײנע האָפֿנונגען, ווייסט נישט העכער פֿון „געזעלשאַפֿט" און „וויסענשאַפֿט".

דאַן ערשײַנט אַמאָל פּלוצלונג — דער נ ב י א...

IV

„חי אני אם לא ביד חזקה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם".

אָט דאָס איז דער נביא, אַזוי ערשײַנט דער גואל.

דאָס וואָס עס פֿעהלט דעם קינסטלער האָט אין זיך דער נביא.

דער קינסטלער קומט מיט וואָרט און בילד, געדאַנק און דיכטונג, ליידען און ליבע, שטרעבונג און האָפנונג, מיט אַלעם מענשליכעם.

דער נביא קומט מיט זיך זעלבסט, מיט זיין גרויסער געטליכער נשמה...

דער נביא ערשיינט ווי גאָט אַליין — „מן הסערה".

וועגענדיג אַ שליה פון אַלמעכטיגען גאָט, קומט ער מיט איבערערדישער מאַכט.

וואָס „מענש"? ווען מענש!

„חדלו לכם מן האדם" — דער מענש איז גאָרנישט.

עס קומט דער נביא מיט שטורם, מיט דונער און בליצען.

עס הילכט זיין שטימע:

איהר דאַרפט פאָלגען, איהר מוזט פאָלגען. דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט.

איהר מוזט אייערע געטער צערשמעטערען, איהר מוזט ריין ווערען, דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט.

איך וועל אייך פון אייער בלאָטע אַרויסשלעפען, איך וועל אייך גאָטס וועלט בעווייזען.

איך וועל אייך מיט געוואַלד אויפהויבען, איך וועל אייך מיט געוואַלד צום הימעל טראָגען.

איך וועל אייך פאַר אייערע לאָקען אָנגעהמען, איך וועל אייך אין שטורם הויבען.

איך וועל פאַר אייך די הימעל־טויערען עפנען, איך וועל אייך גאָטס רייכטהום ווייזען.

איהר וועט דעם שיר פון די מלאכים הערען, איהר וועט דעם גערויש פון זייער פליגעלען האָרכען.

און עס שטורמען די חיות, די אופנים, די שרפים-

און עס טראָגט זיך: קדוש, קדוש, קדוש — און פייער־טייכען און אייז־הימלען און גאָטס שטוהל — הויך, הויך.

און אַ הימעל־ריינע וועלט, אַ הימעל־שווייגען.

און אַלעם געליסט צום שעפער, אַלעם געהט, אויס אַלעם בענקט אונענדליך —

און עס טראָגט זיך אַלעם צו גאָט, עס ערהויבט זיך, עס הייליגט זיך —

אונ אַלעס אָפּפערט, די וועלט איז פול קטורת —
אונ גאָטס היכל ווערט פול רויך —
אונ עס הויבט ווידער אָן שטורמען, עס ציטערט, עס טרייסעלט זיך דער היכל.
אונ גאָטס פייער אויפ'ן מזבח, פלאַם אונ קויהלען.
אונ עס פליהט אַ מלאך, נעהמט גאָטס קויהל פון מזבח —
אונ גאָטס קויהל ריהרט מיך אָן, אונ גאָטס פייער ברענט אין מיר —
אונ מיין פייער האָב איך אייך געבראַכט, אונ מיין ליכט האָב איך אייך געבראַכט —
געהט נאָך מיר.
אַזוי זאָגט דער נביא, אַזוי רעדט דער נביא.
קיין אַנדער שפּראַך האָט ער נישט, פון קיין אַנדער שפּראַך ווייס ער נישט.
ער מיט זיין גאָט איז איינס, ער איז די נאַטור, די נאַטור איז ער.
ער איז מעכטיג ווי די נאַטור, ווילד ווי די נאַטור, אונענדליך ווי די נאַטור.
ער זעהט אַלץ, ער פיהלט אַלץ, דען ער איז אַלץ, —
דען גאָט רעדט אין איהם, דען גאָט לעבט אין איהם.

V.

ווי אַזוי זאָל דער מענש ערציהען אין זיך דעם קינסטלער? — אויף דערויף ענטפערט די עסטעטיק, אויף דערויף ענטפערט די קונסט זעלבסט אין פערשידענע אַרטען.

איך שטעל מיר אָבער אַנאַנדער פראַגע: ווי אַזוי זאָל דער מענש ערציהען דעם נביא אין זיך?

„ערציהען" — געהן אויף דעם אייביג-הייליגען וועג, געהן ווייטער אונ ווייטער, אַרויפשטייגען העכער אונ העכער.

„ערציהען אין זיך דעם נביא" — עס הייסט נישט ווערען זען נישט איז ווירקליך אַ נביא: מען קאָן צום הימעל נישט צוקומען, ווייט, ווייט זענען די שטערען.

„ערציהען אין זיך דעם נביא" — עס הייסט אייגענטליך ערווערבען בּיסלעכווייז, עטוואס פון די אייגענשאפטען, וועלכע זענען אזוי צוזאמענגעבונדען אין אונזער פארשטעלונג מיט „נביאות"...

עס הייסט אייגענטליך ערווערבען בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז די אמת'ע קראפט, די אמת'ע ערקענטניס, די אמת'ע שטרעבּונג צו דער גאטהייט.

אפשר וויסען אנדערע פערשיעדענע דרכים דערצו. איך וויים פאר איין דרך: ליידען.

אפשר מיינען עס אנדערע דערגרייכען נאר דורך קונסט און וויסענשאפט, איך זעה, אז די בּיידע זענען נאך גאנץ ווייניג. מען מוז עטוואס אנדערש אין זיך האבען: שטענדיגע ליידען.

VI

פארדאן מענשען, וואס עטוואס וויינט און קלאגט אין זיי שטענדיג.

רופט זיי נישט מרה-שחורה'ניקעס, זינדיגט נישט, טהוט זיי קיין שלעכטס נישט.

ווען איהר טהוט ווענען עס איז שלעכטס, קאן יענער אייך צוריק שלעכטס טהון, יענע קאנען עס נישט.

זיי זענען צו טיעף און צו ריין, אום אייך צוריק שלעכטס צו טהון.

טהוען זיי עס יא — קאנען זיי עס נישט. עס איז נישט זייער עסק.

טהוען זיי עס יא, קומט עס ארוים עפּעס משונה'דיג, אהן א מאס, ווילד, און אלע מאל איז קענטיג, אז זיי טהוען זיך פיעל מעהר שלעכטס, ווי דעם געגנער...

רופט זיי נישט מרה-שחורה'ניקעס, דען עס איז אין גרונד דום און פאלש.

זיי זענען לעבּענס-לוסטיגער מעהר ווי אנדערע, אויסערליך אמ־מעהרסטען פרעהליך און מונטער, זיי ליעבּען די פרייה, די העלע שיינע זון.

נאָר אינערליך קלאָגט אין זיי עטוואָס, אינערליך — א קוואַל פון טרערען.

אָפטמאָל ווייסען זיי אַליין נישט, וואָס עס קלאָגט און וויינט אין זיי. עס איז זיי זעלבסט אינטערעסאַנט.

אָפטמאָל גיבען זיי זיך אָב פיעל מיה, אום צו בעקעמפפען אין זיך דאָס אינערליכע ליידען, זיי ווילען די טרערען איינהאַלטען.

דאַן טרעפט עס אָפט, אַז עס העלפט קיין קאַמפף נישט, דאָס אינערליכע ליידען ווערט פיעל שטאַרקער און דער טרערען-קוואַל פיעל טיעפער.

VII

דאָס ליידען זאָגט אָבער דעם מענשען: ערקען מיך!

די מוזט פערשטעהן, וואָס עס קלאָגט און וויינט אין דיר; די מוזט וויסען, וואָס מיט דיר טהוט זיך.

עס שטאַרקט זיך דאָס ליידען פון טאָג צו טאָג און דער מענש איז געצוואונגען צו ערקענען עס.

ער וויל יאָ, ער וויל נישט — ער מוז אָבער. עס לאָזט איהם נישט רוהען.

הייבט אָן דער מענש ערקענען זיך זעלבסט, הייבט ער אָן גרינדליך לעזען זיין אייגענעם וועזען, הייבט ער אָן צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס רייסט זיין הארץ, דאָס, וואָס עס לאָזט איהם אַפילו איין רגע נישט רוהען, איז נישט נאָר זיין פערזענליכער צער, נאָר אויך דער צער פון זיינע עלטער-עלטערען, דער צער פון פיעלע, פיעלע דורות.

דער וועה און געשריי, דער צער און צאָרן, געהט איבער בירושה מדור לדור, יעדער דור גיעט אָבער צו עטוואָס אייגענעס, עטוואָס נייעס, עס קומען צו מיט יעדען דור פרישע יסורים.

און קלויבט זיך עס אין דער נשמה פון אַ געוויסען ייִד, האָט ער אין זיך די ליידען-ירושה פון דור דורות, קאָן ער [illegible] אין קיין אופן נישט מנצח זיין.

הויבט ער אָן ווייטער זעהן, ווייטער ערקענען זיך זעלבסט, געפינט ער שוין אין זיך נישט נאָר דעם צער פון זיינע עלטערען,

נישט נאָר דעם צער פֿון פֿיעל דורות, נאָר אויך דעם צער פֿון אַלץ, דעם צער פֿון אַלץ, וואָס לעבט און שטערבט און קאָן קיינמאָל נישט דערגרייכען, אַט דעם צער, וואָס היינע האָט איהם אָנגערופֿען „וועלט שמערץ“.

געהט ער אַמאָל טיעפֿער אַריין אין דער זאַך, הויבט ער אָן זעהן עטוואָס אונגעהויער שרעקליכעס, אַ מעין פֿון דעם, וואָס האַמלעט האָט געפֿיהלט דערזעהענדיג דעם רוח פֿון זיין פֿאָטער, די שמערצען און ליידען פֿון „אַלע עולמות און אַלע נשמות“...

VIII

ערקענענדיג עולמות אין זיך זעלבסט, ווערט דער מענש ממילא אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער, הויבט אָן ערקענען אַלץ מעהר און מעהר.

און דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער מין ערקענטניס, דאָס האָט שוין נישט צו טהון מיט אַלץ, וואָס מיר זענען געוואָנט צו קלערען און דיכטען.

דאָס האָט שוין נישט צו טהון מיט אַלע געוועהנליכע פֿאָרשטעלונגען, מיט אַלע אמונות ודעות.

נישט פֿיהלענדיג אָפֿטמאָל אַליין זעלבסט, ווי עס קומט איהם אַלץ פֿאַר, הויבט אָן דער מענש אַנדערש זעהן און ערקענען, אַנדערש, להלוטין אַנדערש, קוקען אויף גוטס און שלעכטס, שען און מאוס.

ער הויבט שוין אָן צו קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף דער נאַטור און שעפֿער, ער ווערט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיי; דאָס איז שוין נישט די אויפֿפֿאַסונג פֿון „קינסטלער“ — דאָס איז שוין עטוואָס פֿיעל טיעפֿער און אמת'ער.

דאָס רופֿען מענשען אָפֿט מאָל אַן „מיסטיציזם“, זיי ווייסען אָבער אַליין אייגענטליך נישט, וואָס איז עס אַזוינס, זיי טראַכטען אויס אַ וואָרט און מיינען, אַז זיי ערקלערען דערמיט עטוואָס.

דאָס איז אָבער נישט אַנדערש, ווי דער וועג וואָס אויף איהם געהען די גרעסטע נאַטור־מענשען, די גרעסטע גאָט־מענשען, די נביאים.

די קדמונים פלעגען זאָגען, אַז אַזעלכע מענשען קאָן מען שוין איבערגעבען די גרעסטע גאָטס-געהיימניסע.

„אין מוסרין מעשי מרכבה אלא למי שלבו דואג בקרבו".

און איינער פון די גרעסטע אחרונים ערקלערט עס אַזוי: מעשי מרכבה קאָן מען נישט איבערגעבען נאָר דעם, וואָס זיין נקודת הלב הערט אפילו איין רגע נישט אויף צו בענקען נאָך דער געהיימער גאָטהייט.

יוסף נע־ונד'ניק.

(פראגמענט פון א ערצעהלונג).

I

אויף אַ בערגעל אונטערן שטאָדט ה. זיצט יוסף, נע ונד'ניק. ער הערט נישט דאָס פֿײַפֿען פֿון ווינד, ער פֿיהלט נישט די קעלט, וואָס דרינגט דורך אַלץ און אַלעמען. ער איז פֿערזונקען אין ער־אינערונגען, חלומות און געדאַנקען.

ענג איז איהם אין שטאָדט געוואָרען און ער איז אין מיטען נאַכט אויפֿ'ן פֿרײַען פֿעלד אַרוים. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטיל ווינקעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט זײַנע מחשבות טראַכטען און זײַנע חלומות וועבען.

וואָס איז איהם ווינד? וואָס איז איהם קעלט? ער איז שוין צו אַלץ געוואָהנט, איהם שרעקט נישט קיין היץ, איהם שרעקט נישט קיין קעלט.

אַ שטיקעל אין איין האַנד, אַ קליין קערביל, אין וועלכען עס געפֿינט זיך אַ פּאָר תּפֿילין, אַ שטיקעל זייף, אַ פּאָר ריינע האַנד־טיכער, אַ ריין העמד, אַמאָל אַ שטיקעל ברויט, אַמאָל אויך אַ חסידיש ספֿר — אין דער צווייטער האַנד.

אַזוי מעסט ער דורך גאַנץ רוסלאַנד לאָרכּה ולרחבּה. איהר וועט נישט געפֿינען קיין איינציג הערפֿעל, וואו ער איז דאָרטען נישט געוועזען....

נאָך מעהר: אומעטום טהוט ער עטוואָס, אומעטום איז ער עטוואָס מתקן...

אין איין אָרט אַ קראַנקען בעזוכט, אין צווייטען אָרט אַנ־

אומגליקלעכען געטריבסט, אין דריטען ארט א מענשען פון טויט גערעטעט, אין פירטען א מענשען פין א שטארקע עבירה אבגעהיט, אין פינפטען א זינדיגען מענשען צו תשובה-געבראכט —

היינט מיט פויערען צוזאמען, מארגען מיט סוחרים, איבערמארגען אין א חסידיש שטיבעל, נאכהער אין ערגעץ א מוסולמאנישן דערפעל, נאכהער מיט טשערקעסען און דאן ווייטער צוריק אין בעלא-ראסיא....

היינט אנארבייטער, מארגען א קאמי-וואיאזשער, איבערמארגען א סוחר, נאכהער א בעטלער, דאן א שמש, א מלמד, א חזן, דאן ווידער א טאג-ארבייטער אין א האפען, א פריקאזטשיק ערגעץ ביי א רוסישען סוחר...

ער קומט אן אין יעדען ארט, ווי פון הימעל אראבגעפאלען. איהר ווייסט נישט וואוהין ער ווערט פערשוואונדען.

אזוי פליהט דורך א מעטעאר. פרעגט ביין מעטעאר, פין וואנען ער קומט, וואוהין ער ווערט פערשוואונדען...

געקומען פונים גרויסען וועלט-רוים און אין איהם נעלם געווארען...

פון וואנען? וואוהין? — פרעגט ווען איהר ווילט, נאר נישט איהם.

ער ווייס עס נישט און וויל עס נישט וויסען. וואס גערט עס איהם אן?...

עס איז איהם אלץ איינס, וואו צו זיין און וואס צו זיין. אומעטום און אלע מאל האט ער זיינס צו טהון...

אומעטום און אלע מאל זוכט ער זיינע נפשות, וועלכע נויטיגען זיך אין זיין ווארט און הילף; ער זוכט אויך און געפינט גאנץ זעלטען א נאהנטען מענשען, וועלכער זאל איהם פערשטעהן און מיטפיהלען...

אזעלכע נאהענטע מענשען האט ער זעהר ווייניג און זיי געהערען צו פערשיעדענע שיכטען: אין איין ארט אנאלטער אפיקורס, אין צווייטען ארט אנאלטער רב אין קריים, אין דריטען ארט אן איינפאכער שמיד, אין פערטען ארט א יונגער ליטעראט —

און דאס זענען זיינע איינציגע גוטע פריינד און פערשטעהער אויפ'ן גאנצען כדור הארץ. פאר זיי, נאר פאר זיי, דערצעהלט ער אמאל פון זיין לעבען און מעשים; זיי, נאר זיי, ענטפלעקט ער זיינע געדאנקען און חלומות...

און געדאַנקען האָט ער משוגעדיגע און חלומות האָט ער אַזעלכע, וואָס קיינער האָט זיי נישט.—

און זיינע געדאַנקען לאָזען איהם נישט רוהען טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג, טראָגען איהם פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף און דאָך גיבען זיי איהם אַמאָל אַן'אומגעוועהנליך פריידען, אַ רוהע נישט פון דער וועלט...

און חלומות האָט ער שרעקליכע, ווי שרעקליך עס איז אַלץ, וואָס איהם האָט זיך געמאַכט זעהן און הערען אין זיין לעבען און דאָך האָט ער אַנדערע חלומות אויך...

ער האָט חלומות פון אַנדערע וועלטען, וועלכע ער זעהט שטענדיג.

ער זעהט יענע ליכטיגע וועלטען, אַזוי ווי ער זעהט די פינסטערע וועלט, וועלכע ווערט נאָר מאָמענטענווייז בעלויכטען דורך טרוימער און ליכט-טרעגער...

ער זעהט יענע וועלטען. ער לעבט שטענדיג מיט זיי און אין זיי. ער טראָגט זיי מיט זיך. ער טראָגט זיי אין זיך.

ער קומט מיט זיי צו מענשען און וואו ער קומט און וואו ער קעהרט זיך ברענגט ער ערלייכטערונג און פערבעסערונג.

אַלע מענשען זענען אונגליקליכע און פינסטערע. מען דאַרף זיי שאַפען האַטש מינוטען פון האָפנונג און גליק.

די וועלט איז פינסטער. אַזוי איז זי געוועזען, אַזוי איז זי, אַזוי וועט זי זיין.

מען קאָן די וועלט נישט אומענדערן. אַזוי איז זי בעשאַפען געוואָרען. פון בלוט און טרעהרען מוז די ערד אָנגעטרינקען זיין...

וועה איז דעם, וועלכער מיינט די וועלט אומבייטען. עס ווערט אומגעביטען די אָרדנונג, עס ווערט אָבער נישט אומגעביטען די וועלט. עס בלייבט אימער דאָס זעלבע. אַלעבען פול השך און עלענדקייט. —

וועה איז דעם קעמפער! ער מיינט ליכט ברענגען און מאַכט גרעסער דעם חשך, ער מיינט גוטס טהון מענשען און טהוט זיי נאָר שלעכטס, ער מיינט טרעהרען אָבווישען און בלוט און טרעהרען ערפילען אַלץ מעהר און מעהר די ערד...

עס אירט זיך דער קעמפער! ער מיינט, אַז מען קאָן די ערד פאַר אַ גן-עדן מאַכען. אַ שרעקליכער טעות! די ערד האָט גאָט

פערשאלטען. עס איז דא נאר א נארט פון צרות און פון פיין —

דער גן־עדן איז דארטען, אין יענע, יענע עולמות, וועלכע אלע נביאים און מיסטיקער האבען געזעהן —

זיי, די קלאהר־זעהער, האבען זיך אבער אויך פיעל געאירט. זיי האבען אין יענע עולמות אויך א גיהנם געזעהן. זיי האבען די וועלט אין יענע וועלטען אריבערגעטראגען....

א מאוס'ער טעות! קיין גיהנם איז שוין מעהר נישטא. די וועלט — דאס איז דער גיהנם. מעהר שרעקליך ווי דאס גיהנם פון דער וועלט קאן שוין נישט זיין!...

צו וואס זאל גאט נאך א גיהנם בעשאפען, האבענדיג אזא טייערען גיהנם דא?....

דארטען איז נאר גן־עדן. אלע מענשען האבען גן־עדן. אלע גלייך, גוטע און שלעכטע, זינדיגע און נישט זינדיגע — אלע האבען זיך אויף דער וועלט געפייניגט און אלע מוזען דארטען א רוהע געפינען.

אלע געהען אין גן־עדן אריין, נאר נישט אלע האבען איין גן־עדן. יענע עולמות זענען אהן א שעור, יעדער מענש לעבט אין אנדערע עולמות.

יעדער האט א גן־עדן נאך זיינע פארשטעלונגען און שטרע־בונגען אויף דער ערד...

דער מוסולמאנער האט זיך זיין גן־עדן, דער קריסט האט זיין גן־עדן, דער יוד זיין גן־עדן...

דאס איז אין כלל. אין פרט האט זיך אבער יעדער בעזונדער זיין גן־עדן לויט זיינע פארשטעלונגען, איבערלעבונגען און חלומות...

יעדערענס גן־עדן איז א מעין פון זיין אינערליכסטען וואונש, פון זיין טיעפסטער און שטארקסטער שטרעבונג. —

אויף דער וועלט זענען אומזיסט אלע וואונשען און שטרעבונ־גען. זיי זענען נאר אויף צו פייניגען.

און נאך ערגער: אויף דער וועלט האט גאר דער מענש זעהר אפט א פאלשע פארשטעלונג פון דעם וואס ער וויל און צו וואס ער שטרעבט. ער רעדט דאס, טהוט דאס, זוכט דאס, אין דער טיעפע־ניש פון זיין נשמה אבער שטרעבט ער גאר צו עטוואס אנדערש —

און נישט וויסענדיג אליין, וואס ער וויל און נישט קאנענדיג ערפילען זיין אינערליכען וואונש איז דער מענש פול ליידען און

צאָרן און גייעסט אויס זיינע ליידען און צאָרן אויפ'ן צווייטען מענשען, אויפ'ן צווייטען עלענדען און אונגליקליכען...

דאָס אינערליכסטע און דאָס טיעפסטע אין מענשען וועט אָבער דאָרט ערשט לעבען, דאָרטען וועט עס אַנאָרט געפינען, דאָרטען וועט עס ערקענט ווערען, דאָרטען וועט עס אַרוהע האָבען.

די מענשען זענען אונענדליך פערשיעדען אין זייערע נשמות, אין זייערע טיעפסטע שטרעבונגען און האָפנונגען און דעריבער זענען אַזוי אונענדליך פערשיעדען די מינים פון גן־עדן...

אַליין וואָלט ער וועלען זיין אין דעם גן־עדן, וואו זיין זיידע זיצט. ער איז זיכער, אז זיין זיידע האָט אַזא גן־עדן ווי ער האָט זיך געוואונשען.

ער וואָלט וועלען שפּאַצירען מיט'ן זיידען פון היכל צו היכל, אַריין אין היכל פון אַלטען רבּ, פון דאָרטען צום מעזעריטשער, דאַן צום בעל־שם, צום אַריי", און אַזוי ווייטער און ווייטער, העכער, און העכער. ער וואָלט אַריין אין היכל פון קן־צפור, דאַן אין היכל משיח, ער וואָלט וועלען משיח'ן זעהען און פרעגען איהם: ווען קומסטו?

ער וואָלט וועלען געהן פון השגה צו השגה, פון מדרגה צו מדרגה, אַלץ העכער און העכער אין רוחניות ביז ער זאָל בטל ווערען אין אין סוף, אַזוי ווי דער שטראַהל פון זון אין דער זון...

זיין נשמה איז אָבער זעהר טיעף און אומפּאַסענד. ער קאָן אַלץ משיג זיין, ער קאָן אַלץ מיטפיהלען.

ער פערשטעהט דעם גלויבען פון אַנדערע, די האָפנונג פון אַנדערע —

ער פערשטעהט דאָס גלויבען פון אַנדערע, די האָפנונג פון טרויעריגען ניגון אין בית־המדרש פאַר הבדלה.

עס דרעהען זיך אַרום יודען — שאָטענס, עס שוועבט אין לופט די קדושה פון שבת און די דאגות פון דער ניי געבוירענער וואָך...

ער פערשטעהט דעם טרויער פונ'ם קאַטאָליק בעת ער קניעט זיך אין קירכע, הערט צו קולות פונ'ם אָרגאַן, הויבט אויף די אויגען פול טרויער צו דער הייליגער מוטער....

ער פערשטעהט דעם טרויער פונ'ם מוסולמאַנישען וועכטער, וואָס שטעהט דאָרטען הויך, הויך אויפ'ן שפּיץ פונ'ם מעטשעט

און זינגט זיך זיין טרויעריגען, מאנאטאניגען מזרח-ניגון...

ער פערשטעהט אלץ און פיהלט אלץ. ער פערשטעהט אלע שוואכהייטען פון מענשען, אלע שמערצען און ליידען, אלע פערבארגענע האפנונגען...

און ליעב האט ער אפט מאל זיין אויפין וואקזאל פון איינעם פון די גרעסטע שטעדט, אויסזוכען עפעס א זייטיג ווינקעלע, אנלעהנען זיך אויף זיין ארים קערבעלע און קוקען אין פנים אריין אלע אלע מענשען, וואס געהען פארביי.

טויזענדער מענשען דרעהען זיך אום הין און הער, טויזענדער מענשען פון פערשיעדענסטע נאציאנען, קלאסען, שיכטען, פערשיעדענסטע האראקטערען, פערשיעדענסטע נשמות, פערשיעדענסטע האפנונגען...

וועלטען גאנצע געהען פארביי איהם דורך, וועלטען פול בענקשאפט און ליידען, וועלטען פון נישט ערפילטע האפנונגען, פון אבגענארטע חלומות —

אין איין מאמענט זעהט ער זיי אלעמען קליין און גרויס, שען און מאוס, ער זעהט זיי אין גאנצען. ער זעהט די נשמות זייערע, זייער בענקשאפט, זייער גלויבען, זייער עבר, זייער עתיד, זייערע פריהערדיגע דורות, זייערע קינפטיגע דורות...

ער ווייס, פון וואסערע וועלטען זיי קומען און אין וואסערע וועלטען זיי וועלען פערשווינדען —

ער פאסט עס אלץ אום אין איין אויגענבליק און פיהלט אז אזוי איז עס אייביג געווען, אזוי וועט עס אייביג בלייבען. מען קאן עס נישט אומבייטען. דאס איז דאס לעבען...

און אן אומגעהויער רחמנות און די שטארקסטע ליעבע ערפילען איהם און ער געהט ווייטער זיין וועג...

מען קאן גאר נישט אומבייטען. מען קאן אבער מאמענטענווייז ליכט ברענגען, מען קאן גוטע בשורות ברענגען פון יענע וועלטען...

II

און ער קומט צו יעדען אונגליקליכען, דערצעהלט איהם פון יענע גוטע וועלטען, מאכט איהם גרינגער מיט וואס ער קאן, גיעט איהם גלויבען און האפנונג...

פריי שפילט דער ווינד הינטערן שטאדט. קיינער שטערט איהם נישט. ער בעוועגט אלעס ארום. עס רוישען די בוימער. עס ציטערען די בלעטער. עס טראגען זיך אין לופטען שטיקלעך אב־געבראכענע צווייגען, פערוועלקטע אראבגעפאלענע בלעטער, פער־דארטע אבגעריסענע גרעזלעך. עס קומען אן חואליעס ווינד פון ווייטע ערטער און דערציילען עפעס ווייטע, ווייטע מעשיות, ברענגען געריסען פון ווייטע, ווייטע וועלטען....

ארום בערגעל שטעהען צוויי עלענדע בוימער. דער ווינד האט זיי עפעס א נאכריכט געבראכט, פון וועלכער זיי זענען פערצטערט געווארען. לאנג, לאנג האבען זיי מיט'ן ווינד געשמועסט. עס וויינט וויינט דער ווינד...

יוסף האט דאס וויינען דערהערט. א שוידער האט איהם דורכ־גענומען. ער איז פון בערגעל אראב געלאפען און איז אויפ'ן ברייטען פעלד ארויף.

ער לויפט און דער ווינד יאגט איהם נאך, דרינגט דורך זיין ארעם אויבער־קלייד, נעהמט איהם ארום פון אלע זייטען, ארעמט איהם אום מיט גרויס קראפט, רוימט איהם זיינע סודות אין אויער איין...

הונגער און קעלט, אנגסט און פיין, די אכזריות פון די שטארקע, די קנעכטשאפט פון די שלאפע, פאלשקייט און נידערטרעכטיגקייט, ערביטערונג און פערצווייפלונג, פרעמדקייט און עלענדקייט אהן א סוף..

שטארקער און שטארקער ווערט דאס געוויין, שרעקליכער און שרעקליכער ווערען די סודות...

און דאס געוויין גערט איבער אין אן־אונגעהויער קלאגען. עס קלאגען הימעל און ערד. עס קלאגט אלץ, וואס איז בעשאפען געווארען.

און דאס קלאגען גערט איבער אין א שרעקליכען וואוט. עס שטעהט אלץ אויף געגען דעם הערר פון דער וועלט...

דער ווינד הויבט אן רייסען די בוימער פון ווארצעל. עס ריהרען זיך די בערגלעך פון ארט. עס טאנצען רוחות...

מען הערט נאר דעם שטורם, מען זעהט נאר די פינסטערניש...

ער הויבט אויף די אויגען, זוכט די שטערען, זוכט יענע וועלטען. אלעס, אלעס איז פערשוואונדען געווארען. די פינסטערניש האט אלעס איינגעשלונגען.

עס וויל אַלעס חרוב ווערן, אַלעס וויל תוהו ובוהו ווערן.

עס מישען זיך ביי איהם די געדאַנקען. עס פלאָנטערען זיך ביי איהם די חלומות. די חלומות פון דער וועלט און די חלומות פון יענע וועלטען טאַנצען צוזאַמען...

אָט זעהט ער זיי, אָט זעהט ער יענע ליכטיגע וועלטען, אָט בעלייכטען זיי אַלעס אַרום איהם און אין איהם, אָט זעהט ער די וועלט, די היגע חלומות, די ערדישע האָפנונגען און אַלעס פאַלט אין איין אָבגרונד אַריין...

אָט זעהט ער זיך אַ קליין יונגעלע, זיצט ביי'ן זיידען אין סוכה. די סוכה אַרומגעשלאָגען מיט שענע אויסגעמאָלטע פאַרהאַנגען, עפּעל הענגען אַראָב. דורכ'ן גרינעם סכך זעהט זיך דער בלויער טיעפער הימעל. דער זיידע טראָגט אַריין דעם אתרוג אין סוכה. דער אתרוג אַ „מהודר", דער לולב — אַ בחור. פון אַ שענער זילבערנער כלי קוקט דער אתרוג אַרויס מיט אַ בעזונדער הדרה. אַ זונען־שטראַהל דרינגט דורך דעם גרינעם סכך און פאַלט אויפ'ן זיידענס גרויע באָרד. דער זיידע רופט אַלע הייליגע „אושפיזין", זיי זאָלען צו איהם אין סוכה קומען און איז מתפלל, אַז די סוכת דוד זאָל אויפגעשטעלט ווערען...

עטליכע עלטערע חסידים זיצען ביי'ן זיידען אין סוכה. מען רעדט אַז היינט איז די סוכת דוד אין גרוים שפלות, באַלד וועט זי נתעלה ווערען. מען זעהט שוין טאַקי עקבא דמשיחא...

שטאַרקער האָט די זון אָנגעהויבען שיינען און גאָרבען שטראַלען זענען אין סוכה אַנגעקומען.

ליכטיג איז דעם זיידענס פנים געוואָרען, אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען האָט זיך אַ געטליך פייערל בעוויזען, דאָס שטריימעל אויפגעהויבען, עס זעהט זיך דער גרויסער שטערן, עס איז מאיר דער צלם אלהים...

אַ צווייטעס בילד לויפט דורך. ער זיצט ביי'ן גוטען יודען אין ל. און הערט חסידות.

פאַר הבדלה. דער צימער פול שאָטענס. זיי רירען זיך נישט. זיי בעוועגען זיך נישט. אַלעס וואַרט.

עס בעוועגט זיך קוים איין שאָטען. עס הערען זיך שטילע טיעפע ווערטער.

... און אַז אַלע וועלען דערקענען, אַז „כי הוא חיך", אַז יה

איז דאָס גאַנצע הוות און הויז איהם איז נישטאָ קיין הוות... כי הוא חיך, צפילו אין אַלע קליפות איז אויך זיין הוות און נאָר זיין הוות...

און אַז אַלע קליפות וועלען עס דערהערען וועלען זיי בטל ווערען במציאות. כהמס דונג מפני אש...

און אַז עס וועלען בטל ווערען די קליפות וועט שוין דער שם אלהים נישט דאַרפען פּעסטשטעלען דעם שם הויה...

און אַז עס וועט מאיר זיין דער שם הויה בשלימות וועלען אַלע העליונים ותחתונים דערזעהען עצמות אלהות...

שטאַרקער און שטאַרקער בעוועגט זיך דער שאָטען, הייליגער און סודענדיגער ווערען די ווערטער, עפּעס ווי פון פינסטערען שטח הויבען זיך אָן הערען שטילע טיעפע זיפצען, אָבגעריסענע שטיקלעך נגונים...

און איין אונגעהויער הימעל-טרויער דערפילט אַלעמען, עס רייסט איהם אַליין, צו דעם קוואַל, צו דער איבּיגער זון...

עס איז שוין לאַנג נאָך הבדלה. פון גאַס הערען זיך וואָכענדיגע קולות, קולות פון דער וועלט, עס קלינגען די שליסלען, מען עפענט די קראָמען, עס פאָהרען פוהרען, עס הויבט זיך אָן דער וואָך-קריעג...

און דאָ אין צימער איז נאָך אַלעס איינגעהילט אין פינסטערע שאָטענס, עס הערען זיך נאָך די הימעל-ווערטער, עס שוועבט נאָך די נשמה יתרה, די קליפה קאָן נישט אַריין אַהער...

דאָרטען רוישט עס און עס קלאַפּט און עס שפּיעלען אַלע תאוות, דאָ ווערען בעשאַפען פליגלען און עס טראָגט זיך אַריבער און אַריבער אַלע זיבעצן הימלען, אַריבער און אַריבער אַלע היכלות...

אונזער אידעאל.

I

ניט נאָר די תּ ו ר ה האָט אין זיך נגלה און נסתר, נאָר אויך יעדער געדאַנק, יעדעס אידעאַל, יעדער טרוים.

יעדער וועלט־געדאַנק האָט זיין קערפּער און זיין גייסט. די ברייטע פאָלקס־מאַסען זעהען דעם קערפּער, די טיפערע זעהען די נשמה.

לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק. די ברייטע פאָלקס־מאַסען זעהען זיין קערפּער: עס וועט ניט זיין קיין הונגער און קיין נויט, קיין שקלאַפערײַ און קיין דרוק.

די טיפערע, פערשטעהענדיג גוט די תורה פון זייער רבין, אַז נאָך דער קעניגרייך פון דער נויטווענדיגקייט מוז קומען די קעניגרייך פון פרייהייט, בעגרייפען שוין דעם אידעאַל אַזוי: די פ ע ר זאָ ן וועט בעפרייט ווערען פון אויסערליכען דרוק און וועט קאָנען פריי שאַפ ע ן.

אונזער נאַציאָנאַלער אידעאַל, אונזער שטרעבונג צום פאָלק און לאַנד האָט אויך זיין נ ג ל ה און זיין נ ס ת ר...

וועגען זיין נגלה האָט מען שוין אַ סך גערעדט, וועגען זיין נסתר וויל איך איצט אַ פּאָר ווערטער זאָגען.

צייט צוויי טויזענד יאָהר, אַז מיר זענען אין גלות. מיר זענען אַזוי געוואָהנט צום וואָרט „גלות“, אַז מיר פערגעסען גאָר אָפּט, וואָס דאָס הייסט אייגענטליך.

גלות הייסט קודם כל, אַז דאָס יודישע פאָלק לעבט צייט צוויי טויזענד יאָהר אין די פערשיעדענסטע לענדער פון דער וועלט,

רעדט אויף די פערשיעדענסטע שפּראַכען פון דער וועלט, נעהמט איבער מנהגים און דעות פון אַלערליי מענשען און פעלקער, — דאָס אַלעס האָט געמאַכט דעם יודען פאַר אַ וועלט־מענשען, פאַר אַ פערמיטלער, אַמאָל זאָגאַר אויך פאַר אַ ליכט־טראָגער, פאַר אַ השכלה־פרסור; אין דער זעלבער צייט האָט זי איהם אָבער אויך געמאַכט אומפעהיג צו שאַפען עטוואָס אָריגינעלעס, עטוואָס וואָס זאָל זיין זיינס און נאָר זיינס.

אַזוי ווי דער, וואָס האָט פיעל געטער האָט קיין איין אמת'ן גאָט נישט, אַזוי האָט אויך דער, וואָס האָט פיעל שפּראַכען קיין איין שפּראַך נישט, דער וואָס האָט פיעל לענדער, קיין איין לאַנד נישט.

אַ מענש פון דער ערד, אַ געוועהנליכער, אַ נאָרמאַלער, אַ מענש, וואָס האָט זיין לאַנד, זיין שפּראַך, זיין בעשטימטע נאַציאָנאַליטעט, זיין בעשטימטע סביבה, — ווערט צונויפגעוואַקסען, פעראייניגט מיט דעם אַלעמען, עס געהט אַלעס אַריין ביי איהם אין בלוט און פלייש, אַלעס ווערט ביי איהם פערוואַנדעלט אין לעבענס־אינסטינקטען.

אָט די לעבענס־אינסטינקטען געהען אַריבער בירושה מדור לדור, זיי שטאַרקען זיך, זיי ווערען טיעפער. זיי ווערען אויסגעעדעלט, פערפיינערט, ביז עס שאַפט זיך אַ געוויסע פאָלקס־קולטור.

דער יוד לעבט אָבער לגמרי אַנדערש. ער בעשעפטיגט זיך נישט, סירוב, מיט דעם, וואָס זיינע עלטערען האָבען זיך בעשעפטיגט; זיינע אייגענע בעשעפטיגונג מוז ער אויך טוישען אַלע ווייל. ער איז נישט צוגעוואַקסען צו קיין בעשטימטען אָרט און צו קיין בעשטימטען לאַנד: ער איז געצוואונגען זיי שטענדיג צו טוישען. מען טרייבט איהם פון איין אָרט מוז ער לויפען אין אַן אַנדער אָרט.

דער יוד ווערט אַלזאָ אַ בירגער פון דער גאַנצער וועלט, ער האָט אָבער קיין איין אָרט נישט, וואו זיין נשמה זאָל אַ רוהע געפינען.

דער יוד ווערט טאַקי פעהיג צו אַלץ, ער בעגרייפט אַלץ, אַלע קולטורען, אַלע שפּראַכען, אַלע אידעאַלען, ווייל ער איז צו קיין אָרט נישט צוגעבונדען און ווייל ער האָט אין זיך קולט געוועזען פערשיעדענע שפּראַכען, פערשיעדענע קולטורען.

אין דער גרויסער מעלה איז אָבער פאַראַן יעדה אַ גרויסען

חורבן. ער נעהמט צו אַלעס גיך און שיידט זיך פֿון אַלעס גרינג, „כּפֿולעו כּך פּולטו״, ווי דער תּלמוד זאָגט: קיין זאַך איז נישט זײַ נגע, נישט פֿון זײַן ערד און נישט פֿון זײַן שפּראַך און קולטור האָט ער עס גענומען.

אמת, מיר האָבן זעהר אַנאַלטע, רײַכע ירושה, אָט יענע אַלטע רײַכע ירושה גיעט אונז מוט און לעבן צײַט טויזענדער יאָהרען. אָט יענע אַלטע ירושה האָט אין אונז אַנאײַביגע בענקשאַפֿט פֿערפֿלאַנצט, אַנאײַביגע שטרעבונג, אַנאײַביגע זוכעניש, מיר זוכען אונזער שכינה, אונזער משיח.

מיר מוזען אָבער געדענקען, אַז אפילו גײַסטיגע גיטער, ווען זיי ווערען נישט ערפֿרישט אַלע ווײַלע, שעפּען זיי זיך אויס, ווערען ווייניגער און שוואַכער פֿון יאָהר צו יאָהר, פֿון טאָג צו טאָג —

און אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען זעהען מיר בחוש, אַז מיר ווערען אָן פֿון טאָג צו טאָג די אַלטע ירושה אונזערע, עס ווערט אָבגעריסען פֿון אונז מיט געוואַלד אַליץ, וואָס האָט אונז פֿערבונדען מיט דער נבואה און אַליץ, וואָס עס האָט אונז געגעבען האָפֿנונג, אַז די נבואה וועט זיך צו אונז אומקעהרען.

דער יוד אין זײַן גײַסטיגען לעבען, איז אַלזאָ געבליבען אַ קרח מכּאן וקרח מכּאן. די פֿרעמדע געטער דיענט ער נישט און קאָן זיי נישט דיענען ערנסט, האָטש ער פֿערשטעהט זיי און בעגרייפֿט זיי און זײַן אייגענעם גאָט פֿערגעסט ער פֿון טאָג צו טאָג.

ער איז געבליבען אַלזאָ אַמין גרינגע בעשעפֿעניש, אַ בעשעפֿעניש, וואָס איז פֿיעל-פֿאַרביג, וועלכע האָט אָבער אין זיך קיין כּח החיים נישט, אַ בעשעפֿעניש, וואָס ווייס נאָר, אַז איהר פֿעלט עפּעס, און וואָס איהר פֿעלט ווייס זי נישט.

מיט דער צײַט וועט דאָס אויך פֿעהלען: דער יוד וועט זאָגאַר אויפֿהערען מרגיש זײַן, אַז איהם פֿעלט עפּעס. ער וועט אויפֿהערען בענקען, ער וועט אויפֿהערען שטרעבען צו אַ בעסערע צוקונפֿט.

און אויב עס וועט אַזוי ווײַטער געהן, אויב דאָס יודישע לעבען וועט נישט אַריבער געטראָגען ווערען אין אַ אייגענעם צענטר, אויף אַנאייגענער פֿרײַער טעריטאָריע, אויב דאָס יודישע פֿאָלק וועט נישט זײַן אַ פֿאָלק ווי אַלע פֿעלקער, דאָס הייסט אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַ לאַנד און איז צוגעבונדען צו זײַן לאַנד, לעבט מיט איהם, אין איהם, און ליידט מיט איהם, שעפּט פֿון איהם נחמה און רוח

הקודש, וועט ער ווערן אַלץ איבערפֿלעכלעכער, גרינגער, גייסטיק־נידעריקער.

מען שרעקט אונז מיט אַסימילאַציע — דאָס איז אַוודאי אַ גרויסע צרה, פֿאַראַן אָבער נאָך אַ גרעסערע צרה, דאָס איז דאָן, ווען דער ייִד איז גאָר נישט.

שלעכט איז ווען דער ייִד וועט ווערן אין דײַטשלאַנד — אַ דײַטש, אין פֿראַנקרײַך — אַ פֿראַנצויז,

נאָך ערגער איז אָבער, אַז ער וועט גאָר נישט ווערן.

זאָגט איר: ער וועט אַ מענטש ווערן אַ סתם־מענטש, האָט איר אַ מוראדיקן טעות. קיין סתם־מענטשן זענען נישטאָ, סתם־מענטשן, וועלט־בירגער, קאָנען זײַן נאָר יחידים, אָבער נישט די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, זיי מוזן שטענדיק עפּעס זײַן.

„די נאַטור קאָן נישט אַריבערטראָגן קיין פּוסטקייט" — גרויסע פֿאָלקס־מאַסן קאָנען נישט אַרומשוועבן גלאַט אין עולם התהו, זיי וועלן מוזן אַלזאָ אַ קערפּער האָבן, אַ לבוש האָבן.

עס וועט אַלזאָ אַזוי זײַן: ייִדן וועלן זײַן חסן, דײַטשן, פֿראַנצויזן, ענגלענדער, יאַנקעס, נאָר שלעכטע, שוואַכע, אויבערפֿלעכלעכע.

אַ מין אָפּשפּיגלונג פֿון דעם האָט איר אין יענע ייִדן, וועלכע פֿײַערן קריסטלעכע ימים טובֿים, מאַכן קריסטוס־בוימער — קאָן מען דען רעכענען זיי פֿאַר קריסטן? אַוודאי נישט.

זענען זיי דען ייִדן? אַוודאי נישט.

סתם מענטשן אויך נישט — סתם מענטשן האָבן נישט צו טהון מיט ספּעציעל רעליגיעזע ימים טובֿים. אַלזאָ וואָס דען? — עלענדע אַפֿן, וואָס מאַכן נאָך און ווייסן אַליין נישט, וואָס זיי טהוען.

אַזוי גייט עס, אַהין פֿירט דער גלות, ווײַטער, ווײַטער וועט אַלץ ערגער און ערגער זײַן, ווען די ייִדישע נשמה וועט נישט בעקומען אַ גוף; ווען די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעע וועט נישט בעפֿעסטיגט ווערן אין אַ פֿרײַ־לאַנד און אין אַלע גלות־לענדער.

דאָרטן וועט דער ייִד אויף אַן־אמת זיך ערקענען, ער וועט שעפּן זײַן גייסטיג־לעבן, זײַן גלויבן, זײַן האָפֿן, פֿון וואַנען אַלע שעפּן: פֿון זײַן לאַנד.

II

אמאל פלעגט מען אזוי זאגען: אלעס וואס איז אויף דער ערד איז בעשאפען געווארען פון דער ערד, אלעס וואס איז אין הימעל איז בעשאפען געווארען פון הימעל.

היינט זאגט מען אנדערש: אלץ האט דיר די ערד געגעבען, דיין גוטס, דיין שלעכטס, דיין פרייד, דיין טרויער, דיין פערגניגען, דיין ליידען, דיין גלויבען, דיין האפען, דיין שטרעבען. די מוטער ערד גיעט אלעס, אפילו דאס, וואס דו הופסט אין קלוישען, ריין, הייליג. די ערד שאפט ניט נאר דאס, וואס מען רופט אין „ערד-זאכען", נאר אפילו דאס, וואס מען רופט אין „הימעל-זאכען".

דער גרעסטער דענקער אין דיכטער פון דער לעצטער צייט זאגט דעריבער: „איך בעשווער אייך: בלייבט אימער טריי דער ערד און דעם זין פון דער ערד".

אמאל פלעגט מען אזוי זאגען: דו האסט אין זיך גוף און נשמה. דיין גוף האט אנדערע בעגעהרען, די נשמה — הימעל-זאכען, דיין גוף ציהט דיך אראב, אין דער נידער, דיין נשמה ציהט דיך ארויף, אין דער הויך, דיין גוף מאכט דיך שווער, דיין נשמה גיעט דיר פליגלען.

דאס גאנצע אלטערטום האט אזא בעגריף פון גוף און נשמה. עס גיבען נאר פערשידענע מיינונגען וועגען די פערהעלטניסע צווישען גוף און נשמה. אין אלגעמיינע האבען מיר צוויי וועלט-דעות: די יודישע און קריסטליכע דעה, וועלכע זאגט, אז גוף און נשמה זענען צוויי אייביגע שונאים, ווען עס שטארקט זיך איין צד ווערט שוואך דער אנדער צד, ווען עס שטארקט זיך דער גוף, קלאגט די נשמה, ווען עס שטארקט זיך די נשמה, מוז דער גוף אונטערגעהן („חולשא דגופא תוקפא דנשמתא"); און די צווייטע דעה, די אלט גריכישע, וועלכע זעהט אין גוף און נשמה אייביגע גוטע פריינד, וואס ערגענצען איינע די צווייטע, ערפילען איינע די צווייטע (א געזונדע נשמה אין א געזונדען גוף).

מיט די צוויי וועלט-דעות, וועלכע געהען זיך פונאנדער זעהר ווייט איינע פון דער צווייטע, אזוי ווייט, אז זיי בילדען צוויי בעזונדערע וועלט-אנשויאונגען, וואס זענען פאלקאמע קאנטראסטען, דאס יודענטהום און דאס גריכענטהום, האבען זיך אין זיך עטוואס

געמיינזאמעס: אין טיעפען גרונד ערקענען ביידע דעם דואליזם, די צווייטשפאלטונג פון גוף און נשמה, זייער בעזונדער טבע, זייער בעזונדער מהות, זייער בעזונדער אורשפרונג. דער חלוק איז נאר דאס, וואס די ערשטע, די יודען, זעהען דעם צוזאמענשטויס צווישען גוף און נשמה, די זייטען וועלכע טרענען זיי, שיידען זיי, שטעלען זיי אויף איינע געגען די צווייטע, און די צווייטע, די גריכען, זעהען די זייטען, וועלכע פעראייניגען זיי, פערגלייכען זיי. די יודען זעהען קאנטראסטען, די גריכען זעהען — פאראלעלען.

היינט זאגט מען אבער גאר אנדערש: אלעס איז איינעס: עס איז נאר „מענש", נישטא קיין קאנטראסטען פון גוף און נשמה. דו האסט אין זיך נאר אלס מענש פערשיעדענסטע נייגונגען און שטרעבונגען. דער מענש, וואס אין דיר איז, אליין איינס רופט עס גוף צי נשמה, בענקט, זוכט, גלויבט, האפט, שטרעבט צו א בעסערע צוקונפט, שטרעבט צו פערפיינערען און פערבעסערען דאס לעבען, צו פערבעסערען די בעדינגונגען פון לעבען.

אט דער גרויסער דענקער און דיכטער, וועלכער האט בעשווארען, מ'זאל דער ערד טריי בלייבען, דריקט זיך נאך שארפער אויס: דאס וואס דו רופסט אן נשמה, איז נאר עטוואס, וואס ביי דיר איז אין גוף.

און אזוי ווי ער בעשווערט אימער טריי בלייבען דער ערד, אזוי בעשווערט ער אימער טריי בלייבען דעם גוף, דען דער גוף איז איבער אלעס, ער איז דער „גרויסער איך", דער וואס שאפט אלע ווערטען, דער וואס איז דער מקור פון אלעס שענעס און גראנדיעזעס אין לעבען און שעפפונג.

דאס איז נישט דאס, וואס מען רופט געוועהנליך אן „עקאנאמישער מאטעריאליזם", דאס איז זאגאר נישט דאס וואס מען רופט אן „מאטעריאליזם" אין אלגעמיין.

„דער זין פון דער ערד", ווי מיר פאסען עס אויף, לייקענט נישט אב דאס גייסטיגע, דאס איביגע, דאס געטליכע. אדרבא! ער מיינט נאר דאס העכסטע, דאס טיעפסטע אין וועלט און מענשען, נאר אויף דעם ארט פון הימעל זעהט ער — ערד. מיט אנדערע ווערטער: ער וויל דעם הימעל אויף דער ערד אראבטראגען. ער וויל אז די ערד, אט די „פינסטערע ערד", ווי מען פלעגט אמאל זאגען, זאל הימעל ווערען.

ער וויל נישט פערניכטען די נשמה אין מענשען, נאר, אדרבה, ער וויל די נשמה צום גוף אראפפיהרען, ער וויל, אז דער גוף זאל נשמה ווערען.

איך וויל דא נישט זעהר וויט פערגעהן אין ערקלערונגען און בעטראכטונגען פון פערשיעדענע וועלט־פראבלעמען, איך מוז אבער דא אנצייכנען, אז האטש אפילו די דערמאהנטע וועלט־אויפפאסונג איז אביסעל צו איינזייטיג, און זי זעהט נישט איין, אז מען קאן דאך נישט אלעס פון איהר ארויספיהרען און אלץ צו איהר צופיהרען, דאך איז זי אין גרויסען טייל — דער אמת אליין.

אמת: מען מוז פיעל טיעפער אריינדרינגען אין די וועלט־געהיימניסע און מען מוז אמאל צולאזען די בעריהרונג פון מענשען אין געוויסע גרויסע מאמענטען מיט אנדערע וועלטען, העכערע וועלטען, מיט איבער־ערדישע וועלטען, מיט יענע סודות וואס, ווי ווי שעקספיר האט זיך אויסגעדריקט, זענען גאר נישט בעוואוסט די וועלט־חכמים און זיי האבען זיי אפילו אין חלום נישט געזעהן. עס בלייבט דאך אבער אין גרעסטען טהייל אמת, אז די ערד בעשאפט דעם הימעל, אז די ערד בעשאפט דאס שענסטע און דאס הייליגסטע.

„די בעריהרונג פון מענשען מיט אנדערע וועלטען" קומט פאר אין זעלטען־זעלטענע צופאלען, סיי אין לעבען פון כלל און סיי אין לעבען פון פרט, — די ערד בעשאפט אבער דאס שטענדיגע, דאס וואס גיעט דעם מענשענס אלטעס לעבען א זין. זי בעשאפט נישט נאר דאס געמיינע, דאס איינפאכע, נאר אויך דאס גרויסע, דאס שענע, דאס עדעלע, דאס פיינע. זי גיעט דעם דענקער זיין געדאנק, דעם דיכטער — זיין טרוים. זי שאפט דאס ווארט, דאס בילד, דעם אידעאל.

נאך מעהר: ווען עס קומען אפילו אט יענע גרויסע מאמענטען אין מענשענס לעבען, ווען דער מענש ווערט טאקי געפליגעלט און ער פיהלט זיך און זעהט זיך איבער דער ערד און איבער אלע קינדער פון דער ערד, אין יענע מאמענטען, ווען דער מענש ווערט ווירקליך פערבערגענט אין געטליכען פלאם און ווערט איינס מיט'ן אין־סוף — אפילו אט דאס האט די ערד צו געגרייט, זי האט עס נישט געשאפען, זי האט אבער געגעבען דעם מאטעריאל דערצו, זי האט די נויטיגע הכנות געמאכט, זי

דאָס געמיט געהאַט צו בילדען און צו שאַפען, צו ריינינגען און צו אויסלייטערען, צו באַשענגען און בעצירערען ביז זי האָט יענע פערזאָנען אָדער פעלקער בעשאַפען, וואָס זענען אין גרויסע מאָמענטען מוכשר צו מקבל זיין די געטליכע השפעה.

די ערד איז נישט נאָר גרויס און שען, נאָר אויך — היילינג!

שען איז גאָטס ערד, בשעת די זונען־שטראַהלען גלעטען זי און קושען זי, שען איז זי, בשעת יעדעס גרעזעלע, יעדעס בוימעלע שפראָצט און בליהט, שען איז זי, בשעת זי לעכצט און בענקט נאָך הימעל־טהוי, נאָך הימעל־רעגען, שען איז זי, בשעת גאָט בעווייזט זיך איהר אין שטורם, אין דונער, אין בליטץ, שען איז זי, בשעת די שניי־קליידער פערדעקען זי און פערהילען זי. שען איז זי אין יעדער צייט און אין יעדען אָרט, אין בארג און טהאָל, אין פעלד און וואַלד, ווען עס געהט אויף די זון, ווען עס פערגעהט די זון — היילינג איז זי אָבער בעזונדערס, ווען עס רוקען זיך אָן די נאַכט־שאָטענס.

בשעת עס קומט אָן די טיעפע נאַכט און דער מענש דערפיהלט דעם סוד פון אַלעס וואָס לעבט, זוכט און ליידט, אין די טיעפע שטילע מינוטען, בשעת דער מענש איז אַליין מיט זיין געדאַנק, מיט זיין טרוים, מיט זיין נשמה, מיט זיין גאָט, אין יענע שטילע מינוטען שאַפט זיך אַליץ און בויט זיך אַליץ, אַליץ וואָס מאַכט דעם מענשענס לעבען פיין און עדעל, גראַנדיעז און רייך —

און דאָ קומט דאָס לאַנד, די ערד, אויף וועלכער דער מענש זיצט, די ערד וואָס איז זיינע פון פיעל, פיעל דורות, זי, די מוטער זיינע, דערצעהלט איהם איהר ליידען, איהר שמערץ, איהר בענקשאַפט, זי גיעט איהם די בילדער, די שטימונג, און ער טהוט עס אַלעס אָן בלוט און פלייש, און טראָגט עס אין לעבען אַריין, אין לעבען פון זיין פאָלק.

די ווירקונג פון דעם לאַנד, פון אַ געוויסען אָרט, איז אַלזאָ נישט ווי מען פלעגט אַמאָל מיינען (למשל, באָקל און דאָס גלייכען). נאָר אין קלימאַט, נאָר אויך אין אַליץ. זי שאַפט אַליץ וואָס אויף איהר, ווייל זי שאַפט דעם חלום, דעם געדאַנק, די שטימונג.

זי שאַפט נישט נאָר מיט איהר בעזונדער קלימאַט, נאָר אויך מיט איהרע פערשיעדענסטע סיטואַציען, מיט איהרע פערשיעדענס־...

פֿײַזאַשען, פֿערשידענסטע ניואַנסען, פֿערשידענסטע גיטער, פֿערשידענסטע חלומות, וואָס שוועבען אין איהר לופֿט.

דאָס וואָס איין לאַנד גיעט, גיעט נישט דאָס צווייטע לאַנד, דאָס וואָס איין פֿאָלק שאַפֿט — שאַפֿט נישט דאָס צווייטע פֿאָלק. די פֿעלקער נעהמען נאָר איבער איינע בײַ די צווייטע, פֿערשטעהן און פֿיהלען איינע די צווייטע אין אַ געוויסער מאָס; דאָס אָרט פֿון שאַפֿען און אורשפּרונג, איז בײַ יעדעס פֿאָלק אַנאַנדערס.

געטהע און שילער — האָבען געקאָנט נאָר בײַ די דײַטשען זײַן, וואָלטער און רוסאָ האָבען געקאָנט נאָר בײַ די פֿראַנצויזען זײַן, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי האָבען געקאָנט נאָר בײַ די רוסען זײַן, איבסען און ביערענסאָן — נאָר בײַ די נאָרוועגען. דאָס לאַנד שאַפֿט זיי, דאָס פֿאָלק שאַפֿט זיי, זייער פֿאָלקס-נשמה, זייער לאַנדס-נשמה בעגײַסטערט זיי.

אַמאָל, אין אַלטערטהום, פֿלעגט מען עס אָנרופֿען „אלהי הארץ" (דער גאָט פֿון דער לאַנד), די תלמודיסטען נענען עס — דער שר פֿון דער אומה, דער גאָט, פֿון דער אומה, אין דער לעצטער צײַט פֿלעגט מען עס אָנרופֿען: די נשמה פֿונ'ם פֿאָלק.

נאָר ווי מען זאָל עס נישט אָנרופֿען: איינס איז קלאָהר, אַז אַלעס גײַסטיגעס גיעט אַ געוויסעס בעשטימטעס לאַנד, אַלעס שענעס און ערהאַבענעס ציהט זײַן הינקה פֿון די שרשים, וועלכע זענען טיעף טיעף אין דער ערד.

דאָס פֿאָלק, וואָס וויל שאַפֿען, מוז ערד האָבען, מוז אַ לאַנד האָבען.

III

ברידער! אויף אײַער אַרבײַט וואַרטען פֿיעל דורות. נישט נאָר אײַערע קומענדיגע דורות וועט איהר אַ גאולה ברענגען, נאָר אויך אַלע פֿריהערדיגע דורות.

צוליעב וואָס האָבען געלעבט און געליטען אַלע אונזערע הייליגע און גבורים?

צוליעב וואָס האָבען געקעמפֿט און געזיעגט די חשמונאים?

צוליעב וואָס זענען אונזערע קדושים אין פֿײַער געגאַנגען,

און איבערגעטראָגען אַלע ענוים פון מסעי הצלב, אינקוויזיציע, גזירות ת״ה? ניט שוין זשע צוליעב דעם, אַז פון יודישען פאָלק זאָל בלייבען אַ הייפעל שקלאַפען און קבצנים?

ניט שוין זשע האָבען צוליעב דעם אונזערע נביאים הימעל און ערד געשטורעמט, בכדי פון יודישען פאָלק זאָל בלייבען אַמין עלענדע אומגליקליכע מאַסע, וואָס קאָן נישט לעבען און קאָן נישט שטאַרבען?

נישט שוין זשע זענען יודען צוליעב דעם אויפ'ן באַרג סיני געשטאַנען און טראָגען אין זיך איביג, איביג דעם גרויסען אידעאַל פון משיח, פון וועלט-ערלעזונג?

קאָנען דען עטליכע אומגליקליכע קרעכצערלעך און דערשלאָגענע בעלי מלאכות די וועלט ערלעזען?

האָבען דען אויף דערויף געגאַרט אַלע נשמות? האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע גרויסע יודישע הערצער?

האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע יודישע פילאָזאָפען און משוררים?

האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע אונזערע עלטערען?

ווייסען מיר דען נישט, אַז יעדער יוד טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פון משיח?

זאָל דען דאָס אַלעס צו גרונד געהן אינ'ם פינסטערען גלות?

ניין! די לעצטע כחות אונזערע מוזען מיר אָנשטרענגען בכדי צו שאַפען אַ זיכערע היים פאַר די וועלט-וואַנדערער, בכדי צו ברענגען אַ גאולה אַלע נשמות אין אַלע דורות.

זאָל יעדער יוד שווערען מיט'ן הייליגען משורר:

איך וועל נישט שלאָפען, איך וועל נישט רוהען, ביז איך וועל דעם יודישען גאָט איין רוהע-אָרט געפינען!

אין ספרים שטעהט געשריבען, אַז אין יענע הויכע, ווייטע עולמות בלאָנדזשען אַרום פיעל נשמות הונגעריגע און נאַקעטע. דאָרט אין יענע עולמות דאַרף מען האָבען אַנדער ברויט און אַנדערע קליידער: אונזער ברויט און אונזערע קליידער טויגען דאָרטנישט.

יאָ, עס זענען דאָ אַזעלכע עולמות, און דאָרטען בלאָנדזשען אַרום אַזעלכע אומגליקליכע נשמות.

צווישען אָט יענע אומגליקליכע נשמות בלאָנדזשעט אַרום די יודישע פאָלקס-נשמה, אָרים און עלענד, נאַקעט און הונגעריג.

צייט טויזענדער גלות־יאָהרען, אַז זי בענקט און זוכט, ווייגט און טרויערט און שאַפט גאָר נישט ,נישט פאַר זיך, נישט פאַר אַנדערע.

ריכטיגער געזאָגט: זי שאַפט יאָ אי פאַר זיך אי פאַר אַנדערע, זי שאַפט אָבער נישט דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט שאַפען, נישט דאָס וואָס זי האָט געקאָנט שאַפען, זייענדיג פריי....

די „נבואה" — דאָס איז דאָך דאָס טיעפסטע און דאָס אינער־ליכסטע פון דער יודישער פאָלקס־נשמה. און אַקליינע צייט נאָכן חורבן בית ראשון האָט זיך ביי יודען די נבואה אָבגעשטעלט.

און די יודישע נשמה זוכט און בענקט און שאַפט הלכה, אגדה, הקירה, קבלה, הסידות, די ניי־יודישע ליטעראַטור; זי גערט אייער צו לייטען און שאַפט דאָרטען אויף אַלע געביטען פון פילאָ־סאָפיע, וויסענשאַפט און קונסט: זי געפינט אָבער נישט דאָס איהריגע.

און טויזענדער יאָהרען, אַז זי וואַנדערט אַזוי אַרום און קאָן נישט געפינען אַט יענע מעכטיגע ווערטער, וואָס זאָלען צווינגען לייטען שענער און בעסער ווערען — זי קאָן די נבואה נישט געפינען.

די לעצטע צייט פרובט זי עס קינסטלעריש געפינען (ביאַליקס „דברי" און אַנדערע). ווער עס פיהלט אָבער און בעגרייפט די אַלטע נבואה, די אמתע יודישע נבואה, דער פערשטעהט, אַז קינסטלער זענען נישט קיין נביאים, אַז די נייע יודישע קונסט האָט נאָך דער וועלט קיין נייעס וואָרט נישט געזאָגט און קאָן נישט זאָגען, אַז בכדי די יודישע נשמה זאָל קאָנען דאָס איהרס שאַפען דאַרף זי אַנאַנדער גוף האָבען, אַ שטאַרקען, אַ פרייען, אַ ריינעם, אַ געזונדטען, זי מוז ערד האָבען.

ברידער: ערבאַרעמט זיך אויף אייער פאָלקס־נשמה!...

ערנסטע שמועסן. *)

I.

איהר זאָגט: וויינען איז אַ מדה מגונה.

איהר זאָגט: עס קלאָגען די מאַכטלאָזע, די אונגליקליכע.

עס פרעהט מיך זעהר וואָס עס געפינען זיך ביי אונז דאָך העלדען, מוטהיגע קעמפפער, גרויסע נשמות.

בין איך אָבער אַ זינדיגער מענש: עס ווילט זיך מיר אַמאָל זעהן אייער גבורה, עס ווילט זיך מיר אַמאָל פיהלען אייער מאַכט.

שרייבט איהר, רעדט איהר — שמשון, השמונאים, נביאים, משיחים.

שרייבט איהר, רעדט איהר — אייזען, בלוט, לעבען, העלדענטהום, צערשטערונג, אויפלעבונג, שעפפונג.

עס הילכט, עס קלינגט: אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט אַ פראַזע נאָך אַ פראַזע, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַלץ העכער און העכער.

איהר לויפטערט דעם לעקסיקאָן, איהר נעהמט פון איהם אַרויס אַלע ווערטער וואָס האָבען עפּעס אַ שייכות צו מאַכט, צו גבורה, איהר מאַכט פון זיי פראַזען, איהר טומעלט, איהר שטורעמט, איהר באָמבאַרדירט מיט ווערטער.

וואָלט ער געווען, ווי איהר זאָגט, וואָלט אונזער לעבען גאָר וואָלט עס געווען, ווי איהר זאָגט, וואָלט אונזער לעבען גאָר אַזאַ הורבן. עס האָט געדאַרפט זיין לויטער מאַכט, לויטער שטאָלץ.

וואָלט עס געווען ווי איהר זאָגט, האָט ווילנא, למשל, געדאַרפט זיין עפּעס, ווי אַ מין שפּאַרטאַ ביי די אַלטע גריכען....

---

*) מיינע „ערנסטע שמועסען" זענען געווען געווענדעט געגען פערשיעדענע פּאַרטייען. פיעל שטעלען אין זיי טראָגען אַ ג׳אַ ל ג ע מ י י נ עם און סמילא אויך נישט קיין צייטווייליגען כאַראַקטער. און דעריבער גיעב איך דאָ עטליכע פראַגמענטען פון זיי; איך האָב מיך בעמיהט, ווי ווייט מ ע ג ל י ך א י ז, אויסצומיידען די ריין־פּאַלעמישע ערטער. ניט אַלע מאָל אָבער איז עס מ ע ג ל י ך געווען...

איהר רעדט אזוי פיעל פון מאכט. וואו איז אייער מאכט?

איהר האט אזוי פיעל פארטייען, וואס טהוען אייערע פארטייען?

איהר רעדט אזוי פיעל פונ'ם „יודישען פראלעטאריאט". וואו איז ער דער „יודישער פראלעטאריאט"? וואס טהוט ער? וואס שאפט ער? וואס צעשטערט ער? וואס בויט ער?

וואו איז ער, אט דער נייער משיח אייערער? וואו איז ער, אט דער וואס האט געדארפט זיך און דער מענשהייט א גאולה ברענגען?

וואו זעהט מען איהם? וואו הערט מען איהם? מען זעהט איהם נאר בכתב, מען זעהט איהם נאר אין די בראשורען...

אין לעבען זעהט מען עטוואס אנדערש: עלענדע, שוואכינקע, פערהושכטע, פערהונגערטע, פעריאגטע יודען, אלטע און יונגע, אלטע וואס לויפען אין די מנינים, יונגע וואס שפילען זיך אין „פארטייען"...

אלטע און יונגע יודען, וואס פון צרות און עלענד, בטלנות און פוסטקייט, הערען זיי נישט אויף זיך ארומצודרייסען צווישען זיך.

גאט פון אברהם! וואו איז דא די מאכט? וואו איז דא די גבורה?

ווייזט מיר האטש איין טהאט אייערען, ווייזט מיר האטש איין נייעם געדאנק.

איך שטעל נישט קיין גרויסע פאדערונגען:

איין טהאט, איין געדאנק.

ווייזט מיר האטש דעם קלענסטען מופת פון אייער משיח, ווייזט מיר, וואס טהוט ער דער „יודישער פראלעטאריאט"? זאגט מיר, וואס דענקט ער?

זאגט מיר, וואס ווילען אט די אלע „פאלקס-צייטונגען", „יודישע פעלקער", „פאלקס שטימען", „יודישע ווירקליכקייטען", „נייע וועגען" און „ווערטער", „פראלעטארישע געדאנקען" און „פראלעטארישע ווערטער"?

זאגט מיר, וואס גיבען אט די אלע „יודען", „פעלקער" אין „פראלעטאריאטען"?

וואס גיבען זיי דעם אמת'ן יודישען פאלק?

זאגט מיר וואס העלפען זיי? וואס קאנען זיי העלפען?

יא זיי קאנען גארנישט העלפען. וואס רעדען זיי אבער תמיד אזוי ברייט פון פערשיעדענע „אויפלעבונגען" „שעפפונגען" און „גבורות"?

עס איז פארגעקומען די גרויסע שחיטה אין רומעניען. מאכט זיך די „פאלקס-ציימונג“ פון דעם א סתם רעוואלוציע און א מעשה מיט א גמר.

אי וואס ביני לביני איז פון רומעניער אידען א תל עולם געווארען? אי שחיטות, הריגות, קינדער רייסען, לעבעדיגע אידען אין פייער ווארפען און טאנצען דאביי, — וואס געהט עס איהר אן? וואס ארט עס איהר?

בשעת עס איז פארגעקומען די גרויסע אקטאבער-שחיטה אין רוסלאנד האט די „פאלקס-ציימונג“ שטענדיג ערקלערט אלץ מיט „קאנטר-רעוואלוציע“. היינט קומט פאר די גרויסע שחיטה אין רומעניען האט די „פאלקס-ציימונג“ וויטער נאר איין ווארט „רעוואלוציע“.

דאכט זיך, אז די חסידים פון „פאלקס-ציימונג“ האבען אזוי געדארפט זאגען צו זייערע רביים: אויב בשעת קאנטר-רעוואלוציע הרג'עט מען אידען (אלץ איינס: פראלעטאריער און נישט פראלעטאריער) און בשעת רעוואלוציע הרג'ט מען וויטער אידען (אלץ איינס: פראלעטאריער און נישט פראלעטאריער) — אויב די רעאקציאנערע עלעמענטען הרג'ענען אידען, און די „פראגרעסיווע“ עלעמענטען הרג'נען וויטער אידען, אויב פון יעדער קלענסטער בעוועגונג וואס קומט וואו נישט וואו פאר, מוזען טייכען יודישעס בלוט געגאסען ווערען —— מוז דאך א פנים זיין, אז דער מקור פון אלע יודישע צרות ליגט ערגעץ טיפער טיפער פון אלע רעוואלוציעס און קאנטר-רעוואלוציעס צוזאמען.

נאר געוועהנליך זאגען די חסידים פון „פאלקס ציימונג“ צו זייערע רביים גאר נישט. ווען נישט וואלטען זיי, די רביים דאך געמוזט עפעס אמאל טיפער אריינדרינגען אין דער זאך, עטוואס ערנסטער בעטראכטען די יודישע לאגע, עטוואס ערנסטער פערהאלטען זיך צו טויזענדער קרבנות...

געוועהנליך, פערהאלטען זיך די אנדערע יודישע ציימונגען צו דער יודען-שחיטה אין רומעניען עטוואס בעסער. מען פערגעסט אבער דאביי אויך נישט די קלייזלעך מיט די מנינים.

קיינער זאגט נישט דאס, וואס מען דארף זאגען און נישט ווי מען דארף זאגען.

מען רעדט וועגען דער יודען־שחיטה אזוי קאלט, אזוי טרוקען, ווי דא וואלט זיך עפעס האנדלען נישט וועגען אייגענע ברידער, נישט וועגען יודיש בלוט.

וועגען אניאות פון א פראגראמע רעדען אונזערע צייטונגען מיט פיעל מעהר היטץ...

און דארפען דארף מען אט וואס זאגען: כלו כל הקצין!

לאזט אלע פלפולים, לאזט אלע חלומות, קוקט אפען אויף גאטס וועלט.

גרויס איז גאטס וועלט — איהר האט אבער אויף איהר קיין ארט נישט.

שען איז גאטס זון — נישט פאר אייך שיינט זי אבער.

עס קומט דער פריהלינג, עס לעבט אויף גאטס ערד, — איהר האט קיין פריהלינג נישט, איהר האט קיין ערד נישט.

לאזט אלע פלפולים, לאזט אלע נארישקייטען, קוקט אפען אויף גאטס וועלט —

גרויס איז גאטס וועלט — וואס פאר א חלק האט איהר אין איהר?

אייער בלוט טרינקט אן די ערד — די ערד גיט אבער אייך קיין פרוכט נישט.

אייערע קרבנות זענען אומזיסטע, אייערע טרערען זענען אומזיסטע.

און שרייט איהר צו גאט — הערט ער אייך נישט.

גאט איז דער גאט פון הימעל און ערד. איהר האט אבער קיין ערד נישט.

טויזענדער יאהרען איז ביי אייך אין סדור א לאנד געווען, היינט רעדט א טייל פון אייך וועגען א „טעריטאריע".

צו ווייניג ערנסט איז אייער רעדען. טעריטאריע איז ביי אייך אויך מעהר נישט ווי א ווארט, א שפיעל־ווארט, א קריעג־ווארט.

איהר ווארט ביז וואנען עמיצער זאל אייך זי געבען. און דער־ווייל פערנעהמט איהר זיך מיט אלע נארישקייטען...

ניין. אזוי וועט איהר קיין לאנד קיינמאל נישט האבען! אזוי וועט איהר פון אייער גלות קיינמאל נישט אויסגעלעזט ווערען.

אַנדערע מוזט איהר ווערען. גאָר אַנדערש מוזט איהר אויף גאָט'ס וועלט קוקען.

קודם כל דאַרפט איהר אַלע אײַערע עבודות זרות לאָזען, איהר דאַרפט בעפרייט ווערען פון אַלע אײַערע פלפולים, „פּאַרטײַען" און קריגע.

דאַן וועט איהר דערזעהן די גאַנצע עלענדקייט אײַערע, דאַן וועט איהר דערפיהלען דעם גאַנצען יודען־שמערץ.

און איין אונגעהויערער טרויער וועט אײַך ערפילען, אַן׳אונגעהויער בענקשאַפט נאָך ערד, נאָך איין אייגענעם לאַנד.

און איין געדאַנק וועט אין אײַך לעבען טאָג און נאַכט, איין שטרעבונג, איין האָפנונג.

און אײַער געדאַנק וועט טהאַטען זוכען, אמת'ע טהאַטען —

און אײַער פריהלינג וועט אויך ווען נישט ווען אָנקומען און גאָט'ס זון וועט פאַר אײַך אויך אָנהויבען שיינען.

.II

וואָס פאַר אַ מין בריה איז דער יודישער „אינטעליגענט"? — אָט די פראַגע שטעל איך מיר שטענדיג און איך וואָלט וועלען הערען פון אײַך אַ קלאָרע תשובה אויף איהר.

אום מען זאָל קיין טעות נישט האָבען אין מײַנע רעד זאָג איך בפירוש, אַז איך מיין נישט דער אָפיציעלער אינטעליגענץ אונזערער: מכה איהר איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען...

איך מיין אָט די לײַט, וואָס לויט דער מיינונג פון אונזער יוגענד, זענען זיי די אמת'ע אינטעליגענטען.

איך מיין אָט די, וואָס גרינדען בײַ אונז פּאַרטײַען אין זשורנאַלען, שרייבען בראָשורען, אַגיטירען, דיסקוטירען, זענען שטענדיג פערשמעיה'ט, פערטראָגען, קערען עולמו'ת, פיהרען פּאָליטיק, זענען מפקיר זיך און אַנדערע, האַלטען זיך פאַר גואלים פונ'ם „יודישען פּראָלעטאַריאַט", רעכנען, אַז דער וואָס [illegible] טראַכט נישט ווי זיי, איז אַחת דתו להמית.

און שטעל איך מיר אַמאָל פראָסט די פראַגע: וואָס איז, אייגענטליך, אָט דער מר בר רב אשי? וואָס וויל אייגענטליך דער גײַער קאָך־לעפעל? וואָס איז ער דער יודישער „אינטעליגענט"? פון וואַנען נעהמט ער זיך? וואָס ברענגט ער מיט זיך?

און שטעל איך מיר אמאל פראסט די פראגע: וואס איז אייגענטליך, דער יחוס מיט איהם? וואס האט ער אייגענטליך געטהון פאר'ן „יודישען פראלעטאריאט" און וואס קען ער טהון?"

און שלעכטע, שלעכטע געדאנקען קומען ארויף אויפ'ן מוח: אפשר איז ער גערעכט, ער דער הארטער מאקס נארדאו...

מאקס נארדאו האט איהם, דעם יודען-אינטעליגענט מיט עטליכע יאהר צוריק אנגערופען: „דער בעטעל-סטודענט"...

דאמאלס איז ער, דער בעטעל-סטודענט, נאך נישט געווען ענטוויקעלט אינגאנצען, היינט זעהען מיר איהם אין זיין פולען גלאנץ.

דאמאלס האט ער זיך מיט פאליטיק נאך וועניג בעשעפטיגט, היינט איז ער דורכאוים פאליטיק...

דאמאלס איז ער נאך געווען אנ'אפרוה, היינט לאזט ער זיך גוט הערען.

היינט וויל ער זיין דער גאנצער טאן-געבער אין דער יודישער גאס.

ער, דער גלגול פון ישיבה בחור, דער מענש אהן ליעבע און אהן רחמנות, אהן קאפ און אהן הארץ, וויל זיין דער מנהיג הדור, דער איינציגער פארשטעהער פון יודען...

מוז מען דאך איהם אמאל זאגען: מיין פריינד! דו געהסט שוין צו וויים...

ווי בליינד עס זאל נישט זיין דער המון, וועט ער דאך וועט נישט וועט עפענען זיינע אויגען און וועט דאך דערקענען ווער דו ביזט...

ווי שטומפזיניג דער המון זאל נישט זיין וועט ער דאך אמאל ערקענען, אז דער בעטעל-סטודענט קען קיין גבור נישט זיין!

איך ווייס גאנץ גוט, אז עס זענען דא צווישען אונזערע „אינטעליגענטען" מענשען מיט ריינע, שענע נשמות, איך מיין אבער דעם טיפוס אין אלגעמיין.

און דער טיפוס אין אלגעמיין, מוז איך אייך דעם אמת זאגען, איז גאר נישט קיין מהודרדיגער.

פיעל פון אונז שפרינגען קדוש פאר איהם, די גאנצע יו-

דישע פרעסע איז פול מיט איהם, מען זינגט איהם שירות ותשבחות אין אלערליי פארמען, עס איז שוין אבער געקומען די צייט מען זאל איהם אביסעל ערנסטער בעטראכטען.

מען קען נאך איצט אויך נישט זאגען דעם גאנצען אמת: צו גרויס איז נאך זיין שליטה איבער דעם המון. מען קען זיך שוין אבער ערלויבען עטוואס קריטישער פערהאלטען צו איהם: דיכט זיך, אז וואו נישט וואו הויבט אן דער עולם צו זעהן און דענקען.

און אט פאר די וואס ווילען אמאל זעהן א זאך ווי זי איז ווילט זיך מיר ביסלעכוויז, ביסלעכוויז דערצעהלען און ענטדעקען ווער און וואס זענען דאס די גדולי הדור אונזערע, ווער און וואס זענען דאס אט די אלע פאליטיק-מאכער אונזערע, ווער און וואס זענען אט די וואס קומען צו אונז אלע ווייל מיט נייע שיטות, מיט נייע תורות און מיט נייע פארטייען.

איך וויל אן אויף דעם הויפט רעדעל-פיהרער פון דעם אלעם — אויף דעם יודישען „אינטעליגענט“.

„און וואס איז דער יודישער אינטעליגענט אין זיין גרויסען גאנצען?

דאס איז א מענש וואס האט „עקסטערנישייעט“ אויף עט-ליכע קלאסען, האט זיי אויסגעהאלטען אדער נישט אויסגעהאלטען, האט זיך אומגעדרעהט אין פערשידענע קרייזלעך אין רוסלאנד און אין בערן אדער זשענעווע, האט איבערגעלייענט עטליכע צעהנדליג סאציאליסטישע אדער אנארכיסטישע בראשורען, האט איבערגעלייענט צו עטליכע בלעטלעך פון פערשידענע ביכלעך, האט געשלייפט דעם צינגעל אויף פערשידענע דיסקוסיעס און איז „אינטעליגענט“ געווארען.

אט אזוי איז ער געווארען דער מאור הגולה אונזערער, אונזער האפנונג, אינזער קרוין...

עס האט איהם אייגענטליך גארנישט געארט, ער האט זיך אייגענטליך קיין שום פראגען נישט געשטעלט, ער האט גארנישט געזוכט און האט גארנישט געפונען, ער דארף גארנישט און וויל גארנישט, ער איז טרוקען ווי א לולב היבש.

טאמער האט ער עטוואס געהאט אין זיך, טאמער האט ער געהאט אייניגע עלעמענטארע גוטע אייגענשאפטען, ווי צום ביישפיעל: ליבע צו עלטערען, צוגעבונדענקייט צו יודען, א. ז. וו. האט ער זיך שוין לאנג

„בעפרייט" פון זיי. צו וואס דארף ער טאקי אועלכע „בורזשואזנע" איינגעשאפטען?...

און אט אזוי איז ער זיך געבליבען מיט זיינע עטליכע איבונגען פון סטאל, סטאלא, מיט זיינע עטליכע בראשורען און מיט די פיעל רעד, וואס ער האט זיך אנגעהערט אין פערשידענע קרייזלעך און מיט דעם דיסקוסיאנס-ציגנגעל וואס ער האט זיך ערוואָרבען—

און אט מיט דעם גרויסען אוצר קומט ער דאס צו דער יודישער ארימער מאסע און ווערט איהר גואל צדק.

אט מיט דעם גרויסען אוצר קומט ער צו דער יודישער מאסע און פאדערט דורכאוים, אז מען זאל איהם פאלגען, איהם און הוקא איהם.

איהר רעדט איהם וועגען ליעבע, וועגען ליידען, וועגען מענשליכקייט, וועגען פעראנטווארטליכקייט, — ער שיט אייך מיט ווערטער און פראזען.

געהט רעדט מיט איהם!

געהט רעדט מיט איהם, אז איהם פעהלען אלע עלעמענטארע ידיעות און, נאך פיעל ערגער, אלע עלעמענטארע מענשליכע געפיהלען.

איהר זאגט: עס איז א גוזמא! דער יודישער רעדעל-פיהרער איז גארנישט אזוי איבערפלעכליך, ער איז גארנישט אזוי קאלט און טרוקען.

פערלאנג איך פון אייך א קלייניגקייט: קוקט זיך צו גוט צו איהם, צו דעם יודישען „אינטעליגענט".

קוקט זיך צו מיט וואס פאר א לייכטקייט ער שפרינגט ארום פון איין פארטיי צו דער צווייטער, ווי גרינג עס קומט איהם אן צו בייטען זיינע אמונות און דעות, מיט וואס פאר א לייכטזיניגקייט ער רעדט וועגען דעם וואס מיט איינינגע טעג צוריק איז ביי איהם געווען הייליג און גרויס.

עס בעטרעפט ביי איהם גארנישט זיין היינט ציוניסט, מארגען בונדיסט, איבערמארגען „איסקראוועץ" נאכהער — ס"ד, נאכהער — אנארכיסט א. ז. וו.

עס בעטרעפט ביי איהם גארנישט צו בעשמיצען און בעשפייען דאס, וואס גאר נעכטען האט ער ביז'ן הימעל געהויבען.

און עס פיהלט זיך נישט אין זיינע ווערטער קיינע ליידען און קיין בענקשאפט און קיין טרויער —

און עס איז ביי איהם דער איבערגאנג פון איין פארטיי צו דער צווייטער אזוי ווי פון איין ביער־האלע צו דער צווייטער...

און וואס ארט עס איהם טאקי? נעכטען האט ער זיך געשפיעלט— אין ציוניזם, היינט אין בונדיזם, איבערמארגען אין סיים: א גרינגע וועלט, א פרעהליכע וועלט!

ווער קען נישט, אט די אלע „לויפער", וואס געהען אייך אריבער מהנות־וויז פון פארטיי צו פארטיי, פון קלייזעל צו קלייזעל?...

און זאל מען אייך נישט איינשמועסען, אז דאס הייסט אמת זוכען, אז דאס הייסט אונרוהע און ליידען.

א ליגען! נישט אזוי זוכט מען אמת און נישט דאס הייסט אונרוהע און ליידען.

די וואס זוכען טאקי באמת בייטען אויך אמאל זייערע מיינונגען. פארהאן זאגאר אזוינע וואס זענען גענייגט אפטער צו בייטען די אדער יענע מיינונג, אלענפאלס נישט אזוי לייכט קומט עס אן, נישט אזוי גיך ווארפט מען עס געטער און מען מאכט זיך נייע.

ביי שטארקע און ערנסטע מענשען איז דער פראצעס פון אומענדערונג און אומבייטונג פערבונדען מיט שרעקליכע גייסטיגע שמערצען, מיט נישט שלאפען נעכט, מיט לאנגע, לאנגע יאהרען פון איבערקלערען און איבערטראכטען, פון אלערליי צווייפלען און שטערונגען.

נאכהער ווען דער אלטער גאט געהט פון שטוהל אראב הויבען זיך ערשט אן די אונטערטרעגליכע שמערצען פון זוכען דעם נייעם גאט, דאס נייע היילינגטהום.

און עס איז אין דעם זוכען פיעל שרעק און האפנונג פערהאן, פיעל טרויער אויף דאס פערלארענע קדושה, פיעל בענקשאפט נאך דעם אינבעוואוסטען גאט...

דער יודישער „אינטעליגענט" אבער פליהט ארום ווי א שמעטערלינג. אט איז ער דא, אט איז ער דארטען. אט שיט ער אייך מיט פראזען וועגען ציון, אט דערצעהלט ער אייך גדולות ונפלאות

ווענען סיים, אט ווערט ער איך גאר אנס״ר און ווערט איך א שרעקליכער מאמין אין רוסישען פויער, און אלין — גלאט אזוי...

עס איז איהם אלין איינס. ער דארף נאר עפּעס א יאָרליק האבען. האט ער איהם — שפּיעלט ער זיך מיט איהם ביז וואנען ער קריעגט זיך איין אנדערען.

איהם ארט גארנישט ווייל ער איז גארנישט. ער האט נישט קיין שטארקע ליידענשאפטען, ער האט נישט קיין שטארקע אינסטינקטען, ער האט נישט קיין פעסטען דענקען, ער האט נישט קיין גלויבען —

ער האט נישט קיין גלויבען און האט נישט וואס צו פערלירען —

ער איז שוואך און קליין, שטומפּזיניג און בעגרענעצט —

און ער זאל דאס דער גואל זיין? ער זאל די יודישע מאסע פיהרען?

וואו נישט וואו זעה איך די ערשיינונג פון א נייעם יודישען אינטעליגענט, וואס דארף זיין פיעל טיעפער און שטארקער פאר דעם איבענדערמאנטען.

עס ערשיינט וואו נישט וואו דער טראגישער יודישער אינטעליגענט. איך חיים נישט אויף וויפיעל ער איז שטארק און מעכטיג, אלענפאלס זעט ער זיך שוין נישט שפּיעלען מיט אידעען, און פארטייען.

דורכגעדרונגען מיטין יודען־שמערץ, מוז ער ערנסט זיין — גלויבט ער אדער ער גלויבט נישט, אלענפאלס איז ער יוד און מענש —

איך זעה איהם וואו נישט וואו און איך וויל איהם מיין גאנצע ליעבע שענקען.

אפשר נאר איך מיך. אפשר איז ער נאך נישט געבוירען.

איז ער נישטא דארף ער זיין. ער מוז געבוירען ווערען.

עס מוז קומען דער מענש פון ליעבע און רחמנות, דענקען און פיהלען.

עס מוז קומען דער ערנסטער, טיעפער און שטארקער יוד.

עס מוז אַראָפּ פֿון סצענע דער גלגול פֿונ'ם ישיבה בחור אין פֿונ'ם בעטעל-סטודענט.

עס דאַרף קומען דער נײַער ייִד.

III

פֿערשידענע גלגולים פֿון ליבוש הקרן.

אינ'ם ערשטען גלגול בשעת פּרישמאַן האָט איהם בעקאַנט געמאַכט מיט אונז איז ער אומגעגאַנגען אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע. די היטעל אין אַ זײַט, דעם קאָפּ פֿערריסען, געצעהלט די שטערען, גע־קנוטשט די ספֿרים, האָט געשריבען, געשריבען און געשריבען. גרויסע דיקע ספֿרים האָט ער געשריבען, מיט אַ משונה'דיג ווילדען לשון. וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער גערעדט? — ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט.

קופּערניקוס'ן איז ער געווען אַ שונא אין לעבען. וואָס האָט ער איינגעטליך צו קופּערניקוס'ן געהאַט? — פֿרעגט איהם בחרם, איהם האָט זיך נישט געוואָלט, אַז די ערד זאָל זיך דרעהען אַרום דער זון און אַ ראיה האָט ער געהאַט פֿון „איזורים" און פֿון קץ המשׂה" און פֿון אַ היטעל, אַז מען וואַרפֿט איהם אַראָפּ פֿון קאָפּ. ער האָט נעבעך אַליין נישט געוואוסט איין וואָרט פֿון דעם וואָס ער שרײַבט און האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז ער האָט פֿון קו־פּערניקוס'ן אַש און רויך געמאַכט.

די יאָהרען האָבען זיך געביטען. ליבוש הקרן האָט זיך אויך געביטען. ער טראָגט שוין אַ קורצען ראָק, אמאָל אַ בלויע העמד אויך. ער צעהלט שוין נישט די שטערען. ער איז בעשעפֿטיגט מיט „עקאָנאָמיקע". ער הקר'נ'ט און הקר'נ'ט. שרײַבט אַן גרויסע גראָבע העפֿטען וועגען דעם צו מען מעג מען מצרף זיין אַ פּריקאַזטשיק צו אַ שטרײַק און איהר ווערט אין קיין אופֿן נישט פֿערשטעהן איין וואָרט פֿון דעם וואָס ער שרײַבט. גאַנץ איינפֿאַך: ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער שרײַבט.

אי וואָס שרײַבט ער? צוליעב וואָס שרײַבט ער? וואָס וויל ער? וואָס פֿעהלט איהם — גאָרנישט. ער הקר'נ'ט...

אויף אָט דעם פּאַרשוין, ליבוש הקרן אינ'ם צווייטען גלגול, האָט אמאָל ש. ראָזענפֿעלד אין „פֿרײַנד" אָנגעוויזען.

איצט מוז מען אָבער בעמערקען, אַז ליבוש הקרן געפינט זיך אינ'ם דריטען גלגול.

נאָר בכדי צו ערקענען איהם ווי ער זעהט אויס אינ'ם דריטען גלגול מוז מען בעסער שילדערן דעם צווייטען גלגול: ראָזענפעלד האָט איהם נאָר אָנגעוויזען, ער האָט איהם אָבער נישט געמאָהלט.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו מאָלען בילדער. יבא יומו. עס וועט אפשר קומען אַמאָל אַ צייט פאַר דעם אויך...

דערווייל מוז מען אויך אָנצייכענען די גרונדליניען. אָהן דעם איז שווער צו דערקענען איהם.

ובכן מוז מען אַביסעל אָנהויבען פון בראשית. מען מוז זיין יחוס דערמאָנען. ליבוש הקרן איז נישט קיין קליינינקייט.

פרישמאַן האָט איהם אייגענטליך געפּאַקט בשעת ער, ליבוש הקרן, האָט זיך שוין מיט קופּערניקוס'ן געקריגט. באמת האָט ער פיעל פריהערדיגע גלגולים געהאַט.

פאַר דעם האָט ער גרויסע דיקע ספרים געשריבען וועגען דעם צי זענען דאָ שדים אויף דער וועלט צי נישט, נאָך פריהער — צי זענען די שדים רוחות אָדער גופים, נאָך פריהער — וועגען דעם גשם החמישי; נאָך פריהער וועגען נפש הזולאָנית און אָתון בלעם.

און נאָך פריהער...

און נאָך פריהער...

ער בייט זיך מיט דער צייט. ער בייט זיינע לבושים אין גרונד בלייבט ער אימער דערזעלבער.

דער עיקר איז: ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט און וואָס ער שרייבט, האָטש ער האָט אַזוי פיעל גערעדט און געשריבען. ער האָט אין גרונד קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דעם וואָס ער האָט געשריבען און דאָך איז ער געווען אַריינגעטהון אין דעם מיט לייב און זעלע אַזוי ווי עס וואָלט איהם טאַקי אין לעבען געגאַנגען צו דערגעהן, צי האָבען די שדים גופים צי נישט...

אַזוי האָט אונזער הקרן געלעבט. האָט זיך געהאַמפּערט מיט'ן רמב"ם, מיט'ן רלב"ג, מיט קופּערניקוסן ביז וואַנען די נייע צייט האָט איהם, ליבוש הקרן, אויך פערהאַפּט. —

האָט ער אָנגעהויבען מעיין זיין אין דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, מיכאַילאָווסקי. דאָ פלעגט אונזער העלד אין פערלעגענהייט קומען. ... די אַלע ערלים האָבען צו אַלע רוחות זעהר געזונדטע קעפּ און

פלעגען איהם, דעם הקרן אונזערן, אויפוויזען ווי דום, אונזיסענע און פוסט ער איז...

האָט זיך פיעל מאָל געטראָפען, אַז פון דער קאָמעדיע איז אַ טראַגעדיע געוואָרען. דער הקרן האָט זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט און האָט אָנגעהויבען ערנסט דענקען אין ערנסט לערנען...

יסורי מיתה האָט ער געהאַט. ער האָט זיך געמוזט אינגאַנצען אומענדערען. עס האָט פון פריהערדיגען פוסטען הקרן גאָרנישט געטאָרט בלייבען...

דאָס האָבען אָבער יחידי סגולה דורכגעמאַכט: מענשען פיעל מעהר ערנסטע.

די איבעריגע הקרנים האָבען זיך נאָר געפייניגט. בשום אופן האָבען זיי נישט געקענט געוואוינט ווערען צו דער שמאַרקער, שניידענדער לאָגיק און צום ערנסטען דענקען —

האָבען זיי זיך אַזוי פיעל געפייניגט ביז דער „שכל הפועל" האָט זיך אויף זיי מרחם געווען און האָט זיי אָנגעוויזען אויפ'ן מאַרקסיזם...

און דאָ האָט זיך אַ נס געטראָפען, גראַדע האָבען זיי געלעבט אין אַזאַ לאַנד און אין אַזאַ צייט וואו דער מאַרקסיזם האָט משונה־דיגע קליידער אָנגעטהון און איז געווען כמעט ווי צוגעפאַסט צו לבוש הקרן עט קאָמפ.

עס האָט זיך אַזוי געטראָפען. אַ שטאַרקע נייגונג צו פּלפּול און ווילדע הקירות איז דאָ ביי די רוסישע שריפטשטעלער אויך מקדמת דנאַ. ווי איינער אַ געוויסער שריפטשטעלער האָט אויפגעוויזען אין „פּאָליאַרנאַיאַ זוויעזדאַ" האָבען עס אַלע רוסישע שריפטשטעלער בירושה נאָך פון די ראַסקאָלניקעס...

די גרויסע און שטאַרקע קעפּ ווינדען דאָס איבער. די קלענערע און שוואַכערע קענען זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פון דער נייגונג. אונענדליך צו האַמפּערען זיך איבער גאָרנישט.

און דאָ איז געווען די צייט אויך צוגעפּאַסט צו דעם. דער מאַרקסיזם אין רוסלאַנד איז דאַמאָלס געווען נאָר אַ הלכתא למשיחא: אין לעבען האָט ער קיין שום מאַכט נישט געהאַט. וואָס האָבען די רוסישע מאַרקסיסטען געוואָלט טהון אויב נישט הקרנ'ן און פּשט'לען זיך?...

היינט שטעלט אייך פֿאָר אַזאַ מיש־מאַש: דער מאַרקסיזם און פֿאַר זיך וואָס קיינער קען איהם חס ושלום נישט חושד זיין אַז ער האָט אין זיך ווענין פּלפּול, פּלוס אַלע הוספֿות, וואָס פֿערשיעדענע דייטשע פֿילאָסאָפֿען האָבען צו איהם צוגעגעבען, פּלוס דעם ספּעציעל רוסיש־ראַסקאָלינשען פּלפּול, און דאָס אַלץ אין דעם מח פֿון ליבוש הקרן...

פֿערשטעהט זיך אַז אונזער הקרן איז ווידער אויפֿ'ן פֿערד. ער לעבט אַ טאָג. ער שלינגט טאָג ווי נאַכט אַרטיקלען פֿון די „נאַראָדניקעס" געגען די מאַרקסיסטען און פֿון די מאַרקסיסטען געגען די „נאַראָדניקעס" און פֿון די מאַרקסיסטען זעלבסט, וואָס רייסען זיך צווישען זיך. ער איז אויסער זיך פֿון נחת. ער באָדט זיך און שווימט אין הקירה.

און דאָ נעהמט ער זיך מיט זיין פֿערדרעהטען און פֿערדונ־קעלטען קאָפּ אָט צו די אַלע פֿערפּלאָנטערטע ענינים און שרייבט וועגען דעם אַלעמען מיט זיין ספּעציפֿישען ליבוש־הקרן לשון—

פֿערשטעהט זיך אַז איהם איז דאַמאָלס נאָך קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלען פּסקנ'ן אָט פֿון די ווילדע הקירות הלכה למעשה...

געוועזען איז ער דום און ווילד. ער האָט אָבער געהאַט איינינע גוטע מדות אויך אין זיך. עס איז אין איהם געוועזען אַ געוויסע אצילות, אַ געוויסע גייסטליכקייט, אַ געוויסע שענהייט.

ער איז געוועזען גענוג ערליך אום צו ערקענען, אַז די אַלע הקירות זיינע געבען איהם נאָך קיין רעכט נישט צו זיין אַ פּוסק...

עס האָבען זיך ביי יודען אָבער אָנגעהויבען פּאַרטייען גרינדען, די פּאַרטייען האָבען געדאַרפֿט פֿאָרשטעהער, די פֿאָרשטעהער, אום צו שטאַרקען די פּאַרטייען, האָבען געדאַרפֿט טעאָרעטיקער האָבען.

וואו זשע נעהמט מען זיי? וואו נעהמט מען קלוגע, ערנסטע און טיעפֿע לייט? פּאַרטייען זענען אַזוי פֿיעל און אמת־דענקער זענען אַזוי ווענין. אָט דאָ איז ליבוש הקרן אין דער מאָדע אַריין.

ער איז שוין נישט נאָר בלויז אַ הקרן. ער פּסקנ'ט שוין הלכה למעשה.

איהר ווילט אויסדרינגען, אַז יודען דאַרפֿען האָבען נאָר פּאַ־לעסטינאַ און נישט קיין אַנדער לאַנד? — בעט איהם וועט ער אייך אויפֿשרייבען אַן אַרטיקעל לאַנג ווי דער גלות, אין וועלכען ער וועט אייך אויסהייזען בעשיינפּערליך, אַז על פּי המאַרקסיזם וועט דער

ידישער פּראָלעטאַריאַט פּראָלעטאַריזירען זיך נאָר אין פּאַלעסטינא...

איהר הילט אויסדרינגען, אַז יודען בכדי אַ טעריטאָריע צו ערווערבען דאַרפען זיי מיט טעריטאָריאַליזם גאָרנישט בעשעפטיגען זיך, נאָר זיי דאַרפען זיצען און וואַרטען אויף אַ יודישען סיים אין רוסלאַנד? — בעט איהם וועט ער עס גלייך טהון. פּאַפּיר האָט ער, טינט האָט ער, דעם „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" האָט ער געלייענט, אין זיין „וואָזראָזשדעניע" איז ער קלאָר אויסעגוועניג, זיין הקרן-לשון האָט ער אויך. וואָס דאַרף ער נאָך?

איהר ווילט אויסדרינגען אַז מען דאַרף זיין נישט נאַציאָנאַל און נישט אַסימילאַטאָריש, נישט פּליישיג און נישט מילכיג נישט טראַכטען וועגען אַ זעלבסטשטענדיגען ידישען לעבען און נישט וועגען אַריין אין אַלגעמיינעם לעבען, אַז מען דאַרף אונבעדינגט האָבען נאָר אַ קולטור-נאַציאָנאַלע-אויטאָנאָמיע וועגען וועלכער מען דאַרף נאָר צווישען זיך אַמאָל הרבנ'ן און מען טאָר פאַר אַ גוי אַ וואָרט נישט רעדען וועגען איהר? ! בעט איהם וועט ער עס גלייך טהון. ליבוש הקרן איז אַ געשיקטער יונג. ער דאַרף נאָר עטליכע צעהנדליג בויגען פּאַפּיער פטר'ן — און פערטיג.

איהר פלעגט לייענען די מוראדיגע, משוגה'דיגע אַרטיקלען פון די באָרוכאָווס, אַברהימ'ס אין „יעוו. זשיזן", איהר לייענט איי-ניגע אַרטיקלען אין „פּראָלעטאַרישען געדאַנק" און אין „פּאָלקס-שטי-מע", איהר לייענט און וואונדערט זיך: ווי קענען עס מענשען שריי-בען אַזוינס? פערשטעהען זיי דען זעלבסט איין וואָרט פון דעם וואָס זיי שרייבען? — וואונדערט זיך נישט. דאָס איז פאַר אייך דער אַלטער ליבוש הקרן.

דאָס איז זיין לשון, זיין אַרט טראַכטען, עס שוועבט זיין גייסט.

ער איז נאָר נתעלה געוואָרען. אַמאָל איז ער געווען הקרן, היינט— טעאָרעטיקער...

V

איך וויל מיר היינט שמועסען איבער אַ קליין מעשה'לע וואָס האָט זיך פּאַסירט מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

די מעשה'לע וועגען וועלכער איך וויל איצט רעדען איז איי-גענטליך זעהר אַ געוועהנליכע, מען דאַרף עס גאָרנישט הייט זי

כען, עס טרעפט זיך, ווי עס רעדט זיך, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג...

וויל איך אָבער אויף דעם גופא אויפמערקזאַם מאַכען. איז דען דאָס אַ פאָלק בײַ וועלכען אַזעלכע זאַכען זענען גאָר מעשים בכל יום? זענען דאָס קינדער פון אַ פאָלק וועלכע קענען גאַנץ אָפט אַזעלכע זאַכען טהון?

אַ קלײן מעשה׳לע, אַ געוועהנליך מעשה׳לע. אַ יודיש מעדעל, מיט אַ גרויסער און טיעפער נשמה, אַ מעדעל וועלכע נעהמט אַ אנטהײל אין די העלדען־טהאַטען פון די נאַראָדאָוואָלצעס און געהט אַלע ווײַלע אויף מסירת נפש, לאָזט דרוקען אין אַ געהײמער טיפּאָגראַפיע, וואָס איז געווען אין איהר רשות, פּראָקלאַמאַציעס וועגען דעם אַז די „זשידעס" זענען עקספּלאָאַטאַטאָרעס און די פּאָגראָמען וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם פאָלקס־צאָרן געגען די „זשידעס"...

איך רעד דאָ נישט וועגען דער העצערײַ פון די נאַראָדאָוואָלצעס צו מאַכען יודישע פּאָגראָמען, ווײַל בײַ מיר איז נאָך נישט קלאָר גענוג אויף וויפיעל יודישע אינטעליגענטען האָבען אין דיזען אַקט אײן אײנטהײל גענומען.

איך בעגנוגען זיך דערײַבער מיט דער קלײנער, געוועהנליכער מעשה, וועלכע עס דערצעהלט אײנער פון די געוועזענע נאַראָדאָוואָלצעס*).

די מעשה איז אַזוי געווען: ער, שעבאַלין, האָט געדאַרפט נעהמען אין זײן רשות אַ געהײמע טיפּאָגראַפיע פון די נאַראָדאָוואָלצעס און אום צו בעזײטיגען יעדען חשד האָט ער געמוזט אַ גרויסע דירה דינגען און האָט געמוזט וואָהנען מעשה בעל הבית... בכדי אַלץ זאָל אין אָרדנונג זײן האָט מען איהם געמוזט אַ „ווײַב" געבען. דאָס „ווײַב" איז געווען אַ יודיש מײדעל, וועלכע האָט אַן אַנטהײל גענומען אין דער אַרבײט גלײך מיט איהם. דאָס מײדעל האָט זיך געשמד׳ט בכדי אַז דער פיקטיווער שידוך זאָל קענען פאָרקומען. נאָך דער „חתונה" האָבען זײ צוזאַמען געוואָהנט, צוזאַמען געאַרבײט אין טיפּאָגראַפיע.

דער פּראָוואָקאַטאָר דעגאַיעוו, וועלכען מען האָט דאַן נאָך גערעכענט פאַר זעהר אײן איבערגעגעבענעם נאַראָדאָוואָלעץ, איז בײַ זײ, בײַ שעבאַלין מיט זײן „ווײַב", געווען אַ שטענדיגער יוצא ונכנס, ער פלעגט העלפען דרוקען, פלעגט פערשיעדענע עצות געבען,

*) זשורנאַל „Былое" פאַר חודש יאַנואַר 1907.

פלעגט זיך אין אלץ מישען.

איינמאל איז דעגאייעו געקומען און האט געהייסען דרוקען א פראקלאמאציע וועגען די יודישע פאגראמען וואס זענען דאן פארגעקומען. אין דער פראקלאמאציע ווערט ערקלערט אז אלע „זשידעס" זענען עקספלאאטאטארעס, בלוט־זויגערס, פאלקס־פיינד און מען דארף זיי עוקר מן השרש זיין...

ווערליג, ווי ער, שעבאלין, דערצעהלט, איז א הם מיט זיין ווייב געווען השודיג די מעשה. זיי האבען געפרובט פראטעסטירען, זיי האבען מקצר געווען די פראקלאמאציע, זיי האבען געלאזט א קליין צאהל עקזעמפלארען דרוקען, דאך האבען זיי זי געדרוקט!...

דאביי איז זעהר האראקטעריסטיש דער טאן מיט וועלכען ה' שעבאלין דערצעהלט דאס אלץ. בשעת ער רעדט וועגען דאס שמדן זיך דערצעהלט ער נאר אז עס איז געוועזען אביסעל אונאנגענעהמליכקייטען מיט'ן „פאפ". אבער וועגען גייסטיגע ליידען — דאס פאלט איהם גארנישט איין, עס האנדעלט זיך, ווי אום דעם, אז מען געהט א פאר נייע שטיוועל אנטהון...

און דערצעהלט ער וועגען דער פראקלאמאציע בערגעסט ער נאר אינגאנצען אז זיין „ווייב" איז א יודיש קינד געוועזען און אז עס ליעגט עטוואס אונגעהויער שרעקליכעס אין דעם, א יודיש קינד זאל דרוקען פראקלאמאציעס וואס רופען צו יודען־שחיטה...

ער דערצעהלט אפילו יא אז ביי זיי איז שטארק השודיג געווען די מעשה, אבער דער חשד האט זיך גענומען דערפון וואס זיי האבען מורא געהאט פאר עפעס א פראוואקאציע...

וועגען דעם וואס דא געהט אים א יודיש מעדעל און דארף רופען מען זאל קוילען איהרע ברידער — איז קיין רייד נישטא...

פערשטעהט זיך, אז איך האב צו ה' שעבאלין קיין טענות נישט. איך קען נישט פאדערען פונ'ם ה' שעבאלינע, ער זאל זיך פערהאלטען טיעפער און ערנסטער צו יודען פון אלע רוסישע אינטעליגענטען...

איך האב צו איהם אויך, זעלבסטפערשטענדליך, קיין טענות נישט דערפאר, וואס ער דערצעהלט גארנישט פון די גייסטיגע ליידען פון זיין העלדין. ער איז אין דעם נישט שולדיג. ער דערצעהלט דאס, וואס ער האט געזעהען...

ווען ער וואלט בעמערקען עפעס א טראגעדיע וואלט ער זי

אונז דערצעהלט. וואס איז ער שולדיג אין דעם וואס ביי א יודיש מעדעל זענען נישטא קיין פאלק און קיין ברידער...

נאך מעהר: איך מיין גארנישט צו בעשולדיגען אפילו דאס מעדעל, זי איז נישט די ערשטע און זי איז נישט די לעצטע. אזוי ווערען אונזערע ברידער און שוועסטער אויפגעהאדעוועט און אזוי זענען זיי.

א פאלק וואס האט קיין לאנד נישט, א פאלק א בעטלער, א פאלק „אניארים בחור צווישען אלע פעלקער" קען זיך נישט עהרען—

און עהרט מען זיך זעלבסט נישט עהרט דער צווייטער אויך נישט —

און בעמערקט מען אומעטום פעראכטונג הויבט מען אליין אן נאך מעהר פעראכטען זיך —

און פעראכטעט מען זיך אזוי שטארק האלט מען אין איין בוקען זיך און קניען פארין צווייטען —

און בעמערקט דער צווייטער, אז מען קניהט זיך פאר איהם אזוי פיעל מיינט ער אין אמת'ן, אז ער האט דאס רעכט צו טרעטען אויף דיר און „ביזט א ווארים טרעט מען אויף דיר"!...

דאס וואס אט די מעשה איז אין אונזער לעבען נישט קיין יוצא מן הכלל — ווייסען מיר אלע גאנץ גוט.

אפילו אט די, וואס האמפערען זיך און קריעגען אויף דעם, ווייסען אליין גאנץ גוט, אז אזעלכע מעשים קומען זעהר אפט פאר אין אונזער לעבען.

נישט אלע מאל קומט עס פאר געוועהנליך-גראדע אין אזא בולט'ער פארם: אפטמאל איז עס פערשטעלט, פערדעקט, פער-מאסקירט — דער תוכן איז אבער אימער דער זעלביגער.

יודען זענען גארנישט. זייער בלוט איז הפקר, ווען נישט ווען האבען זיי א שטיקעל זכות דורך דעם „פראלעטאריאט" זייערען. אויסער דעם איז גארנישט כדאי צו רעדען וועגען יודען-פאגראמען...

אויב עס וועט ווען נישט איז ביי אונז אויפשטעהן א מענש, וועלכער וועט האבען גענוג טאלאנט, עהרליכקייט און ליעבע צו שילדערן די יודען-פאגראמען ווי זיי זענען באמת פארגעקומען און ווי עס האבען זיך פערהאלטען צו זיי אלע יודישע אינטעליגענטען און פארטייען וועט ער מוזען דערצעהלען זעהר זעהר פיעל, אזעלכע מעשה'לעך ווי די וואס איך האב אויף איהר אנגעוויזען...

מיר געדענקען נאָך אַלע זעהר גוט ווי די פערשידענסטע יודישע אינטעליגענטען, אַנהויבענדיג פון די בעוואוסטע „רעדער־שמי־רער" און ענדיגענדיג מיט פלומרשט מעהר יודיש געשטימטע יונגע לייט, האָבען זיך פערהאַלטען צו די אָקטאָבער־פּאָגראָמען...

עס האָט זיך נישט געהערט אפילו איין אמת'ר געשריי, עס האָט זיך נישט געזעהן אפילו איין אמת'ע טרעהר. וואו מען איז געשטאַנען און געגאַנגען האָט מען נאָר געהערט תקירות וועגען פּאַרטיי טאַק־טיקעס און וועגען דער „קאָנטר־רעוואָלוציע".

און וואָס עפּעס גראַדע צו די אָקטאָבער־פּאָגראָמען? — אַזאַ פערהעלטניס איז די איין און זעלבע אין אַלע צייטען און אַלע ערטער.

אין מיינע פריהערדיגע שמועסען איז מיר אויסגעקומען צו רעדען וועגען דער גלייכגילטיגקייט פון די יודישע פּאַרטייען צו דער יודען־שחיטה וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין רומעניען. איך דערמאָן עס איצט נאָכאַמאָל, נישט בכדי צו קריטיקירען, שטראָפען און אויפ־קלערען, נאָר פשוט בכדי זיך קלאָר צו מאַכען, וואָס זענען מיר עפּעס אַזוינס, וואָס טהוען מיר עפּעס אויף דער וועלט און וואָס טהוט זיך דאָס מיט אונז.

איך האַלט עס פאַר זעהר און זעהר נוצליך, אַז דער יודישער אינטעליגענט זאָל זיך סוף כל סוף אין שפּיגעל זעהן.

איך קעהר זיך ווייטער אום צו מיין קליין מעשה'לע, ווייל איך פיהל, איך פיהל, אַז איהר קוקט אויף אַזעלכע זאַכען, צו פילאָזאָפיש, צו רוהיג...

איהר זאָגט אַזוי: דאָס זענען געוועהנליכע פּאַרטיי־זאַכען. קיין פּאַרטיי קען דערפון נישט פריי זיין. אויף דערויף איז פּאַרטיי־דיס־ציפּלין.

אַזאַ מעדעל, קוים איז זי געווען אַ קאָמפּאָנערין, האָט זי זיך גע־פונען אונטער דער אָנפיהרונג פון די נאַראָדאָוואָלצעס, האָט זי גע־מוזט טהון אַלץ, וואָס דער קאָמיטעט זייערער האָט געהייסען...
טהון אַלץ וואָס דער קאָמיטעט זייערער האָט געהייסען...

דעגייעוו האָט זי גענאַרט, דעגייעוו האָט געזאָגט, אַז דער

קאָמיטעט האָט בעפעהלען, מען זאָל עס אומבעדינגט דרוקען. זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. זי האָט עס געמוזט טהון.

איך וועל אייך אָבער נאָך מעהר זאָגען. נאָך מיין איבער-צייגונג האָט דעגייעוו דאָס מאָל (ווי נאָך פֿיעל מאָל) נישט גע-נאַרט. נאָך מיין מיינונג נאָך איז געווען אַט די דערמאָנטע פּראָקלאַמאַציע טאַקי פֿון נאַראָדאָוואָלצישען קאָמיטעט...

און פֿונדעסטוועגען האָט אַלץ דאָס יודישע מעדעל, ווען אין איהר וואָלט זיין האַטש איין פֿונק ליעבע צו איהרע אומגליקליכע ברי-דער, נישט געדאַרפֿט לאָזען ביי זיך אַזאַ פּראָקלאַמאַציע דרוקען, ווען איהר וואָלט אפילו אויסקומען נישט נאָר פֿון פּאַרטיי אַרויס, נאָר אויך גרויזאַם בעשטראָפֿט צו ווערען פֿון איהר...

בכדי איהר זאָלט מיך בעסער פֿערשטעהן וויל איך אייך אַ קליינעם משל געבען.

שטעלט אייך פֿאָר: דער פּראָוואָקאַטאָר דעגייעוו קומט צום הי' שעבאַלין און ברענגט איהם אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער מען רופֿט צו ראַבירען פֿויערן, וואָלט דער הי' שעבאַלין האַטש איין רגע געטראַכט „טאָמער דאַרף מען עס?" וואָלט ער דען געקענט איין רגע פֿאַרשטעלען זיך אַז ער, דער פֿאָלקס-ליעבהאָבער, זאָל געהן ג ע ג ע ן פֿאָלק?

עס איז אין דערין קיין צווייפֿעל נישט: ער, שעבאַלין, וואָלט זיין לעבען אוועקגעגעבען און וואָלט אַזעלכעס אין קיין אופֿן נישט דערלאָזען.

און דאָס וואָס דער רוסישער שעבאַלין וואָלט עס בנוגע צו זיינע ברידער נישט געקענט אפילו איין רגע פֿאַרשטעלען זיך דאָס האָט געקענט אַ יודיש מעדעל בנוגע צו איהרע ברידער נישט נאָר פֿאַר-שטעלען זיך, נאָר אויך ט ה ו ן, טראַכטענדיג „טאָמער דאַרף מען עס"...

און מען דאַרף נישט פֿערגעסען, אַז דאָס האָט פּאַסירט נאָך די יודען-פּאָגראָמען, אין דער צייט ווען אַלע האָבען שוין גע-זעהען, אַז די פּאָגראָמשציקעס געהען נישט נאָר צו די רייכע יודען (די רייכע זענען הקא פֿיעל מאָל ניצל געוואָרען בזכות פֿון זייערע געלד) נאָר אויך צו די אָרימע און זאָגאַר צו די אָרימסטע —

עס איז שוין אַלעמען דאַן קלאָר געווען, אַז נישט געגען שטאַרקע געהן די פּאָגראָמשציקעס נאָר געגען ש ל אַ פֿ ע, ווייל זיי זענען שלאַפֿע און שוצלאָזע...

און אין אזא צייט, אין א צייט ווען דאס בלוט פון יודען האט זיך אין די גאסען געגאסען און צעהנדליגער טויזענדער יודען צושלאגענע און הונגעריגע האבען זיך געוואלגערט ערגעץ אין שטאלען און שייערס, אין אזא צייט האט זיך ביי א יודישער אידעאליסטין געקענט די האנד הויבען צו דרוקען (אדער לאזען דרוקען — דאס איז אלץ איינס) אן־אויפרוף, וועלכער דארף אויפהעצען די פויערן צו שלאגען יודען...

עס קען זעהר זיין אז אין זיך האט דאס יודישע מעדיל פון דעם געליטען, עס קען זיין, אז אין זיך האט זי אפשר געפיהלט, וואס פאר איין עילה זי טהוט —

זי האט אבער קיין קרעפטען נישט געהאט צו ווידערשטעהן און האט זאגאר מורא געהאט צו ווייזען אלס יודיש קינד, אפילו די קלענסטע אונצופריעדענהייט.

דען אזוי ווי איהרע זיידעס זענען געווען קנעכט ביים פריץ, אזוי איז זי א קנעכט ביים רוסישען אינטעליגענט -

דען זי האט אלע מאל גערעכענט, אז אלס יודיש קינד טאר מען נישט פיהלען, ווייל דאס שמעקט מיט רעאקציע און מיט אלע שלעכטע זאכען —

דען זי איז אלע מאל געוואהנט געווען צו זעהן אז א יוד דארף זיך קניען און ביגען, אז א יודען דארף מען שלאגען און ער דארף א דאנק זאגען.

זי איז נישט בעסער און נישט ערגער פון אלע יודישע אידעאליסטין....

„ווער עס פיהלט זיך אומשולדיג זאל אין איהר א שטיין ווארפען"...

ווער פון אונז האט אין זיך נישט אט דעם חטא?

ווער פון אונז זינדיגט נישט מיט גלייכגילטיגקייט צו יודישע צרות?

אויב זי האט מעהר געזינדיגט אין מיר ווייניגער האבען מיר דאך פערשיעדענע נאציאנאלע בעוועגונגען איבערגעלעבט.

און דאך רופען ביי אונז נישט ארויס די יודישע צרות דאס וואס זיי האבען געדארפט ארויסרופען. מען קען נאך אויף קיין טהאט נישט ווייזען, אויף קיין איינציג ווערק נישט ווייזען.

מיר בלאָנדזשען נאָך אַלײן אַרום אָהן אַ לאַנד און אָהן דער קלענסטער מאַכט.

V.

אײנינע פון אײך זאָגען איצט ודוי. דאָס איז אַ גוטער סימן.
פיעל ערנסט און לײדען פיהלט זיך אין אײערע װערטער. עס װילט זיך אָבער נאָך עטװאָס פיהלען אין זײ.
נעמליך: מעהר מאַכט, מעהר פרײהײט.
אונגעהױער שרעקליך איז די װירקליכקײט און איהר האָט גענג מוט צו זעהן זי, װי זי איז.
איהר פערמאַכט נישט די אױגען, איהר קוקט דעם שונא גלײך אין פנים אַרײן.
און דער שונא אונזערער איז מעכטיג און שטאַרק װי די װעלט.
בעסער געזאָגט: ער איז די װעלט זעלבסט.
אַלײן איז געגען אונז, אַלײן שטרעבט בעװאוסטזיניג אָדער נישט בעװאוסטזיניג, צו פערניכטען אונז.
און מיר זענען אַזױ שװאַך, אַזױ צוקלאַפט, אַזױ צובראָכען און צוריסען.
אָ, װי קאָן מען קעמפפען געגען אַזאַ שונא? װי קאָן מען קעמפפען געגען אַלײן און געגען אַלעמען?
פון טאָג צו טאָג װערט אַלײן שװערער און שװערער דעם בעװאוסטזיניגען מענשען צו לעבען אױף דער װעלט —
װאו ער קעהרט זיך זעהט ער תהומות, אַלײן איז גרײט אײנצושלינגען דעם יידען מיט זײן פאָלק.
אין אַזאַ צושטאַנד מוז זיך ענטװיקלען אַ טראַגישער בליק אױף דער װעלט, עס מוז זיך ענטװיקלען אײן טיעף ערנסטעס דענקען.
אוננאַטירליך זענען אַלזאָ אַלע פוסטע רײד פון אונזערע פער־טײדעגע כלל־פערזאָרגער, פראָלעטאַרישע און נישט פראָלעטאַרישע.
זעהר נאַטירליך זענען אָבער אַלערלײ ודוים, ספקות, קלאָג־רײד, זעלבסט־בעטראַכטונג און זעלבסט־קריטיק.
דאַרף איך אײך דען זאָגען, אַז אײן ערנסטעס װאָרט איז טײ־

ווער פֿון הונדערט דיקע ביכער וועגן אויטאָנאָמיעס און פּראָלעטאַריזאַציעס?

איך דאַרף עס אײַך אַלץ נישט דערצעהלען.

איהר פֿיהלט עס און פֿערשטעהט עס אַליין זעהר גוט.

איך מוז אָבער קלאָר מאַכען דאָ, אויף וויפֿיעל איך בין מיט אײַך נ י ש ט אײַנשטימיג, אויף וויפֿיעל איך פֿערשטעה און פֿיהל די אַלע זאַכען אַ נ ד ע ר ש.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו אַרײַן אין הויכע דרכים און צו בעטראַכטען וועלט-פֿראַגען. איך קאָן אַלזאָ נישט בעריהרען דאָ דעם אַ ל ג ע מ י י נ ע ם פּעסימיזם, און מוז מיר נאָר בעגנוגענען מיט דער „י ו ד י ש ע ר גאַס“.

איך מוז דאָ קלאָר מאַכען, ווי ווײַט מעגליך איז, מײַן בעציהונג צו דער יאוש-שטימונג, וואָס הערשט איצט צווישען די בעסערע און טיעפֿערע יודען.

געוועהנליך איז גאַנץ שווער אין אַ „שמועס“ צו בעטראַכטען פֿון אַלע זײַטען אַט די פֿערוויקעלטע און טיעפֿע פֿראַגע.

איך קאָן און דאַרף נאָר דאָ אַרויסזאָגען דעם ה ו י פּ ט-געדאַנק, דאָס איבעריגע אַנאַנדערש מאָל.

זאָגט מיר, איך פֿרעג בײַ אײַך, וואָס האָבען די בעסערע יודען אונזערע געטהון פֿאַר זייער פֿאָלק?

איהר זענט דורכגעדרונגען מיט יאוש, איהר זענט גאַנץ גערעכט.

עס פֿרעגט זיך אָבער: צי האָט איהר דאָס ר ע כ ט מיאש צו זײַן זיך?

איך מיין: וואָס האָט איהר אייגענטליך געטהון פֿאַרן פֿאָלק? פֿון וואַנען ווייסט איהר אייגענטליך, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו טהון?

מײַן שׂכל און מײַן געפֿיהל איז גאַנץ גרינג צום יאוש צו קומען. דאָס איז אָבער נישט עהרליך גענוג.

מען מוז פֿריהער אַלע מ ע ש י ם אויספּרובען און נאָכהער ווען מען ווערט ו י ר ק ל י ך איבערצײַגט אַז אַלע מעשים פֿיהרען צו גאָרנישט — מיאש זײַן זיך.

וואָס האָט א י ה ר אָבער געטהון? וואָס האָבען אַלע יודישע בעסטע מענשען געטהון?

איִדער פיִהלט און פערשטעהט — דאָס איִז אָבער נאָך ניִשט אַליין.

פיִעל זאַכען פיִהלען מיִר און דענקען אַזוֹי און דאָס לעבען, דיִ טהאַטען — ווייזען גאָר עפּוואָס אַנדערש.

„פיִעל זאַכען זענען פערהאַן, אויף דער וועלט“, מיין פריינד האָראַציוס, וועלכע איִיערע לערהרער האָבען קיינמאָל איִן חלום ניִשט געזעהן“...

ווי טיִעף מיִר זאָלען ניִשט דענקען, ווי שטאַרק מיִר זאָלען ניִשט פיִהלען, — אַליין קאָן קומען דאָס לעבען און ווייזען אונז, אַז מיִר האָבען זיִך איִן גאַנצען געאיִרט, אַז מיִר האָבען דאָס גאַנצע לעבען אונזערס איִן טעות פערבראַכט.

דעריִבער זאָג איִך אַזוֹי: דער רוסיִשער אמת׳ער איִנטעליִגענט האָט דאָס רעכט מיאש צוּ זיין זיִך ווען ער ווערט איִבערצייגט אַז קיין קראַפט איִן דער וועלט קאָן דיִ וואַנד ניִשט צוּברעכען; דער יודיִשער איִנטעליִגענט, איִך רעד היינט אפילו וועגען אמת׳ן, וועגען טיִעפען — האָט דערצוּ קיין רעכט ניִשט.

דער רוסיִשער איִנטעליִגענט האָט יאָ דאָס רעכט, ווייל ער האָט מאָקי עפּעס געטהון פאַר זיין פאָלק; דער יודיִשער איִנטעליִגענט האָט דערצוּ קיין רעכט ניִשט, ווייל ער האָט נאָך איִיגענטליִך גאָר ניִשט געטהון פאַר זיין פאָלק.

ער, דער יודיִשער בעסערער מענש, איִז געווען אַ מיִטגליִעד איִן פערשיִעדענע פאַרטייען, ער איִז דורכגעגאַנגען אַלען איִדעען־קרייזען, ער האָט אַלין געפּרוּבט טהוּן, ער האָט אָבער קיינמאָל ניִשט געטהוּן עפּוואָס מעכטיִגעס פאַר זיין פאָלק.

אַ האַרץ־ווערטאָג: אַזאַ אונגליִקליִך און בענאַבט פאָלק זאָל קיין איין אמת׳ן העלד ניִשט אַרויסרופען!

פאַר אַלין און פאַר אַלעמען איִז זיִך דער יוד מוסר נפש, נאָר ניִשט פאַר זיין פאָלק!

און אַלע ערוועקען ביי איִהם ליִעבע און רחמנות, נאָר ניִשט זיינע בריִדער!

טאָמער טהוּט ער עפּעס אָדער וויל עפּעס טהוּן מוז ער זיִך חקא אַ היתר זוכען —

ער מוז חקא איינרעדען זיִך און אַנדערע אַז ער טהוּט עס צוּליִעב דעם פּראָלעטאַריאַט הקדוש, ניִשט חס ושלום צוּליִעב דעם מתם־יודען, —

און די וואס האבן שוין יא דעם מוט און זיך צו רעדן אין דעם נאמען פון פאלק, טהוען גלאט גארנישט, זיי רעדען נאר.
די ערשטע, די פראלעטאריאט־דינער, טהוען האטש לפנים עטוואס, גוטס צו שלעכטס, דאס איז אנאנדער פראגע, די לעצטע טהוען גלאט גארנישט.

אפען געפרעגט: וואס טהוען פאר'ן יודישען פאלק די ציוניסטען, וועלכע רעדען יא אין דעם נאמען פון פאלק? וואס טהוען פאר'ן פאלק די סאציאליסטישע פראקציעס אינים ציוניזם?

און צווישען אונז רעדענדיג: וואס טהוען דערווייל אפילו די טעריטאריאליסטען?....

און וואס טהוען די סאציאליסטישע פראקציעס אינים טעריטאריאליזם?...

ניין! מיר טארען זיך נישט מיאש זיין. מיר האבען קיינע רעכט דערצו —

מיר מוזען זיך פריהער לערנען ליעב האבען, מיר מוזען זיך פריהער לערנען ערנסט זיין, מיר מוזען עטוואס אנהויבען טהון!
חסידים דערצעהלען: א מאל האט אן אלטער יוד געטראגען זעהר א שווער בינדעל האלץ. ער טראגט, קרעכצט און זיפצט:
אי! מ'הארעוועט, מ'ווערט אויסגעריסען אויף דער וועלט, וואלען מיר האטש האבען יענע וועלט.

געהט פארביי דער אלטער רבי און הערט עס
זאגט דער אלטער רבי אזוי צום יודען:

צוליעב דער וועלט הארעוועסט דו אזוי פיעל און האסט זי נישט, ווי אזוי זשע, מיין ברודער, ווילסטו האבען יענע וועלט, צוליעב וועלכער דו טהוסט גאר נישט?...

פאר דער גוי'שער גאס האט איהר, מיינע העררען, אזוי פיעל כחות און לעבענס אוועקגעלעגט, אננהויבענדיג פון הערמיע העלפמאן און ענדיגענדיג מיט די לעצטע אנארכיסטען און איהר האט דארט גאר נישט געמאכט...

איצט ווען איניגע פון אייך טראכטען כלומר'שט און רעדען וועגען דער יודישער גאס, ווילט איהר דא שוין די ברכה זעהן....

אויף דער גוי'שער גאס האט איהר אזוי פיעל געהארעוועט און איהר האט דארט גארנישט, ווי אזוי זשע ווילט איהר, מיינע

הערדען, נחת קלויבען פון דער יודישער גאס, נישט מהנענדיג צוליעם איהר גארנישט?...

ווארט אביסעל. פרובט אקארשט דא אויך כחות און לעבענס לעגען, נאכהער וועט איהר רעדען...

איך וויס, אז פיעלע פון אייך וועלען מיר ענטפערען: וואס הייסט „טהון"? וואס הייסט עס מיר טהוען גאר נישט? דיר קאן געפעלען אדער נישט געפעלען דאס, וואס מיר טהוען, דו קאנסט דאך אבער נישט זאגען, אז מיר טהוען גארנישט.

— דו קאנסט זיין איינשטימיג מיט אונז אדער נישט איינשטימיג, — ווי ווילסטו אבער אבלייקענען דאס וואס אלע זעהען בחוש?

— איך שיהיה, טהוען מיר דאך עטוואס, מיר אגיטירען עטוואס, מיר ארגאניזירען די מאסען, מיר ליידען, מיר שאפען עטוואס.

איהר זענט זעהר גערעכט. איך מוז אייך אבער ערקלערען וואס מיין איך מיט דעם ווארט „טהון".

ביי א פאלק, וואס לעבט אונטער נארמאלע בעדינגונגען און אין א רוהיגער צייט, וואלט אפשר אזא טהון ווי איערער אויך הייסען „געטהון".

אמת, אפילו דאן וואלטען זיך געפונען אפיקורסים, וואס וואלטען זאגען, אז אייער ארבייט איז קיין ארבייט נישט, ווייל זי איז אין גרונד נישט מעהר ווי כבאלאסטיק, צאנקעריי און קריגעריי איבער א פוסטען ניסעל.

נאר איהר וואלט זיך קאנען פון אייער שטאנדפונקט זאגען, אז אייער ארבייט, האט יא עפעס א ווערטה, זי פיהרט יא צו עפעס האטש ביי היינטיגען טאג זעהט מען עס נישט.

דאס יודישע פאלק לעבט אבער גאר אונטער אנדערע בעדינגונגען, פאר'ן יודישען פאלק שטעהט היינט די פראגע: „זיין אדער נישט זיין?" אין איהר גאנצער גרויזאמקייט, אין איהר גאנצער הארבקייט.

ביי אזא פאלק און אין אזא צייט קאן אזא ארבייט ווי איערע בשום אופן נישט הייסען „געטהון".

דען עס פעהלט אין איהר די אמונה, עס פעהלט אין איהר די ליעבע, עס איז אין איהר נישטא קיין פייער.

אין אזא צייט מוז אלץ געטהון ווערען מיט מסירת־נפש —

און מסירות-נפש נישט אלס א געוויסע מאמענטאלע התלהבות, נאר א שטענדיגע, אנ'אונגעהויערע ארבייט מיט לייב און זעעלע.

ביי אייך זעהט זיך עס נישט, פיהלט זיך עס נישט.

איהר זענט יא מעהיג אויף מסירת-נפש, פיעל מאל וואו מען דארף נישט, אבער דאס אלץ נאר אין דער צייט, ווען איהר זענט רעוואלוציאנערען, סאציאליסטען, און דאס גלייכען, אין דער צייט אבער ווען איהר קלערט און טהוט אלס יודען, טהוט זיך ביי אייך אלץ אהן נשמה, אהן הארץ, אהן לעבען.

דא זענט איהר יוצא נאר מיט פלפול, אדער מיט דעם מוסר וואס איהר זאגט דער „יודישער בורזשואזיע"—

מאמער הויבט איהר אפילו יא עפעס אן טהון, ווערט איהר באלד אבגעקיהלט —

און ווייטער מוסר „דער בורזשואזיע"....

און ווילט איהר שוין עפעס טהון מיינט איהר, אז אלץ מוז תיכף איבערגעמאכט און איבערגעענדערט ווערען נאך דער לעצטער בראשיורע אייערער.

און ווערט עס נישט אזוי גרינג און טהוט זיך עס נישט אזוי גרינג, ווערט איהר מלא כעס.

אין דער צייט, וואס אין דער גוי'שער גאס זענט א זעלכע עניים, אזעלכע סבלנים, וואלט איהר דא ביי יודען וועלען, אז כהרף עין זאל אלץ געטהון ווערען.

צו אנדערע האט איהר קיין טענות נישט אפילו ווען אייך קומט אויס דאס לעבען אוועקלעגען אויף נישט; צו יודען קומט איהר אבער שטענדיג מיט טענות ותביעות.

דער זינד איז אין אונז אלעמען פארהאן און מיר דארפען אלע זיך „על חטא שלאגען".

מעהר געדולד, מעהר ליעבע, מעהר מסירת-נפש.

ВАРШАВА 1911.
Тип. Ф. Баумритера, Красинская пл. № 6.

הלל צייטלין.

דאס פּראבלעם פון גוטס און שלעכטס

ביי יודען און ביי אנדערע פעלקער.

(פילאזאפיש־היסטארישע אבהאנדלונג).

אונטער דער רעדאקציע פון אוטאר איבערזעצט דורך

ב. ק—י.

פערלאג
„וועלט־ביבליאטעק“.

ווארשא. תרע"א.

соч. ЦЕЙТЛИНА

Тип. и Лит. Х. Кельтера, ул. Новолипье № 11, въ Варшавѣ.

א.

די אלטע מזרח־פעלקער.

אין די פאר־היסטארישע צייטען, ווען דער מענש האט זיך נאך געפונען אין'ם „נאטירליכען" צושטאנד, פלעגט ער אונטערשיידען גוטע גייסטער (רוחות) פון שלעכטע און אנווענדען אלע מיטלען, אויסצודריקען זיין דאנק די ערשטע און צו שטילען דעם כעס פון די לעצטע. שפעטער, ווען דער מענש האט שוין אנגעהויבען צו בעגרייפען עטוואס די נאטור־ערשיינונגען און זיין שכל איז שוין געווען אויף אזוי פיעל ענטוויקעלט, אז ער איז שוין אימשטאנד געווען משיג צו זיין אויך אלגעמיינע בעגריפען, אנשטאט דעם, וואס ביז אהער פלעגט ער קענען איינפנעהמען בלויז איינצעלנע פאקטען, — זענען די גוטע און בייזע גייסטער פערוואנדעלט געווארען אין שטארקע געטער, חאטש זיי, די גייסטער, זענען אויך נישט אינגאנצען פערשוואונדען געווארען.

און אזוי ווי די גייסטער זענען געווען גוטע און בייזע, זענען אויך די געטער געווען גוטע און שלעכטע. די גוטע — האט דער מענש געשעצט און געליעבט, און פאר די שלעכטע — שרעקליך מורא געהאט; אום צו דאנקען די ערשטע פאר דעם חסד, וואס זיי טוען מיט איהם, און צו חנפנ'ען די לעצטע, כדי זיי זאלען איהם קיין שלעכטס נישט טאן, — האט ער וואס מעהר

---

*) מענשען רופען אן „גוט" און „שלעכט": ערשטענס, דאס וואס איז גוט און שלעכט אין דער נאטור, ווי לעבען און טוידט, פערגניגען און ליידען; און צווייטענס, דאס וואס איז גוט און שלעכט אים מאראלישען זין, ווי גערעכטיגקייט און אונגערעכטיגקייט רחמנות, און אכזריות.

קרבנות געבראכט און וואס מעהר תפלות געזאגט. ער האט גע־שעצט און טייער געהאלטען אויך די מענשען, וועלכע זענען גע־ווען, לויט זיין גלויבען, נאהנט צו זיינע געטער און האבען בעזעסען די קראפט משפיע צו זיין אויף איהם אלדאס גוטס אדער צו ברענגען אויף איהם אלע צרות און יסורים.

נאך שפעטער, ביי די שוין מעהר ציוויליזירטע פעלקער, זעהען מיר די דאזיגע גוטע און שלעכטע געטער אין א מעהר־בולט'ער געשטאלט. אזוי געפינען מיר, למשל, אין דער מיטא־לאגיע פון די בבל־ און אשור־פעלקער, אז אין אנהויב פון דער וועלט־בעשאפונג איז דאס תהו ובהו פערקערפערט געווען אין דער געשטאלט פון זעהר א שלעכטער שלאנג, און לאנג האבען די גוטע געטער, די געטער פון ליכטיגקייט, געמוזט מלחמה האלטען מיט דער דאזיגער שלאנג, מיט דעם גאט פון שלעכטס און פינסטערניש. —

די מצרים (עגיפטער) האבען געגלויבט און א סך געטהיי־טען, און איינער פון די מעכטיגסטע געטער אין זייער מיטאלא־גיע איז געווען אזירים. אזירים איז געווען א גוטער און א בארמהערציגער גאט און דאגעגען איז זיין ברודער סעט געווען דער מקור פון אלץ, וואס ביי די מצרים האט געהייסען שלעכט: פינסטערניש, מדבר, ברענענדע דרום־היץ און אלע אנשיקענושען און פורעניות'ען.

די פערסישע אמונה האט — נאך די פערשידענע ענדע־רונגען, וואס זי האט איבערגעלעבט, — ענדליך, ביי צאראאס־טער'ן, אנגענומען די פארם פון'ם בעקאנטען דואליזם: דאס גלוי־בען אין א גוטען, בארמהערציגען גאט (אהורא־מזדא; ביי די גריכען: ארמוזד; אין תלמוד: הורמיז), וואס פערקערפערט דאס גוטע און שאפט בלויז גוטס; און אין א שלעכטען גאט (אנהרא־מייניוס,

---

אונזער איצטיגעס ווערק בעהאנדעלט הויפטזעכליך די מענשליכע בעגריפען וועגען גוטס און שלעכטס אין דער נאטור; אזוי אבער ווי די דאזיגע בעגריפען זענען אין א געוויסער מאס ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער מענשליכער בעציהונג צו דאס גוטע און שלעכטע אין'ם מאראל, וועט אונז ממילא אויסקומען צו בעריהרען אפט אויך דאס לעצטע.

ארימאן, אהורמיז), וואס פערקערפערט מיט זיך דאס שלעכטע און שאפט בלויז שלעכטס.

„ארמוזד און ארימאן זענען צוויי ענטגעגענגעזעצטע כחות: א גוטער כח און א שלעכטער כח. ביידע האבען זיך בעטהייליגט אין דער יצירה פון דער וועלט. ווי מיר זעהען זי פאר זיך, און שטענדיג און אומעטום האלטען זיי מלחמה צווישען זיך. דער ערשטער (ארמוזד) איז איינגאנצען ליכטיגקייט, גוטסקייט און וויסען; און דער אנדערער (ארימאן) איז איינגאנצען — פינסטערניש, שלעכטס און אונוויסענקייט. שאפט דער גוטער גאט גוטס, קומט דער שלעכטער און מאכט עס קאליע; אליין, וואס ארמוזד שאפט, איז איהם דערווידער, און ער גיט צו פון זיך: די פלאנצונגען — טוידט-גיפטען, דעם פייער — רויך, דעם מענשען — זינד און דעם לעבען — טוידט". *)

די נעמען פון דעם גוטען גאט האבען זיך ביי די פערסיאנער פערקערפערט אין זיינע זעקס דיענער: דער גוטער שכל, די קדושה, די פאלקאמע ממשלה, די געטליכע פרומקייט, די געזונדהייט, די אונשטערבליכקייט — און ער אליין איז דער זיעבעטער. די נעמען וויעדער פון דעם שלעכטען גאט זענען אויך פערקערפערט געווארען אין זיינע זעקס נאהנטסטע דיענער: דער שלעכטער שכל, דאס קרענקען, די פערניכטונג א. א. וו. און ער אליין איז דער זיעבעטער. **) די משרתים פונ׳ם גוטען גאט זענען אזוי גוט, ווי ער, און שאפען: ליכטיגקייט, לעבען, פערגניגען, גליק; און די משרתים פונ׳ם שלעכטען גאט זענען אויך אזוי שלעכט, ווי ער, און זיי זענען עס דער קוואל פון דער פינסטערניש, פונ׳ם טוידט, פון אלע צרות און אנשיקעניםען.

ביי די אנדערע פעלקער איז די קראפט פון דער שלעכטער גאטהייט ניט געווען אזוי גרויס און נאר ביי די פערסיאנער געפינען מיר דעם שלעכטען גאט אזוי שטארק און מעכטיג, ווי דעם גוטען, און די צאהל פון זיינע משרתים און פאלגער׳ס אזוי גרויס, ווי די צאהל משרתים און פאלגערס פונ׳ם גוטען גאט.

ערשט דאן, ווען ארמוזד וועט מנצח זיין אריםאנ׳ען און

*) דארמשטעטער.

**) מענזיס: געשיכטע פון גלויבענס און רעליגיאנען, קאפיטעל 21.

דער רוח הטומאה וועט אינגאנצען פערשוואונדען ווערען פון דער ערד, — ערשט דאמאלס וועט דער מענש גליקליך זיין און דער טוידט וועט פערליערען זיין מאכט איבער איהם און ס'וועט זיך נישט הערען מעהר קיין געוויין און קיין קרעכץ.

מעהר אבער פון די אלע מזרח-פעלקער האט דאס אינדישע פאלק פערשטאנען די גרויסע קראפט פון דאס שלעכטע, וואס הערשט אין דער נאטור. דאס דאזיגע פאלק האט טיעף בעגריפען, ווי עלענד און הילפלאז דער מענש איז אין דער נאטור, וויפיעל ער האט אויסצושטעהן יסורים, צרות און וועהטאגען, און אויך וויפיעל ער איז דער ציעל פאר אלע פיילען פון דער נאטור און בכלל א שפיעלבעל אין די הענד פונ'ם בלינדען צופאל און פון זיינע אייגענע בלינדע תאוות.

די אינדישע אמונה האט איבערגעלעבט דריי גרויסע פעריאדען (תקופות).

ווען דאס פאלק איז נאך יונג געוועזען, האט עס געזונגען זיינע קינדעריש-חנ'ודיגע ליעדער צו זיינע געטער, וועלכע זענען אויך געוועזען אזוי קינדעריש-אונשולדיג, און האט פאר זיי מקריב געוועזען דעם געטראנק „סאמא" זאפט פון אזא מין גראז (אונטער דעם נאמען) ביסלעכווייז אבער האט זיך דער פערשטאנד פון פאלק ענטוויקעלט, און בעגרייפענדיג שוין איצט, אז די ערשיינונגען פון דער נאטור זענען נישט קיין אייביגע, האט עס זיך אומגעקעהרט צו דער נאטור זעלבסט. עס איז צוגעקומען ביסלעכווייז צו דער איבערצייגונג, אז אלע געשעהענישען אין דער נאטור זענען נאר צייטווייליגע, איבערגעהענדע, און עס האט זיך גענומען זוכען דעם אייביגען געזעץ.

נאך אין דער ערשטער ענטוויקלונגס-עפאכע פון דעם אינדישען גלויבען געפינען מיר שוין ביי די אינדוסען די אידעע פון איין גאט איבער אלע געטער; זיי גיעבען אב דעם פלאץ אמאל איינעם און אמאל דעם אנדערען, אמאל ווארונ'ען און אמאל אינדרא'ן, און אפט בעגעגענען מיר גאר אין די וועדען דעם מאמר: „אגני (דאס פייער) איז דער קאפ פון אלע געטער". *) אין די שפעטערדיגע פילאזאפישע אנשויאונגען פון די וועדען, (די הייליגע

*) מענזיה: דארט, קאפיטעל 18.

שרײַפטען פון די אינדיאנער) געפינען מיר שוין אָבער שפורען פונ׳ם קלאָרען פאַנטעאיזם „ס׳איז פערהאַן אין דער אמת׳ן נאָר איין גאָט, אַ העכסטער, וואָס געוועלטיגט איבער אלץ און שאַפט אלץ״; — לייענען מיר אין די וועדען—גאָט איז איינער, ווײַל ער איז אלץ״.

„די נאַטור — זאָגט דרעפּער — דאָס איז די עמאַנאַציאָן פון גאָט אין די וועדישע ספרים, און ווען זיי רעדען וועגען דער בעציהונג פון דער נאַטור צו גאָט זאָגען זיי אַזוי: ער איז די מאַטעריע פון דער וועלט, איהר סבה, ער איז די מאַטעריע און ער איז דער בעשעפער״. *)

די פילאָזאָפישע אנשויאונג אין די וועדען האָט זיך אלץ ווייטער און ווייטער ענטוויקעלט, און ענדליך האָט זי ערדרייכט אַ הויכע מדרגה דורך די בראַמינען. דאַן אָבער האָט זי שוין בעקומען אַנ׳אַנדער פנים.

בראַמאַ, וואָס איז געווען אין דער ערשטער עפּאָכע בלויז דער גאָט פון תפלה, האָט אָנגעהויבען פערשפרייטען זיין ממשלה אלץ מעהר און מעהר, ביז ער איז ענדליך געוואָרען דער בעשעפער און פיהרער פון דער גאַנצער נאַטור. די בראַמינען (בראַמאַ-גייסטליכע) האָבען איהם אויפגעהויבען אין דער הויך, איבער אלע, און אַ דאַנק זיי איז ער מיט דער צייט געוואָרען אַ גאָט אָהן אַנ׳אָנהויב און אָהן אַ סוף, וואָס אלץ איז פון איהם געגעבען געוואָרען און אלץ וועט זיך צו איהם צוריק אומקעהרען.

און דאָס פאָלק האָט זיך דערווייל אינגאַנצען בעפרייט פון זיין נאַטור-צושטאַנד. זיין קולטור האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט און אָנגענומען איהר אייגענטימליכען, בעשטימטען כאַראַקטער; די פערשיעדענע פאַרטייען, וואָס האָבען זיך געפונען אין פאָלק, זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין פעסטע אָרגאַניזאַציעס און האָבען זיך שטרענג אָבגעטיילט איינע פון דער אַנדערער. די בראַמינען האָבען געבילדעט אַ בעזונדער קאַסטע, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר דער אויסגעוועהלטער פון גאָט זיך צו פערטיפען אין זיין מהות, צו בעאָבאַכטען זיינע מעשים און צו פער-

*) „די ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דעם מענשליכען פערשטאַנד אין אייראָפּאַ״. קאַפּיטעל 3.

ברענגען די צייט און תפלה און קרבנות. די דאָזיגע קאַסטע, וואָס אַלע אַנדערע האָבן זי פֿערגעטערט און פֿערהייליגט, האָט, לויט איהר בעזונדער שטעלונג אין דער דערמאָלדיגער אינדיאַנישער געזעלשאַפֿט, געהאַט אַ סך צייט אויף צו אָבסערווירען, טראַכטען און פֿאָרשען. און חאָטש די זעלביגע בראַמינען האָבען אַוועקגעשטעלט אַנ'אייזערנע וואַנד צווישען זיך און די אַנדערע געזעלשאַפֿטליכע קאַסטען, און אָנגעהויפֿט דינים אויף דינים, מנהגים אויף מנהגים, און גזירות אויף גזירות, אַזוי, אַז די אֶמונה האָט, ווי אַ שווערע משא, געדריקט דאָס פֿאָלק, — געפֿינען מיר פֿון דעסטוועגען פֿאָרט אין דעם תמצית פֿון זייער רעליגיאָנס־לעהרע אַ סך טיעפֿע נאָכזוכען און שטאַרקעס פֿאָרשען.

בראַמאַ איז ווירקליך געווען אַנ'עכט פֿילאָזאָפֿישער גאָט. ער איז געווען דער בעשעפֿער פֿון אַלץ און אַליין — אַלץ. די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט אונענדליכע „ענדערונגען" און מעטאַמאָרפֿאָזען; קיין זאַך לעבט נישט אייביג, אַלץ ענדערט זיך, אַלץ זעהט אויס היינט אַזוי און מאָרגען אַנדערש; גאַנצע וועלטען עקזיסטירען אויך נישט אייביג, זיי ווערען אויך ווען ס'איז אונטערגעהן און אַנדערע וועלען אויף זייער אָרט בעשאַפֿען ווערען; די נאַטור אינגאַנצען ווערט אויך צושטערט און בעשאַפֿען, צושטערט און בעשאַפֿען און אַזוי אונענדליך כסדר. אַלץ ענדערט זיך און געהט אונטער, אויסער — איין בראַמאַ, וואָס לעבט און וועט לעבען אין די אונענדליכסטע וועלטען אייביג און אייביג.

די בראַמינען זענען אינגאַנצען דורכגעדרונגען געווען מיט דעם געדאַנק וועגען דער אייביגער ענדערונג, און דער מענשליכער נשמה האָבען זיי זיך אויך פֿאָרגעשטעלט אַלס עטוואָס אַזוינס, וואָס ווערט מגולגל פֿון איין גוף אין אַנדערען, אינ'ם פֿערלויף פֿון אַ לאַנגער צייט, ביז זי קעהרט זיך אום צו בראַמאַ'ן אַזוי ריין, ווי זי איז בעשאַפֿען געוואָרען.

דערמיט האָבען זיי געוואָלט לעזען אויך די פֿראַגע וועגען דעם, פֿאַרוואָס איז דעם צדיק שלעכט אויף דער וועלט. דער צדיק, וואָס מהוט היינט אַלדאָס גוטס, ליידט צרות און שטעהט אויס אַ סך פּורעניות פֿאַר די זינד, וואָס ער האָט געזינדיגט אין די ערשטע גלגולים, און אַזוי האַלט ער כסדר אין איין מגולגל ווערען ביז ער ווערט ענדליך אינגאַנצען ריין פֿון זינד.

זיי האָבען זיך אָבער דערביי אַליין נישט בעגנוגענט. זיי האָבען גוט פֿערשטאַנען, אַז מיט דעם תירוץ ווערט נאָך די אַלגעמיינע שלעכטס־פֿראַגע נישט פֿערענטפֿערט. אַ גאַנץ איידעלען פֿערשטאַנד און אַ טיעף עמפֿפֿינדליך הארץ האָבען בעזעסען די דאָזיגע בראַמינישע דענקער, און זיי האָבען נישט געקענט נישט פֿערשטעהן און פֿיהלען די ליידען פֿון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער וועלט.

זיי האָט געהאַרט: ווי אַזוי איז עס פֿון בראַמאַ, פֿון דעם גוטען און פֿאָלקאָמענעם גאָט, אַרויסגעקומען אַזאַ שלעכטע וועלט? צו וועלכען ציעל האָט ער עס בעשאַפֿען די דאָזיגע וועלט, וואָס איז פֿול מיט ניעדריגע, קליינליכע און עלענדע ברואים, וועלכע שטעהען אויס פֿערשיעדענע צרות און פורעניות דאָס גאַנצע לעבען זייערס?

דער ענטפֿער פֿון די בראַמינען אויף דער פֿראַגע איז אַ מין: שגגה שיצאה מלפני השליט (גאָט האָט אַ שטיקעל פֿעהלער געמאַכט).

מאַיאַ (איללוזיע) האָט זיך בעהעפֿט צו בראַמאַ'ן און ס'איז אַרויסגעקומען דאָס דאָזיגע בעשעפֿעניש — אונזער וועלטיל, — וואָס איז פֿול מיט יאָמער און קלאָג, צרות און וועהטאָגען. די דאָזיגע איללוזיע האָט פֿערשפּרייט איהר ממשלה איבער דער גאַנצער נאַטור: זי רופֿט אַרויס לעבען אין אַלץ, אַנוועזענדיג אויף גליק דאָרט, וואו ס'איז גאָרנישט פֿערהאַן; פֿערפֿיהרענדיג אַלע בעשעפֿענישן, פֿון דעם גרעסטען ביז'ן קלענסטען, זיך צו יאָגען נאָך עפּעס, פּונקט ווי עס וואָלט טאַקי ווירקליך זיין עטוואָס אַזוינס, וואָס עס לוינט זיך צו יאָגען נאָך דעם. ווען עס וועט אויפֿהערען צו הערשען די דאָזיגע פֿערפֿיהרערישע איללוזיע; ווען אַלע וועלען זיך איבערצייגען אין דער נישטיגקייט און פֿערגענגליכקייט פֿון אַלע לעבענס־ערשיינונגען, ווען אַלע וועלען פֿערשטעהן, אַז אַלץ איז גאָרנישט — וועט דאָס לעבען פֿון זיך אַליין אויפֿהערען און אַלץ וועט זיך אומקעהרען צו בראַמאַ'ן.

דער מענש דאַרף דעריבער פֿערטרייבען פֿון זיך די דאָזיגע איללוזיע, אָוועקלאָזען אַלע לעבענס־אינטערעסען, בעפֿרייען זיך פֿון אַלע תאוות און אָראָבוואַרפֿען פֿון זיך די אַלע קייטען פֿון גלוסטען, וועלען און פֿערלאַנגען. דער מענש דאַרף שטרעבען,

זיך צו דערנעהנטערען צו דעם איבּיגען אידעאַל — צו דעם אידעאַל פֿון פערשלונגען ווערען אין דער אונענדליכקייט, און ווייל אַט דער אידעאַל קאָן נישט ערייכט ווערען אַזוי לאַנג, ווי ס'הערשט די אילוזיע, דאַרף דער מענש פֿאַסטען און זיך אַ סך פּייניגען, אום צו דערשטיקען אין זיך די אילוזיע, אום צו פֿערליערען אינגאַנצען די שטרעבונג צו וועלכען ס'איז קערפּערליכען גליק און דעם ווילען זיך נאָך דעם נאָכצויאָגען. די ביכער פֿון מאַנו הייסען דעם מענשען, וואָס וויל זיך בעהעפטען מיט בראַמאַ'ן, ער „זאָל נישט וועלען שטאַרבען און זאָל נישט וועלען לעבען; ער זאָל אָבוואַרטען זיין טאָג, ווי אַ אַרבייטער וואַרט אויף זיין לויהן".

די דאָזיגע פּילאָזאָפישע אַנשויאונג האָט אָבער אָנגעהערט נאָר צו די בראַמינען אַליין — די אַלע איבּריגע קאַסטען האָבען צו איהר קיין שום שייכות נישט געהאַט און זאָגאַר ביי די בראַמינען אַליין איז זי אויך פֿערזונקען געווען אין אַ גאַנצען ים פֿון אַבערגלויבענס און איבּערטרייבונגען, איינרעדענישען און נאַרישקייטען. די אמונה פֿון פֿאָלק אין איהר פֿאָלקאָמסטער געשטאַלט האָט אַנערקענט דריי גאָטהייטען: בראַמאַ, וואָס שאַפֿט; ווישנו, וואָס ערהאַלט; און שיווא, וואָס צושטערט און פֿערניכטעט אַלץ — אויסער אַ מאַסע איינצעלנע, פּריוואַטע געטער.

אַ גואל פֿאַר דער פּילאָזאָפישער אַנשויאונג פֿון די בראַמינען, וואָס האָט איהר געהאָלפֿען פֿערשפּרייטען און פּאָפּולאַריזירען צווישען די ברייטערע שיכטען פֿון פֿאָלק, — איז אויפֿגעשטאַנען אַנ'ערך פֿון זעקס הונדערט יאָהר פֿאַר קריסטוס'ן. ער האָט זי פֿערברייטערט און אויסגעפּילט, ער האָט געענדערט איהר אויסערליכע פֿאָרם, איהר געשטאַלט און אויך איהר אינהאַלט, און אַ דאַנק דעם איז זי איבּערגעגאַנגען צום גאַנצען פֿאָלק, אָנשטאָט דעם, וואָס ביז אַהער האָט זי אָנגעהערט צו איין-איינציגער קאַסטע און איז נאָך דערצו צונויפֿגעמישט געווען מיט אַ מאַסע אַבערגלויבעריען און ווילדקייטען.

דער דאָזיגער גואל איז געווען סאַקיאַ-מוני (דער חכם פֿון סאַקיאַ), אָדער ווי מ'האָט איהם גערופֿען מיט זיין אַלגעמיינעם נאָמען, בודדאַ, צוליעב זיין גוטסקייט און עהרליכקייט.

די אינדישע לעגענדע דערצעהלט וועגען דעם גואל, אַז ער איז געווען אַ זוהן פֿון דעם סאַקישען קעניג, און דער פֿאָטער

האט איהם ארומגערינגעלט מיט אלדאס גוטס, מיט אלע טייערקייטען פון מלכים און מדינות, מיט אלע גענוסען און פערגניגענס, כדי ער זאל פאר זיך גאר קיין שלעכטס נישט זעהן. זיינע משרתים, חברים און די אלע מענשען, וואס האבען זיך געפונען ארום איהם, זענען געוועזען פרעהליך, לעבענסלוסטיג און פול מיט יוגענדקראפט. דער בן־מלך, וועלכער איז געוועזען זעהר עמפפינדליך, קלוג און טיעף האט אבער אמאל געטראפען אנ'אלטען מאן, געהענדיג איינגעבויגען, דערשלאגען און מיט א פערביטערטען געזיכט. האט ער געפרעגט זיין לעהרער און פיהרער טשאנא:

— וואס איז דאס?

האט איהם דער לעהרער געענטפערט:

— דאס איז אנ'אלטער מאן.

— איז ער אזוי געבוירען געווארען און אלע פון זיין מין זענען אזעלכע, ווי ער?

— ניין, — האט איהם דער פיהרער ערקלערט — אמאל, אין די יונגע יאהרען, איז ער אויך געוועזען אזוי געזונד און פריש, ווי דו.

דער בן־מלך האט זיך פערטיעפט אין געדאנקען און ווידער געפרעגט:

— זענען עפעס א סך מענשען פארהאן אויף דער וועלט אזעלכע, ווי ער? און ווי קומט מען עס צו אזא לאגע?

האט איהם טשאנא געענטפערט, אז אזעלכע, ווי דער אלטער זענען פארהאן א סך און אז דאס איז דער גורל פון אלע שטערבליכע.

— און איך וועל אויך אזוי אלט ווערען, ווי ער? — האט געפרעגט דער בן־מלך.

— דו אויך! — האט איהם געענטפערט זיין לעהרער און פיהרער.

די דאזיגע בעגעגעניש האט דעם בן־מלך שטארק צוטומעלט. ער האט געגלויבט ביז אהער, אז אלץ אין דער וועלט איז גוט און שען, אז דאס גאנצע לעבען בעשטעהט בלויז פון ליכטיגקייט און פרעהליכקייט און אז אלע מענשען זענען גליקליך און צופריעדען; און פלוצלונג דערוויסט ער זיך גאר, אז נאך דער יוגענד, די צייט פון פרייד און פערגניגען, קומט אן

די עלטער, די צייט פון שוואכקייט אלטקייט און גלייכגילטיג־קייט. היינט צו וואס טויג די פרייד אויב זי ענדיגט זיך מיט טרויער? און ער האט זיך, ביז און צוטראגען, אומגעקעהרט אהיים. און ווידער אמאל האט ער בעגעגענט א מענשען א פער־וואונדעטען און א צו־וועהטאגטען פון קאפ ביז די פיס; און א דריטעס מאל האט ער געטראפען א לויה פון א טוידטען, און ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז אויך די וועהטאגען און דער טוידט זענען דער גורל פון אלע מענשען און קיינער קען זיך פון זיי נישט אויסקויפען, האט ער זיך ביטער פונאנדערגעשריען: אח, ווינד און וועה! וואס העלפען אונז די קעניגליכע אוצרות, די רייכטימער און פערגניגענס, אויב זיי זענען נישט אומשטאנד אונז מציל צו זיין פון טוידט, פון קראנקהייט און פון טוידט! ווי אומ־גליקליך דער מענש איז! צו איז'ס גאר קיין מיטעל נישט פערהאן אויף צו מאכען אן ענדע צו די קראנקהייטען און צו'ם טוידט?!"

פון דאן אן האט ער זיך דאס אליין שטארק גענומען צו'ם הארצען און זיך אבגעקעהרט פון די אלע תענוגים, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט. און עס האט בעשלאסען דער בן־מלך ביי זיך צו זוכען א תרופה צו די מענשליכע צרות; און ער האט פערלאזען דעם פאלאץ פון זיינע עלטערען, די מלכים, און איז אוועק וואנדערען איבער דער וועלט מיט די ארעמע נזירים, און האט אבגעזוכט א סך בראמינען, געלעהרטע און פילאזאפען, צו לערנען ביי זיי חכמה און די סודות פון לעבען.

ער האט אבער אין דעם אלעמען נאך אליין נישט געפונען קיין ריכטיגען ענטפער אויף דער גרויסער פראגע, וואס האט איהם רוהען נישט געלאזען: וואו איז דער מקור פון דאס שלעכטע און ווי אזוי זאל זיך דער מענש איינהיטען פון איהם? און די לעגענ־דע דערצעהלט ווייטער, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפיהרט אין דער צייט פון זיין איינזאמען וואנדערען און ווי אזוי ער האט גע־זוכט, געלערנט און נאכגעפארשט און איז פונדעסטוועגען גאר־נישט דערגאנגען, ביז ס'איז איהם ערשיענען א רוח פון הימעל און אלע סודות פון וועלט, לעבען און מענש, זענען פאר איהם אין איין רגע ענטדעקט געווארען.

די חקירה וועגען דער סבה פון אלע סבות האט אין בוד־דא'ס אויגען קיין בעדייטונג נישט. דער מענש דארף וויסען, לויט

בודדא'ס מיינונג, נאר דאס, וואס קען איהם העלפען אויסלייזען זיין נשמה פון איהרע צרות און וועהטאגען. דער מענש איז עלענד און אומגליקליך, דער מענש מוז א הילף האבען, און ווייל ער נויטיגט זיך אזוי דרינגענד אין הילף טאר ער נישט פערבערענגען זיין צייט איבער חקירות און דרישות וועגען דער ערשטער סבה אדער וועגען די ערשטע סבות.

„שטעלט זיך פאר, זאגט בודדא, א מענשען, וואס א טויטפייל האט דורכגעשאסען זיין הארץ און זיין ישועה ליעגט נאר אין די הענד פונ'ם רופא, וואס קען איהם דעם פייל ארויסנעהמען פון הארצען. וועט דען דער דאזיגער פערוואונדעטער זיך אוועקשטעלען פרעגען: פון וואס'רע האלץ איז דער פייל געמאכט געווארען? די פעדערן פון וועלכע עופות זענען צו איהם צוגעבונדען געוועזען? וועט ער זיך דען אבגעבען מיט אזעלכע נארעשע פראגען, ווייסענדיג, אז די צייט געהט פערביי און דער טויט קען יעדע מינוט אנקומען?!"

בודדא לייקענט אין בראמא'ן און אנ'ערקענט איהם נישט. די בראמינען האבען געגלויבט, אז בראמא לעבט אייביג, און לויט בודדא'ס מיינונג איז אלץ צייטווייליג און פערגענגליך. די בראמינען האבען אויך אנערקענט, אז אלץ איז פערגענגליך, זיי האבען אבער צוזאמען דערמיט געגלויבט אין דעם, אז אלץ געהט איבער אין בראמא'ן, אז בראמא אליין וועט אייביג לעבען און עקזיסטירען, און ער איז דער אייביגער טרעגער פון אלע ענדערונגען און איבערגאנגען. לויט בודדא'ן אבער האבען די דאזיגע אלע ענדערונגען און איבערגאנגען גאר זיין טרעגער נישט, ווייל אלץ קעהרט זיך אום צו דער נישטיגקייט.

בודדא איז אינגאנצען דורכגעדרונגען געוועזען מיט דעם געדאנק וועגען דער אייביגער פערניכטונג אין דער נאטור. דאס פייער דיענט איהם אלס סימבאל פון דער גאנצער נאטור און פונ'ם גאנצע לעבען.

„א פייער ברענט אין די אויגען, זאגט בודדא, און אויך אין אלץ, וואס דו זעהסט, ברענט א פייער, און אויך אין די זאכען, וואס דער מענש געדענקט, אז ער האט עם שוין אמאל געזעהען". *)

*) מענזים: קאפיטעל 20

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו די אַנדערע חושים און אויך בנוגע צום שכל. ס'איז פֿערהאַן אַ פֿײַער פֿון תאוה, אַ פֿײַער פֿון רשעות, אַ פֿײַער פֿון אילוזיע, אַ פֿײַער פֿון געבורט, פֿון אַלטקײַט, פֿון טויט, פֿון װעהטאָג, פֿון פֿערצװײַפֿלונג און פֿון טרויער.

דער יסוד פֿון זײַן סיסטעם איז, אַז קײן זאַך אין לעבען איז נישט פֿעסט און אײביג. אַלץ איז צײַטװײַליג און פֿערגענגליך און די װעלטען אַפֿילו װעלען אויך אונטערגעהן און כלה װערען. געװנים און שענקײַט, חן און רײץ, לעבען און פֿערגניגען — אַלץ, אַלץ איז נישט מעהר, װי אַ נאַרעשע אײַנבילדונג, אַ פֿאַלשע אילוזיע.

„יעדע געשעהעניש איז לעער; יעדעס װעזען איז לעער: אין דער אויסערליכער װעלט איז קײן זאַך נישט פֿערהאַן אויסער דער לעערקײַט... דאָס שלעכטס — איז דאָס לעבען; דער מקור פֿון לעבען איז — דער װילען; דער מקור פֿון װילען איז — די אילוזיע. ס'קומט אויס, אַז אונזער נישט-װיסען איז די סבה פֿון די אַלע זאַכען, װאָס זעהען אויס, װי עפּעס". *)

ער פֿלעגט זאָגען: „דער סוף פֿון יעדער צוזאַמענגעזעצטער זאַך איז צופֿאַלען צו װערן, און פֿון יעדען געבירטיגען — צו שטאַרבען; די ערשײַנונגען פֿון לעבען פֿערשװינדען און געהען פֿערבײַ אײנע נאָך דער אַנדערער; די פֿערגאַנגענהײַט, די געגענװאַרט און די צוקונפֿט װעלען זיך ענדיגען; אַלץ פֿערגעהט, אין אַלץ הערשט דאָס געזעץ פֿון אונטערגאַנג; אַ טײַך געהט אַװעק און קעהרט זיך נישט אום צוריק, די זון דרעהט זיך און געהט אָהן אַנ'אויפֿהער, דער מענש געהט כסדר איבער פֿונ'ם פֿערגאַנגענהײַטס-לעבען אינ'ם לעבען פֿון דער געגענװאַרט און װיפֿיעל ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען, װעט ער די פֿערגאַנגענהײַט שױן צוריק נישט חאַפּען. אין דער פֿריה זעהען מיר אַ געװיסע ערשײַנונג און אין אָבענד איז שױן דערפֿון קײן זכר נישט פֿערהאַן. צו-װאָס-זשע זאָלען מיר זיך נאָכיאָגען נאָך אַזאַ גליק, װאָס פֿערשװינדט, װי אַ שאָטען? ס'טרעפֿט, אַז אַ מענש װענדעט אָן אַלע כוחות צו ערדרײכען אָט דאָס גליק אין דער געגענװאַרט, און זײַן גאַנצע מאַטערניש איז אַרויסגעװאָרפֿען; ער הױבט אויף זײַן שטע-

*) נאָך מאַקס מיללער.

קען איבער'ן וואסער, מיינענדיג, אז אזוי ווי עס טיילט זיך פונאַנדער אויף א רגע, אזוי וועט עס שוין אימער בלייבען. דער טוידט הערשט אין דער גאנצער נאַטור און מ'איז נישטאָ איין זאך אין דער וועלט, וואס זאל קענען אונז בעהאלטען פון איהם. דער ווינד, דאס וואסער, די הויהלען, יעדעס אָרט אין דער גרויסער וועלט, — קיין זאך בעשיצט אונז ניט פון איהם, — רייכטום, עשירות און כבוד קענען אונז נישט בעשיצען; אלץ, וואס לעבט, אלץ, וואס איז פערהאן, וועט צושפרייט און רואינירט ווערען; פאַר'ן טוידט זענען אלע גלייך — דער רייכער און דער אָרעמער, דער גרויסער און דער קליינער; אי אלטע, אי יונגערע, אי נאָר יונגע — אלע וועלען שטאַרבען; ברוסט־קינדער און נפל'עך ביי דער מאמען אין בויך — אלץ וועט שטאַרבען אָהן א צייט און אָהן א משפט. מיר געהען שטאַרבען מיט א גלייכען גראדען וועג. דעם מענשענ'ס גוף, וואס איז צוזאמענגעזעצט פון פיער יסודות, איז א כלי, וואס פון איין שטאַרקער בעוועגונג, ווערט זי אויף שטיקער צובראָכען. דאס גאנצע לעבען איז דער מקור פון תאוות, געפיהלען און צער. אט קומט אָן די עלטער און צוזאַמען מיט איהר אלע קראַנקהייטען און וועהטאָגען. דער אלטער מאַן ווערט געפייניגט אינ'ם נעץ פון טוידט. ווי א לעבעדיגער פיש אויף ברענענדיגען אש, און דאס ציהט זיך אזוי לאַנג, ביז דער טוידט מאַכט א סוף צו זיינע וועהטאָגען, דאס לעבען איז, ווי ציטמינגע פייגען, וואס ביי'ם שוואַכסטען ווינטעל פאַלען זיי אראָב אויף דר'ערד. אין יעדער איינציגער רגע פון אונזער לעבען דאַרפען מיר איבערציטערן, טאָמער הערט עס באַלד אויף, אט ווי עס הערען אויף צו שפילען די סטרונעס פון א פידעל, ווען דער שפילער נעהמט צו זיינע הענד פון זיי".

זאל אָבער דער מענש זיך נישט איינרעדען, אז אין קבר וועט ער מנוחה געפינען. ניין! דער מענש ווערט געבוירען און שטאַרבט. ווערט ווידער געבוירען און שטאַרבט ווידער, און אזוי דרעהט זיך כסדר דאס רעדיל פון דער אייביגער בעוועגונג און ניט אַרוים פון זיך פערשידענע סאָרטען גלגולים־ ענדערונגען און איבערגאַנגען. פון דעם דאָזיגען גלגולים־ראָד איז פערהאן נאָר איין אויסגאַנג, און דאס איז — די נירוואַנא (דאס פערזינקען אינ'ם נישט־זיין). דאס איז דער לעצטער תכלית פון

אַלעס לעבעדיגעס און דאָס דאַרף אויך זיין די שטרעבונג פון יעדען מענשען, וואָס וויל אַרויסגעהן פון דער טרויער און ליפּצען־וועלט.

„די נירוואַנע — זאָגט בודדאַ — איז דאָס וואַסער פון לעבען, וואָס שטילט דעם דאָרשט פון די גלוסטונגען, זי היילט אויס פון אַלע מיני טרויערען, וואָס קענען נאָר געבען".

„נאָך דער אייביגער אומוואַנדלעניש פון אונענדליך פערשידענע פאָרמען, נאָך די אונענדליכע איבערגאַנגען פון איין לאַגע אין דער אַנדערער, נאָך די אַלע מאַטערנישען, טועכצען, אויפרעגונגען און וועהטאָגען, וועלכע זענען פערבונדען מיט די דערמאָהנטע אייביגע גלגולים, — לאָמיר זיך בעפרייען פון יעדער פאָרם, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שייכות צו עקסיסטענץ, רוים און צייט און לאָמיר צוקומען צו דער מנוחה און צו דער שטילקייט, צו דעם אָרט, וואו מ'איז געשיצט פון יעדען סאָרט טרויער און צער צו דעם רוהיגען ווינקעל — די נירוואַנאַ".

דאָס דאַזיין אין דאָס ליידען זענען ביי בודדאַ'ן סינאָנימען. דאָס דאַזיין מוז אַרויסרופען פערשידענע פערלאַנגען, און יעדעס פערלאַנג ברענגט צער (ווייל געוועהנליך פערלאַנגט מען דאָס, וואָס עס פעהלט). דאָס אמת'ע גליק בעשטעהט אין דעם, זיך צו בעפרייען פון יעדען צער; זיך בעפרייען פון יעדען צער קען מען אָבער נישט אַנדערש, ווי זיך בעפרייענדיג צוזאַמען דערמיט אויך פון יעדען פערלאַנג און בעפרייען זיך פון יעדען פערלאַנג הייסט שוין ממילא אויך אויפהערען צו זיין, אויפהערען צו עקסיסטירען. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז דאָס אמת'ע גליק ליעגט אין'ם נישט־זיין. דער טוידט הייסט נאָך אָבער נישט קיין נישט־זיין; דער טוידט איז נאָר איינע פון די פאָרמען, וואָס די מענשליכע נשמה נעהמט אָן, איבערגעהענדיג פון איין גוף אין אַנדערען, און נאָר דאַן, ווען זי קומט צו צו דער מדרגה פון דעם אַבסאָלוטען נישט זיין[*], דאַן איז זי ווירקליך נישטאָ.

ווי אַזוי אָבער זאָל די נשמה צוקומען צו דער מדרגה פון'ם אַבסאָלוטען נישט־זיין? ווי אַזוי זאָל עס דער מענש אַראָבוואַרפען פון זיך די קייטען פון זיין עקסיסטענץ? וואָס זאָל דער מענש טאָן, אום ניצול צווערען פון די אַלע גלגולים, וואָס ברענגען נאָר צער און טרויער?

צו דעם צוועק דארף דער מענש וויסען פיער אמת'ען, וואס אז ער וועט זיך גוט פערטיעפען און אריינטאן אין זיי, וועלען זיי איהם העלפען זיך בעפרייען פון די פערשיעדענע פערלאנגען, און זייענדיג פריי פון יעדען ווילען און פערלאנג, וועט ער שוין פריי זיין אויך פון יעדער עקזיסטענץ, און דאן וועט ער צוקומען צו דער מדרגה פון נירוואנא און וועט שוין נישט מעהר מגולגל ווערען פון איין גוף אין אנדערן.

די פיער גרויסע אמת'ען, וואס קענען אויסהיילען אלע לעבענס־וואונדען, זענען פאלגענדע: 1) דער גרויסער אמת פונ'ם צער; 2) דער גרויסער אמת פון דעם מקור פונ'ם צער; 3) דער גרויסער אמת פון דער אויסלייזונג פונ'ם צער; 3) דער גרויסער אמת פון דעם וועג, וואס פיהרט צו דער אויסלייזונג פונ'ם צער.

„אזוי זאגט בודדא: ברידער, מיר בלאנדזשען ארום אין א ווילדען מוראדיגען וועג פון פערשיעדענע מיני גלגולים, נאר דערפאר, וואס מיר ווייסען נישט די פיער אמת'ען, וועלכע קענען אונז מציל זיין פון זיי. דא האט איהר, ברידער, דעם הויכען אמת פון צער: דאס געבורט איז א צער, די עלטער איז א צער, די קראנקהייט איז א צער, דער טוידט איז צער, דאס אבגעריסען ווערען פון געליעבטע מענשען איז א צער, די נאהנטקייט פון פערהאסטע מענשען איז א צער, נישט פערווירקליכטע האפנונגען זענען א צער. און דא האט איהר, ברידער, דעם גרויסען אמת פון דעם מקור פונ'ם צער: דאס איז – דער לעבענס־דורשט, וואס פיהרט פון איין גלגול צום אנדערן; דאס איז — דער ווילען, צו בעפריעדיגען די בהמה'שע תאוות, די שטרעבונג צו'ם פערזענליכען גליק. און דא האט איהר, ברידער, דעם גרויסען אמת פון דער אויסלייזונג פונ'ם צער: דאס איז — פערניכטען דעם דורשט צום עקזיסטירען, פערניכטען די פערלאנגען; מיר דארפען זיי פערניכטען, פערטרייבען פון זיך און זיך בעפרייען פון זיי. און דא האט איהר, ברידער, דעם גרויסען אמת פון דעם וועג, וואס פיהרט צו דער אויסלייזונג פונ'ם צער: די אויסלייזונג ווערט ערוייכט מיט אכט זאכען: מיט אמת'ען גלויבען, מיט אמת'ען מוט, מיט אמת רעדען, מיט אמת האנדלען, מיט א אמת לעבען, מיט אמת'ע שטרעבונגען, מיט אמת'ע געדאנקען און מיט אמת'ען זעלבסט־בעוואוסטזיין.

מיט דער הילף פונ׳ם וויסען די דאָזיגע אמת׳ען און זיי גוט בעגרייפען קאָן דער מענש צוקומען צו דער פאָלשטענדיגער מנוחה און צו דער בעפרייאונג פון אלע מינים צער, צרות און טרויער. דער מענש קאָן צוקומען צו דער מדרגה פון נירוואַנאַ, צו דער מדרגה פונ׳ם אבסאָלוטען נישט-זיין, פון דער אבסאָלוטער גלייכגילטיגקייט, צו אַזאַ מין גייסטעס-צושטאַנד, וואָס ווייסט נישט פון קיין תאוה, פון קיין בעגעהר, פון קיין פערלאַנג; אין יענעם הויכען דעמוטס-צושטאַנד וואָס האָט גאָר זיין גלייכען נישט אין דער קערפּערליכער וועלט, וועט דער מענש, בעפרייט פון יעדער לעבענס-בעוועגונג, איצט געפינען די אמת׳ע מנוחה, וואָס ער בענקט נאָר איהר.

אויסער וויסען די דאָזיגע פיער אמת׳ען און זיי בעגרייפען, דאַרף דער מענש, וואָס וויל ערגרייכען די מדרגה פון נירוואַנאַ, נאָר אַראָבוואַרפען פון זיך די צעהן קייטען, מיט וועלכע ער איז צוגעשמידעט צו׳ם לעבען. די צעהן קייטען, דאָס זענען צעהן פאָראורטהיילען, וואָס דורך זיי איז, דער מענש מעהר אָדער וועניגער צוגעבונדען צום לעבען, און וואָס ער מוז זיך בעפרייען פון זיי, אום צו ערגרייכען דאָס אמת׳ע גליק: 1) פון דעם פאָר-אורטהייל, אַז דער „איך", די פערזענליכקייט אָדער די נשמה קאָן קיינמאָל נישט געענדערט ווערען; 2) פון דעם צווייפעל אין דער מציאות פון אַזאַ וועג, וואָס פיהרט צו דער בעפרייאונג פון אַלע מיני גלגולים און אומוואַנדלונגען; 3) פון דעם פאָראורטהייל, אַז די תפלות, די קרבנות, די פערהייליגונג פון דער אמונה און איהרע אַלע מנהגים און דינים קאָנען ברענגען אַ אויסלייזונג; 4) פון די ניעדריגע תאוות און בעגעהרען; 5) פון דער שנאה צו אַנדערע מענשען און פונ׳ם נישט פערגינען זיי זייער גוטס; 6) פון דער ליעבע צו קערפּערליכע פערגניגענס; 7) פון דעם פערלאַנג צו לעבען נאָכ׳ן טוידט; 8) פון דער גאוה; 9) פון דעם גרויס-האַלטען זיך; 10) פון דער עם-הארצות.

דער וואָס פערטיעפט זיך גוט אין די דאָזיגע פיער אמת׳ען און בעפרייט זיך אינגאַנצען פון די אויסגערעכענטע צעהן קייטען — יענער איז פערזיכערט, אַז ער וועט ערגרייכען אין זיין לעבען דעם מצב פון אמת׳ער נשמה-רוהיגקייט, די פאָלקאָמע מנוחה און דאָס הייליגע שטיל-שווייגען, און נאָך זיין טוידט וועט ער

פרײַ זײַן פון די אַלע גלגולים און אומוואַנדלונגען, װײַל זײַן נשמה װעט פערשלונגען װערן אינם אַבסאָלוטען ניִשט-זײַן, װי אַ טראָפּען װאַסער אין ים.

ניִשט יעדער מענש איז אָבער זוכה צו פערשטעהן און משיג צו זײַן די דאָזיגע פיִער אמת'ען אין זײער פולער טיעפעניש, און אַראָבצונעהמען פון זיך דעם יאָך פון די צעהן צײַטען, און דעריבער איז דער גורל פון דעם גרעסטען טײל מענשען, געבוירען צו װערען און צו שטאַרבען, צו שטאַרבען און געבוירען צו װערען און אויסצושטעהן אַלע צרות און װעהטאָגען, אַזוי לאַנג, ביז זײ װעלען ענדליך דאָך משיג זײַן, דעם אמת, ביז זײ װעלען זיך ענדליך דאָך בעפרײַען פון די אַלע גרײַזען, אײַנבילדונגען, פאָראורטײלען און װילדע בעגעהרען, און דאַן װעלען זײ אויך צוקומען צו דער מנוחה.

און אום צו פערלײַכטערן דער מעהרהײט מענשען די דאָזיגע אַרבײט, אום זײ אָנצוװײַזען דעם װעג, אין װעלכען זײ דאַרפען געהן, כדי צו ערגרײַכען דעם בעשטימטען ציעל, האָט בודדאַ פערפאַסט אַ סך געבאָטען, אזהרות, שטראָף-רײד גוטע עצות, הנהגות און אַזוי װײַטער דאָס אַלץ, װאָס געפינט זיך אין די פערשיעדענע ספרים, װאָס ס'האָבען געשריעבען זײַנע תלמידים נאָך זײַן טויט די ספרים, װעלכע זענען געװאָרען דאָס אײגענטום פון אַ גרויסען טײל פון דער מענשהײט.

דאָס געזעץ פון „אורזאַכע און פאָלגע" איז אײנס פון די שטאַרקסטע עקרים אין בודדאַ'ס לעהרע. די גאַנצע נאַטור איז אַ אונענדליך-לאַנגע קײט פון אורזאַכען און פאָלגען. אַלץ איז דעריבער נויטװענדיג און װאָס ס'איז—מוז זײַן. יעדער סבה מוז אונבעדינגט אַרויסרופען איהר רעזולטאַט; דעם מענשענס אַלע מעשים לאָזען איבער אַ געװיסען רושם אויף זײַן נשמה; גוטע מעשים לאָזען איבער נאָך זיך אויף דער נשמה גוטע אײַנדרוקע און שלעכטע—שלעכטע. װאָס מעהר גוטע אײַנדרוקע די נשמה האָט, אַלץ לײַכטער איז איהר צוצוקומען צו דעם אַבסאָלוטען גליק, און לויט דער צאָהל פון די שלעכטע אײַנדרוקע, װעט איהר שװערער זײַן צו ערגרײַכען דאָס דאָזיגע גליק און זי װעט געפּלאָגט און געפּײַניגט װערען.

„אַנ'אַבסאָלוטע גערעכטיגקײט—זאָגט בודדאַ—הערשט איבער

דער גאַנצער וועלט. יעדער טהאַט רופט אַרויס אַ געוויסע ווירקונג און קיין זאַך קען ניט מציל זיין דעם מענשען פון דעם, וואָס עס פעראורזאַכען זיינע אייגענע מעשים. אין דער אונענדליכסטער ווייטקייט, און די טיעפענישען פון ים, און די אָבגרונדען פון קבר— אין קיין אָרט וועסטו דיך ניט קענען אויסבעהאַלטען פון די רעזולטאַטען פון דיינע מעשים און ווירקונגען.

„דאָס זענען—זאָגט בודדאַ—די דריי שטעמפּלען פון מיין לעהרע: יעדע ערשיינונג איז פערגענגליך, ס'איז ניט פערהאַן קיין בעשטענדיגקייט אין קיין זאַך, די נורוואַנאַ — דאָס איז די מנוחה".

און דאָס זענען בודדאַ'ס לעצטע ווערטער: „הערט זיך צו ברודער, הערט זיך צו צו מיינע רעד. די פערניכטונג איז דער גורל פון דער גאַנצער נאַטור. איילט זיך געהאָלפען צו ווערען!"

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ברענגען אַלע זיינע ווערטער, מאמרים און ערקלערונגען; ניט דאָ איז דאָס אָרט אויך אויף דעם, אָנצוּווייזען, ווי זיין לעהרע האָט זיך ענטוויקעלט מיט דער צייט און אָנגענומען אין אַ סך ערטער אַ עכט־געצענדינערישע געשטאַלט, ווי אַזוי די דאָזיגע פילאָזאָפישע אַנשויאונג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קוואַל פון געצענדינערישע אַבערגלויבערייען, ווילדע מנהגים א. א. וו. בנוגע צו אונזער פראַגע איז פאַר אונז גענוג דאָס, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען, אַז די אינדיאַנער בכלל, און בעזונדער נאָך אויף וויפיעל זייער אַנשויאונג האָט זיך ענטוויקעלט אין דער לעהרע פון בודדאַ, האָבען געקוקט אויפ'ן לעבען, ווי אויף אַ שלעכטע זאַך, ווי אויף דעם מקור פון אַלע צרות און ליידען, און אַז דער גוטער וועג איז ביי זיי געווען **יענער**, וואָס פיהרט צו דעם ניט־זיין און צו דער פערניכטונג. דער כח פון די אינדיאַנער האָט זיך אויסגעדרוקט אין פערניכטען, מבטל זיין, פערנייניען (נעגאַטיוויטעט): פערנייניען דאָס לעבען, פערניינען דאָס זיין, פערנייניען די תאוות, פערנייניען די פערלאַנגען, פערנייניען די פאָראורטהיילען, די גרייזען און די איינבילדונגען; זיי האָבען געפּרעדיגט די אַלגעמיינע, די וועלטליכע פערניינונג—די נורוואַנאַ.

ב.

דאָס יודענטום אין דער עפּאָכע פון תנ"ך.

שאָפּענהויער 8) שרײַבט צו דאָס יודענטום דעם זיַלערען גלויבען, אַז אַלץ אין דער וועלט איז גוט, אַז אַלץ איז בעשאַפען געוואָרען צו וועלכען ס'איז גוטען צוועק און אַז דאָס ערדישע לעבען איז דער מקור פון אַלדאָס גוטס. קונאָ פישער 9) איז אָבער גאַנץ גערעכט, ווען ער פערזיכערט, אַז שאָפּענהויער'ס ידיעה אין די נבואה-ספרים איז געווען אַ גאַנץ אויבערפלעכליכע.

דאָס יודענטום בכלל איז טאַקע אינגאַנצען דאַגעגען דער אנשויאונג פון די אינדיאַנער, וועגען וועלכער מיר האָבען אויבען גערעדט.

די תורה זאָגט בתמימות: זעה, איך האָב דיר הײַנט געגעבען דאָס לעבען און דאָס גוטע, און דעם טוידט און דאָס שלעכטע 10). לעבען און גוטס איז הײַסט עס — אײנס. טוידט און שלעכטס — אײנס. בודדאַ זאָגט צו זײַנע אַנהענגער און נאָכפאָלגער אַלס שכר פאַר זײַערע מעשים טובים — דאָס פערשלונגען ווערען אין'ם אַבסאָלוטען נישט זײַן, און די תורה זאָגט צו אריכת ימים 11) דער ציעל פון בודדאַ'ס סיסטעם איז צו לײַטערן די מענשליכע נשמה אַזוי לאַנג, ביז זי זאָל פעהיג זײַן, זיך צו פערזינקען אין דער נירוואַנאַ (זיך-זעלבסט-פערגעסונג), און דער ציעל פון אונזער תורה זענען גאָר די געזעצען. און פעראָרדנונגען „וואָס דער מענש זאָל זיי טהאָן און לעבען מיט זיי" 12). די בראַמאַנען זעהען אין דער וועלט-בעשאַפונג אַ מין טעות, אַ איליוזיע, אַ פאַלשע אײַנבילדונג, און די תורה דערצעהלט: „און גאָט האָט געזעהן אַלץ, וואָס ער האָט בעשאַפען, עס איז זעהר

8] וועלט אַלס וויללאַ אונד פאָרשטעלונג. II קאַפּיטעל 48

9] אַרטור שאָפּענהויער, קאַפּיטעל 18.

10] דברים 30, 15; 11] דאָרט 5, 46; 11, 9, 21; 22, 7 און נאָך; 12] ויקרא 18, 5;

גוט". 13) בודדא'ס חכמה לעהרנט דעם מענשען געפינען דעם וועג, אויף וועלכען ער דאַרף געהן, אום ניצול צו ווערען פון לעבען און פון דער עקזיסטענץ, און די חכמה פון אונזערע „היילינע שריפטען" זאָגט גאָר דעם מענשען: „ווער עס האָט מיך געפונען — האָט געפונען דאָס לעבען" 14) און דער, וואָס רעדט אין איהר נאָמען, זאָגט; „לאַנגעס לעבען ליגט אין איהר רעכטער האַנד". 15) דער וואָס לייענט די היילינע שריפטען וועט געפונען אין זיי אַ סך אַזעלכע שטעלען, אַזוי אַז ס'איז גאָרנישט נויטיג אויסצורעכנען זיי אַלע. עס קען זאָגאַר זיין, אַז די שטאַרקע ליעבע צום לעבען, וואָס ווייזט זיך אַרוס אין דער דאָזיגער אַנשויאונג פון אונזער פאָלק, אַז אַט די ליעבע טאַקע האָט עס איהם אַריינגעגעבען די קראַפט מאריך־ימים צו זיין און זיך צו עלטערן אויף דער וועלט לענגער פון אַלע אַנדערע מזרח־פעלקער.

דאָס אַלץ איז אָבער אמת נאָר בנוגע צו דער אַלגעמיינער אַנשויאונג פונ'ם יודענטום, צו דער אַנשויאונג פון פאָלק, אָבער נישט בנוגע צו דער אַנשויאונג פון די נביאים 16) בנוגע צו יענער הויכערמאָראַלישער אַנשויאונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין עטליכע פון די היילינע שריפטען. די דאָזיגע אַנשויאונג הויבט זיך אויף גאַנץ הויך איבער אַלע לעבענס־ווערטען, און אין קיין פאַל קענען מיר זי נישט בעצייכענען מיט דעם נאָמען „אָפּטימיזם". אמת, אין דער אַנשויאונג פון די נביאים איז קיין זכר נישט פערהאַן פון דעם פעסימיזם, וועלכען מיר געפינען ביי שאָפּענהויער'ן; דערפאַר אָבער איז אין איהר פערהאַן דער „וועלט־שמערץ" פון בייראָן און היינע — אויסגעדרוקט לאין ערך שטאַרקער, טיעפער און ליידענשאַפטליכער.

די גאַנצע נבואה איז פול מיט טענות צו דער אויבערשטער

13] בראשית 1, 31; 14] משלי 8, 35; 15] דאָרט 3, 16;

16] אונטער דער „אַנשויאונג פון די נביאים" פערשטעה איך די מיינונגען פון אַלע נביאים, ווען עס האָט גערוהט אויף זיי דער געטליכער גייסט, ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען איבער די גרענעצען פון זייער צייט און אָרט און פון זייער לאַגע אין דער געזעלשאַפט;

השגחה פאַר די מענשליכע צרות און וועהטאָגען, פאַר די מענשליכע שלעכטסקייטען און פעהלערן, און בכלל פאַר דער שלעכטער אָרדנונג וואָס הערשט אין דער וועלט.

חבקוק קלאָגט זיך: „אָ דו מיט דיינע ריינע אויגען, וואָס קענען קיין שלעכטס נישט צו זעהען און קיין פערברעך נישט אָנ־קוקען!—ווי אַזוי קוקסטו אָן די פעררעטהער? ווי אַזוי שווייגסטו, צוזעהענדיג, ווי דער אומגערעכטער שלינגט איין דעם מעהר גע־רעכטען? אָ! הפקר האָסטו געמאַכט דעם מענשען, ווי די פיש אין ים, ווי די ווערימלעך, וואָס האָבען קיין הערשער" 17).

ירמיהו קלאָגט זיך: „גערעכט ביזטו גאָט, און דאָך וויל איך פון דיר גערעכטיגקייט פאָדערען. פאַרוואָס איז דער וועג פון די רשעים אַזאַ גליקליכער? פאַרוואָס לעבט אַזוי רוהיג יעדער פערברעכער און פעררעטהער? דו האָסט זיי געפלאַנצט און זייערע פלאַנצונגען האָבען וואָרצלען געשלאָגען געהען אויף און גיעבען אַרויס פרוכט" 18).

דער משורר קלאָגט זיך: „פאַרוואָס, גאָט, שטעהסטו פון דער וויטענס? פאַרוואָס ווערסטו פערהוילען אין שלעכטע צייטען? מיט זיין גאוה פערפאָלגט דער רשע דעם אָרימאַן, זיי ווערען אין זיינע שלעכטע געדאַנקען בעצוואונגען" 19) א. א. וו.; „ביז ווען וועלען די רשעים, גאָט, ביז ווען וועלן די רשעים זיך פרעהען זיי רעדען שלעכטס, זיי טהוען שלעכטס און בעריהמען זיך; דיין פאָלק, גאָט, טהוען זיי פערשטויסען און דיין נחלה—פייניגען; די אַלמנה און דעם פרעמדען הרג'נען זיי און יתומים בערויבען זיי; און זיי זאָגען: עס זעהט נישט דער פיהרער און עס קוקט זיך נאָרנישט אום דער גאָט פון יעקב" 20)

אויסער די, געפינען מיר נאָך אַזעלכע, וואָס קלאָגען אויף דער קורצקייט פונ'ם מענשליכען לעבען, אויף זיינע שוואַכע כחות, אויף די יסורים און ביטערנישען, וואָס ער מוז אויסשטעהן אין זיין ביסעל יאָהרען: „אַ מענש איז צו ניכטס נעגליכען, זיינע טעג זענען, ווי

17] חבקוק א, 13—14; 18] ירמיהו 12, 1—2. 19] תהלים 12;
20] דאָרט 94, 3—4;

אַ פערבייַגעהענדער שאָטען״ 21); „אַ מענש—ווי דאָס גראָז זענען זייַנע טעג, ווי אַ בלומעל פון פעלד, אַזוי טהוט ער בליהען: וואָרום אַ ווינטעל איז נאָר פערבייַגעפלויגען און ער איז שוין נישטאָ און זייַן אָרט איז שוין נישט צו דערקענען״ 22).

די גרויסע קראַפט פון דער פערניכטונג פון דער נאַטור פיהלען אונזערע זעהער, אויך זעהר טיעף: „דער קבר און די עפנונג פון דר׳ערד ווערן קיינמאָל נישט זאַט, דאָס פייַער און דאָס וואַסער זאָגען קיינמאָל נישט: גענוג!״ און ווען דער אַלטער דיכטער האָט געוואָלט אויסדרוקען די אונגעהויערע מעכטיגקייַט פון דער ליעבע, זאָגט ער: „שטאַרק, ווי דער טוידט, איז די ליעבע״ 23)

מיר האָבען זאָגאַר גאַנצע צוויי ספרים, וואָס זייער אינהאַלט איז דאָס שלעכטס, וואָס הערשט אין דער וועלט: „קהלת״ און „איוב״.

דער ספר קהלת איז פול מיט אַ פערביטערטען כעס „אויף אַלע מעשים, וואָס טהון זיך אָב אונטער דער זון״, וועלכע זענען נאָר נאַרישקייַטען און גייסטיגע מאַטערנישען״ 24) אויף דער חכמה אויף דער וויסענשאַפט און אויף דער שמחה זאָגאַר, וואָס „איז אויך גאָרנישט״. 25)

די איבערצייַגונג, אַז אַלץ איז גאָרנישט און אַז דאָס שלעכטס אין דער וועלט=אייַנאָרדנונג איז „אַ פעהלער, וואָס קען נישט פער=ריכט ווערן און אַ חסרון, וואָס קען נישט אויסגעפולט ווערן״ 26) ברענגט איהם צו דער פאָלשטענדיגער לעבענס=פייַנדשאַפט („און איך האָב פייַנד געקריגען דאָס לעבען, ווייַל מיך קרענקט אַלץ, וואָס טהוט זיך אָב אונטער דער זון, ווייַל אַלץ איז גאָרנישט און בלויז אַן׳אייַנרעדעניש״)27) און צו אַן׳אַבסאָלוטער פערצווייפלונג, אַזוי אַז ער זאָגט: „און איך האָב מיך אַרומגעזעהען, מיאש צו זייַן אינגאַנצען פון דער גאַנצער מאַטערניש, וואָס איך האָב מיך גע=מאַטערט אונטער דער זון״. 28)

פון דאָס שלעכטע אין דער נאַטור, פון דער שלעכטסקייַט,

21] דאָרט 144, 3; 22] דאָרט 103, 15—16; 23] משלי 27, 20.
24] דאָרט 30, 16; 25] קאַפּיטעל 3, 1; 26] 1, 15; 27] 2, 17; 28] דאָרט 20.

וואס איז ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער גאנצער וועלט=איינארדנונג און שלעפט זיך נאך נאך יעדען גוטען טהאט, נאך יעדע ערשיינונג, נאך יעדען געניס, פערגעניגען און בעגעהר, — וואנדערט זיך קהלת אום צו דער געזעלשאפטליכער, צו דער מאראלישער שלעכטקייט, צו די אלע צרות און וועהטאגען, וואס איין מענש שטעהט אויס פון צווייטען, פון נאך אזא מענשען, ווי ער. „און איך האב ווידער געזעהען די אלע רויבערייען, וואס קומען פאר אונטער דער זון. אט זענען די טרעהרען פון די בערויבטע און קיינער טרייסט זיי נישט, אט זענען די געפאלענע פונ׳ם רויבער׳ס כח און קיינער טרייסט זיי נישט; און איך זאג, אז בעסער איז די טוידטע, וועלכע זענען שוין לאנג געשטארבען, פון די לעבעדיגע, וועלכע לעבען נאך; און בעסער פון זיי ביידען איז דעם, וועלכער איז גאר נישט געבוירען, ווער עס האט נישט געזעהען די שלעכטע מעשים, וואס טהון זיך אב אונטער דער זון“, (29).

וויפיעל גאל ביטערניש פיהלט זיך אין די דאזיגע עטליכע שורות!

און אזוי קלאגט ער זיך ווידער און ווידער אויף יעדע טהאט וואס ווערט אבגעטהון אונטער דער זון, ווען איין מענש געוועלטיגט איבערן אנדערן, איהם שלעכטס צו טהון“ 30), און מיט פערשיעדענע פאקטען און ארגומענטען בעשטעטיגט ער די קורצע אבער שטארקע און מעכטיגע ווערטער, וואס ער האט אוועקגעשטעלט אינ׳ם אנהויב פון זיין ווערק: ניכטס ניכטס, זאגט קהלת, ניכטס מיט ניכטס, אלץ איז ניכטס!

און נישט דיין געקינסטעלטער און נישט דיין געמאכטער איז דער דאזיגער פעסימיזם, — ווי עס וויל האבען איינער פון די פראנצויזישע פארשער (קארא) — נאר א אמת׳ער, א טיעפער. ער זעהט אין קהלת׳ן בלויז א ספלין=קראנקען, בלויז א מענשען, וואס די פערשידענסטע פערגניגענס האבען זיך איהם שוין צוגעגעסען, וואס זוכט זיך עפעס נייע אינטערעסען און געפינט נישט, און פון צופיעל קלערען פון גלייכגילטיגקייט

29] 4, 1—3; 30] 8, 9.

און פוסטקייט, פון דער בטלנות, וואס ברענגט צו, נארעשע זינד״ — קומט ער צו פערצווייפלונג און געפינט א מין בעפריעדיגונג אין דער זעלביגער פערצווייפלונג גופיא, אין זיין קלאגען זיך און אין די מוסר=דרשות, וואס ער דרש'ענט פאר אלעמען.

ס'איז אבער גענוג איבערצולייענען אויפמערקזאם בלויז נאר די עטליכע אויבענגעבראכטע ציטאטען, אום איינצוזעהען, אז דער פעסימיזם פון קהלת איז טיעף און דורכדרינגענד ביז'ן תהום אדער, ווי אונזערע קדמונים האבען זיך אויסגעדריקט: — „אז ער (קהלת) האט געוואלט פערמאוסען די גאנצע וועלט שעפפונג״, (כל מעשי בראשית).

אז דער יסוד פון קהלת איז דער פעסימיזם אדער, ריכטיגער געזאגט, דער בודדיזם — דאס האט גוט פערשטאנען אויך ד״ר ש רובין און האט עס גאנץ אויספיהרליך ערקלערט. ער האט אבער געפונען פאר נויטיג צוצוגעבען דא נאך צוויי אנטייל נעהמער, איינעם א „פרוש״ און דעם אנדערן א „צדוקי״ פון וועלכע יעדערער האט בעזונדער עפעס צוגעגעבען צו דעם ספר לויט זיינע אנשויאונגען.

אויף וויפיעל איך געפין איז דאס אבער אינגאנצען איבעריג. און נאך מעהר איבעריג איז איינצוטיילען דעם גאנצען ספר אין פערשיעדענע טיילען מיט גאנץ זעלבסטשטענדיגע אנשויאונגען, ווי עס האט געטהאן איינער פון די קהלת=ערקלערער. אריינדרינגענדיג טיעפער אין דעם ווערק איז גאנץ לייכט צו זעהן, אז די פערשיעדענע סתירות אין איהם שטאמען אייגענטליך פון איין מקור — פון דער הנחה אז אלץ איז ניכטס, ווארום ווירקליך: ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, „אלץ איז ניכטס, קען דער מענש קומען אמאל צו דעם בעשלוס, אז „עס גיט נישט קיין בעסערעס פאר'ן מענשען, ווי פרעהען זיך און אויסזויגען יעדען פערגניגען פון לעבען, ווי עס זאגען די עפיקורעער, ווייל סיי=ווי=סיי וועט קיינער דעם מענשען נישט אבצאהלען פאר זיין צער און טרויער; און אמאל ווידער, פערקעהרט, צו אמת'ער פרומקייט: אויב אלץ אין לעבען איז גארנישט, איז דאך די פרומקייט פארט אונפערגענגליך, און אויב אלע תענוגים פון לעבען זענען בלויז נארעשע איינרעדענישען, איז גאט דאך אלמעכטיג און בארימהערציג, און אויב דעם

מענשען בלייבט גארנישט „פון זיין גאנצער מאטעריש, וואס ער מאטערט זיך אונטער דער זון“, בלייבט דאך איהם יא עפעס „אין דעם, וואס איז העכער פון דער זון“.

פאסקאל איז געקומען צום גלויבען נאכדעם, ווי ער האט איבערגעלעבט א ביטערע פערצווייפלונג בנוגע צו אלע לעבענס־ווערטען; לעאפארדי איז געווען א גלויבענ־דער פעסימיסט פריהער, איידער ער איז געווארען פריי אין זיינע פעסימיסטישע איבערצייגונגען; טאלסטאי איז געקומען צו זיין טיעפען גלויבען, ווייל ער האט זיך מיאש געווען פון דער מעגליכקייט פערזענליך גליקליך צו זיין, ווי ס'איז קלאר צו זעהען אין זיין „ודוי“ און אין זיינע לעצטע אר־טיקלען. אממערסטענטייל אבער קומט דער פערצווייפעל־טער צו דעם בעשלוס, אז בעסער פון דעם און פון דעם איז „יענעם, וואס איז נישט געבוירען, וואס האט נישט געזעהען די שלעכטע מעשים, וועלכע טהוען זיך אב אונטער דער זון“; אז ס'איז בע־סער צו געהן אין א טרויער־הויז, איידער צו געהן אין א מאלצייטס־הויז, אז „וואס מעהר חכמה, אלץ מעהר פערדרוס“ און אז „אלץ איז נארנישט און א נארעשע איינרעדעניש.“

און איוב, בעטראכטענדיג איהם אהן א שום פאראורטייל און זיך בעפרייענדיג פון די אלע פוסטע חקירות און נארעשע פלוידערייען, מיט וועלכע מיר האבען זיך אנגעלייענט וועגען איהם אין פערשיעדענע ספרים, זעהען מיר אין איהם א מענשען א צדיק, וואס איז אין זיין גאנצען לע־בען איין פערברעך נישט בעגאנגען, נישט אין געדאנק און נישט אין דער פראקסיס, און איז פון דעסטוועגען פארט גע־פייניגט געוועזען פון גאט און געפלאגט מיט די ביטערסטע צרות.

ער איז דער זעלביגער איוב פון אנהויב ביז'ן סוף. ער גלויבט די גאנצע צייט אין גאט, און אפילו בשעת ער זאגט ארויס זיינע שטארקסטע און ביטערסטע טענות בויגט ער אויך דעם קאפ פאר דער געטליכער מאיעסטעט. ער איז נישט קיין כופר. ער האט בלויז טענות צו גאט, און זיינע טענות זע־נען ביטער און שארף. ער אליין איז דורכגעדרונגען מיט עהר־ליכקייט און גערעכטיגקייט, דעריבער פאדערט ער גערעכטיגקייט אויך פון דעם העכסטען ריכטער; ער אליין ווייסט נישט פון

קיין נשיאות פּנים, דעריבער פאָדערט ער אויך פון דעם העלסטען איבער אַלע העכסטע אַ אורטייל אָהן קיין נשיאות פּנים. די חברים, מיט וועלכע ער דיספּוטירט, האַלט ער פאַר גאָטס חונפים: זיי גלויבען אויך, זיי זענען אָבער נישט אַזוי פריי אין גייסט און ניט מוטהיג גענוג, און דעריבער בעמיהען זיי זיך געדעכט צו מאַכען גאָטס מעשים מיט אַלע מיני סאָפיזמען, וואָס זענען נאָר מעגליך, ענליך צו די סאָפיזמען פון די שפּעטערדיגע אָפּטימיסטען. ער גלויבט באמת מעהר פון זיי און דער גערעכטיגקייט פון דעם העכסטען הערשער, ער וויל אָבער זיך נישט נאַרען און וויל אויך דעם אמת ביי זיך נישט בעהאַלטען.

אמת, גערעכטיגקייט און עהרליכקייט וויל ער אַרום זיך זעהען, און זעהט — אונגערעכטיגקייט און פערברעכען; ער וויל אין דער וועלט גוטס זעהען, און זעהט — שלעכטס; ער וויל דעם גליק פון דער וועלט פיהלען, און פיהלט — איהר אונגליק; ער וויל גלויבען אין אַ גוטען, בארימהערציגען גאָט, וואָס שאַפט נאָר גוטס און אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון איהם איז גוט, און זעהט פאַר זיך — אַ אונאָרדנונג, אַ הפקר־וועלט. געוואַלט־טהאַטען פון איין מענשען איבער'ן אַנדער'ן, שלעכטס, צרות און אלע מיני וועהטאָגען. ער איז דעריבער עמפּערט און איז אין כעס, — דאָס איז דער צאָרן פון יעדען עהרליכען מענשען, וואָס קען קיין אומרעכט נישט צוזעהען.

ער פיהלט שטאַרק ניט נאָר זיין אייגענע בעליידיגונג, נאָר אויך די בעליידיגונג פון אַלע תמימים און צדיקים, וואָס שטעהען אויס אָרעמקייט און שאַנדע, צרות און אָנשיקעניש, און דעריבער שרייט ער מיט שוים אויף די ליפּען; דעריבער האָט זיין צאָרן פאַר זיך קיין גרענעץ און קיין אָבהאַלט נישט און פון זיין מויל רייסען זיך עזותדיגע ווערטער אַרויס געגען דעם גאָט איבער אַלע געטער.

ער איז זיכער ביי זיך, אַז ער פאָדערט בלויז אַ בעפרידיגונג פאַר דער בעליידיגונג פון דער גערעכטיגקייט, און דעריבער איז ער אַזוי אויפגעבראַכט אויף זיינע חברים, וועלכע קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ זינדיגען, ווי אויף אַ פערברעכער. ער בעמיהט זיך זיי אויפצו־ווייזען, אַז ער איז שטענדיג געגאַנגען אין די וועגען

פון עהרליכקייט און גערעכטיגקייט און האט קיינמאל נישט געזינדיגט, און זיי ווייזען איהם אויף, אז ער איז יא זינדיג, ווארום ווען נישט — פארוואס האט איהם גאט אזוי געשטראפט ?!...

זיי ווילען דעם אמת נישט פערשטעהן. דער פחד פאר'ן שטארקען גאט דערשטיקט אין זיי יעדען פרייען געדאנק. זיי זענען געטרייע שקלאפען פון גאט, אבער אונגעטריי דעם אמת. אויך ער איז גאט'ס קנעכט, זיין ליעבע צום אמת און צו דער גערעכטיגקייט איז אבער אזוי שטארק, אז ער פערגעסט אינגאנצען זיין שרעק און פאדערט גערעכטיגקייט פון יענעם אייביגען ריכטער, וועלכער האט יעדע סעקונדע די מעגליכקייט ביי איהם דאס לעבען אוועק צו נעהמען. ער געדענקט גוט זיין עהרליכקייט און זיין גערעכטיגקייט און זיין פיין און זיינע פלאגען און געדענקט אויך אלע אנדערע תמימים און צדיקים און זייער פיין און זייערע צרות, און גלויבענדיג פעסט אז אלץ איז פון גאט, פאדערט ער גאט אליין צום משפט און וויל מיט איהם אוכוח האבען.

און ענדליך הערט זיך גאט צו צו דער שטימע פון זיין קנעכט און ווייזט זיך איהם אין שטורם; ער ווייזט זיך איהם אין זיין גאנצער פראכט און שענקייט, און ווייזט איהם אויס אלע זיינע גרויסקייטען און גוטסקייטען, און ווייזט איהם די אלע מערקווירדיגקייטען און וואונדערבארע ערשיינונגען פון דער נאטור, די אלע ריזען-קראפטען, אויף וועלכע די וועלט האלט זיך אויף, די אלע זאכען, וואס זענען בעהאלטען און פערבארגען אינ'ם תהום פון דעם קאסמאס, און ערקלערט איהם, אז א סך, א סך זאכען מוזען אייביג פערבארגען און בעהאלטען זיין פון דעם מענשליכען בליק און פון דעם מענשליכען פערשטאנד און אז ער, דער מענש, קען דעריבער נישט וויסען די וועגען פון גאט'ס הנהגה.

איוב בויגט איין דעם קאפ פאר דער גרויסקייט פונ'ם בעשעפער און—שווייגט; ער ווערט אונטערטהעניג אבער נישט איבערציינגט. ער זאגט נישט אין זיינע לעצטע ווערטער, אז ער האט זיך איבערציינגט אין גאטס עהרליכקייט, נאר: איך האב מיך בעדאכט, דען איך בין שטויב און אש.

דער לעצטער געדאַנק איובס איז דער זעלביגער, וואָס ירמיהו׳ס: „איך ווייס, אָ גאָט אַז נישט אַ מענש קען צו זיינע וועגען צוקומען, אַז ניט אַ מענש קען צו זיינע טריט צופּאַסען זיך. —“

נאָך די אַלע טענות זאָגט גאָט צו איוב׳ס חברים: „ווייל איהר האָט צו מיר נישט גערעדט אַזוי אויפריכטיג, ווי מיין קנעכט איוב“. דער געדאַנק פון דעם פּסוק איז דער, וואָס אונזערע קדמונים האָבען אין איהם אַרויסגעפינען; „אַ מענש איז נישט פערענטוואָרטליך פאַר דאָס, וואָס ער רעדט, ווען איהם טהוט וועה“.

ווען דער מענש קוקט זיך צו צו די אַלע אונאָרדנונגען וואָס הערשען אין דער וועלט; ווען דער מענש זעהט, ווי די צדיקים מאַטערן זיך און די רשעים באָדען זיך אין גליק און פערגניגען; ווען ער בעטראַכט גוט די אַלע רציחות, עולות און אונגערעכטיגקייטען, וואָס טהוען זיך אָב טאָג־טעגליך אין פערשיעדענע פאָרמען, — שיקט זיך נישט, איהם צו זאָגען, אַז אַלץ אין דער וועלט איז גוט און שען.

„טרייסט נישט קיינעם, ווען זיין טוידטער ליעגט פאַר איהם“ און בעמיה דיך נישט איינצורעדען דעם מענשען, אַז אַלץ איז גוט און ריכטיג דאַן, ווען ער אַליין פיהלט דעם ביטערן טעם פון שלעכטס. ס׳איז אַ פערברעך, אַוועקצורויבען פונ׳ם מענשען דאָס רעכט, ווענינגסטענס, זיך צו קלאָגען אויף די צרות — אָפט ברענגט דאָס קלאָגען זיך אַ געוויסען פערגניגען און מאַכט לייכטער די וואונדען פון האַרצען.

פון די פערביטערטע פּראָטעסטען פון ספר „איוב“ און פון די שטאַרקע טענות פון די נביאים זעהען מיר, אַלזאָ, אַז בכלל האָבען זיי גאַנץ טיעף געפיהלט די שלעכטע זייטען פון דער וועלט־הנהגה און גוט פערשטאַנען, אַז אַ סך, אַ סך זאַכען זענען געטהון געוואָרען אַזעלכע, וואָס האָבען נישט געדאַרפט געטהון ווערען און פערקעהרט ווידער — נישט געטהון געוואָרען, חאָטש זיי האָבען יאָ געדאַרפט געטהאָן ווערען.

זאָגען, אַז די גרונד־אידעע פון יודענטום איז דער אַבסאָלוטער אָפּטימיזם, הייסט פּשוט — זיך טועה זיין. דאָס

יודענטום אינ׳ם פאָלקסטימליכען, נאַציאָנאַלען, תורה׳דיגען זין— איז טאַקע אָפּטימיסטיש. אויף אַזוי פיעל איז שאָפּענהויער גערעכט. וואָס ס׳געהערט אָבער צונ׳ם יודענטום אינ׳ם העכערען, מאָראַלישען זין, אינם נביאי׳שען זין, — איז עס אַזוי ווייט פון אַבסאָלוטען אָפּטימיזם, ווי עס איז ווייט אויך פונ׳ם אַבסאָלוטען פּעסימיזם.

ס׳איז נישט צו לייקענען, אַז די אינדיאַנער האָבען אַ סך טיעפער אַלס די יודען בעגריפען די גרויסע קראַפט פון דאָס שלעכטע אין דער וועלט, די גרויסע קראַפט פון דער פערניכטונג און פון די אונענדליכע ענדערונגען און איבערגאַנגען, וואָס הערשען אין דער נאַטור; אין אַ בעדייטענדער מאָס האָבען דאָס אָבער יודען אויך געפיהלט און פערשטאַנען, און דער אונטערשיעד צווישען אָט די ביידע גרויסע פעלקער פון אַלטערטום בנוגע צו דער פראַגע בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס די ערשטע האָבען פון זייערע פּעסימיסטישע אַנשויאונגען אַזעלכע געוויסע פאָלגען אַרויסגעצויגען, און די לעצטע—גאַנץ אַנדערע. אונזערע נביאים האָבען זיך געקלאָגט אויף דער שלעכטער הנהגה פון דער וועלט, זיי האָבען אָבער ג ע ג ל ו י ב ט, און טיעף געגלויבט אין דער געטליכער מאַכט. מעג דאָס לעבען זיין גוט אָדער שלעכט—ס׳איז דאָך פון ג אָ ט געגעבען. און דער מענש דאַרף לעבען, דאַרף גוטס טהון. אַלץ אויסבעסערן און נאָכזעהען זיינע מעשים, זייער טיעפער גלויבען האָט זיי געגעבען די קראַפט און דאָס גערולד אַלץ אַריבערצוטראָגען, אַלץ אויסצושטעהן. זיי ק ל אָ ג ע ן זיך, האָבען ט ע נ ו ת צו גאָט און אין דער זעלבער צייט זענען זיי דורכגעדרונגען מיט דעם שטאַרקסטען גלויבען אין איהם.

גערעכט ביזטו, גאָט, אָבער דאָך וועל איך פון דיר גערעכטיגקייט פאָדערן״— טענה׳ט דער נביא. „גערעכט ביזטו, גאָט— אין דעם קען דער נביא נישט צווייפלען, כאָטש ער זעהט מיט די אויגען, אַז די רשעים זענען גליקליך, ווייל דאָס געפיהל פון דער מאָראַלישער נויטווענדיגקייט, אַוועקצוזעצען דער גערעכטיגקייט אויפן כסא הכבוד, האָט איבער איהם מעהר מאַכט, ווי דאָס וואָס ער זעהט מיט זיינע אייגענע אויגען; „אָבער דאָך וועל איך פון דיר גערעכטיגקייט פאָדערן״—שרייט אָהן אַ שום געפיהל פון מורא די אונטערשטע (מענשליכע) גערעכטיגקייט צו דער אויבערשטער (געטליכער)״.

אַזוי זאָגט אויך חבקוק: דו מיט די ריינע אויגען, וואָס קענען קיין שלעכטס נישט צוזעהען און קיין עולה נישט פערטראָגען — פאַרוואָס קוקסטו דיך צו צו די פעררעטער, פאַרוואָס שווייגסטו, ווען דער רשע שלינגט איין דעם עהרליכערען פון איהם", אין דער זעלביגער צייט, ווען ער קלאָגט זיך: „פאַר וואָס קוקסטו דיך צו די פעררעטער", גלויבט ער אין דער אַלמאַכט פון „דעם מיט די ריינע אויגען".

און ווי עהרליך־שען האָבען אויסגעדריקט די זעלביגע מיינונג אונזערע קדמונים, דערצעהלענדיג בתמימות, אַז די לעצטע נביאים האָבען נישט געזאָגט (צו גאָט): „דער שטאַרקער און דער פאָרכטיגער (הגבור והנורא)", וויַיל זיי האָבען געפרעגט: „וואו זענען זיינע שטאַרקייטען, וואו זענען זיינע שרעקליכקייטען?" „זיי זענען איבערצייגט געוועזען אין גאָט, אַז ער איז אמת, דעריבער האָבען זיי איהם נישט גענאַרט (נישט גע'חנפ'הט)!"

און ווען מיר דרינגען אַריין טיעפער אין די פּסיכאָלאָגישע סבות, וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם אונטערשיעד צווישען די וועלט־אַנשויאונגען פון דעם אינדישען און דעם יודישען פאָלק, געפינען מיר, אַז זיי זענען ענג פערבונדען מיט דעם כאַראַקטער פון די ביידע פעלקער. דאָס אינדישע פאָלק איז געוועזען אַ פאָלק פון בעאָבאַכטער. די זעלביגע טיעפע בעאָבאַכטונג פון אַלע נאַטור־ערשיינונגען, וואָס האָט זיי געבראַכט אין דער אוראַלטער צייט צו דער פערגעטערונג פון אַלע נאַטורקרעפטען; די זעלביגע בעאָבאַכטונג, וואָס אַ דאַנק איהר איז פאַר זיי שפּעטער די גאַנצע וועלט פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין מאַיעסטעטיש־הייליגער געטליכקייט, מיט וועלכער זיי האָבען זיך בעמיהט צו פעראייניגען און צונויפצוגיסען, — אָט די זעלביגע בעאָבאַכטונג האָט זיי שפּעטער געבראַכט צו דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום בעשטעהט אינגאַנצען פון נאַרישע איינבילדונגען, צרות און אָנשיקענישען און דאַרף דעריבער פערשלונגען ווערן אין דעם וועלט־נישט, אין דער אַלגעמיינער פערניכטונג. די מאַלעריששענע נאַטור פון אינדיען, איהרע ריעזען־הויכע בערגער, איהרע שטורמיש־ברויזענדע טייכען, די רעגעל־לאָזיגקייט פון אַלע איהרע נאַטור־כחות און די פערפלייצענדע פערניכטונג, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, — דאָס אַלץ האָט דעם אינדיער סוף כל סוף געבראַכט

צו דעם געדאַנק, אַז דעם מענשען׳ס כחות זענען גאָרנישט אין זיין קאַמפּף מיט דער נאַטור, מיט די שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס זי ברייטעט איהם פאָר אויף יעדען טריט און שריט, מיט דער אַלגעמיינער, אַבסאָלוטער פערניכטונג.

די אינדיאַנער האָבען גוט פערשטאַנען דעם הויכען ווערט פון יענער נשמה, וואָס דערקענט זיך אַליין, און אַלע איהרע טייערע געיגענשאַפטען, און עס האָט זיי דאָס האַרץ וועה געטאָן צוזעהענדיג, ווי אויך זי מוז זיך אונטערגעבען דער בלינדער נאַטור און די מעשים, וואָס טהוען זיך אָב אין איהר אָהן אַ שום רעכנונג און אָהן ווערכען ס׳איז זין.

זיי האָבען דעריבער פיינד געהאַט און פעראַכטעט דאָס גאַנצע לעבען, מיט זיין טומעל און מיט זיינע אינטערעסען, און בעשלאָסען, אַז דער מענש דאַרף זעהען זיך בעפרייען פון דעם אַלעם, און אַז דאָס קען ערריכט ווערן מיט דעם אויסרייסען פון האַרצען אַלע תאוות און בעגעהרען. דאָס וועט איהם מציל זיין פון אַלע אכזריות׳ען פון דער נאַטור, וואָס איז אויך אימשטאַנד צו קעמפּפען נאָר מיט דאָס עקסיסטירענדע, פערהאַנענע, אָבער נישט דערמיט, וואָס איז ניכטס. דאָס אַבסאָלוטע נישט-זיין איז ביי זיי דעריבער מיט דער צייט פערוואַנדעלט געוואָרען אינ׳ם סימבאָל פון אַבסאָלוטען גליק.

און נאָך וואָס: דאָס אינדישע פאָלק איז געוועזען אַ פאָלק פון פּאָעטען. די פּאָעטישע אַנשויאונג פון דעם פאָלק האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט אַ דאַנק די בראַמאַנען און האָט עררייכט די העכסטע מדרגה דורך בודדאַ׳ן. בודדאַ איז דער גרעסטער דיכטער פון אינדיען, און ס׳איז נישטאָ נאָך אַ מענש, וואָס זאָל האָבען אַזוי טיעף געפיהלט דעם וועלט-שמערץ, ווי בודדאַ. ער איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפער רחמנות צו יעדען וועזען, וואָס לעבט אויף גאָטס וועלט, און נאָר אַזעלכע, וואָס האָבען אַליין אין זיך קיין פּאָעטישען פונק נישט, קענען זאָגען אַז „נעבען בודדאַ׳ן איז זעהר קאַלט“. קאַלט איז דיר נאָר, ווען דו געפינסט דיך אין דער נאָהנטקייט פון אַ מענשען, וואָס פיהלט נישט דיינע ליידען און וועהטאָגען, אָבער נישט נעבען אַ מענשען, וואָס פיהלט דעם מינדעסטען פיין דיינעם און ליידט מיט מיט דיר צוזאַמען. נאַרישע טרייסט-ווערטער זענען ביטערער פון דעם ביטערסטען אמת.

ס'איז שווער צו הערען פון א מיט-מענשען אזעלכע ווערטער, ווי: „איך בין גליקליך, און דו—עלענד און אונגליקליך!“ דאגעגען אבער איז דעם ווירקליך עלענדען אונגעוועהנליך אנגענעם צו הערען פון א צווייטען מענשען: „איך בין עלענד! און דו ביזט אויך עלענד! אלע מענשען זענען עלענד! יעדעס לעבענדיגע וועזען ליידט און פלאגט זיך! קום, לאמיר צוזאמען זוכען עפעס א מיטעל, זיך צו בעפרייען פון אונזערע ליידען!“...

ווען מיר לייענען די געזעצגעבער פון די אנדערע מזרח-פעלקער פיהלען מיר, אז זיי הויבען זיך אויף איבער אונז, אז זיי קוקען אויף אונז פון אויבען אראב און מיט פעראכטונג; ווען מיר נעהמען אבער לייענען בודדהא'ן, דערפיהלען מיר גלייך, אז דאס איז אונזערער א ברודער, אז ער דרינגט אריין אין די טיעפענישען פון אונזער הארצען, אז ער לעבט אלץ איבער מיט אונז צוזאמען, ליידט מיט אונז און זוכט צוזאמען מיט אונז עצות און תחבולות!...

ביי דעם אינדישען פאלק איז די איינבילדונגס-קראפט געוועזען אונגעוועהנליך שטארק ענטוויקעלט, און דער, וואס זיין פאנטאזיע וועבט איהם לייכט אויס לעבענדיגע בילדער, ליידט א סך מעהר פון דעם, וואס בעזיצט א שוואכע פאנטאזיע.

דער מענש, וואס איז בעגאבט מיט א לעבעדיגער פאנטאזיע שטעלט זיך פאר אין העלע פארבען די אלע געשעהענישען, וואס ער האט איבערגעלעבט און איז אימשטאנד איבערצולעבען, און ער פיהלט דעריבער שטארקער די אלע איינצעלנע אונגליקען, וואס בעהעפטען זיך מיט דעם אלגעמיינעם!

אט, לאמיר נעהמען צום ביישפיעל אזא פאל: איינער איז רייך געוועזען און פעראָרעמט געווארען. דער מיט דער שוואכער פאנטאזיע זעהט אין דעם בלויז דאס אלגעמיינע—רייכטום און ארימקייט. ער ווייס אויך, אז עשירות איז גוט און ארעמקייט—שלעכט; ער זעהט אבער אין דעם בלויז איין איבער-גאנג פון גוטס צו שלעכטס. דער מיט דער שטארקער פארשטעלונגס-קראפט שטעלט זיך אבער גלייך דערמיט פאר אויך: ערניעדריגונג און הכנעה, חרפות און בעליידיגונגען, דעם פערראט פון פאלשע גוטע פריינד, דעם צער פון די אמת'ע, די פערשוואונדענע האפנונגען, די ליידען פון דער פאמיליע, אלע מיני נויטען, אלע מיני קראנקהייטען און אלע מיני

אונגליקען. וואָס זענען פערבונדען מיט דער אָרעמקייט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט יעדען אַנדערען צופאַל — די רייך ענטוויקעלטע פאַנטאַזיע פערגרעסערט דעם מענשענס צער און זייַנע לייַדען. ס׳איז דעריבער לייַכט צו פערשטעהן, אַז אַזאַ פאָלק, ווי דאָס אינדישע, וואָס די פאַנטאַזיע איז געווען בייַ איהם אונגעוועהנליך שטאַרק ענטוויקעלט און האָט איהם געהאָלפען זיך אויסמאָלען די אַלע שלעכטע זייַטען פון לעבען אין די פינסטערסטע פאַרבען, — אַז אַזאַ פאָלק האָט געמוזט קוקען אויפ׳ן לעבען, ווי אויף אַ קוואַל פון אַלע צרות און אונגליקען.

גאַנץ אַנדערש פון דעם אינדישען איז אָבער געווען די ענטוויקלונג פון דעם יודישען פאָלק. יודען האָבען זיך קיינמאָל נישט צופיעל פערנומען מיט׳ן בעאָבאַכטען דער נאַטור, און די אויסערליכע זייַט איהרע האָט בייַ זיי איבערהויפּט אַ גאַנץ קלייַנע ראָליע געשפּיעלט. דאָס יודישע לאַנד האָט קיינמאָל נישט געהאַט אין זיך אַזעלכע ענדערונגען און איבערגאַנגען, אַזאַ מאָלערישע פאַרבען־פּראַכט און אַזעלכע שטיפערישע־ריעזיגע נאַטור־כחות, ווי דאָס לאַנד פון די אינדיאַנער. די פערניכטונג פון דער נאַטור האָט זיך אין ארץ ישראל אויך אַזוי בולט נישט אַרויסגעזעהן.

דאָס אידישע פאָלק, דאָס פאָלק פון דעם געטליכען סעמיטען־שטאַם, האָט זיך איבערהויפּט פערטיעפט אין זייַן איינער, איינערליכער נאַטור, אין די געפיהלען פון גערעכטיגקייט, עהרליכקייט און ריכטיגקייט. אַלע זייַנע געדאַנקען זענען געווען קאָנצענטרירט ארום דעם איינציגען פונקט — די בעציהונגען צווישען איין מענשען און דעם אַנדערען און די בעציהונגען צווישען דעם מענשען און גאָט, אַלס אַ וועזען, וואָס פאָדערט גערעכטיגקייט און עהרליכקייט. דאָס פאָלק האָט זיך נישט פערטיעפט אין דער נאַטור, נאָר אין דעם מענשען, זייַנע טענות צום לעבען און צו דער נאַטור געהען אַרויס נישט פון זייַן בעאָבאַכטונג, נאָר פון זייַן מאָראַלישען געפיהל. נישט דאָס שלעכטע אַן און פיר זיך ברענגט איהם צו טענות און פּרעטענזיעס, נאָר די אונגערעכטיגקייט, וואָס ס׳איז פערהאַן אין דעם.

„דער וואָס משפט די גאַנצע וועלט זאָל דען אַליין קיין

גערעכטיגקייט נישט אויסאיבען?" — טענהוט דער יודישער פּאָטער און פיהרער צו גאָט. דער פאָטער פון פאָלק איז אויך דער פאָטער פון גערעכטיגקייט. ער איז דער סימבאָל פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס קען קיין אומרעכט נישט צוזעהען און ווען די אנשויאונג פון פאָלק בעקומט איהר געניאַלען אויסדריק ביי די נביאים, פעריליערט זי אינגאַנצען איהר אָפּטימיסטישען כאַראַקטער; זי זעהט, אַז אין הימעל הערשט אויך די זעלביגע אונגערעכטיגקייט, און זי שרייט געוואַלד און פאָדערט דער העכסטער מאַכט אַליין צום משפּט!...

די גאַנצע גרויסקייט פון דעם יודישען פאָלק ליעגט אין זיין טיעפען מאָראַלישען געפיהל אין זיין געפיהל פון גערעכטיגקייט און עהרליכקייט, וואָס האָט פאַר זיך קיינע גרענעצען נישט און וויל פון קיינע קאָמפּראָמיסען (פשרות) נישט וויסען. דאָס געפיהל פון דעם מאָראַלען אידעאַל האָט איהם געבראַכט צו האָפנונג, און די האָפנונג — צום לעבען און צו לעבענס־לוסט.

דאָס אידישע פאָלק אין זיין נביאי'שער אַנשויאונג האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען די גרויסע קראַפט פון דאָס בייזע, פון דאָס שלעכטע, פון די ליידען און פלאָגען, וואָס בעהערשען די גאַנצע נאַטור; עס האָט גוט געוואוסט, אַז דער וועג פון לעבען איז נישט אויסגעבעט מיט קיין רויזען, אַז, "דער רשע רינגעלט אַרום דעם צדיק", אַז "די וועלט איז איבערגעגעבען אין די הענד פונ'ם רשע". האָבענדיג פאַר זיך אַ ערהאַבענעם, הויכען אידעאַל איבער אַלע אַנדערע אידעאַלען, דאָס אידעאַל פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט, האָט עס געקעמפּפט מיט די ריעזען פון דער וועלט און איז זיי בייגעקומען, און עס לעבט און עקזיסטירט און קעמפּפט נאָך ביז היינטיגען טאָג פאַר זיין עקזיסטענץ.

ג.

די עפּאָכע פון דער משנה און פון תלמוד.

בשעת דער יוד איז געזעסען אויף זיין ערד האָבען זיך זיינע אנשויאונגען אויף גוטס און שלעכטס בּיסלעכווייז ענטוויקעלט ביז זיי האָבען ענדליך אנגענומען א בעשטימטע פאָרם: „גוט“ הייסט אלץ, וואָס פערלענגערט דאָס מענשליכע לעבען אויף דער ערד, און „שלעכט“ — יעדע זאַך, וואָס איז מקצר דעם מענשענס לעבען. און אזוי ווי דאָס געזעלשאַפטליכע געפיהל איז בכלל געווען שטאַרק ענטוויקעלט ביי יודען אין יענע דורות, האָבען זיי געזעהן דאָס גוטע נישט אין דער אריכת ימים פון דעם איינציגען אינדיווידואום, נאָר אין דער דויערהאַפטיגער עקזיסטענץ פונ'ם גאַנצען פאָלק.

די נביאים, ווידער, פון יענער צייט, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען אין זייערע אנשויאונגען נישט בלויז איבער זייער דור, נאָר אויך איבער פיעל שפּעטערדיגע תקופות און דורות, אט די נביאים האָבען פערשטאַנען די בעגריפען „גוטס“ און „שלעכטס“ בלויז אין מאָראַלען זין. זיי האָבען געמאָסטען יעדע ערשיינונג נישט לויט דעם מאַטעריעלען נוצען אָדער שאָדען, וואָס זי ברענגט, נאָר לויט דער מאָס גערעכטיגקייט און זינד, וואָס זי ענטהאַלט אין זיך. ירמיהו, למשל, בעפאָלט מיט גרויס וואוט די הערשער פון יהודה אין דער צייט פון מלחמה=ברען, בשעת דער אויטאָריטעט פון הערשער איז אין פלוג אזוי נויטיג; ער האָט זיך ווענינ גערעכענט אויך דערמיט, וואָס זיינע רעד שרעקען און ענטמוטיגען דאָס פאָלק. וואָס געהט איהם אָן פּאָליטיק דאָרט, וואו ער זעהט גזילה, רויב, און אַלערליי גוואַלד=טהאַטען? דער פּאָליטישער וואוילשטאַנד פון פאָלק איז אין זיינע אויגען גאָר נישט אין פערגלייך מיט דער מאָראַלישער הויכקייט.

דאָס לעבען איז פול מיט צרות, אנשיקענישען און וועהטאָגען; ווען עס האָט אָבער אין זיך עפּעס א הויכען מאָראַלען תכלית, עפּעס א הויכען מאָראַלען זין, ווערט עס גוט און אינהאַלטסרייך; ווירקליך שלעכט איז דאָס לעבען ערשט דאַן, ווען עס האָט נישט

אין זיך קיין שום מאָראַלען תּכלית, קיין שום אידעאַל; ערשט דאַן שילט ירמיהו דעם טאָג פון זיין געבּוירען, דאַן וויל ער ענטלויפען אינ׳ם וויסטען מדבּר, דאַן זעהט ער „די בּערג און זיי שטורמען און אַלע היגלען און זיי זענען צופאַלען,״ „און דער מענש איז נישטאָ און אַלע פויגעל פון הימעל האָבּען אַוועקגעוואַנדערט!״

יודען זענען פערטריבּען געוואָרען פון זייער לאַנד, און נאָכדעם, ווי זיי זענען אויסגעשטאַנען אַ סך בּיטערע צרות, האָבּען פילע פון זיי זיך ווידער אומגעקעהערט אין זייער היים. זיצענדיג אויף זייער ערד האָבּען זיי נאָך אָבּער אַלץ נישט אויפגעהערט צו ליידען פון זייערע אַכזריות׳דיגע פיינדער, און פריהער די גריכען און דערנאָך די רוימער האָבּען נישט אויפגעהערט דעם יודישען פאָלק די גרעסטע יסורים אָנצוטהאָן. איין צרה אויף דער אַנדערער, איין אָנשיקעניש אויף דאָס אַנדערע, איין אונגליק אויף דעם אַנדערן און ווידער אַמאָל זיך אַוועקלאָזען וואַנדערן אינ׳ם פינסטערען גלות — דאָס איז דאָס בּילד פון יודישען לעבּען אין דער צווייטער עפּאָכע פון די הייליגע שריפטען.

די צרות און וואַנדערונגען האָבּען אויפגעהויבּען דעם יודישען גייסט, האָבּען אויסגעלערנט דעם יודען נאָכדענקען און נאָכזוכען, אָבּסערווירען און פאָרשען; די פּרימיטיווע אַנשויאונג פון די אַלטע צייטען האָט שוין איצט זייער גייסט נישט בּערוהיגט, און פון דער צווייטער זייט זענען זיי דאָך נישט אימשטאַנד געווען זיך אויפצוהויבּען בּיז דער אַנשויאונג פון דער נבואה, דען „זינט ס׳זענען געשטאָרבּען די לעצטע נביאים — חגי, זכריה און מלאכי — איז אָבּגעטאָן געוואָרען דער רוח הקדש (הייליגער גייסט) פון יודען״ 2).

אויפהויבּענדיג זיך, אַלזאָ, איבּער דער פּרימיטיווער פאָלקסאַנשויאונג פון די פריהערדיגע, אַלטע צייטען, האָבּען שוין די איצטיגע יודען נישט געקענט זעהען קיין גליק אין דעם מענשליכען לעבּען אויף דר׳ערד. די צרות און וואַנדערונגען האָבּען זיי געבּראַכט צו דער איבּערצייגונג, אַז דאָס מענשליכע לעבּען איז פול מיט יסורים און פּיין, און זיי האָבּען אָנגעהויבּען צו זעהען דאָס גליק אינ׳ם

לעבען, וואָס קומט נאָכ'ן טױדט. די וועלט (עולם הזה) איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָרהויז צום סאַלאָן — יענע וועלט (עולם הבא) 3). דער דאָזיגער געדאַנק האָט זיך כסדר ענטוויקעלט און ענדליך האָבען זיי שוין ערקלערט, אַז „למען ייטב לך" (אום עס זאָל דיר גוט זיין) — מײַנט מען: אויף יענער וועלט, וואָס איז דורכאויס „גוטס", און „למען יאריכון ימיך" (אום דו זאָלסט לאַנג לעבען) — מײַנט מען: אויף יענער וועלט, וואָס איז אונענדליך 4). און „דו האָסט נישט קיין איין מצוה אין דער תורה, פאַר וועלכער עס ווערט צוגעזאָגט שכר, וואָס דערבײַ זאָל ניט זיין אויך תחית המתים" 5), און דעם פסוק: „וחי בהם" זעצט אונקלוס איבער „צום איביגען לעבען".

די ענטוויקלונגס־אַרט פון דעם דאָזיגען געדאַנק זעהען מיר אין דעם מאמר פון תלמוד:

ווען אחר *) וואָלט דרש'ענען דעם פסוק, ווי ר' יעקב זיין אייניקעל (וועלכער האָט גדרש'ענט: „למען יאריכון ימיך" — אויף יענער וועלט, וואָס איז אונענדליך לאַנג), וואָלט ער נישט געזינדיגט. וואָס האָט ער געזעהען? אַנדערע זאָגען: ער (אחר) האָט געזעהען אַזאַ צופאַל **); און אַנדערע זאָגען: ער האָט געזעהען

---

*) דער בעוואוסטער תנא אלישע בן אבויה, וועלכער איז אַ מין גנעס־טיקער געוואָרען און האָט אָבגעקעהרט פון דער תורה, ווערט גערופען אויך „אחר" (איין אַנדערער), ווייל ער איז איין אַנדערער געוואָרען.

**) ווי דער, וואָס איז דאָרט אין תלמוד געבראַכט: איין פאָטער שיקט זיין זוהן ברענגען איהם פויגעלעך. דער זוהן שטייגט הויך, דערלאַנגט די פויגעלעך און טהוט, ווי אין דער תורה שטעהט: די מוטער שיקט ער אַוועק און די קינדערלעך נעהמט ער זיך. ער איז אַלזאָ מקיים צוויי גרויסע מצוות מיט אַמאָל: „כבוד אַב" און „שילוח, הקן" פאַר וועלכע עס ווערען צוגעזאָגט אין דער תורה „אריכת ימים". דער זוהן וויל אַראָב, פאַלט און ווערט גע'הרג'עט. וואו־זשע איז זיין „אריכת ימים"?

די צונג פון ר׳ חוצפּית דעם „מתורגמן״ *) 6)

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די צרות און אונגליקען ברענגען צו סקעפּטישע געדאַנקען פון איין זייט און צו אַזעלכע דרשות, ווי די אויבענגעבראַכטע — פון דער אַנדערער זייט. ס׳איז שוין ממילא דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס „דער, וועלכער זאָגט, אַז תחית המתים שטאַמט נישט פון דער תורה״, ווערט גערעכענט צווישען יענע, וועלכע „האָבען נישט קיין חלק לעולם הבא7).

דאָס דאָזיגע גלויבען אין השארת הנפש און אין תחית המתים האָט אָבער אויך נישט בעפריעדיגט דעם גייסט פון יענע תמימים, וועלכע האָבען אַליין געוואוסט, אַז זיי זענען ריין פון יעדען חטא און פערברעך און דאָך איז אויסגעגאָסען אויף זיי גאָט׳ס צאָרן און זיי שטעהען אויס אַלערליי אָרעמקייטען און ליידען, צרות און וועהטאָגען. אמת טאַקי: גאָט בעלוינט פאַר די מעשים טובים ערשט אויף יענער וועלט; אמת טאַקע: „אויף דער וועלט איז קיין שכר מצוה נישטאָ״, און די מצוות זענען געגעבען געוואָרען „היינט זיי צו טאָן און מאָרגען אָבצונעהמען דעם שכר פאַר זיי״ 8); פאַרוואָס אָבער ווערען געשטראָפט יענע צדיקים, וועלכע האָבען קיינמאָל אין זייער לעבען נישט געזינדיגט? מילא, דער שכר ווערט זיי נישט אָבגעגעבען אויף דער וועלט, אָבער פאַרוואָס קומט זיי נאָך אָנ׳עונש?

די דאָזיגע אייביגע, גרויסע פראַגען האָבען די בעלי המשנה און די בעלי התלמוד געפּרובט פערענטפערן אויף פערשיעדענע אופנים. און דער תמצית פון די געדאַנקען, מיט דער הילף פון וועלכע זיי האָבען געהאָפט צו פערגלעטיגען דעם שאַרפען קאָנטראַסט צווישען זייער אינערליכער איבערצייגונג פון איין זייט און די אויסערליכע לעבענס־פאַקטען פון דער אַנדערער זייט, — זיינען נאָך מיין מיינונג, די דאָזיגע צוויי מאמרים:

---

*) ער האָט געזעהען, ווי די יודישע פיינד האָבען ביי ר׳ חוצפּית המתורגמן (וועלכער פלעגט ערקלערען די רעד פון די תלמידים) די צונג אָבגעשניטען און אָט די צונג האָט זיך אין מיסט געוואַלגערט. האָט אלישע־אחר אַזוי געזאָגט: אַ צונג, וואָס האָט פּערעל געשאָטען, זאָל זיך איצט אין מיסט ארומוואַלגערן?

א) „ווען אַ מענש זעהט, אַז עס קומען אָן אויף איהם יסורים, זאָל ער נאָכזוכען אין זיינע מעשים (צו ער האָט ניט עפּעס געזינדיגט), וואָרום עס שטעהט געשריבען: „לאָמיר נאָכזוכען אונזערע וועגען און זיי אויספאָרשען"; ווען ער האָט נאָכגעזוכט און נישט געפונען (קיין זינד), זאָל ער עס אָנהענגען אָן דעם זינד פון בטול תורה, וואָרום עס שטעהט געשריבען: וואויל איז דעם מענשען, וואָס גאָט טהוט איהם שטראָפען און פון דיין תורה מהוסטו איהם לערנען; און אויב ער האָט שוין דאָס אויך געטאָן און דאָך נישט געפונען — איז עס אַ סימן, אַז דאָס זענען יסורים של אהבה, דען עס שטעהט געשריבען: „דעם, וואָס גאָט האָט ליעב, שטראָפט ער." [9]

ב) „רב יוחנן האָט געזאָגט אין רב יוסי'ס נאָמען: דריי זאַכען האָט משה געבעטען פון גאָט ברוך הוא און ער האָט זיי איהם געגעבען א. א. וו.; ער האָט געבעטען, איהם צו ערקלערן די דרכים פון הקדוש ברוך הוא, און ער האָט עס איהם נאָכגעגעבען. וואָרום עס שטעהט געשריבען: „מאַך מיר וויסען דיינע וועגען." ער האָט זיך אָבגערופען צו גאָט: „רבונו של עולם, פאַרוואָס איז פערהאַן אויף דער וועלט אַ צדיק אַזעלכער, וואָס איהם איז גוט און אַזעלכער, וואָס איהם איז שלעכט; אַ רשע אַזעלכער, וואָס איהם איז גוט און אַ רשע אַזעלכער, וואָס איהם איז שלעכט? האָט איהם גאָט געזאָגט: דער צדיק, וואָס איהם איז גוט, איז אַנ'אמת'ער, אַ גאַנצער צדיק, און דער צדיק, וואָס איהם איז שלעכט איז נישט קיין גאַנצער צדיק; דער רשע, וואָס איהם איז גוט, איז נישט קיין גאַנצער רשע, און דער רשע, וואָס איהם איז שלעכט, איז אַ גאַנצער רשע. און ער קריעגט אויף ר' מאיר'ן, דען ר' מאיר האָט געזאָגט: צוויי זאַכען האָט ער (גאָט) איהם (משה'ן) נאָכגעגעבען און איין זאַך האָט ער איהם נישט נאָכגעגעבען, וואָרום עס שטעהט געשריבען: און איך וועל מיך דערבאַרימען איבער דעם, וואָס איך וועל וועלן מיך דערבאַרימען — חאָטש ער האָט עס נישט פערדיענט, און איך וועל באַרימהערציג זיין צו דעם, וואָס איך וועל וועלן זיין באַרימהערציג — חאָטש ער האָט עס נישט פערדיענט." [10]

לויט דעם ערשטען מאמר קומען די יסורים אויפ'ן מענ=

שען געוועהנליך, אַלס אָבּקומעניש פאַר געוויסע זינד; זיי קומען אָבּער אויף אַ עהרליכען און אויף אַ צדיק אויך, כּדי צו לייטערן זיין נשמה און זי אַרויפצוברענגען אויף אַ העכערער מדרגה. תענוגים פון דער וועלט ערנידריגען די נשמה און די יסורים — הויבּען זי אויף בּיז די העכסטע הימלען. אַז אַ צדיק זאָל ליידען יסורים — דאָס איז אַלזאָ אויף אַזאַ אופן, גאַנץ נאַטירליך, און ממילא איז שוין פערשטענדליך דאָס אויך, וואָס ווען די צדיקים ווילען לעבּען בּמנוחה, אָהן יסורים, זאָגט גאָט=בּרוך=הוא: „די צדיקים איז נאָך ווענינ דאָס, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיי אויף יענער וועלט, און זיי ווילען לעבּען רוהיג אויך אויף דער וועלט. 21) און ר׳ ינאי זאָגט: „מיר האָבּען נישט די רוהיגקייט פון די רשעים און נישט די יסורים פון די צדיקים, 31) און אַלע טאָג געהט אַרויס אַ בּת=קול און זאָגט: „די גאַנצע וועלט איז בּעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב מיין זוהן חנינא, *) און חנינא מיין זוהן האָט גענוג איין מעסטיל טייטלען פון איין ערב שבּת בּיז׳ן אַנדערן”41) און „די וועלטען זענען בּעשאַפען געוואָרען נאָר פאַר אַחאָב בּן עמרי (דעם גרעסטען רשע) און פאַר ר׳ חנינא בּן דוסא (דעם גרעסטען צדיק); פאַר אַחאָב בּן עמרי — די וועלט, און פאַר ר׳ חנינא בּן דוסא — יענע וועלט.” 21)

דער צווייטער מאמר פערענטפערט די סתירה צווישען דער אינערליכער איבּערצייגונג און די אויסערליכע לעבּענס=ערשיינונגען מיט אַ פּלפּול׳דיגען פּשט׳ל. גוט אויף דער וועלט איז נאָר דעם אמת׳ען, פאָלקאָמענעם צדיק און דעם נישט=פאָלקאָמענעם רשע: דעם ערשטען — ווייל ער האָט נישט אפילו קיין קלייניגקע עבירה׳לע, אום געשטראָפט צו ווערן פאַר איהר, און דעם אַנדערן — ווייל גאָט צאָהלט איהם אָבּ אויף דער וועלט פאַר זיין בּיסעל גוטס, וואָס ער האָט געטהון; שלעכט ווידער אויף דער וועלט איז נאָר דעם נישט=פאָלקאָמענעם צדיק און דעם פאָלקאָמענעם רשע: דעם ערשטען — פאַר די קליי=

---

*) רבּי חנינא בּן דוסא וועלכער איז געוועזען גערעכענט פאַרן גרעסטען צדיק פון זיין דור.

נע חטאים, וואס ער האט אויף זיך, און דעם אנדערן — ווייל ער האט קיין שום זכות נישט.

נעהנטער אבער צו די בעגריפען פון דער נבואה, אזוי ווי מיר האבען זיי ערקלערט אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל, זענען, נאך מיין מיינונג, ר׳ מאיר׳ס אנשויאונגען. די דרכים פון דער העכערער השגחה זענען אפילו דעם אדון הנביאים (משה׳ן) אויך נישט קלאר געווען. דער שטערבליכער מענש איז נישט אימשטאנד צו וויסען, ווי אזוי גאט פיהרט זיין וועלט. די וועגען פון דער געטליכער השגחה זענען אזוי הויך און ערהויבען, אז דער העכסטער שכל אפילו איז אויך נישט בכח זיי משיג צו זיין. די גוטסקייט און שלעכטסקייט אויף דער וועלט שטעהט גאר נישט אין קיין צוזאמענהאנג מיט דעם מענשען׳ס פרומקייט און זינד, נאר מיט די וועגען, וועלכע זענען בעוואוסט בלויז גאט אליין. ר׳ מאיר דערמאהנט אין זיין מאמר נאר דאס גוטע, און ענהליך דערצו האבען אנדערע געזאגט אויך בנוגע צו די צרות פון די צדיקים: „שווייג! אזוי איז געווען דער אוראלטער געדאנק!״

דאס אלץ אבער קען דיענען אלס תשובה נאר אויף דער פראגע: פארוואס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט; צו וואס אבער דארף מען איבערהויפט דאס שלעכטע אויף דער וועלט? ווי אזוי איז עס בכלל ארויסגעקומען דאס שלעכטע פון דעם גוטען און ערבארעמדיגען גאט?

אויף דעם האבען אונזערע קדמונים געענטפערט, אז דאס שלעכטע איז אויך בעשאפען געווארען נאר צוליעב וועלכען ס׳איז גוטען תכלית, אז „אלץ, וואס גאט טוט — טוט ער צום גוטען״ 61) פון דאס שלעכטע וואקסט אויך ארויס עפעס גוטעס, און דעריבער דארף דער מענש דאנקען פאר דאס שלעכטע אזוי, ווי ער דאנקט פאר דאס גוטע״. 71) דאס ערגסטע אין דער וועלט — דער טוידט — האט אויך אין זיך גוטס, — ער ברענגט אריין דעם מענשען אין א בעסערער, גוטער וועלט. 81)

די מאראלישע שלעכטסקייט האט אויך א גוטע זייט, וואדום „ווען נישט דער יצר הרע וואלט דער מענש קיין ווייב נישט גענומען און קיין קינדער נישט געהאט און קיין הויז נישט

געבויט און קיין ווייַנגאָרטען נישט געפלאַנצט". 19) די גאַנצע נאַטור בכלל איז אויסגעצייַכענט גוט. „אַלע מעשי בראשית זענען בעשאַפען געוואָרען מיט זייער וואוקס, מיט זייער שכל און מיט זייער געשטאַלט" 20) און „ווי עס זענען אַרויסגעוואַקסען די פערשידענע מינים גראָז, האָט דער שר פון דער וועלט אָנגעהויבען זינגען: זאָל זייַן דער כבוד פון גאָט אויף אייביג, זאָל זיך גאָט פרעהען מיט זייַנע מעשים" 21).

גאָט אַליין האָט זיך געפרעהט מיט זייַנע שאַפונגען און „אויב זייער בעשעפער לויבט זיי — ווער קען זיי שוין דען שענדען? זייער בעשעפער ריהמט זיי — ווער וועט שוין אין זיי אַ פעהלער געפינען? אָ! שען זענען זיי, געריהמט זענען זיי" 22)

אַלץ האָט גאָט בעשאַפען ריכטיג אין זייַן צייַט (א. א. וו.) „זאָל דער מענש נישט זאָגען: ווען איך וואָלט האָבען דרייַ אויגען, דרייַ אויערען א. א. וו. וואָלט מיר בעסער זייַן א. א. וו.; גאָט זאָגט: איך און מייַן בית־דין האָבען זיך בעראַטען איבער יעדען אייַנציגען גליעד, איידער איך האָב איהם בעשאַפען" 23) און „אפילו די זאַכען, וואָס דיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען אינגאַנצען איבריג, געהערען אויך אַרייַן אינ'ם כלל פון דעם נאַטור־וועזען" 24).

דער מענש דאַרף אַלץ מקבל זייַן אויף זיך מיט ליעבע און שמחה. „אויב עס פאַלען אָן רשעים אויף אַ מענשען, זאָל ער זיי צושאָקלען מיט'ן קאָפּ" 25), און איינער פון ר' עקיבא'ס רביים איז געוועהנט געווען צו זאָגען אויף יעדער צרה, וואָס פלעגט זיך איהם מאַכען: „גם זו לטובה" (דאָס איז אויך צום גוטען) 26).

בכלל האָבען אונזערע קדמונים געהאַלטען, אַז „גוטס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט מעהר, ווי שלעכטס" 27), אַז דאָס, וואָס שטעהט „ורב חסד — מייַנט מען: אַז ער איז געניוגט צו חסד" 28), אַז „ער געהט אַרויס פון מדת הדין און קומט צו צו דער מדת הרחמים 29), און „אַפילו דאַמאָלס, ווען הקדוש ברוך הוא איז אין כעס, געדענקט ער אויך אָן די צדיקים" 30), און „אַפילו דאַמאָלס, ווען הקדוש ברוך הוא איז אין כעס, געדענקט ער אויך אָן דער מדת הרחמים" 31), און אַפילו „ווען אַ שאַרפע שווערד ליעגט שוין אויף דעם מענשענס האַלז, זאָל ער נאָך אַלץ נישט אויפהערן רחמים צו בעטען" 32). און חאָטש די חכמים האָ־

בען געזאגט, אז הקדוש ברוך הוא איז מדקדק מיט זיינע ארומיגע אויף יעדען האר" 33), אז „ווען הקדוש ברוך הוא זעצט זיך משפט'ן זיינע קדושים, ווערט ער דערהויבען און גרויזאם" 34), און „ווער עס זאגט, אז גאט איז א ותרן — זאל זיין לעבען הפקר ווערען", און אז „אפילו די עברות, וואס א מענש טרעט מיט די פים, וועלען איהם ארומרינגלען צום יום-הדין" 35), — האבען זיי פון דעסטוועגען דאס אויך געזאגט, אז גאט טיראניזירט נישט זיינע ברואים" 36), אז „א גוטע מחשבה ווערט ביי גאט פערעכענט פאר א מצוה" 37), און נישט בלויז דאס, נאר די שכינה, כביכול, אליין ליידט מיט מיט דעם מענשען, וואס ווערט בעשטראפט פאר זיינע זינד, ווארום „אין דער צייט, ווען א מענש האט צער, וואס זאגט די שכינה? וועה איז מיר! אוי מיין קאפ! אוי מיין ארעם! 38).

אזעלכע מאמרים געפינען זיך נאך א סך אין תלמוד און די מדרשים, און פון זיי אלע איז ארויסצודרינגען, אז דער גרונד-עלעמענט, פון וועלכען עס בעשטעהט גאט'ס וועלט, איז נאך אלעמען נישט דאס שלעכטע, נאר דאס גוטע.

צוזאמען אבער מיט זייער שטארקען גלויבען אין דעם גוטען און בארימהערציגען גאט, וואס שאפט בלויז גוטס און זאגאר דאס שלעכטע פון איהם האט אויך עפעס א גוטען ציעל, — האבען זיי אבער דאך אלס אמת'ע דענקער, אלס מענשען מיט עמפפינדליכע הערצער און אלס קינדער פון זייער געדריקטען און געפלאגטען פאלק, נישט געקענט נישט זעהען דאס שלעכטס, וואס שפרייט אוים זיין נעץ איבער אלץ, וואס לעבט. בעטראכטענדיג די אלע מעשים, וואס טוען זיך אב „אונטער דער זון", האבען זיי זיך נישט געקענט אבהאלטען פון צארנען און טענות האבען, זעהענדיג, ווי דער טוידט שלינגט אלץ איין; זעהענדיג, ווי יונגע בוימלעך ווערען אבגעשניטען פאר דער צייט, האבען זיי נישט געקענט זייערע טרערען איינהאלטען.

ווען ר' יוחנן פלעגט דערזעהען די עלענדקייט פון יעדע בעשעפעניש, פלעגט ער זאגען: „דיינע משפטים (שטראף) זענען טיעף אזוי ווי דער תהום!" 39), און „ווען ער פלעגט צוקומען צו אט דעם פסוק, פלעגט ער וויינען: „און עס וועט זיין דאן, ווען עס וועלען איהם בעגעגנען א סך אונגליקען און צרות — א

קנעכט, וואָס זיין הערר אַליין שיקט איהם צו אַלערליי אונגליקען און צרות, האָט ער שוין דען אויף וואָס צו האָפֿען?" 40).

„און רב יוסף, ווען ער פֿלעגט צוקומען צו אָט דעם פּסוק, פֿלעגט ער וויינען: „און ס'טרעפֿט, אַז איינער קומט אום אָהן אַ משפּט" 42).

„און ר' יוחנן, ווען ער פֿלעגט צוקומען צו אָט דעם פּסוק, פֿלעגט ער וויינען: „און דו האָסט מיך אָנגערעדט איהם צו פֿערניכטען אומזיסט" — אַ קנעכט, וואָס זיין הערר לאָזט זיך אָנרעדען — האָט ער דען נאָך אויף וואָס צו האָפֿען?" 43) און אויף דעם, וואָס די חכמים האָבען געזאָגט, אַז ווי ס'איז נאָר געגעבען געוואָרען רשות דעם משחית, מאַכט ער שוין נישט קיין אונטערשייד צווישען אַ צדיק און אַ רשע, 44) האָט רב יוסף געוויינט און געזאָגט: זענען דען אַלע גרעסטע — גאָרנישט? 45) און ווען די רבנן האָבען געזאָגט צו רב המנונא'ן: זאָל אונז דער הערר עפּעס זינגען, האָט ער זיי געזונגען: וועה איז אונז — מיר וועלן שטאַרבען, וועה איז אונז מיר וועלן שטאַרבען! 46) און בר קפּרא האָט אויפֿגעצייכענט אויף די טויערען פֿון רבי'ס הויז: נאָך אַלע פֿריידען קומט — דער טוידט!..." 47)

וועגען דער קורצקייט פֿון דעם מענשליכען לעבען בכלל האָבען די חכמים געזאָגט: „ווי אַ שאָטען זענען אונזערע טעג אויף דר'ערד און ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל האָפֿען — הלואי וואָלטען זיי חאָטש זיין, ווי דער שאָטען פֿון אַ וואַנט אָדער פֿון אַ בוים; זיי זענען אָבער נאָר, ווי דער שאָטען פֿון אַ פֿויגעל, וואָס פֿליהט פֿערביי, וואָרום עס שטעהט: „ווי אַ פֿערבייגעהענדער שאָטען"; „און ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל האָפֿען" — ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל האָפֿען, אַז ער וועט נישט שטאַרבען; אַלע ווייסען און זאָגען מיט'ן מויל, אַז זיי וועלען שטאַרבען. 48).

מיר געפֿינען אין תלמוד אויך אַזעלכע מאמרים, וואָס זענען נוטה צו בודדא'ס אַנשויאונג, אַז דאָס נישט-זיין איז בעסער פֿונ'ם זיין. אַזוי, למשל, איז ביי די חכמים בעשלאָסען געוואָרען, אַז „פֿאַר אַ מענשען וואָלט בעסער זיין, ווען ער וואָלט נישט בעשאַפֿען ווערן" און אַז דער מענש דאַרף זוכען

צו ערדרייכען פאַר'ן לעבען נאָך דעם צושטאַנד פונ'ם אַבּסאָלוטען נישט זײַן, טוידטענדיג אין זיך זײַנע אַלע תאוות און געפיהלען, ווי מיר זעהען פון דעם ענטפער: „וואָס זאָל אַ מענש טהון, אום צו לעבען? — זאָל ער זיך זעלבּסט אָבּטוידטען". *) 50)

ס'זענען פערהאַן שטעלען, וואו די חכמי התלמוד קלאָגען זיך אויך אויף דער מאָראַלער שלעכטסקײַט, אויף דעם מענשענס שוואַכקײַט, בּײַצושטעהן געגען די שלעכטע תאוות: שווער איז אויסצוקומען מיט'ן יצר הרע אפילו זײַן בּעשעפער רופט איהם אָן: „שלעכטער". 51)

זיי האָבּען געזאָגט, אויך דאָס, אַז הקדוש ברוך הוא האָט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט איהם (דעם יצר הרע) בּעשאַפען" און אַז „דער יצר הרע פונ'ם מענשען איז זיך מתגבר אויף איהם אַלע טאָג און ווערט אַלע טאָג בּענײַט, וואָרום עס שטעהט געשריבּען: נאָר שלעכטס (טראַכט ער) אַ גאַנצען טאָג. 52)

„ווער איז עס דער פרעמדער גאָט, וואָס זיצט אינ'ם מענשענס גוף — זאָג: דאָס איז דער יצר הרע" — 53) און „ס'איז גאָר קיין ענדע נישטאָ צו די אַלע דורות. וואָס דער יצר הרע האָט פערניכטעט, און די לעצטע (דורות) וועלן זיך אויך נישט פרעהען דערמיט, וואָס זיי האָבּען איהם געפאָלגט". 54)

אויסער די דאָזיגע געדאַנקען געפינען מיר בּײַ זיי נאָך איין טיעפען מאַמר, וואָס ווײַזט, ווי טיעף זיי האָבּען בּעגריפען דעם געדאַנק, אַז דאָס שלעכטע אין דער נאַטור און די שלעכטסקײַט אינ'ם מאָראַלען זין שטאַמען פון איין מקור — פון דעם אונפאָלקאָמענהײַט, וואָס הערשט אין דער נאַטור בּכלל און אין דער מענשליכער נאַטור בּעזונדער; איך מיין דאָ די בּעקאַנטע אַגדה: „ער איז דער שטן, ער איז דער יצר הרע, ער איז דער מלאך המות" 55). און „ווי ביטער און טיעף איז זייער פאָרוואורף דאָרט: „ער געהט אַראָבּ און רעדט אָן (צום זינדיגען), ער געהט אַרויף

---

*) מען מיינט אַז ער זאָל אַלע לעבּענס-בּעגעהרען אָבּטויטען.

און פער׳מסר׳ט, בעט אוים רשות און נעהמט צו די נשמה!...״

אמת, די יודישע חכמים זענען גאנץ ווייט פון דעם פעסימיזם, וועלכען מיר האבען געזעהען פריהער ביי די־אינדישען דענקער: דערפון האט זיי מציל געווען דאס גלויבען אין א גוטען און בארימהערציגען גאט. פון דער אנדערער זייט אבער געפונען מיר אין א סך פון זייערע מאמרים יענעם טיעפען טרויער, וועלכער געהט שטענדיג צוזאמען מיט אלע גרויסע גייסטער... און פון דעם שטאנדפונקט ארויסגעהענדיג לאזט זיך לייכט ערקלערען אויך דאס, וואס אין איין ארט געפונען מיר ביי זיי, אז „אלץ, וואס גאט טהוט — טהוט ער צו גוטען״ און אז אלץ איז בעשאפען מיט דער מעגליכסטער פאלשטענדיגקייט, און אין א צווייטען ארט — „אז דעם מענשען וואלט א סך בעסער זיין, ווען ער וואלט נישט בעשאפען ווערען״; וואס אין איין ארט פרעגען זיי בתמימות: „צי איז דען דער אויבערשטער חשוד אויף דעם, אז ער וועט בעשטראפען אימיצען אהן א משפט?״ 56) און אין אנ׳אנדערער ארט בעשליעסען זיי דייטליך, אז ס׳קען געמאלט זיין טוידט אהן א חטא און יסורים אהן זינד״ 57).

דער טיעפער טרויער איז בעזונדער בולט ביי זיי אין יענע שטעלען, וואו זיי שילדערן די אייביגע טראגעדיע פון דעם יודישען פאלק.

וויפיעל אמת׳ער ליריזם און וויפיעל אמת׳ער טראגיזם ליעגט אין די דאזיגע אגדות זייערע:

„איך האב געהערט א בת־קול, וואס ברומט, ווי א טויב, און זאגט: וועה צו די קינדער, וואס צוליעב זייערע זינד האב איך חרוב געמאכט מיין הויז און פערברענט מיין פאלאץ און זיי פערטריבען צווישען די אומות״ 58).

„ווען דער אויבערשטער דערמאהנט זיך אן זיינע קינדער, וועלכע זענען פערזונקען אין צער, לאזט ער צוויי טרערען אין ים הגדול... 59)

„א ארט איז פערהאן ביי גאט, וואס הייסט „מסתרים״ (בעהעלטעניש) און דארט וויינט ער...״ 60)

ד.

די חכמים פון גריכענלאַנד און רוים.

די זעלבינע טיעפע געדאַנקען, וואָס מיר האָבען געזעהען זייער ענטוויקלונגס-גאַנג ביי די אַלטע מזרח-פעלקער און ביי דעם יודישען פאָלק אין דער עפּאָכע פון תנ"ך און אין דער שפּעטערדיגער צווייטער עפּאָכע, — געפינען זיך אויך אין די ווערק פון די גריכישע און די רוימישע דענקער.

פערטיעפענדיג זיך אין די שאלות וועגען דער וועלט און איהר בעשעפער, האָבען זיי נישט געקענט פערבייגעהן גלייכגילטיג די ערשיינונג פון דאָס שלעכטע, וואָס הערשט אין דער וועלט. זיי האָבען געזעהען אַז אין דער נאַטור הערשט אַ געוויסע ראַציאָנעלע אָרדנונג, און דערביי האָט זיי די נאַטור קיין פערהעלטניס ניט צו דעם מענשענס ליידען און ווייס ניט פון קיין גערעכטיגקייט.

דאָך אָבער איז פאָרט אַ גרויסער אונטערשיעד פערהאַן צווישען דעם אינדישען און דעם גריכישען פאָלק. די אינדיאַנער האָבען געקוקט אויף די ריעזיגע נאַטור-קרעפטען אין זייער לאַנד מיט שרעק און מיט ערשטוינונג. די שטאַרקייט און שעהנהייט פון איין זייט און די פערניכטונג און צושטערונג פון דער צווייטער זייט — האָבען פערשקלאַפט דעם אינדישען פאָלק. און שפּעטער, ווען זייער שכל האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען פיהלען זייער עלענדקייט און אָ־עמקייט, האָט זיי שטאַרק געקרענקט די דאָזיגע שקלאַפעריי, פון וועלכער זיי האָבען נישט געקענט זיך בעפרייען. נישט זענענדיג אימשטאַנד זיך בעפרייען זייער עקזיסטענץ, וואָס איז אינגאַנצען איבערגעגעבען אין די הענד פון'ם בלינדען צופאַל, האָבען זיי אָנגעהויבען זוכען זייער פרייהייט אין דער נישטיגקייט, אין'ם נישט-זיין.

דאָס גריכישע פאָלק אָבער איז אין דער בעציהונג צו זיינע נאַטור-קרעפטען דורכגעדרונגען געווען נישט מיט קיין מורא און נישט מיט קיין ערשטוינונג, נאָר מיט עהרפורכט און געהוי-

בענער שטימונג. די שענהייט, וואָס איז אויסגעגאָסען איבער דעם גרעק'ס לאַנד, די שענע בילדער, זייער פאַרבען־פּראַכט — האָבען איהם נאָהנט געמאַכט צו דער נאַטור. די ריזען פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט פערגעטערט, פאַר וועלכע ער האָט זיינע קרבנות געבראַכט, — זענען זיינע גוטע פריינד געווען, וועלכע ער האָט, געשעצט און געליעבט, נישט פיהלענדיג קיין שום מורא פאַר זיי, און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער פערשטאַנד פון די דאָזיגע גריכען און ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו בעגרייפען די איינהייט, וואָס הערשט אין אַלע כחות פון דער נאַטור, די ממשלה פון דער אייביגער קראַפט, די אייביגע בעוועגונג, דעם געזעץ פון דער אייביגער נויטווענדיגקייט — האָבען זיי שוין, אמת, נישט געקענט מעהר קוקען אויף זייערע געטער מיט די פריהערדיגע קינדער־אויגען, זיי האָבען אָבער אויך נישט געקענט צוקומען צו דעם טיעפען פעסימיזם פון די אינדיאַנער. די געזונדטע שענע און מעסיגע נאַטור פון זייער לאַנד, האָט זיי געראַטעט פון דער דאָזיגער מרה־שחורה: זיי האָבען אָבער אויך גוט געפיהלט דאָס שלעכטע, וואָס ציהט זיך דורך דער גאַנצער נאַטור, און אין זייער גרויסער און ברייטער ליטעראַטור הערט זיך אַ שטילעס טיעפעס קלאָגען זיך.

טיעף איז דער טרויער, מיט וועלכען ס'איז דורכגעדרונגען די גריכישע טראַגעדיע. וואָרום וואָס דען לערנען אונז די דאָזיגע גבורים־ריזען, וועלכע ווערען דערשלאָגען פון די שטאַרקע געטער, אויב נישט דאָס, אַז דעם מענשענס כח איז צו שוואַך אויף צו קעמפּפען מיט די ריזען־קרעפטען פון דער נאַטור? וואָס לערנען אונז דאָס די דאָזיגע אונגעהויערע טאַלענטען, וועלכע געהען פערלוירען צוליעב וועלכען ס'איז צופאַל אָדער אַלס רעזולטאַט פון דער נאַטירליכער נויטווענדיגקייט, אויב נישט דאָס, אַז אַלעס הויכעס און ערהויבענעס פאַר'ן מענשען איז נישט מעהר, ווי אַ שפּיעלכעל, פאַר דער נאַטור? מיט קראַפט און שטאַרקייט, קעמפּפען די דאָזיגע גבורים; אַלע כחות ווענדען זיי אָן. זיך צו בעפרייען איבער געוואַלט; זייערע טהאַטען און העלדען־מעשים רופען אַרויס אין אונז אַ גייסט פון מוט און גבורה — נאָך דעם אַלעמען פאַלען זיי דאָך אָבער פאָרט דערשלאָגענע!... און דאָס פיהלט

אין אונזער הארץ מיט א טיעפען טרויער און לאזט איבער דעם איינדריק פון דעם אייביגען אונגליק, פון דער אייביגער מענשליכער שוואכקייט.

און די ווערק פון עסכילוס און סאפאקלוס (וואס האבען געלעבט אינ'ם פינפטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, נאהנט צו דער צייט, ווען ס'איז צוזאמענגעשטעלט געווארען דאס בוך איוב) געפינען מיר די אלע שאלות און ספקות, וואס אין ספר איוב. פארוואס, פרעגען זיי, האט דער עהרליכער פראמעטעאוס געמוזט אויסשטעהן אזעלכע שרעקליכע יסורים? פארוואס ליעגט די קללה פון גאט אויסגעגאסען אויף גאנצע מאסען מענשען, אויף גאנצע דורות און גאנצע משפחות? וואו איז דער צוזאמענהאנג צווישען די געטליכע געזעצען, וואס זענען איינגעפלאנצט אין אונזערע הערצער, און די מענשליכע געזעצען, וועלכע זענען גאנץ אפט סותר די ערשטע?

און ווי האט זיך די גריכישע פילאזאפיע בעצויגען צו דער פראגע וועגען גוטס און שלעכטס?

איינער פון די עלטסטע גריכישע חכמים; העראקליט (געלעבט אין פינפטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), האט בעאבאכטעט און בעטראכט די אייביגע ענדערונג, וואס הערשט אין דער נאטור, און בעשלאסען, אז אין דער ווירקליכקייט איז קיין בעשטענדיגע זאך נישטא. אלץ ענדערט זיך און בייט זיך, אלץ געהט איבער פון איין פארם אין דער אנדערער, אלץ בעוועגט זיך. א זאך געהט אוועק און א זאך קומט, א זאך שטארבט אב און א זאך ווערט געבוירען. אין דער וועלט איז פערהאן בלויז — די אייביגע בעוועגונג. און אלץ הערשט די פערניכטונג, אלץ ענדערט זיך און פערקעהרט אויסער דאס פייער, דאס הייסט: די קראפט, וואס גיט ווארעמקייט און ליכטיגקייט פון איין זייט און פערברענט און פערניכטעט אלץ — פון דער צווייטער זייט,

פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט זיינעם האט העראקליט געזעהען אין דער גאנצער ארומיגער וועלט נאר פערביילויפענדע ערשיינונגען, און אפילו אין דער מענשליכער געזעלשאפט האט

ער אויך געזעהען בלויז מעשים, וואָס האָבען נישט קיין פּעסטען יסוד. די טהועכצען פון יענע אַלע מענשען, וואָס זענען אַרייננעטהון בלויז אין איינשאַפּען זיך לעבענס זאַכען, וואָס געניסען פון אַלע זינליכע פערגניגענס און גיעבען זיך איבער די בהמה'שע תאוות — זענען פאַר איהם פּוסטע, נאַרעשע איינבילדונגען.

„דער מעהרסטער טהייל מענשען לעבט, לויט הערקליט'ן, ווי די בהמות פון פעלד: זיי ווערן געבוירען, ערנעהרען זיך פון דר'ערד, ווי ווערים, האָבען קינדער — און שטאַרבען. אין די אויגען פונ'ם חכם זענען די שטרעבונגען פונ'ם המון בלויז נאַרעשקייטען און איינרעדענישען".

ביי עמפּידאָקלוס'ן (אַרום 450 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) געפינען מיר שוין שפּורען פון די אַלע מיינונגען, אויף דעם יסוד פון וועלכע ס'איז אויפגעבויט געוואָרען דער מאָדערנער פּעסימיזם. עמפּידאָקלוס זעהט אין דער וועלט ליעבע און שנאה, בעהעפטונג און צושיידונג, דאָס צו ציהען פון אַלע וועזענס איינעם צום אַנדערען און זייער אָבשטויסען איינס דאָס אַנדערע. די ליעבע איז ביי איהם דער יסוד פון דער נאַטור; אין איהם זעהט ער דעם סוד פון דער אַלגעמיינער ענטשטעהונג און ערהאַלטונג. דאָס שטענדיגע ציהעניש פון איין וועזען צום אַנדערן, די אייביגע שטרעבונג צום לעבען און זיך צו דערהאַלטען — דאָס איז דער סוד פון דער גאַנצער נאַטור. די יסודות פון דער וועלט, וועלכע זענען געווען צונויפגעבונדען און בעהעפט איינער צום אַנדערן דורך דער אייביגער ליעבע און גאָט'ס געצעלט, זענען פונאַנדערגעשיידט געוואָרען דורך דער שנאה, דורך דער צושיידונג. צוליעב דער דאָזיגער צושיידונג זענען די אונצעהליגע וועזענס, וואָס האָבען זיך געפונען אינ'ם חלל פון דער וועלט, אָבגעטיילט געוואָרען איינס פון דאָס אַנדערע און געבילדעט פערשיעדענע וועזענס. פון דאַמאָלס אָן הערשט אַנ'אייביגע מלחמה צווישען דער ליעבע און דער שנאה: די ליעבע בעהעפט און די שנאה צושיידט, די ליעבע גיט לעבען און די שנאה — טוידט, די ליעבע קאָנצענטרירט און נעהמט צונויף און די שנאה טיילט פונאַנדער. די מלחמה וועט זיך ציהען אַזוי לאַנג, ביז די

ליעבע וועט ענדליך דאָך זיגען: די פערשידענע וועזענס וועלען זיך ווידער בעהעפטען איינס מיט דאָס אַנדערע און בילדען א ײ ן וועזען, און די נאַטור וועט זיך אומקעהרען צו דעם צושטאַנד פון דער אַמאָליגער צונויפמישעניש, פון דעם אַמאָליגען תהו ובהו.

די מענשליכע נשמה איז גענומען פון גאָט׳ס היכל. פון דעם פּאַלאַץ, וואו ס׳הערשט אַחדות און ליעבע. זי איז אָבער אַראָבגעוואָרפען געוואָרען אין דעם פינסטערן טהאָל, אין דער וועלט, וואָס איז פול מיט האַס, מחלוקת און קנאה. עמפּידאָקלעס קוקט דעריבער אויף דעם מענשענס לעבען אויף דער וועלט, ווי אויף אַ שטאַרקער ערנידריגונג. נאָר דורך דער ל י ע ב ע וועט די נשמה ריין און אויסגעלײַטערט ווערען, ביז זי וועט זיך אומקעהרען צו איהר מקור.

ס׳איז ממילא שוין גאַנץ נאַטירליך דאָס, וואָס ביי עמפּידאָקלעס׳ן איז דאָס גאַנצע לעבען אויף דער וועלט גאָרנישט און ער בעקלאָגט ביטער די מענשליכע אונגליקען און צרות:

אוי, איהר עלענדע שטערבליכע! ווי גרויס איז דער צער און וויפיעל זענען די זיפצען אין וועלכע איהר ווערט געבוירען! 46).

ער קלאָגט זיך ביטער אויך אויף דער אָרעמקייט פון דעם מענשליכען פערשטאַנד:

פערשידענע אונגליקען בעגעגנען אונז, — אונגליקען, וואָס צושטערען אונזער פערשטאַנד און פערדונקעלן זיין ליכטיגקייט. לאָמיר מעסטען מיט׳ן שכל די קורצקייט פון אונזער לעבענסוועג, וואָס קען אין דער ווירקליכקייט גאָרנישט לענגער זיין. אָ ווי נאָהנט דער טוידט איז פון אונז! יעדע עקזיסטענץ איז אַ פערביילויפענדער רויך; אין דער לעערקייט, וואָס רינגעלט אונז אַרום פון אַלע זייטען, זעהט יעדערער פון אונז נאָר דעם קליינעם ווינקעלע, וואו ער איז אַריינגעשליידערט געוואָרען; נאָר אומזיסט רעדען מיר זיך איין, אַז דער שכל איז אומשטאַנד אַרומצונעהמען די אַלגעמיינהייט פון יעדער ערשיינונג: דאָס אויג זעהט דאָרט גאָרנישט, דאָס אויער הערט גאָרנישט און דער שכל הויבט נישט אָן צו פערשטעהן“. 65)

סאָקראַט האָט אָבגעווענדעט דעם שווערפּונקט פון דער פילאָזאָפיע אין אַנ׳אַנדער זייט. די פילאָזאָפיע פאַר סאָקראַט׳ן האָט

געזוכט די סבה פון אַלע ערשיינונגען, זייער אנהויב און זייער סוף, און סאָקראַט האָט אָנגעהויבען זוכען דאָס, וואָס איז גוט פאַר'ן מענשען. די פילאָזאָפיע דאַרף, נאָך סאָקראַט'ס מיינונג, אָנווייזען דעם מענשען די וועגען און די מיטלען, אין וועלכע ער דאַרף געהן און מיט וועלכע ער דאַרף זיך בענוצען, אום צו ערגרייכען דאָס גוטע, פון דאַן אָן האָבען אַ סך פון זיינע נאָכפאָלגער אָנגעהויבען לערנען דעם מענשען, וואָס ס'איז גוט פאַר איהם, יעדערער, נאַטירליך, לויט זיין סיסטעם, לויט זיין געשמאַק און זיינע נייגונגען.

פלאַטאָן האָט פערברייטערט און פערטיעפט די אַנשויאונג פון זיין רבי'ן סאָקראַטעס, וועלכער האָט—אַנשטאָט צו בעאָבאַכטען די אויסערליכע וועלט און די געזעצען פון דער נאַטור—זיך אָבגעגעבען אין גאַנצען דער אינערליכער וועלט פון דעם מענשען אַליין. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַ דעוויז זיין רבי'ס כלל: „קען זיך זעלבסט”, און אַריינדרינגענדיג טיעפער אין די בעהעלטעניסען פון זיין גייסט, האָט ער דאָרט ענטדעקט אַ קוואַל פון אמת און גערעכטיגקייט. פון דעם דאָזיגען קוואַל האָט פלאַטאָן אַלץ מעהר און מעהר געשעפּט, ביז ער האָט דערגרייכט די „אייביגע אידעען”, וואָס הערשען אין דער מענשליכער נשמה, און פון זיי האָט ער געוואָלט צוקומען צו די אייביגע וועלט־אידעען, צו די אידעען, וועלכע דינען אַלס יסוד פאַר אַלץ, וואָס מיר זעהען אַרום זיך.

זעהענדיג אין דער גאַנצער נאַטור בלויז אייביגע, הייליגע, רוחניות'דיגע אידעען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך דעם מקור פון יעדער שענקייט, פון יעדער גערעכטיגקייט, פון יעדער וויסענשאַפט און פון יעדען פערשטאַנד; שוועבענדיג מיט זיין שכל אין וועלטען, וואָס זענען אייביג שען און פול מיט גוטס, — האָט ער זיך נישט געקענט אַראָבלאָזען ביז דעם תהום פון יענע שלעכטע מעשים, וואָס טוען זיך אָב אונטען, אין דעם אַלטעגליכען, וואָכענדיגען לעבען, ער איז נישט אימשטאַנד געווען משיג צו זיין די שלעכטע זייטען און די אונפאָלקאָמענהייטען פון דעם מאַטעריעלען לעבען, וועלכע זענען קלאָר פאַר יעדען דורכשניטס־מענשען.

פלאַטאָנ'ס נשמה איז נישט קיין בירגערען וואָס לעבט אב

אירע יאָהרען אין גאַס און אין אַרבײטס-שטוב און האָט פאַר זיך נישט מעהר, ווי איהר געבורטס-שטאָדט. נײן! זי איז אַ הויכע, גײסטיגע אַריסטאָקראַטין, וואָס לעבט אין דעם אונענדליכען רוים, אין די בלויע הימלען, און אַלע ערד-אײַנוואוינער זעהען אויס בײַ איהר, ווי קלײנע ווערימלעך" 66).

פון זײַן הימעל-הויכקײט זעהט פּלאַטאָן אין דער וועלט נאָר אַבסטראַקטע מענשען, נאָר בעגריפען, נאָר די „אידעע" פון מענשען, אָבער נישט די פשוט'ע, קאָנקרעטע בשר ודם'ס, מיט אַלע זײערע בעגעהרען און פערלאַנגען, תאוות און נײגונגען און לײדענשאַפטען. די תורה, וואָס פּלאַטאָן לעגט אונז פאָר אפילו אין זײַן „רעפּובליק", וואו ער האָט שוין אין זין אין פלוג דעם קאָנקרעטען מענשען, איז אויך נאָר פאַר מלאכים פון הימעל, אָבער נישט פאַר מענשען פון דר'ערד...

ס'טרעפט אָבער בײַ איהם אויך, אַז ער ניעדערט אַראָב, פון זײַנע הויכע הימלען, און קוקט זיך אויפמערקזאַם צו צו דעם אַלעמען, וואָס ס'טוט זיך אָב אין אונזער חשכ'דיגען וועלטיל, צו דעם מענשענס מעשים און טועכצען, צו זײַנע צרות און זיפצען, — דאַן ערקלערט ער גאַנץ אָפט מיט אַ זיפץ, אַז נאָך אַלעמען איז דער טויט פאָרט בעסער פונ'ם לעבען.

דאָס זענען דאָך זײַנע ווערטער אין דער „אַפּאָלאָגיע": „אויב טויט זײַן הײסט: קײן זאַך נישט פיהלען, שלאָפען און קײנע חלומות נישט זעהען, אָ! — ווי גוט איז דאַן טויט צו זײַן! זאָל יע-דער מענש פּרובען צוגלײַכען די נאַכט, וואָס ער האָט פערבראַכט אין זיסען שלאָף אָהן קײנע חלומות, צו זײַנע איבריגע טעג און נעכט, זאָל ער זיך גוט בעטראַכטען און זאָגען אויף זײַן ערליכ-קײט, צי האָט ער געהאַט אַ סך בעסערע טעג אָדער נעכט אין זײַן לעבען! בײַ מיר איז זיכער, אַז נישט בלויז אַ אײנפאַכער מענש, נאָר אפילו אויך דער גרעסטער (הערשער) פון די פּערס-יאַנער געדענקט אַ גאַנץ קלײנע צאָהל פון אַזעלכע נעכט" 76).

צו די עלטערע יאָהרען איז ער נאָך מעהר גענויגט צו אַ-זעלכע געדאַנקען. אין זײַן ווערק „די געזעצען", וואָס ער האָט געשריבען אויף דער עלטער, „שטעהט די אמונה און דער ערשטער רײיהע; צוזאַמען מיט דער גוטער נשמה זעהט ער אין דער וועלט אויך אַ שלעכטע נשמה, מענשען זענען אַממעהרס-

טענטייל נאַריש און שלעכט; אַ שפּיעל־צייג זענען זיי אין די הענד פֿון דער גאָטהייט, וואָס אַמאָל פֿיהרט זי די וועלט מיט רחמנות און אַמאָל — לאָזט זי איהר אינגאַנצען איבער אָהן אַ שום השגחה; דאָס גאַנצע לעבען איז ביי איהם אַ וויסטע שפּיעל, און זיין פֿילאָזאָפֿיע — אַ וויסטער געלעכטער!״ 68).

זיין תלמיד אַריסטאָטלעס האָט ווייטער פֿערברייטערט און פֿערטיעפֿט די שיטה פֿון זיין רבי׳ן און האָט אין אַ סך זאַכען נישט איינגעשטימט מיט איהם. ער האָט גענומען פֿאַר אַ יסוד די אויסערליכע וועלט, די קאָנקרעטע ערשיינונגען, די עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפֿט, חאָטש ער האָט — ווי פּלאַטאָנ׳ס אַ תלמיד גאַנץ טיעף אַריינגעקוקט אויך אין דער מענשליכער נשמה.

ווי אַ וויסענשאַפֿטליכער געלעהרטער וועגט ער יעדע זאַך מיט דער שטרענגער לאָגיק און מיט דעם וויסענשאַפֿטליכען עקספּערימענט. ער זוכט צו דערגעהן די סבה פֿון יעדער זאַך און איהר איינענשאַפֿט, און אַריינדרינגענדיג טיעפֿער אין דער איינענשאַפֿט פֿון די נאַטור ערשיינונגען, קומט ער שוין אויך צו צו דער בעגרינדונג פֿון דאָס מעטאַפֿיזישע. צוקוקענדיג זיך צו דער בעוועגונג פֿון די פּלאַנעטען קומט איהם אַרויף אויפ׳ן רעיון די אידעע פֿון דעם איביגען בעוועגער (מניע); בעגרייפֿענדיג דעם מענשליכען שכל און זיינע העכסטע איינענשאַפֿטען קומט ער צו דעם געדאַנק פֿונ׳ם אַקטיווען, וועלט־בעוועגענדען שכל (שכל הפועל). יעדע זאַך אין דער וועלט קען בעטראַכט ווערען אי פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער מאַטעריע אַליין, אי פֿון דער פֿאָרם איהרער: די מאַטעריע איז היינט אַזוי און מאָרגען אַנדערש, די מאַטעריע פֿאַר זיך אַליין איז גאָרנישט; דער עיקר איז — די פֿאָרם, וואָס זי נעהמט אָן. דערנאָך קען מען צוטרעטען צו דער זאַך אויך פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם „בעוועגער״, וואָרום עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין קיין בעוועגונג אָהן אַ בעוועגענדע קראַפֿט; היינט ווייטער פֿונ׳ם שטאַנדפּונקט פֿון תכלית, וואָרום ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל נישט האָבען עפּעס אַ לאָגישען תכלית, אַ לאָגישען ציעל. און אויב יעדע קליינע און גרויסע זאַך אין דער נאַטור האָט אַ בעשטימטען לאָגישען ציעל — איז דאָך מסתמא אַלץ געמאַכט געוואָרען מיט אַ זין, מיט אַ רעכנונג; און אויב אַלץ איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ רעכנונג — איז דאָך

שוין נישט צו צווייפלען אין דעם, אז אלץ איז גוט און אין דער בעסטער ארדנונג.

„די נאטור איז קלוג און טוט קיין זאך נישט אומזיסט" — פסק'ענט אב אריסטאטעלעס.

אי וואס — דאס שלעכטע?

ענטפערט אויף דעם אריסטאטעלעס: אז די אלע שלעכטע זאכען, וואס מיר זעהען אין דער וועלט, שטאמען אייגענטליך נאר פון דער מאטעריע אליין, וואס איז דער מקור פון אלעם געמיינעם און נעגאטיוועס; פון דער פארם אבער קען קיין שלעכטס נישט ארויסקומען. יעדע מאטעריע נעהמט אן די פארם, וואס איז מעהר פאסענד פאר איהר, יעדע פארם איז אבסאלוט גוט און אלץ אין דער וועלט איז ממילא אויך — גוט און שען.

נישט קוקענדיג אבער אויף דעם אלעמען געפינען מיר אבער פארט ביי אריסטאטעלעס'ן אויך אזעלכע ווערטער:

„ס'איז פערהאן א בעזונדער מין טרויער, וואס יעדער גאון טראגט איהם אין הארצען..." 69).

די „קורענאי'איקער" האבען געלערנט, אז דאס גליק ליעגט אין פערגניגען, דער מענש דארף זעהען, זיך וואס מעהר פערגני־גען פערשאפען און וואס מעהר זיך דערוויטערן פון צער; דאס פערגניגען ווערט ערהייבט דורך קלוגער אויפפיהרונג. דורך דעם מיטעל־וועג אין זיטען און מדות, דורך פרעהליכקייט און גוט־מוטיגקייט. די דאזיגע אנשויאונג פון די „קירענאי'איקער" לויט וועלכער דאס גליק און דאס פערגניגען זענען איינס, האט אבער ביי זיי אליין א טרויער ארויסגערופען, ווייל סוף כל סוף זענען זיי אויך געקומען צו דער איבערציינגונג, אז צער איז פערהאן אין לעבען מעהר — ווי פערגעניגען. אויף דעם בארען פון דער אנשויאונג איז אויסגעוואקסען שפעטער די מיינונג פון דעם בע־ריהמטען העגעזיוס (300 יאהר פאר קריסטוס'ן), אז דער טוידט איז בעסער פונ'ם לעבען און אז דער אמת'ער חכם דארף אלץ איבערטראגען גאנץ גלייכגילטיג, און א דאנק זיין איינפלוס האט זיך אין אלעקסאנדריע פערגרעסערט די צאהל פון די זעלבסט־מערדער.

די „ציניקער" (אנטיסטען, דיאגען און אנד.) האבען איינ־געזעהען, אז דאס גליק ליעגט אין דעם פרייען, נישט געקינס־

טעלטען נאַטור־לעבען. דעם מענשענס לעבען איז פול מיט צער און וועהטאָגען בלויז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך דערווייטערט פון דער מוטער־נאַטור. דאָס נאָכיאָגען זיך נאָך מותרות און די ליעבע צו געלד; די פאָרמען פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס לעגען אַרויף אַ שווערע לאַסט אויף די פּלייצעס פון יעדען אינדיווידואום אין דער געשטאַלט פון די פערשידענע געזעצען, מנהגים און זיטען; די קנאה פון איינעם צום אַנדערן און די שרעקליכע קאָנקורענץ — דאָס אַלץ פערביטערט דעם מענשען'ס לעבען און רויבט פון איהם אַוועק יעדען פערגניגען, יעדע רוהיגע מינוט. דער מענש פערליערט זיינע כוחות און ווערט דעמאָראַליזירט נאָר צוליעב דעם, וואָס ער זוכט זיך אַלע מאָל נייע פערגניגענס, וואָס ער ווערט פון קינדווייז־אויף ערצויגען אויף וואוילטאָג און צערטליכקייטען, ווען ער יאָגט זיך נאָך כבוד און מאַכט, און קליגט זיך שטענדיג אַ וועמען ס'איז אָבצונאַרען. די אַלע זאַכען נעהמען ביי איהם אַוועק די מעגליכקייט צו געניעסען דעם טעם פון דער פאָלשטענדיגער מנוחה, און זיין לעבען איז פול מיט שנאה און כעס, מיט קנאה און נקמה — „ווי אַ ברויזענדער ים אַזוי קען ער נישט שטיל ווערען", „און ביינאַכט רוהט אויך זיין האַרץ נישט".

דער מענש דאַרף דעריבער אַראָבוואַרפען פון זיך די אַלע קייטען פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, דערנעהנטערן זיך צו דער געזונדטער נאַטור, אַוועקלאָזען די אַלע שטרעבונגען צו רייכטום, צו כבוד און צו די איבריגע איינגערעדטע לוקסוסען, און אויסרייסען אינגאַנצען פון האַרצען די דאגות וועגען יענע אַלע זאַכען, וואָס גיעבען אייך גאָרנישט און ברענגען מיט זיך בלויז צאָרן און פערדרוס. די גרויסע בעדערפענישען רופען אַרויס אויך גרויסע תאוות, און די גרויסע תאוות ברענגען מיט זיך גרויסע יסורים, דער מענש דאַרף דעריבער פערמינדערען זיינע בעדערפענישען אויף וויפיעל עס איז מעגליך, און דאָס קען ער עררייכען דורך דעם, וואָס ער וועט זיך צוגעוועהנען ווענינ צו געברויכען. בענוגענדיג זיך מיט ווענינ, וועט ער ווענינ בעגעהרען און ממילא אויך — ווענינ יסורים, ווענינ וועהטוגען אַריבערצוטראָגען. נישט גליק דאַרף זיך דער מענש זוכען, נאָר מנוחה, און דאָס וועט ער עררייכען

נאָר דאַן, ווען ער וועט וואָס וועניגער פּאָדערן פון דער וועלט . . .

די גאַנצע אַנשויאונג פון די „ציניקער" איז געבויט אויף דער הנחה, אַז אין זייער געזעלשאַפטליכען שטאַנד זענען מענשען שלעכט און פערדאָרבען ביז דער לעצטער שטופע; און ווי די לעגענדע דערצעהלט האָט דיאָגען, הערענדיג ווי מ'לויבט איהם, אַ פערוואונדערטער געפרעגט: פאַרוואָס לויבט מען מיך אַזוי — האָב איך דען עטוואַס שלעכטעס געטהון? . . .

נאָך די „ציניקער" קומען די „סטאָאיקער" (זענאָן, כריזיפּוס א. א. וו. אין דריטען און פיערטען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס'ן).

זיי פרעגען אויך: וואָס איז דאָס גליק? — און זיי ענטפערן: דאָס גליק בעשטעהט אין דעם, וואָס די נשמה הויבט זיך אויף ביז דער העכסטער מדרגה; און פיהרען פיהרט דערצו נאָר איין וועג — דער וועג פון גוטע מעשים. גוטע מעשים הייסען אָבער נאָר יענע מעשים, וואָס דער מענש טהוט מיט אַ קלאָרען בעוואוסטזיין, מיט אַ טיעפען פערשטאַנד און מיט אַ ברייטער אויפפאַסונג. ווען אַ מענש טהוט בלויז גוטע מעשים, ווערט ער דורך דעם אויף אַזוי פיעל דערהויבען, אַז די אַלע צרות און אָנשיקעניטשען פון דער וועלט קומען צו איהם גאָרנישט צו. אויסער די דאָזיגע מעשים זוכט ער זיך גאָר קיין פערגניגען נישט — ער געפינט אַלץ אין זיי: זיין לויהן, דעם העכערן פערגניגען פון אַ פערנופטיגען לעבען און דעם ציעל זאָגאַר פון זיין עקזיסטענץ. דער אמת'ער גייסט-מענש, דער אמת'ער חכם שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט, און די ביטערסטע ערפאַהרונגען זענען נישט אימשטאַנד איהם צוצוברעכען דערצו, ער זאָל עפּעס אַ פערברעך בעגעהן, און טהון עטוואָס אַזוינס, וואָס איז געגען זיין טיעפער, אינערליכער איבערצייגונג. ער זוכט נאָך דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די סבות (אורזאַכען) און פאָלגען פון לעבען, ווייל זיין בערוף אַלס העכערער, בעוואוסטזיניגער וועזען פערפליכטעט איהם צו זעהן אַלץ, וואָס אַרום איהם טהוט זיך; בעזונדער אָבער מוז ער שטענדיג געדענקען זיינע פליכטען צו מענשען בכלל און צו

זיין פאָטערלאַנד, צו זיינע נאָהנטע און בעקאַנטע בעזונדער. די דאָזיגע מאָראַלישע פליכט דאַרף ביי איהם שטאַרקער זיין פון אַלץ אין דער וועלט. ער דאַרף זיך אָפּפּערן און דאָס לעבען אוועקגעבען, אום צו ערפילען דאָס, וואָס עס דיקטירט איהם דער אינערליכער מאָראַלער געזעץ, וואָס איז איינגעפלאַנצט ביי יעדען מענשען אין האַרצען. די גוטע מעשים זענען אַן און פאַר זיך גוט און די שלעכטע — אַן און פאַר זיך שלעכט. אינגאַנצען אונאָבהענגיג פון די נוצען און פון דעם שאָדען, וואָס זיי ברענגען. דער אמת'ער חכם איז העכער פון אַלע קערפּערליכע בעדערפעניסען און די אַלע מאַטעריעלע פאָדערונגען פערנעהמען ביי איהם קיין פּלאַץ נישט. ער טוט דאָס, וואָס ער דאַרף טהון, לויט זיין טיעפער איבערצייגונג, חאָטש עס קומט איהם, און גאַנץ אָפט אויך אַנדערע, אַרויס דערפון אַ געוואַלדיגער שאָדען.

די אַנשויאונג פון די סטאָאיקער בנוגע צו דעם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס איז אויף אַזאַ אופן גאַנץ נאָהנט צו דער אַנשויאונג פון אונזערע נביאים איבער דער זעלבער פראַגע.

די דאָזיגע אַנשויאונג פון די סטאָאיקער האָט זיך דערנאָך פערשפּרייט אויך אין רוים, וואו די בעריהמטעסטע רוימישע פילאָזאָפען: מאַרק אוירעליו'ס און סענעקאַ, האָבען זי פערברייטערט און פערטיעפט. און נאָך שפּעטער, ווען די גאַנצע יוסטיץ איז אַרונטערגעפאַלען אונטער איהר איינפלוס, איז געשאַפען געוואָרען דאָס בעקאַנטע רוימישע שפּריכוואָרט: „דאָס געזעץ מוז דורכגעפיהרט ווערן און — זאָל אפילו צוליעב דעם די וועלט אונטערגעהן!“

עפּיקור (* מיט זיינע תלמידים האָבען געלערנט, אַז גליקליך איז דער, וואָס — פיהלט זיך גליקליך, ווי די קירענעאיקער אַנערקענען זיי אויך, אַז גליק און פערגניגען איז איין זאַך. דער מענש, וואָס האָט אַ סך פערגניגען אין זיין לעבען, איז

*) פון דעם נאָמען האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס בעליידיגונג-וואָרט אפּיקורס.

גליקליך, און דער, וואס ליידט א סך, איז אונגליקליך. גוטע מעשים זענען יענע, וואס פערמעהרען דעם מענשענס פערגניגען און פערמינדערן זיין צער. די נוצען — דאס איז דער אויסערסטער ציעל, צו וועלכען עס זענען געווענדט דעם מענשענס אלע שטרעבונגען און פערלאנגען. דער מענש, וואס עסט און טרינקט אליין, איז נישט גליקליך, ווייל איהם פעהלט דאס גרויסע פערגניגען פון אונטערהאלטען זיך אין א קאמפאניע; דער מענש, וואס וויל נישט וויסען פון אלץ, וואס ס'טהוט זיך ארום איהם, וואס זיין הארץ אין איהם איז הארט און פערטעמפט, איז נישט גליקליך, ווייל איהם פעהלט דאס העכסטע דאס איידעלסטע פערגניגען — דאס פערגניגען פון פארשען, בעאבאכטען און פערשטעהן, דער אמת'ער חכם עסט און טרינקט און האט פערגניגען און לאזט אנדערע אויך געניסען פון זיין גוטס; ער האט פערגניגען פארשענדיג און נאכזוכענדיג די סבות פון אלע ערשיינונגען. און פערשאפט דעם פערגניגען אויך זיינע אלע ארומיגע. די אונגליקען פון דער צייט און איהרע בעגעגענישען שרעקען איהם נישט אב, ווייל ער רייסט אויס פון זיין הארצען יעדען געפיהל פון טרויער און צער. ער נעהמט פון דער וועלט בלויז דאס גוטע, דאס שלעכטע — געהט ער גלייכגילטיג פערביי. דער טויט שרעקט איהם אויך נישט אב, ווייל „אזוי לאנג, ווי ער איז דא — איז דער טויט נישטא און ווען עס קומט אן דער טויט — איז ער שוין אויף דער וועלט נישטא!" ער לערנט זיך אויך בעניגנען מיט וועניג, כדי זיינע פיעל בעדערפנישען זאלען איהם נישט מצער זיין.

צוקוקענדיג זיך נעהנטער צו די יסודות פון דער דאזיגער שיטה זעהען מיר, אז זיי האבען אין זיך אייגענטליך גאנץ וועניג דעמאראליזירענדע עלעמענטען — ווי עס געפינען א סך. עפיקור מיט זיינע תלמידים לערנען אויך, ווי די סטאאיקער, ליעב צו האבען דעם צווייטען, זיך צו בעניגנען מיט וועניג און איבערגעגעבען צו זיין דער וויסענשאפט; נאר אין דער צייט, וואס די סטאאיקער זעהען אין די דאזיגע זאכען אבסאלוטע גוטע מעשים, מעשים, וואס זענען גוט אן און פאר זיך, — זעהען אין זיי די עפיקורעער בלויז נוצבארע זאכען,

זאַכען וואָס מ׳דאַרף זיי אויסאיבען אויף אַזוי פיעל אויף וויפיעל זיי ברענגען נוצען דעם פּרט אָדער דעם כּלל. און שיידען שיידט זיך די דאָזיגע שיטה אונטער פון דעם הײַנטיגען אוטיליטאַריזם דערמיט, וואָס די אוטיליטאַריסטען הייסען אַרבייטען אָהן אַנ׳אויפהער פאַר דער ענטוויקלונג פון די וויסענשאַפטען, פון דער אינדוסטריע און פון דער טעכניק, און בכלל פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט, וועהרענד די עפּיקורעער הײַסען רוהען און געניסען אַלע פערגניגענס פון לעבען און זיך פרעהען און זיך בעניגנען מיט דעם, וואָס איז דאָ א. א. וו. די אוטיליטאַריסטען קוקען אויף דער וועלט, ווי אויף אַ גרויסער פאַבריק, און די עפּיקורעער — ווי אויף אַ פּראַכטפולען גאָרטען, אין וועלכען עס וואַקסען שענע בלומען צוזאַמען מיט דערנער און נאָדלען, און דער מענש דאַרף אויסרײַסען די בלומען און ווײַכען פון די דערנער...

די דאָזיגע אַנשויאונג איז נישט פרעמד די חכמים פון יעדען פאָלק אין בעשטימטע פעריאָדען, און מיר געפינען זי אויך בײַ די חכמי התלמוד. אויף אַזוי פיעל, נאַטירליך, אויף וויפיעל זי איז נישט סותר די אמונה;

שמואל האָט געזאָגט צו רב יהודה: שיננא!*) חאַפּ און עס, חאַפּ און טרינק, דען די וועלט, פון וועלכער מיר געהען אַוועק, איז געגליכען צו אַ חתונה. 70)

„מײַן זוהן, אויב דו קענסט—לאָז דיר וואויל געהן, וואָרום נאָכ׳ן טויט איז שוין קיין פערגניגען נישטאָ און דער קבר (פּער) זוימט נישט. טאָמער וועסטו זאָגען: איך וועל איבערלאָזען פאַר מײַנע קינדער נאָך מיר? ווער קען דיר דען זאָגען וואָס ס׳וועט נאָכ׳ן טויט זײַן; מענשען זענען געגליכען צו די גראָז און פעלד, די בליהען אויף און די ווערן פער־וועלקט... 71)

„דער מענש וועט מוזען אָבגעבען דין וחשבון פאַר יעדער זאַך, וואָס זײַנע אויגען האָבען געזעהען, און ער האָט דערפון קיין הנאה נישט געהאַט.„ 72)

---

*) אַזוי פלעגט שמואל שטענדיג רופען רב יהודה׳ן. „שיננא" הייסט שאַרפער, שאַרפער קאָפּ, קלוגער קאָפּ.

„ווער ס׳זאָגט זיך אָב פון גוט לעבען אויף דער וועלט, איז עס אַ שלעכטער סימן פאַר איהם!“ 73)

די נשמה, וואָס איך האָב דיר געגעבען — לאָז איהר לעבען! 74)

דאָס געמיינזאַמע צווישען די אַלע שיטות; וואָס מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט, ליגען אין דער טיעפער איבערצייגונג, אַז דאָס פּריוואַטע לעבען איז פול מיט צרות און אונגליקען. אַז שלעכטס איז פערהאַן אין דער וועלט אונגעהויער פיעל און מ׳דאַרף זיך שיצען פון דעם; אַז מ׳קען זיך נישט בעגיגען מיט דער עקסיסטענץ פון די זאַכען אַזוי ווי זיי זענען, און דער מענש, אלס וועזען מיט אינטעלעקט און פערשטאַנד, דאַרף זיך בעפרייען פון דער הערשאַפט פון דעם בלינדען צופאַל זאָגאַר דאָס פרעהליכע און גוטמוטיגע עפּיקורע׳אישע סיסטעם לאָזט אויך צו די הנחה, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם מענשענס דאגות פאַר זיין גליק און פּריוואַטער עקסיסטענץ, איז גאָרנישט; אַז דאָס לעבען פערשווינדט שנעל, און דער מענש דאַרף זיך איילען אָבצורייסען די בלומען פריהער איידער זיי וועלן פערוועלקט ווערן. דאָס זעהען מיר נאָך מעהר בולט אין דער פאָרם, ווי׳ם דער עפּיקוריזם האָט אָנגענומען ביי איינעם פון די גרעסטע רוימישע חכמים: לוקרעציו׳ס.

לוקרעציוס זענענדיג אין דער זעלביגער צייט אַ פילאָזאָף, אַ דיכטער, אַ וויסענשאַפטליכער געלעהרטער, און פערטייעדיגענדיג די שיטה פון עפּיקור׳ן אין אַזאַ ריכטונג, וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר דעם אייגענטליכען פאָטער פונ׳ם איצטיגען מאַטעריאַליזם, 75) — זאָגט ער דאָך אין זיין ווערק, אַז דער אמת׳ער חכם דאַרף קוקען אויף אַלץ מיט אַנ׳אַבסאָלוטער גלייכגילטיגקייט און מוז איגנאָנציען דורכגענומען זיין מיט דער איבערציינונג, אַז אַלץ איז גאָרנישט, אַז אַלץ, וואָס ס׳טהוט זיך אָב אונטער דער זון, איז שלעכט און ביטער, און אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי אַלץ מבטל צו זיין, אַלץ פערבייצוגעהן שווייגענדיג און זיך צו פערזינקען אין אַנ׳אַנגענעהמער מנוחה...

ווען דער מענש הויבט זיך אויף איבער זיין קערפּערליכען וועזען; ווען ער הויבט אָן איינצוזעהען, אַז ס׳זענען פערהאַן

א סך ליידענדע, עלענדע בעשעפענישען; ווען ער הויבט אן צו פיהלען די ליידען פון יעדען לעבעדיגען וועזען אזוי שטארק, ווי זיינע אייגענע ליידען, דאן קען ער זיך שוין נישט בענוגנען מעהר דערמיט, וואס זיינע אויגען זעהען, און ער זוכט זיך א שוץ אין עפעס — א אידעאל, צו געפינען דעם אידעאל אין דער אבסאלוטער נישטיגקייט, יענע — אין דער נשמה-רוהיג-קייט, נאך אנדערע — אין דער נאטור-לעבען, די אין דעם אלגעמיינעם פערגניגען און אין די נוצען פון כלל, די — אין דעם איינפאכען און תמימות'דיגען גלויבען, קורץ די אזוי און די אזוי, און יענע, וואס האבען אין זיך מעהר גייסט, זוכען זיך הויכע, מאראלישע אידעאלען. און זיי געפינען זיי מוט און קראפט צו לעבען און צו ליידען אין זיי זעהען זיי זייער וועלט, זייער לעבען און זיי, די דאזיגע אידעאלען, הוי-בען אויף זייער גייסט איבער די אלע שלעכטע מעשים פון דער וועלט.

ה.

די קריסטליכע אנשויאונג.

בשעת דאס קריסטענטום איז נאך פון זיין שורש — פונ'ם יודענטום — ניט דערווייטערט געוועהן איז אין איהם א מאל אויסגעדריקט געוועהן דער שטארקער בטחון פון די נביאים און חסידים. דער דאזיגער בטחון לאזט נישט זארגען פאר די בעדערפנישען פון קערפער, ווייל אלץ ליעגט אין די הענד פונ'ם פאטער אין הימעל, ער קען אלץ בעווייזען און איז אימשטאנד צו פערזארגען יעדער בריאה'לע מיט אלעם נויטיגען.

„איהר זאלט נישט זארגען פאר אייערע לייבער", זאגט דער גאליל'ער צו זיינע תלמידים און צוהערער, „איהר זאלט נישט זארגען און קלערען: וואס וועט איהר עסען און טרינקען און אין וואס איהר וועט זיך אנקליידען. דער נפש איז דאך טייער-

ער פון עסען און דער גוף — פונ'ם מלבוש. קוקט זיך צו און זעהט די פויגעל פון הימעל, וועלכע זייהען נישט און שנייַדען נישט און זאַמלען נישט צונויף קיין תבואות, און אייַער פאָטער אין הימעל שפייַזט זיי. און איהר זענט דאָך פיעל העכער פון זיי".

„און פאַר אייַער קליידונג — וואָס דאגה'ט איהר? קוקט זיך צו צו די רויזען פון פעלד, וואָס וואַקסען און אַרבייטען נישט און שפּינען נישט. און איך זאָג אייַך, אַז שלמה אין זייַן גאַנצער פּראַכט איז נישט געווען אַזוי שען אָנגעקליידט, ווי איינע פון זיי. און אויב גאָט קליידט אַזוי אָן די גראָזען פון פעלד, וואָס הייַנט וואַקסען זיי — און מאָרגען ווערן זיי אַרייַנגעוואָרפען אין פייַער אַרייַן — אַ פשיטא שוין אייַך קליין־גלויביגע. איהר זאָלט דעריבער נישט זאָרגען: וואָס וועלן מיר עסען, וואָס וועלן מיר טרינקען, און אין וואָס וועלן מיר זיך אָנקלייַדען. דאָס אַלץ זוכען די גוים. אייַער פאָטער אין הימעל ווייסט דאָך, אַז איהר דאַרפט דאָס אַלץ האָבען. זוכט פריהער די מלכות שמים (גאָטס רייַך). זייַן גערעכטיגקייט און דאָס איבעריגע וועט ממילא קומען. איהר זאָלט נישט קלערען וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווייַל דער מאָרגעדיגער טאָג וועט פאַר זיך אַליין קלערען און יעדער טאָג האָט גענוג זייַנע צרות".

ענליך דערצו געפינען מיר אין תלמוד אויד: איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהען קיין הירש אַלס הענדלער פון זומער'דיגע פירות קיין לייב אַלס טרעגער און קיין פוקס אַלס קרעמער, און דאָך ערנעהרען זיי זיך אָהן צער א. א. וו., הייַנט אַ פשיטא שוין איך, וואָס בין בעשאַפען געוואָרען צו בעדינען דעם בעשעפער, דאַרף איך דאָך געוויס זיך לעבען אָהן צער. אלא וואָס דען? איך האָב מיך שלעכט אויפגעפיהרט און דערמיט מקפח געווען מייַן פרנסה."

„ווער עס האָט ברויט אין זייַן קאָרב הייַנט און קלאָגט זיך: וואָס וועל איך עסען מאָרגען? ווערט גערעכענט צווישען די קליין־גלויביגע."

„בעט און עס וועט אייַך געגעבען ווערן — זאָגט ווייַטער דער גאַליליער — זוכט נאָך און איהר וועט געפינען, קלאָפּט אָן און עס וועט אייַך געעפענט ווערען. וואָרום ווער עס בעט

— בּעקומט און ווער עס זוכט נאָך — געפינט און פאַר דעם, וואָס קלאַפּט אָן — עפענט זיך די טהיר. אָדער ווער געפינט זיך דאָ פון אייך אַזוינער, וואָס זיין זוהן האָט בּיי איהם געבּעטען בּרויט און ער האָט איהם אַ שטיין געגעבען? און ווען ער בּעט בּיי איהם פיש — וועט ער איהם דען אַ שלאַנג געבען? איהר, מענשען שלעכטע, ווייסט דאָך אויך צו געבען גוטע מתנות אייערע קינדער, און אייער פאָטער אין הימעל וועט געווים שענקען נאָר גוט׳ס יענע, וואָס בּעטען בּיי איהם."

דער יסוד פון דעם דאָזיגען פעסטען בּטחון איז דאָס שטאַרקע גלויבען אין אַ גוטען און בּאַרימהערציגען גאָט, אין אונזער גנעדיגען פאָטער אין הימעל, וואָס אַלע מענשען זענען זיינע קינדער, און ער זאָרגט פאַר זיי, עס זאָל זיי קיין זאַך נישט פעהלען. ס׳איז נאַרעש פונ׳ם מענשען צו זאָרגען פאַר זיין לעבּען און פאַר זיין עקסיסטענץ אין דער צייט, ווען זיין פאָטער אין הימעל זאָרגט שוין פאַר איהם. מיט דעם איבּריגען זאָרגען פאַר זיינע בּעדערפנישען ווייזט דער מענש אַרויס, אַז ער גלויבּט נישט שטאַרק אינ׳ם פאָטער פון דער וועלט, וואָס אַלע מענשען זענען זיינע ליעבּע קינדער.

אַז אַלע מענשען זענען גאָט׳ס קינדער, און נישט בּלויז גאָט׳ס קנעכט — דאָס איז איינער פון די עיקרים אין דער קריסטליכער אַנשויאונג. דעריבּער זאָגט זי: אַ סך מאָל אָן דעם מענשען, ער זאָל נישט רעכנען, אַז ער איז פערלאָרען פון גאָט, וואָרום „אַלע האָר פונ׳ם מענשען זענען פאַר איהם (פאַר גאָט) אויסגעצעהלט".

דער זעלבּיגער געדאַנק איז אויסגעדריקט אויך אין תלמוד: „מיט אַ סך האָר האָב איך דעם מענשען בּעשאַפען (א. א. וו.) און איין האָר האָט זיך מיר נישט פערבּיטען מיט׳ן אַנדערען, וועט זיך מיר פערבּייטען איוב אויף אויב (אַ שונא)?!" *)

פון דעסטוועגען אָבּער זאָל דער מענש זיך נישט איינרע-

-----

*) דאָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין תלמוד אַלס אַ ענטפער פון גאָט צו איוב אויף זיין טענה: שמא בין איוב לאויב נתחלף לך (טאָמער איז בּיי דיר פערבּיטען געוואָרען דאָס נאָמען „איוב" אויף „אויב").

דען, אַז גאָט שפּילט זיך מיט איהם און צערטעלט איהם, ווי אַ טאַטע שפּילט זיך מיט זיין קינד. ניין! נישט צום פערגניגען און שפּילערייען איז דער מענש געבוירען געוואָרען! דאָס לעבען איז אַ גרויסער טהאַט. דאָס לעבען איז פול מיט שטערונגען און הינדערנישען אויף יעדען טריט און שריט. צרות און אָנשיקענישען, אונגליקען און וואַנדערונגען — דאָס איז דעם מענשען'ס גורל אונטער דער זון. וואָס דער מענש איז גרעסער, וואָס נעהנטער ער איז צו גאָט, אַלץ גרעסער זענען זיינע יסורים, אַלץ מעהר מוז ער זיך אַרומשלעפּען און צרות אויסשטעהן.

ווען איינער פון די סופרים איז צוגעגאַנגען צום גאַליליער און געזאָגט צו איהם: רבי, איך וועל דיך נאָכגעהן, וואו דו וועסט געהן, האָט ישוע צו איהם געזאָגט: דער פוקס האָט זיין נאָרע, די פויגעל פון הימעל האָבען זייערע נעסטען און דער מענשען=זוהן*) האָט נישט קיין אָרט, וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען„ . . .

אַ מאמר מיט דעם זעלבען אינהאַלט כמעט האָבען מיר שוין אויבען געבראַכט פון תלמוד: „יעדען טאָג געהט אַרויס אַ בת=קול און זאָגט: די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב מיין זוהן חנינא, און מיין זוהן חנינא האָט גענוג איין מעסטיל טייטלען פון איין ערב=שבת ביז'ן אַנדערען!„

די יסורים הויבען אויף דעם מענשענס גייסט און מאַכען איהם פעהיג אַריינצוקומען אין דער „מלכות=שמים„. די תענוגים ערנידריגען דעם מענשען און שטויסען איהם אַראָב טיעף אין תהום. די גראָבע קערפּערליכקייט שטעלט אַוועק אַן'אייזערנע וואַנט צווישען דעם מענשען און זיין פאָטער אין הימעל, און די עשירות איז דער גרעסטער שטיין אויף דעם וועג פון'ם אמת'ען מענשליכען גליק.

---

*) ישוע פלעגט זיך שטענדיג אָנרופען „בן-האדם" (מענשען-זוהן). געוויס, ווייל די יודישע נבואה האָט ערוואַרטעט „אַ בר-אינש עם ענני שמיא" אָנרופענדיג זיך „בן-האדם" אָדער „בר-אינש" האָט ישוע געמיינט אונטערשטרייכען זיין משיחיות.

ס'איז לייכטער אַ קעמעל דורכצוגעהן דורך דעם שפּעלטעל פון אַ נאָדעל, אַלס אַנ'עושר אַריינצוקומען אין „מלכות שמים“ און דער אַפּאָסטאָל יעקב זאָגט: „הערט מיינע ליעבע ברידער, די אָרעמע פון דער וועלט האָט דאָך גאָט אויסדערוועהלט, זיי זאָלען זיין רייך אין גלויבען און די יורשים פון דער מלוכה, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זיינע גוטע פריינד“.

„די רייכע בערויבען דאָך אייך און זיי שלעפּען דאָך אייך שטענדיג צו בית-דין, און אפילו דעם גוטען נאָמען אייערען מאַכען זיי דאָך אויך צו שאַנד.“

„וועה צו אייך, איהר רייכע פון פאָלק, וויינט און קלאָגט אויף די צרות, וואָס וועלן אייך בעגעגנען. אייער עשירות וועט צופוילט ווערן און אייערע טייערע קליידער וועלן מילבען צופרעסען, דאָס גאָלד וועט דונקעל ווערען, דאָס זילבער וועט פערראָסט ווערן, דאָס גאַנצע עקעלהאַפטע פערמעגען אייערס וועט געגען אייך עדות זאָגען און וועט צופרעסען אייער לייב, ווי מאָל, דאָס איז דער אוצר, וואָס איהר האָט זיך אָנגעזאַמעלט צום לעצטען טאָג. דער שכר פון די פועלים טהוט דאָך שרייען, די בעליידיגונג פון אייערע פעלדשניטער'ס, וואָס איהר האָט בערויבט, און דאָס געשריי פון די שניטער'ס האָט דערגרייכט צו די אויערען פון גאָט דעם הערשער. איהר האָט זיך געלאָזען וואויל-געהן אויף דער וועלט, איהר זענט דיק געוואָרען און אייער האַרץ איז מיט פעטס פערגאָסען געוואָרען, אַזוי ווי צו דעם טאָג פון דער שחיטה. איהר האָט שלעכטס געטהון, איהר האָט דעם גערעכטען געטויט און ער האָט זיך נישט געוועהרט געגען אייך.“

דער וואָס וויל דינען גאָט, מוז וויסען פאָראויס, אַז איהם שטעהען פאָר צרות און יסורים, אַרומוואַנדערונגען און אַרומוואָגלונגען, בעליידיגונגען און זידלערייען.

„וואויל וועט אייך זיין — זאָגט דער גאַליליער צו זיינע תלמידים — ווען מ'וועט אייך זידלען און בעליידיגען און אויף אייך פאַלשע בלבולים אויסטראַכטען — צוליעב מיין נאָמען“.

„ווער עס האָט ליעב זיין נפש — זאָגט ווייטער דער זעלביגער — וועט ער איהם פערלירען און דער, וואָס האָט

פיינד זיין נפש אויף דער וועלט, וועטער איהם דערמיט אפהיטען צום איביגען לעבען.“

„ביז היינטיגען טאג — קלאגט זיך דער אפאסטאל פאולוס — זענען מיר הונגעריג און דארשטיג, דערשלאגען און פערוואגעלט. מיט ביטערען שווייס ארבייטען מיר. ווען מ'שילט אונז — ענטפערן מיר מיט א ברכה און ווען מ'יאגט אונז נאך — זענען מיר מיט ערד גלייך. זיי לעסטערן אונז און מיר בעטען פאר זיי, און מיר זענען געגליכען ביז היינטיגען טאג אין אלעמענס אויגען צו דעם מיסט, וואס אויף דר'ערד, און צו דעם שלאם.“

מענשען רודפען דעם גערעכטען און ערענטליכען, די רדיפות און צרות, וואס די צדיקים שטעהען אויס, זענען אבער גאנץ נאטירליך און פערשטענדליך: די מעהרהייט מענשען לעבט אין דער וועלט און מיט איהר, דעריבער האט זי פיינד יענע, וועלכע זענען העכער פון דער וועלט און שטעהען איבער איהר.

ווען די וועלט וועט אייך פערהאסען — זאגט דער גאליליער צו זיינע תלמידים — זאלט איהר וויסען, אז מיך האט זי דעם ערשטען פערהאסט. ווען איהר וואלט זיין פון דער וועלט, וואלט די וועלט ליעב געהאט די איהריגע, וויל אבער איהר זענט נישט פון דער וועלט, וויל איך האב אייך אויסדערוועהלט פון דער וועלט, האט די וועלט אייך פיינד“.

אינ'ם צוזאמענהאנג מיט דער אנשויאונג פונ'ם גאליליער, אז א מענש קען נישט דינען צוויי הערען פאר א מאל: „גאט און ממון“ *) זאגען די אפאסטאלען אויך: איהר זאלט נישט ליעב האבען די וועלט און אלץ, וואס האט א שייכות צו דער וועלט. א מענש, וואס האט ליעב די וועלט, האט נישט אין זיך קיין ליעבע צו זיין פאטער (אין הימעל), דען אלץ, וואס איז פערהאן אין דער וועלט, די אלע קערפערליכע פערגניגענס,

*) „ממון“ הייסט אין עוואנגעליום אי דער גאט פון געלד אי סתם געלד.

די אַלע תאוות פון די אויגען און די גאַנצע פאַלשע גרויסקייט, וואָס ווייזען זיך אַרויס אין׳ם מענשליכען לעבען, זענען נישט פונ׳ם טאַטען (אין הימעל), נאָר פון דער וועלט. און די וועלט וועט אינגאַנצען פערשווינדען מיט אַלע איהרע תאוות, און דער מענש וואָס געהט אין גאָט׳ס וועגען, וועט אייביג לעבען״.

„מיר זעהען, וויפיעל הויכקייט ס׳איז פערהאַן אין דער דאָזיגער אַנשויאונג בנוגע צו דער פראַגע וועגען גוט און שלעכט. די צדיקים נעהמען אָן פאַר ליעב די אַלע יסורים, צרות און אַרומוואַנדערונגען. די יסורים דערשטיקען נישט זייער גייסט, נאָר, פערקעהרט, זיי הויבען אויף איהם ביז דער העכסטער מדרגה. וואָס מעהר זיי ליידען, אַלץ העכער הויבען זיי זיך אויף און אַלץ מעהר ווערן זיי בעפרייט פון די תאוות פון לעבען.

דער טיעפערער לעזער דערקענט באַלד אין דער דאָזיגער אַנשויאונג די מיינונגען פון די ערשטע גרויסע נביאים און חסידים, צוזאַמענגעמישט מיט די בעגריפען פון די סטאָאיקער. דאָס לעבען איז נישט קיין שפיעלכעל, נאָר עטוואָס גרויסעס, בעדייטענדעס, וויכטיגעס. דאָס לעבען ווערט גוט ערשט דאַן, ווען עס האָט עפּעס וועלכען ס׳איז העכערן מאָראַלען ציעל. דער העכערער מאָראַלער ציעל בעשטעהט אין דעם — צו טהון דעם ווילען פון אונזער פאָטער אין הימעל.

„און דאָס איז די ערהליכע, ריינע עבודה פאַר גאָט אונזער פאָטער. צו העלפען די יתומים און אלמנות, ווען זיי ווערן געדריקט און זיך ריין צו האַלטען פון דעם שמוץ פון דער וועלט...״

ווי די סטאָאיקער, אַזוי אַנערקענען אויך די גרינדער פונ׳ם קריסטענטום, אַז דאָס גליק ווערט נישט ערררייכט מיט וועלכער ס׳איז זאַך, וואָס האָט אַ שייכות צו די חושים אָדער זאָגאַר צו דעם פראַקטישען פערשטאַנד, נאָר מיט דער אינערליכער, רוחניות׳דיגער הויכקייט.

„אפילו דאַן, ווען דער אויסערליכער מענש שטאַרבט אָב אין אונז, זאָגט דער אַפּאָסטאָל פּאולוס, ווערט אָבער דער אינערליכער מענש אָבגעפרישט און בענייט אין אונז פון טאָג צו טאָג, ווייל אונזער פּיין, וואָס איז לייכט און פאָריבערגעהענד, גיט אונז אַ אייביגע שטאַרקייט, אַ העכערען כבוד, וואָרום

נישט צו קײן זיכטבאַרע זאַכען האָפען מיר, נאָר צו אונזיכטבאַרע; װײַל דאָס זיכטבאַרע איז נאָר אויף געצעהלטע טעג, און דאָס אונזיכטבאַרע — אויף אײביג".

אין די דאָזיגע װערטער געפינען מיר דעם עיקר פון דער קריסטליכער אַנשויאונג װעגען די לײַדען פונ'ם גערעכטען און ערליכען. די יסורים זענען גאַנץ נאַטירליך פאַר'ן צדיק, װײַל זײ דערהויבען דעם מענשען, בעפרײַען איהם פון דער קערפער־ליכקײט און דערנעהנטערן איהם צו גאָט.

„אין יעדער צײַט און אין יעדען צושטאַנד שטעהען מיר פאַר אונזערע צו שויער אַלס גאָט'ס דינער. מיט גרויס גע־דולד, אין ענגקײט אין פּײַן, און אין נויט, בעקומענדיג קלעפּ אין תפיסות, אין מהומות און צרות, און נישט שלאָפען בײַנאַכט און פּײַניגען זיך בײַטאָג, מיט אַ רײַן האַרץ, מיט דער ליכטיגקײט פון װיסען, מיט רוח הקדש, מיט עכטע ליעבע, מיט אמת'ע רײד, מיט גאָט'ס גבורה און מיט דעם געװעהר פון גערעכטיגקײט אויף רעכטס און אויף לינקס..."

און די אַלע מאמרים זענען נישט מעהר, װי אַ ברײטע ערקלערונג צו די װערטער פונ'ם גאַלילעער:

„און איך זאָג אײַך: דו זאָלסט דיך נישט שטעלען געגען דעם, װאָס קומט דיר שלעכטס טהאָן. אויב ער שלאָגט דיר אין דער רעכטער באַק — גיעב איהם אויך די לינקע. און װער עס װיל זיך קריגען מיט דיר און אַראָבנעהמען דאָס העמד פון דײַן לײַב, — לאָז איהם איבער אויך דײַן אויבער־בגד. און דער, װאָס צװינגט דיך צום געהן מיט איהם אײן שטרעקע װעג — געה מיט איהם צװײ..."

דאָס דאָזיגע אידעאַל, װאָס איז יעדענפאַלס זעהר הויך און שען, דערמאָהנט אונז אַ סך שטעלען אין די רײד פון אונזערע נביאים און אין די תלמודים און מדרשים. אַ סך פון זײ האָב איך שוין ציטירט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען און נאָך עטליכע װעל איך דאָ צוגעבען אַלס מוסטער:

„מײַן חלק איז גאָט — האָט מײַן נשמה געזאָגט, דעריבער טהו איך האָפען צו איהם".

„גוט איז גאָט צו די, װאָס האָפען צו איהם; צו דער נשמה, װאָס זוכט איהם".

„עס איז גוט דעם וואָס וואַרט שווייַגענד אויף גאָט'ס הילף".

„גוט איז פאַר אַ מענשען, ווען ער טראָגט אויף זיך אַ יאָך יונגערהייד".

„זאָל ער זיצען אַליין און שווייַגען דען עס איז אויף איהם אַרויף געלעגט געוואָרען (צו טראָגען)".

„זאָל ער דעם מויל אין דר'ערד אייַנגראָבען — אפשר איז אַ האָפנונג פערהאַן".

„זאָל ער אונטערשטעלען זייַן שלעגער די באַק, זאָל ער זאַט ווערען מיט שאַנד".

„וואָרום גאָט פערלאָזט קיינמאָל נישט".

„נאָר ער וועט אָבטהאָן (דאָס לייַדען) אין וועט זיך ערבאַרעמען ווי גרויס זייַנע חסדים זענען".

„דרייַ גוטע מתנות האָט הקדוש ברוך הוא געשענקט יודען און אַלע זענען זיי געגעבען געוואָרען נאָר דורך יסורים; דאָס זענען זיי: תורה, עולם הבא און ארץ ישראל".

„וואָס איז די בעדייַטונג פון דעם, וואָס ס'שטעהט געשריבען: „איך האָב דיך געלייַטערט און נישט אין קייַן זילבער, איך האָב דיך אויסדערוועהלט אין אייַן אויוועלע פון אָרעמקייַט?" ס'איז געדרונגען דערפון, אַז גאָט האָט דורכגעזוכט אַלע גוטע מדות און נישט געפונען פאַר יודען קייַן בעסערע מדה, ווי אָרעמקייַט".

„דוד האָט זיך אָבגערופען צו הקדוש ברוך הוא: מאַך מיר וויסען די וועגען פון לעבען וואָסער געסעל איז אָפען צו'ם לעבען פון יענער וועלט? האָט איהם הקדוש ברוך הוא געענטפערט: דוד, אויב דו ווילסט ווירקליך לעבען מוזטו יסורים אויסשטעהן!".

„אַזוי איז דער וועג פון דער תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסען און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען און אויף דר'ערד זאָלסטו שלאָפען און אַ געמאַטערטען לעבען זאָלסטו לעבען".

„די תורה ווערט ערוואָרבען מיט אַכט און פערציג זאַכען א. א. וו. מיט ווייניג האַנדלען, מיט ווייניג אָבגעבען זיך דער וועלט, מיט ווייניג פערגעניגען, מיט ווייניג שלאָפען, מיט ווייניג שמועסען, מיט ווייניג לאַכען, מיט געדולד, מיט אַ גוט האַרץ, מיט מקבל זייַן אויף זיך די יסורים א. א. וו.".

„די, וואס מ'בעליידיגט זיי און זיי בעליידיגען נישט צוריק, וואס הערען זייער שאנד און ענטפערן נישט, וואס טהוען אלץ מיט ליעבע און פרעהען זיך מיט די יסורים, — אויף זיי זאגט דער פסוק: און זיינע ליעבהאבער זענען, ווי די זון, ווען זי געהט ארויס אין איהר שטארקייט!.

„דו זאלסט זיין, ווי א אונטערשטע שוועל, וואס אלע טרעטען אויף איהר".

„אויב דיין שונא איז הונגעריג, גיעב איהם ברויט צו'ם עסען, און אויב ער איז דארשטיג, גיעב איהם וואסער צו'ם טרינקען. האטש ער איז געקומען דיך הרג'ענען און דו האסט איהם געפונען א הונגעריגען און א דארשטיגען ביי דיר אין שטוב — גיעב איהם צו עסען און צו טרינקען".

„מר דער זוהן פון רבינא, ווען ער פלעגט ענדיגען די שמונה־עשרה, פלעגט ער אזוי זאגען: גאט, היט אב מיין צונג פון שלעכטס און מיינע לעפצען פון רעדען פאלשקייט און צו די, וואס שעלטען מיך, זאל מיין נשמה שטום זיין און זיין זאל איך ווי שטויב, פאר אלע" . . .

דער אונטערשיעד צווישען דער אנשויאונג פון קריסטענטום און פון די חכמי התלמוד בנוגע צו דער פראגע וועגען גוטס און שלעכטס ליעגט נאר אין דעם, וואס די לעצטע, ווי מיר האבען געזעהען אין די פריהערדיגע קאפיטלען, זוכען פערשיעדענע וועגען, אום צו פערענטפערן די גרויסע שאלות, וועלכע זענען פערבונדען מיט די בעגריפען פון גוטס און שלעכטס, און גאנץ אפט קומען זיי צו צו א ביטערער פערצווייפלונג און צו שארפע טענות . . . און די גרינדער פון קריסטענטום האבען נישט מעהר, ווי איין שטאנדפונקט, פון וועלכען זיי קוקען אויף דעם גאנצען ענין: די פאלשטענדיגע הכנעה פאר דעם העכערען ווילען, דאס ארונטער־בויגען דעם קאפ פאר אלע שלעכטע צופאלען און געשעהעניש̈ען, וואס קומען פאר מיט'ן מענשען און דאס אויפהויבען זיך העכער איבער דאס שלעכטע און דאס גוטע צוזאמען . . .

די סבה פון דער ערשיינונג איז, נאך מיין מיינונג, דאס, וואס די בעלי התלמוד זענען געווען נאציאנאלע חכמים אום פולען זין פון די ווערטער, זיי זענען געווען די אמתע „מעתיקי השמועה" (איבערגעבער פונ'ם טראדיציאן) די יורשים פון דער תורה שבע"פ

פה, וואס איז דורכגענומען מיט'ן פראקטישען לעבען. האבענדיג שטענדיג צו טהאן מיט די דינים פון דער תורה און מיט די פערשידענע איינצעלהייטען פון די לעבענס=מצוות, זענען זיי ממילא געווארען מענשען פון לעבען, מענשען פון דער פראקטיק, ווייל זיי האבען געמוזט בעקאנט זיין מיט אלע מענשליכע מעשים, מיט די מענשליכע כאראקטערען און נייגונגען, אום צו וויסען, וואס מען מעג און וואס מ'טאר נישט, ווער איז שולדיג און ווער אונשולדיג; האבענדיג שטענדיג צו טהאן נישט בלויז מיט אבסטראקטע הויכע אידעען, נאר אויך מיט לעבעדיגע מענשען, ווי זיי זענען, מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, תענוגים און וועהטאגען, האבען זיי נישט געקענט אריבערגעהן דאס אלץ שווייגענדיג. זיי האבען שטענדיג געזעהען פאר זיך די וועלט מיט אלע איהרע ענדערונגען און אומוואנדלונגען, און שוין ממילא האבען זיי נישט געקענט נישט זעהען דאס, אז דאס שלעכטע פיהלט זיך אין איהר צו=פיעל און נישט אזוי לייכט לאזט עס זיך מבטל זיין... לויט זייער קדושה, חסידות און פרישות זענען זיי צייטענווייז אויך גענויגט געווען אינגאנצען ארויסצוגעהן פון דער וועלט, און די נייגונג האט עס ארויסגערופען די פערשידענע מאמרים פון דעם מין, וואס מיר האבען אויבען ציטירט פון דער תלמודישער ליטעראטור אלס מוסטער, מיט זייער פראקטישען שכל אבער האבען זיי גוט פערשטאנען, אז געדאנקען און מעשים זענען צוויי בעזונדערע זאכען, וואס געהען נישט שטענדיג צוזאמען...

נאך איין ערשיינונג בעמערקען מיר אין דער ענטוויקלונג פון דער קריסטליכער אנשויאונג בנוגע צו גוטס און שלעכטס, דאס איז די פערקערפערונג פון אלעם שלעכטעם אינ'ם שטן און אין פערשידענע בייזע רוחות.

אין אונזערע הייליגע שריפטען ווערט דער שטן דערמאהנט בלויז איינציגע מאל, אין די אפאקריפען אויך איינציגע מאל און אין תלמוד — מעהרערע מאל; אינ'ם „נייעם טעסטאמענט“ אבער ווערט ער דערמאהנט זעהר א סך מאל, די מלחמה מיט איהם דער סוף פון דעם קומענדיגען נצחון, די פערשטארקונג פון דער קדושה איבער'ן שטן — דאס אלץ ווערט א סך מאל דערמאהנט און איבערגע'חזר'ט אין די ספרים פונ'ם קריסטענטום.

„אייער פאטער — זאגט דער קריסטליכער געזעצגעבער צו

די, וואס פאלגען איהם נישט — אייער פאטער איז דער שטן און איהר האט זיך פערקויפט צו טהאן דעם ווילען פון אייער פאטער; ער האט באלד פון אנהויב א נפש געה'רג'עט און קיין אמת ווארט נישט געהאלטען, ווייל ס'איז אין איהם קיין אמת נישטא; ווען ער רעדט ליגען, רעדט ער זיינס, ווייל ער איז פאלש און דער פאטער פון אלעם פאלשעס".

די פערקערפערונג פון אלדאס בייז אינ'ם שטן און די מלחמה מיט איהם ווערט אין א פאעטישער פארם געשילדערט אויך אין דער פארשטעלונג פון יוחנן,

ביי דעם אפאסטאל פאאולוס האט די דאזיגע אנשויאונג אנגענומען א געוויסען פיליאזאפישען כאראקטער, דער שטן איז פערוואנדעלט געווארען אינ'ם פאטער פון זינד און טוידט. דער שטן איז אין דער אמת'ן נאר די קערפערליכע תאוה, וואס רופט ארויס דאס זינד און דאס זינד — דעם טוידט. ער קריסטוס האלט מלחמה מיט'ן שטן, ער איז מציל דעם מענשען פון די קערפערליכע תאות, דאס הייסט אלזא אויך פון זינד און ממילא אויך פון טוידט. פאר די איינצעלהייטען פון דער דערמאהנטער אנשויאונג איז דא קיין פלאץ נישט.

דער ענין פון שטן, וואס איז די פערקערפערונג פון אלדאס בייז, און די מלחמה צווישען איהם און דעם גאט פון ליכטיגקייט און גוטס — האט געגעבען א פלאץ פאר פערשידענע כתות און איינבילדונגען. די דאזיגע כתות זענען געווען יודיש-קריסטליך אדער קריסטליך-יודיש: אנדערע פון זיי זענען געהיימע קריסטען און אפענע יודען, און אנדערע פערקעהרט; אממעהרסטענטייל אבער האבען זיי אנערקענט פערשידענע ?יענטאלישע גלויבענס און בעזונדערס — דאס פערסישע. און תלמוד ווערן אט די כתות אנגערופען מיט דעם נאמען: מינים, ווייל ס'זענען געווען צווישען זיי פערשידענע מינים,*) און די פאטער'ס פון דער קריסטליכער געמיינדע האבען זיי אויך אזוי דערווייטערט פון זיך, ווי די בעלי התלמוד!

*) אדער ווייל די בעדייטענדסטע און געפעהרליכסטע קריסטליכע סעקטע איז געווען די נאכפאלגער פון מני, די מאניכעער אדער מינער.

וועגען איינציגע פון די דאָזיגע כּתות וועלן מיר נאָך רעדען אינ׳ם קומענדיגען קאַפּיטעל און דאָ וועלען מיר נאָר דאָס בעמערקען, אַז די מינים און אַלגעמיין, וועלענדיג פערשטעהן דעם מקור פון דאָס שלעכטע וואָס איז פערהאַן אין דער וועלט, האָבען בעשטומט דערפאַר אַ בעזונדערע גאָטהייט און אַזויערנאָך זענען זיי צו געקומען צו דעם פּערסישען דואַליזם, חאָטש בעטראַכטענדיג טיעפער זייערע ווערק זעהט מען, אַז זיי האָבען פערשטאַנען דעם דואַליזם נישט אין דעם געוועהנליכען זין, און אַז דאָס שלעכטע שטרעבט, לויט זייער מיינונג, און ציהט זיך צו דאָס גוטע און ווערט סוף כּל סוף פערשלונגען אין איהם.

געגען דער אַנשויאונג פון די דאָזיגע מינים איז פערפאַסט געוואָרען ביי אונז יודען די ברכה „יוצר אור ובורא חושך“, אום צו ווייזען, אַז גאָט איז דער בעשעפער אי פון דער ליכטיגקייט אי פון דער פינסטערניש, אי פון דאָס גוטע און אי פון דאָס שלעכטע. אינ׳ם געגענזאַץ צו זייערע מיינונגען האָבען די בעלי התלמוד אויך בעשלאָסען, אַז ווער עס זאָגט: זאָלען דיך בענשען די גוטע, איז מסתמא אַנ׳אַנהענגער פון מיני׳זם, ווייל דערמיט ווייזט ער דאָך, אַז די גוטע בעטען צו דעם גוטען גאָט און די שלעכטע צום שלעכטען גאָט, און עס זענען, הייסט עס, פערהאַן אַ גוטער גאָט בעזונדער און אַ שלעכטער בעזונדער.

אלישע דער זוהן פון אבויה אָדער, ווי ער ווערט גערופען אין תלמוד, אחר, איז אָהן אַ צווייפעל געוועזען איינער פון די, וואָס האָבען נוטה געוועזען צו דער שיטה פון די „ווייסער“ (גנאָסטיקער), ווי רב האי גאון האָט ערקלערט אין זיין בעריהמטער תשובה, „אַז ער האָט נוטה געוועזען צו דער דעה פון די אמגושים ד. ה. צו דער אמונה אין צוויי גאָטהייטען: איינע, וואָס שאַפט גוטס און די אַנדערע — שלעכטס, איינע, וואָס שאַפט ליכטיגקייט און די אַנדערע — פינסטערניש“. און נאָר טאַקע אויף אַזאַ אופן פערשטעהט זיך גוט דער לשון פון דעם מאמר: „אחר האָט אָבגעהאַקט די צווייגען“ און די אַלע ערצעהלונגען וועגען איהם בכלל.

איינער פון די עיקרים אין דער אַנשויאונג פון די גנאָסטיקער איז דאָס, אַז דער קערפּער איז די סבה פון דאָס שלעכטס און דער גייסט פון דאָס גוטע, און ממילא איז שוין דער מקור

פונ'ם גייסט אויך אינגאנצען אנ'אנדערער פון יענעם פון וועלכען עס קומט ארוים דער קערפער. די דאזיגע מיינונג האט אויך ארויסגערופען עטליכע וכוחים אין תלמוד.

„האט צו איהם געזאגט יענער צדוקי: דער. וואס האט בע־שאפען די בערג האט דעם ווינט נישט בעשאפען און ווער עס האט בעשאפען דעם ווינט האט די בערג נישט בעשאפען (ד. ה. ווער ס'האט בעשאפען דאס גייסטיגע, האט נישט בעשאפען דאס קערפערליכע); האט ער איהם געענטפערט: שוטה! זעה, וואס צום סוף פסוק שטעהט: גאט דער אלמעכטיגער איז זיין נאמען".

אום אבצושלאגען די גנאסטיקער, וועלכע האבען געזאגט, אז מיט דער הילף פון דער געטליכער וויסענשאפט זענען זיי דערגאנגען אנ'אנדער מקור פאר ליכטיגקייט און אנ'אנדערען פאר פינסטערניש, אנ'אנדער מקור פאר ווינט און אנ'אנדערן פאר רע־גען א. א. וו.—האט ר' אליעזר געזאגט:

„זאלען אלע וויסען און מאכען וויסען און טיעף איבערצייגט זיין אז גאט איז דער בעשעפער, דער פיהרער א. א. וו. דאס הייסט: גאט איז דער גאט פון אלץ, דער גאט פון ליכטיגקייט און פינסטערניש, דער גאט פון קערפער און פון גייסט—צוזאמען".

ו.

די מיסטיקער ביי יודען און ביי אנדערע פעלקער.

ווען דאס גריכישע פאלק האט פערלוירען זיין פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, האט די קראפט פון זיין שאפען אויך אויפ־געהערט פרוכטבאר צו זיין. עס האט זיך בעגעגענט דער שענער גריכישער גייסט מיט דעם שטארקען גייסט פון די רוימער און מיט די אנשאויאונגען פון די מורח־פעלקער דאס האט געבראכט דערצו, אז ער האט פערלוירען זיין אריגינעלע קראפט און איז געווארען וואס ווייטער אלץ שוואכער און בלייכער. דער גריכישער געדאנק, וואס האט פריהער פריי געקעניגט און אלעמען בעהערשט, האט אנגעהויבען וואס ווייטער אלץ מעהר פערשקלאפט צו ווערען,

און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דאָס, אַז ווען ער דער גריכי־שער געדאַנק האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעם גייסט פון די יודישע חכמים אין אַלעקסאַנדריע—איז ער פערשקלאַפט געוואָרען ביי דער אמונה, און קומענדיג אין נאָהנטע בעציהונגען מיט די אַנשויאונגען פון די מזרח־מענשען בכלל, —איז ער פערשקלאַפט געוואָרען ביי די פערשידענסטע אַבערגלויבענס און נאַרישע איינ־בילדונגען, וואָס האָבען אינגאַנצען פערדונקעלט זיין גלאַנץ און זיין שענקייט.

דער גריכישער געדאַנק אין די צייטען פון די נעאָ־אַלעק־סאַנדרינער און נעאָ־פּלאַטאָניקער איז געגאַנגען נישט פאָרוועֶרטס, נאָר צוריק; און ווען מיר זאָלען אפילו אַנערקענען די גרויסקייט פון פילאָ אוים אַלעקסאַנדריען (פילון היהודי, פילון האלכסנדרו־ני) אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל עס האָבען זי אַנערקענט די פאָטערס פון דער קריסטליכער קירכע, וועט ער נאָך אַלץ בלייבען גאַנץ ווייט פון פּלאַטאָנען. דערפאַר אָבער האָט דער געדאַנק פון די מזרח־פעלקער אַ סך פערדיענט פון דעם צוזאַ־מענשטוים און פון דער צוזאַמענגיעסונג מיט דעם גריכישען אידעען־גאַנג. דאָס גריכענטום האָט אַריינגעבראַכט אין׳ם דענקען פון די מזרח־פעלקער אָרדנונג, האָט איהם געגעבען אַ שענע פאָרם און איינגעהאַלטען זיין ווילדקייט, זיין צוגאָסענקייט.

ווי מיר האָבען שוין געזעהען פריהער, איז די פראַגע וועגען גוטס און שלעכטס, אין גרונד גענומען, געווען אַ מזרח־פראַגע. מעהר פון אַלע האָבען זיך אין איהר פערטיעפט און געזוכט זי צו פערענטפערן — די אינדיאַנער. און האָטש די גריכען האָבען אויך נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו קלע־רען וועגען די שלעכטע אָרדנונג פון דער וועלט, איז עס אָבער געווען ביי זיי בלויז איינע פון אַלע איבריגע פילאָזאָפישע שאלות, אין דער צייט, ווען ביי די אינדיאַנער איז אָט די פראַגע געווען דאָס וויכטיגסטע פון אַלע אַנדערע פראַגען, און זיי האָבען זי בעטראַכט ווי עטוואָס אַזוינס, וואָס מאַכט אונז קלאָר דעם מענשען׳ס לאַגע אין דער וועלט און לערנט אונז

וואָס צו טהון און ווי זיך צו פיהרען.

ס'איז דעריבער אויסגעקומען, אַז פון דער פערבינדונג צווישען דעם גריכען געדאַנק און דעם געדאַנק פון די מזרח־פעלקער דורך דער פערמיטלונג פון די אַלעקסאַנדרינער און פלאַטאָניקער — האָט די פראַגע פון גוטס און שלעכטס אויך אַ סך פערדיענט. וואָרום דער געדאַנק פון אָריענט האָט זיך דאַן צוגעוועהנט צו דער פינקטליכער ערקלערונג פון יעדען בעגריף בעזונדער, צו דער קלאָרער דעפינירונג פון זײַנע הקדמות, שאַלות און תשובות, און אַ דאַנק דעם האָט אויך די פראַגע וועגען „גוט'ס און שלעכט'ס" אָנגענומען אַ בעשטימטע פילאָזאָפישע פאָרם, און די פילאָזאָפישע תשובות, וואָס זענען געגעבען געוואָרען אויף דער פראַגע, האָבען געטראָגען אויף זיך דעם אויסערליכען שטעמפעל פון דער גריכישער לאָגיק, חאָטש זיי זענען פון אינוועניג דורכגעדרינגען געווען מיט דעם אָריענטאַלען מיסטיציזם.

די פראַגע וועגען גוטס און שלעכטס. לויט דער פאָרם, וואָס זי האָט דאַן אָנגענומען, איז געפרעגט געוואָרען פון צוויי פערשיעדענע זײַטען:

א) אין דער בעציהונג צו גאָט'ס גוטסקייט. דער, וואָס האָט אַלץ בעשאַפען שטעלט פאָר מיט זיך די פאָלשטענדיגע פאָלקאָמענהײַט, און איינע פון די בעדינגונגען, וואָס זענען נויטיג פאַר דער פאָלקאָמענהײַט איז — גוטסקײַט. שלעכטסקײַט איז אַ חסרון, וואָרום ווען מיר זאָגען אויף אַ זאַך, אַז עס איז שלעכט, הײַסט עס ריכטיג, ווי מיר וואָלטען זאָגען, אַז לויט אונזער מײַנונג פעהלען אין דעם יענע עטליכע בעדינגונגען, וואָס מיט זיי וואָלט די זאַך יאָ געקענט גוט זײַן; ווען מיר נעהמען אָן דעריבער אַלס אַקסיאָמע (זעלבסט־פערשטענדיגע הנחה, מושכל ראשון), אַז גאָט איז פאָלקאָמען אין'ם פולסטען זין פון דעם וואָרט, מוזען מיר שוין אָננעהמען אויך דאָס, אַז ער איז פאָלשטענדיג גוט, דאָס הײַסט, אַז ער שטעלט פאָר מיט זיך די פאָלשטענדיגע גוטסקײַט; — הײַנט ווי אַזוי זשע איז עס פון איהם אַרויסגעקומען אָט דאָס אַלעס שלעכטעס, וואָס מיר זעהען אין דער נאַטור?

ב) אין דער בעציהונג צו גאָט'ס גערעכטיגקײַט.

גאָט איז די פאָלקאָמענהייט זעלבסט, און איינע פון די בעדינגונגען, וואָס זענען נויטיג דערצו, איז — גערעכטיגקייט; וואָרום די אמת'ע גערעכטיגקייט הייסט אייגענטליך דאָס, וואָס איז געטהאָן געוואָרען אַזוי, ווי עס האָט געדאַרפט געטהאָן ווערען; — הײַנט ווי אַזוי=זשע ווערען עס אָבגעטהאָן אָט די אַלע אונגערעכטיגקייטען, וואָס מיר זעהען אין דער הנהגה פון דער וועלט: עס שטאַרבען קליינע קינדער, וואָס האָבען נאָך גאָרנישט פערזוכט אפילו דעם טעם פון זינד, עס ווערען געפּײַניגט עהרליכע מענשען, עס געוועלטיגט דער שטאַרקער רשע איבער דעם שוואַכען צדיק וכדומה.

די שיטות פון די אַלעקסאַנדרינער, נעאָ=פּלאַטאָניקער א. א. וו., זענען פערשידען איינע פון דער אַנדערער; אין דעם עיקר פון זייער אַנשויאונג וועגען גאָט און זײַנע אָפּענבאַרונגען האָבען זיי זיך אָבער אַלע אויסגעגלײַכט.

דאָס, וואָס פעראייניגט מיט זיך די דאָזיגע אַלע שיטות, בעשטעהט אין דעם, אַז גאָט איז העכער נישט בלויז פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו די חושים, נאָר אויך פון דעם, וואָס ווערט ערווײַכט מיט'ן שכל. זיי האָבען זיך נישט בענוגענט מיט די איבערצייגונגען, אַז גאָט איז נישט קיין מאַטעריע און אַז ער שטעלט פאָר מיט זיך די איינפאַכקייט און די פאָלקאָמענהייט; נאָר זיי האָבען בעשלאָסען, אַז ער איז העכער פון יעדען אַבסטראַקטען געדאַנק. אין דער בעציהונג צו גאָט קען מען זיך נישט פאָרשטעלען נישט בלויז קיין בילד און קיין גײַסטיגע טעטיגקייט, נאָר זאָגאַר אויך וועלכע ס'איז פון די העכסטע נשמה=פונקציעס.

גאָט איז אויף אַזוי פיעל העכער פון יעדער השגה און פון אַלץ, וואָס דער מענשליכער שכל איז נאָר אימשטאַנד משיג צו זײַן, אַז מ'קען איהם גאָר מיט קיין נאָמען נישט אָנרופען. די גריכישע פילאָזאָפיע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבען דעם בעשעפער ביז אַזאַ הויכער מדרגה. די דאָזיגע פילאָזאָפיע, רעדענדיג וועגען דעם בעשעפער, האָט זיך בלויז בעמיהט צו דערווײַזען, אַז ער איז העכער פון יעדער טעטיגקייט, פון יעדער מאַטעריע און פון יעדער געמיט'ס=ווירקונג, ווי, למשל, כעס ליעבע שנאה א. א. וו.; אין די בעציהונג=

נען „אַקטיווער שכל", „ערשטע סבה" און נאָך אַזעלכע האָט זי אָבער קיין מאָל נישט איינגעזעהען קיין ערנידריגונג פאַר דעם כבוד פון גאָט.

דאַגעגען אָבער האָבען אונזערע אַלעקסאַנדרינער, נעאָ־פלאַטאָניקער, גנאָסטיקער און מיסטיקער איינגעפונען, אַז אַזוי ווי מ'קען זיך נישט פאָרשטעלען דעם בעשעפער פון דער וועלט מיט קיין מענשליכע געמיטס־ווירקונגען (כעס, שנאה, ליעבע א. א. וו.), אַזוי לאָזען זיך צו איהם נישט צופאַסען אויך די העכסטע גייסטיגע פונקציעס, ווייל דער „שכל" למשל, איז אויך בלויז אַ מענשליכעס בעגריף, און צו דאָס העכסטע פון אַלער העכסטעס (גאָט) קען נישט צוגעפאַסט ווערן קיין איינער פון יענע בעגריפען, וואָס האָבען נאָר עטוואָס אַ שיכות צום מענשען. גאָט איז דער פאָטער אי פון דער מאַטעריע, אי פון'ם גייסט; נאָר ער איז העכער פון זיי, ער איז איבער זיי ביידען, און דעריבער לאָזט ער זיך נישט איינפאַסען אין קיין גייסטיגע ראַהמען אַלץ איינס, ווי ער לאָזט זיך נישט איינפאַסען אין קיין קערפערליכע.

צוזאַמען דערמיט, ווי די טעאָרעטיקער פון די דאָזיגע שיטות בעשליסען, אַז גאָט איז אַלץ, בעשליסען זיי אויך, אַז ער איז איבער אַלץ. זייער געדאַנקען־גאַנג דריקט זיך אויס אין דער בעקאַנטער פאָרמולע: „ער איז דאָס אָרט פון די וועלט און די וועלט איז נישט זיין אָרט," אָדער, ווי דער זוהר גיט עס איבער: „ער איז תופס (נעהמט אום, בעגרייפט, לעבט אין זיי) אַלע וועלטען און די אַלע וועלטען האָבען אין איהם קיין אָנהאַלט נישט."

נאָך דעם אַלעמען אָבער וואָלט פון דעסטוועגען פאַלש זיין צו רעכנען די נעאָ־פלאַטאָניקער און די אַנדערע פון יענע סעקטען פאַר אַבסאָלוטע פאַנטעאיסטען, אַזוי ווי עס וואָלט זיין פאַלש צו זעהען פאַנטעאיזם אויך אין דעם יסוד פון אונזער קבלה.

דער יסוד פון די דאָזיגע אַלע שיטות איז אין דער ווירקליכקייט די עמאַנאַציע (אויסשפּרייטונג — פון דער געטליכער ערשטער קראַפט —, אויסשטראָמונג, אויספלוס), און די עמאַנאַציע ברענגט, אמת, אָפט צו פאַנטעאיזם, (ווי ביי

די בראַמינען, למשל) פאַר זיך אַליין אָבער איז עס נאָך נישט
קיין פּאַנטעאיזם. אין דעם אַבסאָלוטען פּאַנטעאיזם איז די גאָט=
הייט צונויפגעקניפּט און צונויפגעבונדען מיט דער וועלט, און
לויט דער עמאַנאַציע קומט אויס, אַז חאָטש גאָט איז דער
מקור פון אַלץ, וואָס מיר זעהען, און ער גיט עס אַריין לעבען
און ליכטיגקייט אין אַלע ווינקעלעך פון דער נאַטור, איז ער
פון דעסטוועגען אַן און פאַר זיך העכער פון דעם אַלעמען.
דער באַליבטער משל פון יענע אַלע, וואָס אַנערקענען די
דאָזיגע אַנשויאונג, איז די ערשיינונג פון דער זון מיט איהר
ליכטיגקייט.

„די גאָטהייט איז דער מקור פון ליכטיגקייט און לעבען
און ליכטיגע שטראַהלען שלאָגען זיך אָב פון איהם אין אַלע
זייטען. אין די דאָזיגע שטראַהלען געהט אַרויס דאָס לעבען
פון איהם און מיט זייער הילף ווירקט ער שטענדיג אין דער
וועלט, איבערגעבענדיג אַ טייל פון זיך יענעם, ווער ס'האָט עס
פּערדיענט. די דאָזיגע שטראַהלען ווערן אָנגערופען די כחות
פון דעם עקזיסטירענדען דורך זיי געפינט זיך די גאָטהייט או=
מעטום, אַזוי אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום זאַך און קיין
שום אָרט, וואָס זאָל נישט האָבען אין זיך עטוואָס פון דעם
געטליכען כח, און מיט זייער הילף פערבינדט און פעראייניגט
גאָט די פערשידענסטע זאַכען און געשעהענישען מיט אונזיכט=
באַרע פעדים, און דעריבער איז ער פול אין אַלץ און
איז נישטאָ אין אַלץ; דעריבער פילט ער אַלץ אָן
מיט זיינע כחות און דעם רוים אויסער אַלץ —
מיט זיין וועזען, וואָס בלייבט שטענדיג פערבאָר=
גען, און איז נישט זיכטבאַר און אָפען".

און אויפהויבענדיג די גאָטהייט אַן און פאַר זיך איבער
יעדער מדה און איבער יעדען בעגריף, און בעשליסענדיג פון
אַנ'אַנדער זייט, אַז אַלץ ווערט געטהון מיט גאָט'ס כח, —
איז זיי שוין לייכט געווען, צוצורעכנען די גאַנצע אונפּאָלקאָמענ=
הייט פון דער נאַטור צו דעם „מאמר" (לאָגאָס) און צו די
(אויסשפּרייטונגס=עמאַנאַציאָנס=)כחות (פילון), צו די אידעען און
צו דער מאַטעריע (די פּלאַטאָניקער) צו די כחות פון דעם
אונגענאַנטען (די גנאָסטיקער) און צו די ספירות (די מקובלים),

וואָרום די דאָזיגע אַלע זאַכען זענען דאָך טאַקע נאָר צוליעב דעם, כדי די וועלט זאָל קענען בעשאַפען ווערן און זיך האַלטען אַזוי ווי זי איז איצט, מיט אַלע איהרע פעהלערען און בעגרעניצונגען.

פון דעם זעלביגען שטאַנדפונקט פערשטעהען זיי אויך דאָס שלעכטע, וואָס איז פערהאַן אויף דער וועלט, און פון וואַנען עס שטאַמט. אַלץ וואָס מיר געפינען פאַר שלעכט, דאַרף צוגערעכענט ווערן צו די פּאַרטיקולערע כחות, ווייל זייער פּאַרטיקולאַריטעט (אָבגעטיילטקייט, אָבגעזונדערטקייט) ברענגט עס מיט, אָבער ניט צו דער גאָטהייט אַליין, וואָס איז העכער פון אַלץ.

דער גרונד-אונטערשייד צווישען די דאָזיגע אַלע שיטות ליעגט נאָר אין די איינצעלהייטען פון דער עמאַנאַציע און אין דעם גאַנג פון דער געטליכער קראַפט-אויסטיילונג; לויט פילאָ קומט די ערשטע געטליכע התגלות אינ'ם לאָגאָס (גאָט'ס וואָרט), וואָס הייסט ביי איהם אויך „גאָט'ס נאָמען", „גאָט'ס געשטאַלט," „גאָט'ס מלאך," „דער קאָפּ," „דאָס אור-ערשטע". אינ'ם לאָגאָס געהען אַריין אַלע ענטדעקונגס-פאָרמען פון די געוועהנליכע כחות און דאָס געזאַמט-בילד פון דער געגענוואַרט, און פון איהם שפּרייטען זיך פונאַנדער די אַלע פּאַרטיקולערע געטליכע מעגליכקייטען.

לויט די נעאָ-פּלאַטאָניקער ווידער, פערשפּרייט זיך די ערשטע התגלות פון גאָט אויף דעם שכל פון גאָט און די אידעען; פון זיי קומט אַרויס די נשמה פון דער וועלט און פונ'ם מענשען, און פון זיי בעשטעהט אויך דער גוף פון דער וועלט און פונ'ם מענשען (האָטש ער האָט אויך נאָך אַנ'אַנדער מקור: די פינסטערע מאַטעריע, וואָס די נעאָ-פּלאַטאָניקער גיעבען איהר אָב גאָר אַ בעזונדער פּלאַץ).

די גנאָסטיקער אַנערקענען, אַז די ערשטע מדרגה פון דער געטליכער ענטדעקונג איז גאָט'ס גייסט און זיין געדאַנק, דערנאָך געהען אינ'ם סדר פון דער עמאַנאַציע: דאָס פערשטעהן, דאָס וויסען, די שטאַרקייט, די גערעכטיגקייט און דער שלום. אין די דאָזיגע זיעבען מדות ווערט ענטדעקט דער אונגענאַנטער, וואָס איז אַליין — דער אַלטער פון זיי, און דאָס

הייסט ביי דעם גנאָסטיקער באַסילידוס: די אורערשטע אַלטהייט, וואָס איז דער מקור און דער שורש פון אַלץ, וואָס קומט נאָך איהר. פון דער אורערשטער אַלטהייט ווערן ווידער עמאַנירט זיעבען כחות, וועלכע בילדען (צוזאַמען מיט דער לעצטער מדה פון דער אורערשטער) — אַ צווייטע אַלטהייט. פון דער דאָזיגער צווייטער אַלטהייט ווערט עמאַנירט אַ דריטע, אַ פיערטע און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז עס וואַקסט אויס אַ צאָהל פון דריי־הונדערט־פינף־און־זעכציג גייסטיגע וועלטען, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען, וואָס מיר זעהען.

דער גנאָסטיקער וואַלענטינוס האָט די דאָזיגע עמאַנאַציע אַנדערש אָנגערופען און איהר אַנ׳אַנדער סדר געגעבען. דאָס, וואָס באַסילידוס רופט אָן: אונגענאַנטער, הייסט ביי איהם: אונערגרינדליכע טיעפעניש. פון דער דאָזיגער טיעפעניש ווערן עמאַנירט הייליגע אייביגקייטען, ענטדעקונגען פון גייסטיגע דאַזיינס א. א. וו.

לויט אונזערע מיסטיקער איז דער סדר פון דער עמאַנאַציע אַזעלכער: קרוין, חכמה, פערשטאַנד, וויסען, שטאַרקייט, שענקייט, אייביגקייט, מאַיעסטעט, פעסטקייט קעניגרייך (עשר ספירות), און וועגען די פּרטים פון דער זאַך איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו רעדען.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, קומט אויס לויט די דאָזיגע אַלע שיטות, אַז די אַלע מיני אונפאָלקאָמענהייטען, וואָס מיר זעהען אין דער נאַטור, שטאַמען נישט פון דער גאָטהייט, וועלכע איז העכער פון אַלעם העכסטעס און דערהויבענער פון אַלעם דערהויבענעם, נאָר פון דער נאַטור אַליין, וואָס שטעלט אייגענטליך פאָר מיט זיך די ענטדעקונג פון פערשידענע בעשרענקטע און בעגרענעצטע כחות, און דאָס איז אויך דער מקור — פון דאָס שלעכטע. דער אופן אָבער, ווי אַזוי מיר דאַרפען פערשטעהן די מציאות פון שלעכטס — דאָס איז אויך אָבהענגיג פון יעדער איינציגער פון די דאָזיגע אַנשויאונגען בעזונדער.

פילון (ידידיה) און די אַלעקסאַנדרינער האַלטען, אַז אַזוי ווי פון גאָט אַליין קען דאָך קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען, מוזען מיר צושרייבען די מציאות פון דאָס שלעכטע צו די עמאַנירטע כחות.

„פון איהם (פון גאָט) געהט ניִשט ארויס קיין שלעכטס און קיין שטראָף, ווייל ער איז דער מקור פון אַלעם גליקליכען און געבענשטען פאַר אַלע, וואָס האָבען עס פערדיענט, וואָס קענען עס אויפנעהמען; נאָר ער שטראָפט זיי — ווייל זיי קענען זיך אַנדערש ניִשט ערציהען, סײַדען נאָר דורך שטראָפען — דורך זײַנע מלאכים=משרתים, און די דאָזיגע מלאכי השרת האָט עס פילון צוגעשריבען יענע אַלע שטעלען, וואו עס ווערט גערעדט און דערצעהלט וועגען גאָט אַזוינס, וואָס איז ניִשט לויט זיין כבוד, וואָס מ'דאַרף גאָר דערווייטערן פון איהם“.

די נעאָ=פּלאַטאָניקער זעהען דעם מקור פון דאָס שלעכטע נאָר אין דער מאַטעריע.

„די מאַטעריע — דאָס איז דער מקור פון שוואַכקייט, פון אונענדליכע פעהלערן, פון דער אונאײַניגקייט, פון דער אונענדליכער צאָהל גופים, פון דער ניִשט=צוגעבונדענקייט, פון דער פונאַנדערשפּרייטונג, פון דער צושיידונג, פון דער פאָרמלאָזיגקייט — דאָס אַלץ הייסט: אונפאָלקאָמענהייט, ניִשט=גוטקייט, דאָס אַלץ הייסט: די פאָלקאָמע געמיינהייט.“

די גנאָסטיקער זענען אַוועק ווייטער פון די נעאָ=פּלאַטאָניקער דערמיט, וואָס וועלענדיג אינגאַנצען דערווייטערן דאָס שלעכטע פון דער גאָטהייט, האָבען זיי אָנגעהויבען זוכען פאַר איהם נאָר אַנ'אַנדער מקור, און נאָכדעם, ווי זיי האָבען צונויפגעמישט און צוזאַמענגעגאָסען די אידיש=קריסטליכע מיינונגען מיט די מיינונגען פון די פערסיאַנער און די איבריגע מזרח=פעלקער, האָבען זיי געזעהען דעם מקור פון דאָס שלעכטע אין אַ זעלבסטשטענדיגער פינסטערער קראַפט.

„ווען די מדרגות — זאָגען זיי — פונ'ם ליכט=רוים האָבען שוין ערגרייכט זייער סוף, און דאַגעגען האָבען זיך אָנגעהויבען אויפהויבען די פינסטערע כחות און האָבען זיך אָנגערירט אָן די עקען פון די ליכט=שטראַהלען, האָט זיי — די פינסטערע כחות — בעהערשט די תאווה, זיך אָנצוהאַלטען אָן דעם, וואָס איז בעסער פון זייער עלענדען וועזען און זיך אויסצומישען מיט איהם. און אָט, פון דעם דאָזיגען מישמאַש איז עס ארויסגעקומען דאָס אַלץ, וואָס מיר זעהען היינט אין דער נאַטור פון

אונזער וועלטיל און אין'ם מענשען'ס לעבען; פון דאַנען שטאַמען די אַלע פון ליכט־רוים אויסגעגאָסענע, פערוואָגעלטע נשמות, וואָס זענען איינגעשמידט אין די קייטען פון קערפּער'ס, זענען בלויז טויטע מאַטעריעס, וועלכע האָבען אין זיך קיין שום חיות נישט און ציהען זייער גאַנצע חיונה נאָר פון דעם ביסעל ליכטיגע כחות, מיט וועלכען זיי ווערן פעראייניגט. אין דער נשמה אַליין געפינען מיר אויך די צוזאַמישונג פון דעם לייכטענדען פערשטאַנד (יצר־טוב) און דער פינסטערער תאוה (יצר הרע), און דעם מישמאַש האָט מלכיה (בסילידוס) אָנגערופען: דער אוראַלטער כאַאָס".

„אום מתקן צו זיין דעם דאָזיגען כאַאָס איז נויטיג געווען די בעשאַפונג פון דער קערפּערליכער וועלט, און די הויפּטכּונה דערפון איז געווען דאָס, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס די ניעדריגע בעשעפעניסען וועלען בעשאַפען און איינגעטיילט ווערן לויט זייערע מינים, וועט דער כאַאָס זיך אויסקלערען, און די כחות וועלן אויסגעלייטערט ווערן, און די ליכטער וועלען בעקומען זייער העלע שיין, און דאָס לעבעדיגע וועט אָבגעטיילט ווערן פון דאָס נישט לעבעדיגע און דאָס, וואָס ציהט זיין יניקה פון דער ליכטיגקייט — פון דעם, וואָס איז פינסטער בטבע, און אָט די טעטיגקייט הייסט ביי איהם: די אָבשיידונג (די פערענדערונג), און דורך איהר וועט זיך יעדע זאַך אומקערען צו איהר שרש און איהר גלייכען, און דאָס הייסט ביי איהם: דאָס ווידערקעהרען."

דער גנאָסטיקער הוקיה (וואַלענטינוס) האָט נישט געוואָלט אַנערקענען, אַז „ס'איז פערהאַן אַ פינסטערער רוים און אַז די פינסטערע כחות האָבען זיך אַרויפגעקריגען און אָנגעהאַלטען אָן דער ליכטיגקייט, — ווי עס האָט געהאַלטען דער גנאָסטיקער מלכיה פאַר איהם, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז ס'איז פערהאַן איין מאַטעריע, אַ פאָרמלאָזע, וואָס איז אַליין פינסטער און שטעלט פאָר מיט זיך אַ מין שאָטען פון דער ליכטיגקייט און פון דעם געטליכען לעבען, אַ רוים פון לעערקייט געגען דעם אויבערשטען פולען רוים. די דאָזיגע פאָרמלאָזע מאַטעריע האָט אין זיך קיין שום חיות נישט און זי בעקומט עטוואָס לעבען נאָר דאַן ערשט, ווען זי מישט זיך

צונויף מיט וועלכען ס'איז כח און מיט וועלכער ס'איז ליכטיגקייט פון די כחות און ליכטיגקייטען פונ'ם אויבערשטען רוים וואס ווירקט אין איהר שאפט זי און בילדעט זי זעהר שווער און זי (די מאַטעריע אליין) שטעלט זיך אנטקעגען און שטערט מיט איהר שווערקייט און אבוועזענהייט פון ענערגיע יעדע גייסטיגע טהעטיגקייט".

דערצו האבען חזקיה אין די גנאסטיקער נאך איהם נאך צוגעמישט א גאנצען ים מיט אלערליי משונה'דיגע פאנטאזיעס וועגען דער אראבניעדערונג פון איינער פון די הייליגע אייביגקייטען, אום צו קעמפפען מיט דער פינסטערער און שלעכטער מאַטעריע, און וועגען דעם, ווי אזוי די כחות לייטערן זיך אויס, ווי אזוי זיי קעהרען זיך אום צוריק צו זייער שרש, און ווי אזוי עס האט זיך אבגעפינען א אויסלייזער און א העלפער פון הימעל, וואס העלפט די הייליגע אייביגקייטען אין זייערע מלחמות, אין זייערע ארויפשטייגונגען און אויסלייטערונגען, ביז ס'וועלען זיך סוף כל סוף „אומקעהרען אלע אייביגקייטען צו א ריכטיגען בונד און צו א אמת'ער בעהעפטונג, געהאלפענע און גליקליכע, און זיי וועלען דאנקען און לויבען דעם אוראלטען פאטער מיט מנוחה און ליעבע, מיט עהרפורכט און פרייד."

די מיסטיקער ביי אידען, וועלנדיג פון איין זייט אויך דערווייטערן דאס שלעכטע פון גאט אויף וויפיעל דאס איז נאר מעגליך, און נישט קענענדיג פון דער צווייטער זייט אבגעבען א בעזונדער מקור פאר דאס שלעכטע, ווי ס'האבען געטאן די גנאסטיקער, ווייל דאס וואלט דאך אונטערברעכען דאס הייליגסטע הייליגטום פון יודענטום, דעם: „ה' אחד"! (גאט איז איינער) — האבען איינגעפלאכטען פערשידענע מיינונגען איינע אין דער אנדערער און אנגעקליידט זיי מיט אלערליי איינבילדונגען. וואס האבען מיטגעווירקט נישט צו פ ע ר ע נ ט פ ע ר ן די סתירות, נאר זיי צו פ ע ר ד ע ק ע ן און צו בעהאלטען.

אין גרונד גענומען זענען זיי אויך אזעלכע דואליסטען, ווי די גנאסטיקער. זיי אנערקענען אויך, אז דאס שלעכטע האט פאר זיך א בעזונדער ממשלה און בעזיצט די זעלביגע כחות, וואס דאס גוטע; נאר אין דער זייט, ווען די גנאסטיקער זעהען אין דער דאזיגער שלעכטער ממשלה א ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע ג א ט ה י י ט, זעהען אין איהם אונזערע מיסטיקער

בלויז אַ בעזונדער בעשעפעניש פון דעם, וואָס האָט אַלץ בעשאַפען.

„און אויך איינס געגען דאָס אַנדערע האָט גאָט געטהון — ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם בהו און איהם אָנגעוויזען אַ פּלאַץ אינ'ם פריעדען, ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם תהו און איהם בעשטימט אַ פּלאַץ אינ'ם שלעכטע".

„און וואָס איז'ם דער שטן? ס'איז געדרונגען, אַז גאָט האָט אַזאַ מדה, וואָס הייסט „רעה" (שלעכטס) און זי געפינט זיך צו צפון זייט פון הקדוש ברוך הוא, וואָרום עס שטעהט געשריבען: פון צפון קומט אָן די רעה אויף אַלע איינוואוינער פון דר'ערד. יעדע שלעכטע זאַך, וואָס קומט אויף אַלע איינוואוינער פון דר'ערד, קומט פון צפון. און וואָס איז'ם אַזוינס פאַר אַ מדה? דאָס איז אַ צורה פון אַ האַנד, וואָס האָט אַ סך שלוחים און אַלע הייסען זיי: שלעכטס, שלעכטס, נאָר ס'זענען פערהאַן צווישען זיי גרויסע און קליינע און זיי מאַכען חרוב די וועלט, וואָרום דער תהו איז פון צפון זייט, און תהו איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דאָס שלעכטע, וואָס רעדט אָן דער גאַנצער וועלט צום זינדיגען, און דער גאַנצער יצר הרע, וואָס מיר זעהען אינ'ם מענשען, קומט פון דאָרטען".

אַזוי גוט — זאָגט ר' טודרוס אַבולעפיע אין זיין „אוצר הכבוד" — אַזוי גוט, ווי ס'איז פערהאַן אַ גוטע אַצילות (עמאַנאַציע), וואָס איז אויפגענומען אויף רחמנות, אויף זכות און אויף גוטס, און די, וואָס פערטיידיגען אידען און זענען מלמד זכות אויף זיי ווערן בעאיינפלוסט פון דעם רעכטען כח און פון דער רעכטער זייט, אַזוי איז פערהאַן אויך אַנ'אצילות פון שלעכטס און פערדאַרבונג און שטראָף, און די, וואָס פערמסר'ן אידען און רעדען שלעכטס אויף זיי ווערן פון דער צפון־זייט, און דאָס איז אַ בעזונדער אַצילות, וואָס קומט פון דער קראַפט פון יענעם אַל־בעשעפער, וועלכער בעשאַפט אַלץ לויט זיין ווילען, און דאָס איז דער סוד פון (דעם פסוק): „עושה שלום ובורא רע (מאַכט פריעדען און שאַפט שלעכטס)".

„קום און זעה: — זאָגט דער „זהר" — ס'זענען פערהאַן מרכבות לינקס אינ'ם סוד פון דער סטרא אחרא (שלעכטע קראַפט, כח הטומאה) און ס'זענען פערהאַן מרכבות רעכטס

אינ׳ם סוד פון דער העכערער הייליגקייט און איינע שטעהען גײַ די אַנדערע: די פון רחמנות אין די פון בחיזקייט."

דאָס איז דער יסוד אין דער אַנשויאונג פון אונזערע מיסטיקער — די פאָרשטעלונג, אַז אין יעדער ערשיינונג איז דאָס שלעכטע צונויפגעבונדען און צונויפגעמישט מיט דאָס גוטע.

„אין דער צייט, ווען הקדוש ברוך הוא (גאָט) האָט בעשאַפען די וועלט — זאָגט דער „זהר" — און געוואָלט אַרויסדרעקען דאָס טיעפע פון דער פערבאָרגעניש און דאָס ליכטיגע פון דער פינסטערניש, — זענען זיי געווען צונויפגעמישט איינע מיט דער אַנדערער, און דעריבער: פון דער פינסטערניש געהט אַרויס ליכטיגקייט און פון דער פערבאָרגעניש קומט אַרויס און ענטדעקט זיך דאָס טיעפע; און איינס געהט אַרויס פונ׳ם אַנדערן, וואָרום פון גוטס קומט אַרויס שלעכטס און פון רחמנות קומט אַרויס גרויזאַמקייט, און אַלץ איז צוזאַמענגעמישט איינס מיט דאָס אַנדערע: יצר טוב און יצר הרע, רעכטס און לינקס, אידען און אַנדערע פעלקער, ווייס און שוואַרץ, און אַלע זענען זיי אָבהענגיג איינס פון דאָס אַנדערע."

ענליך צו די מיינונגען פון די גנאָסטיקער זאָגען אויך אונזערע מקובלים, אַז דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דעם פּראָצעס פון דער וועלט-בעשאַפונג איז געווען די צונויפמישונג פון פינסטערניש מיט ליכטיגקייט, פון מאַטעריע מיט גייסט. די פעראייניגונג און צוזאַמענגיסונג פון די דאָזיגע פערשידענע עלעמענטען האָט אַרויסגערופען די אונענדליכע צאָהל פערשידענע בעשעפענישען.

„קום און זעה: — זאָגט דער זהר — ווען גאָט האָט געוואָלט בעשאַפען די וועלט, האָט ער אַרויסגעצויגען איין פערבאָרגענעם ליכט, וואָס פון איהם געהען אַרויס און שטראַהלען אַרויס די אַלע ליכטער, וואָס זענען ענטדעקט; און פון יענע ליכטער געהען אַרויס און פערשפּרייטען זיך און בילדען זיך די אַלע איבעריגע ליכטער און די העכסטע וועלט. דערנאָך האָט זיך דאָס אויבערשטע ליכט אַראָב געלאָזט און געבילדעט אַ ליכט וואָס לייכט נישט, און עס איז בעשאַפען געוואָרען די אונטערשטע וועלט; און ווייל אָט דאָס ליכט וואָס לייכט נישט, וויל זיין פערבונדען אויבען און אונטען, און זייענדיג פערבונדען מיט דער אונטער-

שטער וועלט האָט עס דאָך אַלץ ניט איבערגעריסען דעם פערבאַנד מיט דער אויבערשטער וועלט, האָט עס — דאָס ליכט וואָס לײַכט ניש — בעשאַפען — אַלערלײַ חילות און מחנות פון פיעלערלײַ מינים, און דאָס איז׳ס, וואָס עס שטעהט געשריבען: „ווי גרויס זענען דײַנע מעשים, גאָט!“

וועגען דעם אָנהויב פון דער צונויפמישונג, וואָס האָט צוזאַמענגעגאָסען גוטס מיט שלעכטס א. א. וו. דריקען זיך אַמאָל די מיסטיקער אויס, אַז גאָט האָט אַזוי געוואָלט, כדי דאָס גוטע זאָל זיך גיכער פיהלען און אָנזעהען.

„און אויך איינס געגען דאָס אַנדערע האָט גאָט בעשאַפען: גוטס געגען שלעכטס און שלעכטס געגען גוטס; גוטס פון גוטס און שלעכטס, גוטס, וואָס גיט צו פיהלען דאָס שלעכטע און שלעכטס, וואָס מאַכט בולט דאָס גוטע; גוטס, וואָס איז בעהאַלטען פאַר די צדיקים און שלעכטס, וואָס איז בעהאַלטען פאַר די רשעים“.

און אין אַ צווייטען פלאַץ געפינען מיר נאָך אַ דייטליכערע ערקלערונג וועגען דעם:

אַלץ, וואָס ער (גאָט) האָט בעשאַפען האָט ער בעשאַפען פערשידען: ווען נישט דער טויט וואָלט קיין לעבען נישט זײַן און ווען נישט דאָס לעבען וואָלט קיין טויט נישט זײַן; ווען נישט דאָס גוטע וואָלט קיין שלעכט נישט זײַן און ווען נישט דאָס שלעכטע וואָלט קיין גוטס נישט זײַן. ווען אַ מענש קומט אַרײַן אין אַ לאַנד, וואו ס׳איז האַלב גוט און האַלב שלעכט, וועט ער זעהען דאָס שלעכטע און דערקענען דאָס גוטע, און אויב ער וועט אין אַן אַנדער לאַנד קומען, וואו ס׳איז אינגאַנצען גוט און קיין שלעכטס איז גאָרנישט — וועט ער דאָס גוטע נישט פיהלען; ווען אַלע מענשען וואָלטען נאַראָנים זײַן, וואָלט מען נישט דערקענט, אַז זיי זענען נאַראָנים, און ווען אַלע מענשען וואָלטען חכמים זײַן, וואָלט מען נישט דערקענט, אַז זיי זענען חכמים; ווען אַלע מענשען וואָלטען רײַך זײַן, וואָלט מען נישט דערקענט, אַז זיי זענען רײַך, און ווען אַלע וואָלטען זײַן אָרעם, וואָלט מען נישט דערקענט, אַז זיי זענען אָרעם; נאָר וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט בעשאַפען אָרימע און רײַכע, כדי מ׳זאָל זיי קענען אונטערשיידען, קלוגע און נאַראָנים, כדי מ׳זאָל וויסען, אַז דער איז אַ נאַר און דער איז אַ חכם א. א. וו.

אמאָל טרעפט געפינט מען גאָר ביי זיי, אַז זיי שרייבען צו די גאַנצע זאַך סמאל'ן.

סמאל דער רשע — זאָגט דער ספר „הבהיר" — האָט צוזאַמען מיט די איבעריגע חילות פון הימעל זיך אויפגעבונטעוועט געגען זיין האַר. ווייל גאָט האָט בעפויהלען (דעם מענשען): און איהר זאָלט געוועלטיגען איבער די פיש פון וואַסער און איבער די פויגעל פון הימעל, האָט ער געזאָגט. ווי אַזוי וועל איך עס קענען איהם זינדיג מאַכען און פערטרייבען פון איהם? און ער האָט אַראָבגעניערט מיט אַלע זיינע חילות אויף דר'ערד, זיך צו געפינען אַ חבר, און ער האָט געפונען דעם נחש (די שלאַנג)".

די פערקערפערונג פון אַלעם שלעכטעס אין סמאָל'ן און אין'ם נחש ווערט געשילדערט אַ סך מאָל אין „זהר", און דער רמב"ן זאָגאַר האָט אויך מרמז געווען אויף דעם זאָגענדיג:

„און דער נחש האָט נישט היינט אין זיך קיין רעדענדע נשמה, און ווען ער וואָלט עס אַ מאָל יאָ האָבען, וואָלט דאָך גאָט דערמאָהנט אין זיין קללה, אַז ער זאָל שטום ווערן, וואָרום דאָס וואָלט זיין פאַר איהם די ערגסטע קללה; נאָר דאָס אַלץ איז אַ דאָפּעלע זאַך: דאָס אָפענע און דאָס פערבאָרגענע איז דאָ אמת."

אַנדערע, ווידער, פון די מיסטיקער ערקלערען די צוגויפמישונג פון גוטס מיט שלעכטס מיט אַ שענערן משל, וואָס איז אויך נעהנטער עטוואָס צו אַ פילאָזאָפישער מיינונג.

ס'איז געדרונגען, — זאָגט זיך אין דער „מסכתא אצילות" — אַז גאָט האָט אין אָנהויב בעשאַפען וועלטען און זיי צושטערט, געפלאַנצט בוימער און זיי אויסגעריסען, ווייל זיי זענען צו־געשווינד בעשאַפען געוואָרען און האָבען מקנא געווען איינע די אַנדערע. דאָס איז גלייך צו צעהן בוימער, וועלכע שטעהען אויפן פעלד אין איין לאַנגער שורה, און צווישען איין בוים און דעם אַנדערן איז אפילו קיין האָר פּלאַץ נישט פערהאַן; יעדער בוים וויל דעריבער געוועלטיגען איבער אַלע און אויסזויגען די גאַנצע פייכטקייט פון דר'ערד, און דערווייל ווערן אַלע בוימער איינגעטריקענט, די וועלט איז אויך אַזוי."

אין'ם גרונד פון דעם דאָזיגען משל ליגען דער געדאַנק פון דער איזביגער מלחמה, פון דעם אייביגען אַרויף־און

אַראָב־שטייגען פון די פערשידענע מאַטעריעס, וואָס דער ציהט אַהער און דאָרט — אַהין; פון דאַנען נעהמט זיך די גאַנצע קנאה און שנאה און דאָס איז אויך דער מקור פון אַלעם שלעכטעס.

און אַזוי גוט, ווי אונזערע מיסטיקער זעהען אין דער גאַנצער נאַטור אַ בעהעפטונג פון גוטס מיט שלעכטס, און אין דעם ענטוויקלונג־גאַנג פון אויבען אַראָב און פון אונטען אַרויף — אַ פּראָצעס, וואָס לייטערט אויס דאָס גוטע פון דעם שלעכטע; אַזוי גוט, ווי זיי זעהען אין דער גאַנצער נאַטור די אַל־בעשאַפונג דורך דעם אַל־בעשעפער, דאָס אַראָבלאָזען זיך פון אַלע זאַכען ביז דער לעצטער מדרגה און דערנאָך זייער אויסלייטערן און אויפהויבען זיך ביסלעכווייז פון איין מדרגה צו דער אַנדערער, — אַזוי בעטראַכטען זיי אויך דעם מענשענס נשמה אַלס עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגעפליעסט פון גאָטס היכל און איז אַראָבגעשליידערט געוואָרען אין אונזער פינ־סטערן טאָל, אין אונזער פינסטערער וועלטיל, וואָס איז פול מיט שלעכטס, און זי לייטערט זיך און שטייגט אַרויף פון איין מדרגה צו דער אַנדערער ביז זי קעהרט זיך אום צוריק צו גאָט — אַ ריינע, אַ געלייטערטע, אַ פאָלקאָמע. און ווייל די דאָזיגע נשמה, וואָס איז אַראָב ביז דער ניעדריגסטער מדרגה, דאַרף זיך אַ סך לייטערן און רייניגען, ביז זי קומט צו צוריק צו איהר מקור, מוז זי שוין ממילא מגולגל ווערן פון איין גוף אין צווייטען, אום דורכצומאַכען דעם דערמאָהנטען רייניגונגס פּראָצעס. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי אויך אָנגעהויבען גלויבען אין גלגולים, אַזוי ווי די גנאָסטיקער און ווי די אַלע איבריגע מזרח־פעלקער; און דאָס האָט זיי געגעבען אַ נייעם וועג, אויף צו פערטיידיגען גאָט׳ס הנהגה בנוגע צו די צדיקים און די רשעים. די צדיקים ליידען אַ סך צוליעב די זינד, וואָס זיי האָבען געזינדיגט אין די ערשטע גלגולים. זייערע נשמות ריי־ניגען זיך און לייטערן זיך דורך זייערע יסורים, און ווען זיי ווערן שוין אינגאַנצען ריין, הערען זיי אויף צו ליידען.

ווען מיר וואָלטען וויסען — זאָגען די דאָזיגע מיסטיקער — די אַלע מיני ענדערונגען און פערבאָרגענע אומוואַנדלונ־גען, וואָס קומט פאָר אין דער גאַנצער נאַטור, וואָלטען ביי

אונז רעכט ווערן אלע סתירות און שאלות; ווען מיר וואלטען זעהען די אלע מיני גלגולים פון די אורזאכען און זייער ענטוויקלונג, וואלטען מיר זיך איבערצייגט, אז אלע משפטים פון גאט זענען גערעכט און אלץ איז געטהון געווארען מיט חכמה.

און די פאלגע פון די דאזיגע אלע געדאנקען איז דאס, וואס די מקובלים — אזוי ווי די גנאסטיקער — רעדען אויך א סך וועגען דעם ענין פון „פאלען“, „דערהויבען ווערן“, „גלות“, „תשובה“, אנשטאט דעם אבער, וואס דער גלות, למשל, ביי די גנאסטיקער איז אנ'אלגעמיינער און די תשובה אויך אנ'אלגעמיינע, האבען אונזערע מקובלים, ווי אמת'ע נאציאנאליסטען און פאלקספריינד, צוגערעכענט צו דעם ענין פון „גלות“ און „תקון“ אויך — דעם אידישען גלות און דאס אומקעהרען זיך פון אידען אין זייער לאנד, דאס קומען פון משיח'ן און די האפנונג פון תחית המתים. „די שכינה איז אין גלות“ — דאס איז די סבה פון אלע שלעכטיגקייטען, צרות, יסורים און ארומוואנדלונגען, און נאר דאן וועט די וועלט פערבעסערט ווערן, און נאר דאן וועט זיך די שמחה צוריקקעהרען, ווען — די שכינה וועט זיך אומקעהרען צו איהר ארט.

קום און זעה: — זאגט דער „זהר“ — ווען די מענשען זענען עהרליך און היטען אב די געבאטען פון דער תורה אזוי ווערט אלץ פוהל פריידען. ווארום? ווייל די שכינה רוהט אויף דער ערד, און אלע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטען געפונען זיך אין א צושטאנד פון חדוה. ווען מענשען אבער פערדארבען זייערע וועגען און היטען נישט די געבאטען פון דער תורה און זינדיגען קעגען דעם הערר (פון דער וועלט) שטויסט כביכול (גאט) אוועק די שכינה פון דער וועלט ווערט די ערד פערדארבען דען די שכינה רוהט שוין נישט מעהר אויף איהר און איז ווי צושלאגען. פארוואס צושלאגען? ווייל עס רוהט א פרעמדער גייסט אויף איהר.

ווי די בעלי התלמוד אין זייער צייט, אזוי האבען אויך אונזערע מיסטיקער געזעהען די אלע שלעכטע זייטען פון לעבען, די ממשלה פונ'ם רשע איבער'ן צדיק, פונ'ם שטארקען איבער'ן שוואכען, און בעזונדער שטארק האבען זיי עס געזעהען אין דעם

יודישען גלות, אין די יודישע צרות און וואנדערונגען זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען. זייערע ווערטער בנוגע צו דער פראגע זענען דורכגעדרונגען מיט א גרויסען פאעטישען שוואונג, מיט א געטליך=ערהאבענעם געפיהל און מיט א ליידענשאפטליכער שטרעבונג אריבערצוגעהן אונזער געמיינער, שמוציגער וועלט אין יענע וועלטען, וואו ס'הערשט גוטס, געראכטיגקייט און קדושה.

„(איכה ישבה בדד) ר' הורכינוס האט אנגעהויבען: (עס שטעהט געשריבען:) ויגרש את האדם וישכן מקדם לגן עדן (ער האט פערטריבען דעם מענשען און האט גערוהט פון מזרח=זייט פון גן עדן). „ויגרש את" — דאס מיינט מען די כנסת ישראל נאכ'ן חורבן פון בית המקדש, וואס איז פערטריבען אין פערשידענע גירושין... וואס איז פערשליידערט געווארען איבעראל... די שטוהל פונ'ם קעניג איז געפאלען! „ויגרש את" — דאס מיינט מען די שטוהל פון קעניג — וועה זי איז פערווארפען, וועה זי איז געפאלען! און שלמה המלך האט געשריען און געקלאגט: „אונטער די דריי האט די ערד געציטערט אונטער א דיענסט, וואס ירשה'נט איהר הארענטע — די דיענסט איז אינוועניג און די הארענטע — אויסוועניג!"

אין א לאנגען וכוח, וואס די ארץ=ישראל=איינוואוינער פיהרען מיט די איינוואוינער פון אנדערע לענדער (חוץ לארץ), ווער פון זיי עס דארף מעהר קלאגען אויף גלות השכינה, זאגען די יודען פון ארץ ישראל:

„איצט האבען מיר דאך קיין מאמע'ן נישט! וועה, וועה איז צו אונז און וועה איז צו אייך! מיר דארפען קלאגען, מיר דארפען וויינען, מיר דארפען ערקלערן די בעדייטונג פון די בעסערע ווערטער, ערקלערען זיי יענע וואס קענען וויינען. מיר געהען צו אלע טאג צו דער מאמע'ס בעטעל און געפינען זי נישט דארטען... מיר פרעגען אויף איהר — קיינער קוקט זיך אויף אונז נישט אום... מיר פרעגען אויף איהר בעטעל — עס איז צומישט געווארען... מיר פרעגעןביי'ן שטוהל — ער איז געפאלען... מיר פרעגען ביי איהרע פאלאצען — שווערען זיי אז זיי וויסען פון איהר נישט... מיר פרעגען ביי דער ערד — זענען דארט קיין שפורען פון איהרע טריט נישטא... מיר פרעגען ביי'ן הויכען דאך ענטפערט ער אונז דארט, דארט איז זי געזע=

סען און האָט געוויינט און געיאָמערט און איז אומגעגאַנגען וויינענדיג, און שרייענדיג מיט אַ ביטערן קול פון דאַך צו דאַך ווי עס שטעהט געשריבען: וואָס ביזטו אין גאַנצען אויף די דעכער אומגעשפּרייזט? מיר האָבען געפרעגט די וועגען און די שטעגען אַלע זאָגען זיי, אַז זיי האָבען געהערט אַ ביטער קול פון איינער, וואָס וויינט אויף איהרע קינדער, און ווייסען נישט, אין וועלכער זייט זי האָט זיך אומגעקוקט. מיר דאַרפען קלאָגען און קושען די ערד פון איהרע פיס!... לאָמיר קושען דאָס אָרט, וואו זי איז געזעסען!... לאָמיר קושען די ווענט פון איהר פּאַלאַץ און ביטער וויינען!..."

נאָך די אַלע לײַטערונגען און ריינינונגען וועט זיך די שכינה אומקעהרען צוריק צו איהר פּאַלאַץ; דען „ווען די קינדער פון דער וועלט טוען גוטע מעשים דאָ אונטען, ווערען אַלע דינים און גזרות איבערגעוואָנדען און עס עפענען זיך די טויערען פון רחמים.

די צײַט פון תחית המתים איז די פולשטענדיגע ענדיגונג פון אַלע לײַטערונגען און וועלט־פערבעסערונגען. דאָס גוטע וועט בעזיעגען דאָס שלעכטע, די ליכטיגקײַט — דער פינסטערניש, די קדושה — דער טומאה, די גערעכטיגקײַט — דער אונגערעכטיגקײַט, די גייסטיגע וועלט אין אַלגעמײַן — דער אוראַלטער מאַטעריע; אַלץ וועט זיך אומקעהרען צו זײַן מקור — און עס וועט זײַן (גאָט) איינער און זײַן נאָמען איינער!

„אין דער צײַט, ווען גאָט וועט וועלען לעבעדיג מאַכען די מתים, וועט ער אויף זיי זײַן טהוי פון קאָפּ געבען, און דורך יענעם טהוי וועלען זיי פון דער ערד אויפשטעהן. אַט דאָס שטעהט: „כי טל אורות טלך". וואָס הייסט „טל אורות"? — עכטע אורות (ליכטער) פון יענע אויבערשטע ליכטער. וואָס דורך זיי וועט ער געבען לעבען דער וועלט, אום דער עץ־החיים זאָל פליסען אַזאַ לעבען וואָס האָט קיין ענדע ניט, דען היינט האָט דאָס לעבען יאָ איין ענדע, ווײַל דער שלעכטער שלאַנג געוועלטיגט איצט אויף דער וועלט און די לבנה איז פערדעקט און דעריבער ווערען די וואַסערען פון אייביגען קוואַל ווי אויסגעטריקענט און דאָס לעבען האָט קיין שליטה ניט ווי עס האָט געהערט צו זײַן, דאַן אָבער וועט דער יצר הרע, דער בייזער שלאַנג, פון דער וועלט אָפּגעטהון ווערען, און גאָט וועט איהם אַוועק יאָגען ווי עס שטעהט

געשריבען: „און דעם אומרייִנעם גייסט וועל איך פון דער וועלט אַוועק יאָגען". און נאָכדעם ווי ער — דער אומרייִנער גייסט — וועט פון דער וועלט אַוועק וועט שוין די לבנה ניט פערדעקט ווערען און די אייביגע טײַך וואָס פליסט וועט זײַן וואַסער אייביג געבען און אָט דאָס הייסט: „און עס וועט זײַן דאָס ליכט פון דער לבנה ווי דאָס ליכט פונ'ם זון און דאָס ליכט פון דער זון וועט זײַן זיבען מאָל ווי דאָס ליכט פון די זיבען (שעפּפונגס)-טעג".

וואָס האָבען דאָ די חכמים אויפגעטאָן מיט זייערע פּשט'לעך? נאָך אַלעמען זענען דאָך די אַלע אויסגערעכענטע שיטות אייניג אין דעם, אַז אָהן גאָט קען מען זיך קײַן שום זאַך און קײַן שום וועזען ניט פאָרשטעלען, ווארום אויב „אַלץ איז אין איהם און ער אין אַלץ, זײַז ער אַליין — אַלץ"; אַלזאָ, ווענען שלעכטס, ווי ווענען אַ גאַנץ בעזונדערע זאַך, וואָס האָט מיט גאָט גאָרניט צו טאָן — איז דאָך אונמעגליך. בלײַבט דאָך-זשע, אויב אַזוי, צוריק די זעלביגע שאלה: ווי קומט דאָס שלעכטע צו דעם גוטען און בּאַרימהערציגען גאָט? אָט שוין נאָך די אַלע אָנגערעכענטע כּוחות, מדות, ספירות, עמאַנאַציעס, ענטדעקונגען, לײַטערונגען און תשובות, קענען מיר דאָך נאָך אַלץ פרעגען: זענען די דאָזיגע זאַכען גאָטהײַט, צי ניט? אויב יאָ — ווי קומט צו זיי דאָס שלעכטע? אלא, וואָס דען, זיי האָבען מיט דער געטליכקייט ניט צו טאָן — דאַן מוזען מיר זיך דאָך קענען פאָרשטעלען אַ סך זאַכען אָהן גאָט, און דאָס איז דאָך אונמעגליך נאָך דער אַקסיאָמע: „ער אַליין איז — אַלץ"?

די דאָזיגע פראַגען זענען פון איין זײַט גאַנץ ריכטיג; פון אַ צווייטער זײַט אָבער, איז אויב מיר ווילען ניט פאָדערן קײַן פּינקטליכע, מאַטעמאַטיש-גענויע לעזונגען (וואָס עס קען, אייגענטליך, קיין פילאָזאָפיע ניט געבען), און ווילען זיך בענוגנען בלויז מיט טיעפע, אוניווערזעלע השערות (היפּאָטעזען), וואָס פערברייטערן דעם געדאַנק און שטויסען איהם צו געהן בסדר פאָראויס, — ווילען מיר מוזען מודה זײַן, אַז די פערשידענע אויבען-אויסגערעכענטע סיסטעמען האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען דערצו קלערער און בעסער אַוועקצושטעלען די פראַגע פון שלעכטס; ווארום דערמיט, וואָס זיי דיפינירען די געטליכקייט, וועלכע ווײַזט זיך אַרויס אין דער נאַטור, מיט פערשידענסטע דעפינירונגען,

ערקלערען זיי ביסליכוויז דעם מענשען דאס גאנצע פראבלעם פון דעם בעגרענעצטען און אונבעגרענעצטען, איינצעלנעם און פיעל, פונאנדערשיידונג און בעהעפטונג, פאלקאמענהייט און אונארדנונג; דערמיט, וואס זיי בעשטימען דעם מהות פון פערשידענע געטליכע כחות און גיעבען זיי בעשטימטע נעמען, דערנעהנטערן זיי די דאזיגע כחות צו דעם מענשליכען שכל, וועלכען ס'איז יעדענפאלס לייכטער צו בעגרייפען פערשידענע אבגעטיילטע אבגעזונדערטע כחות, אלס איין־איינציגען אבסטראקטען וועזען. דער מענש געוועהנט זיך־צו צו דעם בעגריף פון פארטיקולערע, בעשטימטע, אבגעגרענעצטע געטליכע כחות; ער געוועהנט זיך־צו צו זעהן אין די כחות די אורזאך פון דער אונפאלקאמענהייט און פון דער אונארדנונג, און פון דאנען ביז צו דער נאטירליכער נויטווענדיגקייט איז דאך שוין נישט מעהר, ווי איין טריט!...

אין דעם זין איז אדאלף פראנק אביסעל גערעכט געוועזען, ווען ער האט געזאגט אויף דער מיסטישער פילאזאפיע, אז זי איז די „הייליגע כימיע"..

ז.

די ניט־יודישע געלעהרטע אום מיטעל־אלטער.

די לעצטע מסקנא פון דעם מענשענס געדאנק אין אלטערטהום בנוגע צו גוטס און שלעכטס איז איבער געבען זיך איינגאנצען דעם העכערען ווילען, אויפהויבען זיך גייסטיג איבער דאס גוטע און דאס שלעכטע צוזאמען (די קריסטליכע אנשויאונגען) און פון איין אנדער זייט דאס געפינען דעם פתרון צו דער פראגע פון גוט'ס און שלעכט'ס אין דער אנערקענונג פון געוויסע עמאנאציעס, וואס א דאנק זיי האט די וועלט געקענט בעשאפען ווערען אזוי ווי זי איז איצט פאר אונז, מיט א בעשטימטען גרענעץ, און מיט דער מאכט פון שלעכטס (די אלעקסאנדרינער און אנדערע).

איצט וועלען מיר בעטראַכטען דעם אידעען־גאַנג פון דער מענשהייט בנוגע צו דער פראַגע וועגען גוטס און שלעכטס — אינ׳ם מיטעל אַלטער.

די וויכטיגסטע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון מיטעל־אַלטער איז אָהן אַ שום ספק דער איסלאַם און די אַראַבישע בילדונג; ווארום ווען מיר זאָלען אפילו מסכים זיין צו דער מיינונג פון יענע, וועלכע געפינען גוטע זייטען אויך אין דער קריסטליכער סכאָלאַסטיק, בלייבט נאָך פון דעסטוועגען אַלץ זיכער, אַז בכלל האָט זי נישט שטאַרק מיטגעווירקט אין דער ריכטונג פון צוברענגען ווייטער דעם מענשליכען פערשטאַנד, אָנשטאָט דעם, וואָס די בעדייטונג פון איסלאַם פאַר אַלע מזרח־פעלקער און די נוצען פון דער אַראַבישער בילדונג פאַר דער גאַנצער מענשהייט—שטעהען העכער פון יעדען צווייפעל.

„דער איסלאַם — זאָגט רענאַן — ענטהאַלט אין זיך אַלע מאָראַלישע, רעליגיעזע און עסטעטישע מיינונגען — צוזאַמען גענומען: דאָס איז דער גייסטיגער לעבענס־סך־הכל פון דער גאַנצער מענשהייט".

ער האָט נישט אין זיך די ערהויבענע גייסטיגע שטימונג פון אינדיען, עס פעהלט איהם די האַרמאָנישע שענהייט פון גריכענלאַנד, מ׳זעהט נישט אין איהם אויך יענעם פערבאָרגענעם און געהיימען כח, יענע „געטליכע מתנה", וואָס דאָס לאַנד יהודה האָט איבערגעלאָזען בירושה אַ סך פעלקער, — אין איהם זענען אָבער פערהאַן אייגפאַכע מענשליכע מיינונגען, נאַטירליכע מענשליכע געדאַנקען: „דער איסלאַם (מחמד׳ניזם) איז אַלזאָ די פרוכט פון דער צוזאַמענזעצונג פון פערשידענע מיטעלמעסיג־מענשליכע עלעמענטען".

די אַנשויאונג פון מחמד׳ס לעהרע בנוגע צו דער פראַגע וועגען גוט׳ס און שלעכטס איז דעריבער אויך נור איין אַלגעמיין־מענשליכע, איין אייגפאַכע, אַ מיטעלמעסיגע דער איסלאַם קלאָגט זיך אויך אויף דער אלוזיע פון דעם מענשליכען לעבען אויף דער וועלט און איז איהר גאַנץ אָפט מבטל; אַזוי לייענען מיר, צום ביישפיעל, אין קאָראַן:

„דאָס לעבען אויף דער וועלט בעשטעהט נאָר פון נאַריש־קייטען און אַרומיאָגענישען, דאָס לעבען אויף יענער וועלט האָט

אַ סך מעהר בעדייטונג אין די אויגען פון דעם גאָטס־פאַרלטיגען. פערשטעהט איהר עס דען ניט?

„דאָס לעבען אויף דער וועלט איז אַ וועג נאָר אויף צום פערליערען די צייט און צום לאַכען: דאָס לעבען אויף יענער וועלט אָבער — דאָס איז דאָס אמת'ע לעבען! אָ! ווען איהר וואָלט דאָס פערשטעהן!“

„איהר זאָלט וויסען, אַז דאָס לעבען אויף דער וועלט איז בלויז שפּאַס און נאַרישקייטען, דאָס איז בלויז אַ בעפּוצונג, אַ איינרעדעניש פאַר נאַראָנים. דאָס גרויסע פערמעגען און די סך קינדער זענען נישט מעהר, ווי אַ רעגען; די גראָזען, וואָס דער רעגען טהוט אָנטרינקען, געפינען חן ביי די כופרים (אפקורסים), ג...ץ שנעל אָבער וועלען זיי פערוועלקען און דו וועסט זעהען, אַז זיי וועלען געל ווערען און זייערע קנאָספּען וועלען אַראָבפאַלען, און צום סוף האָסטו דערפאַר אַ שרעקליכען צער אויף יענער וועלט“.

און אין אַנ'אַנדער אָרט זאָגט דער קאָראַן אין גאָט'ס נאָמען:

„ווען מיר וואָלטען מורא האָבען דערפאַר, טאָמער וועלען אַלע מענשען זיך אָבקעהרען פון גאָט, וואָלטען מיר געגעבען די כופרים זילבערנע דעכער צו זייערע הייזער און טרעפּ, אַרויפצוגעהן אַהין און זילבערנע טהירען און רוהע־שטוהלען און גאָלדענע קליידער. דאָס אַלץ איז נאָר אַ פערבייַלויפענדער תענוג פון דער וועלט, וואָרום יענע וועלט בעהאַלט דער אויבערשטער פאַר זיינע צדיקים“,

אין די דאָזיגע אַלע טענות הערט זיך אָבער נישט דאָס ביטערע קלאָגען פון בודדהא'ן, און דער בטול איז אויך גאָרנישט עהנליך צו יענעם, מיט וועלכען דאָס קריסטענטום בעציהט זיך צו דעם מענשליכען לעבען אויף דער וועלט. אין'ם יסוד פון קאָראַנ'ס טענות ליעגט בלויז דער איינפאַכער מענשליכער געדאַנק, דער געדאַנק פון יעדען דורכשניטס־מענשען, וועלכער קלאָגט זיך אויף די „ביטערע צייטען“, אויף די „נאַרישקייטען פון לעבען“, אויף דער „קורצקייט פונ'ם מענשענ'ס לעבען“, אויף די „בלינדע תאוות“ א. א. וו. און טהוט זיך פון דעסטוועגען זיינס: אַרבייט מיט אַלע כחות צו בעקומען עשירות און כבוד, פרעהט זיך מיט יעדען פערגניגען און טרויערט ביי יעדען אונגליק. וואָרום נישט קוקענדיג אויף די עטליכע פריהערדיגע ציטאַטען, געפינען מיר

אין דעם זעלבּיגען קאָראַן אַנדערע שטעלען, פון וועלכע ס'איז צו זעהען, אַז בּיי איהם זענען גאָר, אַדרבּה, שטאַרק חשוב די אַלע ענינים פון דער וועלט, און אין וועלכע ער גיט עצות, ווי אַזוי זיך צו פיהרען און זאָגט זאָגאַר אָן זיינע נאָכפאָלגער'ס, זיי זאָלען געהן מלחמה האַלטען און אָבּנעהמען בּיים שונא אַלץ, וואָס ער בּעזיצט.

דער איסלאַם זעהט בּכלל נישט אין דער וועלט בּלויז גוטס אָדער שלעכטס, נאָר גוט מיט שלעכטס צוזאַמען, און ער מאַכט אַלץ אָבּהענגיג פון דעם מענשענס מעשים. געהט דער מענש אינ'ם גלייכען וועג און טהוט, וואָס גאָט הייסט — איז איהם גוט אויף דער און אויף יענער וועלט; קעהרט ער זיך אָבּ פון גאָט'ס וועגען — איז וועה צו איהם אויף דער און אויף יענער וועלט. דער גאַנצער קאָראַן איז פול מיט דעם געדאַנק פון שכר ועונש (בּעלויהנונג און שטראָף), און ס'געהט נישט דורך אין איהם קיין איין שורה *) (אפילו), אין וועלכער עס זאָל זיך נישט רעדען וועגען דעם לעצטען טאָג, וועגען טוידט. די גאַנצע פּאָעטישע קראַפט פון קאָראַן ליגט נאָר אין די שילדערונגען פון גן עדן מיט'ן גיהנם; אין די דאָזיגע שילדערונגען הויבּט זיך דער נביא פון איסלאַם אויף בּיז צו דער מדרגה פון אמת'ער דיכטונג. און כאָטש אַלע שורות פון קאָראַן הויבּען זיך אָן מיט דעם פּסוק: דער בּאַרימהערציגער גאָט א. א. וו., איז איהם פון דעסטוועגען בּעצם אינגאַנצען פרעמד דאָס געפיהל פון פערגעבּען און מוחל זיין. דעם נביא פון איסלאַם זענען נעהנטער געווען צום האַרצען די געפיהלען פון שטראָף און נקמה.

„די מעשים פון די זינדיגע — זאָגט מחמד — זענען, ווי אַ מיראַזש אין דער מדבּר. דער עלענדער, וואָס געהט אוים פון דאָרשט, גלויבּט, אַז דאָרט איז אַ וואַסער, און צוקומענדיג אַהין געפינט ער גאָרנישט; דער זינדיגער אָבּער וועט דאָרט געפינען גאָט זיין בּעשעפער, וועלכער וועט מיט איהם צוזאַמען זיין חשבּון מאַכען. גאָט איז פלינק אין זיינע חשבּונות!"

---

*) די קאַפּיטלען פון קאָראַן, די פערשיעדענסטע נבואות הייסען „שורות".

„זײַערע (די כופרים׳ס) מעשים זענען גלײַך אויך צו דער פֿינסטערניש, וואָס הילט אײַן דעם ברויזענדען ים. ס׳הויבט זיך אויף אײַן חוואַליע נאָך דער אַנדערער, נאָך זיי קומט אַ וואָלקען און עס ווערט שטאָק-פֿינסטער, אַזוי אַז ווען אײַנער הויבט אויף זײַן האַנד זעהט ער זי נישט. ווען גאָט וויל דעם מענשען קײַן ליכטיגקײַט נישט געבען — וואו וועט ער זי געפֿינען?

„אין יענעם טאָג אינ׳ם יום המשפט וועלען קומען גאַנצע שאַרען מענשען זעהען זײַערע מעשים; ווער עס האָט געטהאָן גוטס, האָטש נאָר אין דער געוויכט פֿון אַ דיניקען שטויבעלע, וועט עס זעהען, און ווער עס האָט געטהאָן שלעכטס, האָטש אויך נאָר אַזוי פֿיעל וויפֿיעל אַ דיניקע שטויבעלע, וועט עס זעהען".

„די פֿערניכטונג אויף דער יבשה און אין ים איז געקומען נאָר דורך די מענשליכע מעשים. זי גיט אָב דעם מענשען די פֿרוכט פֿון זײַן ווערק".

„אָ, מײַנע קינדער! ווען עפּעס אַ זאַך גרויס, ווי אַ קלײַניקער קערענדיל, ליעגט בעהאַלטען ערגעץ אין אַ שטיין, אויפ׳ן הימעל אָדער אין דר׳ערד, וועט עס גאָט בעווײַזען אַלע מענשען אין יענעם טאָג, ווײַל ער ווײסט און פֿערשטעהט אַלץ".

אמת, ס׳טרעפֿט טאַקע, אַז דער צדיק ווערט געפּײַניגט אויף דער וועלט, וואָס׳רע בעדײַטונג אָבער האָט זײַן ביסעל צרות אום פֿערגלײַך מיט די אונגעהויערע און פֿערשיעדענאַרטיגע פֿערגניגענס, וואָס ערוואַרטען איהם אויף יענער וועלט. און די פֿערגניגענס, וואָס ערוואַרטען דאָרטען דעם צדיק, זענען לויט מחמד׳ן — נישט קײַן רוחניות׳דיגע, נישט קײַן אַבסטראַקטען, נישט אַזעלכע, וואָס דער געוועהנליכער שכל קען זיי נישט משיג זײַן, נאָר פּשוט׳ע גשמיות׳דיגע: גערטנער און אַלעען, ליכט און שאָטענס, געדיכטע וועלדער, גרויסע טײַכען, מעדלעך שענהײַטען, וואָס פֿערשעמען די זון מיט זײַער שענהײַט א. א. וו.

דעריבער דאַרף דער מענש, צום בײַשפּיעל, וואָס געהט שטאַרבען, ווי אַ העלד אויפ׳ן שלאַכט-פֿעלד, זײַן דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפֿער פֿרייד, ווײַל ער געהט איבער פֿון אַ צײַטווײַליגער, פֿערבײַלויפֿענדער וועלט אין אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט אייביג און איז פֿול מיט אונענדליכע גליקען און פֿערגניגענס; פֿון

דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגעהענדיג, רייצט זיך מחמד אויך מיט אונז, יודען, דערפאַר, וואָס מיר שרעקען זיך אַזוי שטאַרק פאַר'ן טוידט, און ער פרעגט:

„אויב ס'איז אמת, ווי איהר זאָגט, אַז נאָר איהר וועט האָבען עולם הבא, — טאָ פאַרוואָסזשע שרעקט איהר זיך פאַר'ן טוידט מעהר פון אַלע אַנדערע מענשען?"

דער דאָזיגער געדאַנק, אַז דער איסלאַם בכלל ענטהאַלט אין זיך די דורכשניטליכע אַנשויאונג פון דער מענשהייט, ערקלערט אונז די סבה אויך פון דער פאָלגענדער ערשיינונג: אין דער צייט, ווען די קריסטליכע געלעהרנטע פון מיטעלאַלטער זענען געווען אַריינגעטהאָן אין די טעאָלאָגישע למודים, און ווען זיי האָבען אַפילו פילאָזאָפירט (די סכאָלאַסטיקער), איז דער תכלית פון זייער פילאָזאָפיע אויך געווען בלויז צו בעשיצען די גלויבענס-דאָגמען און צו דערווייזען זייער לאָגישע ריכטיגקייט מיט דער הילף פון גאַנץ צווייפעלהאַפטע טעאָרעטישע אַרגומענטען, — אין דער זעלביגער צייט, האָט דער איסלאַם געלאָזען אַ אָרט פאַר די אַראַבישע און פערסישע חכמים, אויפצובויען אויף איהם דעם שענעם פּאַלאַץ פון דער אַראַבישער פילאָזאָפיע, וועלכע נעהמט אַרום אַלע געביטען פון קונסט און וויסענשאַפט.

די סבה פון דער ערשיינונג איז, לויט אונזער מיינונג, פאָלגענדע: דאָס קריסטענטום, זענענדיג אין גרונד אַ הויכע רעליגיעזע אַנשויאונג, וואָס הויבט זיך אויף איבער דעם פּשוט'ען מענשליכען פערשטאַנד, האָט געזוכט אום מיטעלאַלטער, (ווען ס'זענען נאָך נישט בעשטימט געווען די גרענעצען צווישען דער ממשלה פון שכל און דער ממשלה פון גלויבען) איינגאַנצען אונטערצודריקען דעם שכל און צו לעזען אַלע וועלט-פּראָבלעמען אויף איהר שטייגער און לויט איהרע בעגריפען. דער איסלאַם אָבער, אַלס אַ דורכשניטס-מענשליכע אַנשויאונג, האָט נישט געקענט אונטערדריקען דעם טעאָרעטישען שכל, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען און צו פערפאָלקאָמען אַ דאַנק געוויסע בעדינגונגען אין דעם אַראַבישען לעבען, — און ער האָט איהם געמוזט אַ פּלאַץ אָבגעבען.

אויף אַזאַ אופן פערשטעהען מיר אויך דעם אונטערשיעד צווישען דער אַנשויאונג פון דער קריסטליכער און אַראַבישע גע-

לעהרטע בנוגע צו דער פראגע וועגען גוטס און שלעכטס.

די קריסטליכע געלעהרטע אינ'ם מיטעלאלטער, ארויסגעהענדיג פון א בעגרענעצטען רעליגיעזען שטאנדפונקט, האבען פערשטאנען דאס שלעכטע אלס רעזולטאט פון אדם הראשון'ס זינד און זיין תיקון דורך תשובה און חרטה. דער געדאנקען-גאנג פון די קריסטליכע געלעהרטע איז אזעלכער: אויב מיר זאגען, אז דער מענש איז נישט שולדיג אין די צרות, וואס קומען אויף איהם, מוז דאך די שולד פאר זיי פאלען אויף גאט, און אזוי ווי גאט קען דאך נישט שולדיג זיין, ווארום ער איז דאך די גערעכטיגקייט און די ערהרליכקייט זעלבסט, קומט דאך אויס ממילא, — אז דער מענש איז שולדיג און ער אליין ברענגט אויף זיך די צרות מיט זיינע זינד. די דאזיגע געלעהרטע האבען זיך בעמיהט צו דערוויזען, אז די סבה פון דאס שלעכטע איז דעם מענשענס זינד, און די סבה פון די זינד איז דער מענש אליין, ווייל זיין אויסוואהל (בחירה) איז אבסאלוט פריי, און ווען ער טוט שלעכטס, הייסט עס, אז ער האט פריי אויסגעקליבען דאס שלעכטע אנשטאט דאס גוטע.

אנדערע פון זיי (אריגיניוס א. א. וו.) האבען די מציאות פון דאס שלעכטע אבהענגיג געמאכט נישט בלויז פון דעם מענשענס זינד, נאר אויך פון די זינד פון פערשיעדענע שלעכטע רוחות, וועלכע האבען געזינדיגט פאר גאט באלד אין אנהויב פון דער וועלט-בעשאפונג און זענען אראבגעפאלען פון זייער הייליגקייט.

ס'פערשטעהט זיך, אז צווישען די דאזיגע חכמים האבען זיך געפונען אויך אזעלכע, וועלכע האבען זיך נישט בענוגענט מיט אזוינע פשוט'ע געדאנקען, און געזוכט צו פערענטפערן די מציאות פון דאס שלעכטע אויף א גאנץ אנדער וועג; אזוי, צום ביישפיעל, האט אווגוסטינוס געזוכט צו מאכען א פשרה צווישען דער געטליכער בעשטימונג און דעם מענשענ'ס אויסוואהל, און דערצו האט ער נאך געלערנט, אז דאס שלעכטע איז נישט קיין זעלבסטשטענדיגע זאך אן און פאר זיך, נאר בלויז די נעגאטיווע זייט פון דאס גוטע, און אז דאס דיענט נאר, פערקעהרט, אויסצופילען די אלגעמיינע הארמאניע פון דער וועלט; און אזוי האט אויך טאמאש דע אקווינע זיך בע-

מיהט צו פערשטעהן די מציאות פון דאס שלעכטע אויף פער־שיעדענע וועגען: אז דאס שלעכטע און דאס גוטע זענען אפשר בלויז נאר פערשיעדענע מדרגות פון גליק, א. א. וו. נאך אלעמען אבער בלייבט דאך דער יסוד פון זייער אנשויאונג — גאט'ס גערעכטיגקייט און דעם מענשען'ס זינד.

גאנץ אנדערש איז עס אבער מיט די אראבישע חכמים. נאכדעם, ווי דער איסלאם האט געלאזען א פלאץ פאר דעם טעארעטישען שכל, זיך צו ענטוויקלען און צו פערפאלקאמען, איז אט דער שכל געקומען אין זיין ענטוויקלונג אזוי וויט, אז ער האט אויפגעבויט גאנצע סיסטעמען און ברייטע אנשוי־אונגען בנוגע צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס. די דאזיגע סיסטעמען און אנשויאונגען זענען אויך נישט פריי אינ־גאנצען פון די רעליגיעזע בעגרענצונגען—אויך די אראבישע חכמים זענען אונטערגעווארפען דעם רעליגיעזען גייסט פונ'ם איסלאם. לויט זיין דורכשניטליכער נאטור איז אבער אט דער גייסט נישט פעהיג צו הערשען אונבעגרענעצט. זיינע מיי־נונגען פעראייניגען זיך הארמאניש מיט די מיינונגען פון דעם טעארעטישען פערשטאנד—פעראייניגען זיך, גיסען זיך צונויף און בילדען א זעלבסטשטענדיגען ארגאנישען וועזען.

צווישען די אראבישע חכמים האבען זיך געפונען אמת'ע פעסימיסטען. דער פילאזאף און פאעט אל־ראזי האט בעשלא־סען, אז דער מענש איז געבוירען געווארען נאר צרות און וועהטאגען איבערצוטראגען, און אז פאר איהם וואלט פיעל בע־סער זיין גארנישט בעשאפען צו ווערן, „ווארום ווען דו וועסט צוגלייכען דעם מענשענס מנוחה און פערגניגען אין זיין רוהיגער צייט צו די אלע וועהטאגען, אונגליקען, פעהלערן, פערליערען איברים, דאגות און צרות, וואס ער שטעהט אויס, וועסטו אויסגעפינען, אז די גוטע מינוטען אין דעם מענשען'ס לעבען ווערן איינפאך פערשלונגען אין די אייביגע יאהרען פון צרות און ליידען.

דער אויטאר פון דעם ספר „בן המלך והנזיר” (דער בן מלך און דער אסקעט), וועלכער איז שטארק נוטה צו בודדהא'ס מיינונגען, זעהט אין לעבען בלויז א פאלשע אילוזיע, שענע בילדער מיט א פוסטען אינהאלט. דאס זענען זיינע ווערטער:

„די ערד האט אנגעגעבען מתנות און געשאנקען דעם אונגליק און האט געבוירען פאלשקייט און איהם אויסגעטראגען, און זי האט זיך אויסגעפיינט און געעפענט דאס מויל און אויסגערופען אויף יעדען בארג, אין יעדער טהאל און אויף יעדער הויכקייט: „קומט, קינדער! עסט מיט מיר צוזאמען מיין ברויט און טרינקט און שפור'ט זיך אן מיט ווין און אייבערטען און קליידט זיך אן אין תכלת און פורפור און רוהט זיך אויס אונטער דעם שאטען פון צעדערן און קאשטאנען-בוימער. וואס קומט אבער ארויס דערפון, וואס זי מאכט דעם מענשען שען ווי די לויטערע זון, ווען מארגען וועט זי אומבייטען די טייערע קליידער אויף ווערים און דעם פאלאץ — אויף א געפענגניש מיט א שמאלען פאס פון דער לבנה?!"

ווי בודדהא, זאגט ער אויך, אז דעם מענשענס בעגעהר ווערט קיינמאל נישט ערפילט,

„זעהט: טעג, ווי ים'ן (אים העברעאישען: ימים כמו ימים). וואס מעהר דער מענש טרינקט פון זיי וועט ער אלץ גיכער שטארבען פון דארשט, און אזוי ווי האניג, אין וועלכען עס איז דא גיפט פערמישט — אין אנהויב איז עס זיס און שפעטער — ווערט א מהומה, און ווי א בליץ — אזוי לייכט עס אויף און געהט אויס, פאר זיין שיין געהט דער בלאנדזשענדער אין ליכטיגקייט; ווי אין א חלום, אזוי פרעהען זיך מיט איהם זיינע בעלי-בתים, זיי חאפען זיך אויף און — ס'איז גארנישטא".

און אזוי ווי בודדהא פיהלט ער אויך דעם צער פון דער וועלט און דריקט איהם אויס אין שטארקע, שארפע ווערטער:

זעהט:

די וועלט איז, ווי א שטאל, און
די טעג — ווי א היירט, און דער מענש, —
ווי די שאף און רינדער אין וואלד.

דער טוידט איז א ברייטע לאנקע, און
דארט פיטערט זיך, און דארט רוהט
דער מענש — אלט, גרוי און יונג.

דער קבר איז, ווי אַ טויער, און
אַלע מענשען געהען דורך דורך איהם —
ווער ווייסט, וואָס הינטערן טויער טהוט זיך?!

עס האָבען זיך געפונען צווישען די אַראַבישע דענקער אויך אָפּטימיסטען און זייער אָפּטימיזם טראָגט אויף זיך אַ הויכען, ערהויבענעם כאַראַקטער: ער איז געבויט אויף דער טיעפער בעאָבאַכטונג פון אַלע בעשעפּענישען און זייערע סבות. זיי האָבען גוט בעאָבאַכטעט די וואונדער פון דער נאַטור און איהרע פערבאָרגענישען, זיי האָבען טיעף דורכגעשטודירט די קלוגע אָרדנונג, וואָס הערשט אין דער גאַנצער וועלט-הנהגה, און דאָס האָט זיי געבראַכט צו דעם געדאַנק, אַז אין׳ם יסוד פון דעם געטליכען פערשטאַנד, וואָס פיהרט די וועלט, ליעגט עפּעס אַ גוטער תכלית, כאָטש מיר פערשטעהען איהם נישט און ער איז גאַנץ אָפּט פערבאָרגען פון אונז.

בעזונדער אויסגעדריקט און בעגרינדעט איז אָט דער אָפּטימיזם אין די ווערק פון דעם אַראַבישען חכם מחמד בן עלי בן עטיאַ, וואָס לויט זיין מוסטער האָט אונזער רבינו בחיי געשריבען זיין „חובת הלבבות“.

עס האָבען זיך געפונען צווישען די אַראַבישע חכמים אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך בעמיהט צו פערשטעהן די הנהגה פון גאָט און אַ פּשרה צו מאַכען צווישען דער געטליכער השגחה און דער נאַטור. זיי האָבען נישט גערעכט געמאַכט גאָט׳ס מעשים אויף דעם רעכנונג פון דעם מענשענס זינד — ווי עס האָבען געטהון די קריסטליכע געלעהרנטע —, נאָר זיך בעמיהט אַריינצודרינגען אין דעם שכל פון דער געטליכער הנהגה אַליין. אַנדערע פון זיי האָבען געזאָגט (די אַנהענגער פון אַריסטאָטלעס), אַז גאָט גיט זיך נישט אָב מיט קיין איינצעלהייטען. דער תכלית פון דער געטליכער השגחה איז בלויז אָבצוהיטען די מינים (געשלעכטער), דאָס אַלגעמיינע, זיי זאָלען נישט פערלוירען געהן, און דאָס איינצעלנע, דער פּרט, האָט פאַר איהר קיין בעדייטונג נישט.

אַזוי האָבען זיי, למשל, ערקלערט אַז „ס׳איז נישט פערהאַן קיין אונטערשיעד צווישען אַ בלאַט, וואָס פאַלט אַראָב פון

בוים און צווישען די חשוב׳ע צדיקים, וואס ווערן דערטרונקען; און אזוי איז אויך קיין אונטערשיעד נישט פערהאן צווישען א אקס, וואס האט ארויסגעווארפען זיין שמוץ אויף א מענגע מילבען און זיי זענען אויסגעשטארבען און צווישען א בנין, וואס זיינע פונדאמענטען האבען זיך א בראך געטאן, און ער איז איינגעפאלען אויף די אינוועניגסטע מתפללים, וועלכע זענען אזויערנאך אומגעקומען״.

אנדערע, ווידער, פון זיי האבען געזאגט: אמת טאקע, ס׳איז קיין אונטערשיעד נישט פערהאן צווישען אנ׳אראבגעפאלענעם בלאט און א דערטרונקענעם צדיק א. א. וו. די סבה דערפון אבער ליגט נישט אין דעם, וואס די פרטים (איינצעלנע) געפונען זיך אינגאנצען אינ׳ם רשות פונ׳ם בלינדען צופאל, נאר אין דעם — וואס גאט וויל אזוי.

דאס גוטע און דאס שלעכטע, וואס קומט אויפן מענשען, שטעהען נישט אין קיין צוזאמענהאנג מיט דעם מענשענס מעשים, — דאס איז אבהענגיג בלויז פון גאטס ווילען. קיין נאטירליכע סבה איז גאר אויף דער וועלט נישטא: גאט׳ס ווילען איז די סבה פון אלץ, וואס ס׳טהוט זיך אב אונטער דער זון. גאט׳ס ווילען איז העכער פון אלץ און שטעהט איבער אלץ. דער מענש דארף נאר זיך אונטערגעבען אט דעם ווילען און — שווייגען.

דאגעגען אבער האבען נאך אנדערע פון זיי געזאגט (די פון דער סעקטע מיטאזילא):

ס׳קען נישט זיין, גאט זאל בעגעהן א פערברעכען. גאט גיט אכטונג אויף יעדען איינציגען בעזונדער, אויף יעדען פרט, מעג ער זיין אפילו דער קלענסטער פון אלע קלענסטע. א ווערימעל ווען עס ווערט צוטרעטען, א פליעגעלע, ווען עס פלאנטערט זיך איין אינ׳ם שפינוועבס, א מויז, ווען די קאץ שלינגט זי איין — דאס אלץ ווערט נישט אבגעטהון אהן דער השגחה פון גאט.

„גאט בערויבט נישט דעם שכר פון יעדעם בעשעפעניש״ און „וויפיעל צער — אזוי פיעל שכר״.

ווי גרויס עס איז דעם מענשענס צער, אדער אויך זאגאר דער צער פון יעדער זאך, וואס לעבט אויף דער וועלט,

אלץ גרעסער איז דער שכר אויף דער און אויף יענער וועלט, ווייל גאט איז גערעכטיג און ער איז בעגלויבט צו בעצאהלען א גוטען שכר פאר דאס שלעכטע, פאר די צרות.

די יודישע געלעהרטע אינ'ם מיטעלאלטער.

די פערשיעדענע געדאנקען איבער דער פראגע פון גוטס און שלעכטס, וואס האבען איבערפילט די גרויסע און רייכע אראבישע ליטעראטור, האבען געפונען א אפקלאנג אויך אין דער יודישער ליטעראטור פון מיטעלאלטער און בעזונדער — אין דער יודיש-שפאנישער ליטעראטור.

צווישען אונזערע געלעהרטע אינ'ם מיטעלאלטער האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען געקוקט אויף דער וועלט פון א פעסימיסטישען שטאנדפונקט. ר' שלמה בן גבירול קלאגט זיך ביטער אין זיינע רייכע ליעדער אויף די צרות, וואס איין מענש פערטיילט דעם צווייטען — זיין חבר, און קומט צו דעם בעשלוס, אז „ווער עס האט א גוטע מיינונג וועגען דער מענשליכער נאטור, פערשטעהט נישט וואס צייט *) בעדייטעט".

ר' משה אבן עזרא קלאגט אויך ביטער אויף די מענשליכע פאלשקייטען, אויף זייערע שווינדלערייען, אויף זייערע פערדרעטערישע מעשים, און שליידערט דער גאנצער וועלט אין פנים זיין גיפטיג-ביטערע פעראכטונג:

„וואויל איז דעם, וואס זעהט די גאנצע גוט'ס פון דער וועלט אלס ווילדע גראז אין א גארטען פון קרייטיכער, און די וועלט איז אין זיינע אויגען איין אויסוואורף און אין פנים טהוט

---

*) מיט דעם ווארט „זמן" (צייט) פלעגען אונזערע פאעטען אין מיטעלאלטער זעהר אפט מיינען דעם גורל, דעם גזר, די וועלט-הנהגה.

ער איהר שפייען."

מיט אַ שטילען טרויער זענען דורכגעדרונגען די לידער פון ר' אברהם אבן עזרא, חאָטש אין זיין פילאָזאָפיע איז ער קיין פעסימיסט נישט געווען. אַ ביטערע פערצווייפלונג פיהלען מיר אין די פערזען פון „בן המלך והנזיר" אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ר' אברהם בן חסדאי; און אין אונזער ליטעראַטור פון מיטעלאַלטער האָבען מיר אַ גאַנץ ווערק זאָגאַר, וואָס אין זיין יסוד ליעגט אַ פערצווייפעלטער יאוש בנוגע צו אַלע לעבענס־אינטערעסען—דעם ספר „בחינת עולם" פון ר' ידעיה הפניני, וואָס איז בעוואוסט יעדען העברעאישען לעזער.

בעטראַכטענדיג דאָס ווערק אויבערפלעכליך איז אפילו גאַנץ לייכט אָנצונעהמען, אַז דער גרונד־געדאַנק פון דעם „בחינת עולם" איז נישט קיין פעסימיזם, נאָר אַמין אַסקעטיזם, און אַז דער יסוד פון דעם ספר איז, ווי דער יסוד פון אַלע „מוסר־ספרים": די וועלט איז גאָרנישט און דער מענש דאַרף זעהן זיך ערווערבען יענע וועלט. מיר האָבען אָבער נאָך אַ מוסר־ספר פון דעם זעלביגען זשאַנ'ר, וואָס דער „בחינת עולם" — מיר האָבען דעם „אבן בחן" פון ר' קלונימוס, און ווען מיר פערגלייכען עטליכע שטעלען פון די דאָזיגע ביידע ספרים, קומען מיר ערשט צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער צייט, ווען ר' קלונימוס רעדט בלויז ווי אַ מוסר־איד, רעדט ר' ידעיה, ווי אַ מענש, וואָס האָט געקענט די וועלט און זי פערשטאַנען מיט אַלע איהרע גרעסערע און קלענערע פעהלערן.

ער האָט טיעף עמפפונדען דעם מענשענס צער און פערשטאַנען אַלע זיינע בעגעהרען, שטרעבונגען און גלוסטונגען, ווי וויים נאַרעש זיי זענען, דעריבער זאָגט ער:

„די ליידענשאַפטען זענען פינסטערנישען, די כלי־זין — פוסטע זעקלעך, די פערלען — שטיינדלעך און די רויזען — דערנער; די גאוות — פייער־פלאַמען, וואָס געהען מיט'ן רויך אַוועק; די גאָלד־רענדלעך — פליעגען און אַלע מענשליכע פערגניגענס — בלויז טייוועלשע שטיק" *).

*) ביי רבי ידעיה הפניני איז די גאַנצע קראַפט פון אויסדריק אין

דער מענש ווארט שטענדיג אויף שפּעטער און האָפט בסדר, אויסגעלייזט צו ווערן פון זיינע צרות און גוטס צו דערלעבען; פון אלע האָפנונגען לאָזט זיך אָבער גאָרנישט אויס.

„ער האָפט אויפ'ן טאָג — פערגעהט ער, ער ווארט אויף די שפּעטערדיגע צייטען — און דאָס לעבען ווערט איהם נמאס און גרויזאַם, אויף ימים טובים — און גליטשט זיך דערווייל אויס די פיס, אויף יאָהרען — און עס ענדערען זיך די אָרדנונגען, אויף שמיטות — און ווערט ערגעץ פערדרוקט, אויף יובלים — און בלייבט אַנ'אָבל׳. *)

דער מענש יאָגט זיך נאָך געלד, נאָך כבוד, נאָך פערשיעדענע פערגניגענס; די דאָזיגע אלע זאַכען פערמעהרען אָבער ניט זיין גליק און לאָזען איהם גאָרנישט איבער.

„ווי אַ יונגעל, וואָס שפּיעלט זיך, נעהמט ער אָן אַ פּוּלען הויפען מיט זונען־שטראַהלען, און בלייבט שטעהן אין טיר אַ פערציטערטער — ער זעהט אין האַנד גאָרנישט"...

די איבערגאַנגען און אומוואַנדלונגען אין דער וועלט זענען אונגעהויער פיעל; קיין איינע פון די לעבענס־ערשיינונגען שטעהט ניט פעסט און מ'קען זיך אויף קיין זאַך ניט פערלאָזען:

„לייבען ווערן פערשאָלטען און יונגע לייבעלעך טהוען זיך שרעקען, פיהרערס ווערען פערשעמט און פירשטען ווערען (פון שאַם) בלאַס, פּרינצעסינס טרויערען אין זייערע גערטנער, בחורים טוען זיך אין לעכער בעהאַלטען און פאַשאַס —

שאַרפע קלאָרע בילדער, וועלכע זענען אָבער אויך אין דער זעלבער צייט עהנליך איינע צו די צווייטע אין וואָרט. ביין איבערזעצען קען מען אָט די לעצטע אייגענשאַפט, דעם „לשון נופל על לשון", ניט איבערגעבען, דעריבער געפינען מיר פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ אויך דעם אָריגינאַל:

„החשקים — מחשכים וכלי הנשקים — שקים, הפנינים צנינים והשושונים — קמשונים; הרהבים — להבים והזביבים — רבובים וכל תענוגות בני האדם — שדה ושדין"

*) יצפה ליום — יספה, יחכה לקץ ימים — יקוץ באמים, למועדים — ימעדו רגליו, לשנים — ישתנו סדריו, לשמטות — ישמט וליובלים — יתאבל"

חערן ווי דיענסטען אין נעץ געחאפט ״. *)

די גאַנצע הנהגה פון דער וועלט איז איין גרויסער כאָאָס, איין גרויסער תהו ובהו — אַלץ איז צוזאַמענגעמישט, אַלץ איז הפקר. און ר׳ ידעיה שרייט אויס מיט כעס:

„וועלט! קוואַל פון פערניכטונג און שאָדען! צי קענען מיר דען האָפען, אַז פון דיינע נאַרעשקייטען זאָל אונז עפּעס בלייבען, אַז מיר זאָלען לאָזען נאָך זיך עפּעס אַ וועג און אַ האָפנונג? דו קוואַל פון יעדען מאַנגעל! צי קענען מיר דען פון דיר ערוואַרטען עפּעס אַ גערעכעניש און אַ איבערבלייבעניש?... דערמיט זאָגסטו עדות אויף דיין שרש, דו העגדלערין פון הינדערנישען און שטערונגען, דו סוחר׳טע פון חסרונות; דער־מיט שרייסטו אויס דיין שאַנד, דו פלאַמענפרוי, ווירקענדיג דעם גאַנצען טאָג מיט דיין שלעכטיגקייט, אַראָבוואַרפענדיג מלכים פון זייערע פּלעצער און אַרויפזעצענדיג אַנשטאָט זיי קינ־דער פון דיענסטען״.

און ווייטער אין אַנ׳אָרט זאָגט ער:

„ווי אַזוי זאָל איך מיך פערלאָזען אויף דער צייט, ווען איהרע ווילען טרייסלען זיך? איהרע בערג הענגען אויף אַ האָר, וואָס דרעהט זיך אָהן אַנ׳אָנהאַלט; זי ענדערט זיך אין יעדען טייל פון איהרע מינוטען און געהט דאָ אַרויף און דאָ אַראָב אָהן אַ צאָהל; ווען איך זעה אַרום מיר איהרע טייערקייטען, דערקען איך גלייך די נאַרישקייט און די שאַנדע, וואָס איז זיי אָן דער זייט אָנגעהאַנגען, און ווען איך דערזעה אין מיין אוצר איהר גאָלד — פיהל איך גלייך די קופּערנע שלאַנג, וואָס שלעפּט זיך נאָך איהם נאָך. וואָס מעהר איך קוק מיך אַרום, אַלץ מעהר זאָג איך צו מיינע געדאַנקען: ווייסט און געדענקט, אַז אַלץ אַרום־און־אַרום מיינט נאָר שלעכטס צו טאָן״.

צו דעם אַלעמען האָט ר׳ ידעיה גוט געפיהלט און פער־שטאַנען אויך דאָס, וואָס עס האָבען פערשטאַנען און פערשטעהען נאָך איצט אויך בלויז געצעהלטע יחידים: דעם מענשען׳ס אייגזאַם־

---

*) אריות יוארו וגורים יגורו, כבשים יבשו ותורים—יתורו, סגנוה בגנות עגונות, בחורים—בתורים נחבאים ופחות—כשפחות בפחת ופח נלכדים״

קייט; דעם מענשענ׳ס אבהענגיגקייט פון יעדער נאטור=ערשיינונג, וואס רעגיערט מיט איהם, ווי מיט א שפיעל=צייג; דעם גרויסען צער, וואס דער מענש פיהלט דאן, ווען ער זעהט זיך פלוצלונג ארום, אז ער איז אין דערווירקליכקייט עלענד דא אויף דער וועלט, און אין יעדער רגע איז רעכט, עס זאל איהם בעגעגנען עפעס א אונגליק, פון וועלכען קיינער וועט איהם נישט מציל זיין׃

„צי קען איך מיך בערוהמען מיט מיין צייט און מיך פיהלען זיכער מיט איהר פון די ביטערע שרעקען און די גרויסע בהלות, (וועלכע) גאט האט געמאכט, כדי מ׳זאל מורא האבען פאר איהם? ווען איך זיץ מיר רוהיג אין שטוב און עס הויבט אן זיך טראגען א ווינד פון הימעל, א גרויסער און א שטארקער, און די פעלזען ווערן צושמעטערט, און די הויכע מויערן פאלען איין — וועט דען מיין גוף דאן זיכער זיין, ווען ער זאל אפילו איינגעמויערט זיין אין וואנד? צי וועל איך דען מיך ראטעווען פונ׳ם צארן, פון דעם דונער=שטורם, ווען דער מארך=ביין איז געבראכען, — אינ׳ם רעגען=טאג, ווען די בלענדענדע בליצען רייסען זיך ארויס, ווי פון ערד=שפאלטען... און דער קול פון רעגען, ווי דאס ברומען פון א סך וואסערן, פערהילכט מדינות, מאכט איינזינקען לענדער און ציטערן — גאנצע מחנות?!"

דעם יסוד אבער פון ר׳ ידעיה הפניני׳ס וועלט=אנשויאונג געפינען מיר אינ׳ם אכטען קאפיטעל פון זיין ווערק:

„די וועלט איז א שטורמדיגער ים, א אונענדליך=ברייטע טיעפעניש און די צייט — א שלעכטע בריק געבויט אויף איהם... די ברייט פון דער בריק איז, ווי די מאס פון א מענשען און קיין אנלעהנ׳ס זעגען אויך נישטא, און דו, מענש, איבער געוואלט מוזטו לעבען און געהן אויף איהם שטענדיג פון דעם טאג, וואס דו ווערסט געבוירען, און דו קוקסט דיך ארום: דער וועג איז קורץ און ס׳איז נישטא, וואו זיך א קעהר צו טאן רעכטס אדער לינקס. צי וועסטו דיך בערוהמען מיט דיין בריה׳שקייט און מיט דיין נאמען דאן, ווען דו זעהסט דעם טוידט און די פערניכטונג, ווי א מויער ארום דיר פון ביידע זייטען? וועסטו נאך מוט האבען? וועלען דיר נאך די הענד

דיִענען ?... וואס וועסטו טאָן דעם שטורם פון ים און זיין טומעל, ווען ער וועט זיך פונאַנדערלאָזען, פערפלייצען און זיך אריבערטראָגען אויך איבער דיין אכסניא און זי וועט צושוואומען ווערען... ווען דו וועסט אַפילו פייערן און שכור זיין פון דעם וויין פון דיין גרויסקייט, וואס האט דיך געגאַרט, פון דעם מילגראם=זאַפט פון דיין הויכמוט, וואס האט דיך איינגערעדט — ווי דו וועסט נאָר זיך אַ קעהר טאָן אַהער אָדער אַהין, געהסטו גלייך פערלוירען אין די שרעקליכע טיעפענישען און קיינער וועט דיין בלוט פון זיי נישט פאָדערן, וועסט געשליידערט ווערן פון איין תהום צום אַנדערן, פערשלונגען ווערן אין די פערבאָרגענישען פון ים און קיינער וועט דיך צוריק נישט אַרויסנעהמען”.

די פּאָעטישע נשמה פון ר׳ ידעיה הפניני קען נישט פערטראָגען די דאָזיגע שמוציגע און מיאוס׳ע וועלט און זי שטרעבט צו די העכערע, שענערע וועלטען. פון דעם גרויסען צער, וואס זי פיהלט, און נישט קענענדיג צוזעהן די אַלע גראָבקייטען און אכזריות=ען פון לעבען, ציהט זי זיך צו גאָט׳ס וואוינונג און גיסט אויס פאַר איהם איהר גאַנצע ביטערקייט און אַלע איהרע וועהטאָגען דערפון, וואס זי מוז אַזוי פיעל יאָהרען אָבלעבען אין דעם פינסטערן טהאָל, אין דער טרערען=וועלט. ווי פּלאַטאָ׳ס נשמה אין איהר צייט, געדענקט אויך ר׳ ידעיה׳ס נשמה דעם געטליכען מקור, פון וועלכען זי איז גענומען געוואָרען, און זי איז איינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט אַ אונענדליכער בענקעניש און מיט דער שטרעבונג, זיך צוריקצוקעהרען אַהין.

„אָט די דאָזיגע געעהרטע בת=מלך (די נשמה) טוט זיך דערמאָהנען דעם יחוס פון איהר משפחה און פון איהר פאָטער׳ס הויז, און זי ווייסט נישט, ווער עס האט זי אַהער געבראַכט. ווען זי פערטיעפט זיך אין איהר געדאַנק... און ווען זי דערמאָהנט זיך, אַז זי איז אַוועקגעשיקט געוואָרען פון אַ רוהעאָרט אין אַ אָרט פון כעס און צאָרן, וואו זי מוז אַרבייטען די ערד, און אַז זי איז פערטריעבען געוואָרען פון קעניגליכען הויף... וואס האט עס איהר גאָט אָבגעטאָן — אַרויסצונעהמען איהר געצעלט פון איהר אַמאָליגען פּאַלאַץ, זי זאָל וואוינען צווישען פרעמדע, וועלכע זי האט קיינמאָל נישט

געקענט, אַרויסצושיקען צום טייוועל אַ איידעלע סערנע, װאָס האָט קיינמאָל נישט פּראָבירט אַ פּוס אָװעקשטעלען אויף דר׳ערד! אויב איהר בעשעפער האָט זי פערקויפט און איהר גאָט האָט זי דערצערענט און ערד האָט ער פאַר איהר ברויט געמאַכט און שטיקער בלאָטע האָט ער איהר צו פערזוכען געגעבען, כדי זי צו פערביזערן, דאַרף זי דאָך שווייגען און זיך שעמען, און ווען דער פאָטער טוט איהר אין פנים שפּייען, דאַרף זי דאָך פון חרפּה רויט ווערען... אויב איך בין אַוועקגע׳גנב׳עט געוואָרען פון אַ בכבוד׳יגען, רוהיגען אָרט און דאָ האָב איך אויך גאָרנישט אויפגעטאָן, אום מיך אויסצובעסערן, — איז דאָך שוין בעסער צו זיין מיט יענע, וועלכע זענען גאָר ניט געוועזען!"

און עס זוכט זיך די נשמה אַ טרייסט און געפינט איהם אין דער — אמונה. ר׳ ידעיה זוכט זיך אַ שוץ, אַ אָרט צום אַנטלויפען און געפינט עס — ביי גאָט.

פון דעם אופן אָבער, ווי אַזוי ער האָט דעם טרייסט געזוכט און ווי אַזוי ער האָט פערשטאַנען דעם מענשען׳ס גורל אויף דער וועלט — דערקענען מיר, אַז ער פיהלט דאָס שלעכטע גאַנץ טיעף, און אין דעם זין שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ פּעסימיסטען־טיפּ פון די יודישע געלעהרטע אום מיטעלאַלטער.

דער פאָלקאָמער קאָנטראַקט פון איהם אין אונזער ליטעראַטור איז ר׳ בחיי אבן פּקודה, וועלכער האָט געלעבט אַ סך פריהער פון איהם. ער אַנערקענט גאָט׳ס גרויסקייט נישט פון וועהטאָג, נאָר פון וואוילטאָג: פון דער אונגעהויערער גוטסקייט, וואָס ער זעהט אין דער נאַטור. ער אָבסערווירט אַלע בעשעפענישען פון דער וועלט און געפינט אין זיי אַ אונגעהויערע קלוגהייט, אַ וואונדערבאַרע רעגעלמעסיגקייט און אַ מערקווירדיגען תכלית. „בעטראַכטען די בעשעפענישען הייסט בעטראַכטען די יסודות פון דער וועלט און די פאָלגען, וואָס זענען פערבונדען מיט זיי, און דעם כאַראַקטער פון די טיילען פון יעדען צוזאַמענגעזעצטען וועזען און די אופנים, ווי זיך צו בענוצען מיט איהם, און די סימנים פון דער געטליכער חכמה אין זיין ענטשטעהונג, אין זיין געשטאַלט און אין דער פאָלקאָמענער פאָרם, אין וועלכער ער איז בעשאַפען געוואָרען און די שענע גייסטיגקייט פון דער וועלט, און די סבות

און פּאָלגען און די שענע האָפנונג, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פאַר איהם; און צו וויסען די רוחניות (גײַסטיגקײַט) פון דער וועלט און איהר גשמיות (קערפּערליכקײַט) און דעם מדבר (אַלע בעשעפּעניש, וואָס קענען רעדען) און דעם דומם (די מינעראַל=וועלט) און וואַנדערונגען און אומוואַנדלונגען און איהרע פערגלײַ=ווערטע טײַלען און איהרע פּלאַנצונגען און דאָס אויבערשטע און דאָס אונטערשטע, און (וויסען דערצו), אַז דער בּורא יתבּרך האָט דאָס צונויפגעפּאָרט און צוזאַמענגעזעצט און אײַנגעשטעלט אין דער פאָלשטענדיגסטער אָרדנונג און דאָס אײַנגעטײַלט אין בעשטימ=טע טײַלען און בעשטימט אַז ער (דער וועלט=אַל) זאָל סימבּאָלי=זירען די גאָטהײַט און ווײַזען אויף איהר, ווי עס ווײַזט די מלאָכה אויף איהר טהוער און דער בנין אויף זײַן בּויער".

דער מענש דאַרף זיך אונטערגעבען דער געטליכער מאַכט. און אַלץ אָננעהמען פאַר ליעב; דער מענש דאַרף אײַנבּויגען דעם קאָפּ פאַר יעדען שטראָם, וואָס טראָגט זיך פערבּײַ איבּער זײַן קאָפּ, און דאַנקען גאָט דערפאַר. דער מענש דאַרף אפילו איין סעקונדע נישט פערגעסען די אַלע טובות, וואָס גאָט האָט איהם אַרויסגעוויזען פון דער צײַט, וואָס ער האָט די ליכטיגע שײַן דערזעהען. וואָס'ער בעדײַטונג האָט דאָס ביסעל צרות אינ'ם מענשען'ס לעבען געגען דער גרויסער צאָהל חסדים, וואָס גאָט טהוט מיט איהם אויף יעדען טריט און שריט און אין יעדער מינוט. דער מענש דאַרף שטענדיג געדענקען, אַז ער איז גאָט אַ סך שולדיג און גאָט איהם — גאָרנישט, פאַר יעדע גוטע מינוט אין זײַן לעבען און פאַר דער קלענס=טער הנאה דאַרף ער זיך פרעהען און גאָט דאַנקען, ווײַל דאָס אַלץ איז איהם אומזיסט געשענקט. אָט אַזוי דאַרף דער מענש לעבען: ער דאַרף פּאָרען פון לעבען וואָס וועניגער און פערשטעהן זײַן בעדײַטונג און זײַן ווערט. ער דאַרף זיך שטענ=דיג פערטיפען אין גאָט'ס וואונדער און זיך בעהעפטען מיט איהם, זיך איבערגעבענדיג אונגאַנצען גאָט'ס ווילען און גלויבענ=דיג אין איהם מיט לײַב און זעעל.

"די נוצען פון בטחון אויף דער וועלט זענען פערשיעדען: ערשטענס — די מנוחה פון האַרצען בנוגע צו די וועלטליכע זאָרגען, די זיכערע רוהיגקײַט פונ'ם מענשען בנוגע צו דעם

צער פון נישט קענען ערפילען די קערפערליכע תאוות, און דער מענש געפינט זיך אויף דער וועלט אין שטילקייט, אין זיכערקייט און אין רוהיגקייט, ווי עס שטעהט געשריבען: „געבענשט איז דער מענש, וואס פערלאָזט זיך אויף גאָט און האָט בטחון אין איהם.“ און נאָך איז געזאָגט: „און ער וועט זיין ווי א בוים, וואס איז געפלאַנצט אויף א וואסער און לאָזט זיינע וואָרצלען אין א טייכטען באָדען א. א. וו.“; צווייטענס — דעם מענשענ׳ס מנוחה בנוגע צום לאָזען זיך אין ווייטע וועגען, וואס עס נעהמט אַרוים די כחות און פערקירצט די יאָהרען פון לעבען, ווי עס שטעהט געשריעבען: „ער האָט געפייניגט אין וועג מיין כח ער האָט מיר פערקירצט מיינע טעג א. א. וו.; און דער, וואס האָט בטחון אין גאָט, זוכט זיך אויס פון אַלע ענינים נאָר יענע, וואס גיעבען מעהר מנוחה פאַר׳ן גוף און א גוטען נאָמען און צייט פאַר׳ן האַרצען... ווייל ער ווייס, אַז דער בורא יתברך פערריכט שוין זיינע געשעפטען און וועהלט אויס פאַר איהם בעסער, ווי ער אַליין וואָלט פאַר זיך אויסוועהלען, ווי עס שטעהט געשריבען: „נאָר צו גאָט טהוט מיין נשמה בעטען, ווייל אין איהם ליעגט מיין האָפנונג“. דריטענס — דעם מענשענס שמחה ביי יעדער ענין, וואס קומט איהם פאָר, ווען עס איז אפילו געגען זיין נאַטור, ווייל ער איז זיכער אין גאָט, אַז ער וועט טהאָן נאָר דאָס, וואס איז גוט פאַר איהם, ווי עס טהוט די גוטע מוטער מיט איהר קינד. וואס זי וואַשט עס און וויקעלט עס און בינדט עס ארום און בינדט עס צוריק אויף, ווי דוד המלך האָט געזאָגט: „בין איך דען ניט גלייך און שטוםהאָפענד ווי א קליין קינד אין מיין מוטערס שוים, ווי א קינד איז מיין נשמה“.

ר׳ בחיי זעהט אין דער וועלט גוטס אָהן א גרענעץ. וואו ער ווענדעט זיך, זעהט ער אָרדנונג און קלוגהייט, נוצען און בעקוועמליכקייט, ליכטיגקייט און פרייד. ער געפינט גאָרנישט געגנוג ווערטער אויסצודריקען די אַלע מיני חסדים און טובות, וואס גאָט ווייזט אַרוים זיינע בעשעפענישען די אַלע קלוגקייטען, וואס גאָט האָט זיך געקליגט, אום די נאַטור זאָל אַרויסקומען וואס מעהר פאָלקאָם און וואס מעהר צוגעפּאַסט צו דעם געווינשטען ציעל, וועלכער בעשטעהט איינענטליך בלויז אין דעם

דער מענש זאל זיך פיהלען וואס בעסער און גליקליכער.

„די חכמה פון דעם בורא יתעלה — זאגט ר׳ בחיי צום מענשען — האט דיר בעשאפען די וועלט מיט אלץ, וואס ס׳געפינט זיך אין איהר פון מינעראלען. געוויקסען און לעבעדיגע בעשעפענישען לויט א בעשטימטען פלאן און מיט א רעכטער הנהגה, און אלץ איז געמאכט געווארען פון דיינעטוועגען, און ער האט פאר דיר אויסדערוועהלט דאס בעסטע פון זיינע שאפונגען, אלץ איז אויפן פלאץ און צוגעפאסט צו דער וועלט לויט דער סבה, לויט די פאלגען און לויט דעם כאראקטער; און ער האט דיר אויפגעפענט פינף טויערן, וואס פיהרען צו דער וועלט, און אנידערגעשטעלט נעבען זיי פינף פון זיינע איבערגעגעבענע וועכטער, די טויערן זענען: די ארגאנען פון די חושים, די אויגען, די אויערען, די צונג, די נאז און די הענד; און די וועכטער זענען: די פינף חושים — דער חוש פון זעהען (חוש הראיה), דער חוש פון הערען (חוש השמיעה), דער חוש פון שמעקען (חוש הריח), דער חוש פון געשמאק (חוש הטעם) און דער חוש פון אנטאפען (חוש המשוש) — מיט וועלכע די קענסט ערדייכען דיינע אלע נוצען אויף דער וועלט א. א. וו.״

אזוי זעהען מיר אין ר׳ בחיי אבן פקודה דעם טיפ פון אן אבסאלוטען אפטימיסט צווישען די יודישע חכמים פון מיטעלאלטער.

ר׳ ידעיה הפניני און ר׳ בחיי גלויבען ביידע אין דער געטליכער השגחה מיט דער גאנצער קראפט פון זייער נשמה; זיי געהען אבער ארויס פון צוויי פערשיעדענע שטאנדפונקטען: דער ערשטער אנערקענט דאס שלעכטע פון דער וועלט און זוכט שוץ ביי גאט; און דער אנדערער זעהט בלויז דאס גוטע און איז דורכגעדרונגען מיט דאנקבארקייט צו זיין ליעבען נאמען פאר די חסדים, וואס ער טהוט מיט׳ן מענשען.

נאהנט צו ר׳ בחיי׳ן אין זיין אנשויאונג בנוגע צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס איז ר׳ יהודה הלוי, וועלכער דריקט אוים — אין זיין „כוזרי״, — מיט א אונגעוועהנליכער קראפט דעם תמצית פונ׳ם העכערן אפטימיזם.

ער זאגט:

„און ער זאל (דער אמת׳ער, גאטספארכטיגער יוד) קלאר

מאַכען בײַ זיך אין האַרצען די גערעכטיגקײַט פֿון גאָט׳ס משפּט, אַזאַ גערעכטיגקײַט, וואָס זאָל איהם שיצען און בעוואָרענען פֿון די אַלע אָנשיקעניִשען און אונגליקען, וואָס געשעהען אין דער וועלט, (און דאָס וועט ער ערדרײַכען דאַן) ווען ער וועט אַלײן גוט דורכגענומען ווערן מיט דער גערעכטיגקײַט פֿון דעם, וואָס האָט בעשאַפֿען אַלע לעבעדיגע און שפּײַזט זײ און פֿיהרט זײ מיט זײַן חכמה... און אויב זײַן פֿערדרעהטער מוח וועט וועלן אָנווײַזען אויף דער אונגערעכטיגקײַט דערפֿון, למשל, וואָס דאָס קלענערע ווערימ׳ל ווערט אײַנגעשלונגען פֿון דעם גרעסערן, וואָס די פֿליעג ווערט אויסגעזויגען פֿון דעם שפּין, וועט קומען דער שכל און אָנשרײַען אויף איהם: ווי אַזוי קען איך עס צושרײַבען אַזאַ אונגערעכטיגקײַט דעם חכם, וואָס אונז איז שוין לאַנג קלאָר זײַן גערעכטיגקײַט און וואָס נויטיגט זיך נישט אין קײַן עולה...? און דער, וואָס וועט דאָס אַלץ קלאָר מאַכען בײַ זיך אין האַרצען, וועט זײַן אַזוי ווי מ׳דערצעהלט פֿון ר׳ נחום איש גם זו, וואָס עס וועט איהם נישט פֿאָרקומען, וועט ער אַלץ זאָגען: גם זו לטובה (דאָס איז אויך צום גוטען), און ער וועט שטענדיג לעבען רוהיג, און וועט קײנמאָל קײַן שווערע צרות נישט פֿיהלען און וועט זיך נאָך אפשר, פֿערקעהרט, פֿרעהען מיט זײ, ווען ער וועט שפּירען בײַ זיך עפּעס אַ זינד, — אַזוי ווי ווען ער וואָלט אָבצאָהלען אַ חוב און זיך פֿרעהען דערמיט, וואָס ער ווערט ענדליך בעפֿרײַט פֿון איהם... און דאָס זעלבע וועט ער פֿיהלען אויך בנוגע צו די אַלגעמײַנע צרות, ווען ס׳וועלען זיך איהם אָנהויבען פּלאָנטערן אין קאָפּ די געדאַנקען וועגען דעם שווערען גלות און וועגען דער עלענדער פֿערוואָגעלטקײַט פֿון דער אומה און וועגען דעם, וואָס פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק איז געוואָרען צוליעב דער אָרעמקײַט און דער דערשלאָגענקײַט, — וועט ער זיך אויך פֿריהער טרײסטען מיט דער גערעכטיגקײַט פֿון גאָט׳ס וועגען, ווי איך האָב שוין געזאָגט און דערנאָך מיט דער אָבקומעניש פֿאַר זײַנע זינד און מיט דעם שכר, וואָס איהם שטעהט פֿאָר אויף יענער וועלט און דערמיט, וואָס ער איז אויך אַ שותּף צו דער געטליכער זאַך אויף דער וועלט; און אויב דער שטן וועט איהם וועלן אָבּרעדען דערפֿון, זאָגענדיג: צו וועלען דען אָט די טרוקענע בײנער אַמאָל לעבעדיג ווערען א. א. וו., אום צו פֿערגרעסערען אונזער אונגליק,

וואס מיר זענען אויס פאלק געווארען און וואס אונזער אנדענקען איז פערגעסען געווארען, ווי עס שטעהט געשריבען: „עס זענען איינגעטריקענט געווארען אונזערע ביינער, אונזער האפנונג איז פערשוואונדען געווארען, מיר זענען פערלוירען״, — וועט ער זיך דערמאהנען אן דעם פאקט פון יציאת מצרים און אן די אלע זאכען, וואס זענען אויסגערעכענט אין דעם (פיוט פון דער הגדה:) כמה מעלות טובות למקום עלינו, און דאן וועט איהם שוין נישט אויסזעהען אזוי ווייטלויפיג (די האפנונג), אז מיר וועלען זיך נאך אומקעהרען צו אונזער אמאליגען גלאנץ, אפילו אויך אין דעם פאל, ווען עס וועט פון אונז נישט איבערבלייבען מעהר, ווי איין איינציגער יוד, ווי עס שטעהט געשריבען א. א. וו.״

דאס איז איינער פון די עיקרים אין דער אנשויאונג פון ר׳ בחיי און ר׳ יהודה הלוי: דער מענש דארף געדענקען, אז אליין פאר זיך פערדיענט ער גארנישט קיין גוטס און נאר גאט מיט זיין גנעדיגקייט הויבט איהם אויף און פיהרט איהם, ווי דער ערציהער פיהרט דאס קינד. דער מקור פון אלע טענות און פרעטענזיעס צו דער השגחה ליעגט, נאך זייער מיינונג, אין דעם, וואס דער מענש בעטראכט דאס גוטע, ווי א זאך, וואס קומט איהם, וואס פאסט פאר איהם, און דאס שלעכטע, ווי א זאך, וואס איז גארנישט צוגעפאסט צו זיין ווערדע, אין דער צייט, ווען דער אמת איז גאר ריכטיג פערקעהרט: קומען קומט דעם מענשען דאס שלעכטע, ווייל ער איז פול מיט זינד און פערברעכענס, און נאר גאט׳ס רחמים דערוועקען זיך און טהוען איהם גוטס. און ווען דער מענש הויבט אן דאס אלץ צו בעגרייפען און אויפצופאסען, נעהמט ער אן די אלע צרות און שלעכטיגקייטען און יסורים, ווי א נויטווענדיגען רעזולטאט פון זיינע זינד, און אויף יעדען שפור פון גוטס פרעהט ער זיך, ווי איבער אנ׳אונערווארטעטער מציאה.

„דאס איז פון די נוצען, זאגט ר׳ יהודה הלוי, וואס די ברכות ברענגען דעם, וואס איז געוואוינט זיי צו זאגען מיט כונה און מיט א געוויסער פארבערייטונג, ווייל זיי דריקען אויס דעם פערגניגען, וואס די נשמה פיהלט, און דעם דאנק צו גאט דערפאר, וואס ער האט זי געלייטזעליגט; און (ווען ער וועט פיהלען), אז ער איז שוין בערייט געווען דאס צו פערליערען, דאן וועט

זיין שמחה נאָך גרעסער זיין; אָט ווי דו זאָגסט, למשל: שהחיינו וקימנו (דו האָסט אונז געלאָזט לעבען און דערהאַלטען), און די ביזט שוין גרייט געוועזען צום שטאַרבען, איז ווען דו דאַנקסט (גאָט דערפאַר), וואָס ער האָט דיך געלאָזען לעבען, פיהלסטו אַ דערלייכטערונג און עס ווערט ביי דיר אין די אויגען פיעל גרינגער די קראַנקהייט און דער טויט ווען זיי וועלען קומען, וויילדו האָסט דיך בעקלערט מיט דיין נשמה און געזעהן, אַז דו פערדיענסט פון דיין בעשעפער, אַז דו אַליין מיט דיין נאַטור ביזט קיין גוטס נישט ווערט, ווייל דו ביזט ערד און שטויב, און ווען גאָט גיט דיר יאָ גוטס אין לעבען און פערגניגענס, דאַרפסטו איהם דאַנקען דערפאַר, און ווען ער נעהמט דאָס צו פון דיר, דאַרפסטו איהם אויך דאַנקען און דיענען און זאָגען: „גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוריקגענומען זאָל גאָט'ס נאָמען זיין געבענשט", — און דו וועסט דעם גאַנצען לעבען צופריעדען זיין".

אויסער די צוויי אַנשויאונגען, וואָס מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען, זענען צווישען די יודישע חכמים פון יענער תקופה פערהאַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבען גאַנץ טיעף פערשטאַנען די קראַפט פון דאָס שלעכטע, וואָס הערשט אין דער וועלט, נאָר זיי האָבען אַנערקענט צוזאַמען דערמיט, ווי די אַראַבער, די מעטאַזיליער, אַז פאַר דער מינדעסטער קליינינקייט שלעכטס, וואָס געשעהט אפילו דעם מינדעסטען ווערימ'ל, צאָהלט גאָט אָב מיט גוטס. מיט דער מיינונג האָבען איינגעשטימט עטליכע פון די שפּעטערדיגע גאונים.

די מיינונג אָבער פון דער אַראַבישער „אַשעריה", האָט אין אונזער ליטעראַטור פון יענער תקופה, קיין איינציגען אַנהענגער נישט געפונען. דאָס געפיהל פון גערעכטיגקייט האָט נישט געלאָזען אונזערע חכמים אָננעהמען די מיינונג, „אַז גאָט פיהרט די וועלט אָהן יושר". די סבה פון אַלעם גוטעם און שלעכטעם, וואָס מיר בעגעגענען אין דער נאַטור איז נישט דער דעספּאָטישער געטליכער „ווילען", נאָר דער געטליכער „דין", דאָס געזעץ.

די אַנשויאונג פון אַריסטאָטלעס, ווי עס האָבען זי אויסגעטייטשט די אַראַבישע חכמים, האָט זיך אויך געפונען אַ פּלאַץ אין

אונזער ליטעראַטור פונ׳ם מיטעלאַלטער. אין די ספרים פון עטליכע יודישע געלעהרטע ווערט דערמאָהנט די מיינונג, אַז גאָט ווייס נאָר פון מינים, פון געשלעכטער, און די אינדיווידען האָבען פאַר איהם קיין בעדייטונג נישט; אַרויסגעזאָגט ווערט די דאָזיגע מיינונג נישט קלאָר, נאָר ברמז — זיי האָבען זיך בעמיהט איינצווויקלען זייער צאָרענדיגען פערדרוס אין אַ מעטאַפיזישער הילע.

דער איינציגער אָבער, וואָס האָט געפּרובט זיך פונאַנדערקלייבען אין די אַלע סיסטעמען און מיינונגען פון דער אַראַבישער און העברעאישער ליטעראַטור וועגען דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס און אויפבויען אַ גאַנצען אָפּטימיסטיש-פילאָזאָפישען סיסטעם אויף דעם יסוד פון אַריסטאָטעלעס הנחות — איז געווען דער רמב״ם (ר׳ משה בן מימון).

דער ערשטער עיקר פון דעם רמב״ם׳ס שיטה איז, איינשטימונג מיט אַריסטאָטעל׳ן און די אַנדערע גריכישע חכמים — אַז דער מקור פון אַלדאָס בייז איז די מאַטעריע, דער קערפּער. דאָס שלעכטע איז בלויז די נעגאַטיווע זייט פון דאָס גוטע (ווען מ׳זאָגט, אַז איינעם איז שלעכט, הייסט עס בלויז, אַז איהם איז נישט גוט), די מאַטעריע איז אינגאַנצען נעגאַטיוויטעט, ווייל דער גאַנצער עיקר פון דער מאַטעריע איז דאָס, וואָס זי האָט קיין שום פאָרם נישט, און דאָס איז דער מקור פון אַלע חסרונות און שלעכטיגקייטען. די דאָזיגע ערשיינונג ליגט אין די געזעצען פון דער נאַטור, ווייל עס קען נישט זיין קיין פאָרם אָהן אַ קערפּער, און דער קערפּער איז בעצם שלעכט.

„די אַלע פערהאַנגענע זאַכען זאָגט דער רמב״ם, וואָס געהען פערלוירען, ליידען דעם שאָדען זייערן נאָר צוליעב זייער קערפּער און נישט צוליעב קיין אַנדער זאַך; פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דער פאָרם אַליין וואָלטען זיי אייביג זיין. וואָרום דו זעהסט דאָך, אַז די פאָרמען פון די אַרטען בלייבען אייביג. אמת, עס טרעפט אַמאָל צופעליג, אַז די פאָרם ליידט אויך וועלכען ס׳איז שאָדען, דאָס איז דערפאַר, וואָס זי בעהעפט זיך מיט׳ן קערפּער, און די טבע פון יעדער קערפּערליכער זאַך איז, אַז זי קען זיך נישט אָבטיילען פון דאָס נעגאַטיווע און שלעכטע, און דעריבער דערהאַלט זיך נישט ביי איהר די פאָרם, נאָר עס פערליערט איין פאָרם און נעהמט אָן אַן׳אַנדערע״. „דו קענסט זעהען ביי׳ם מענ-

שען, למשל, אַז זײַן מיאוס געזיכט און זײַנע פעהלערהאַפטיגע גליעדער, אָדער די שוואַכקײַט פון אַלע זײַנע טועכצען און זײַערע חסרונות, איז קײַן אונטערשיעד נישט פערהאַן, צי דאָס אַלץ איז פון געבוירען־טאָג אָן אַזוי, צי דאָס ווערט בײַ איהם אַלע מאָל פון דאָס נײַ — די אַלע זאַכען געהערן נאָר צו דעם קערפּער און נישט צו דער פאָרם; און אַזוי איז מיט יעדען לעבעדיגען וועזען — עס ווערט קראַנק און שטאַרבט נאָר צוליעב דעם קערפּער, און נישט צוליעב דער פאָרם. און אַלע זינד און פערברעכענס האָבען אויך אַ שיכות נאָר צום חומר, צום קערפּער, און נישט צו דער צורה, נישט צו דער פאָרם; און דער משל דערפון איז, אַז דעם מענשעס כח משיג צו זײַן דעם בעשעפער און אַלע העכערע זאַכען און דאָס, וואָס ער פערשטעהט, ווי זיך צו בעגעהן מיט זײַנע תאוות, און זײַן בעהאַלטען, וואָס ער דאַרף אָננעהמען און וואָס ער דאַרף דערווײַטערן פון זיך — דאָס אַלץ קומט פון דער פאָרם; אָבער זײַן עסען און טרינקען און פערקעהרען מיט פרויען און אַלע זײַנע תאוות און זײַן כעס און די איבריגע שלעכטע מדות, וואָס געפינען זיך אין איהם — אַלץ קומט פון חומר, פון קערפּער".

און אויב אַזוי — איז פערהאַן איין גלײַכער וועג פאַר יעדען מענשען, ווי אַזוי זיך צו בעפרײַען פון אַלע שלעכטע זאַכען: אויפצוהויבען די פאָרם איבער דעם קערפּער, דעם שכל — איבער די תאוות. און דער מענש איז אימשטאַנד דאָס צו טהון, ווײַל ער בעזיצט די אַבסאָלוטע, פאָלשטענדיגע פרײַהײַט צו לעבען, ווי ער וויל. און אויב ער טהוט עס נישט, ד. ה. אויב ער לאָזט זיך פיהרען פון זײַנע מיאוסע תאוות, אויב ער שטעהט אוים אַלערלײַ צרות און וועהטוגען פון קנאה, נקמה, כעס און נאָך אַזעלכע שלעכטע אינסטינקטען — איז ער זיך אַלײַן שולדיג אין דעם אַלעמען און קען צו קײַנעם קײַנע טענות נישט האָבען.

די גרונד־סבה פון דעם מענשענס שלעכטסיגקײַטען איז זײַן אָרעמער אינטעלעקט, זײַן אָרעמעס וויסען. ווען דער מענש קומט צו צו אַ פאָלשטענדיגע אויפפאַסונג פון אַלע ערשײַנונגען און צו אַ קלאָרער איבערצײַגונג — טהוט ער שוין קײַנעם קײַן שלעכטס נישט און זיך אַלײַן אויך נישט. די אַלע שלעכטע

זאכען, וואס מיר זעהען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, שטאמען אויך בלויז פון דער אונוויסענהייט, פון דעם שוואכען דענקען. דערביי זענען זעהר כאראקטעריסטיש דעם רמב״ם'ס ווערטער וועגען דעם ענין:

„די דאזיגע אלע שלעכטסיגקייטען, וואס קומען פאר צווישען איין טייל מענשען און דעם אנדערן, לויט די כונות און די תאוות און די מיינונגען און די אמונות, זיי אלע ציהען זיך צו די שלעכטע זייטען, ווייל זיי זענען גענויגט צו נארעשקייט, ד. ה. צו דער נעגאטיוויטעט פון קלוגהייט. אזוי ווי דער בלינדער, ווייל איהם פעהלט די פעהיגקייט צו זעהען, פאלט ער שטענדיג, צוקלאפט זיך אליין און צושעדיגט אנדערע אויך, ווייל ער האט נישט קיינעם, וואס זאל איהם ווייזען דעם וועג; דאס זעלבע קומט פאר מיט די מענשליכע כתות און פארטייען: צוליעב זיין נארעשקייט בעגעהט יעדער מענש איבער זיך אליין און איבער אנדערע גרויסע פעהלערן געגען די געזעצען, (וואס פאסען פאר די מיטגליעדער) פון דעם געשלעכט. און ווען דא וואלט זיין די חכמה, וועלכע שפיעלט בנוגע צו די מענשליכע נשמה די זעלביגע ראלע, וואס דער חוש הראיה בנוגע צו די אויגען, וואלט ער שוין זיך אליין און קיין אנדערן קיין שאדען נישט אנגעטהון, ווייל דארט, וואו ס'הערשט דער אמת, איז נישטא קיין שנאה און קיין קריעגערייי און מענשען הערען אויף שאדען אנצוטאן איינער דעם אנדערן. דער נביא האט שוין נביאות געזאגט: „און עס וועט וואוינען א וואלף מיט א שעפס".

און אויב דער מענש אליין איז שולדיג אין די אלע צרות וואס קומען אויף איהם; אויב דער מקור פון אלע שלעכטקייטען איז נאר דער שוואכער שכל און דאס ארעמע וויסען, — האט דאך קיין שום זין נישט די אנערקענונג פון המון, אז „שלעכטס איז פערהאן אין דער וועלט מעהר, ווי גוטס". אמת, ס'איז טאקי פערהאן א סך שלעכטס; דער מענש מיט דעם פאלשטענדיגען פרייען אויסוואהל איז דאך אבער אימשטאנד זיך אבצוהאלטען פון איבריג עסען, פון אויסאיבען פערשיעדענע תאוות, וואס נעהמען צו די כחות, פון צופיעל אנשטרענגען זיך, פון

פערשיעדענע אַרבייטען, פון דער ליידענשאַפטליכער ליעבע צום איינגעבילדעטען כבוד, פון יאָגען זיך נאָך מותרות (לוקסוסען), פון קאָנקורענץ, פון קריגערייען און אַרומרייסענישען, פון שלעגערייען און מלא חמות, פון טאָן ווען ס'איז די מינדעסטע רעה און אַזוי ווייטער — און ממילא וועט ער זיך און אַנדערע בעפרייען פון אַלדאָס בייז.

אמת, ס'זענען פערהאַן אַזעלכע צרות, וואָס שטעהען גאָרנישט אין קיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מענשענס חכמה אָדער נאַרעשקייט, ס'זענען פערהאַן דונערן, בליצען, שטורעמס, ערדציטערנישען, מגפות און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס קומען צופעליג; אויסער דעם אָבער, וואָס די דאָזיגע נאַטור־אונגליקען זענען פערהעלטניסמעסיג גאַנץ ווענינג געגען די צרות, וואָס דער מענש טהוט זיך אַליין אָן און וואָס ער פערשאַפט דעם אַנדערן מענשען, — אויסער דעם, האָט בכלל קיין זין נישט מתרעם צו זיין אויף זיי, ווייל זיי ליעגען אין דער נאַטור פון די זאַכען, און מ'קען נישט מתרעם זיין אויף דעם, וואָס מוז זיין, ווייל די נאַטור פון דעם ערדישען אָדער פון דעם מענשליכען קערפער צווינגט איהם דערצו. דער קערפער אַלס אַזעלכער, וואָס נעהמט אָן היינט אַזאַ פאָרם און מאָרגען אַנ'אַנדערע, האָט די אַלע פעהלערן און נעגאַטיווע זאַכען אין זיך און אין דעם אַליין זענען שוין איינגעשלאָסען אַלע צרות און אונגליקען.

נאָך דעם אַלעמען אָבער קען דאָך נאָך אַלץ קומען איינער און פרעגען: גוט, דאָס ערקלערט אונז די געטליכע חכמה, ווי אַזוי זאָלען מיר אָבער דורכדעם די געטליכע גערעכטיגקייט פערשטעהן? פאַר וואָס האָבען אויסצושטעהן ביטערע צרות יענע צדיקים, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געזינדיגט? ווען מיר זאָלען אפילו אָננעהמען, אַז די צרות, וואָס קומען אויף זיי זענען אַ רעזולטאַט פון דער אייזערנער קעט פון—נויטווענדיגקייט, בלייבט דאָך נאָך אַלץ די גערעכטיגקייט בעפלעקט. ווען די פיילען פון דער נאַטירליכער נויטווענדיגקייט מיידען נישט אויס דעם צדיק אויך, און דעם צדיק איז אויף דאָס מינדעסטע נישט בעסער פונ'ם רשע? און אויסער דעם אויב עס לאָזען זיך נאָך מיט דעם וועג ערקלערן די צרות, וואָס קומען אויפ'ן מענשען,

ווי זאלען מיר אבער פערשטעהן די ליידען פון אנדערע לעבעדיגע בעשעפענישען?

די דאזיגע שאלות ברענגען דעם רמב"ם דערצו, ער זאל אויספיהרליך ערקלערען דעם גאנצען ענין פון דער געטליכער השגחה. לויט זיין מיינונג איז אריסטאטלעס גערעכט בעצם, ווען ער זאגט, אז די געטליכע השגחה איז בלויז אן'אלגעמיינע און האט מיט די איינצעלנע, מיט די אינדיווידען גארנישט צו טהון, נאר דער מין מענש אליין געהט ארויס פון דעם כלל, ווייל — צוליעב זיין חשיבות און צוליעב זיין בעהעפטקייט צונ'ם אקטיווען וועלט-שכל — יעדער איינציגער פון איהם, איז אזוי וויכטיג ווי א גאנצער מין.

די פאלקאמענהייט, די צורה (פארם) און דער שכל, זענען ביי'ם רמב"ם סינאנימען. דער מענש, וואס בעצווינגט זיינע תאוות אין אלע הינזיכטען און שטעלט די צורה העכער פונ'ם חומר, איז מעהר פאלקאמען און לויט דער מאס פון זיין פאלקאמענהייט, איז אויך די העכערע השגחה נעהנטער צו איהם. דעם גאנצען געדאנק האט דער רמב"ם אזוי פארמולירט: „די השגחה ציהט זיך צום שכל".

נאהנט צום רמב"ם אין דעם עיקר פון זיין אנשויאונג בנוגע צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס און נישט איינשטימיג מיט איהם אין עטליכע פרטים בנוגע צו דער געטליכער השגחה, איז דער רלב"ג (ר' לוי בן גרשון). ער בעמיהט זיך אויך אויפצווייזען, אז דער מקור פון אלדאס ביין, איז דער חומר אלס חומר, וואס ווייניגער חומר, וואס ווייניגער גשמיות, אלץ ווייניגער שלעכטס. און וואס ווייטער די בעשעפענישען געהן אויף דעם לייטער פון דער אינטעלעקטועלער און מאראלישער פאלקאמענהייט, אלץ העכער ווערט זייער צורה און אלץ ווייניגער — זייער שלעכטס, אזוי, אז דער פאלקאמסטער שכל פון אלע, דער געטליכער, האט אין זיך גאר קיין שלעכטס נישט. דער רלב"ג בעמיהט זיך אויך צוצוציהען די השגחה צום שכל און געהט נאך ווייטער פונ'ם רמב"ם דערמיט, וואס נאך זיין מיינונג, זענען פערהאן פון מענשען אויך א סך אזעלכע, וועלכע זענען אינגאנצען איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם בלינדען צופאל, ווייל זייער חומר איז שרעקליך פראסט, ווייל זיי זענען אינגאנצען אריינגעטהון

אין גשמיות און האבען קיין בעציהונג נישט צו דעם געטליכען פערשטאנד.

גאנץ אנדערש איז אבער דער וועג פון די רבני'שע, דאגמאטישע יודישע חכמים. זיי געהען כמעט אינגאנצען שווייגענדיג פערביי די אלגעמיינע פראגע פון גוטס און שלעכטס און זוכען רעכט צו מאכען די פראגע: „פארוואס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט?" — פונ'ם שטאנדפונקט פון „דין". ביים רמב"ם געפינען מיר אויך, אז ער זוכט צו פערענטפערן די פראגע פון דעם שטאנדפונקט; פונ'ם שטאנדפונקט פון „דין"; אלס פילאזאף, וואס זוכט א ענטפער אויף דער אלגעמיינער פראגע פון גוטס און שלעכטס, האט ער זיך אבער מיט דעם שטאנדפונקט אליין נישט בענוגענט, אין דער צייט, ווען די דאגמאטיקער האבען זיך בענוגענט דערמיט אליין, וואס זיי האבען גענוי פונאנדער גענומען דעם ענין פון דער השגחה און געזעהען, זי צוצופאסען צו דעם געטליכען „דין", צו דער געטליכער גערעכטיגקייט,

פון די גרעסערע חכמים אין מיטעלאלטער, וואס פערענטפערן די פראגע פון גוטס און שלעכטס אויף דעם דאגמאטישען וועג, לוינט צו דערמאהנען ר' סעדיה גאון, דעם רמב"ן (ר' משה בן נחמן) ר' יוסף אלבו.

ר' סעדיה גאון ערקלערט די יסורים פון די צדיקים און די מנוחה פון די רשעים אויף דעם פאלגענדען וועג: די צדיקים שטעהען אוים יסורים פאר די קליינע עבירות, וואס זיי זענען אמאל בעגאנגען אדער, אויב זיי האבען אזעלכע אויך נישט, — כדי זיי אויסצופרובען און צו בעווייזען דער וועלט, אז נישט אומזיסט האט זיי גאט אויסדערוועהלט, און ער שטראפט זיי אפילו אויך, אום זיי אבצוגעבען שפעטער גוטס פאר די אלע יסורים.

„און אויב איינער וועט טענה'ן: ער (גאט) האט דאך זיי געקענט גוטס טאן אהן יסורים אויך? וועלען מיר איהם ענטפערן אז אבצאהלען מיט גוטס פאר יסורים איז בעסער, ווי געבען סתם גוטס פון רחמנות וועגען".

די מנוחה, ווידער, פון די רשעים איז אויך נישט ביי אלע גלייך: ס'איז פערהאן אזעלכער, וואס גאט ווייסט, אז ער וועט תשובה טאן; ס'איז פערהאן נאך איינער, וואס גאט לאזט

איהם רוהיג לעבען, כדי עס זאל ארויסקומען פון איהם א זוהן א צדיק; אנ'אנדערן לאזט גאט לעבען במנוחה, כדי דערמיט זיך נוקם צו זיין אן ערגערע רשעים פון איהם, ווי דער נביא האט געזאגט אויף דעם מלך פון אשור: „איבער א שלעכט חניפה'דיג פאלק וועל איך איהם אנשיקען”, נאך איינעם שענקט גאט זיין שטראף צוליעב דעם צדיק'ס בקשות און תפלות און נאר אנ'אנדערן לאזט גאט בכיון גוט לעבען, כדי דער עונש אויף יענער וועלט זאל שטארקער זיין.

דעם רמב"ן'ס און ר' יוסף אלבו'ס ווערטער וועגען דעם ענין, זענען שוין איינגעשלאסען אין דער ציטאטע פון ר' סעדיה גאון, און די איינצעלנע פרטים, וואס זיי גיעבען צו, האבען נישט קיין שייכות צו דעם עיקר פון אונזער פראבלעם.

ט.

די געלעהרטע פון פרעמדע פעלקער אין די לעצטע יאהר־הונדערטער.

דאס אייגענטימליכע, וואס כאראקטעריזירט די גאנצע וועלט־אנשויאונג פון מיטעל־אלטער, איז — ווי מיר האבען שוין געזעהען אין די פריהערדיגע קאפיטלען — די רעליגיאן. די פעסימיסטען, וואס האבען אין לעבען בלויז שלעכטס געזעהען, האבען זיך סוף כל סוף בעהאלטען אונטער די פליגעל פון דער אמונה, און די אפטימיסטען, ווידער, האבען אנערקענט די מאכט פון דעם גאט, וואס הערשט איבער דער נאטור, און האבען איהם געדאנקט פאר זיינע חסדים און טובות.

אמת, די אנשויאונג פון די אראבישע געלעהרטע בנוגע צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס איז נישט איינגעשלאסען אין די בלויזע גרענעצען פון דער אמונה, און ווי מיר האבען שוין ערקלערט, זענען די אנשויאונגען פון אונזערע דענקער אינ'ם מיטעל־אלטער וועהר נאהענט געווען צו די אנשויאונגען פון די אראבישע דענקער; נאך

אַלעמען אָבער האָבען זיי זיך פּאָרט אַלע בעמיהט אַ פּשרה צו מאַכען צווישען זייערע פילאָזאָפישע מיינונגען און די דאָגמען פון דער אמונה. דער אונטערשיעד צווישען די קריסטליכע און אַראַביש-יודישע דענקער בעשטעהט בלויז אין דעם, וואָס די ערשטע האָבען אינגאַנצען איגנאָרירט דעם מענשליכען פערשטאַנד דאָרט, וואו עס האָט זיך נאָר געהאַנדעלט וועגען וועלכער ס'איז רעליגיעזער פראַגע, און די לעצטע האָבען זיך גערעכענט מיט דעם מענשליכען פערשטאַנד אויך.

נאָכדעם אָבער, ווי עס זענען פאָרגעקומען די גרויסע ענדערונגען אין דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פון די אייראָפּעאישע פעלקער, אַ דאַנק דער אויפלעבונג פון די וויסענשאַפטען און דער רעפאָרמאַציע, דער נייער פילאָזאָפיע און די נאַטור-פאָרשונגען, — האָבען זיך אָנגעהויבען אויסבילדען אַ סך נייע אידעען בלויז אויף דעם יסוד פון'ם פרייען מענשליכען פערשטאַנד.

איינער פון די ערשטע פילאָזאָפען, וואָס האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון דעם פרייען פערשטאַנד, איז געווען זשאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכער איז אומגעקומען אַלס קרבן פאַר זיינע „פרייע" געדאַנקען דעם 17-טען פעברואַר אין יאָהר 1600. דאָס איז געווען דער ערשטער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך בעמיהט אַרויסצופיהרען דעם מענשען פון יענעם ענגען קרייז, אין וועלכען די סכאָלאַסטיקער האָבען איהם איינגעשלאָסען; און דורכגעפיהרט האָט ער עס איבערהויפּט דערמיט, וואָס ער האָט אַנערקענט די אַסטראָנאָמישע שיטה פון קופּערניקוס'ן, לויט וועלכער די ערד הערט אויף צו זיין דער צענטער פון דער נאַטור און דער מענש — דער צענטער פון דר'ערד; די ערד צוזאַמען מיט אַלע מענשען און בעשעפענישען, וואָס לעבען אויף איהר, איז אינגאַנצען נישט מעהר, ווי איין קליינער פינטעל אין דער אַלגעמיינער נאַטור. דער בעשעפער פון אַלץ איז אונענדליך און די נאַטור איז אויך אונענדליך. מ'קען נישט אָבטיילען דעם בעשעפער פון דער נאַטור: אַלץ פעראייניגט זיך אין דעם בעשעפער פון אַלץ און ער איז — אַלץ. גאָט'ס גנאָד איז אויסגעגאָסען אויף דער גאַנצער נאַטור אָהן אַ שום אונטערשיעד; אַלע בעשעפענישען שטעלען פאָר מיט זיך איין שענע האַרמאָניע, איין וואונדערליך געזאַנג.

נאָהענט צו דער מיינונג איז אויך די אַנשויאונג פון טאָמאַס

קאָמפּאַנעלא, נאָר זיין אַנשויאונג איז נאָך ליכטיגער און פרייהע־ליכער.

ניט נאָר דער מענש אַליין, זאָגט קאַמפּאַנעלאָ, דינט גאָט, נאָר אויך אַלע בעשעפעניסען טוען דעם ווילען פון זייער האַר און געביטער. גאָט איז די אמת׳ע עקזיסטענץ. יעדער וועזען איז צוזאַמענגעזעצט פון זיין און ני שט־זיין, ווארום עס לעבט דאָך ניט מעהר, ווי אַ קורצע צייט, און פון דעסטוועגען שטרעבט עס אַלץ צום זיין און האָט פיינד דעם נישט־זיין: עס וויל לעבען און עקסיסטירען. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז עס שטרעבט צו גאָט.

שפּעטער פון זיי אין צייט און פריהער פון זיי לויט זיין ווערט איז שפינאָזאַ. אָט דער הויכער גייסט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער אַלע זאַכען אין דער נאַטור, וועלכע זענען אונטערגעוואָרפען דער צייט און דעם רוים און אַלערליי בעגרענעצונגען, און האָט זיך פערזונקען איינגאַנצען אין דער אונענדליכקייט; אָט דער ריעזיגער מענש, וואָס האָט געגלויבט, אַז „מ׳קען זיך נישט פאָרשטעלען קיין איינציגע זאַך אָהן גאָט“, וועלכער פילט אויס אַלץ און איז אַליין אַלץ, האָט זיך אויפגעהויבען איבער אַלע גאַנגבאַרע מיינונגען אויך בנוגע צו דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אונענדליכקייט, האָט שפינאָזאַ געדענקט, איז אַבסאָלוט גאָר קיין שלעכטס נישט פערהאַן. אַלץ ווערט געטאָן אַזוי, ווי עס מוז געטאָן ווערען לויט די געזעצען פון דער נאַטור, וואָס ענדערן זיך קיינמאָל נישט. אַלץ טוט זיך לויט דער אייביגער געטליכער אָרדנונג, וועלכע איז ווירקליך דער נאַטירליכער סדר, וואָס ציהט זיך דורך דער גאַנצער שעפּפונג אָהן אַ ציעל און אָהן אַ ענדע. אמת, ס׳איז פערהאַן שלעכטס אין יעדען איינצעלנעם פּרט פון די נאַטור־ערשיינונגען, — שלעכטס אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל אָט דער פּרט אַליין איז אַנדערש און אָבגעטיילט פון דעם אייביגען כּלל; אין דער נאַטור בּכלל איז אָבער קיין שלעכטס נישטאָ. יעדע איינצעלנע פון די נאַטור־ערשיינונגען, אַן און פאַר זיך, איז נאָר אויף אַזוי פיעל פערגענגליך און פעהיג צו ענטהאַלטען אין זיך עלעמענטען פון שלעכטס, אויף וויפיעל זי איז אַ

איינצעלנער, אָבגעזונדערטער טייל פון דער אונענדליכקייט; אויף וויפיעל אָבער זי איז **פעראייניגט** מיט דעם אַלגעמיינעם, מיט דעם אונענדליכען איז ביי איהר איינגאַנצען נישט שייך צו זאָגען — שלעכט.

שאָפּענהויער רעכענט דעריבער שפּינאָזאַ'ן פאַר אַנ'אמת'ען אָפּטימיסט, אין דער אמת'ען אָבער איז שפּינאָזאַ'ס סיסטעם ווייט אי פון פּעסימיזם, אי פון אָפּטימיזם. וואָרום די אָפּטימיסטען, ווי די פּעסימיסטען, ביידע זענען דאָך מודה, אַז ס'איז פעראַן שלעכטס אויף דער וועלט, נאָר די ערשטע געפינען **ווייניגער** שלעכטס, דאָס הייסט: זיי זוכען צו דערווייזען, אַז דאָס שלעכטע איז קוואַנטיטאַטיוו כמעט ווי גאָרנישט געגען דאָס גוטע, און אַנערקענען נאָך דערצו, אַז דאָס ביסעל שלעכטס האָט אויך אין זיך וועלכען ס'איז גוטען ציעל. און דאָס אַלץ געפינען מיר נישט ביי שפּינאָזאַ'ן. שפּינאָזאַ פערמינדערט נישט דאָס שלעכטע; אדרבה, ער איז מודה, אַז יעדע איינצעלנע ערשיינונג, אויף וויפיעל זי געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון די פערשיעדענע סבות, שטעלט פאָר מיט זיך די אונבעדינגטע פּאַסיוויטעט. דער מענש דיענט אַלס ציעל פאַר די פיילען פון פערשיעדענע צופאַלען; ער ווערט געשטויסען פון די סבות, וועלכע ווירקען אויף איהם, און פון וועלכע ער קען זיך אין קיין פאַל נישט בעפרייען. ווייטער, געפינט שפּינאָזאַ אויך נישט קיין **גוטען ציעל** אינ'ם שלעכטען, וואָרום לויט זיין סיסטעם איז דאָך **איבערהויפּט** אין דער נאַטור קיין ציעל נישטאָ.

לויט דעם תמצית פון שפּינאָזאַ'ס אַנשויאונג **איז די נאַטור אין אַלגעמיין נישט גוט און נישט שלעכט** און עס שיקט זיך נישט ביי איהר צו רעדען וועגען דעם, אַזוי גוט ווי עס שיקט זיך נישט צו רעדען וועגען גוטס און שלעכטס ביי אַ מאַטעמאַטישען קרייז, למשל, וואָס איז לאָגיש נויטווענדיג. אמת, אַלץ טוט זיך אַזוי, ווי עס מוז געטאָן ווערן; פאַרוואָס אָבער איז'ס אַזוי? ווייל אַלץ איז נאַטירליך נויטווענדיג צוליעב דער קייט פון די אורזאַכען און פאָלגען, וואָס ציהט זיך אָהן אָנ'אָנהויב און אָהן אַ סוף. און אַזוי ווי דאָס נויטווענדיגע קען נישט „געשענדעט" ווערן, אַזוי קען עס אויך נישט „געלויבט"

ווערן. לויט שפינאָזאַ'ן קען מען נאָר זאָגען, אַז די נאַטור אין אַלגעמיין איז פאָלקאָם. יעדער איינצעלנער פון די נאַטור־טייַלען, אַן און פאַר זיך, איז מאַנגעלהאַפט, ווייל ער איז נישט מעהר, ווי אַנ'איינצעלנער פאַל; די נאַטור אָבער אַלס גאַנצעס, די נאַטור אַלס אַ אָרגאַניזם, וואָס אַלע זיינע טייַלען פילען זיך אויס איינער דעם אַנדערן און פעראייניגען זיך אין איין הארמאָנישען כלל, — איז פאָלקאָם און די דאָזיגע פאָלקאָמענהייט קען אין אַ געוויסער מאָס געבען דעם טיעפערען בעאָבאַכטער די פערלאַנגטע נשמה־רוהע.

און אויב מיר זאָגען, אַז לויט שפינאָזאַ'ס סיסטעם איז די נאַטור אין אַלגעמיין גוט, זאָגען מיר עס נאָר אין דעם געוועהנליכען זין, און פערשטעהען אונטער דעם בלויז דאָס, אַז זי איז נישט שלעכט. פאַר דעם טיעפערען אָבסערוואַטער איז די גאַנצע נאַטור נישט מעהר, ווי איין גרויסע פערקערפערונג פון אַ גאַנצער רייהע לאָגישע נאַטור־געזעצען, און די דאָזיגע געזעצען געפינט ער אין דער קלענסטער קליינינקייט אַלץ איינס, ווי אין די גרעסטע ערשיינונגען. און וואָס מעהר דער מענש פערשטעהט אָט די אייביגע געזעצען, אַלץ מעהר פערשטעהט ער אויך די אמת'ע נויטווענדיגקייט פון אַלע קליינע און גרויסע ערשיינונגען, און אַלץ מעהר פערמינדערט זיך דער איינפלוס פון די פערשיעדענע ווירקונגען אויף איהם און ער הערט אויף ממילא אַזוי פיעל טענות צו האָבען צו די שלעכטסקייטען פון דער נאַטור.

די חסרונות פון דער מענשליכער נאַטור זענען דורך דעמאָקריט'ן אויסגעלאַכט און דורך העראַקליט'ן בעוויינט געוואָרען, און אין יעדער צייט בעזונדער זענען פערהאַן אַזעלכע, וואָס לאַכען אויס די מענשליכע פעהלערען און שוואַכקייטען און אַזעלכע, וואָס וויינען דעריבער און בעדויערען זיי; דער וואָס בעגרייפט אָבער די אמת'ע נויטווענדיגקייט פון אַלע ערשיינונגען, וועט זיך בעמיהען „נישט צו לאַכען און נישט צו וויינען, נאָר צו פערשטעהן".

„וואָס שטאַרקער עס וועט ווערן די דאָזיגע איבערצייגונגען, אַז אַלץ מוז אַזוי זיין ווי עס איז, אַלץ שטאַרקער וועט ווערען די מעגליכקייט פון דער מענשליכער נשמה גובר צו זיין די אויסערליכע איינווירקונגען און איינדריקען, אָט ווי עס לעהרנט אויך

די ערפאהרונג, אז דער צער איבער דעם שאדען פון עפעס א זאך איז א סך לייכטער, ווען מ'ווייס, אז עס איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט דאס מציל צו זיין. אזוי זעהען מיר, אז א מענש האט נישט קיין צער דערפון, וואס קליינע קינדער קענען נישט געהן און רעדען און פערשטעהן און לעבען א סך יאהרען נישט קענענדיג זיך אליין; גאנץ אנדערש וואלט אבער די זעלביגע זאך געווען, ווען דער גרעסטער טייל מענשען וואלט געבוירען ווערען, למשל, דערוואקסענערהייד און נאר זעלטען-ווען וואלט אלס אויסנאהם א קינד געבוירען ווערען; דאן וואלט יעדער מענש געוויס בעדויערט אזעלכע קינדער און געהאט צער פון זיי, ווייל די קינדהייט וואלט דאן גארנישט בעטראכט געווארען פאר א נאטירליכע, נויטווענדיגע ערשיינונג, נאר פאר א חסרון און פאר א פעהלער אין דער נאטור".

די מנוחה, וואס שפינאזא שטרעבט צו איהר, שטאמט אלזא נישט פון'ם נישט-בעגרייפען דאס שלעכטע, וואס הערשט אין דער נאטור, נאר, פערקעהרט, פון'ם דערגרינדען זיך ביז די טיעפענישען פון דער סבה, פון דער אורזאך, וואס רופט ארויס דאס שלעכטע; דאס הייסט שוין ממילא נישט קיין אפטימיזם, נאר א טיעפע, פילאזאפיש-וויסענשאפטליכע בעטראכטונג, וואס געוועהנט צו דעם מענשען, זיך נישט צו קלאגען אויף דאס שלעכטע, אזוי ווי א מענש א בן-דעת וועט זיך נישט קלאגען אויף דעם שטיין, למשל, איבער וועלכען ער איז אומגעפאלען.

שפינאזא זאגט נישט דעם מענשען: זיץ און טו גארנישט. פערקעהרט: ער ראט איהם זיך צו בעטייליגען אין דער נאטור פון גאט, דאס הייסט: אקטיוו צו זיין. דער פאלקאמענער מענש ווייסט און פערשטעהט, אז ער איז א טייל פון דער אונענדליכקייט. ער בעגרייפט דאס געמיינזאמע, וואס בינדט איהם צונויף מיט אלע אנדערע מענשען, און ער דאגה'ט פאר זיי אזוי גוט, ווי פאר זיך. דעם מענשען'ס מנוחה בעשטעהט נאר אין דעם, וואס ער הויבט זיך אויף איבער אלע ווירקונגען און אפעקטען.

די אפעקטען זענען אלע שלעכט. אפילו יענע, וואס ווערען גערעכענט פאר גוטע, ווי צום ביישפיעל, חרטה, בארימהערציגקייט און אזוי ווייטער. אן און פאר זיך זענען די דאזיגע אפעקטען אויך שלעכט, ווארום דער, וואס האט חרטה, אדער דער, וואס

דערבאַרימט זיך, טוט עס נישט אַליין גענער איניציאַטיווע, נאָר ווערט דערצו געצוואונגען פון פערשיעדענע אויסערליכע ווירקונגען און ער טוט, וואָס ער טוט, אָהן א זין און אָהן א קלאָרען רעכנונג. דער מענש דאַרף זיך אויפהויבען איבער אַלע מעשים פון דער וועלט, פערשטעהן די אמת׳ע נויטווענדיגקייט פון דער גאַנצער נאַטור און אַלץ אָבוועגען מיט דעם הויכען פערשטאַנד, — דער מענש דאַרף „לעבען אין גאָט".

ניעדריגער א סך פון שפּינאָזאַ׳ס אָפּטימיזם — ווי מ׳איז געוועהנט איהם צו רופען — איז דער אָפּטימיזם פון דעם בעריהמטען לייבניץ אין זיין „טהעאָדיצעע". [דאָס דאָזיגע ווערק איז געשריבען געוואָרען לכתחילה געגען די מיינונגען פון דעם געלעהרטען בייל, וועלכער האָט געצווייפעלט אין דער העכערער השגחה; און חאָטש דער זעלביגער האָט דערנאָך אַליין די פראַגע ווי ס׳איז פערענטפערט, איז דער צווייפעל פון דעסטוועגען פאָרט געבליבען און ער האָט אַרויפגעצויגען אויף זיך א שטאַרקען פערדאַכט. געגען דעם דאָזיגען סקעפּטיציזם איז עס לייבניץ אַרויסגעטרעטען מיט זיין „טהעאָדיצעע", וואו ער בעמיהט זיך, ווי א גלענצענדער אַדוואָקאַט, אַלץ צו פערטיידיגען און צו פערענטפערן.

נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעוויזען די מציאות פון א בעשעפער מיט דער הילף פון פערשיעדענע פילאָזאָפישע אַרגומענטען, האָט ער געוואָלט צו איבערציינגען אויך אין דעם, אַז גאָט׳ס ווילען און זיין גוטסקייט זענען בעגרענעצט דורך זיין חכמה, דאָס הייסט: ער טוט נאָר דאָס, וואָס זיין חכמה זאָגט איהם, אַז עס דאַרף געטאָן ווערען. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אונזער וועלט, אין דער געשטאַלט, ווי מיר זעהען זי, איז די בעסטע פון אַלע וועלטען, וואָס האָבען געקענט בעשאַפען ווערען.

לייבניץ זאָגט אויך, ווי שפּינאָזאַ, אַז גאָט טוט נאָר דאָס, וואָס עס מוז געטאָן ווערען; אָנשטאָט דער נאַטירליכער, לאָגישער נויטווענדיגקייט שטעלט ער אָבער אַרויס אַן׳אַנדערע, א מאָראַלישע: גאָט טוט דאָס, וואָס ער מוז טאָן, צוליעב זיין גוטסקייט.

די דאָזיגע גוטסקייט האָט איהם, דעם בורא, געבראַכט דערצו, ער זאָל בעשאַפען די וועלט מיט דער מעגליכסטער

פאלקאמענהייט. עס ליעגט אין דער נאטור פון דעם גוטען גוטס צו טאן, און ער האט בעשאפען די וועלט, כדי אלע בעשעפענישען זאלען שפירען דעם טעם פון גליק און פערגניגען. דאס ביסעל שלעכטס, וואס איז פערהאן אין דער וועלט, שטעהט אין א צוזאמענהאנג מיט דער נאטור פון די בעשעפענישען אליין אלס בעגרענעצטע וועזענס. און אויסער דעם: דאס ביסעל שלעכטס שטערט גארנישט דעם איינדריק פון דער אלגעמיינער גוטסקייט און דיענט גאר, פערקעהרט, אלס נויטיגער עלעמענט בנוגע צו דער גאנצער הארמאניע; אזוי, צום ביישפיעל, בענוצט זיך א קינסטלער מיט שאטענס און דונקעלפארבען, אום דאס בילד איינגאנצען זאל זיין שען און הארמאניש.

אויף דעם יסוד פון דער דאזיגער אנשויאונג בעמיהט זיך לייבניץ ארויסצוגעפינען עפעס א נוצען אין יעדער זאך, וואס זעהט אויס שלעכט און אוננוצבאר, און אזוי ווי גאט וואלט זיך געהאט בעראטען מיט איהם, ווען ער האט די וועלט בעשאפען, אזוי בעשליעסט ער גאנץ קאטעגאריש, צו וועלכע נוצען די אדער די אנדערע זאך איז בעשאפען געווארען און וואס איז דער צוועק פון דער אדער פון דער אנדערער זאך. לויט לייבניצ'ען איז אלץ בעשאפען געווארען נאר פון דעם מענשען'ס וועגען, פאר זיין גליק און פערגניגען.

אזא מין עקסטרעמען אפטימיזם געפינען מיר אויך ביי די ענגלישע געלעהרטע פון אכצעהנטען יאהרהונדערט, און נאך מעהר: די ענגלישע דעאיסטען (די וואס האבען אנגענומען בלויז די מציאות פון א גאט אויסער דער נאטור און נישט אנערקענט קיין שום פאזיטיווע רעליגיאן) זענען אין דער הינזיכט נאך ווייטער אוועק פון די אמת'ע גלויביגע. זיי האבען זיך בעמיהט, צו בעפרייען דעם שכל פון דער פאזיטיווער רעליגיע און האבען זיך דעריבער דערווייטערט אויך פון דעם רעליגיעזען פעסימיזם. דער רעפרעזענטאנט פון די ענגלישע אפטימיסטען אין 18-טען יאהרהונדערט איז שעפטסבורי.

אין זיינע ווערק „טראקטאט וועגען די גוטע מעשים" און „די מאראליסטען" זוכט ער צו דערווייזען, אז ווען מיר זעהען אפילו א סך שלעכטס אויף דער וועלט, איז עס אייגענטליך נויטווענדיג פאר דעם אלגעמיינעם גוטען צוועק. מיר געפינען א

סך זאַכען פאַר שלעכטס, נישט ווייל זיי זענען ווירקליך שלעכט אַן און פאַר זיך, נאָר ווייל אונזערע השגות זענען צו-קליין. די הפכים און קאָנטראַסטען, וואָס מיר זעהען אין דער נאַטור, זענען נויטווענדיג פאַר די צוועקען פון דער אַלגעמיינער שענהייט, ווייל „די שענהייט איז געגרינדעט נאָר אויף קאָנטראַסטען". די מאָראַלישע שלעכטסקייטען דאַרפען אונז אויך נישט אָבשרעקען: אין יעדען מענשען ליעגט אַ נאַטירליכע נייגונג צו טאָן גוטס, און ווען ער טוט ווירקליך אָב אַ גוטען טאַט פיהלט ער זיך גליקליך, ווייל אַזוי האָט גאָט, דער קעניג פון דער וועלט, אויפגעשטעלט, אַז יעדער גוטער טאַט זאָל ברענגען גליק.

מיט דעם זעלביגען טאָן רעדען אויך באָלינגברעק און דער דיכטער פאָפּ.

אַריינפאַלענדיג אין אַ אָפּטימיסטישער התלהבות שרייט אָט דער לעצטער אויס:

„די נאַטור איז אַ גרויסע מעגליכקייט, נאָר נישט קיין דערקענטע; יעדע געשעהעניש האָט אין זיך אַ קלוגען צוועק, וואָס נאָר מיר קענען איהם נישט משיג זיין; די שיינבאַרע אונאָרדנונג אין דער נאַטור איז אַזאַ האַרמאָניע, וואָס מיר קענען זי נישט בעגרייפען, יעדע איינצעלנע שלעכטע ערשיינונג איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער גוטסקייט. און טראָץ דער מענשליכער גאוה, טראָץ דעם פערפיהרטען מענשליכען פערשטאַנד, זעהען מיר דאָך פאַר זיך אָט דעם קלאָרען אמת: אַלץ, וואָס איז פערהאַן, איז גוט און זעהר, זעהר שען!"

אַ שטאַרקען פראָטעסט געגען דעם דאָזיגען עקסטרעמען אָפּטימיזם געפינען מיר אין דעם שאַרפען סקעפּטיציזם פון דעם פילאָזאָף דוד יום, אין די ווערק פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען און דיכטער און אויך אין דער שאַרפזיניגער פילאָזאָפיע פון קאַנט, פיכטע, העגעל, און שעלינג.

דוד יום, צווייפלענדיג אין אַלע בעגריפען פון דער מענשליכער איבערצייגונג, האָט געצווייפעלט אויך אין דעם ענין פון דער געטליכער השגחה, און מעהר אָדער ווייניגער האָבען זיך נאָך איהם נאָכגעצויגען אויך די ענציקלאָפּעדיסטען אין פראַנקרייך.

וואָלטער האָט אין אָנהויב נוטה געווען צו דער אַנשויאונג פון די דעאיסטען בכלל און צו דעם אָפּטימיזם זייערן בפרט; דערנאָך אָבער האָט ער זיין מיינונג עטוואָס געענדערט און האָט זיך אָבגעווענדעט פון דעם עקסטרעמען אָפּטימיזם.

אמת, מיר געפינען נישט ביי איהם יענע פערצווייפלונג, וואָס איז אַזוי בולט אין די ווערק פון די עקסטרעמע פעסימיסטען; אין זיין ווערק „קאַנדיד" געפינען מיר שוין אָבער אַ סך געדאַנקען וועגען אַלץ, וואָס טוט זיך אָב אין דער נאַטור און אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, — געדאַנקען דורכגעדרונגענע מיט אַ טיעפען סקעפּטיציזם בנוגע צו דער גוטסקייט פון דער וועלט און איהר עהרליכער הנהגה.

דעם 1-טען נאָוועמבער אין יאָהר 1755 איז די גאַנצע שטאָדט ליסאַבאָן חרוב געוואָרען דורך אַ ערד-ציטערניש און אַרום 30 טויזענד מענשליכע נפשות זענען אומגעקומען פון דער שרעקליכער איבערקעהרעניש. דער דאָזיגער אונגעוועהנליכער גרויזאַמער חורבן האָט אַרויסגערופען ביי די אויפגעקלעהרטע מענשען פון יענער צייט פערשידענע געדאַנקען. געטהע, למשל, דערצעהלט, אַז ביי די מעהר פערשטענדיגע האָט זיך די ערשיינונג אין קיין פאַל נישט געלאָזען צוזאַמענלעבען מיט זייער רעליגיעזער אַנשויאונג. סטייטש, האָבען זיי זיך געקלערט, אַזאַ גרויסע שטאָדט, ווי ליסאַבאָן, איז פלוצלונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הייפעל חורבות. פאַרוואָס איז עס אַזוינס געשעהען? וואו איז דאָ די ווירקונג פון דער געטליכער השגחה און איהר באַרימהערציגקייט? איין אונגעבליק האָט איינגעשלונגען דאָס אַלץ, אויף וואָס מענשען האָבען געאַרבייט מיט זייער שווייס און מאַרך אין דעם פערלויף פון הונדערטער דורות! איין סעקונדע האָט פערניכטעט דרייסיג טויזענד לעבענס! ווי אַזוי לאָזט זיך עס אַזאַ ערשיינונג צוזאַמענשטימען מיט דער גוטסקייט פון דער געטליכער השגחה און מיט איהר זאָרגען פאַר'ן מענשען? און ווען מיר זאָלען אפילו שוין וועלן אויסגעפונען, מיט דער הילף פון פערשידענע סאָפיזמען, וועלכען ס'איז אַלגעמיינעם גוטען צוועק אין דער שלעכטס פון דער וועלט, פרעגט זיך דאָך אויך, וואָס איז דאָ דער גוטער צוועק, וועלכען עס איז אימשטאַנד געווען צו פעראורזאַכען די פלוצלונגע טויט פון די דרייסיג טויזענד

ליסאבאנער איינוואוינער?

דער דורכשניטס=מענש לייענט זיך גאנץ גלייכגילטיג איבער די נייעס וועגען א ערד=ציטערניש דארטין און דארטין, לייגט רוהיג אוועק די צייטונג פון האנד און קיין שום נייער געדאנק וועט איהם דערביי נישט בעאונרוהיגען. אנדערש איז עס אבער מיט די גרויסע גייסט=מענשען. טויזענדער אלטעגליכע ערשיינונגען וועלן זיי דורכלאזען, נישט שענקענדיג זיי די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט; דאן אבער קומט פאר עטוואס אונגעהויער=גרויסעס, עטוואס קאלאסאלעס, און זיי האפען זיך גלייך צום איבערשאצען די אלע אמת'ען, וואס זענען איינגעהארצעלט געוועזן ביז אהער ביי זיי אין הארצען.

מיט וואלטער'ן איז אויך דער פאל געוועזן. זיין גאנצען לעבען האט ער זיך בעמיהט צו פערטיידיגען דעם יסוד פונ'ם רעאיזם מיט די פערשידענסטע סאפיזמען; דא איז אבער געקומען די ערד=ציטערניש אין ליסאבאן און האט ארויסגעריסען ביי איהם פון הארצען ביטערע, גיפטיגע טענות געגען דעם איינענעם יסוד, וועלכען ער האט זיך געמיהט ביז אהער צו פערטיידיגען.

די דאזיגע ביטערע טענות זיינע געפינען זיך אין דער פאעמא, וואס ער האט געשריבען „איבער דעם ליסאבאנער חורבן", און חאטש ער בעמיהט זיך נאך דא אויך צו פערטיידיגען די דעאיסטען, פיהלט זיך דאך אין זיינע ווערטער א שארפער פראטעסט געגען די אפטימיסטען:

„זענט איהר דען ווירקליך איבערצייגט אין דעם, אז די אייביגע סבה, וואס מאכט אלץ, וואס ווייסט אלץ, וואס האט אלץ בעשאפען נאר פון איהר'ט וועגען, אז אט די אייביגע סבה האט אונז נישט געקענט אריינשליידערן אין יענע פינסטערע לעבער, אין וועלכע מיר געפינען זיך, אויך נישט ארונטערשטעלנדיג קיין פייער=שפייענדע בערג אונטער אונזערע פיס?...

„און אלזא קלאגען אלע שטערבליכע; די מענשען, וואס ווערען געבוירען אבצוקומען זייער ביסעל יאהרען, ווערן פערשוואונדען איינער נאכ'ן אנדערן; און איהר ווילט אין דעם חושכ'דיגען וועלט'ל אויפבויען דאס אלגעמיינע גליק פון די צרות פון יעדען איינציגען?"

שארפע טענער דערטראגען זיך צו אונז אויך פון די אי=

בריגע וואָלטער'ס ווערק און בריעף:

„דאָס פערגניגען איז אילוזיע און דער צער — ווירקליכ־קייט. איך פיהל דאָס שוין באַלד אַכציג יאָהר, און האָב נישט קיין אַנדער מיטעל, ווי זיך אונטערצוגעבען גייסטיג און צו בע־שליסען ביי זיך, אַז די פליגען זענען בעשאַפען געוואָרען דער־צו — די שפּין זאָל זיי אויסזויגען, און דער מענש — כדי דער צער זאָל איהם אויפעסען“.

„איך ווייס נישט, — זאָגט וואָלטער אין אַ צווייטען אָרט — איך ווייס נישט, וואָס עס איז אַזוינס דאָס אייביגע לעבען; דאָס איצטיגע, געגענווערטיגע לעבען איז אַ בייזער שפּאַס“.

אין דעם גייסט זאָגט זיך אַרויס אויך דידראָ אין אַ בריעף צו זיין פרוי:

„לעבען אין טרויער און טרערען; זיין, ווי אַ שפּיעל־באַלל אין די הענד פון'ם בלינדען צופאַל, פון קראַנקהייטען, שלעכטסיגקייטען און תאוות (און דאָס אַלץ) פון דעם טאָג, ווען דער מענש הויבט אָן רעדען איינצעלנע ווערטער, ביז דער צייט, ווען די צונג ווערט איהם צוגעקלעפּט צום גומען; לעבען אין דער געזעלשאַפט פון אַלע מיני שווינדלער און באַנדיטען; שטאַרבען אין דער אַנוועזענהייט פון צוויי מענשען, וואָס איי־נער פון זיי טאַפּט דיר דעם דופק (פּולס) און דער אַנדערער וואַרפט אָן אויף דיר אַנ'אימה; נישט וויסען פון וואַנען און צו וואָס מיר זענען אויף דער וועלט געקומען און וואוהין מיר געהען, — דאָס איז עס, וואָס מיר רופען מיט דעם נאָ־מען פון דער טייערסטער מתנה, מיט וועלכער עס האָבען אונז געליייטזעליגט אונזערע עלטערן און די נאַטור, — דאָס לעבען“.

אַ שטאַרקער פּראָטעסט געגען דעם עקסטרעמען אָפּטי־מיזם געפינען מיר אויך אין די ווערק פון די גרויסע דיכ־טער. די אמת'ע דיכטונג איז דאָס עכאָ פון לעבען, מיט אַלע זיינע גלוסטונגען און תאוות, שטרעבונגען און פערלאַנגען, מאַ־טערנישען און זאָרגען, אונגליקען און אַנשיקענישען, צרות און וועהטאָגען. עס טרעפט דעריבער גאַנץ אָפט, אַז זי, די פּאָע־זיע, דריקט אויס, אינגאַנצען אונבעוואוסטזיניג זאָגאַר, דעם שאַרפסטען פּראָטעסט נעגען די אַלע שיטות, וואָס מענשען

קלערען זיך אויס, זענענדיג ווײַט פון דעם אַלעמען, וואָס עס קומט פאַר אין'ם ווירקליכען לעבען.

די גרויסע פראַגע: „זײַן אָדער נישט זײַן!" וואָלט האַמלעט געלעזען אין דער נעגאַטיווער זײַט, ווען נישט די מורא פאַר'ן לעבען נאָכ'ן טויט...

ווײַט פון אָפּטימיזם איז אויך דער דיכטער שעלי. ער בויגט זײַן קאָפּ פאַר דער איינציגער קראַפט, וואָס הערשט אין דער וועלט; ער איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער עהרפורכט, ווען ער רעדט וועגען די גרויסע אידעאַלען פון דער מענשהײַט. און וואַרט אויף דעם טאָג, ווען מענשען וועלן בעפרײַט ווערן פון אַלע זייערע צרות און לײַדען; און דאָך הערען מיר אין דעם גרעסטען טייל פון זײַנע לידער נאָר ביטערע, יאָמערנדע ליטאַנײַען אין דער בעציהונג צו אַלע לעבענס-ערשײַנונגען.

„דאָס בלום, זאָגט ער, וואָס פערשאַפט אונז הײַנט פערגניגען וועט פערוועלקט זײַן, אַלץ, וואָס מיר ווילען דערהאַלטען, טוט אונז אַ שײַן אויף אַ סעקונדע און — פערשווינדעט; וואָס איז דאָס פערגניגען פון לעבען? דאָס איז — דער בליץ, וואָס בעלײַכט די פינסטערניש פון דער נאַכט, אָט שײַנט עס און אָט איז עס שוין פערשוואונדען".

נאָך אַ טיפערע פערצווייפלונג פיהלט זיך אין די דיכטונגען פון לאָרד בײַראָן. אַלע לידער פון דעם דאָזיגען דיכטער זענען פול מיט טענות צו גאָט פאַר די שלעכטיגקײַטען, וואָס הערשען אין דער נאַטור און אין דעם מענשליכען לעבען. מיט זײַן אונגעוועהנליכער דיכטער-קראַפט שילדערט ער אונז דעם גאַנצען גורל פונ'ם מענשען'ס לעבען און דאָס בילד איז מיט דונקעלע, פינסטערע פאַרבען געמאָלט; עס מאַטערט זיך דער מענש אויף גאָט'ס וועלט און פערברענגט די קורצע צײַט פון זײַן לעבען אין פערדרוס און פײַן, אין נאַרעשקײַט און שלעכטיגקײַט, אין בייזע תאוות און ענטטוישטע האָפנונג.

„רעכען צונויף, זאָגט בײַראָן, די גוטע מינוטען אין דײַן לעבען; רעכען צונויף די טעג, אין וועלכע דו האָסט נישט געפיהלט די שרעקליכע לעערקײַט אין האַרצען און ווייס, מענש, ווער דו זאָלסט נישט זײַן אַז ס'איז פערהאַן נאָך עטוואָס בעסערעס: נישט זײַן".

„אונזער גאַנצעס לעבען, זאָגט ער אין אַ צווייטען אָרט, איז אַ טעות פון דער נאַטור; עס איז — אַ שרעקליכער אורטייל, אַ שטעמפעל פון זינד, אַ פערגיפטעטער בוים, אַ בוים, וואָס טריקענט אַליץ איין. זיינע וואָרצלען זענען — די ערד, זיינע בלעטער און צווייגען — דער הימעל, פון וועלכען עס פאַלען אויף דעם מענשענ׳ס קאָפּ. ווי אַ טהוי: קראַנקהייטען, טויט, שקלאַפערייַ, פערשידענע אונגליקען, אַלע אָפענע צרות און נאָך ערגער: די בעהאַלטענע, וואָס דרינגען אַריין אין אונזערע הערצער און פילען זיי אָן אלע מאָל מיט נייע וועהטאָגען.

דער מענש איז פון דער נאַטור עלול אויסצושטעהן אַלע אונגליקען און אָנשיקענישען, און אָט דאָס אונווירדיגע ווערים׳ל גלויבט, אַז נאָר איהם געהערט דער הימעל. אָי דו נאַרעשער מענש, וואָס קומט אויף דער וועלט ווי אַנ׳אורח, אויף געצעהלטע מינוטען, און וואָס די שקלאַפערייַ און זיינע געשעפטען האָבען איהם מיט שטויב פערדעקט! אַלע, וואָס קענען דיך קערען זיך דאָך אָב פון דיר און פעראַכטען דאָך דיך! דו המון, וואָס דיין גאַנצער גורל בעשטעהט בלויז פון געמיינהייט! דיין ליעבע איז — זינד, דיין פריינדשאַפט — דער פריהמאָרגענטהוי, דיין שיינענדער פנים — חניפה, דיין רעדען — ליגען, און חאָטש דיין נאָמען איז אַזוי בעריהמט, איז דיין אמת׳ער ווערט דאָך קליין און נישט בעדייטענד און זאָגאַר פאַר די חיות פון פעלד מענסטו פון בושה רויט ווערען.

„דאָס איז די פרוכט פון אונזער אָרעם לעבען! אונזערע געפיהלען זענען ענג, אונזער שכל איז שוואַך, אַ סך שטערונגען ליגען אויף דעם וועג פון אמת און דער מנהג בעהערשט אונז אָהן אַ שום גרענעץ! די בהמה׳שע תאוות פערטרייבען אונז ערגעץ אין אַ פינסטערען ווינקעל געגען דעם שכל און געגען אמת! גוטס און שלעכטס זענען ביי אונז נישט מעהר, ווי צופעליגקייטען און אין דעם פערלויף פון אַ סך הונדערטער יאָהרען האָבען מענשען געציטערט פאַר דער שווערד פון גערעכטיגקייט פאַר דער ליכטיגקייט, — פאַר דעם פרייען מענשליכען פערשטאַנד“.

אונגעהויער טיעף איז אויך דער „וועלט־שמערץ“ פון היינריך הייניע. עס פיהלט דער ראָזינער געניאַלער דיכטער דעם

צער פון יעדעם גרעזעלע, פון יעדען לעבעדיגען וועזען; ער פיהלט דעם טרויער פון אלע מענשען בכלל און פון די גרויסע גייסט-מענשען בעזונדער; ער דרינגט אריין מיט זיין בליק אונטער דער מאסקע פון דער שענער נאטור און געפינט דארט בעהאלטענע וועהטאגען און ביטערע ליידען; ער בעמערקט אין יעדע גוטע זאך — דאס שלעכטע, נעבען יעדען בלום — דעם דארן, און איז אינגאנצען דורכגענומען מיט דער איבערצייגונג, „אז דאס פערגניגען איז נישט מעהר, ווי אנ'אנגענעהמער וועהטאג". שארף איז די איראניע, מיט וועלכער ער שטעכט דורך די מענשליכע נארעשקייטען און די מענשליכע געמיינהייטען, ער פערשטעהט אבער צוזאמען דערמיט אויך דאס, אז אלע צוזאמען זענען מיר עלענד און אונגליקליך און אז מענשען בכלל, ווען זיי טהוען שלעכטס איינער דעם אנדערן, אדער ווען זיי קריגען זיך און רייסען זיך ארום איינער מיט'ן אנדער'ן, זענען גאנץ עהנליך צו א געפעהרליך-קראנקען, וואס מאכט חוזק פון א צווייטען געפעהרליך-קראנקען, א שווינדזיכטיגער פון א געלבזיכטיגען, אין א געלבזיכטיגער פון א שווינדזיכטיגען, וכדומה.

„איך זעה, זאגט היינע, פון אונטער דער הילע פון די מאסיווע שטיינער די מענשליכע וואוינונגען און די מענשליכע הערצער, און ווי אין די ערשטע אזוי אין די לעצטע זעה איך בלויז פאלשקייט, צביעות און שלעכטסקייט. איך קוק אויף דעם מענשענס געזיכט און לייען אראב פון דארטין שלעכטע, גיפטיגע געדאנקען. אין דער פערשעמטער רויטקייט פון די יונגע פרויען זעה איך זייער בעהאלטענע תאוה. איבער דעם קאפ פון א יונגען מענשען, וואס איז פול מיט העלדענמוט און דרייסטקייט, זעה איך א הילע פון נארעשקייט. נאר א ים מיט קאריקאטורען און סילועטען זעה איך איצט אין דער וועלט, און איך ווייס נישט, וואס דאס איז: א משוגעים-הויז, צי סתם א שפיטאל".

צוקוקען זיך רוהיג צו די אלע שלעכטע מעשים, וואס טהוען זיך אב אין דער נאטור און אינ'ם לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאפט — קען מען נישט: גאנץ אפט רופען די דאזיגע מעשים ארויס א שטורם אין הארצען און א ציטערניש

אין די נערוועז. דאָס האַרץ, ווידער, וואָס קאָכט זיך אַלע
ווײַלע פון כעס, פערליערט זײַן רוהיגען טעמפּאָ און ווערט פול
מיט טרויער און ביטערניש. עס פיהלט דאַן אָפּט דאָס בעדער-
פעניש דאָס אַלץ אויסצולאַכען, פון דעם אַלעמען חוזק צו מאַ-
כען, לאַכענדיג אָבער טהוט אויך וועה דאָס האַרץ. „ער לאַכ-
און קאָכט זיך און איז נישט רוהיג". עס טרעפט טאַקי דערי-
בער נישט זעלטען. אַז דער, וואָס פיהלט און פערשטעהט די
וועלט, ווי זי איז אין דער ווירקליכקײַט, „קוקט און חאַפּט אַ
קלאַפּ", — די וועלט איז פול מיט שלעכטס און ער געהט
אַוועק פון איהר.

אַ טיעפער טרויער פיהלט זיך אויך אין די ליעדער פון
דעם דיכטער לענוי. אין זײַן ליעד „דער צווײַפלער" זאָגט
ער.

„די ענדערונג! אָ, ווי עס ברויזען דײַנע חוואַליעס אין
דעם לאַבירינט פון לעבען! אַלע קוואַלען ווערן פערשלונגען אין
דעם שטראָם פון דײַן וואַסער, און ס'איז נישט פערהאַן קײַן
דאַס, וואָס זאָל קענען בײַשטעהן געגען דיר! נאָר אויף דײַן
ברעג זעגען אַ סך אַזעלכע שוטים פערהאַן, וואָס דער געדאַנק
זעגען דער מענשליכער אונשטערבליכקײַט פילט אָן זײַער האַרץ
אויף דײַן ברעג? — נײַן! דער שטראָם פון דײַן וואַסער
דרינגט אַרײַן אין די פערבאָרגענסטע, בעהאַלטענסטע ווינקעלעך
פון יעדען לעבעדיגען וועזען אין דעם פולס-שלאַג פון מײַן האַר-
צען, אָ, ענדערונג! הערט זיך דאָס ברויזען פון דײַנע חוואַליעס".

אין דער דײַטשער פילאָזאָפיע פון קאַנט'ן אָן, האָטש
זי האָט ביז שאָפּענהויער'ן נישט אויסגעדריקט קלאָר איהר מײַ-
נונג וועגען די פראַגען פון גוטס און שלעכטס, געפינען מיר
פונדעסטוועגען אויך אַ געוויסען פּראָטעסט געגען דעם אָפּטימיזם,
נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז, אין גרונד גענומען,
אויך ווײַט פון פעסימיזם.

אַזוי געפינען מיר, למשל, אין אײַן אָרט בײַ קאַנט'ן,
אַז „דער מענש איז לויט זײַן נאַטור נישט פעהיג צו געפינען
מנוחה און אמת'ען פריעדען אין רײַכטום און פערגניגען"; און
אין אַ צווײַטען אָרט ווײַזט ער אויף, אַז אין דער נאַטור זענען
גאַנץ ווייניג פערהאַן אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס זאָלען מעגליך

מאַכען דאָס מענשליכע גליק. דאַגעגען געפינט אָבער קאַנט די אמת'ע מנוחה פאַר דער מענשליכער נשמה אין דעם מאָראַלישען געזעץ, וואָס הויבט אויף דעם מענשען איבער די אַלע בעדינגונגען פון דער נאַטור.

נאָך מעהר האָט זיך פיכטע בעמיהט צו דערווייזען, אַז דאָס ערדישע לעבען איז גאָרנישט, אַז דאָס גאַנצע נאַטירליכע לעבען, וואָס איז בעגרענעצט מיט די זינליכע פערגניגענס, בעגעהרען און פערלאַנגען, האָט קיין שום בעדייטונג נישט, און דער מענש דאַרף זיך איבערגעבען נאָר דעם מאָראַלישען לעבען. דער תּכלית פון דעם מענשענ'ס לעבען איז די טעטיגע ווירקונג פון זיין „איך“, וואָס איז אימשטאַנד צו ערדייכען אַ העכערע מדרגה אַ דאַנק דער אייביגער בעציהונג צווישען איהם און דער אויסערליכער וועלט. די ערשיינונג פון דער קאָנקרעטער, אויסערליכער וועלט זענען אַלזאָ נישט מעהר, ווי מיטלען אויף צוצוקומען דורך זיי ענדליך צו דער ערפילונג פון דעם מאָראַלישען חוב. וואָס שטעלט פאַר מיט זיך דעם תּכלית פון אונזער גאַנצער עקסיסטענץ. דער העכסטער אַבסאָלוט, די גאָטהייט, איז אויך דער עקסטרעמער תּכלית פון דער מאָראַלישער טעטיגקייט, פון דער מאָראַלישער וועלט-אָרדנונג.

העגעלס שיטה לאָזט אויך צו די הנחה, אַז דער צער איז אַ נויטווענדיגע בעדינגונג פאַר דאָס צייטווייליגע לעבען, די אייביגע איינינקייט (אחדות), די אַבסאָלוטע איינינקייט טיילט זיך אויף אַנ'אונענדליכער צאָהל איינצעלנע וועזענס. אויף וויפיעל די דאָזיגע וועזענס זענען בעגרענעצט, טראָגען זיי אין זיך די עלעמענטען פון פערניכטונג און שאָדען, ווייל זיי מוזען זיך דאָך אַלע אומקעהרען צו דער אַבסאָלוטער איינינקייט און אונענדליכקייט, פון וועלכער זיי זענען געקומען געוואָרען. און אָט: פון דער דאָזיגער וועזענטליכער בעגרענעצונג שטאַמט דאָס בעוואוסטזיין, ד. ה.: יעדעס וועזען דערקענט זיך אַליין אַלס עטוואָס איינצעלנעס, פּאַרטיקולערעס, אים געגענזאַץ צו דער אויסערליכער וועלט. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז יעדעס וועזען דערקענט זיך אַליין און פיהלט, אַז איהם פעהלט עטוואָס און דאָס רופט אַרויס ביי איהם צער. די גאַנצע היסטאָריע איז נאָר איין לאַנגע ענטוויקלונגס-קייט, וואָס דער מענשליכער שכל

האָט דורכגעמאַכט ביז ער האָט ערריַיכט דעם צושטאַנד פון אמת'ען זעלבסט־בעוואוסטזיַין. דאָס וואָס אָט דער שכל איז מחייב אין איין היסטאָרישען פעריאָד, צושטערט ער אַליין אין דעם צווייטען און דערנאָך ווידער אַנערקענט ער די דאָזיגע צושטערונג פאַר נישט ריכטיג און קעהרט זיך אום צוריק צום ערשטען און אַזוי כסדר; וואָס וויַיטער אָבער געהט ער אַלץ העכער און העכער, ביז ער קומט צו סוף כל סוף צו זעלבסט־בעוואוסטזיַין. דאָס איינצעלנע קעהרט זיך אום צום כלל, די פונאַנדערטיילונגען הערען אויף, און ממילא ווערט שוין בטל אויך דער צער, וועלכען די דאָזיגע פונאַנדערטיילונגען האָבען אַרויסגערופען. אַלץ קעהרט זיך אום צו דעם אייביגען, קאָסמישען שכל, וואָס דערקענט זיך אַליין אלס אַנ'איין־און־איינציגען, אלס אַזאַ איינציגען, וואָס נעהמט אַלץ אַריין אין זיך.

נאָך מעהר פון העגעל'ן איז נוטה צום פעסימיזם דער פילאָזאָף שעלינג, חאָטש מ'קען איהם אויך נישט צורעכנען צו דער רייהע פון די אַבסאָלוטע פעסימיסטען. און זיינע ווערק געפינען מיר אַ סך פערצווייפלונג בנוגע צו דעם גליק פון לעבען און אַ סך טענות צו דער וועלט פאַר דער נישטיגקייט און די נאַרעשקייטען, אין וועלכע מיר לעבען.

אין זיין ווערק „פילאָזאָפיע און רעליגיאָן“ שטעלט זיך שעלינג בנוגע צו דער וועלט־געשיכטע אויף דעם שטאַנד־פונקט פון קריסטענטום און ער רעדט וועגען אָדם הראשונ'ס זינד און זיין תקון. דער מענש, וואָס שפּיעלט אין דער גאַנצער נאַטור די ראָליע פון אַ רונג אויף צוזאַמענצובינדען די אַלע איינצעלנע טיילען, כדי זיי זאָלען ווערדן איינס, — אָט דער מענש, ווען ער האָט די דאָזיגע טיילען פונאַנדערגעשיידט דורך זיין פערברעך, האָט דורכדעם פערלוירען זיין גאַנצען חן אין די אויגען פון דער נאַטור און זי האָט אויפגעהערט, איהם צו בעשיצען. די נאַטור איז אָבהענגיג פון דעם מענשען און פערבונדען מיט איהם. הויבט זיך דער מענש אויף. הויבט ער אויך דער נאַטור אויף מיט זיך, און פאַלט ער — פאַלט זי אויך מיט איהם. ווען דער מענש איז אַלזאָ אַראָבגעפאַלען פון זיין הויכער מדרגה צוליעב דעם חטא, איז די נאַטור אויך אַראָבגעפאַלען, און ערשט צוזאַמען מיט זיין תקון וועט זי אויך מתוקן ווערן.

ביז דאַן אָבער, ביז דער מענש מיט דער נאַטור װעלן מתוקן װערן, װעט נאָך אַ לאַנגע צײַט אַװעקגעהן, און דערװײַל איז די װעלט פול מיט צער און טרויער, מיט קימער און זאָרג, און שעלינג רעדט גאַנץ אָפט װעגען „דעם צער, װאָס שלעפט זיך נאָך דאָס גאַנצע צײַטװײַליגע לעבען".

אין זײַן „נאַכטװאַכען" דריקט שעלינג אויס זײַן גאַנצען כעס, װעהטאָג און טרויער אין זעהר אַ פּאָעטישער פאָרם. דאָס לעבען איז לויט זײַן אַנשויאונג אַ מין טראַגיקאָמעדיע, און מיר, מענשען, זענען די אַרטיסטען אויף דער סצענע. אַלע טראָגען מיר מאַסקעס אויפ'ן געזיכט, כדי צו פערדעקען אונזער אַבסאָלוטע נישטיגקײַט. און געפינט אײנער בײַ זיך גענוג מוט און דרײַסטקײַט אַראָפּצונעהמען די מאַסקע פון זײַנע אויגען, אַנהויבענדיג צו זוכען זײַן אמת'ען װעזען, — בלײַבט ער שטעהן אַ פּערציטערטער, זיך אַרומזעהענדיג פּלוצלונג, אַז ס'איז גאָרנישט. די גאַנצע װעלט און אַלץ, װאָס מיר זעהען אויף איהר, איז נישט מעהר, װי אַ פּראָדוקט פון פערשידענע פאַנטאַזיעס, װאָס װעבען זיך אויס אין אונזער מוח, און אונזער מוח אַלײן איז גלײַך צו אַ צובראָכענעם שאַרבען.

װאָס איז דען דער דאָזיגער פּאַלאַץ, — ענדיגט שעלינג זײַנע װערטער, צוגלײַכענדיג זיך צו אַ מענשען, װאָס שטעהט אויפ'ן שװעל פון קבר, און קוקט זיך צו צו דעם מענשליכען מוח און זײַן טעטיגקײַט, צו דעם קלײנעם װינקען, װאָס נעהמט אַרײַן אין זיך די גאַנצע װעלט צוזאַמען מיט אַלע הימלען װאָס איז דער דאָזיגער ציבער-פּאַלאַץ, װאָס די ליבעס-װאונדער װײַזען אין איהם זײער קונסט-שטיק מיט דער הילף פון פערשידענע פערבלענדונגען; װאָס איז דער דאָזיגער מיקראָקאָסמאָס, דאָס דאָזיגע קלײנע װעלט'ל, אין װעלכער אַלעם הײליגעם און הויכעם געפינט זיך אַ פּלאַץ זײַט בײַ זײַט מיט אַלעם שמוציגעם און געמײנעם; װאָס איז אַזוינס דאָס, װאָס שאַפט טעמפּלען צום בעטען, געטער, אינקװיזיציעס און גײַסטער, די דאָזיגע קרוין פון דער נאַטור — דער מענשליכער קאָפּ? אַ מילבען-נעסט! װאָס איז די װעלט, אויב דער אַפּאַראַט, װאָס בעגרײַפט זי און נעהמט זי אַרום, איז אַלײן גאָרנישט מיט גאָרנישט, און אויב דאָס אַלץ, װאָס זי ענטהאַלט אין זיך, איז נישט מעהר

ווי אַ פֿערבײַלויפֿענדע אילוזיע... וואָס זענען די אַלע ערדישע פֿאַנטאַזיעס. דער פֿריהלינג און די בלומען, אויב דער פֿאָלקס־שלאַג פֿון דער פֿאַנטאַזיע ענדיגט זיך אויך דאָ, און דעם קלײַנעם באַלל; אויב דאָ אין דעם אינערליכען פֿאַנטעאָן, פֿאַלען אַלע געטער אַראָב פֿון זייערע ערהערענשטוהלען, און איהם אַלײן וועט די פֿערניכטונג בעהערשען און ווערים וועלן זיך דאָרט אַרומווימלען?...

י.

די יודישע דענקער אין דער לעצטער תקופה.

דער שטראָם פֿון די נײַע אַנשויאונגען, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסען אין אייראָפּאַ אין די לעצטע הונדערטער יאָהרען, איז געקומען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, נישט פֿון דער אמונה, נאָר פֿון דעם פֿרײַען נאָכדענקען. אויף וויפֿיעל דער מענשליכער פֿערשטאַנד איז פֿרײַער געוואָרען, אויף וויפֿיעל דער מענש האָט אָנגעהויבען פֿרײַער זיך צו בעציהען צו מענשען און צו ערשײַנונגען, אויף אַזוי פֿיעל האָבען זיך בײַ איהם אויך אויסגעבילדעט נײַע ריכטיגע און טיעפֿע מיינונגען וועגען דאָס פּראָבלעם פֿון גוטס און שלעכטס. אַזוי לאַנג, ווי מענשען האָבען געקוקט אויף דער וועלט נאָר פֿון דעם רעליגיעזען שטאַנד־פּונקט, האָבען זיי אַממעהרסטענטהײל געמוזט אַנערקענען פֿאַר גוט דאָס, וואָס די רעליגיעזע אַנשויאונג האָט אַנערקענט פֿאַר אַזעלכע, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי האָבען גאַנץ אָפֿט גוט פֿערשטאַנען דעם כאַראַקטער דאָס פֿון שלעכטע און דעם מקור דערפֿון; פֿון דער צײַט אָבער, וואָס די פֿאָרשער האָבען אָנגעהויבען צו לעזען די וועלט־פּראָבלעמען אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג, האָבען זיי געמוזט אַרויסזאָגען זייערע מיינונגען קלאָר און שאַרף אויך בנוגע צו דער פֿראַגע פֿון גוטס און שלעכטס און ווען זיי זענען צוגעקומען צו אַ פּעסימיסטישער

החלטה, האט זי ביי זיי אנגענומען א מעהר-בעשטימטען און עקסטרעמען כאראקטער.

נייע אנשויאונגען אויף דער פראגע פון גוטס און שלעכטס האבען זיך געבילדעט אין די לעצטע הונדערטער יאהרען אויך אין דער יודישער וועלט; זיי האבען אבער אין דער יודישער וועלט געשטאמט נישט פון דעם פרייען נאכדענקען, נאר פון דער אמונה זעלבסט.

ניי זענען די דאזיגע אנשויאונגען, — ניי, הויך און טיעף. איך מיין דא די אנשויאונגען איבער דער פראגע פון גוטס און שלעכטס פון די לעצטע מקובלים און חסידים. וועגען די מיסטיקער בכלל און זייער פערהעלטניס צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס האבען מיר שוין גערעדט; די לעצטע מקובלים און בעאנדער די חסידים פערמאגען אבער פיעל טיעפערע, פיעל העכערע אידעען וועגען דער דאזיגער גרויסער פראגע.

מעהר פון אלע מקובלים האט זיך דער אר"י הקדוש (דער הייליגער ר' יצחק לוריא) בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון גוטס און שלעכטס אין אלגעמיין און בעזונדער מיט דער פראגע: „פארוואס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט?“

דער גאנצער ענין פון „שבירת הכלים“ און די צוויי הונדערט אכט און אכציג (רפ"ח) נצוצין (פונקען), זייער פאלען און זינקען, אויפשטייגען און אויפהויבען, אדם הראשונ'ס חטא און זיין תקון, די „קליפות“ און זייערע פאלאצען (היכלות), די גלגולים און זייערע סבות, — איז נישט מעהר, ווי א גרויסע הקדמה צו דער לעזונג פון דער פראגע וועגען דאס שלעכטס אים נאטירליכען און מאראלען זין. די דאזיגע אלע זאכען ווערען דערמאהנט אויך אין די ווערק פון די ערשטע יודישע מיסטיקער; דארט קומט עס אבער פאר נאר פערבייגעהענדיג און צוזאמען מיט נאך אנדערע ענינים, אין דער צייט, וואס ביים אר"י זענען זיי כמעט דער גאנצער אינהאלט פון זיינע ווערק.

די גאנצע נאטור איז לויט דעם אר"י'ם מיינונג, א געטליכער שטראהל וואס געהט איבער פון דער העכסטער שטופע צו דער ניעדעריגסטער פון די ניעדעריגסטע. אין דעם דאזיגען איבערגאנגס-וועג ברעכט זיך דער שטראהל אויף א סך קליינע פונקען, און דאס איז'ם דער מקור פון פיעל וועלטען. די מעגליכ-

קײט, די רוחניות פון דעם געטליכען שטראַהל בעהאַלט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַזוי, אַז בײַ דער נידריגסטער מדרגה (מלכות דמלכות דעשיה — יסוד העפר) איז זי — די געטליכקײט — שוין אינגאַנצען פערבאָרגען. וואָס מעהר עס דערווײַטערט זיך דער געטליכער שטראַהל פון זײַן מקור, אַלץ מעהר ווערט ער פערגשמ'ט (פערקערפערט), פונאַנדערגעטײַלט, צונױמען, — דאָס אַבסאָלוטע גוטס אין איהם ווערט ווייניגער און דאָס שלעכטס שטאַרקט זיך ביסלעכווײַז.

פון דעם עולם הבריאה אָן און נידריגער — זאָגט זײַן תלמוד, ר' חיים ויטאַל — ווערט אַלץ אָנגערופען: „דער עץ הדעת, וואָס האָט אין זיך גוטס מיט שלעכטס", נאָר וואָס אַ מדרגה ווײַטער, ווערט אַלץ דאָס גוטס ווייניגער און דאָס שלעכטס מעהר, קומט אויס, אַז אונזער נידריג וועלטיל — דער עולם העשיה — בעשטעהט פון אַ סך שלעכטס און גאַנץ ווייניג — גוטס".

דער מענש טראָגט אַלזאָ אויף זיך די פליכט, צו דערנעהנטערן יעדע זאַך צו איהר „רוחניות", אויפצוהויבען זי העכער, צו בעפרײַען זי פון איהר גשמיות, — דערמיט וועט ער ווייניגער מאַכען די שלעכטסקײַטען, וואָס הערשען אין דער וועלט. „דער מענש נעהמט דאָך אַרײַן אין זיך אַלע בעשעפענישען און עמאַנאַציעס און בינדט צונויף אַלע וועלטען ביז דעם תהום פון דר'ערד", און ממילא האָט ער בכח אויך אויסצולײַטערן די אַלע קערפערס, וואָס ער האָט הנאה פון זײ, און זײ אויפצוהויבען ביז אַ העכערער מדרגה.

דער מענש אָטעמט אײַן אין זיך די לופט, עסט געוויקסען און לעבעדיגע בעשעפענישען און דאָס אַלץ ווערט אײַנגעזויגען אין זײַן בלוט און מיט דעם כח דיענט ער גאָט: ער טוט אַזעלכע מעשים, וואָס זענען לרצון דער אייביגער מאַכט און זײַן מחשבה בעהעפט זיך אינגאַנצען מיט גאָט. דערמיט ווירקט ער אויף צו פערמינדערן די גשמיות פון דער וועלט און ממילא אויך — איהר שלעכטס.

דער מענש האָט אָבער אַזוי נישט געטאָן — ער איז אַלײן נאָכגעצויגען געוואָרען נאָך דער גשמיות פון דער וועלט. ער האָט, הײסט עס, נישט בלויז נישט קלענער געמאַכט דאָס לײַ=

דען פון דער וועלט נאָר פערמעהרט עס. אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט אויפהויבען די וועלט און צוברענגען זי צו דעם מקור פון גוט'ס, האָט ער זיך גאַר אַראָבגעלאָזען צו איהר, אָט אַזוי ווי זי איז — ער האָט געגעסען פונ'ם „עץ הדעת", פונ'ם בוים וואָס גיט דאָס וויסען פון גוטס און שלעכטס.

די פליכטען פון דעם איצטיגען מענשען זענען דעריבער — דאָפּעלע. ער דאַרף זעהען מתקן זיין, ערשטענס, דאָס שלעכטע פון דער נאַטור בכלל און אויסער דעם נאָך די פעהלערן, וואָס ער אַליין איז בעגאַנגען. דאָס איז אַלזאָ אַ דוכע און שווערע אַרבייט — די אַרבייט פון מתקן זיין דאָס שלעכטע —, און וואָס דער מענש בעוויַיזט נישט מתקן צו זיין אינ'ם ערשטען גלגול, מוז ער מתקן זיין אינ'ם צווייטען. דער מענש דאַרף זעהן צוריק גוט מאַכען די אַלע פעהלערען, וואָס זענען בעגאַנגען געוואָרען; אַרויסציהען דאָס גוטע פון דאָס שלעכטע; אומקערען די „הייליגע פונקען" (נצוצות) צו זייער מקור און אַראָבנעהמען די הילע פון יעדען וועזען, אום עס זאָל זיך זעהען אין איהם בלויז די „געטליכע ליכטיגקייט",

דעריבער האָבען דער אר"י און זיינע נאָכפאָלגער געזעהען אין אַלע מצוות פון דער תורה, און זאָגאַר אויך אין זייערע קלענסטע איינצעלהייטען, — בלויז אָט דעם איינציגען תכלית. דער מינדעסטער פּרט פון יעדער מצוה. איז אימשטאַנד, לויט זייער מיינונג, עפּעס אויפצוטאָן אין דער הינזיכט, און אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט האָבען זיי נאָך פון זייער זייט אויסגעפונען פערשידענע נייע דינים און דקדוקים, וואָס האָבען אויך וועלכע ס'איז פערבאָרגענע שייכות צו די נצוצות (פונקען) פון דער קדושה און צו זייער ליַיטערונג; און דעריבער איז אָפט פאָרגעקומען, אַז די אמת'ע אינערליכע כונה איז פערשלונגען געוואָרען אינגאַנצען אין דעם ים פון די אויסערליכע מעשים און איינצעלהייטען, אָדער זי האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. אַ מאָל פלעגען זיך די מקובלים גאָר בענוגען מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון די אותיות אין די פערשידענסטע פאָרמען; דאָס דאַוונען, למשל, לויט דער כונה פונ'ם אַרי'ם תלמידים איז אויף אַזאַ אופן אָפט מאָל פערוואַנ-

דעלט געוואָרען אין אַ מין טרוקענער אַרבייט אָהן אַ שום אינערליך=געטליכער שטימונג, אין אַ מין אַריטמעטישער וויסענשאַפט פון צוזאַמענרעכנען אותיות און זייער פונאַנדערשטעלען אין אַ געוויסער אָרדנונג.

דערווייל האָבען זיך געפונען אַ סך, וואָס „די ווערטער פון דעם לעבעדיגען גאָט" זענען פאַר זיי געוואָרען אַ מקור פון „אַפּיקורסות", ווי די שבתי=צבי'ניקעס און נאָך אַזעלכע. די דאָזיגע „מקצצים בנטיעות" האָבען אַזוי לאַנג געהאַט צו טאָן מיט די לייטערונגען און ריינונגען פון די „נצוצות", ביז זיי האָבען אָנגעהויבען צו זוכען דאָ „אַ סך חשבונות", ווי אַזוי „אויסצולייזען די געפאַנגענע", ווי אַזוי צו בעפרייען די שכינה פון גלות,—אויפשטעלענדיג צוריק די „ירושלים פון אויבען" און געפונענדיג פאַר איהר אַנ'אייביגע הילף דורך אַ „גואל צדק", דורך אַ משיח. זיי איז שווער געווען צו וואַרטען, ביז די וועלט וועט דורכמאַכען די אַלע לייטערונגען איינע נאָך דער אַנדערער — זיי האָבען געוואַרט אויף אַיין אויסלייזער, וואָס זאָל דאָס אַלץ פאַר איין מאָל דורכפיהרען; ער „וועט בעפרייען די געפאַנגענע", אויפדעקען די שיין פון דער קדושה און אַלץ וועט געלייטערט און גערייניגט ווערן. דער דאָזיגער אויסלייזער דאַרף נישט געהן מיט דעם אויסגעטרעטענעם וועג פון אַלעמען, מיט דעם וועג פון מצוות און גוטע מעשים, — פאַר איהם זענען דאָ נור עטליכע „תקונים" גענוג; ער איז „שלימותא דכולא" (די העכסטע גרעסטע פאָלקאָמענהייט) ער איז העכער און דערהויבענער פון אַלע אונזערע בעגריפען צוזאַמענגענומען: פון דאָס ריינע און אונריינע, כשר'ע און פּסול'ע, ערלויבטע און אונערלויבטע, גוטע און שלעכטע; ער איז די ענדע פון אַלץ, ער איז די לייטערונג און די ריינינונג פון אַלץ, ער אַליין לייטערט אַלץ און רייסט אויס מיט'ן וואָרצעל.

די דאָזיגע ערשיינונג איז נישט ניי און אונזער געשיכטע דער געדאַנקען=גאַנג פון די שבתי=צבי'ניקעס איז אייגענטליך דער זעלביגער פון די גנאָסטיקער און די פערשידענע אַנדערע „מינים" וואָס האָבען געלעבט נאָכ'ן חורבן, און אויך צונויפגעשמאָלצען זייערע גמטריות און סודות מיט דעם געדאַנק וועגען אַ „משיח".

דער ערשטער און דער לעצטער צייט, וואָס האָט בעפרייט די יודישע מאַסען פון דעם דאָזיגען כאַאָס און פערשפּרייט אַ נייע

שיין אויף די טיעפסטע „וועלט" פראבלעמען, איז געווען ר' ישראל בעל שם טוב (קורץ: דער בעש"ט). דא איז נישט דאס ארט צו ערקלערן די יסודות פון דעם בעש"ט'ס שיטה, פון וועלכער ס'האט זיך שפעטער אויסגעבילדעט דער גאנצער חסיד'יזם; מיר וועלן זיך דעריבער אבשטעלען נאר אויף דעם, וואס האט א שייכות צו אונזער ענין.

איינער פון די גרונד־עלעמענטען אין דעם בעש"ט'ס וועלט־אנשויאונג איז דער בעקאנטער אפאריזם, וואס ווערט געבראכט פון זיין נאמען וועגען אין פיעל ספרים: „דאס, וואס די וועלט זעהט אויס, ווי א ממשות'דיגע, קאנקרעטע זאך, איז — אבסאלוט פאלש"; און אויב דאס געפינט זיך נישט ביי איהם אין ערגעץ מפורש ארויס געזאגט לאזט זיך עס אבער קלאהר זעהן פון דעם משל, וואס ווערט געבראכט אין „כתר שם טוב" (ערשטער טייל):

עס איז געווען אמאל א מלך, א גרויסער חכם, האט ער פערבלענדעט אלעמען די אויגען און געמאכט מויערען, טורעמס און טויערען, און ער האט בעפעהלען, אז מ'זאל געהן דורך די דאזיגע טויערען און טורעמס, און אין יעדער טויער בעזונדער האט ער געהייסען פונאנדערשיטען די אוצרות המלך; און אמאל איז ער צוגעגאנגען צו איין טויער און גענומען געלד און זיך אומגעקעהרט צוריק א. א. וו., ביז זיין איינציגער זוהן האט דורכאוים געוואלט צוקומען צו זיין פאטער, דעם מלך; דאן האט ער געזעהען, אז צווישען איהם און זיין פאטער איז און דער אמת'ען קיין שום מחיצה נישטא, ווייל אלץ איז נישט מעהר, ווי א פערבלענדעניש. דער געדאנק פון דעם משל פערשטעהט זיך אליין. גאט בעהאלט זיך אין א סך מחיצות און קליידער. די גאנצע וועלט איז פול מיט גאט'ס כבוד און יעדע בעוועגונג און יעדער געדאנק קומט נאר פון זיין ליעבען נאמען, און אויך אלע מלאכים און די אלע „היכלות" (פאלאצען) — אלץ איז געשאפען און געמאכט געווארען פון איהם אליין. די גאנצע שעפפונג איז זיין לבוש און אט דער לבוש איז פון איהם און אין איהם...

די גאנצע נאטור איז אויף אזא אופן בלויז אנ'איינרעדעניש, א פאטא מארגאנא, א אילוזיע; אלץ איז פערדעקט און בעהאלטען, אלץ איז פערבארגען; פאר'ן בליק פון דעם בעוואוסטזיניג־מענשען איז אבער אלץ אפען און קלאר. ווען דער מענש קומט

צו צו דער אמת'ער איבערצייגונג, צו דעם אמת'ען בעוואוסטזיין, פערשטעהט ער, אַז די גאַנצע נאַטור איז נישט מעהר, ווי אַ פערבלענדעניש, און ער בעגרייפט דעם אמת'ען „עפעס", די גאָטהייט. דאַן ווערן שוין ממילא בטל=ומבוטל אַלע שלעכטיגקייטען און צרות, אַלע דינים און שטראָפען, וואָרום דער מקור פון די אַלע זאַכען איז דאָך בלויז דער וועלט=טעות, דעם מענשען'ס איינרעדען זיך, אַז ער איז עפּעס, אַז ער איז ווירקליך פערהאַן... ווען דער מענש פערשטעהט שוין, אָבער אַז אַלץ אין דער וועלט איז נאָר אַ פאַלשע איינבילדונג, אַז גאָט האָט אַלץ געמאַכט כדי ער, דער מענש, זאָל צוקומען צו דעם בעוואוסטזיין פון דעם, אַז פאַראַן איז נור די גאָטהייט — פערשטעהט ער שוין אויך דאָס, אַז אַלערליי ליידען האָבען קיין שום ממשות'דיגען ווערט נישט.

און ווען גאָט שטראָפט אפילו שטאַרק דעם מענשען, און ווען ער דערווייטערט איהם פון זיך, וואָס מעהר דער מענש וויל צו איהם נאָהנט זיין, — זאָל אויך דער מענש נישט אריינפאַלען אין קיין יאוש, וואָרום עס טרעפט אַמאָל, אַז גאָט דערווייטערט איהם פון זיך בכיוון, כדי ער זאָל זיך צו איהם נאָך מעהר דערנעהנטערן, און „דאָס איז גלייך צו אַ מענשען, וואָס האָט אַ קליינעם זוהן און ער וויל איהם צוגעוועהנען צום געהן; שטעלט ער איהם אויף דר'ערד און רוקט זיך אָב פון איהם אַ ביסעל און רופט איהם, ער זאָל צוקומען נעהנטער, און ווען דאָס קינד קומט שוין צו צום פאָטער, דערווייטערט ער זיך נאָך אַ ביסעל, און אַזוי אַ סך מאָל, ביז ער געוועהנט איהם צו צום געהן אַליין. אַזוי איז אויך גאָט ברוך=הוא: ער וויל שטענדיג, אַז דער מענש זאָל נישט שטעהן אויף איין אָרט, נאָר געהן פון איין מדרגה צו דער אַנדערער דורך תורה און מעשים טובים און גוטע מדות, ווי עס שטעהט געשריבען: „וואויל איז דעם, וואָס האָט מורא פאַר גאָט און געהט אין זיינע וועגען"; דעריבער דערווייטערט זיך גאָט פון איהם און שטראָפט איהם כלומר'שט, כדי ער זאָל נאָכזעהען זיינע מעשים און זיך דערנעהנטערן צו גאָט און געהן פון מדרגה צו מדרגה".

וואָס מעהר גאָט דערווייטערט זיך פון'ם מענשען, אַלץ מעהר דאַרף דער מענש נעהנטער צו געהן צו גאָט דורך אונטערטעניגקייט און דעמוטיגקייט און דבקות (בעהעפטונג); און וואָס

שוואַכער דער קערפּער, אַלץ שטאַרקער — דער שׂכל. די הויפּט־זאַך איז, דער מענטש זאָל געדענקען, אַז „אין יעדען מין צער, סײַ אין גשמיות (קערפּער) און סײַ אין רוחניות (גײַסט), איז פֿערהאַן אַ הײליגער פֿונק פֿון זײַן געבענשטען נאָמען, נאָר ער איז בעהאַלטען אין אַ סך לבושין (הילעס, קלײדער), און ווען ער וועט זיך בעטראַכטען, אַז אַפילו דאָ (אין זײַן צער) איז אויך גאָט ברוך־הוא מיט איהם, וועט אָבגעדעקט ווערען דאָס לבוש און בטל ווערען דער צער":

און אויב עס וועט קומען אײנער און פֿרעגען:

גוט, לאָמיר שוין אָננעהמען אַז די אַלע גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע שלעכטסיגקײטען פֿון דער גאַנצער נאַטור זענען נישט מעהר, ווי אײַנבילדונגען; אָבער פֿאָרט איז דאָך אָט די גרויסע אײַנבילדונג, וואָס מיר רופֿען זי אָן „וועלט", „נאַטור", „לעבען" א. א. וו., פֿון גאָט געשאַפֿען, און אויב קײן זאַך איז נישט אָבגעטײלט פֿון איהם, ווײַל „אַלץ איז פֿון איהם און אַלץ איז אין איהם", נעהמט ער דאָך אַרײַן אין זיך אויך די אײַנבילדונג, וואָס איז דער מקור פֿון שלעכטס, הײַנט ווי אַזוי־זשע ענטהאַלט ער עס אין זיך די בײדע קאָנטראַסטען: גוטס מיט שלעכטס? אָדער מיט דעם בעש"ט'ס אײגענעם נוסח: „אַזוי ווי די שכינה איז כּולל אין זיך אַלע עולמות (וועלטען) און דעם דומם (מינעראַל־וועזען) און דעם צומח (פֿלאַנצונגס־וועזען) און דעם חי (לעבעדיגען, די טיער וועלט) און דעם מדבּר (דעם רעדעוודיגען, דעם מענשען) און אַלע גוטע און שלעכטע בעשעפֿענישען, און די אײניגקײט איז די שכינה; הײַנט ווי אַזוי קענען עס זײַן צוויי הפכים (געגענזאַצען, קאָנטראַסטען) אין אײן נושׂא (וועזען, געגענשטאַנד)?"

אויף דעם ענטפֿערט דער בעל שם טוב, אַז „דאָס שלעכטע איז בלויז די כּסא (שטוהל) פֿאַר דאָס גוטע", און „ווען דאָס שלעכטס ברענגט צו גוטס, ווערט עס אַ כּסא פֿאַר דאָס גוטע און אַלץ הײסט שוין גוטס". דאָס הײסט: „שלעכטס איז נישט דער געגענזאַץ פֿון גוטס, נאָר אַ אונטערשטע מדרגה פֿון גוטס", ווײַל אַלץ געהט נאָכ'ן תּכלית. און דער תּכלית איז דאָך די העכסטע גאָט־ערקענטניס וואו עס הערשט שוין קײן שלעכטס נישט . . .

נאָהענט צום בעל-שם-טוב אינ'ם גרונד פון זיינע מיינונגען און אנשויאונגען איבער דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס, איז זיין אייניקעל ר' נחמן ברעסלאַווער; ער צייכענט זיך אָבער אויס מיט מעהר טיפקייט, מיט מעהר פּאָעזיע און מיט אַ אונגעוועהנליך מילדער באַרימהערצינקייט צו דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכט.

„אַלץ, וואָס עס פעהלט דעם מענשען, זאָגט ר' נחמן, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, איז דער חסרון דערפון אויך אין דער שכינה כביכול; נאָר ווען דער מענש וועט וויסען, אַז דער חסרון איז אי אויבען (אין דער שכינה), אי אונטען (אין דעם מענשען), וועט ער דאָך אַודאי אַריינפאַלען אין גרויס צער און עצבות (טרויער), און נישט קענען דינען גאָט מיט שמחה, דעריבער דאַרף ער זיך בערעכנען: וואָס בין איך און וואָס'רע ווערט האָט מיין לעבען, אַז דער מלך (גאָט) אַליין זאָל מיר דערצעהלען זיין חסרון? איז דען דאָ אַ גרעסערער כבוד פון דעם? און דערווייל קומט ער דורך דעם צו אַ גרויסער שמחה און די געדאַנקען זיינע בעניימען זיך",

אין אַלע צושטרייטע און פערפּלאָנטערטע אַפאָריזמען פון ר' נחמן ברעסלאַווער געהט דורך אָט דער געדאַנק: דעם מענשענ'ס לעבען איז בלויז אַ רייהע פון אונגליקען און אָנשיקענישען, פון בהלות און ציטערנישען, אויב גאָט איז נישט מיט איהם.

„יעדער מענש — זאָגט דער ברעסלאַווער — דאַרף שרייען צו גאָט און בעטען הילף ביי איהם ריכטיג, ווי ווען ער וואָלט זיך געפונען אין מיטען ים, הענגענדיג אויף אַ האָר, און דער ווינט שטורעמט און טראָגט די חוואַליעס ביז'ן הימעל, אַזוי אַז מ'ווייס גאָרנישט, וואָס צו טאָן און ס'איז כמעט גאָר קיין צייט נישטאָ אַפילו צו שרייען. אָי! אין גרויס סכנה איז דער מענש אויף דער וועלט, ווי יעדערער ווייס עס פון זיך אַליין".

זעהר טיעף איז זיין מיינונג איבער דעם מענשענ'ס אַלע מיני פערלאַנגען, בעגעהרען און שטרעבונגען.

ער זאָגט:

„אויסער דעם, וואָס פון דער נאַטור אַליין שלעפּט זיך דער מענש נאָך אַלע תאוות און שלעכטע מדות, — אויסער דעם איז עס נאָך געוואָרען ביי זיי — ביי די מענשען — עפּעס אַ מין

אמונה, אז דאס איז דעם מענשענס תכלית, און ה״ע בתה פון מענשען האט אויסגעקליבען בעזונדערע נארישקייטען; און מעהר פון אלע איז פערקראכען און האט געגרייזט יענע כחה פון מענשען, וואס האט אויסגעוועהלט דאס געלד פאר איהר תכלית״.

די נארישקייט פון די פערשידענע וועלטליכע איינבילדונגען ערקלערט ער מיט דעם משל:

„דער יצר=הרע איז געגליכען צו איינעם, וואס געהט ארום מיט א פערמאכטער האנד צווישען מענשען, וועלכע ווייסען נישט, וואס ער האט דארט אין האנד, און נארט אלעמען אב און פרעגט: וואס האב איך דא? יעדערער גלויבט, אז אין האנד ליעגט דאס, וואס ער וויל האבען, און דעריבער לויפען אלע נאך איהם; דערנאך עפענט ער אויף די האנד און וויזט, אז ער האט אין איהר גארנישט. דער יצר הרע נארט אויך אזוי אב דער גאנצער וועלט און אלע לויפען איהם נאך, ווייל יעדערער מיינט, אז אין דער האנד ליעגט דאס, וואס ער דארף האבען צו דערפילען זיין תאוה; און ווען ער עפענט די האנד — איז אין איהר גאר נישטא, ווארום ס'איז נישטא קיין איינער, וואס זאל דערפילען זיין תאוה״.

מיר געפינען זאגאר, אז רבי נחמן מיט זיין תמימות איז צוגעקומען צו דעם זעלביגען געדאנק, צו וועלכען דער פילאזאף שאפענהויער איז צוגעקומען, ארויסגעהענדיג פון א טיעף=פילאזאפישען שטאנדפונקט; איך מיין דא דעם געדאנק, אז אין דער צייט, ווען די ליידען זענען עטוואס פאזיטיוועס, איז דאס פערגניגען נישט מעהר, ווי די נעגאטיווע זייט פון צער.

„אלע קולות (שטימען) פון דער וועלט — זאגט רבי נחמן — שטאמען בלויז פון חסרונות (ליידען), ווארום יעדער איינציגער בעזונדער שרייט איבער זיין חסרון; און אפילו די שמחות פון דער וועלט זענען אויך נאר דערפון, וואס עפעס א חסרון איז דערפילט געווארען״.

פון דעם כלל שליסט ער אבער אויס דעם צדיק, „וואס אין זיין גליקליכען לעבען איז קיין חסרון נישטא״, „ווייל די גאנצע וועלט איז פאר איהם נישט אזוי וויכטיג, אז עס זאל זיך שיקען דערביי צו זאגען: חסרון״. און דאס איז נישט דערפאר, וואס דער צדיק האט א שטייערנעם הארץ און פיהלט נישט די

ליידען פון דער וועלט; אדרבא: רבי נחמנ׳ס צדיק האלט גאר, אז „די אלע יסודות פון דער נאטור, פון דער ערשטער עמאַ־נאציע ביז דעם צענטראלען פונקט פון דער קערפּערליכער וועלט, האבען בלויז דעם איינציגען צוועק: צו ענטדעקען און ארויסצו־ווייזען גאט׳ס רחמנות,“ און „וואס מעהר ויסען — אלץ מעהר רחמנות“; דער צדיק פיהלט און פערשטעהט אבער אין דער זעלביגער צייט די גאנצע נישטיגקייט און קליינליכקייט פון אלע עולם־הזה־ענינים, און דעריבער פערנעהמען די יסורים קיין שום פלאץ נישט, — ער איז זיי אין הארצען מבטל און שפּירט זיי גארנישט.

וואס העכער דער מענש הויבט זיך אויף, אלץ נישטיגער און קלענער ווערן ביי איהם די אינטערעסען פון אונזער וועלטיל מיט איהרע געשעפטען, פערלאנגען, צרות און וועהטאגען בע־זונדער האט דעם דאזיגען ענין ערקלערט דער רב מלאדי אין זיין "אגרת הקודש“: „דיר צו איבערצייגען —.ז״ט דער רב— אז נישט דאס איז דער וועג פון גאט׳ס ליכטיגקייט, צו זיין אריינגעטהון אין קערפּערליכע תאוות, אין געזונדהייט, קינדער און מזונות (פרנסה), דען אויף דעם האבען די חז״ל (חכמינו זכרם לברכה: אונזערע חכמים, זייער נאמען זאל געבענשט זיין) געזאגט: זיי מבטל דיין ווילען פאר זיינעם (גאט׳ס), ד. ה. אז זיין (דעם מענשענס) רצון (ווילען) זאל בטל ווערן במציאות און ער זאל אינגאנצען קיין רצון נישט האבען אין די ענינים פון דער וועלט, וואס ווערן אויסגעדריקט אין דעם פערלאנג פון געזונד, קינדער און מזונות, און ווי די חז״ל האבען געזאגט א. א. וו.

און די ערקלערונג פון דעם ענין איז דאס, אז דער מענש זאל מיעף גלויבען אין דעם בעשעפער פון דער וועלט, ד. ה. אז די גאנצע נאטור איז ענטשטאנען פון גארנישט און ווען דער מענש וועט קיין איין איינציגע מינוט נישט אויפהערען צו טראכטען וועגען דעם מיט זיין טיעפען פערשטאנד און כסדר זיך פארשטעלען, אז ער איז ענשטאנען פון גארנישט, ווי וועט דאס איהם ארויפפאלען אויפן רעיון, אז איהם איז שלעכט? דער אמת׳ער מאמין פיהלט אבער קיינע יסורים נישט, און אלע ענינים פון דער וועלט האבען פאר איהם אבסאלוט דעם זעלבי־

גען ווערט צי זיי זענען יא דא, צי זיי זענען נישטא א. א. וו.

פאסענד צו אונזער ענין זענען אויך די ווערטער פון „אדרת אליהו“:

„איך האב געהערט אזא ערקלערונג פון דעם מאמר חז״ל: ווען א מענש זעהט, אז עס קומען אויף איהם יסורים, זאל ער נאכזוכען אין זיינע מעשים. דער אמת'ער גאטספארכטיגער און פרומער, פיהלט גאר קיינמאל נישט קיין יסורים, דען ער איז אזוי צוגעבונדען צו גאט און האט איהם אזוי שטארק ליעב, אז אלץ איז ביי איהם גוט; דער אבער, וואס איז נישט פרום מיט אן'אמת, פיהלט באלד די יסורים, ווייל ער איז ווייט פון גאט און אבגעזונדערט פון איהם און איז אריינגעגעבען גאר אין די עניני עולם הזה און אין די פערשיעדענע תאוות און פערגניגענס פון לעבען. ער דערשפירט דעריבער גלייך די יסורים און וויל זיי אבשטויסען פון זיך, ווייל זיי געפעלען איהם נישט; און דאס איז די בעדייטונג פון דעם מאמר: ווען א מענש זעהט, אז עס קומען אויף איהם יסורים, ד. ה. ווען ער זעהט די יסורים און שפירט זיי, זאל ער נאכזועהען זיינע מעשים“.

ווער עס האט געלייענט די ערשטע פרקים אונזערע וועט פערשטעהן, אז ביי דער דאזיגער מיינונג האלטען זיך אלע גרויסע חסידים, האטש זיי זענען ווייט איינע פון די אנדערע אין א סך איינצעלהייטען. זיי זענען אינגאנצען מבטל די ליידען פון דער וועלט, אויפהויבענדיג זיך גאנץ הויך איבער איהר מיט איהרע ליידען צוזאמען. און דאס דיענט זיי אלס מאסשטאב, אויף צו מעסטען די גרויסקייט פון'ם גייסט־מענשען: אויב ער בעזיצט די קראפט אינגאנצען צו איגנארירען די אינטערעסען פון דער קערפערליכער וועלט, אויב ער קוקט אויף אלע לעבענס אינטערעסען, ווי אויף פערבייגעהענדע ערשיינונגען, וואס האבען קיין בעדייטונג נישט אנטקעגען די הייליגע גייסט־שטרעבונגען, — הייסט עס, אז ער האט ווירקליך ערגרייכט א הויכע מדרגה; קוים אבער האבען נאך די ענינים פון דער וועלט א שטיקעל שליטה איבער איהם און שטערען איהם אין זיין גייסטיגער טעטיגקייט, אדער זיי דערשלאגען זיין געמיט, איז עס א בעוויז, אז ער איז נאך צוגעבונדען צו די קליינליכקייטען פון לעבען און דער „אנזעהן פון דער וועלט“ הערשט

איבער איהם.

די דערהויבענע גייסטיגע שטימונג פֿון דעם אמת'ען חסיד האָט קלאָר אויסגעדריקט און געשילדערט דעם לאַדי'ער רב'ס זוהן, דער רבי ר' בער, וועלנדיג בעטאָנען די ענהליכקייט צווישען דעם טיפֿען אינערליכען טרויער פֿון יעדען גייסט-מענשען און דער התלהבותדיגער נשמה שמחה, וואָס עס פֿאָדערט היישע אמונה.

ער זאָגט:

„דער, וואָס זיין הארץ איז שטענדיג פֿערזאָרגט, שטעהט זעהר אויף אַ הויכער מדרגה, ווארום (ער איז דאָך פֿערזאָרגט) נישט דערפֿאַר, וואָס ער וויל עפּעס ערדייכען, נאָר ווייל די אינערליכע נקודה פֿון זיין הארצען איז אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדען מיט דעם עצם פֿונ'ם אין-סוף — (אונענדליכען, גאָט), אַז אַלע אַנדערע פֿערלאַנגען האָבען פֿאַר איהם קיין שום בעדייטונג, דעריבער זאָרגט זיך שטענדיג זיין הארץ: ווען וועט ער שוין זעהן די שיין פֿון דעם לעבעדיגען גאָט, דער אמת פֿון דער אונענדליכער ליכטיגקייט. און די דאָזיגע דאגה איז אַזוי שטאַרק, אַז ער איז פֿראָסט מבטל אינגאַנצען זיין וועזענטליכען לעבען, וואָס האָט קיין שום ממשות נישט געגען דער אמת'ער, אינערליכער ליכטיגקייט פֿון זיין הויות און געגען דעם גליק פֿון בעהעפֿטען די אייגענע נשמה מיט דער (געטליכער) אייביגקייט. און דאָס איז די זעלביגע מדרגה פֿון דעם פֿרעהליכען לעבען און פֿון די אייביגע פֿערגניגענס וועלכע שטאַמען פֿון דביקות אין עצמות פֿונ'ם אין-סוף וואָס מיר געפֿונען ביי די גרויסע צדיקים, ווי משה רבינו, למשל, וואָס איז געשטאָרבען „בנשיקה" (געקוּשט ערהייד) אין זיין טיפֿער געטליכער דביקות (בעהעפֿטונג) און פֿאַר זיין לעבען האָט אויך די שכינה אַרויסגערעדט פֿון איהם און די שטאַרקע ליכטיגקייט פֿון דעם אונענדליכען האָט בעלויכטען זיין נשמה און זיין שטראַהלענדען פּנים.

אַזאַ שטרעבונג האָט יעדענפֿאַלס אין זיך אַ סך שענקייט, אַ סך הויכע פּאָעזיע, און איז גאַנץ נאָהנט פֿון דער אמת'ער פּלאַטאָנישער שטרעבונג.

נאָך מעהר פֿון דעם לעצטען האָט געזוכט אויסצוגעפֿונען די גלייכגעוויכט צווישען דעם טיפֿען טרויער און דער גייסטי-

גער דערשלאָגענקייט פון איין זייט, און דער דערהויבענער, מונטערער נשמה־שטימונג פון דער צווייטער זייט, — זיין תלמיד, ר׳ אייזיק עפּשטיין, אין זיין ספר: „השפלות והשמחה" — (דעמוט און פרייד).

עס געהט נישט אַריין אין דעם פּלאַן פון אונזער איצטיגער אַרבייט, צו ערקלערן די דעטאַילען פון זיין אַנשויאונג, און דערצו נאָך זענען די פאָרשונגען פון דעם דאָזיגען צדיק בנוגע צו אונזער ענין איינגעהאַלטען אין דער מיסטישער הילע פון עפּעס אַ בעזונדער מין סכאָלאַסטיק, און חאָטש זיי צייכנען זיך אויס מיט אַ איינענאַרטיגער טיעפקייט, האָבען זיי דאָך נישט קיין שום לאָגישען גרונד. מיר ברענגען דאָ דעריבער דעם עיקר פון זיין מיינונג איבער דער בעציהונג פון דעם גייסט־מענשען צו די צרות און אונגליקען, וואָס בעגעגנען איהם.

„וואָס עס ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא דער ענין פון „גם זו לטובה" הייסט עס אַזוי: די דאָזיגע צדיקים האָבען געשפּירט דעם פערגניגען וואָס עס האָבען אין זיך די יסורים. דאָס איז געגליכען צו די זעהר שטאַרקע געטראַנקען, וואָס איינער טרינקט זיי און פיהלט אַ גוטען טעם אין דעם, ווייל ער איז אַ שטאַרקער פון דער נאַטור און האָט אַ געזונדטען קאָפּ; אַנ׳אַנדערער אָבער טרינקט די זעלביגע משקה און קען דאָס נישט פערטראָגען, ווען ער האָט אַ שוואַכע נאַטור און אַ שוואַכען קאָפּ, אַזוי אַז ער איז צו־שוואַך צו געניסען פון דער הנאה, וואָס דער ערשטער האָט פון דער דאָזיגער ברענעדיגער שאַרפקייט. פאַר איהם איז די שאַרפקייט אַ וועהטאָג, אַ רייסעניש, חאָטש אין דער אמת׳ען ווירקט דאָס אויף איהם אויך גוט! און יענע חכמים, וואָס האָבען געזאָגט: „גם זו לטובה", האָבען געהאַט אין זיך אָט די שטאַרקייט פון דער נאַטור; זיי האָבען אַרויסגעזאָגט זייער צופריעדענהייט און אויסגעדריקט אין אַ אויסערליכען געפיהל די בעהאַלטענע גוטסקייט, וואָס איז פערהאַן אין דער שאַרפקייט פון די יסורים. אַנדערע ווידער זענען פערהאַן, וואָס האָבען נישט דעם גרויסען כח, אויסצודריקען אויסערליך זייער פערגניגען דערפון; אָבער אינערליך פיהלען זיי פונדעסטוועגען די פערבאָרגענע גוטע זייטען פון די אַלע צרות; אויף די האָט מען געזאָגט: זיי פרעהען זיך מיט

זייערע יסורים, דאָס הייסט: זיי שפּירען טאַקע ממש די יסורים און פונדעסטוועגען פרעהען זיי זיך, ווייל זיי שפּירען אויך דאָס גוטע, דעם פערגניגען.

ביז אַהער האָבען מיר גערעדט וועגען די לעצטע מקובלים און די חסידים. איצט וועלן מיר דערמאָהנען אויך די רבני'שע געלעהרטע און די יודישע חוקרים אין די לעצטע יאָהרהונדערטער.

די רבני'שע לומדים האָבען זיך אַ סך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו" (פאַרוואָס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע — גוט)? מיט דעם ענין פון יסורים אין אַלגעמיין און יסורים של אהבה (גאָט'ס שטראָף פון ליעבע) — בעזונדער, און מיט דעם פּראָבלעם פון דער געטליכער גערעכטיגקייט.

בעזונדער האָבען פיעל גערעדט וועגען די עניינים דער של"ה (פערקירצטער נאָמען פון אַ בעקאַנטען ספר: „שני לוחות הברית"), דער אַלשיך און ר' יעקב עמדין; אַלע זייערע מיינונגען אָבער לאָזען זיך צושרייבען אָדער צו יענע פון די בעלי התלמוד, וועלכע מיר האָבען שוין ערקלערט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, אָדער צו די אַנשויאונגען פון די רבני'שע געלעהרטע אין מיטעלאַלטער, וועלכע מיר האָבען שוין אויך דערמאָהנט.

עטוואָס עהנליכעס צו אַ נייעם רבני'שען געדאַנק בנוגע צו דעם ענין געפינען מיר אין „עוללות אפרים". נאָך איהם קומט אויס, אז גאָט נעהמט זיך נישט אָן פאַר'ן צדיק אויף דער וועלט, פּשוט ווייל די ענינים פון דער וועלט האָבען בכלל קיין שום ווערט נישט און די צרות פון דאַנען זענען אייגענטליך גאָר קיין צרות נישט. עס קומט אויס אַזוי: דעם אויבערשטען איז אַלץ איינס צי דער צדיק האָט יסורים צי ניט, דען וואָס איז די נפקא מינה?...

„דאָס איז געגליכען צו אַ קינד, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ קליין הייזעלע פון קליינע שפּענדלעך, און דערנאָך איז געקומען אַן'אַנדער קינד און האָט עס צו־וואָרפען. שרייט דאָס ערשטע קינד און וויינט פאַר'ן פאָטער: זעה, וואָס ער

האָט מיר געטאָן; איך האָב אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז איך האָב אויפגעשטעלט דאָס שטיבעלע, און צום סוף איז ער געקומען און אין איין מינוט האָט ער עס צושליידערט. דער פאָטער לאַכט זיך אָבער אויס פון זיינע טענות און איז זיך גאָרנישט נוקם אָן דעם אַנדערן קינד. דאָס ערשטע מיינט דעריבער, אַז דעם פאָטער אַהרט גאָרנישט פאַר איהם, ווייל ער האָט איהם נישט ליעב, און עס הערט נישט אויף צו וויינען; אין דער אמת'ן אָבער אַהרט דעם פאָטער גאַנץ שטאַרק פאַר'ן זוהן און ער האָט איהם גאַנץ ליעב, נאָר ער הערט זיך נישט צו צו זיינע טענות און געוויינערייען, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס אַנדערע יונגעל האָט איהם קיין זאַך נישט געטאָן און די גאַנצע מעשה איז גאָרנישט מיט גאָרנישט".

קיין נייע פרוכטבאַרע געדאַנקען אין דעם ענין פון גוטס און שלעכטס געפינען מיר נישט אויך אין די ווערק פון די יודישע אויפגעקלערטע אין דער לעצטער צייט. עס רעדט זיך אין די דאָזיגע ווערק אַ סך וועגען גוטס און שלעכטס אים מאָראַלען זין; גאַנץ ווייניג אָבער וועגען נאַטירליכען זין פון דער פראַגע.

בעזונדער האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם ענין דער דענקער מענדעלסאָהן אין זיין אַרטיקעל וועגען „השגחה", דער גאון מלבי"ם אין זיין פירוש אויף „איוב", דער שענער רייכער גייסט ר' אליעזר צווייפעל אין זיין „השבונו של עולם", דער חוקר ר' משה חפץ אין זיין „מלאכת מחשבת" און דער פּאָעט-פילאָזאָף ש. ד. לוצאַטו אין פיעל ערטער.

מענדעלסאָהנ'ס מיינונג וועגען דער פראַגע האָט אין זיך איין טייל פון די אַנשויאונגען, וועלכע מיר האָבען שוין געבראַכט אינ'ם נאָמען פון אונזערע מיטעלאַלטערליכע חוקרים, און אַ צווייטען טייל לייבניצעס אָפּטימיזם, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין אויך גערעדט.

דער מלבי"ם האָט אַריינגעגעבען די העלדען פון ספר „איוב" אין מויל אַ גאַנצע רייהע פון פילאָזאָפישע סיסטעמען. אַזוי האָט ער, למשל, אַריינגעבראַכט דאָרטען קאַנט'ס שיטה וועגען דעם אונטערשיעד צווישען די זאַכען, ווי אַזוי זיי ווירקען אויף אונזערע חושים, און ווי זיי זענען אַן און פאַר זיך, און פערשיעדענע מיינונגען פון אונזערע אַלטע חכמים, און חאָטש ער האָט זיך אַ סך

נע'חקר'נט און גע'פּשט'לט (גאַנץ אָפט מיט אַ טיפען און שאַרפזיניגען פערשטאַנד) האָט ער דאָך נישט בעוויזען, אויסצוגעפינען עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל פערדינען אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט; דער אויספיהר פון אַלע זיינע פילאָזאָפישע הקירות לאָזט זיך גאַנץ לייכט איינשליעסען אין די מיינונגען פון אַלע תמימים־אָרטאָדאָקסען, וועלכע מיר האָבען שוין עטליכע מאָל דערמאָהנט.

אַ פאָלשטענדיגע אָפּטימיסטישע אַנשויאונג אויף דעם יסוד פון די מיינונגען פון אונזערע אָרטאָדאָקסישע חוקרים האָט אויפגעבויט אויך ר' אליעזר צווייפעל; נישט קוקענדיג אָבער אויף דעם, וואָס זי ציילענט זיך אוים מיט דער שפּראַך, מיט דעם מוסר־השכל און מיט אַ סך קלוגע אויפטועכצען, — האָט זי דאָך קיין נייעם וואָרט נישט געזאָגט און געהט אַריין אין דעם, וואָס מיר האָבען געבראַכט ביז אַהער.

אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט פערדיענען די מיינונגען פון ר' משה חפץ פון איין זייט און פון ר' שמואל דוד לוצאַטו — פון דער צווייטער זייט. די בעציהונג פונ'ם ערשטען צום צווייטען איז די זעלביגע, ווי די בעציהונג פון ר' ידעיה הפניני (דער „בחינת עולם") צו ר' בחיי הספרדי (דער „חובת הלבבות"). דער ערשטער קומט זוכען שוץ אונטער די פליגעל פון גלויבען צוליעב דעם אונגעהויערען ים פון צרות, וואָס ער זעהט אַרום זיך; און דער צווייטער — צוליעב די אונגעהויערע גליקען און גוטסקייטען, וואָס ער בעמערקט אויף יעדען שריט און טריט.

בעקאָנענדיג זיך נעהנטער מיט די געדאַנקען פון דעם דערמאָהנטען ר' משה חפץ בלייבט מען ערשטוינט פון דער מורא'דיגער ביטערקייט, מיט וועלכער זיי זענען דורכגעדרונגען.

„בערעכען, — זאָגט ער — אַז אַלע בעשעפענישען לעבען אין אַן'אייביגער מלחמה צווישען זיך; איינס פערטרייבט דאָס צווייטע, דאָס צווייטע זוכט פלענער, ווי אַזוי צו פערטיליגען דאָס דריטע, און אַלע צוזאַמען האָבען איין ציעל — דעם מענשען אונטערצוברענגען. מיט דעם מוז ער זיך אָבגעבען זיין גאַנץ ביסעל יאָהרען — זיך צו ראַטעווען פון זיינע שונאים'ס אָנגעשטעלטע נעצען. אין די עטליכע יאָהר, וואָס דער מענש פערברענגט אויף גאָט'ס וועלטיל מוז ער אַנטלויפען פון ווילדע חיות, אום זיי זאָ־

לען איהם נישט פערצוקען; פון די פערשידענסטע געשעהענישען, אום זיי זאלען איהם נישט צוטומלען; פון טייכען און וואסערן, אום זיי זאלען איהם נישט דערטרינקען; פון פייער, אום עס זאל איהם נישט פערברענען; פון אנ'ערד־ציטערניש, אום די ערד זאל איהם נישט איינשלינגען. היינט די לופט — זי שטעהט אויך נישט איין אויף איין ארט, זי יאגט אויך דעם מענשען און פערפאלגט איהם מיט היץ און קעלט, מיט טרוקעניש און פייכטקייט; קעלטען און שנעען רופען ארויס ביים מענשען פערשידענע קראנקהייטען און מכות און עפידעמיעס. און אויסער דעם אלעמען — ווער איז'ם פאר אונז גרעסער און שרעקליכער פונ'ם מענשען אליין? יעדער איינציגער זוכט מיט אלע כוחות צו פערטיליגען זיין חבר און אוועקצונעהמען פון איהם זיין געלד, זיין פערמעגען און זיין לעבען אליין, — ווי עס פיהרט זיך ביי היינט. און קוים הערט דער מענש אויף צו אנטלויפען פון זיינע אויסוועניגסטע ארומיגע שונאים, הויבען איהם אן פייניגען די אינוועניגסטע מענשליכע שונאים — זיינע געדאנקען און זיין געוויסען רוהען נישט און זיין געמיט איז דערשלאגען און ער פיהלט ווייטער קיין מנוחה נישט".

אריגינעל איז זיין אנשויאונג אויך איבער דעם ענין פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו" (פארוואס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע — גוט).

„איך טראכט, — זאגט ר' משה חפץ — אז מיר דארפען קיין טענות נישט האבען דערפאר, וואס דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע — גוט, ווייל דאס איז נישט מעהר, ווי א פערבלענדעניש, און אין דער ווירקליכקייט איז *גאר קיין גליקליכער מענש אויף דער וועלט נישטא — מעג ער זיין א צדיק אדער א רשע*. טאמער רעדט זיך איטיצער איין, אז איהם גליקט אלץ און איהם וועט שטענדיג גוט זיין, איז אט פלוצלונג וועט קומען זיין צייט, און דאס אונגליק וועט איהם בעפאלען אהן א שום הילף; דאן וועט אויסקומען, אז די אכזריות'דיגע צייט האט איהם ביז אהער ארויף געפיהרט אויף די העכסטע הויכקייטען פון גליק, בלויז אום אראבצושליידערן איהם פון דעם הויכען בארג אין א טיפען אבגרונד — עס זאל דער קלאפ שטארקער זיין, ער זאל זיך האלז און נאקען צוברעכען און

זאָל שפּירען דעם דאָזיגען אונגליק שטאַרקער פון אַלע זײַנע בײז־אַהעריגע אײַנגעבילדעטע גליקען, װעלכע זענען באמת געװען נאָר לפנים־װעגען און פאַלשע פאַנטאַזיעס. דו זעהסט דאָך, אז פון די אַלע שמחות און גוטע בשורות קומט דעם מענשען קײן גוטס נישט אַרױס א. א. װ. מיר דאַרפען דעריבער גאָרנישט מתרעם זײַן אויף די צרות־צרורות, מיט װעלכע דאָס לעבען איז פול, װײַל דער מענש איז לכתחילה באַלד דערצו בעשאַפען געװאָרען, און גאָט האָט מיט אונז אַ שפּאַס געמאַכט, װען ער האָט אונז אַראָבגעשיקט אַהער, און דעם גיהנם, דאָס האָט ער די אַלע צרות אָנגעשיקט אויפ׳ן מענשען, כדי צו לײַטערן און צו רײַניגען זײַן נשמה".

און נאָך אין אַנ׳אָרט זאָגט ר׳ משה חפץ:

„דער פּסוק לעהרנט אונז די טבע פון דער געמײַנער װעלט, װאָס איז פול מיט קומער און צער. דער מענש מאַטערט זיך און פּײַניגט זיך אונטער דער זון, פערברענגט זײַנע טעג און יאָהרען אין כעס און פערדרוס, און האָט נישט קײן אײנציגע מנוחה׳דיגע און אַנגענעהמע מינוט".

און װײַטער:

„װײַל אין דער דאָזיגער שמוציגער װעלט איז דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען נישט מעהר, װי אַנ׳אײביגער טוידט. אויסער די (זעקס־) זיבען קינדער־יאָהרען א. א. װ."

דערבײַ געפינען מיר אין זײַן ספר נאָך אײן זאַך, װאָס עט־װאָס עהנליכעס איז זיך שװער פאָרצושטעלען אין דעם ספר פון װעלכען ס׳איז אַנדערן בעריהמטען יודישען געלעהרנטען: — אַ יוד אַ זקן און אזאַ בעריהמטער ירא שמים, װי ר׳ משה חפץ, קלאָגט זיך גאַנץ ערנסט אויף דעם, װאָס ער האָט געבראַכט אויף דער װעלט זײַנעם אַ זוהן, װעלכער איז געשטאָרבען פאַר איהם אין די אויגען נאָך ביטערע יסורים און שװערע װעהטאָגען. אָנשטאָט צו רעדען דערבײַ, װי דער שטײַגער איז, װעגען זינד, פערברעכענס א. א. װ. קלאָגט ער זיך גאָר אויף דער װעלט איבערהויפּט... אמת, ער קלאָגט זיך אויף זײַן זינד אָבער גאָר אויף אײן אַנדער מין זינד — אויף דעם. װאָס ער האָט אַזאַ טײַערע נשמה אַרײַנגעבראַכט אין דעם „משוגע׳נעם", „געמײַנעם" און „שמוציגען" תהום, אין אונזער חשכ׳דיגער װעלט...

דער ריכטיגער געגענזאץ פון איהם אין דער הינזיכט איז שד"ל, זיין אפטימיזם שטעהט אין א ענגען צוזאמענהאנג מיט זיין שטארקען גלויבען און מיט זיין טיעפען עטישען געפיהל ער האט אויך פיעל געטראכט וועגען די שלעכטע זייטען פון לעבען — דאס זעהט מען פון פיעל שטעלען אין זיינע ווערק און אין די בריעף צו זיינע פריינד און תלמידים, און אנדערש האט עס אויך גאר נישט געקענט זיין, ווארום א מענשען מיט אזא פיהלענד און ווארים הארץ, ווי שד"ל'ס, מוז די פראגע פון גוטס און שלעכטס בעאונרוהיגען, צי ער וויל, צי ער וויל נישט. מיר לייענען זיינע בריעף און פיהלען, אז די צרות, וואס ער האט איבערגעלעבט, און בעזונדער דער טוידט פון זיין איינציגען זוהן אוהב-גר, האבען ביי איהם ארויסגערופען פערשידענע געדאנקען וועגען דער פראגע; זיין טיעפע אמונה אין דער בארימהערציגקייט פון דער השגחה האט אבער גובר געווען די דאזיגע אלע געדאנקען און ספקות, און ענדליך איז ער געקומען צו דעם בעשלוס, אז דער אלגעמיינער סכום פון די פערגעניגענס און צרות אין דעם מענשענס לעבען גלייכט זיך אוים, און דאס האט בערוהיגט זיין געמיט.

„מיר ווייסען, — זאגט ש. ד. לוצאטו — אז דעם מענשענס גורל אין זיין נארישען לעבען איז א בעכער אנגעפילט מיט א געמישטען געטראנק: קללות און ברכות, שמחות און צרות. א צייט צום געבוירען ווערען און א צייט צו שטארבען, א צייט צו קלאגען און א צייט צום טאנצען, אונזער צייט איז פול מיט די פערשידענסטע סבות, עס איז א גלגל החוזר (א ראד, וואס דרעהט זיך) און וועה איז צו יענעם, וואס קען זיך קיין עצה נישט געבען און ווייס נישט איינצובויגען די פלייצע צום ליידען און פערשטעהט נישט, אז קיין אבסאלוטע שלעכטס קומט נישט פון אויבען (פון דער געטליכער השגחה), אז העכער פון דעם העכסטען זיצט נאך אויך א שומר, וואס גרייט אן א רפואה פאר יעדער מכה; ס'איז נישטא קיין איין שלעכטע זאך, וואס זאל נישט אבגעצאהלט ווערן מיט גוטס, און קיין איין צרה, פאר וועלכער מ'זאל נישט געטרייסט ווערען".

„בנוגע צו דעם ענין פון גוטס און שלעכטס — זאגט ער אין א'אנדער ארט — גלויב איך, אז זיי זענען אבגעוואויגען פאר

יעדען מענשען איינס נעגען דאס אנדערע, אזוי אז יעדער מענש קען איינטיילען די טעג פון זיין לעבען און זיי איינטיילען העלפט אויף העלפט: א העלפט גוטע און א העלפט שלעכטע, דא איז נישטא קיין מעהר און קיין ווייניגער — אלץ איז אויפ'ן האר אויסגעמאסטען און אויסגעוואויגען, און דער מלך (גאט) האט אוועקגעשטעלט בעאמטע, זיי זאלען היטען דעם מענשענס טריט פון געבוירען-טאג ביז דעם טאג פון זיין שטארבען און זעהען, אז זיינע פערגניגענס זאלען זיין פונקט אזוי פיעל, ווי זיינע צרות".

בעזונדער דייטליך איז אויסגעדריקט די דאזיגע אנשויאונג זיינע אין זיין בעוואוסטען שיר:

אלע זיינע בעשעפעניש האט גלייך בעשאפען דער
מלך איבער אלע מלכים.
און אלע גלייך האט ער איינגעטיילט פערגניגען און
צרות.

ער האט בעפעהלען,
עס זאל דער ארעמער און עלענדער נישט אויס-
שטעהן מעהר
קיין צרות און אנשיקענישען פון דעם רייכען און
גליקליכען.

ער האט געהייסען,
אז סיי דער ארעמער און עלענדער,
און סיי פוג'ם לאנד דער געביטער,
נישט וויינען זאל און נישט לאכען
אהן אנ'אויפהער יעדער רגע.
גאט האט אזוי אבגעמאסטען מיט זיין פערשטאנד
און בליק:
יעדען צוקאפענס שטעהט דאס אומגליק און דאס גליק.

מיר זעהען אלזא, אז אויב די יודישע חוקרים פון דער לעצטער צייט האבען אפילו יא געשאפען עטליכע געדאנקען, וואס פערדינען אויפמערקזאמקייט, פעהלט פון דעסטוועגען פארט ביי זיי יענער הויכער שוואונג, יענע טיעפקייט און ברייטקייט, וואס מיר געפינען, למשל, ביי די לעצטע מקובלים און חסידים, ווען

זײ בעהאנדלען די פראגע פון גוטס און שלעכטס, חאטש זײ זענען אײגענטליך אויך וועניג אימשטאנד צו בערוהיגען די געמיטער פון יענע, וואס זעהען, בעגרײפען און פיהלען די קאנקרעטע ביטערקײט פון לעבען, און בעטראכטען די וועלט איבערהויפט נישט פון קײן טעאלאגישען שטאנד־פונקט...

און אויב מיר ווילען טיעפער פערשטעהן די בעדײטונג פון די מקובלים און חסידים בנוגע צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס, מוזען מיר זיך אומקעהרען צו א פיעל־פריהערדיגע ערשײנונג אין דעם מענשליכען דענקענס־פראצעס, — איך מײן די ערשײנונג פון בראמיניזם און בודדיזם.

די בראמינ'ען, בעגרײפענדיג, אז אלע לעבענס־ערשײנונגען זענען פערגענגליך, און אז די גאנצע נאטור איז נישט מעהר, ווי אנ'אילוזיע, האבען זײ געזוכט, זיך וואס מעהר צו פײניגען און צו קוועלען און וואס מעהר דינים און סיגים אנצוהויפען אין דעם זין, גלויבענדיג, אז דאס אלץ וועט זײ בעפרײען פון דער אילוזיע. זײער געדאנקען־גאנג איז אזעלכער געוועזן: דאס לעבען איז בלויז שלעכטס; דער מענש דארף דעריבער זיך בעלאדען מיט א משא פון דינים און גזירות, כדי איהם זאל אויסקומען וואס ווענינער צו לעבען.

דיין איז געקומען בודדהא און האט געלערנט, אז אויב די דאזיגע אנשויאונג איז אפילו, אין גרונד גענומען, ריכטיג און דאס לעבען בעשטעהט ווירקליך פון בלויז שלעכטס, איז נישט מיט קײן תעניתים און פײניגונגען קען מען דאס שלעכטס פערניכטען, נאר מיט טהאטען און אמת'ען בעוואוסטזײן.

און דאס זעלבע זעהען מיר אויך בײ די לעצטע מקובלים; זײ בעשליסען אויך, אז אונזער וועלט, אזוי ווי מיר זעהען זי, איז אינגאנצען שלעכט, איז אינגאנצען נישט מעהר ווי א מחיצה, ווי א קליפה, און דער מענש, וואס וויל זיך בעפרײען פון דער קליפה מוז פאסטען און זיך פײניגען און מקיים זײן א סך דינים און דקדוקים און סיגים. דאן קומט דער בעש"ט און לערנט, אז אום צו ערדײכען דעם געווינשטען ציעל, דארף דער מענש בעסער זוכען און פארשען, בעגרײפען און פערשטעהן און גוטס טאן.

אמת, דער מענש דארף טאקע צובערעכען די קליפה,

אָבער נישט מיט קיין תעניתים און מיט פּייניגונגען און מיט אונבעוואוסטזיניגע מעשים, נאָר מיט דערשטיקען אין זיך אַלע פערדאָרבענע אינסטינקטען.

„צו יעדען שלאָס זאָגט — דעם בעש״ט׳ס תלמיד, ר׳ בער מעזעריטשער — איז פערהאַן אַ שליסעל, וואָס עפענט אויף די קלאַמקע, און לויט דעם שלאָס ווערט געאַרבייט דאָס שליסעל; ס׳זענען אָבער פערהאַן גנבים, וואָס עפענען די טהיר אינגאַנצען אָהן אַ שליסעל — זיי ברעכען אויף דעם שלאָס. אַזוי האָט אויך יעדע בעהאַלטענע זאַך אַ שליסעל, דאָס איז די כונה איהרע; דאָס בעסטע מיטעל איז אָבער אויפצוברעכען דאָס האַרץ אינגאַנצען מיט טיעפער הכנעה און אויף אַזאַ אופן אָבדעקען דעם פאָרהאַנג פון אויבען, וואָס פערשטעלט דעם מענשען...״

דער אידישער מקובל און חסיד (דער בעש״ט) איז נאַטירליך אויף אַזוי פיעל ווייט פון דעם אינדישען געזעצגעבער (בודדהאַ), אויף וויפיעל זיי זענען בכלל ווייט איינער פון אַנדערן אין צייט, אין אָרט און אין זייער געזעלשאַפטליכער לאַגע. אויסער דעם זענען זיי נאָך אין אַ געוויסער מאָס גאָר צוויי קאָנטראַסטען: דער ערשטער איז אַ גלויבענדער צדיק און דער אַנדערער ערדייכט מיט זיין בעוואוסטזיין יענעם פונקט, פון וועלכען מ׳קומט שוין נישט מעהר צוריק...

דאָך אָבער איז פאָרט פערהאַן צווישען זיי אַ בעריהרונגספונקט און זעהר אַ וויכטיגער: ביידע פיהלען און בעגרייפען די נישטיגקייט פון יעדער זאַך און ביידע צייכנען זיך אויס מיט אַ טיעפער אינערליכער בעאָבאַכטונג...

און ווידער קומען מיר צו דעם פּסיכאָלאָגישען [illegible]גערשיעד צווישען דעם אינדישען און דעם אידישען פאָלק. בודדהאַ איז אַ זוהן פון דעם אינדישען פאָלק; אַ דאַנק איהם האָט די אַנשויאונג פון דעם דאָזיגען פאָלק ערדייכט איהר העכסטען פונקט, איהר אַפּאָגעע; און נאָך זיין טיעפען אַריינדרינגען אין דער נאַטור און אין דער מענשליכער נשמה קומט ער צו דעם געדאַנק פון דער נישטיגקייט, פון דעם אַבסאָלוטען נישט זיין.

דער בעש״ט אָבער איז אַ זוהן פון דעם אידישען פאָלק: ער קומט אויך, נאָך זיין אַריינדרינגען אין דער וועלט און אין דער מענשליכער נשמה, צו דעם געדאַנק פון דער נישטיגקייט; ער

זעהט אָבער אין דער אַלגעמיינער נישטיגקייט אַ געטליכען עפּים, אַ געטליכען יש. ער געפינט אין דער נשמה און אין דעם גאַנצען וועלטאַל דעם גאָט פון זיינע אָבות, און אָבוועגדעדיג זיך אינגאַנצען פון דער פערבייגעהענדער, נישטיגער וועלט, — בעהעפט ער זיך אָן דעם אייביגען לעבעדיגען גאָט.

יא.

שאָפּענהויער און האַרטמאַן.

די פילאָזאָפען פון יעדער צייט בעזונדער האָבען געזוכט פערשיעדענע וועגען און פערשיעדענע אופנים, ווי אַזוי צו געפינען דעם אמת'ען און איינציגען אַבסאָלוט. אָט די דאָזיגע אַלע פערשיעדענע אופנים קען מען איינטיילען אין פאָלגענדע צוויי אַלגעמיינע קאַטעגאָריעס: 1) די אויסערליכע בעאָבאַכטונג; 2) די אינערליכע בעאָבאַכטונג.

די אָנהענגער פון דעם ערשטען אופן, האָבען געאורטיילט פון דער נאַטור אין אַלגעמיין אויפ'ן לעבען בעזונדער, און פונ'ם לעבען אין אַלגעמיין אויפ'ן מענשליכען לעבען בעזונדער; די אָנהענגער פון דעם צווייטען אופן האָבען גענומען, פערקעהרט, דעם מענשען אַליין פאַר דעם איינציגען קריטעריום, אויף צו־מעסטען דאָס אַלגעמיינע, דעם וועלטאַל. די ערשטע זענען אַרויס־געגאַנגען פון דעם קאָסמאָלאָגישען שטאַנדפונקט, און די לעצטע — פון דעם פּסיכאָלאָגישען; די ערשטע האָבען זיך אַממעהרסטען בענוצט מיט דעם אויסערליכען, עמפּירישען עקספּערימענט, און די לעצטע — מיט אַ אינערליכען, פּסיכאָלאָגישען.

צו דער קאַטעגאָריע פון די דאָזיגע לעצטע קענען מיר צו־רעכנען אויך שאָפּענהויער'ן. שאָפּענהויער האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער אינערליכער מענשליכער וועלט און אויסגעפונען דעם גרונד־פונדאַמענט פון זיין לעבען; דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען אורטיילען אויך אויף דעם, וואָס איז אויסער דעם מענשען.

און איז געקומען צו דעם בעשלוס, אז דאס אלץ, וואס שטעלט פאר מיט זיך דעם גרונד־עלעמענט פון דעם מענשליכען לעבען, שטעלט פאר מיט זיך אויך דעם גרונד־עלעמענט פון דעם גאנצען קאסמאס, פון דער גאנצער נאטור.

שאפענהויער געהט צו צו יעדער זאך מיט א פארטיגען מאסשטאב, מיט'ן מאסשטאב פונ'ם מענשען, און די לעזונג פונ'ם וועלט־פראבלעם געהט ביי איהם צו אויף אזא אופן: איך שטעל מיך פאר די וועלט, איך טראכט אויס אלץ, וואס ארום מיר — אלץ איז די פרוכט פון מיין פארשטעלונג. מיינע אויגען זעהען די פארבען, מיינע אויערן הערען די שטימען, מיינע הענד בעריהרען די געגענשטאנדען. איך אנערקען אלזא די עקסיסטעץ פון די פארבען, שטימען און געגענשטאנדען בלויז א דאנק מיינע ארגאנען — דאס אלץ שטעלט זיך מיר פאר...

ווען איך בעטראכט די וועלט עמפיריש, אין קאנקרעטא, איז דאס רעזולטאט פון דער בעטראכטונג אזא: איך בין דער טרעגער פון וויסען, איך טראכט, איך בעגרייף, און די וועלט איז מיין פארשטעלונג; צוזאמען דערמיט אבער פערשטעה איך דאס אויך, אז אויף דעם אופן בעגרייף איך בלויז די אויבערפלעכליכקייט פון די זאכען און די פארם, אין וועלכער זיי שטעלען זיך פאר מיינע חושים, אבער נישט זייער אינערליכקייט און זייער אמת'ען וועזען און פאר זיך. איך וויים נאך נישט פון דער דאזיגער בעטראכטונג מיינער, וואס איך בין זעלבסט, וואס עס איז דער מקור פון די אלע פערשידענע ענדערונגען, וועלכע איך בעגרייף, און וואס עס איז דער מהות פון זייער אלגעמיינהייט, פון זייער געמיינזאמקייט און פון זייער דאזיין בכלל.

איך דארף דעריבער גוט דורכנעהמען און פערשטעהן מיין זייגענעם וועזען און אויסגעפינען די עלעמענטארע, פונדאמענטאלע קראפט, אויף וועלכער עס שטיצט זיך, דאן וועל איך בעגרייפען און פערשטעהן דעם יסוד פון אלע זאכען אויך ארום מיר.

ווען איך דרינג אריין אין מיין נשמה, ווען איך קוק מיך גו צו איהרע פערשידענע קרעפטען און מעגליכקייטען, ווען איך זוך דעם טרעגער פון אלע מיינע געדאנקען, פערלאנגען און שטרעבונגען, — טרעפט אפט, אז איך בעשליס ביי זיך: איך דענק, איך האב אין זיך בעוואוסטזיין. דאס בעוואוסטזיין איז דער

אינהאַלט און דער טרעגער פון מיין גאַנצען לעבען, דאָס בעוואוסטזיין איז דער עיקר פון מיין מהות, פון מיין וועזען (אויף דעם זעלבען אופן האָט געדענקט אויך דעקאַרט און פיעל אַנדערע פילאָזאָפען נאָך איהם, — קאָגיטאָ ערגאָ סום *) — און ביי די העגעליאַנער האָט דער זעלביגער געדאַנק אָנגענומען אַ עקסטרעמע פאָרם). ווען איך בעטראַכט אָבער טיעפער מיין נשמה מיט אַלע איהרע בעוועגונגען זעה איך ערשט דאַן און פערשטעה, אַז מיין בעוואוסטזיין נעהמט אַרום עטוואָס אַזוינס אין מיר, וואָס דיענט אַלס דער אינהאַלט פון מיין לעבען, דאָס הייסט, אַז דער אינהאַלט פון מיין לעבען איז נישט דאָס בעוואוסטזיין זעלבסט, נאָר עפּעס אַנ'אַנדער זאַך, וואָס איז אינגאַנצען גאָרנישט ענהליך צו איהם. דאָס בעוואוסטזיין איז בלויז די אָבשפּיגלונג פון לעבען, דאָס זיכטבאַרע שיין פון לעבען, אָבער נישט דאָס לעבען זעלבסט.

ווען איך קוק מיך גוט צו צו די בעוועגונגען פון מיין נשמה, צו מיינע מעשים און ווערק קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז איך טו דאָס אַלץ, וואָס איך טו, נישט מיט קיין קלאָרען בעוואוסטזיין און נישט מיט קיין פריהער-בעשטימטער אויסרעכנונג, וואָס הייסט האַנדלען אַזוי און אַזוי. יעדענפאַלס, דיענט דאָ נישט דאָס בעוואוסטזיין אַלס בעוועגונגס-קראַפט; נאָר איך טו אַלץ אַ דאַנק דעם פערבאָרגענעם כח, וואָס זיצט בעהאַלטען אין מיר און שטויסט מיך: טו דאָס און דאָס. דער דאָזיגער כח דאָס איז — מיין ווילען, דאָס הייסט, מיין וועלען לעבען. איך ליעב, האַס, האָף, גלויב, ציטער; איך בין פרעהליך, טרויעריג, גוט, שלעכט א. א. וו., אַלץ נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס האָט עפּעס אַ דירעקטע אָדער אַ אינדירעקטע שייכות צו מיין עקזיסטענץ, צו מיין לעבען. מיין ערהאַלטונגס-אינסטינקט, מיין וועלען לעבען — דאָס איז דער עיקר פון מיין מהות און אַלעם איבריגעם איז שוין בלויז די פאָלגע דערפון.

און ווייל איך ווייס אַלזאָ קלאָר נאָר דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין מיר, האָב איך קיין אַנדער וועג נישט אויף צו פער-

---

*) איך דענק, הייסט עס: איך לעב.

שטעהן דעם אמת׳ען לעבענס־וועזען *אויסער* מיר, נור לויט דעם, וואס *איך* געפין פאר דעם עיקר פון *מיין* מהות. איך קוק מיך גוט צו צו אלע זאכען און ערשיינונגען אויסער מיר און געפין אין זיי שפורען פון יענעם זעלביגען לעבען, וואס איך האב שוין לאנג בעמערקט אין מיר, און קום צו דעם בעשלוס, אז דער יסוד פון דער *אלגעמיינער עקסיסטענץ* איז אויך — דער *ווילען*.

„ווען מיר בעטראכטען טיעפער, זאגט שאפענהויער, די אנארגאנישע וועלט, ווען מיר זעהען דאס מעכטיגע שטרעבען פונ׳ם וואסער צו דער טיעפעניש; די שטענדיגקייט, מיט וועלכער דער מאגניט קעהרט זיך צום ציר הצפוני (נארד־פאל); דאס שטארקע ציהען זיך פונ׳ם אייזען צום מאגנעט; די געוואלטיגע שטרעבונג פון עלעקטרישע שטראמען, זיך צוזאמענצוגיסען, וואס וואקסט — ריכטיג, ווי דעם מענשען׳ס ווילען — צוזאמען דערמיט ווי עס פערמעהרען זיך די הינדערנישען; ווען מיר זעהען, ווי עס וואקסען ארויס די קאראללען גיך און פלוצלינג און ווי זיי בילדען זיך סימעטריש אזוי, אז ס׳איז קענטיג, אז נור די פערגליווערונג האט אפגעהאלטען זייער בעשטימטע און בעשלאסענע שטרעבונג; ווען מיר פיהלען, ווי אזוי די פעסטע קערפערס, וועלכע זענען פערוואנדעלט געווארען אין פליסיגע, זוכען איינער דעם אנדערן און זוכען זיך צו פעראייניגען און צו פערבינדען; ווען מיר שפירען, אם ענדע, ווי אזוי די דורך אונזער קערפער פערהאלטענע שווערקייט, שטרעבט כסדר אליין צוצודריקען און אראב צוציהען צו דער ערד, — ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צו דעם אלעמען, וועלען מיר שוין נישט דארפען צופיעל אנשטרענגען אונזער פארשטעלונגס־קראפט, אום אויסצוגעפינען אין דאס *ווייטסטע* פון אונז אונזער *אייגענעם* וועזען, — אט *דעם* וועזען, וועלכער פערפאלגט אין אונז *בעוואוסטזיניג* זיינע ציעלען און דארט, אין זיינע ניעדעריגסטע ערשיינונגען, שטרעבט ער בלינד, טויב, איינפאך און בעשטענדיג, און דאך מוז ער — ווייל ער איז אומעטום דער אייגענער — אנגערופען ווערען אי דא, אי דארטען מיט דעם נאמען „*ווילען*" (אזוי גוט, ווי די פריהמארגען־שטראהלען ווערען אויך אנגערופען מיט דעם זעלביגען נאמען, וואס די בייטאג־שטראהלען), וואס איז דאס־זיין פון יעדער זאך און פאר זיך

אין דער איינציגער אינהאַלט פון יעדער ערשיינונג".

ווען מיר בעטראַכטען גוט די עלעמענטאַרע קרעפטען פון דער נאַטור, ווען מיר זעהען, ווי זיי קעמפפען, ראַנגלען זיך, גיעסען זיך צונויף, פעראייניגען זיך און צושיידען זיך איינע פון דער אַנדערער — קומען מיר סוף־כל־סוף צו צו יענער הויפט־קראַפט, צו דעם כח המושך *), וואָס פעראורזאַכט די צירקולאַציע פון די קאָמעטען, זייער בעוועגונג און זייער אומלויף.

וואָס איז דער כח המושך אַן און פאַר זיך?

ווען מיר ציהען־זיך־נאָך נאָך עפּעס, שטרעבען מיר צו דעם; דערפון איז צו פערשטעהן, אַז דער יסוד פון דעם כח איז די אינערליכע שטרעבונג, די ווירקונג פון דעם אַלגעמיינעם ווילען. אויף דעם וועג לאָזען זיך ערקלערן אויך די אַלע ספּיריטיסטישע און מאַגישע ווירקונגען, וואָס לאָזען זיך נישט ערקלערן מיט די געזעצען פון דער מעכאַניק.

אין דער אָרגאַנישער וועלט זעהען מיר נאָך מעהר קאָנקרעט די ממשות'דיגקייט פונ'ם ווילען. יעדער מין (אַרט, געשלעכט) בעזונדער דריקט אוים אַ געוויסע אַרט ווילען; ער שטרעבט צו רעאַליזירען געוויסע פערלאַנגען. די ווילדע, רויבערישע חיות זענען בעוואָפענט מיט שאַרפע ציינער, מיט שאַרפע נעגעל, מיט שטאַרקע מוסקעלן און מיט אַ וויטער ראיה; די שרעקעדיגע חיות בעזיצען פלינקע פיס צום אַנטלויפען און אַ שאַרפען געהער (חוש השמיעה); די עופות, וואָס זוכען זיך שפייז אין די בלאָטעס, האָבען לאַנגע פיס, אַ לאַנגען שנאָבעל א. א. וו. מיר זעהען, הייסט עס, ביי יעדען מין בעזונדער, ווי וויים זיין קערפערבוי איז צוגעפּאַסט צו דער פאָרם, אין וועלכער עס דריקט זיך אוים זיין לעבענס־ווילען.

אין אַזוי גוט, ווי דער ווילען איז ביי יעדען מין בעזונדער בעוואָפענט מיט געוויסע גליעדער און אַ געוויסער בוי־פאָרם פון די דאָזיגע גליעדער, אַזוי איז ער בעוואָפענט אויך מיט אינטעלעקט. דעריבער האָבען די אַלטע פאָרשער בעצייכענט דעם אינטעלעקט מיט דעם נאָמען העגעמאָניקאָן, ד. ה. וועג־ווייזער. דאָס גרונד־

*) צוציהונגס־קראַפט.

ציעל פונ'ם אינטעלעקט איז בלויז צו בעדיענען דעם ווילען, ... ער איז טאַקע אינגאַנצען צוגעפּאַסט צונ'ם לעצטען. די חיות נויטיגען זיך אין איהם (אינ'ם אינטעלעקט) מעהרער, דעריבער איז ער ביי זיי פערהאַן אין אַ גרעסערער דאָזע. דער טיגער געהט אַרויס פערצוקען און דער פוקס — גנב'נען, נישט ווייל זיי זענען קליגער, נאָר ווייל זיי האָבען געוואָלט זיך דערהאַלטען מיט דעם וועג פון פערצוקען, ווייל זיי האָבען דאָס פערצוקען אויסגעוועהלט פאַר זייער פרנסה, ד. ה. ווייל זייער טיפּישער כאַראַקטער איז אַזעלכער, האָבען זיי זיך מעהר פון אַנדערע חיות גענויטיגט אין פערשטאַנד.

דער מענש, וואָס איז אַרויס פון דער נאַטור נאַקעט, ד. ה. אָהן אַ שום בעשיצונג פון רעגען און פון קעלט און אָהן די אַלע כלי זין פון די פערצוקענדע חיות: מיט אַ שוואַכען מוסקעל-סיסטעם, מיט אַ קרענקליכען קערפּער און אָהן דעם כח הסבלנות (געדולדס-קראַפט) איבערצוטראָגען וועלכען ס'איז מאַנגעל, — ער האָט געמוזט זיך ערווערבען נאָך אַ גרעסערע מאָס אינטעלעקט, וואָס זאָל איהם אויספילען דעם חסרון פון זיינע קערפּערליכע כחות. אַזוי קומט אויס ביי איהם אויך, אַז דער אינטעלעקט קומט בלויז צו הילף דעם ווילען.

אָט דער ווילען, וואָס שאָפּענהויער זעהט אין איהם אַלץ, איז אַן און פאַר זיך בלינד, סטיליש, און האָט נישט אין זיך קיין שום עלעמענט פון בעוואוסטזיין, פון כונה א. א. וו. אַבסטראַקט גענומען, שטעהט ער אויסער דער צייט און אויסערן רוים, אויסער דער פערמעהרונג, אויסער דער קוואַליטעט (אור-זאַכליכקייט) און אויסער דער נויטווענדיגקייט; און נאָר דאַן, ווען ער בעקומט אַ געוויסען קאָנקרעטען אויסדריק, פערוואַנדעלט ער די פּאַרטיקולאַריטעט, די פונאַנדערטיילונג, די צושיידונג, די קאָנצענטראַציע, דאָס לעבען אין איינצעלנע פערזאָנען און אין אָבגעזונדערטע ערטער און צייטען, דאָס ראַנגלען זיך און דאָס קעמפּפען, דאָס צווינגען יענעם און די געוואַלט.

דער ווילען ווייזט זיך אַרויס, לויט שאָפּענהויער'ס מיינונג, אין די „אידעען", וועגען וועלכע פּלאַטאָן האָט גערעדט, ד. ה. אין די אייביגע טיפּען פון אַלע בעשעפענישען. די דאָזיגע אידעען שטעלען פאָר מיט זיך פערשיעדענע מדרגות פון דעם

נאטור=לייטער, וועלכע זענען נישט אבהענגיג נישט פון צייט און נישט פון רוים. די אינדיווידען (איינצעלנע) ענדערן זיך — די טיפען בלייבען אבער אייביג. די גרונד=אידעען אדער די ניעד=ריגסטע מדרגות פון דער אויסערונג, אין וועלכער ס'ווייזט זיך ארויס דער ווילען זענען: די שווערקייט, די עלאסטיציטעט, די עלעקטריציטעט, דער מאגנעטיזם א. א. וו.; די העכסטע אידעען, וויעדער, ד. ה. די אממעהרסטען=קאמפליצירטע טיפען, ווייזען זיך ארויס אין דער פלאנצונגס=וועלט און אין דער וועלט פון די בעלי=חיים; און אזוי שטייגען זיי העכער און העכער ביז דעם פאלקאממטען טיפ פונ'ם ווילען ביז'ן — מענשען.

אין דער מינעראל= און פלאנצונגס=וועלט ווייזט זיך דער ווי=לען ארויס בלויז אלס בלינדער פערלאנג: ביי מינעראלען קומען זיינע אויסערונגען אין בעוועגונגען דורך סבות (אורזאכען), און ביי פלאנצונגען — דורך רייצען. אין לעבען אויסערט ער זיך דורך דעם אינטעלעקט, וואס רופט ארויס די פאנטאזיע, און א דאנק דעם בעטראכט דער ווילען די וועלט אלס עטוואס אויס, וואס איז אויסער איהם, דאס הייסט, אלס פארשטעלונג. דאן הויבען אן די ווירקונגען פונ'ם ווילען זיך ארויסצו=ווייזען אין טעמים, אין מאטיווען, דאס הייסט, אין פערשידענע פאר=שטעלונגען.

אלע בעלי חיים האבען בלויז זיכטבארע, קאנקרעטע פאר=שטעלונגען; דאגעגען אבער זענען דעם מענשען'ס פארשטעלונגען אלגעמיינע — דער מענש האט אלגעמיינע בעגריפען. אלע בעלי חיים לעבען בלויז אין דער געגענווארט, און דער מענש לעבט אויך אין דער פערגאנגענהייט און אין דער צוקונפט.

דעם מענשען'ס לעבען איז רייכער און פיעלזייטיגער פון דעם טיער=לעבען; דערפאר אבער איז אין זיין לעבען אויך מעהר צער פערהאן, ווי אין זייערן. דער גאנצער ווילען אין אלע זיינע ערשיינונגען איז נישט מעהר, ווי איין גרויסער צער, ווארום שטרעבען שטרעבט מען צו דעם, וואס ס'פעהלט. אלע בעלי=חיים פיהלען נאר זייער צער און דאס אויך בלויז אין דער געגענווערטיגער מינוט; דער מענש אבער ליידט, א דאנק זיינע אלגעמיינע פארשטעלונגען און בעגריפען — אויך פון דער פער=גאנגענהייט און שרעקט זיך פאר דער צוקונפט. און אויסער דעם,

איז זיין צער אין דער געגענוואַרט אויך גרעסער, ווי דער צער פון אַלע אַנדערע בעלי־חיים, ווייל ער שטעלט זיך גלייך פאַר דעם צער אין זיין גאַנצען אומפאַנג, אין זיין גאַנצער אַלגעמיינ־הייט. ווען אַ מענש זוכט זיך געוויסע בעדערפעניששען, האָט ער צער דערפון, וואָס ער געפינט זיי נישט; געפינט ער זיי יאָ — זוכט ער זיך אויס פרישע בעדערפנישען און ליידט ווידער. האָט ער גאָר קיינע בעדערפנישען נישט — ווערט ער געפייניגט פון דער לעערקייט זעלבסט. דאָס לעבען בעוועגט זיך, ווי אַ אומרוה, צווישען מאַנגעל און לעערקייט.

„די ליידען פון דער לעערקייט זענען, דאַכט זיך, אין פלוג גאַנץ קליין; שפּעטער אָבער לעגען זיי אַרויף אויף דעם מענשען׳ס געזיכט דעם שטעמפּעל פון דער אמת׳ער פערצווייפלונג".

פון׳ם מאַנגעל ליידען די אַרבייטענדע קלאַסען; דאַגעגען ליידען אַממעהרסטען די רייכע, וועלכע טוען גאָר נישט, פון דער לעערקייט, פון — ספּלין.

„די סבה פון אונזערע ליידען און פריידען, זאָגט שאָפּענ־הויער, ליגט אַממעהרסטענטייל נישט אין דער קאָנקרעטער ווירק־ליכקייט, נאָר אין די אַבסטראַקטע געדאַנקען. זיי פייניגען עס אונז שטענדיג. זיי פעראורזאַכען עס אונז אַזעלכע ביטערע יסורים, וואָס די ליידען פון אַלע בעלי חיים זענען אַנטקעגען זיי גאָרנישט, אַזוי ווי מיר שפּירען נישט דאַמאָלס אויך אונזערע אייגענע פיזישע וועהטאָגען. ווען עס זעצען זיך אָן אויף אונז גרויסע גייסטיגע יסורים, מאַכען מיר זיך בכיון אָן קערפּערליכע וועהטאָגען, אַבי נישט צו פיהלען די ערשטע. אַזוי זעהען מיר, אַז ווען איינער לעבט איבער עפּעס אַ שטאַרקען גייסטיגען וועהטאָג, רייסט ער זיך די האָר פון קאָפּ, קלאַפּט זיך אין האַרצען, רייסט פון זיך שטיקער פלייש אָדער וואַלגערט זיך אָן דר׳ערד; דאָס זענען אַלץ נישט מעהר, ווי תחבולות, צו פערטרייבען אויף אַ ווײַלע די פּיינ־ליכע געדאַנקען".

און אַזוי ווי מיט די מדרגות פון די פערשידענע מינים, אַזוי שטעהט דער צער אין אַ צוזאַמענהאַנג אויך מיט די מדרגות פון די פערזענליכקייטען. וואָס איידעלער, עמפּפינדליכער און פערשטענדליכער די נאַטור פון אַ מענשען איז, אַלץ גרעסער, שטאַרקער און טיעפער זענען די ליידען זיינע, אַזוי אַז די ליידען

פונ'ם אמת'ען גאון זענען אונגעהויער — מורא'דיג...

אַרײַנדרינגענדיג טיפער אין'ם כאַראַקטער פון פערגניגען און ליידען, זעהט מען איין, אַז דער צער איז עטוואָס פּאָזיטיוועס, עטוואָס אַזוינס, וואָס פילט אויס דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען, וועהרענד דאָס פערגניגען פערשווינדט, ווי אַ שאָטען, און איז אין גרונד נישט מעהר, ווי אַ נעגאַטיווע ערשיינונג, ד. ה. די נעגאַטיוועטעט פון צער. די דאָזיגע הנחה דרינגט שאָפּענהויער אַרויס פון זיין גרונד-אַנשויאונג בנוגע צו דעם אַלגעמיינעם און פּאַרטיקולערען ווילען. דאָס לעבען בכלל איז די פערקערפּערונג פונ'ם ווילען, וואָס שטרעבט שטענדיג. ווער עס שטרעבט — ליידט, ווייל ער פיהלט שטענדיג אַ מאַנגעל אין עפּעס. דאָס לעבען פון אַ איינצעלנעם מענשען, פּאָרשטעלענדיג מיט זיך אויך אַ פּראָדוקט פון אַ אונענדליכער שטרעבונג ד. ה. פון אונענדליכען מאַנגעל, איז, אין גרונד גענומען, אויך נישט מעהר, ווי איין גרויסער צער, און דאָס פערגניגען איז בלויז די מיטעל-לאַגע צווישען איין שטרעבונג און דער צווייטער, צווישען איין צער און דעם אַנדער'ן.

מיר שפּירען דעם וועהטאָג, — זאָגט שאָפּענהויער — דעם מאַנגעל פון וועהטאָג שפּירען מיר נישט. מיר שפּירען זאָרג און נישט — די זאָרגלאָזיגקייט. שרעק — און נישט דאָס נישט-שרעקליכע. מיר שפּירען עפּעס אַ פערלאַנג אין זיך; קוים ווערט אָבער דער פערלאַנג ערפילט, קומט פאָר מיט איהם דאָס זעלבע, וואָס מיט דעם שטיק פלייש, וועלכען מיר האָבען איינגעשלונגען — ס'איז גאָרנישט קענטיג, אַז אין אונז איז עפּעס צוגעקומען. מיר ליידען יעדע מינוט דערפון, וואָס מיר האָבען דעם אָדער יענעם פערגניגען פערלוירען; מיר פיהלען גאָרנישט כסדר דעם פערגניגען דערפון, וואָס מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון געוויסע צרות, אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען מיר האָבען אַ לאַנגע צייט געליטען פון זיי. די סבה פון דער ערשיינונג איז דאָס, וואָס ליידען און צער האָבען אין זיך אַ סך פּאָזיטיוועס און ווערן עמפּפונדען אַלס עטוואָס קאָנקרעטעס; דאַגעגען אָבער דאָס גליק טראָגט שטענדיג אַ נעגאַטיווען כאַראַקטער. דעריבער אויך האַלטען מיר נישט טייער און שאַצען נישט אָב ריכטיג דעם ווערט פון די דריי טייערסטע אוצרות, וואָס מיר בעזיצען: דאָס געזונד, די יוגענד און די פרייהייט, און נאָר דאַן ערשט, ווען מיר פערליערען זיי,

הויבען מיר אן פיהלען זייער טייערקייט . אז מיר האבען געהאט עטליכע שענע טעג אין אונזער לעבען — דאס דערוויסען מיר זיך ערשט דאן , ווען עס קומען די שלעכטע טעג , ווען עס רוקען זיך אן די פינסטערע צייטען .

די גאנצע מענשליכע מיה און מאטערניש אין דעם משך פון טויזענדער דורות זיך צו בעפעסטיגען אויף דר׳ערד און גליק צו געפינען — איז אומזיסט געווען . אלע מעשים , וואס זענען געטאן געווארען און וועלן געטאן ווערן מיט דעם צוועק , צו פערמעהרען די מאס פון גליק און צו פערמינדערן די מאס פון צער — זענען גארנישט ווערט . די אלע חכמות און תחבולות און מענשליכע איינפאלען — זענען גארנישט מיט גארנישט . די סבה פון מענשענס ליידען ליגט אינ׳ם עצם כאראקטער פון זיין לעבען . ער ליידט , וויל ער איז פערהאן אויף דער וועלט ; דער מענש איז פון דער מוטערס לייב ארויסגעגאנגען , אום — צו ליידען . פייניגען יענעם און אליין געפייניגט ווערן — דאס איז זיין גורל !

יעדער איינער , זאגט שאפענהויער , וואס האט זיך אויסגעניכטערט פון די יוגענד־חלומות ; יעדער איינער , וואס האט עפעס געלערנט פון זיין אייגענער און פון פרעמדער ערפאהרונג ; יעדער איינער , וואס קען דאס לעבען , וואס האט געשטודירט די פערגאנגענע יאהרהונדערטער און דעם יאהרהונדערט , אין וועלכען ער לעבט , און האט אויסער דעם נאך קענען געלערנט די ווערק פון די גרויסע דיכטער , — יעדער איינער אזעלכער ווייסט קלאר , אז דער צופאל און דאס פערזעהען הערשען איבער דאס גאנצע מענשליכע לעבען אין דעם משך פון אלע דורות און יאהרען״ .

נאר שפאס טרייבען יענע אלע טעאלאגען און פילאזאפען , וועלכע בעשליסען , אז גוטס איז פערהאן אין דער וועלט מעהר ווי שלעכטס. ווער עס האט נאר א אויג צום זעהען, זעהט די אלע צרות און אנשיקענישען , וואס רינגלען ארום יעדען לעבעדיגען וועזען , וועהרענד דאס גוטע לאזט זיך גארנישט בעמערקען ; ווער עס האט נאר א אויג צום זעהען , זעהט אויף יעדען טריט און שריט מיה און אונענדליכע מאטערניש , קראנקהייטען און וועהטאגען און מכות און פורעניות , און אלע מיני גזילות און רציחות און אנדערע פערברעכענס , — און זיי זינגען לויב־לידער צו זיין ליעבען נאמען . . . ווי לעכערליך , ווי נארעש זעהט אוים לייבניץ ,

ווען ער שרייט אויס מיט התלהבות, אַז די וועלט איז די בעסטע פון אַלע, וואָס האָבען געקענט בעשאַפען ווער'ן!...

„דאָס לעבען, זאָגט שאָפּענהויער, איז אַן׳אײביגע יאַגד. די בעשעפעניסען, וועלכע פאַנגען אַמאָל און ווערן אַמאָל אַליין געפאַנגען, חאַפּען אַרויס איינס פון׳ם אַנדערע שטיקער פון דער שרעקליכער פערצוקונג; עס איז אַ מלחמה, וואָס ווערט געפיהרט צווישען אַלץ און אַלעמען, אַ מין נאַטור־געשיכטע פון אַ אונענדליכען צער, וואָס איהר תמצית איז: צו וועלן און שטרעבען אָהן אַ שום סבה, שטענדיג צו קעמפּפען, צו שטאַרבען דערנאָך, און אַזוי אין דעם משך פון דור דורות, ביז די ערד וועט ענדליך צושמעטערט ווערען.״

פאַרוואָס אָבער דאַכט זיך אונז אָפט, אַז אָט דאָ אָדער דאָרטען איז דאָס גליק פערהאַן? פאַרוואָס גלויבען מיר, אַז אויב מיר וועלען דאָס און דאָס טאָן, וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען פון אַלע צרות? פאַרוואָס לאָזען מיר קיינמאָל נישט צו צו זיך די אַבסאָלוטע פערצווייפלונג? פאַרוואָס זענען מיר שטענדיג פול מיט האָפנונגען, אין דער צייט, ווען דער שכל שרייט געוואַלד, אַז זיי האָבען קיין שום גרונד נישט? פאַרוואָס זענען מיר אַזוי דורכגענומען מיט דעם גלויבען, אַז סוף־כל־סוף וועט פאָרט דאָס גליק זיך בעווייזען?

אויף דעם ענטפערט שאָפּענהויער, אַז דער לעבענס־ווילען, וואָס געפינט כסדר אויס נייע פאָרמען, וועלכע זאָלען זיין וואָס מעהר צוגעפּאַסט צו דער עקסיסטענץ; דער לעבענס־ווילען, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין צעהנדליגער טויזענדער אופנים און אין אַ אונענדליכער צאָהל תחבולות און איינפאַלען; אָט דער ווילען, וואָס איז אין גרונד נישט מעהר, ווי אַ אייביגע בלינדע שטרעבונג, ווי אַ טעות, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי די וועלט. — ער פערפיהרט עס אַלע בעשעפעניסען פון גרויס ביז קליין. ער רוימט איין יעדען לעבעדיגען וועזען אין אויער זיינע פאָדערונגען און פערלאַנגען, ער ציהט איהם אַריין אין דער נעץ פון אַלע מיני איינבילדונגען און חלומות, ער זאָגט דעם מענשען: האָף און גלויב, לויף, חאַפּ, זוך און אַז דו וועסט דיך מאַטערען — וועסטו געפינען...

דער מענש אַרבייט און מאַטערט זיך מיט אַלע

כוחות צו ערררייכען דאס אדער אנ'אנדער זאך און מיינט זיכער, אז פון זיין טובה וועגען טוט ער דאס אלץ, — און הויבט גאר נישט אן צו וויסען, אז דאס אלץ איז בלויז די פרוכט פון דעם אייביגען, סטיכישען וועלט=ווילען.

בעזונדער בולט זעהט זיך די ערשיינונג ארויס, לויט שא=פענהויער'ן, אין דעם ענין פון ליעבע. די פערליעבטע זענען אי=בערצייגט, אז זיי וועהלען אויס דאס, וואס איז פאר זיי גוט, און אין דער ווירקליכקייט זענען זיי ביידע גאר נישט מעהר, ווי א שפיעל=באל אין די הענד פון דעם אלגעמיינעם ווילען, וועל=כער הייסט דעם מאנספערזאן זיך אויסקלויבען די שענע פרויען=צימער, וואס איז אממעהרסטען צוגעפאסט צו זיין פיזיאלאגישער נאטור, חאטש ס'טרעפט גאנץ אפט, אז זי בעזיצט גארנישט די אלע פעהיגקייטען, וועלכע וואלטען פאר איהר נויטיג זיין אלס לע=בענס=בעגלייטערין. מיר הערען אפט געטליכע שטימען פון די גרויסע דיכטער; מיר הערען, ווי זייער הארץ צוגעהט און צוגיסט זיך אין זיי פון ליעבע און בענקשאפט, — דאס קלאגט דער שר פונ'ם געשלעכטס=לעבען און מאהנט, וואס איהם קומט!... די פויגעל=זי זינגט אויך אזוי לאנג, ווי זי האט איהר איי נישט גע=לעגט... און ווען פעטראַרקע וואלט זיין לוירא בעזיצען, וואל=טען מיר נישט זוכה זיין זיינע הימלישע ליעדער צו לייענען...

מיט דעם וועג פערפיהרט דער בלינדער ווילען דעם מענ=שען און נארט איהם און אלע זיינע מעשים און האנדלונגען, שטרעבונגען און נייגונגען. ס'טרעפט, אז דער מענש פליהט אין די הימלען, בעשאפט זיך נייע רעליגיעזע, פילאזאפישע און עטי=שע סיסטעמען, און גלויבט צו געפינען אין זיי א הילף צו אלע זיינע פיינען און וועהטאגען; אין דער אמת'ען אבער איז דאס אויך נישט מעהר, ווי א רעזולטאט פון די לעבענס=פערפיהרונגען... ס'טרעפט, אז איינער אנטלויפט פונ'ם טומעל פון דער וועלט און פייניגט זיך מיט יסורים, תעניתים און אין דער ווירקליכקייט איז'ס אלץ — בלויז דעם יצר הרע'ס אנ'איינפאל, איז'ס די פרוכט פונ'ם לעבענס=ווילען...

אין די פערשיעדענע רעליגיעזע סיסטעמען, און בעזונדער אין די למודים פון דער יודישער אמונה, זעהט שאפענהויער א

שטאַרקע לעבענס־ליבע, וואָס האָט פאַר זיך קיין גרענעץ נישט. *) מיט דעם מאַסשטאַב מעסט ער די פערשידענע מאָראַלישע שיטות פון די עפּיקורעער, ציניקער און סטאָאיקער, און געפינט אין זייער אַסקעטיזם אַלץ איינס, ווי אין זייער לעבענסלוסטיגער אויסגעלאַסענקייט, נאָר דאָס עלבאָ פונ'ם לעבענס־ווילען, וואָס זוכט זיך פערשידענע וועגען און פערשידענע מיטלען און קעהרט זיך אויף אַלע זייטען...

די דאָזיגע אַלע סיסטעמען און רעליגיאָנען בינדען צו דעם מענשען מיט גראָבע שטריק צום לעבען, דאָס הייסט צו — די צרות. זיי בעפעסטיגען און פערשטאַרקען אינ'ם מענשען זיין ערהאַלטונגס־אינסטינקט, אין דער צייט, ווען דער זעלביגער אינסטינקט, אויף וויפיעל עס פערשטעהט איהם די קלאָרע איבערצייגונג, איז נישט מעהר, ווי אַ בלינדער ווילען, וואָס ווייסט נאָר שלעכטס צו טאָן. אין פלוג דאַכט זיך. אַז אַלע רעליגיאָנען און מאָראַלישע סיסטעמען קעמפפען איינענטליך מיט'ן יצר הרע און זוכען אָבצוקיהלען זיין היץ; ווייל אָבער דער לעצטער תכלית פון אַלע מיטלען זייערע איז דאָך דאָס לעבען, קומט שוין ממילא אויס, אַז זייער כונה איז אויך צו שטיצען דאָס בלינדע, דאָס סטיכישע, דאָס שלעכטע...

אַלץ, וואָס ס'ווערט אויסגעאיבט אַ דאַנק וועלכען ס'איז לעבענס־אימפולס, איז אַבסאָלוט שלעכט, און דעריבער האַנדלען נישט ריכטיג אויך די זעלבסט־מערדער. דער זעלבסט־מערדער קען נישט אַריבערטראָגען זיינע יסורים און ער טויט זיך אַליין. ער נעהמט נישט אַוועק דאָס לעבען בכלל, נאָר ער בעפרייט זיך פון זיינע פּערזענליכע יסורים — דערמיט סאַקנציאָנירט ער דאָס לעבען אָן און פאַר זיך. טויטענדיג זיך אַליין פראָטעסטירט ער געגען די בעדינגונגען פון לעבען, אָבער נישט געגען לעבען זעלבסט. ער קען נישט פערטראָגען די יסורים, ווייל ער וויל פערגניגען האָבען, און דער, וואָס וויל פערגניגען — וויל לעבען. אַזוי הויבט זיך איינער אויף און געהט אַוועק פון

*) וועגען דעם מקור פון שאָפּענהויער'ס טעות בנוגע צום יודענטום, האָבען מיר שוין גערעדט אויבען (אינ'ם 2-טען קאַפּיטעל).

דעם טיש, אויף וועלכען עס האָט איהם נישט געגליקט איין שפּיעלען — דאָס שפּיעל אָבער ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט...

מיר מוזען זעהען פערניכטען דאָס שפּיעל אינגאַנצען, מיר דאַרפען אויסרייסען דאָס שלעכטע מיט'ן וואָרצעל, עס פערניכטען אויף אייביג און קיין שום אָנהאַלט נישט לאָזען. נישט אויסבעסערען דאָס לעבען דאַרפען מיר — דאָס, וואָס איז פון גרונד אויס שלעכט, לאָזט זיך נישט אויסבעסערען. מיר דאַרפען אויפהערען וועלען — אָהן ווילען וועט דאָס לעבען פון זיך אַליין אויפהערען, און צוזאַמען מיט'ן לעבען וועט זיך ענדיגען אויך דאָס שלעכטע.

שאָפּענהויער געפינט דעריבער אַ בעזונדער טיעפקייט אינ'ם בודדהיזם. דער מענש דאַרף דערשטיקען אין זיך זיינע אינסטינקטען, נישט בלויז, אום ער זאָל אַנדערע קיין שלעכטס נישט טאָן, נאָר ער אַליין זאָל אויפהערען וועלען לעבען, דאַן וועט ער געהאָלפען ווערען. דער מענש ווערט אַממעהרסטענטייל געבוירען זעהר עגאָאיסטיש, ד. ה.: „די לעבענס־בעיאַהונג ביי איהם אין האַרצען איז אַזוי שטאַרק, אַז ביי איהם איז רעכט אָבצונעהמען די לעבענס־בעיאַהונג פון אַנדערע". ער חאַפּט און רייסט און וואָס מעהר ער חאַפּט אַלץ מעהר פעהלט איהם און אַלץ מעהר ליידט ער. ווען ער קומט אָבער צו אַ קלאָרער איבערציינגונג, פערשטעהט ער די גאַנצע נאַרישקייט און בלינדקייט פון זיין לעבען. ער בעגרייפט דאַן דעם צער פון פרעמדע אַלץ אייגם, ווי זיין אייגענעם צער. זיין האַרץ ווערט איבערפולט מיט רחמנות און ער הויבט אָן נאָכצוגעבען פון זיינע נאַטירליכע פערלאַנגען. ביסליכווייז געוועהנט ער זיך צו אַלץ צו פערשטעהן... ער דרינגט אַריין טיעף אין די געשעהענישען און זעהט דאָס אינערליכע, די נשמה זייערע. ער ווערט בעפרייט פון זיין „איך", און דאַן, ווען ער ערדייכט די דאָזיגע הויכע מדרגה, קען ער שוין פון קיינעם קיין דיענסטבאַרקייט און הילף נישט פערטראָגען. — פּאַסקאַל האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען נישט ערלויבט צו טאָן פאַר איהם די מינדעסטע קלייניגקייט, אויב ער האָט נאָר געהאַט וועלכע ס'איז מעגליכקייט דאָס אַליין צו טאָן, נישט בעמיהענדיג קיין אַנדערען...

פון דער הויכער מדרגה קען דער מענש צוקומען צו נאָך

אַ העלערע. ער געוועהנט זיך צו אַלץ מעהר און מעהר מותר צו זיין אויף זיין לעבען, ביז עס ווערט ענדליך אינגאַנצען פערשוואונדען פון זיין האַרצען דער לעבענס־ווילען, און דאַן קומט ער שוין רוהיג צו דעם געווינשטען ציעל. ער קעמפפט שוין נישט מעהר מיט זיינע תאוות; דאָס האַרץ אין איהם איז לעער, לעדיג; דאָס לעבען פערנעהמט מעהר ביי איהם קיין שום פּלאַץ נישט; יעדער מין אינסטינקט איז איהם ווילד־פרעמד; זיין נשמה איז בעלויכטען מיט דער ליכטיגקייט פון דער אמת׳ער איבערצייגונג, און דער ווילען ווערט אַ דאַנק דעם אויסגעלעזט פון אייביגען פּיין.

אויף אַזאַ אופן זעהט שאָפּענהויער אין דער וועלט „בעלויהנונג און שטראָף“ (שכר ועונש) און אַ מאָראַלישע אָרדנונג.

דער וועלט־ווילען, אויסערנדיג זיך אין אונצעהליגע און פערשיעדענע געשלעכטער און אינדיווידען און פעראורזאַכענדיג די אייביגע בלוטיגע לעבענס־מלחמה, בעגעהט דערמיט אַ זינד, און ער קומט אָב די שטראָף פאַר דעם פערברעך דערמיט, וואָס ער ליידט. ווען די ליידען ווערן זעהר פיעל, ווען ס׳געהט שוין איבער די מאָס, קומט דער ווילען צו אַ זעלבסטבעוואוסטזיין, און ער הויבט אָן זיך אַליין צו פערניכטען, צו פערניכטען זיין אַכזריות, זיין שטאַרקייט, זיינע בהמה׳שע אינסטינקטען און אַלע זיינע בלינדע נייגונגען, און — ער ווערט אויסגעלייזט.

דער יסוד פון מאָראַל איז, לויט שאָפּענהויער׳ן, אויך אַזוי, ווי לויט רוסאָ׳ן, דאָס רחמנות. ער מיינט אָבער נישט יענעם רחמנות־געפיהל, וואָס וועקט זיך אויף אַמאָל אין האַרצען, זעהענדיג וועלכע ס׳איז יאָמערליכע ערשיינונג, נאָר יענעם געפיהל, וואָס קומט פונ׳ם פיהלען די טיעפע ליידען פון דער וועלט; יענעם געפיהל, וואָס ברענגט דעם מענשען צום פערגעסען אָן זיך אַליין. ער פערשטעהט, אַז דאָס גליק איז גאָרנישט, אַז זיין גאַנצע מאַטעריעל דאָס צו בעקומען, איז אויך גאָרנישט. ער הויבט אָן פיהלען די אַבסאָלוטע איינינקייט, וואָס פערבינדט איהם מיט אַלץ וואָס לעבט און ליידט, און פערשטעהט, אַז זיין גאַנצע פערזענליכקייט איז אַ פאָלקאָמע אילוזיע.

דער מענש געהט אַרום אַ פערפיהרטער דאָס גאַנצע לעבען, מאַכענדיג אַן׳אונטערשיעד צווישען זיינע ליידען און די ליידען פון

אַנדערע. ער מיינט אַליץ, אַז ער און די אַנדערע — זענען צוויי פערשידענע זאַכען. ווען עס פאַלט אָבער אַראָב די מאַסקע פון זיין געזיכט, זעהט ער זיך אין אַליץ. אַלע געשעהענישען און ערשיינונגען פון דער וועלט שרייען צו איהם: אָט, דאָס ביזט דו דאָך!...

שאָפּענהויער שעצט דעריבער זעהר אויך די עסטעטישע בעאָבאַכטונג. דאָס איז אַ הויכער, ריינער פערגניגען אָהן אַ שפּור פון צער, וואָרום דאַן, ווען די דאָזיגע בעאָבאַכטונג איז אַ טיעפע און אַ אינניגע, האָט דער אַלגעמיינער לעבענס־ווילען קיין שום שייכות נישט צו איהר און זי איז אינגאַנצען — קדש קדשים. דער גאון, וואָס איז אַריינגעטאָן אין וועלכער ס'איז טיעפער לאָגישער בעטראַכטונג אָהן אַ שום פּניה, אָהן אַ שום סוביעקטיווער בעציהונג צו דער זאַך; דער מאַלער, ווען ער מאָלט זיינע בילדער אָהן וועלכער ס'איז טענדענץ; דער דיכטער, ווען ער שילדערט אייביגע טיפּען און געשטאַלטען; דער מיסטיק, ווען ער דרינגט אַריין אין די טיעפע געהיימנישען פון לעבען, — אַלע זענען זיי, לויט שאָפּענהויער'ן, אין דער מינוט אויסלייזער, בעפרייער. זיי בעפרייען דעם ווילען פון זיינע קליינליכע, געמיינע ליידען און זאָרגען.

וואָרום זעה: אַ שטראַהלענדע, בעגליקענדע ליכטיגקייט איז אויסגעגאָסען אויף דער גאַנצער נאַטור, און אַ הימלישע שענהייט שוועבט אַרום אויף יעדער קלענסטער און גרעסטער זאַך. שען, געטליך־שען איז די נאַטור, נאָר די ליידען מאַכען זי מאוס; ווען דער מענש הויבט זיך אָבער אויף איבער'ן ווילען און בעפרייט זיך אויף אַ ווייַלע פון די ליידען, — זעהט ער בלויז דאָס, וואָס איז ווירקליך וואונדערבאַר, וואָס איז ווירקליך בעצויבערנד.

צווישען שאָפּענהויער'ס תלמידים געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זוכען מילדער צו מאַכען דעם איינדריק פון זייער רבי'ס שטרענגקייט (פרויענשטעט, טויבערט א. נ. א.) און אַזעלכע (וואַנזען א. א. וו.), וואָס געהען נאָך וויטער פון שאָפּענהויער'ן און זאָגען, אַז די גאַנצע חקירה וועגען דער פּאָזיטיווטעט און נעגאַטיוויטעט פונ'ם ווילען איז נישט מעהר, ווי גלאַט אַ פּשט'ל אין דער וועלט אַריין, און דער אמת איז, אַז געגען די ליידען פון דער נאַטור איז פּשוט קיין שום מיטעל נישטאָ.

נאָהנט צו שאָפּענהויער'ן בנוגע צו זיין אַנשויאונג איבער דער

אילוזיע פון לעבען איז אויך ערנסט רענאַן אין זיינע „פילאָזאָפישע דיאַלאָגען“; ער געפינט אָבער נישט קיין שום אויסגאַנג פון דער לאַגע און ראַט אַלעמען, זיך אונטערצוגעבען, אַלץ איבערצוטראָגען און צו שווייגען.

„איך בין נישט, ווי שאָפּענהויער, — זאָגט זיין פּיאַלעט — איך רעזיגניר. ס'קומט אַלזאָ אויס, אַז מאָראַליטעט איז רעזיגנאַציע.“

גאַנץ אַנדערש פון שאָפּענהויער'ס פּעסימיזם איז דער פּעסימיזם פון זיין נאָכפאָלגער עדוואַרד האַרטמאַן. האַרטמאַנ'ס פּעסימיזם האָט נישט אין זיך יענעם געדאַנקען־שוואונג, יענע פּאָעטישע און מאָראַלישע שטרעבונגען, וואָס מיר בעגעגנען ביי שאָפּענהויער'ן; דערפאַר האָט ער אָבער אין זיך מאַטעמאַטישע רעכנונגען און אַ אונגעוועהנליכע פּינקטליכקייט פון איין זייט און פערשידענע מעטאַפיזישע השערות — פון דער צווייטער זייט.

ער בענוגענט זיך נישט מיט קיין אַלגעמיינע פאָרמולעס, ווי שאָפּענהויער; נאָר ער בעמיהט זיך אַרונטערצופיהרען איינציגווייז אַלע געביטען פון לעבען אונטער דעם פילאָזאָפישען פּרוביר־שטיין, אום דייטליך אויפצוווייזען זייער אַבסאָלוטע נישטיגקייט. זענענדיג אַריינגעטאָן אין דער מעטאַפיזיק ערקלערט ער, אַז איהם אינטערעסירט די לעבענס־פראַגע אַלץ איינס, ווי וועלכען ס'איז אַנדער צווייג פון דער וויסענשאַפט. ער גלויבט צו לעזען די דערמאָהנטע פראַגע אויף דעם אינדוקטיווען *) וועג, און ווען עס ווערט איהם ענג, בענוצט ער זיך מעהר פון זיינע פאָרגענגער מיט — מיסטיציזמען.

דער יסוד פון שאָפּענהויער'ס שיטה איז האַרטמאַנ'ען נישט געפעלען געוואָרען, ווייל לויט זיין מיינונג קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלען אין אונזער פאַנטאַזיע קיין אַבסאָלוטען ווילען אָהן דעם בילד פון דער זאַך, וואָס מיר ווילען.

„יעדער ווילען — זאָגט האַרטמאַן — שטרעבט, איבער־

*) צו קומען פון פערשידענסטע איינצעלנע בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען צום כלל.

צוגעהן פון איין צושטאַנד אין אַנדער'ן ; וועלכער צושטאַנד אָבער עס זאָל נישט זיין, וואָלט נישט געקענט איינגעשלאָסען ווערן אין קיין ווילען, ווען ס'וואָלט נישט זיין, ווענינסטענס, די אידעאַלע מעגליכקייט פון אַנ'אַנדער צושטאַנד ; ס'קומט אַלזאָ אוים, אַז דער ווילען מוז האָבען צוויי בעדינגונגען : ערשטענס, דעם געגענווערטיגען צושטאַנד אַלס צענטראַל-פּונקט, און צווייטענס — די שטרעבונג פונ'ם ווילען, אַ מין אידעאַלע צוקונפט, וואָס ווערט ערוואַרטעט און פערלאַנגט. און אַזוי, ווי דער דאָזיגער צוקונפטס-צושטאַנד קען פון איין זייט אויף אַ רעאַלען אופן נישט אַריינגענומען ווערן אינ'ם ווילען, און פון דער צווייטער זייט מוז ער אין איהם אַריינגענומען ווערן (וואָרום אָהן איהם איז דאָך קיין ווילען נישט מעגליך), קומט ער אַריין אין איהם אין אַ אידעאַלער פאָרם. ד. ה. אין דער פאָרם פון אַ פאַנטאַזיע.

דאָס איז דער יסוד פון האַרטמאַנ'ס לעהרע : מ'קען נישט זאָגען, אַז דער ווילען איבט אוים זיינע ווירקונגען מיט אַ קלאָרען בעוואוסטזיין, ווייל ער שטעלט גאָר פאָר מיט זיך אַ נאַטור-זאַך, אַנ'אַלגעמיינע ערשיינונג, און איז נישט אונטערגעוואָרפען די פּריוואַטע חשבונות פון געוויסע אינדיווידען. דער ווילען איז פאַר אַלעמען, און די פערשידענע פערענטפערונגען קומען שוין דערנאָך, גערעכט צו מאַכען די נאַטירליכע בייגונגען ; פון דער אַנדערער זייט אָבער קען מען אויך נישט זאָגען, אַז דער ווילען האָט קיין שום פאָרשטעלונג נישט פון דעם, וואָס ער וויל ; וואָרום ווען הייסט דאָך ווען עפּעס, און אום צו ווען עפּעס מוז מען שוין האָבען אַ געוויסע פאָרשטעלונג, ווען אפילו נישט קיין גאַנץ קלאָרע ; מיר מוזען דעריבער אָננעהמען, אַז דער ווילען, כאָטש ער שליעסט נישט איין אין זיך קיין בעוואוסטזיין, האָט דאָך אין זיך שטענדיג אַ געוויסע פאָרשטעלונג, אַ געוויסען ביל ד.

אַט די דאָזיגע בילדליכקייט צוזאַמען מיט'ן אינסטינקט, אויף וויפיעל זיי ווייזען זיך אַרוים ביי פערשידענע אינדיווידען, זענען איינצעלנע ערשיינונגען, איינצעלנע אויסערונגען ; אויף וויפיעל אָבער זיי געפינען זיך אויסער די איינצעלנע אינדיווידען, זענען זיי דער עיקר פון אַלץ. שאָפּענהויער בענוצענט

זיך דערמיט, וואס ער רופט אן דעם כח מיט'ן נאמען „ווילען"; הארטמאן אבער, פאר וועלכען דער ווילען אליין איז גארנישט, אזוי לאנג, ווי ער האט נישט מיט זיך דאס בילד און די פארשטעלונג — האט אויסגעפונען א נאמען, וואס נעהמט אריין אין זיך דעם ווילען מיט דער פארשטעלונג אינאיינעם: דאס אונבעוואוסטזיניגע, ד. ה. א ווילען, וואס האט אין זיך די פארשטעלונג פון דער פערלאנגטער זאך, נאר איהם פעהלט דאס קלארע בעוואוסטזיין דערפון. אין די פערשיעדענסטע געשלעכטער און אינדיווידען, אין זייערע אייגענשאפטען און פעהיגקייטען, אין זייער קערפער-בוי און אין זייער נערווען-סיסטעם — אומעטום זעהט הארטמאן די שפורען פון דעם דאזיגען אונבעוואוסטזיניגען. אין אלץ געפינט ער די צייכענס פון דעם לעבענס-ווילען, פון דער שטרעבונג צו זיין, צו עקזיסטירען, און צוזאמען דערמיט אויך די שטרעבונג צו עפעס א ציעל, צו עפעס א בעשטימטען תכלית, נאר אהן א קלארען בעוואוסטזיין. ער בענוצט זיך ביי דעם געדאנק מיט א סך וויסענשאפטליכע פאקטען, וואס בעווייזען, אז ס'זענען פערהאן פיעל לאגישע און פסיכאלאגישע ווירקונגען, וואס האבען נישט קיין קלארען בעוואוסטזיין, און ער בעשליעסט, אז די געהערן אויך צו די ווירקונגען פון דעם אונבעוואוסטזיניגען. די פערשיעדענסטע ווירקונגען אין דער גאנצער נאטור, וועלכע לאזען זיך נישט ערקלערן מיט די מעכאנישע סבות און וואס ווייזען נישט ארויס קיין קלארען ציעל, — זענען אויך נאך זיין מיינונג ווארקען, וואס בעשטעטיגען די עקסיסטענץ פון יענער עלעמענטארער קראפט, וואס שאפט אלץ און האט אלץ אין זיך.

אויף דעם און נאר אויף דעם וועג קענען מיר לעזען אויך די פראגע פון כונה און תכלית אין דער נאטור. מיר זעהען אין דער קערפערליכער פערפאלקאמענונג פון אלע מיני בעשעפעניש א סך זאכען, וואס זעהען אויס ריכטיג, ווי זיי וואלטען זיין צוגעפאסט און אויסגערעכענט פון וועמען ס'איז צו א בעשטימטען תכלית. די טעאלאגען און פערשיעדענע פילאזאפען בענוצען זיך מיט דעם פאקט, אום צו דערווייזען די מציאות פון א בעשעפער, וואס ווייסט אלץ און טוט יעדע

זאַך מיט אַ בעשטימטער כונה; אַנדערע פילאָזאָפען, ווידער, זעהען אין דעם אַ געלונגענע צוזאַמענשטעלונג פון פערשידענע סבות. דער אמת אָבער איז, לויט האַרטמאַנ'ען, אַז די דאָזיגע אַלע ווירקונגען זענען טאַקי צוועקמעסיגע, נאָר קיין קלאָרער בעוואוסטזיין איז אין זיי נישטאָ.

האַרטמאַן נעהמט אַלס פאַקט אויך דאָס אַלץ, וואָס מ'רופט געוועהנליך אַן אינסטינקט. דער אינסטינקט איז נישט קיין לאָגישע, בעוואוסטזיניגע ווירקונג; עס איז אָבער אויך נישט קיין פשוט'ע פיזיאָלאָגישע ווירקונג, וואָרום אויסער דער פלינקקייט און שנעלקייט, ווייזט זיך אין איהם אַרויס אויך אַ געוויסער פערשטאַנד און אַ געוויסע אָרדנונג.

וואָס דען, אַלזאָ, איז עס?

אַ ווירקונג פון דער בלויזער פאָרשטעלונג אָהן דעם בעוואוסטזיין.

אינ'ם שפּראָצען און וואַקסען און אין יעדער ענטוויקלונג בכלל זעהט האַרטמאַן אַ געוואַלדיגע שטרעבונג, אַ געוואַלדיגע נייגונג צו עפּעס — אָהן אַ קלאָרער כונה. און דער אַרגומענט זיינער אויף צו בעפעסטיגען דעם געדאַנק איז דאָס: מיר זעהען פון איין זייט אַ בעהעפטונג פון פערשידענע מעכאַנישע סבות און פון דער אַנדערער זייט — אַ געוויסע אָרדנונג, אַ געוויסע פלאַנמעסיגקייט.

מיט דער זעלביגער הנחה ערקלערט האַרטמאַן אויך די געשיכטע פון די פערשידענע שפּראַכען און דיאַלאָגען. נישט מיט קיין בעשטימטער כונה האָבען זיך די שפּראַכען ענטוויקעלט; די מעהרהייט מענשען רעדט פון אייביג־אָן נישט קלערענדיג און זיך נישט אָבשטעלענדיג אויף דער פראַגע, ווי צו רעדען און ווי אויסצודריקען דעם אָדער יענעם געדאַנק. און דאָס איז נאָך זיכערער, אַז די דאָזיגע מעהרהייט זוכט נישט צוצופּאַסען איהרע ווערטער צו די יסודות פון אַלע מיני שפּראַכען, און דאָך געפינען מיר אין אַלע שפּראַכען אַ מערקווירדיגע איינינקייט, אַ מאָדנעם סדר און אַ וואונדערבאַרע האַרמאָניע, און אין יעדער שפּראַך בעזונדער אַ בעשטימטען מעכאַניזם, וואָס האָט אין זיך אַ סך איידעלע איינפאַלען. דאָס איז די ווירקונג פון יענער אונבעוואוסטזיניגער קראַפט, וואָס ווייזט זיך

ארויס אין אלץ.

מיט דעם וועג קען מען פערשטעהן אויך דעם מקור פונ׳ם „גייסט“, וואס ענטפלעקט זיך צו די גרויסע דיכטער און קינסטלער, און די פערבארגענע סודות פון אלע מיסטיקער. אין דער מענשליכער געשיכטע בעגעגנען מיר פון איין זייט צופעליגע, איינזאמע ווירקונגען, וועם זענען אבגעטיילט און אבגעזונדערט איינע פון דער אנדערער און זענען זיך זאגאר סותר איינע די אנדערע; די פערזאנען, וויעדער, וואס ברענגען דער היסטאריע אין בעוועגונג, וואס „מאכען“ די היסטאריע — אויב ס׳זענען בכלל פערהאן אזעלכע — האבען געטון אלץ, וואס זיי האבען געטון, פון זייער אייגענער הנאה וועגען אדער צוליעב וועלכער ס׳איז זאך, וואס זיי האבען געפונען פאר גוט אין יענער צייט; און פון דעסטוועגען איז דאך אונמעגליך נישט איינצוזעהען צוזאמען מיט העגעל׳ן, אז די היסטאריע האט עפעס אין זיך א געוויסען פלאן, א געוויסע צוועקמעסיגקייט, א געוויסען רעגרעס און פראגרעס, א געוויסע דערווייטערונג און דערנעהנטערונג צו עפעס א ציעל אין בעשטימטע צייטען. אלץ טוט זיך אין דער אמת׳ען אהן א כונה, אין פון דעסטוועגען זעהט אויס די היסטאריע ריכטיג, ווי זי וואלט עטוואס זוכען, — עטוואס אזוינס, וואס ענדליך וועט זי עס געפינען אין דער „אונבעוואוסטזיניגער צוועקמעסיגקייט“, אין די סודות פון דעם „אונבעוואוסטזיניגען“, דעם ענטפלעקטען און בעהאלטענעם, דעם איינציגען און אייביגען.

די „מאטעריע“ איז נישט מעהר, ווי די פערפלאנטערטע צוזאמענזעצונג פון פיעל פערשיעדענע אטאמען.

וואס זענען די אטאמען אן און פאר זיך?

אן און פאר זיך זענען עס פערקערפערונגען, פעראייניגונגען און צוזאמענשטויסונגען פון פערשיעדענע ווילענס, ד. ה. פערשיעדענע ענטפלעקונגען פון דעם אונבעוואוסטזיניגען. דער אהנענדער ווילען אדער דער אונבעוואוסטזיניגער בויט אויף וועלטען און מאכט זיי חרוב, בעשאפט אונענדליכע וועזענס און פערניכטעט זיי. ער וויל זיך בעפרייען פון זיין צער, פון זיינע ליידען, און מאכט אונענדליכע עקספערימענטען און דאס רעזולטאט פון די דאזיגע עקספערימענטען איז א שרעקליכעס: די מלחמה צווישען

די געשלעכטער און די אינדיווידען צופלאַקערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דער גאָרדישער קנופּ פערפלאָנטערט זיך אַלץ מעהר...

און אַזוי ווי פון דער פערפלאָנטערונג פון די פערשידענע אַטאָמען איז אַרויסגעקומען די „מאַטעריע״, אַזוי איז פון דער פערפלאָנטערונג פון די פערשידענע טיילען פון דער מאַטעריע, נאָך אַ לעבענסקאַמפף פון טויזענדער יאָהרען, אַרויסגעקומען — דאָס בעוואוסטזיין. און דאָ איז פאָרגעקומען אַ נייעס. דאָס בעוואוסטזיין געהט נישט אין די וועגען פון זיין געווינערין; עס ענטוויקעלט זיך און פערפלאָנטערט זיך פון יאָהר צו יאָהר און ערדייכט וואָס אַ דור ווייטער אַלץ אַ העכערע מדרגה און דאַן, ווען עס ערדייכט גאָר די העכסטע מדרגה, דאַן פערשטעהט עס, אַז אַלע מעשים ווערען געשאַפען און אויסגעאיבט אָהן בעוואוסטזיין. און עס שטעלט זיך די דאָזיגע אַלע מעשים אַנטקעגען און צושטערט זיי און רייסט אויס אַלץ מיט'ן וואָרצעל פון אָנהויבאָן; עס הויבט אויף דעם שאַרפען שווערד איבער דעם גאָרדישען קנופּ, וואָס האָט זיך געפלאָנטערט און געפלאָנטערט אין דעם משך פון טויזענדער דורות, און — שניידט איהם איבער...

דער פינאַל פון דער וועלט-דראַמאַ וועט זיך אָבשפּיעלען דאַן, ווען אַלע מענשען וועלען ערדייכען די דאָזיגע מדרגה פון בעוואוסטזיין; ווען אַלע מענשען וועלען זיך אינגאַנצען אָבזאָגען פון זייערע אַלע פערלאַנגען, ווען זיי וועלען אוועקלאָזען זייערע אַלע מיני חלומות, איינבילדונגען און פאַלשע האָפנונגען — די אַלע עקספּערימענטען, וואָס זיי מאַכען בסדר, און צו חאַפּען דאָס גליק.

די פערבעסערונג פונ'ם פּרט, פונ'ם איינצעלנעם מענשען, וועגען וועלכער שאָפּענהויער רעדט, האָט קיין בעדייטונג נישט. אויב איין איינצעלנע פּערזאָן וועט אויפהערען וועלען לעבען, אָדער זי וועט עס נישט אויפהערען — דאָס מאַכט די זאַך נישט בעסער און נישט ערגער. ווען אַלע מענשען אפילו וואָלטען איצט בעשליסען אויפצוהערען וועלען לעבען, וואָלטען זיי אויך קיין זאַך דערמיט נישט אויפגעטאָן. מענשען זענען נאָך נישט צוגעקומען צו דער מדרגה פון אויסלייזער, פון בעפרייער. הונדערטער יאָה-

רען דארפען נאך אריבערגעהן, הונדערטער יאהרען דארפען זיי נאך וואקסען און זיך ענטוויקלען, ביז זיי וועלען אריינגעהמען אין זיך דעם גרעסטען טייל ענערגיע פון דער וועלט, דעם גרעסטען טייל לעבען, דעם גרעסטען טייל ווילען פון דער וועלט, און דאן ערשט, ווען זיי וועלען אלע אנערקענען די פוסטקייט און די נישטיגקייט פון דעם אלעמען, דאן ערשט וועט זייער אבזאגען זיך פון לעבען האבען עפעס א ממשות.

אום צו דערווייזען, אז דאס בעוואוסטזיין מוז קומען נאר צו דעם בעשלוס, אנאליזירט הארטמאן די פערשידענסטע מינים פערגניגען און ווייזט אויף, אז זיי ווערען פערזונקען און פערשלונגען אין דעם ים פון די פערשידענע ליידען און וועהטאגען; אז ס׳איז גאר קיין שום תחבולה נישטא, צו פערמעהרען דאס גליק און צו פערמינדערן דאס אונגליק, און אז די ליידען פערמעהרען זיך נאך פון דור צו דור, אזוי אז מיט דער צייט וועט פשוט אונמעגליך זיין, איינצוטראגען די שווערע לאסט פון לעבען.

דער לעבענס־ווילען, וואס איז איינגעפלאנצט אין יעדען מענשען, רעדט איהם אן און הייסט איהם גלויבען, אז ס׳איז פערהאן גוטס אויף דער וועלט און מ׳דארף האפען אויף דעם. דער מענש קלערט זיך דעריבער אויס פערשידענע אנגענעהמע איללוזיעס און טרייסט זיך מיט זיי, וועהרענד אין דער אמת׳ען איז דאס נישט מעהר, ווי א פראדוקט פון נישט פערשטעהן, פון נישט בעגרייפען די זאך, ווי זי איז.

די איינצעלנע איללוזיעס זענען אהן א צאהל; בכלל אבער לאזען זיי זיך איינטיילען אין די דריי קאטעגאריעס: 1) די איללוזיעס, וועלכע שטעלען פאר דאס לעבען אויף דער וועלט אין זעהר שענע פארבען; די דאזיגע איללוזיעס שטאמען בכלל פון דער מענשהייט׳ס קינדער־יאהרען. 2) די איללוזיעס בנוגע צו דעם לעבען, וואס וועט ערשט קומען נאכ׳ן טוידט. די געהערען צו די יוגענד־יאהרען פון דער מענשהייט און צום מיטעלאלטער; דער מענש האט אנגעהויבען איינזעהען, אז דאס לעבען אויף דער וועלט איז פול מיט פלאגען און וועהטאגען, האט ער גענומען גלויבען, אז אויף יענער וועלט וועט איהם גוט זיין. 3) די איללוזיעס בנוגע צו די גליקען פון דער וועלט, וואס וועלען קומען אין א לאנגע צייט ארום... די איללוזיעס געהערען שוין בכלל צו

די רייפע יאָהרען פון דער מענשהייט. דער מענש האָט זיך
אַרומגעזעהען, אַז דאָס לעבען דאָ איז שלעכט און צוזאַמען
דערמיט האָט ער אויפגעהערט גלויבען אויך אין אַנדערע וועל=
טען, האָט ער אָנגעהויבען לעגען האָפנונגען אויף זיך אַליין,
אויף זיין שטאַרקייט, אויף זיין שכל. ד. ה.: ס'וועלען קומען
צייטען, די בעגריפען וועלען קלערער ווערן, די פערהעלטניס
פון מענשען צו מענשען וועט פערבעסערט ווערען, מענשען
וועלען מעהר וויסען, ס'וועט זיך ענטוויקלען די אינדוסטריע, די
טעכניק, די וויסענשאַפטען וועלען בליהען און וואַקסען, די זיטען
וועלען געלייטערט און גערייניגט ווערן און די ערד וועט ווערן,
ווי אַ גן=עדן.

האַרטמאַן נעהמט כּסדר די אַלע דריי קאַטעגאָריעס און
ווייזט אויף, אַז זיי האָבען קיין שום ממשות נישט. די אילו=
זיעס פון דער ערשטער קאַטעגאָריע טיילט ער איין אין אַכט
מינים: 1) צושטאַנדען, וואָס האָבען אַ בעדייטונג פאַר'ן מענ=
שען, ווייל זיי שיצען איהם פון אונגליקען, און ענטהאַלטען אין
זיך, זעלבסטשטענדיג, קיין שום פערגניגען נישט, ווי: געזונד,
יוגענד, פרייהייט א. א. וו. 2) צושטאַנדען אָדער אימפול=
סען, וואָס פעראורזאַכען בלויז צער, ווי: קנאה, שנאה, כּעס,
שרעק א. א. וו. 3) צושטאַנדען, וואָס האָבען זעלבסטשטענ=
דיג קיין שום בעדייטונג נישט פאַר'ן מענשען, נאָר זיי דינען
בלויז אַלס מיטעל צו וועלכען ס'איז ציעל, ווי: די שטרעבונג
צו רייכטום, צו הערשאַפט און צו כּבוד. 4) צושטאַנדען,
וואָס גיעבען דעם מענשען אַ קליינעם פערגניגען און צאָהלען
זיך אָב מיט די ליידען פון אַנדערע מענשען, ווי: פערשיעדענע
פערברעכענס, נקמה א. א. וו. 5) צושטאַנדען וואָס ברענגען
בכלל מעהר צער, אַלס פערגניגען, ווי: די ליעבע צו פרויען,
קינדער=ליעבע, באַרימהערציגקייט, גאוה, האָפנונג. 6) אימ=
פולסען, וואָס זענען געבויט אויף פערשיעדענע אילוזיעס, און
גלייך, ווי עס טוט אַ שיין אויף זיי דער שכל ווערן זיי פער=
שוואונדען, ווי: נישט קיין פערדיענטע לויב=ווערטער, שענע
חלומות, יוגענד=פאַנטאַזיעס א. א. וו. 7) צושטאַנדען, וואָס
טיעף אין האַרצען רעכנען זיי אַלע פאַר שלעכטע, נאָר מ'פער=
טראָגט זיי, אום ניצול צו ווערען דורך זיי פון גרעסערע צרות,

ווי: אנשטרענגענדע ארבייט, חתונה א. א. וו. 8) די וויסענשאפטליכע טעטיגקייט, וואס פערשאפט פערגניגען בלויז געצעהלטע טאלאנטען, און די איבריגע מענשען זעהען אין איהר בלויז א שווערע ארבייט, וואס „נעהמט צו די כחות“, און די געצעהלטע טאלאנטען אפילו האבען אויך שפעטער צרות פון איהר, ווייל זי הויבט זיי אויף העכער און מאכט זיי פעהיגער צון זעהען די נישטיגקייט, די לעערקייט פון לעבען.

דער אויספיהר דערפון איז: אז ביי דער איצטיגער צייט זענען די ליידען מעהר פונ׳ם פערגניגען נישט בלויז אינ׳ם לעבען פון די מענשען, וואס געפינען זיך אין א שלעכטער לאגע, ווי די ארעמע, די קראנקע א. א. וו., נאך אויך אינ׳ם לעבען פון יענע, וואס געפינען זיך אין א גוטער לאגע.

די אילוזיעס פון דער אנדערער קאטעגאריע פאלען ממילא ארונטער, ווען מ׳לייקענט אין דער אמונה פון השארת הנפש. און בנוגע צו די אילוזיעס פון דער דריטער קאטעגאריע בעמיהט זיך הארטמאן צו דערווייזען, אז ס׳איז קיין שום האפנונג נישטא, צו פערבעסערן די מענשליכע לאגע אין דער צוקונפט. דער אלגעמיינער פראגרעס, וועלכען הארטמאן אנערקענט אויך, וועט דעם מענשען ברענגען נישט קיין גוטס, נאר שלעכטס. די מעדיצינישע וויסענשאפט, למשל, וואקסט און פערפאלקאמט זיך; צוזאמען דערמיט אבער קומען צו פון טאג צו טאג נייע, אונבעקאנטע קראנקהייטען. די וויסענשאפט בכלל ענטוויקעלט זיך; מיט דער צייט אבער וועט זי פערוואנדעלט ווערן אין א פשוט׳ער מלאכה. די פערשידענע ערפינדונגען וועלן נישט געהערן צו די איינצעלנע, צו די אויסערוועהלטע געניאלע קעפ, נאר וועלן אריבערגעהן ביסלעכווייז אין די הענד פונ׳ם ארבייטענדען המון און דער העכערער גענוס דערפון וועט שוין ממילא פערשוואונדען ווערן. דער פראגרעס רופט ארויס נייע בעדערפנישען, און דער מאנגעל פיהלט זיך פון טאג צו טאג שטארקער, די מענשליכע אינטעליגענץ וואקסט, פערגרעסערט זיך, און צוזאמען מיט איהר פערמעהרען זיך אויך — דעם מענשען׳ס גייסטיגע ליידען, ווארום וואס מעהר ער ווערט ענטוויקעלט, וואס מעהר אינטעליגענץ ער ערווערבט זיך, אלץ מעהר בעגרייפט ער די צופעליגקייט, די בלינדע נארעשקייט א

דעם שמערץ פון לעבען.

די דאזיגע דריי קאטעגאריעס פון דער מענשליכער איינבילדונג, וועלכע ווערן, לויט הארטמאנ'ען, צושוואומען און צוגאנגען ביי דער שיין פונ'ם בעוואוסטזיין, האבען געדיענט אלס לעבענס-אינהאלט אויך פאר אנ'אנדער ריעזיגער פערזענליכקייט, פאר דעם איטאליענער ל ע א פ א ר ד י (וועלכער האט געלעבט א סך פריהער פון הארטמאנ'ען) — און זיין פאעזיע, פאר זיינע פריידען און ליידען, האפנונגען און פערצווייפלונגען.*)

זייענדיג יונג האט ער געגלויבט אין די גוטע זייטען פון דער וועלט, אט אזוי ווי זי איז; ווען ער האט אנגעהויבען צו פיהלען די צרות פון לעבען, האט ער געזוכט און זיך געפונען א שטיצע אין דער אמונה; ווען זיין גלויבען אין גאט האט זיך אנגעהויבען וואקלען, האט ער גענומען גלויבען אין דער צוקונפט פון דער מענשהייט, און ווען ער האט שוין אויפגעהערט גלויבען אין דעם אויך, — איז ער אינגאנצען פערצווייפעלט געווארען.

דורכשניטליכע מענשען גלויבען און הערען-אויף צו גלויבען, האפען און פערצווייפלען, און זייער הארץ טוט נישט וועה, אדער עס טוט יא וועה א קורצע ווייל און ווערט גלייך צוריק פערהיילט; מענשען אבער אזעלכע, ווי ל ע א פ א ר ד י, ווען זיי ג ל ו י ב ע ן, טראגען זיי און זיך אנ'אייביג'ם לעבען, און ווען זיי ווערן פ ע ר צ ו ו י י פ ע ל ט, ווערט די גאנצע וועלט פערוואנדעלט פאר זיי אין א תהו ובהו, און אין זייערע ליעדער הערען זיך די טענער פון דער אייביגער לעבענס-טראגעדיע.

זיין אונבעגרענעצטע ליעבע צו מענשען האט איהם געטריבען צו זוכען: אפשר, אפשר איז פארט א האפנונג פער-

*) איך ברענג דא די בעציהונג פונ'ם דיכטער לעאפארדי צו דער פראגע פון גוטס און שלעכטס, האטש ער געהערט נישט אייגענטליך צו דער עפאכע, ווייל זיין פערצווייפלונג איז מעהר א פילאזאפישע, ווי א דיכטערישע, און די פארם פון זיין זוכען און פערצווייפלען איז שטארק צוגעפאסט צו די דריי קאטעגאריעס, וועגען וועלכע הארטמאן רעדט.

האן... און ער האט געזוכט... געקעמפפט... און אויסגעפונען, אז אלץ איז גארנישט, אז אלץ איז נישט מעהר, ווי א פערבלענדעניש און א פאלשער חלום, און אלע סטרונעס פון זיין הארצען פלאצען פון צער און צארן.

„מיין עלענד הארץ — שרייט ער אויס אין איינעם פון זיינע לידער — שלאף איין אויף אייביג אין מיין אנגעוועהטיגטער ברוסט! די בעטריגערישע פאלשקייט האט אין מיינע אויגען איהר גאנצען ריין פערלוירען און איך וויל מעהר אין איהרע וועגע נישט געהן! אלץ, וואס איך האב גערעכענט ביז איצט פאר הייליג און טייער, איז פערשוואונדען און מיינע ענטטוישטע האפנונגען וועלען זיך מעהר נישט צוריקקעהרען! אוועק מיט דער פאלשקייט! אלץ איז מיר איצט שוין קלאר, אלץ איז מיר איצט קלאר און זיכער, ווי דער טאג. שטארב, ארעם הארץ, און גלויב, אז נאר אומזיסט האסטו געלעבט און זיך געפייניגט! אין דיינע פולס-שלאגען איז קיין שום זין און קיין שום רעכנונג נישטא, אזוי ווי אין די מעשים פון דער גאנצער נאטור! דאס לעבען איז בלויז — בעטרוג און טרויער... שמוץ און בלאטע איז דער גאנצער ערד-קוגעל! א פערבייפליהענדער שאטען — די גאנצע נאטור! פלאץ דאס לעצטע מאל, צוזעהענדיג די אלע צום טוידט און צו פערניכטונג פעראורטיילטע...
און איינהאלטענדיג אין זיך דאס שרעק, און זיך שטארקענדיג איבער דיין צער אויף אייביג, ווער אין א שטיק אייז פערוואנדעלט אין מיין צו-וועהטיגטער ברוסט, — פערניכטענדיג זיך אליין, פעראכטענדיג אנדערע און יענע בלינדע ברוטאלע קראפט, וואס הערשט אין דער גאנצער נאטור און שלעפט אראב אלץ, וואס איז פערהאן, אינ'ם תהום פון דער לעערקייט".

יב.

די פאזיטיוויסטישע אנשויאונג.

ס'זענען פערהאן אזעלכע, וואס טרעטען ארויס געגען שאפענהויער'ן און הארטמאנ'ען ארויסגעהענדיג פונ'ם רעליגיעזען

אָדער פילאָזאָפישען אָפּטימיזם, וואָס איז אויך געבויט אויף גאַנץ שוואַכע יסודות. די מיינונגען וועלען מיר דאָ גאָרנישט בעריהרען, ווייל דער כאַראַקטער פון דעם אויבערפלעכליכען רעליגיעזען און זאָגאַר פילאָזאָפישען אָפּטימיזם, איז שוין דעם לעזער בעקאַנט פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען; דער פּעסימיזם פון די דערמאָהנטע צוויי דענקער האָט אָבער פיעל געגנער אויך אין אַן׳אַנדער לאַגער, — געגנער, וועלכע זענען בעוואָפענט מיט אַלע פאַקטען פון די פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען און האָבען מיט׳ן הימעל גאָרנישט צו טאָן...

„בערעכען, — זאָגט מאַקס נאָרדוי אין זיין „ענטאַרטונג“ — אַז די אַלע קלאָגערייען און טענות, וואָס מ׳הערט פון דער מעהרהייט מענשען אין דער לעצטער צייט, שטאַמען בלויז פון יענעם אַלטען טעות, לויט וועלכען די ערד איז דער צענטער פון דער נאַטור און דער מענש — דער צענטער פון דער ערד. און לאַנג שוין איז געקומען קופּערניק און דעם טעות צוקלאַפּט; נאָך איז ער אָבער פון דעסטוועגען איינגעוואָרצעלט ביי אַ סך אין די הערצער, און ביי זיי קומט אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ שלעכטע, ווייל זיי איז שלעכט“.

און אין ערשטען קאַפּיטעל פון זיינע „פּאַראַדאָקסען“ איז זיין געדאַנק נאָך גענויער ערקלערט. ער ווייזט אויף, אַז אונזער לאָגיק און די לאָגיק פון דער נאַטור זענען צוויי גאַנץ בעזונדערע זאַכען. מיר זענען קליינע, אָרימע בעשעפעניש, און ס׳איז נאַריש פון אונזער זייט צו פאָדערן פון דער נאַטור, אַז אַלע איהרע געזעצען זאָלען שטימען מיט אונזערע בעדערפעניש און פערלאַנגען. מ׳קען נישט רעדען וועגען די גוטסקייטען פון דער וועלט לויט דער מאָס גוטס, וואָס מיר זעהען, און אַזוי אויך איז נאַריש צו בעשליסען, אַז די וועלט פיהרט זיך בלינד, ווילד, נישט־מאָראַליש און אַזוי ווייטער לויט דעם מאַסשטאַב פון אונזערע פערזענליכע אַנשויאונגען. ווען באַצילען, למשל, וואָלטען בעזיצען די פעהיגקייט צו פילאָזאָפירען, וואָלט זייער וועלט־אַנשויאונג זיין זעהר אַ פינסטערע און אַ פּעסימיסטישע, ווייל די אַלע מיטלען און איינפיהרונגען, מיט וועלכע מיר בענוצען זיך, אום ריין צו מאַכען די לופט און צום פערניכטען די שמוץ, וואָלטען ביי זיי אויסזעהן, ווי שעדליכע זאַכען, וואָס געהען געגען די געזע־

צען פון דער מאראל און פערניכטען דאס ביסעל גוטס, וואס איז פערהאן אויף דער וועלט... דער מענש רעכענט זיך פאר דעם העררן און געביטער פון דער נאטור, און דא איבערצייגט ער זיך גאר, צו זיין גרויסען בעדויערן, אויף יעדען שריט און טריט, אז זיין ממשלה האט קיין שום ממשות נישט; ער שלייערט זיך דעריבער און שילט מיט צארן און וואוט, — ווי א קינד, וואס שטרעקט דאס הענדטיל אויס צו דער לבנה, און וויינט זיך שבארק פונאנדער, ווען עס זעהט, אז ס'איז נישט אזוי לייכט זי צו בעקומען...

און ווי דעם פילאזאפישען פעסימיזם, אזוי צוקלאפט נארדוי אויך דעם נאטירליכען פעסימיזם — די „מרה־שחורה'ניקעס". יענע אלע, וועלכע זענען געוויינט צו זעהען אין דער נאטור בלויז שלעכטס און אונרעכט, זענען, לויט זיין מיינונג, גייסטיג קראנקע און זייער ריכטיגער פלאץ איז אין א—פסיכיאטרישען שפיטאל. די אלע גרויסע דיכטער פונ'ם וועלט־שמערץ זענען געוועזען פסיכאפאטען: לעגוי איז געשטארבען א משוגע'נער; לעאפארדי האט געליטען פון א וועגערישער קראנקהייט; היינע איז ערשט דאן געווארען בעטריבט און פער'מרה־שחורה'ט, ווען זיין קראנקהייט — מארך־ביין־שווינדזוכט — איז שוין צוגעקומען ביז'ן מארך און איהם אנגעגריפען; בייראן איז געוועזען א מענש מיט א ווילדען און משוגה'דיגען כאראקטער, וואס פסיכאפאטאלאגען דערקענען אין איהם גלייך די סימפטאמען פון א געוויסער צושטערונג פון גייסט.

נארדוי בעשיט מיט א האגעל פון סארקאסטישע פיילען יענע אלע, וועלכע קאקעטירען מיט זייערע ווילדע לעבענס־אנשויאונגען און מיט זייער כלומר'שטער אריגינאליטעט, און ווייזט אויף, אז דער יסוד פונ'ם אפטימיזם ליגט אין די טיעפענישען פון דער מענשליכער נאטור, אלס לעבעדיגער וועזען, וואס זוכט פערגניגען און האפט אויף גוטס. דער המון מיט זיין געזונדטען אינסטינקט זעהט אין לעבען נישט קיין צרות און וועהטאגען, נאר — א ברכה פון גאט. און וואס ניעדריגער איהם קומט אוים צו בויגען זיינע פלייצעס אונטער דער משא פון לעבען, אלץ טייערער ווערט עם איהם און אלץ מעהר בעמיהט ער זיך, עס צו דערלענגערן.

נאָך שטאַרקער דריקט זיך אויס לאַנגע אין זײַן היסטאָרישער שילדערונג פונ׳ם „מאַטעריאַליזם“:

„דער אָפּטימיזם מיט׳ן פּעסימיזם צוזאַמען זענען נישט מעהר, ווי אַ פּראָדוקט פון דער מענשליכער אידעאָלאָגיע, און די וועלט־אָרדנונג אַן און פאַר זיך האָט מיט זיי גאָרנישט צו טאָן“.

שטאַמען שטאַמט די דאָזיגע אַנשויאונג פון דעם טיעפען געדאַנק, וואָס מיר געפינען ביי שפּינאָזאַ׳ן, — דעם געדאַנק, אַז מ׳קען נישט מעסטען די אונענדליכקייט מיט אונזער מאַסשטאַב, און אַז „די זאַכען (אַן און פאַר זיך) זענען נישט גוט און שלעכט, אויף וויפיעל זיי זענען גוט און שלעכט פאַר אונז, מענשען“.

ס׳זענען פערהאַן אויך אַזעלכע, וואָס קריטיקירען דעם פּעסימיזם פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דעם מענשענ׳ס צער און פערגניגען אַליין. די דאָזיגע קריטיקער בעמיהען זיך אויפצעווייזען: א) אַז דער מעטאַפיזישער יסוד פון דעם פּעסימיסטישען סיסטעם האַלט זיך נישט פעסט. ב) אַז די מאָס פּיין די וועלט־ליידען איז נישט אַזוי גרויס, ווי עס ווילען האָבען שאָפּענהויער מיט האַרטמאַנ׳ען, ג) אַז דאָס פערגניגען איז אויך אַזאַ פּאָזיטיווע זאַך, ווי דער צער, און דער מענש איז אימשטאַנד עס צו פערמעהרען און רייכער צו מאַכען.

שאָפּענהויער׳ס וועלט־ווילען איז, לויט זייער מיינונג, בלויז אַ נאַרישע פאַנטאַזיע. אמת, די קראַפט פונ׳ם ווילען איז טאַקי זעהר שטאַרק; ס׳איז אָבער נאַריש צו רעדען וועגען אַן אייניגען איינפאַכען ווילען. אין דער מענשליכער נשמה פונקציאָנירען פערשיעדענע בעגעהרען, וועלכע זענען צונויפגעבונדען איינער מיט׳ן אַנדערן, אַ דאַנק די פערשיעדענע סבות, און ווירקען לויט דער אָרדנונג פונ׳ם קערפּער־בוי און לויט די פערשיעדענע, אויסערליכע און אינערליכע איינפלוסען. שאָפּענהויער זעהט אין דער מענשליכער פּסיכיק בלויז ווילען און אינטעלעקט. די אַלע פערשיעדענע אימפּולסען, ווי ליעבע, האָס א. א. וו. זענען, לויט זײַן מיינונג, דער פּראָדוקט פון דעם איינציגען ווילען, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין די דאָזיגע געפיהלען; און דער אינטעלעקט, וואָס איז נאָך אַ לאַנגען ענטוויקלונגס־פּראָצעס צוגעקומען צו דעם פאַלשטענדיגען בעוואוסטזיין, קומט ערשט שפּעטער, צום סוף. זיי אָבער, שאָפּענהויער׳ס געגנער, טיילען

איין אַלע עלעמענטאַרע פּסיכישע כחות אין: ווילען, בעגעהרען, געפיהלען און פערשטאַנד.

בכלל איז נאַריש זיך צו חקר'נען איבער דעם יסוד פון אַלע יסודות. מיר דאַרפען דערגעהן די פערשיעדענע געזעצען פון דער נאַטור, מיר דאַרפען פערשטעהן די ערשיינונגען פון דער וועלט און זייער בעציהונג איינע צו דער אַנדערער, און — נישט מעהר. דאָס זוכען צו דערגעהן, וואָס עס טוט זיך אָב הינטער די קוליסען פון לעבען אָדער אין די פערבאָרגענע טיעפענישען פון די עפענטליכע ערשיינונגען, ברענגט נאָר צו לאַנגווייליגקייט און בטלנות. דאָס פערפיהרט בלויז דעם מענשען אין אַ אונענדליכען ים און לאָזט איהם דאָרט אַרומבלאָנזשען אָהן אַ שום רודער און וועג-ווייזער. אַמאָל דאַכט זיך איהם אויס, אַז אָט איז יבשה, אָט איז דער ערוואַרטעטער האַפען; צוקומענדיג אָבער צו יענעם פּלאַץ דערזעהט ער, אַז ער ווערט, ווי פריהער, געטראָגען פון בּרויזענדע חוואַליעס אינמיטען ים (קאַנט)...

און וואָס עס איז אמת בנוגע צו מעטאַפיזיק אין אַלגעמיין, איז אמת אויך בנוגע צו דעם עיקר פון שאָפּענהויער'ס שיטה. אין פלוג זעהט אויס, אַז שאָפּענהויער בעגרינדעט זיין אַנשויאונג אויף וויסענשאַפטליכע יסודות, וועהרענד אין דער אמת'ען בעגרינדעט ער זי בלויז אויף וויסענשאַפטליכע פּאַנטאַזיעס. דאָס, וואָס שאָפּענהויער רופט אָן „וועלט-ווילען“ איז נישט מעהר, ווי אַ איינפאַכער אַנטראָפּאָמאָרפיזם. ער האַלט זיך ביי דעם אַלטען טעות פון אַלע אַנדערע פילאָזאָפען; ווי זיי פלעגען טהון ביז איהם, קלויבט ער זיך אויך אויס איינעם פון די פערשיעדענע פּסיכישע כחות, — וואָס איז אין גרונד אויך נישט מעהר, ווי אַנ'איינצעלנע ערשיינונג און אַ פּראָדוקט פון צוזאַמענגענומענע בעשטימטע סבּות — און מאַכט איהם פאַר דער דאָמינירענדער קראַפט, וואָס ענטהאַלט אין זיך דאָס גאַנצע פון דער נשמה און אויך אַלץ וואָס איז אויסער דער נשמה. ער נעהמט זיך אָב איין

---

*) פערמענשליכונג פון דער גאָטהייט, צושרייבען דער גאָטהייט מענשליכער אייגענשאַפטען.

טייל, אין פּרט פון דער נאַטור, און מאַכט איהם פאַר אַ בעשעפער...

די זעלבע זאַך איז אויך מיט האַרטמאַנ'ס „אונבעוואוסטען“. דער לעצטער איז אין אַ געוויסען זין נאָך ווייניגער בעגרינדעט פון שאָפּענהויער'ס „ווילען“. שאָפּענהויער שטיצט זיך, ווייניגסטענס, אויף אַ בעוואוסטער פּסיכישער קראַפט, וועהרענד האַרטמאַן האָט זיך בעשאַפען אַזאַ מין בעשעפעניש, וואָס האָט גאָר צו זיך קיין גלייכען נישט אין דער ווירקליכער וועלט. מיר וויסען בלויז פון מעכאַנישע און אינטעלעקטועלע ווירקונגען פון צוועקמעסיגע ווירקונגען אָהן בעוואוסטזיין — האָבען מיר אָבער קיין שום אַהנונג נישט. און ווען אפילו מיר זאָלען אַנערקענען, אַז אין דער מענשליכער פּסיכיק זענען פאַרהאַן אַזעלכע נישט בעוואוסטזיניגע פונקציעס, ווי געוויסע געלעהרטע ווילען האָבען, האָבען מיר אָבער קיין רעכט נישט צו בעשליסען אויף דעם יסוד פון די דאָזיגע פונקציעס, — וועלכע זענען יעדענפאַלס פערשיעדען איינע פון דער אַנדערער און אונז נאָך נישט גענוי בעקאַנט — אַז ס'איז פאַרהאַן אַזאַ איינציגער עלעמענט אויסער דער מענשליכער פּסיכיק, וואָס ווירקט אָהן בעוואוסטזיין. אמת, די פּאָזיטיוויסטען רעדען אויך וועגען איין אַלגעמיינעם עלעמענט, וועגען אַנ'אַלגעמיינעם כח; ערשטענס, אָבער, איז דער דאָזיגער כח דאָך נישט קיין אַבסטראַקציע פון וועלכער ס'איז פּסיכישער מענשליכער אייגענשאַפט, נאָר עטוואָס אַזוינס, וואָס ווירקט אָהן אַ שום ווילען און אָהן אַ כונה. און צווייטענס, זענען טאַקע פאַרהאַן אַזעלכע צווישען די לעצטע געלעהרטע, וועלכע זאָגען, אַז דער טערמין „כח“ איז אויך אייגענטליך נישט מעהר, ווי אַ בילדליכער אויסדריק, און אַז אין גרונד גענומען איז דער כח בלויז אַ וויסענשאַפטליכער בעגריף, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען, כדי צו פערשטעהן די בעציהונג פון די ערשיינונגען צווישען זיך.

דער גאַנצער פּראָצעס פון דער וועלט־בעשאַפונג איז לויט האַרטמאַנ'ען בלויז אַ לעגענדע, בלויז אַ שטיק פּשוט'ע טעאָלאָגיע. „דער ווילען האָט זיך פעראייניגט מיט דער פאָרשטעלונג“. ווי אַזוי אָבער איז עס דער ווילען געקומען צו

דער פארשטעלונג? ווער האט עס זיי צונויפגעפּאַרט? נאַר מיט נסים האט עס געמוזט געשעהן. „אין דער צוקונפט וועט אַלץ קלאָר ווערן, דאס אונבעוואוסטע וועט ענדליך איינזעהען, אַז אַלע זיינע שטרעבונגען און פערלאַנגען זענען גאַרנישט און וועט קומען צו דער פאַלשטענדיגער פערניכטונג״; — ווי אַזוי אָבער וועט ער עס פערניכטען זיך אַליין? ווי וועט עס פאַרקומען דער דאָזיגער קץ כל הקצים (די ענדע פון אַלע ענדעס)? דאס איז בלויז נבואה=זאָגעריי;

און וועגען דער צוועקמעסיגקייט, וואס מ'זעהט אין יעדען וועזען, סיי אין דעם בוי פון יעדען אבר, וואס איז אַמבעסטען צוגעפּאַסט צו דעם גאַנצען קערפּער, סיי אין די כאַראַקטערען פון אַלע בעשעפעניסען, וואס זענען צוגעפּאַסט צו די אַרומיגע, אויסערליכע לעבענס=בעדינגונגען און סיי אין דער בעציהונג פון יעדען מענשען צו זיין געשלעכט; די דאָזיגע צוועקמעסיגקייט, וואס שאָפּענהויער זעהט אין איהר די פרוכט פון דעם בלינדען לעבענס=ווילען, וועלכער וועבט יעדע זאַך אין די פערבאָרגענישען פון דער נאַטור אַזוי, אַז עס זאָל זיין גוט צוגעפּאַסט צו דעם ערהאַלטונגס=צוועק, און האַרטמאַן — די פרוכט פון דעם אונבעוואוסטען, — וועגען דער צוועקמעסיגקייט ערקלערען די וויסענשאַפטס=מענשען, אַז, אמת, אַלץ ווערט טאַקי געשאַפען אַזוי, אַז עס זאָל זיין גוט צוגעפּאַסט צו די ערהאַלטונגס=בעדינגונגען, דאס איז אָבער נישט די פרוכט פון דעם אַלגעמיינעם „לעבענס=ווילען״ אָדער פון דעם אונבעוואוסטען, וואס נעהמט אַריין אין זיין רשות אַלע פּאַרטיקולערע כחות, אום דורכצופיהרען זיין ציעל, — נאָר די פרוכט פון אַ סך איינצעלנע שטרעבונגען און פערלאַנגען; די פרוכט פון מיליאַרדען ווילענס, פון מיליאַרדען געשלעכטער און אינדיווידען; די פרוכט פון דעם מיליאָנען=יעהריגען קאַמפף=אום=דאס=זיין, אין דעם פערלויף פון וועלכען עס זענען אומגעקומען יענע אַלע, וועלכע האָבען נישט געקענט בעשטעהן דעם אָנגריף פון פיינד ווייל זייער קערפּער=בוי איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו די ערהאַלטונגס=בעדינגונגען, אַזוי אַז געבליבען זענען בלויז יענע, ביי וועלכע די בעדינגונגען זענען יאָ גינסטיג געווען פאַר זייער ערהאַלטונג.

עס האַנדעלט זיך דאָ אַלזאָ בלויז וועגען אַ איביגען צופּאַסונגס־פּראָצעס פון די פערשידענע געשלעכטער און אינדיווידען, וואָס די מעהרהייט פון זיי איז אומגעקומען און נאָר איינצעלנע פון זיי זענען געבליבען. די אַלע נייגונגען און איינגעשאַפטען, וואָס האָבען געקענט נוצליך זיין אין׳ם קאַמפף־אום־דאָס־זיין, זענען איבערגעגעבען געוואָרען פון דור צו דור לויט די געזעצען פון דער נאַטירליכער ירושה; און דאַגעגען, ווידער, זענען יענע איינגענשאַפטען, וועלכע זענען שעדליך פאַר דעם ערהאַלטונגס־צוועק, אויסגעראָטען געוואָרען פון זיך אַליין, צוזאַמען מיט זייערע אייגענטימער, וואָס האָבען קיין קראַפט נישט געהאַט זיך צו דערהאַלטען. די מינים (געשלעכטער) ענדערן זיך און בייטען זיך, די עקסיסטענץ־פאָרמען ענדערן זיך אויך; נישט אַלץ אָבער, וואָס ענדערט זיך און פערשווינדט—בלייבט שוין פערשוואונדען אויף איביג. פון דעם פערשוואונדענעם מין אָדער פון דער פערשוואונדענער פאָרם איז נאָך אַ גרויסער עפּעס איבערגעבליבען, און דער דאָזיגער „עפּעס" שווימט אַרויס אין לעבען ערשט אין צעהנדליגער אָדער אין הונדערטער דורות אַרום. מיר בעגעגנען דעריבער אָפט ביי פערשידענע בעשעפּינעשען אַ סך אַזעלכע גליעדער, נייגונגען און עקסיסטענץ־פאָרמען, וואָס נוצען זיי גאָרנישט און ברענגען זיי נאָך, פערקעהרט, — שאָדען. דאָס איז אַ איבערבלייבעניש און אַ נעדעכעניש פון לעבענס־אַרטען, וואָס האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו פונקציאָנירען.

די העכסטע פון אַלע עקסיסטענץ־פאָרמען זענען יענע, וועלכע טראָגען אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער און זענען גלייך פּאַסענד פאַר אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט. געוועזען זענען אַזעלכע פאָרמען פון אַ געזעלשאַפטס־לעבען, וואָס האָבען נישט בעפריעדיגט די דאָזיגע פאָדערונג, און זיי זענען אונטערגעגאַנגען אַ דאַנק דעם „נאַטירליכען אויסוואַהל". פון צייט צו צייט בילדען זיך אויס נייע פאָרמען, וועלכע בעפריעדיגען שוין מעהר די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיינעם און פּריוואַטען גליק, האָטש ס׳איז נאָך זעהר וויט דער וועג צו דער אמת׳ער פאָלשטענדיגקייט. מיר שטעהען נאָך דערווייל, הייסט עס, אינמיטען וועג, און אַ סך שפּורען זענען נאָך פערבליבען ביי אונז

פון יענע געזעלשאפטס-פארמען, וואס בכלל איז שוין זייער צייט לאנג אריבער*).

די שטרעבונג צום לעבען איז נישט קיין פראדוקט פון אלגעמיינעם לעבענס-ווילען, ווי עס גלויבען שאפענהויער און הארטמאן, נאר א זאך, וואס ליעגט אין דער נאטור פון יעדען וועזען, א מין פערלאנג זיך צו דערהאלטען. דאס איז נישט די פרוכט פון וועלכער ס'איז פערבלענדענדער אילוזיע, וואס פערפיהרט אלע לעבעדיגע בעשעפענישען; עס איז בלויז א פשוט'ער פאקט, אז יעדער וועזען אלס וועזען, ד. ה. אלס עטוואס פערהאנענעס, אנטלויפט פונ'ם נישט זיין, פון דער פערניכטונג. ווען מיר זאלען אפילו בעשליעסען, אז דאס לעבען אין א בעשטימטען רוים און אין א בעשטימטער צייט איז נאר איין פאזיס פונ'ם זיין, גלויבט דאך אבער יעדער וועזען נאך אלץ, אז נאר געפינענדיג זיך אין א בעשטימטען פאזיס איז ער ווירקליך פערהאן, און ווען ער געפינט זיך אין אנ'אנדער פאזיס איז ער — גארנישט.

די פעסימיסטען נארען זיך אויך בנוגע צו דעם מהות פון פערגניגען און צער.

„דאס פערגניגען איז בלויז א נעגאטיווע זאך" — זאגט שאפענהויער; „דאס פערגניגען איז בלויז א צופעליגע און א פערביילויפענדע זאך" — זאגט הארטמאן; אין דער ווירקליכקייט אבער איז דאס פערגניגען אנ'אייביגער צושטאנד, וואס איז ענג צוזאמענגעבונדען מיט די האנדלונגען פון דעם לעבעדיגען וועזען. יעדע זאך, וואס שטערט די פערברייטונג און די פערשענערונג פון לעבען, פערורזאכט צער, און דאגעגען פערורזאכט יעדע האנדלונג, וואס פערלענגערט און פערברייטערט דאס לעבען, — פערגניגען און צופריעדענהייט.

אמת, די שטרעבונג, האטש זי איז דאך נישט דער עיקר מהות פון לעבען, געהט שטענדיג צוזאמען מיט'ן לעבען; דערמיט אבער איז נאך גאר נישט געזאגט, אז זי מוז זיין דורך און דורך צער.

„יעדע שטרעבונג איז צו א זאך, וואס פעהלט; הייסט עס,

*) דארווין און זיינע אנהענגער.

אלזא, — א צער״, אזוי זאגען די פעסימיסטען. אין דער אמת'ען אבער האט די שטרעבונג אליין אין זיך א סך פערגניגען, אויב זי איז נאר נאטירליך און בעשטימט. דער מענש שטעלט זיך פאר דאס, וואס איהם פעהלט, בעמיהט זיך דאס צו בעקומען, דערנעהנטערט זיך אלץ מעהר און מעהר צו זיין ציעל, און וואס מעהר ער שטעלט זיך פאר דעם פערגניגען פון עררייכען זיינע ערווארטעטע פערלאנגען, אלץ גרעסער ווערט אין איהם די ענערגיע, און דאס פיהלען אין זיך ענערגיע — פערשאפט פערגניגען.

נישט אויסגעהאלטען איז די פעסימיסטישע אנשויאונג אויך בנוגע צו דעם מהות פון מיה און ארבייט. ארבייט און צער זענען ביי די פעסימיסטען — סינאנימען; אין דער אמת'ען אבער איז פערהאן פיעל פערגניגען נישט בלויז אין דעם פאקט פון בעקומען דעם לויהן פאר דער ארבייט, נאר אויך אין דער ארבייט גופא. שווער איז די ארבייט, ווען זי איז נישט לויט די כחות, ווען זי צוברעכט דעם גאנצען קערפער; די געוועהנליכע, נארמאלע ארבייט פערשאפט אבער פערגניגען. אנ'ארבייט, אין וועלכער עס בעטייליגען זיך אלע טיילען פון קערפער; אנ'ארבייט נאך בעשטימטע רוהע-שעה'ען און אין א דערצו צוגעפאסטען ארט, — וועקט אויף אלע פונקציעס פון ארגאניזם, רופט ארויס א סך ענערגיע און צוזאמען דערמיט א שטארקען געפיהל פון אנגענעהמער צופריעדענהייט.

אמת, מ'קען נישט לייקענען, אז א סך מענשליכע פערלאנגען ווערען נישט ערפיהלט, אז א סך מענשליכע מיה געהט לאיבוד, אז דער המון מענשען ארבייט צופיעל און די איבריגע קליינע מינדערהייט ווערט משוגע פון לעדיג געהן, פון נישט האבען, וואס צו טאן; דאס איז אבער אלץ אפהענגיג בלויז פון די געזעלשאפטליכע לעבענס-בעדינגונגען, פון דער וויסענשאפטליכער פערפאלקאמענונג, פון דער זיטען-פערבעסערונג און בעגריפען-פערפיינערונג. וואס מעהר דאס לעבען וועט פערפאלקאמט ווערען, וואס מעהר דער געדאנקען-קרייז וועט זיך פערברייטערן, וואס מעהר דער מענש וועט זיך אויפהערען איינצוציהען אין זיין שאלעכץ און וואס שענער און מעהר צוגעפאסט צו דעם ערהאלטונגס-צוועק עס וועלען ווערען די פארמען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען, — אלץ ווייניגער וועט דעם מענשען אויסקומען צו

אַרבייטען אומזיסט, אַלץ וועניגער וועט איגנאָרירט ווערען דעם מענשען'ס רעכט, אַלץ דיפערענצירטער און איינגעטיילטער וועט ווערען די אַרבייט און אַלץ מעהר וועט ווערען אויף דער וועלט נחת און פערגניגען *).

בנוגע צו דעם סכום פון פערגעניגען און צער אין דער געגענוואַרט, האַלטען עטליכע פון די דאָזיגע געלעהרטע, אַז פערגעניגען איז פערהאַן אין דער וועלט מעהר פון צער. ליאָבאָ, למשל, צעהלט אויס כסדר אַלע מיני פערגעניגענס, וואָס זענען פערהאַן אין דער וועלט, און געפינט, אַז זייער צאָהל איז אונגעהויער גרויס; אויסער די געוועהנליכע סאָרטען פערגעניגענס, רעדט ער נאָך פיעל וועגען דעם פערגניגען פון שפּאַצירען, יאַגד, מוזיק, זעהן שענע זאַכען, טעאַטער א. א. וו.

אַנדערע געלעהרטע, וועלכע בעהאַנדלען די פראַגע וועגען פערגניגען און צער נישט מיט אַזא לייכטקייט, זענען אמת מודה, אַז ס'איז פערהאַן איצט אַ סך שלעכטס אויף דער וועלט; דאָס איז אָבער אויך נאָר דערפאַר, וואָס די איצטיגע לעבענס-בעדינגונגען זענען שלעכטע, און מ'קען האָפען, אַז צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם פראָגרעס וועט זיך דאָס אויך ענדערן צום גוטען.

אַנדערע געהען נאָך ווייטער און זאָגען, אַז בנוגע צו דער געגענוואַרט זענען טאַקי די פּעסימיסטען גערעכט און דער צער איז טאַקי אַזוי גרויס, אַז דאָס ביסעל פערגניגען ווערט ווירקליך פערזונקען אין איהם; בנוגע צו דער צוקונפט אָבער זענען זיי נישט גערעכט. ס'איז פערהאַן היינט אין דער וועלט אַ סך שלעכטס פון דעם מין, וואָס מיר רעכנען עס פאַר אַ וועלט-צרה, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט איז'ס בלויז די שולד פון דעם מענשען אַליין, וועלכער איז נאָך נישט דערוואַקסען אינגאַנצען און האָט נאָך נישט ערדייכט די העכסטע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט. אַלץ איז דער מענש אימשטאַנד אויפצוטאָן, און אויב נישט מיט איין מאָל, איז ביסלעכווייז, מיט דער הילף פון אַ לאַנגזאַמער און סיסטעמאַטישער אַרבייט.

*) מיל.

פאַר דער מענשהײַט׳ס צוקונפט. *)

די פּעסימיסטען בלאָנזשען בנוגע צו דער צוקונפט, ווײַל דער יסוד פון זײַער אַנשויאונג איז אַ פאַלשער; זײַ אורטײַלען פון אײַנצעלנע, פּאַרטיקולערע ערשײַנונגען אויף דער אַלגעמײַנער נאַטור און לויט דעם גיעבען זײַ אַרויס בעשלוסען און מײַנונגען; אין דער אמת׳ען אָבער זענען די אַלע לײַדען פון דעם מענשליכען לעבען נישט מעהר, ווי פאָלגען פון שלעכטע געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, וועלכע שטאַמען פון געוויסע היסטאָרישע סבות, און וואָס מעהר עס וועט זיך פערשפּרײַטען דאָס אמת׳ע וויסען, אַלץ שנעלער וועלן די שלעכטע בעדינגונגען פון זיך אַלײַן בטל ווערן, און דער קאַמפף אום דאָס זײַן וועט נישט זײַן מעהר קײַן קאַמפף צווישען אײַן מענשען און דעם אַנדערן, אין וועלכען עס זיגט דער שטאַרקערער, — נאָר אַ קאַמפף צווישען אַלע פעראײַניגטע מענשליכע כחות מיט דער נאַטור. דאַן וועט שוין ממילא אויך אַזוי פיעל שלעכטס נישט זײַן, — צוזאַמען מיט דער סבה (אורזאַך) וועלן בטל ווערן אויך די פאָלגען איהרע.

אַלץ איז אָבהענגיג פון די ענטוויקלונגס־פאָרמען — אפילו אויך דער פּעסימיזם אַלײַן. ס׳טרעפט, אַז דער פּעסימיזם אַלײַן דיענט גאָר אַלס געוועהר אינ׳ם לעבענס־קאַמפף. ביטער איז פאַר אַ מענשען די איבערצײַגונג, אַז אַנדערע באָדען זיך אין אַלדאָס גוטס דאַן, ווען ער טרינקט זיך אין יסורים, און אין אַזאַ פאַל ווײַל ער אומעטום נאָר שלעכטס זעהן, און איהם ווערט אַלײַן לײַכטער אויפ׳ן האַרצען, ווען ער איז אימשטאַנד אויפצוּווײַזען, אַז דאָס פערגניגען איז גאָרנישט ווערט, אַז נאָך

*) לויט די מעליאָריסטען. „מעליאָריזם הײַסט דעם מענשען׳ס פעהיגקײַט נישט בלויז צו פערקלענערן די מאָס פון צער, נאָר אויך צו פערמעהרען די מאָס פון פערגניגען" (סוללי). אינ׳ם ברײַטען זין שטעלט דער מעליאָריזם פאָר מיט זיך אַ גאַנצע וועלט־אַנשויאונג, וואָס אַנערקענט די שלעכטע זײַטען פון דער געגענוואַרט און גלויבט שטאַרק אין דער קראַפט פון פּראָגרעס. די ערשטע, וואָס האָט זיך בענוצט מיט דעם טערמין, איז געווען דזשאָרדז עליאָט.

דער מינוט פֿערגעניגען קומען אָן טעג פֿון יסורים און פּײַן, אַז דאָס לעבען בכלל איז אַ פּוסטע שפּיעל...

מיט דער צײַט, ווען אַלע איצטיגע לעבענס־פֿאָרמען וועלען זיך ענדערן; ווען די בעציהונגען צווישען אײן מענשען און דעם אַנדערן וועלען גאָר אַנ'אַנדער אויסזעהען בעקומען; ווען אַלע בעגריפֿען וועלען שוין גענוג ראַפֿינירט זײַן און אַלע פֿאָראויסשטעלען וועלען פֿערשווינדען; ווען אַלץ, בכלל, וועט ערגרייכען די שפּיצע פֿון דער העכסטער פֿאָלקאָמענהײַט, — וועלען די אַלע פֿראַגען וועגען לעבען און וועגען דער בעדײַטונג פֿון לעבען פֿון זיך אַליין געלעזט ווערן. דאָס לעבען וועט האָבען אַ גרויסע, וויכטיגע בעדײַטונג, יעדע אײנציגע האַנדלונג וועט זיך אַליין אויספֿילען און גערעכט מאַכען, יעדע בעוועגונג וועט זײַן אַ ציעל פֿאַר זיך אַליין, ווײַל אַלץ וועט געטאָן ווערן אויף דעם בעסטען, אויף דעם פֿיינסטען, אויף דעם פֿאָלקאָמסטען אופֿן.

און ווײַל יעדע געגענוואַרט איז אַ פֿונדאַמענט, אויף וועלכען עס בויט זיך די צוקונפֿט; ווײַל מיר זענען אימשטאַנד זיך הײַנט פֿאָרצושטעלען דאָס גליק פֿון אונזערע קינדער און זייער פֿרייד אין יאָהרען אַרום; ווײַל מיר קענען הײַנט זעהען אין אונזער אידעאַלער פֿאָרשטעלונג, ווי אַזוי אַלע פֿעהלערן ווערן אויסגעבעסערט און אַלע מאַנגעלן אויסגעפֿילט, — דאַרפֿען מיר שוין אין דעם אַליין געפֿינען אַ טרייסט און אַ היילונג צו אַלע אונזערע וועהטאָגען. ס'איז נויטיג צו דעם צוועק, בלויז אַרויסצוגעהן, אויף וויפֿיעל דאָס איז מעגליך, פֿון דעם ענגען פֿערזענליכען קרייז און טיעפֿער צו בעטראַכטען די פֿערגאַנגענהײַט, די געגענוואַרט און די צוקונפֿט פֿון דער גאַנצער מענשהײַט. יעדער אײנער דאַרף זיך אויסלערנען געפֿינען אַ טרייסט פֿאַר אַלע ליידען פֿון דער פֿערגאַנגענהײַט און פֿון דער געגענוואַרט, — אין'ם גן־עדן פֿון דער צוקונפֿט...

אמת, לויט אונזערע געוועהנליכע מיינונגען און נייגונגען, איז אונז גאַנץ שווער צו געפֿינען אַ בעפֿרידיגונג פֿאַר אונזערע פֿערזענליכע ליידען אין דעם, וואָס ווען ס'איז, אין דער ווייטער־ווייטער צוקונפֿט, וועט אונזערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך גוט זײַן; דאָס איז אָבער נישט אונמעגליך, און מען דאַרף זיך בלויז גוט צוגעוועהנען

דערצו. אַ מענש מיט אַ רייַכען אינטעלעקט איז פעהיג צו פערגעסען אינגאַנצען זייַנע פּערזענליכע ענינים און צו געפינען פערגניגען אין אַלגעמייַנע זאַכען, וואָס האָבען צו איהם, אין פלוג, גאָר קיין שייכות נישט; וואָס רייַכער און ברייטער, אַלזאָ, עס וועט ווערן דער מענשליכער אינטעלעקט, אַלץ גרעסער וועט ווערן די צאָהל פון יענע, וועלכע לעבען נישט בלויז פאַר זיך אַליין, און געפינען פערגניגען אין יעדער זאַך, וואָס ווערט געטאָן פאַר דער אויסבילדונג און פערפאָלקאָמענונג פון דער מענשהייט אין דער וויַטער צוקונפט.

„פון צייט צו צייט — זאָגט ספּענסער — וועט גרעסער ווערן די צאָהל פון יענע מענשען, וואָס די העכסטע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט וועט זיין זייער העכסטער ציעל אין לעבען. אַראָבקוקענדיג פון דער הויכקייט פון זייער אינטעלעקטועלען האָריזאָנט אויף דעם מענשען׳ס לעבען אין דער וויַטער צוקונפט, — אויף יענעם לעבען, וואָס נישט זיי וועלען פון איהם געניסען, נאָר די קינדער פון יענע וויַטע דורות, — וועט אין זיי אויפבליהען די בעגליקענדע איבערצייגונג, אַז זיי האָבען פון זייער זייט, געהאָלפען דער מענשהייט געהן פאָראויס, פאָרווערטס, און האָבען איהר צוגעבראַכט נעהנטער צו דעם לאַנד פון דער צוקונפט.“

יג.

די אויפלעבונג פון דער קריסטליכער אַנשויאונג.

דאָרט, וואו בעלי־תשובה שטעהען, קענען אפילו קיין אמת׳ע צדיקים נישט שטעהן. דער כלל האַלט אויס אויך בנוגע צו די דענקענדע קעפּ, וואָס ווערן פרום אויף דער עלטער. זיי געהען אַוועק נאָך וויַטער פון די כשר׳ע טעאָלאָגען און באַיקאָטירען אינגאַנצען יעדען מענשליכען געדאַנק, וואָס פּרובט זיך אויף זיין שטייגער צו לעזען אַלע וועלט־פּראָבלעמען. און נישט נאָר דאָס: — זיי פלוידערן אָהן אַ אָנהויב און אָהן

א סוף, האבען צו טאן מיט חלומות און איינרעדענישען, פערנעהמען זיך מיט בויך־רעדעריי, סוד'ען זיך מיט רוחות און ענטדעקען סודות פון וועלטען, וואס זענען קיינמאל נישט בעשאפען געווארען.

אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער זענען איצט זעהר פיעל פערהאן אזעלכע מיני בעלי תשובות, וואס בעשעפטיגען זיך מיט די טיעפסטע וועלט־פראבלעמען. דעם גאנצען אינהאלט פון לעבען און בכלל א ל ע זעהען די דאזיגע בעלי תשובות אינ'ם קאטאליציזם, און ליעב איז זיי די דאזיגע זקנה מיט דעם געקנייטשטען פנים, ווי א יונג־אויסגעשלייערטע כלה. אין יעדען מנהג, אין יעדער טראדיציע און אין יעדען געזעץ געפינען זיי א בעזונדער שענהייט און א מין איביגע גוטסקייט, און נאך די פערשידענע גייסטיגע שטורעמס, וואס זיי האבען איבערגעלעבט, גלויבען זיי איצט אין דעם אלעמען צו געפינען די אמת'ע גייסטיגע מנוחה און דעם איביגען פריערען.

יענע, וועלכע ווייסען נאר פון וויסענשאפטליכע פאקטען און פאלגען, קוקען אויף די דאזיגע בעלי תשובות מיט א מיטליידס־שמייכעל, ווי אויף פסיכיש קראנקע, און קעהרען זיך אום צוריק צו זייערע וויסענשאפטליכע פארשונגען. אנדערע פרובען זאגאר אויסגעפינען די אלגעמיינע סבות פון אזעלכע גייסטיגע צושטאנדען אין די געזעצען פון דער פיזיאלאגיע, פסיכיאטריע א. א. וו. און פיהלען זיך צופריעדען: — מיר זענען געזונדטע מענשען!...

ס'איז אבער גענוג זיך אויפצוהויבען עטוואס העכער איבער דער דאזיגער אויבערפלעכליכער מיינונג, אום צו זעהען, אז די סבה פון אזא מין ערשיינונג ליעגט אממעהרסטענטייל פיעל טיעפער, פיעל ווייטער...

מאמינים אין אבערגלויבערייען און נארעשקייטען זענען שטענדיג געווען, זענען איצט פערהאן און וועלן איביג זיין. אין אלע צייטען האבען זיך געפונען פערשידענע פאנטאסטען און אבערגלויבער, פערפיהרער און פערפיהרטע. אין דער לעצטער צייט זעהען מיר אבער, אז מענשען, וועלכע דרינגען אריין אין די טיעפסטע בעהעלטענישען פון דער מענשליכער

נשמה און פערשטעהען די וועלט מיט אלע איהרע מעלות און חסרונות, אז אזעלכע מענשען געפינען נישט קיין גייסטיגע בעפריעדיגונג אין קיין אנדער זאך און קעהרען זיך אום צו דער פשוט'ער אמונה, וואס איז אפט פערבונדען מיט נארעשע אבערגלויבענס, — דאס פאדערט שוין א געוויסע אונטערזוכונג!

מענשען מעהרען זיך, און די בעדערפעניסען מעהרען זיך אויך און וואקסען פון טאג צו טאג; דער קאנטראסט צווישען די פערשידענע עקאנאמישע קלאסען ווערט גרעסער; די בילדונג נעהמט ארום אלץ ברייטערע שיכטען פון דער מענשהייט, און צוזאמען דערמיט וואקסט אויך דער פערלאנג, גוט צו לעבען, אלזייטיג צו געניעסען פון לעבען א. א. וו.; דער לעבענס-קאמפף ווערט אלץ שווערער; די פערוואונדעטע און געפאלענע פון דעם דאזיגען קאמפף ווערן אלץ מעהרער; דער געשריי פון די בעזיעגטע רייסט איין די הימלען און לאזט נישט רוהיג אויך דעם געוויסען פון יעדען מענשען, וואס האט א הארץ צו פיהלען. די זיעגער זענען אויך נישט גליקליכער פון די בעזיעגטע; זיי זוכען דאס גליק און געפינען עס נישט. די נארעשע, קליינליכע פערגניגענס ווערן צוגעגעסען, א שרעקליכע פוסטקייט בעהערשט דאס הארץ, און קיין זאך אין דער וועלט איז נישט אימשטאנד, די דאזיגע פוסטקייט צו פערטרייבען. ווענדען זיך די אמת-זוכענדע צום שכל, ענטפערט ער: יא, אבער ס'זענען פערהאן געוויסע נאטירליכע סבות. ווענדען זיי זיך צו דער פאנטאזיע — פערפיהרט זי. ווענדען זיי זיך צו דער אמונה, וואס האט איהרע ווארצלען טיעף אין דער מענשליכער נשמה, און — זי ווייזט זיי די גאנצע וועלט בעלויכטען מיט א נייער ליכטיגקייט. דערזעהען די אמת-זוכער די דאזיגע ליכטיגקייט און דערפרעהען זיך מיט איהר; פון גרויס שמחה פערגעסען זיי אבער אבצוטיילען די אמת'ע, הויכע גלויבענס-פאעזיע פון דער פשוט'ער פערקערפערונג, פון דעם פרימיטיווען אנטראפאמארפיזם...

דו וואונדערסט זיך: ווי אזוי קענען עס די חכמים — די חכמים, וועלכע האבען באמת פערדיענט דעם נאמען — ווי אזוי קענען עס אט די חכמים גלויבען אין אזעלכע נארעש-

קײַטען? — נעהם דיך גוט שטודירען זײער לעבען און אַלץ, וואָס זײ האָבען געשריבען און געשאַפען, וועסטו זעהען, אַז די צרות און די לײַדען פון דער וועלט האָבען זײ דערצו געבראַכט — זײ זענען דערשלאָגען פון די אײביגע לײַדען...

נאָר אײנער פון די בעלי תשובות איז אַרויסגעגאַנגען ווי אַ זיעגער און נישט ווי קײן בעזיעגטער פון דער דאָזיגער גײַסטיגער מלחמה — ליעוו טאָלסטאָי. ס'געפינען זיך אַזעלכע, וואָס צווײפלען אין זײַן נאָרמאַלען פערשטאַנד אויך; ווער עס לײענט אָבער זײַנע ווערק אָהן אַ שום פאָראורטײל זעהט גלײַך, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ מענשען מיט אַ מערקווירדיג געזונדטער לאָגיק, נאָר — אַנ'אַנדערע פון דער געוועהנליכער. אונזער לאָגיק איז די פון געוועהנליכע מענשען, וואָס האָבען שטענדיג פאַר די אויגען די אַרומיגע לעבענסבעדינגונגען, ווערהענד טאָלסטאָי'ס לאָגיק איז די פון אַ מענשען, וואָס האָט זיך בעפרײַט פון די דאָזיגע בעדינגונגען. זײַן אַנשויאונג איז די אַנשויאונג פון קריסטענטום, ווי מיר האָבען זי ערקלערט אין אײנעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען; ער זוכט אָבער פון אײן זײַט, זי צוצופּאַסען צו די פאָדערונגען פון דעם ערדישען לעבען, און פון דער אַנדערער — פערברײטערט ער זי און גיט איהר אַ גאַנץ בעזונדער פיזיאָנאָמיע.

זײַן פערזענליכע מײנונג איבער דעם שאָדען פון דער ציוויליזאַציע, וואָס איז נאָהנט צו רוסאָ'ס מײנונג וועגען דער זעלביגער פראַגע, — נעהמט טאָלסטאָי אויך אַרײַן אין קריסטענטום. דאָס גוטע איז גוט אומעטום, אין אַלע צײַטען און אין וועלכער לאַגע עס זאָל נישט זײַן. דאָס אמת'ע גײַסטיגע גליק איז נישט בלויז נישט סותר דעם מאַטעריעלען גליק, נאָר ס'איז פשוט אומעגליך פאַר אַ מענשען, זיך גליקליך צו פיהלען מיט מאַטעריעלע גליקען אַלײן, אויב ער לעבט נישט לויט די בעגריפען פונ'ם מאָראַל.

„ס'איז פערהאַן אַ פשוט'ער וועלט־רעכנונג: — זאָגט ער אין זײַן אַרטיקעל: „וואָס איז גליק?“ — אַרויסצוגעהן פון דער וועלט...

לויט־טאָלסטאָי'ס מײנונג זענען בכלל פערהאַן צוויי תורות:

די תורה פון דער וועלט און די תורה פון קריסטענטום. די תורה פון דער וועלט לערנט דעם מענשען צו זיין וואס מעהר אריינגעטאן אין עניני עולם-הזה, ברייטער צו מאכען אלע מאל דעם קרייז פון לעבען און פון די לעבענס-פערגניגענס, צו פערנעהמען א בעדייטענדען פלאץ אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, צו ערווערבען זיך פון אלע זייטען כבוד און רייכטום, קורץ: צו זוכען און צו געפינען. די דאזיגע תורה נעהמט אן אלע מאל אנ'אנדער פארם און ווייזט זיך ארויס אלע מאל אין אנ'אנדער געשטאלט; מיט קלינגענדע פראזען איז זי בעקרוינט, און שרייענדיג אהן אנאויפהער, אז זי זוכט נאר דעם מענשען'ס גליק, פערפיהרט זי איהם — אין אבגרונד פון אונגליק. מענשען מיט טויטע געזיכטער, הויפענס טרוקענע ביינער, שטויסען און שטופען איינער דעם אנדערן און קעמפפען צווישען זיך מיט זייערע לעצטע כחות, געטריבען פון א ווילדער, מעכאנישער קראפט, — דאס איז די פרוכט פון דער וועלטליכער תורה און דאס זענען איהרע קרבנות. א מענש האראוועט און ארבייט יאהרען-לאנג, אום זיך צו ערווערבען א גאלדענעם זייגעריל, דערנאך — אום צו בעזיצען אנ'אייגען הויז, נאך שפעטער — אום צו קענען ארויספאהרען אין א אייגענעם עקיפאזש און אזוי ווייטער און ווייטער, און פלוצלונג קומט דער טוידט און רייסט איהם אוועק פון דער וועלט, נאך איידער ער האט בעוויזען חאטש וויפיעל ס'איז הנאה צו האבען פון די אלע זאכען, וואס האבען איהם אזוי פיעל מיה, אזוי פיעל קרבנות און אזוי פיעל רוהיגקייט געקאסט. קנאה, אייפערזוכט, נארעשער כבוד, בהמה'שע פערגניגענס, ווילדע שענדליכע תאוות — דאס איז אלץ, וואס מיר רופען אן: ציוויליזאציע.

און אלע ווייסען דאס, און פאר קיינעם איז דער געדאנק נישט ניי; די תורה פון דער וועלט געפינט זיך שוין אבער איהרע סאפיזמען און איינפאלען, מיט וועלכע זי בענוצט זיך אויף צו פערטומלען דעם מענשען און איהם ארויסצושלאגען דעם געדאנק פון קאפ, און ער ווערט דערוויל וואס ווייטער אלץ מעהר אריינגעשלעפט אין דעם שטראם פון די בלינדע פערלאנגען און נארעשע שטרעבונגען. איהם דאכט זיך כסדר,

אַז ער גייט פאָרווערטס, ווערענד ער גייט אין דער ווירקליכקייט גאָר צוריק...

טאָלסטאָי בענוגענט זיך נישט מיט קיין אַלגעמיינע מוסר־דרשות. ער בעמיהט זיך צו דערווייזען, אַז דאָס לעבען אין די צענטערן פון דער קולטור, אין די גרויסע שטעדט, האָט אין זיך אַ גאַנץ קליינעם טייל פון יענע עלעמענטען, אָהן וועלכע ס'איז אַבסאָלוט אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען פערגניגען און גליק. ווי ענטציקענד איז די ליכטיגקייט פון דער זון! — און אָט לעבען צעהנדליגער טויזענדער מענשען אין די גרויסע שטעדט, וואו זעלטען־ווער איז אימשטאַנד צו געניעסען ווי ס'דאַרף צו זיין פון דער זונען־ליכטיגקייט. די הויכע „וואָלקענקראַצער'ס", די גאַרדינען אויף די פענסטער, די דונקעלע צימערן, די פערמאַכטע עקיפּאַזשען און די אַלע איבריגע קולטור־זאַכען, — דינען גאָר אויף צו פערשטעלען די זונען־שטראַהלען. דאָס זיצען שפּעט ביינאַכט און דאָס אויפשטעהן שפּעט אין דער פריה לאָזט דעם שטאָדט־איינוואוינער קיינמאָל נישט זעהען די העלע, פרעהליכע ליכטיגקייט פון דער פריהמאָרגען־זון. ס'זענען פערהאַן אַזעלכע שטאָדט־מענשען, וואָס האָבען אין זייער גאַנצען לעבען זוכה געווען בלויז איינמאָל צו זעהען די בעצויבערנדע ערשייננג פונ'ם זון־אויפגאַנג. ווי געזונד איז'ס פאַר אַ מענשען, איינצואָטעמען אין זיך געזונדטע פרישע לופט, אָדער צו טרינקען ריינעם, קלאָרען וואַסער! און די שטאָדט־איינוואוינער האָבען דאָס נישט. וואָס קען אַ מענשען מעהר פערגניגען, ווי די אַרבייט פון האָדעווען חיות, בהמות און עופות און אַרומגעהן אַרום זיי! דער שטאָדט־איינוואוינער קען דאָס נישט אויספיהרען און מוז'ס, אים בעסטען פאַל, איבערגעבען זיין משרת. און ענדליך: וואָס נאָך קען געבען אַ מענשען אַזוי פיעל אמת'ען גליק און אַזוי פיעל לעבענס־אינטערעסען, וויפיעל ס'גיט דער פּראָצעס פון ערציהען קינדער און זיי אויסהאָדאָוועען! ערנעהרען זיי און זעהען, אַז זיי זאָלען געזונד און קרעפטיג זיין, און דאַן — זיך פרעהען צוזאַמען מיט זיי און זיך מיטשפּיעלען צוזאַמען מיט זיי! און דער גרעסטער טייל פון די שטאָדט־איינוואוינער גיט איבער די דאָזיגע אַרבייט אַנדערע, און געהט אַליין זיך זוכען פערגניגען אין צירק אָדער אין טעאַטער...

דער מענש פערלאָזט די נאַטור און געהט זיך זוכען פרעמדע, ווילדע זאַכען, פאַר וועלכע ער איז זיך פּשוט מוסר-נפש, און דאָס קומט פאָר בלויז דערפאַר, וואָס ער גלויבט, אַז דאָס גליק געפינט זיך נישט אין איהם אַליין, אין זיין איינפאַכען נאַטור-לעבען, אינ'ם לעבען פון ליעבע און פריעדען, גערעכטיגקייט און תמימות, נאָר אין ווילדע אויסגעלאַסענקייטען, אין אַ שטורמיש-ברויזענדען לעבען און אין דער שווערסטער אַנשטרענגונג פון גייסט.

דאָ קומט די תורה פון קריסטענטום און לעהרנט דעם מענשען ריכטיג פערקעהרט: אַנטלויף פון די אַלע עניני עולם הזה! זוך דאָס קעניגרייך פון גאָט און זיין גערעכטיגקייט, — דאָס איבריגע וועט שוין אַליין קומען. זוך נישט דיין גליק, נאָר דאָס גליק פון אַנדערע, דאָס וועט דיך אויך בעגליקען. ליעב דיין חבר, ווי דיך אַליין; לעב מיט דער נאַטור און האָב פערגניגען פון די גוטע זאַכען, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען און יענע אַלע, וועלכע זענען גלייך צו דיר. שטעל דיר נישט אויף קיין פּאַלאַצען מיט קיין שלעסער; זעה בעסער אָנצופילען דיין האַרץ מיט ליעבע און גערעכטיגקייט — דאָס וועט דיין עשירות און דיין גליק זיין. דער וועלט-מענש זעהט אין יעדען איינציגען אַ קאָנקורענט, אַ מיט-סוחר אָדער אַ מיט-קרעמער — דו זעה אין איהם אַ לייבליכען ברודער. און דו דאַרפסט גאָרנישט זוכען צו בעגרינדען דיין ליעבע אויף וועלכע ס'איז לאָגישע הנחות און יסודות — דו האָב ליעב דיין חבר, ווי זיך אַליין, פּשוט, איינפאַך, אָהן פּשט'לעך און חשבונות, אָט ווי אַ מוטער, צום ביישפּיעל, האָט ליעב איהר קינד.

די ליעבע — דאָס איז דער יסוד פון אַלע יסודות אין טאָלסטאָי'ס אַנשויאונג. אין איהר זוכט ער שוץ און שטיצע פון דעם פּעסימיזם, וואָס וויל אַלץ פערניכטען. לעבען פאַר דעם פּערזענליכען גליק — איז אונמעגליך; וואָס מעהר דער מענש פערטיעפט זיך אין דעם, אַלץ מעהר קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס פּערזענליכע גליק אַנטלויפט פון איהם. לעבען, ווידער, צוליעב וועלכע ס'איז נאַרישע פערגניגענס, וואָס אָט זענען זיי דאָ און אָט פערשווינדען זיי, לעבען צוליעב דעם און האָבען שטענדיג פּערדרוס דערפון, — דאָס איז אַ מענש

א בן=דעת אויך נישט אימשטאנד. דער מענש לעבט ווי א בחמה און האנדעלט ווי א בהמה נאר אזוי לאנג, ווי ער בעטראכט זיך נישט; ווען ער נעהמט אבער ארום די גאנצע זאך און בעגרייפט זי ריכטיג — קען ער שוין מעהר אזוי נישט לעבען.

די פעסימיסטען פערשטעהען דאס אלץ גאנץ גוט. זייער געדאנקען=גאנג איז, לויט טאלסטאי'ס אויסטייטשונג, אזעלכער: איך האב אין מיר א בהמה'שען „איך", וואס בעגעהרט אלץ און וויל אלץ, און א אינטעלעקטועלען, מענשליכען „איך", וואס פערשטעהט, אז דאס אלץ איז גארנישט מיט גארנישט. דער אינטעלעקטועלער „איך" אין מיר וויל, אן און פאר זיך, גארנישט, פערלאנגט גארנישט און נעהמט אין לעבען קיין שום אנטייל נישט; ער קוקט בלויז פון דער זייט אויף די מעשים פון דעם בהמה'שען „איך" און איז זיי מבטל. דאס הייסט אלזא: אזוי לאנג ווי די דאזיגע שפיעל ווערט מיר נישט צוגעגעסען, קען איך מיר שטעהן און קוקען אויף דעם אלעמען מיט א לייכטען שמייכעלע; קוים אבער הויבט עס מיר אן לאנגווייליג צו ווערן, דארף איך נעהמען און פערלאזען די נארישע סצענע...

אזוי דענקען און אזוי האנדלען ווירקליך די קאנסעקווענטע פעסימיסטען. —

די דאזיגע אנשויאונג האט אבער אין זיך א פאלשע זייט אויך. ריכטיג איז די הנחה פון פעסימיזם, אז דער אינטעלעקטועלער „איך" אינ'ם מענשען איז מבטל די מעשים פון דעם בהמה'שען „איך" און אנערקענט זיי פאר נארישקייטען; פון דער צווייטער זייט איז אבער נישט ריכטיג דאס, אז דער אינטעלעקטועלער „איך" איגנארירט אלע לעבענס=אינטערעסען. אט דער „איך" איגנארירט בלויז דאס נארישע, דאס פערבייגעהענדע, דאס איינגעבילדעטע אין לעבען; ער אנערקענט אבער דאס אמת'ע לעבען, וואס ציהט זיך אהן א אנהויב און אהן א סוף.

לויט דער פעסימיסטישער אנשויאונג קומט אויס, אז ווען א מענש בעפרייט זיך פון אלע זיינע פערזענליכע שטרעבונגען און פערלאנגען, בלייבט איהם מעהר אבסאלוט גארנישט; אין דער אמת'ען אבער בלייבט איהם נאך דאן אויך עטוואס זעהר בע=

דיימענדעס — דאס לעבען אליין...

און וואס איז'ס דער מהות פון דעם לעבען, וואס בלייבט אינ'ם מענשען שוין נאכדעם, ווי ער האט זיך בעפרייט פון אלע מיני שטרעבונגען און פערלאנגען?

די ליעבע.

יעדערער פערשטעהט — זאגט טאלסטאי — ווען אפילו נישט זעהר קלאר, אז אין דער ליעבע איז פערהאן עטוואס אזוינס, וואס אין קיין אנדער נייגונג בעמערקט מען עס נישט, — עטוואס שטארקעס, עטוואס הויכעס, געטליכעס. יעדערער פיהלט, אז די ליעבע גיט עפעס א געוויסע פאלמאכט, א געוויסעם רעכט אויפ'ן לעבען; אין דער זעלביגער צייט אבער טראכטען זיך אלע, אז די ליעבע איז אויך נישט מעהר, ווי א פערביילויפענדער געפיהל, און ס'איז קיין שום אונטערשיעד נישטא צווישען איהר און וועלכער ס'איז אנדער נייגונג. עפעס דאכט זיך אין אנהויב, אז עס האט יא א ממשות, סוף כל סוף אבער ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז אויך גארנישט. „ליעבען. אבער ליעבען אייביג קען מען נישט, און אויף א ווײַלע — לוינט די ארבייט נישט."

און ווירקליך: לויט זייערע השגות זענען די דאזיגע מענשען גערעכט. זיי זעהען אין דער ליעבע א ערשיינונג פון שטעלען איין וועזען העכער פון אלע אנדערע וועזענס. עס פערשטעהט זיך דעריבער, אז אזא ליעבע איז אבהענגיג פון דעם מענשענס פערזענליכע נייגונגען, און קען שוין אין קיין פאל נישט זיין קיין אבסטראקטע און קיין אייביגע. איך בין געניוגט צו פערברענגען, צו שפיעלען אין קארטען א. א. וו. און איך בין געניוגט אויך צו ליעבען; איך האב ליעב דעם, ווייל ער געפעלט מיר, און הער אויף איהם ליעב צו האבען, ווען ער הערט מיר אויף צו געפעלען; איך האב ליעב אמאל דעם און אמאל יענעם, צמאל דער און אמאל יענער; איך האב ליעב דעם, און נאכמעהר — יענעם; איך האב דעם ליעב, און דעם אנדערן וואלט איך אין א לעפעל וואסער דערטרונקען.

די ליעבע אין דעם געוועהנליכען זין איז דאך יענער אימפולס, וואס טרייבט דעם פאטער צו בערויבען אנדערע

מענשען, אום צו קענען אנשטאפען זייגע קינדער; דאס איז דאך יענע ליבע, וואס צוליב איהר איז ביי דעם פערליבטען רעכט צו שטעכען זיין ריוואל און זאגאר אויף דער געליבטער אליין; דאס איז דאך יענע ליבע, וואס צוליב איהר ווערן מענשען פון איין משפחה, פון איין שטאם און פון איין פאלק אין בלוטיגע חיות פערוואנדעלט און בעגזל'ענען און בעפאלען די מענשען פון דער אנדערער משפחה, פון דעם אנדערן שטאם אדער פון דעם אנדערן פאלק! און עס פערשטעהט זיך אליין, אז אזא ליבע איז נישט בעסער פון וועלכע ס'איז אנדערע אימפולסען, און האט נישט אין זיך קיין שטארקעס און קיין הויכעס, קיין אייביגעס און קיין געטליכעס.

עס איז אבער פערהאן אנ'אנדער ליבע, — אנ'אמת'ע. די בעצייכנונג פון דער אמת'ער ליבע איז: טאן גוטס, און זי שיידעט זיך אונטער פון דער געוועהנליכער ליבע דערמיט, וואס זי ווילט גוטס צו טאן אלעמען, אהן א שום אויסנאהם. די אמת'ע ליבע איז נישט וועלכע ס'איז ליידענשאפט, וועלכער ס'איז שטארקער אימפולס, וועלכער ס'איז פרעמדער געפיהל — זי האט אין זיך א רייכען אינטעלעקטועלען פראצעס. דער גרעסטער טייל מענשען גלויבט, אז די אמת'ע ליבע איז יענע, וואס רייסט זיך ארויס פון הארצען מיט א שטורם, ווייסט פון קיינע גרענעצען נישט און צופלאקערט זיך אין א ווילד-ברויזענדען פייער; אין דערווירקליכקייט אבער איז די זאך פונקט פערקעהרט: דער סימן פון אמת'ער ליבע איז — די רוהיגקייט פון דער נשמה און די ריינקייט פונ'ם געדאנק. די אמת'ע ליבע קומט שטענדיג נאך א לאנגען פראצעס פון טיעף בעטראכטען אלע פערזענליכע לעבענס-אינטערעסען און זיך פון זיי אינגאנצען מיאש זיין.

א סך מאל קומט אוים צו הערען די טענה: „איך דאגה דען פאר זיך? מיר איז דאך אלץ איינס"; דאס איז אבער נישט מעהר, ווי א פוסטע פראזע. ריהר נאר איהם אליין אן, פרוב נאר דיך צוריהרען צו זיין געלד אדער צו זיין כבוד, און דו וועסט גלייך זעהען, אז איהם איז נישט אלץ איינס... דעריבער פאלט ער אריין אין פערצווייפלונג, דעריבער ליארימט ער אזוי, דעריבער קריצט ער שפעטער מיט די צייהן...

זאָל אָבער נאָר איין מענש פּרובען זיך ווירקליך אָבזאָגען פון אַלע זיינע פּערזענליכע פערלאַנגען, וועט ער זעהען די גרויסקייט פון דער ליעבע צו יעדען לעבעדיגען וועזען, וואָס וועט אַרויסקוועלען פון זיין האַרצען און איהם אינערליך בעגליקען.

און דאָס איז דער איינציגער וועג, מיט וועלכען מ׳קען צוקומען צו דער מדה. טאָלסטאָי אַליין איז אויך מיט דעם וועג צוגעקומען צו דער גרויסער ליעבע, און נאָר אין איהם זעהט ער די אמת׳ע רעטונג. אין זיין „ודוי" שילדערט ער אויספיהרליך די גייסטיגע ליידען און די פאָלשטענדיגע פערצווייפלונג, וואָס האָבען איהם אַריינגעגעבען דעם געדאַנק, זיך דאָס לעבען צו נעהמען, און די ליכטיגקייט, וואָס האָט איהם אַרומגענומען פון דער צייט אָן זינט ער האָט זיך אָבגעזאָגט מיט׳ן גאַנצען האַרצען פון דעם פּערזענליכען גליק און האָט אָנגעהויבען ליעבען יעדען לעבעדיגען וועזען, — ליעבען איניג, האַרציג, מיט דעם גאַנצען פייער פון דער נשמה.

טאָלסטאָי איז צוגעקומען צו זיין קריסטליכער אַנשויאונג דורכ׳ן פּעסימיזם. די זעלביגע טעאָריע, וואָס איז פאַר אַנדערע אַ טויטגיפט, האָט איהם אַרויסגעפיהרט אויף אַ נייעם לעבענס-וועג; די זעלביגע פערצווייפלונג, וואָס האָט אַנדערע געבראַכט צו דער אַבסאָלוטער נישטיגקייט, צו דער אַבסאָלוטער נעגאַטיווי־טעט, האָט איהם געבראַכט צו אַ גאַנץ אַנדער געדאַנק: אויב איך קען נישט לעבען צוליעב מיינע אייגענע נוצען, צוליעב מיין אייגענער טובה, דאַרף איך לעבען פאַר די נוצען פון אַנדערע.

אַט די אַלע צרות, ליידען און וועהטאָגען פון דער וועלט, וואָס האָבען לויט דער אַנשויאונג פון די פּעסימיסטען קיין שום זין און קיין שום ציעל נישט, זענען לויט טאָלסטאָי׳ס מיינונג נוצבאַר און נויטיג, און נישט דערפאַר, וואָס זיי ברענגען, ווי די אָפּטימיסטען ווילען האָבען, צו גוטס און פערגניגען, נאָר דערפאַר, וואָס זיי מאַכען פונ׳ם מענשען דאָס, וואָס ער דאַרף ווירקליך זיין — אַ אינטעלעקטועלער וועזען, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפער ליעבע צו אַלעם לעבעדיגעם.

אין זיין אַרטיקעל וועגען „צער" ערקלערט ער זיין מיינונג

איבער דעם מהות פון יסורים אין אלגעמיין און איבער דער איינציגער עצה, ווי אזוי זיך צו בעפרייען פון זיי. אויך אין דעם ארטיקעל, ווי אין אלע זיינע אנדערע ווערק, מיידט ער נישט אויס צו שילדערן דאס לעבען אין די פינסטערסטע פארבען; ער ווייזט אויף איינמאל און נאכאמאל, אז ס'איז נארעש צו לעבען צוליעב וועלכען ס'איז פערזענליכען גליק, ווייל אזוינס איז פשוט גאר נישטא במציאות. א מענש מיט געפיהל און פערשטאנד קען נישט זעהן פון אלע זייטען, וואו ער קעהרט זיך: הונגער, קעלט, מגפות, אלע מיני קראנקהייטען און פורעניות'ען, אלע מיני רציחות און הריגות, אלע מיני שוידערהאפטע גייסטיגע יסורים, — און אין דער זעלביגער צייט זיך גאנץ רוהיג בלייבען און טראכטען: מיר איז גוט! איך האב מיך געראטעוועט!

פון דער צווייטער זייט ווייזט אבער טאלסטאי אויף, אז דאס אלץ דארף ברענגען דעם מענשען נישט צו קיין אבסאלוטער נעגאטיוויטעט, נאר צו דעם געדאנק, אז ער איז צו אנאנדער תכלית בעשאפען געווארען און דאס אלץ, וואס ער ליידט פון די פערזענליכע יסורים, איז נישט מעהר ווי א מיטעל, איהם ארויפצופיהרען אויף דעם וועג פון אמת.

די דאזיגע מיינונג וועגען דעם מהות פון די מענשליכע ליידען, וועלכע איז אין פלוג איינגאנצען געבויט אויף א טעאלאגישען יסוד, האט אין זיך, ארויסגעהענדיג פון טאלסטאי'ס שטאנדפונקט בנוגע צו דעם מהות פון לעבען — א סך טיעפלאגישעם און אריגינעלעם. דער מהות פונ'ם מענשענס „איך" איז דאך נישט די מאטעריע, וואס ענדערט זיך יעדע סעקונדע, און אויך נישט זיין אינדיווידועלע איבערצייגונג — די לעצטע ענדערט זיך נישט ווייניגער פון דער מאטעריע, ווארום ס'איז דאך נישט גלייך דעם מענשענ'ס איבערצייגונג אין די קינדער־יאהרען צו זיין איבערצייגונג אין דער שפעטערדיגער צייט, און אין דער זעלביגער צייט גופא קען זיך דאך אויך די איבערצייגונג ענדערן, און ווען דער מענש שלאפט, למשל, איז ער איינגאנצען נישט אימשטאנד צו טראכטען, אזוי, אז דער געדאנק ווערט פון צייט צו צייט בעניים.

וואס דען, אלזא, איז, דער מהות פונ'ם „איך"? די אל־

געמיינע מענשליכע איבּערצייגונג ד. ה. יענע איבּערצייגונג,
וואָס בּינדט צונויף דעם מענשענס אַלע כּערזענליכע איבּערציי=
גונגען, וועלכע זענען אייגענטליך גאַנץ וויַיט און פערשידען
איינע פון דער אַנדערער. די טהיילען פון דער מאַטעריע, וואָס
זענען פערהאַן אין מיר היינט, זענען נישט די זעלביגע, וואָס
זענען געווען אין מיר נעכטין; איך וויל היינט אַזוינס, וואָס
נעכטין האָבּ איך עס נישט געוואָלט; איך טראַכט היינט אַזוי און
נעכטין האָבּ איך געטראַכט אַנדערש, און נאָך דעם אַלעמען
פיהל איך פון דעסטוועגען פאָרט, אַז „איך" בּין — איך, און
נישט קיין אַנדערער. אויבּ מיר ווילען אַלזאָ דאָך קלאָר פאָר=
מולירען דעם בּעגריף „איך", וואָס איז פון איין זייט אויסער
אַלע מיני איבּערצייגונגען און פון דער אַנדערער — אין זייער
צענטראַלען מיטעל=פונקטען, מוזען מיר זאָגען: „איך" הייסט דער
כאַראַקטער. דער כאַראַקטער פון יעדען לעבּעדיגען וועזען
דריקט אויס די פאָרם פון זיין בּעציהונג צו דער וועלט; די
בּעציהונג, ווידער, פון'ם מענשען צו דער וועלט לייטערט
זיך אויס פון צייט צו צייט אַ דאַנק די פערבּינדונגען מיט די
אַרומיגע וועזענס. צום בּיישפּיעל: דער מענש פיהלט בּיי זיך
אַז ער האָט אַ חלק אין'ם גליק, אַז ער איז אויך אַ קינד פון
דעם, וואָס האָט דאָס גליק בּעשאַפען. צוזאַמען מיט דעם גע=
פיהל וואַקסט אָבּער אין איהם גלייך נאָך איינער — אַ פאַלשער;
ער רעדט זיך בּאַלד איין, אַז נאָר ער אַליין האָט אַ חלק אין'ם
גליק, און פערגעסט גאָר אינגאַנצען, אַז אַלע אַנדערע האָבּען
אויך אַזאַ רעכט אויף דעם גליקס=טראָפען, ווי ער. ער רויבּט
און גזל'ט און טרעט מיט די פיס, און ערשט שפּעטער ווערט
ער געוואָהר, אַז יענע זענען שטאַרקער פון איהם, און ער —
בּייזערט זיך און קריצט מיט די ציינער. ער וויל לעבּען רוהיג,
און דאָ קומען גאָר אָן אויף איהם צרות און פורעניות און אָנ=
שיקענישען פון אַלע זייטען — בּויגט ער זיך איבּער אין דער
אַנדערער זייט און הויבּט אָן מיט'ן גאַנצען האַרצען גוטס טאָן
די אַרומיגע; דאַן דערשפּירט ער מיט אַמאָל דעם געשמאַק פון
אַזאַ גליק, פון וועלכען ער האָט בּיז אַהער קיין אַהנונג נישט
געהאַט און ערשט הויבּט ער אָן צו דערגעהן, וואו ס'איז דער
מקור פון דעם אמת'ען גליק. בּיסליכווייז קומט ער צו דער

איבערצייגונג, אַז מיר זענען אַלע „קינדער פון איין פאָטער", אַז דאָס גליק איז נישט אָבהענגיג פון איין וועזען, פון איין בעשטימטען פּלאַץ און פון אַ בעשטימטער צייט, און ענדליך הערט ער אינגאַנצען אויף מורא צו האָבען פאַר די אַלע צרות און אָנשיקענישען, פאַר די אַלע אונגליקען און אפילו אויך פאַר'ן טויט אַליין, ווען ער בעגרייפט, אַז דאָס אמת'ע גליק האָט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף.

אַלץ איז אָבהענגיג פון דעם מענשענס בעציהונג צו דער וועלט און צו זיינע ליידען. דער ווערהטאָג איז אַ בעגרענעצטע זאַך, דער צ ע ר פון ווערהטאָג איז אָבער אונבעגרענעצט. דער ווערהטאָג האָט אַ ענדע; ווען ער קומט שוין צו ביז דער העכסטער שטופע, רופט ער אַרויס די לעהמונג פון אַלע חושים (חלש'ען אָדער שטאַרבען) און דאַן הערט מען אויף צו שפירען אויך דעם ווערהטאָג אַליין; דער צער פון ווערהטאָג איז אָבער אָבהענגיג פון דער סוביעקטיווער נייגונג: ס'זענען פערהאַן אַזעלכע, וואָס טראָגען איבער רוהיג די שרעקליכסטע שמערצען. דער צער פון די ווערהטאָגען ווערט גרעסער צוזאַמען דערמיט, וואָס מעהר דער מענש שטעלט זיך זיי אַנטקעגען, וואָס מעהר ער שרעקט זיך פאַר זיי און וואָס גרעסער ער שטעלט זיך זיי פאָר אין זיין פאַנטאַזיע; און, פערקעהרט, דער זעלביגער צער ווערט קלענער, וואָס מעהר דער מענש בעגרייפט די נויטיגקייט פון יסורים, וואָס רוהיגער ער טראָגט זיי איבער, וואָס מעהר ער נעהמט זיי אָן פאַר ליעב. מיר אַלע טראָגען איבער פערשיעדענע אונבעקוועמליכקייטען און זאָגאַר אויך יסורים צוליעב זאַכען, וואָס זענען אונז ליעב, און ווען מיר זעהען פאַר זיך דעם ערוואַרטעטען ציעל — שפירען מיר גאָרנישט דעם צער פון די איצטיגע ליידען. אַזוי ערנאָך פערמינדערט זיך דער צער פון אַלע מיני יסורים, אויף וויפיעל עס פערמעהרט זיך אין זיי די ליעבע; און ווען די ליעבע פערמעהרט זיך זעהר שטאַרק, פערשווינדט דער צער אינגאַנצען... טויזענדער קדושים זענען אויף קדוש השם געגאַנגען מיט פרייד און צופריעדענהייט... יאָהאַן הוס, האָט געזונגען, ווען מ'האָט איהם אין די פלאַמען געוואָרפען...

בכלל זענען, לויט טאָלסטאָי'ס מיינונג, פערהאַן צוויי

באַרטען יסורים: יסורים אָהן אַ זין און יסורים מיט אַ זין. דער מענש ליידט זיך אָן פון פערשידענע וועהטאָגען אין זיינע קינדער־יאָהרען און אויך שפּעטער, ווען ער ווערט דערוואַקסען. די קינדער־וועהטאָגען זענען נויטיג — דער צער פון וועהטאָג צווינגט דעם קינד אָבצוהיטען דעם קערפּער פון פערשידענע שעדליכע ווירקונגען. ווען נישט דער צער פון וועהטאָג, וואָלטען אַ סך קינדער, למשל, זיך אָבשניידען פערשידענע גליעדער פון קערפּער — שפּיעלענדיג; דער צער פון די קינדער־יאָהרען האָט זיך אַלזאָ זיין ציעל — צו שיצען דעם קערפּער. דאַגעגען האָט דער צער פון די יוגענד־יאָהרען אַן אַנדער ציעל — אויפצוהויבען דעם גייסט. די יוגענד־ליידען דאַרפען אַרויסרופען אַלע פונקציעס פון ליעבע און אויפוועקען איהר טעטיגקייט.

נאָהענט צו דער קריסטליכער אַנשויאונג פון טאָלסטאָי איז אויך די אַנשויאונג פון דעם צווייטען רוסישען געניע — דאָסטאָיעווסקי; דאָסטאָיעווסקיס מיינונג וועגען צער און יסורים איז אָבער פון איין זייט טיעפער פון טאָלסטאָי׳ס, און פון דער צווייטער זייט — מעהר פערזונקען אין מיסטיציזם.

די שלעכטס־פראַגע און דעם מענשענס יסורים בכלל האָבען דאָסטאָיעווסקי׳ן רוהען נישט געלאָזען. ער האָט זיך פערטיעפט אין דער פראַגע פון אַ גאַנץ בעזונדער זייט: איהם האָט אַממעהרסטען געפּייניגט דער צער פון די „ערנידעריגטע און בעליידיגטע". מענשען ליידען מאָראַליש און פיזיש. קומען אַנדערע מענשען און טרייסטען זיי; מענשען טראָגען איבער פערשידענע יסורים און שטאָלצירען דערמיט — זיי גלויבען, אַז אָט די יסורים האָבען געבראַכט נוצען דער מענשהייט אָדער אַזוי אַ געוויסער צאָהל איינצעלנע ליידענדע. ווי ביטער און שרעקליך אָבער איז דער גורל פון יענע עלענדע און ערנידעריקטע, וואָס קיין אויג לאָזט פאַר זיי קיין טרער נישט, וואָס קיין האַנד איז צו זיי נישט אויסגעשטרעקט, וואָס קיין האַרץ קלאַפּט נישט פאַר זיי, און אַליין ביי זיך אין די אויגען זענען זיי געמיין און דערשלאָגען און נידריגער פון יעדען וועזען, וואָס לעבט אויף גאָט׳ס וועלט, ווייל זיי ווייסען נישט, צוליעב וואָס זיי לעבען, און וועמען זייערע יסורים וועלן נוצען ברענגען! קיין איינציגער שטראַהל בעלייכט נישט זייער פינ־

סטערן וועג, קיין איין איינציגער האָפנונגס=פונק דערוואַרימט
זייער האַרץ נישט — פערלאָזען און דערוויַיטערט זענען זיי פון
גאָט און פון מענשען, און זייער גאַנץ לעבען איז אַ לאַנגע
קייט פון צרות, וועהטאָגען און בזיונות.

די דאָזיגע אונגעהויערע און וואַרעמע ליבע צו אַלע אָ=
זעלכע ליידענדע און עלענדע, וואָס רופען ביי קיינעם קיין
פונק ליבע נישט אַרויס, די דאָזיגע טיעפע עמפפינדונג
פון אַזעלכע מיני גייסטיגע יסורים, וואָס קיין אַנדערער פאַר
איהם האָט זיי נישט בעמערקט, האָבען דאָסטאָיעווסקי'ן גע=
בראַכט צו דעם געדאַנק אַז נאָר גאָט אַליין הערט זיך צו צו
די געוויינען פון די דערשלאָגענע...

נאָך אַ צווייטע זייט פון דער דאָזיגער ביטערער פראַגע
האָט געדריקט דאָסטאָיעווסקי'ן זיין גאַנץ לעבען — די ליידען
פון קליינע קינדער. פאַרוואָס ווערן געשטראָפט מיט אַזעלכע
שווערע ענוים קינדער, וואָס האָבען נאָך דעם טעם פון זינד
נישט פערזוכט? אָט די אָרימינקע שעפעלעך — מיט וואָס האָ=
בען זיי זיך פערזינדיגט? וואו איז דער גאָט פון גערעכטיגקייט?..
פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט עס זיי?... אויב אַלע יסורים פון
זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען ביז היינטיגען טאָג האָ=
בען נאָך עפּעס אַ שטיקעל בעהאַלטענעם תכלית — אַ געוויסע
גייסטיגע האַרמאָניע, אַ מין וואונדערבאַרעס גליק, וואָס מיר
קענען איהם נאָך דערוויַיל נישט משיג זיין — און אויב אפילו
דער דאָזיגער תכלית וועט ווירקליך ווערט זיין די אַלע אָנגעלי=
טענע יסורים, — מיט וואָס אָבער וועלן געדעקט ווערן די
יסורים פון די קליינינקע ריינינקע נשמה'לעך? ווער האָט עס
דאָס רעכט אַזעלכע יסורים צו פערגעבען?

„ווען איך וואָלט אַרויפשטייגען — לעגט דאָסטאָיעווסקי
אַריין אין מויל פון זיין קאַראַמאַזאָוו — אויף די העכסטע טרעפּ
פון דעם וועלט=פערשטאַנד און וואָלט בעגרייפען די גאַנצע האַר=
מאָניע און דאָס גאַנצע וואונדערבאַרע גליק פון די קומענדיגע
דורות, וואָס צוליעב זיין פערווירקליכונג זענען עס נויטיג געווען די
אַלע יסורים, וואָס מענשען האָבען איבערגעטראָגען ביז דאַן, —
וואָלט איך אויך נישט אויפגעהערט צו פרעגען דעם טאַטען אין
הימעל: ווער האָט עס דיר געגעבען דאָס רעכט צו פייניגען מענ=

שען מיט אַזעלכע ביטערע יסורים ? וואָס'רע רעכט האָסטו עס צו בויען און צו שאַפען אויף דעם רעכנונג פון פרעמדע ליידען ? און מיט וואָס וועסטו בעצאָהלען פאַר די יסורים פון די קליינע קינ־דער , וואָס האָבען נישט געפיהלט און נישט פערשטאַנען גאָרנישט פון דער גאַנצער האַרמאָניע , וואָס דו שאַפסט און בעגייסט ?

אויף דער פראַגע גיט דאָסטאָיעווסקי אַריין דעם צווייטען קאַראַמאַזאָוו אין מויל אַ טעאָלאָגישע תשובה , וואָס האָט , ווי ס'שיינט , אידם אַליין אויך נישט בעפריעדיגט , און ער האָט זי געבראַכט נאָר דערפאַר , וואָס די פראַגע האָט איהם שרעקליך געפייניגט .

געפייניגט דאָסטאָיעווסקי'ן האָט נאָך איין פראַגע — די יסורים פון די גרויסע גייסט־מענשען . אָט אַלץ איינס , ווי ער האָט מיטגעפיהלט די שטילע יסורים פון יענע , וואָס זענען לויט זייערע גייסטיגע איינענשאַפטען נידריגער פון דעם גע־וועהנליכען פערשטאַנד און פון די טראַדיציאָנעלע געזעצען , אַזוי האָט ער מיטגעליטען אויך מיט יענע , וואָס שטעהען העכער פונ'ם המון . ס'איז נישטאָ נאָך איין שריפטשטעלער , וואָס זאָל האָבען אַזוי טיעף , ווי ער , איבערגעגעבען די יסורים פון די גרויסע גייסטער , וועלכע קענען נישט איינבויגען זייער רוקען אונטער דער משא פון די אַלע געזעלשאַפטליכע מנהגים און בעגריפען . אַלע מיני יסורים , וואָס אַ דורכשניטליכער מענש ליידט אויס אינ'ם פערלויף פון זיין גאַנצען לעבען , זענען גאָרנישט , אינ'ם פערגלייך דערמיט , וואָס ראַסקאָלניקאָוו לעבט איבער אין איין שעה . ווען מיר לייענען דעם לעצטענס חלומות און געדאַנקען , פיהלען מיר , אַז אַ גיהנם ברענט אונטער זיינע פיס , אַז ער לעבט איבער טויזענד מאָל אין איין שעה דעם טעם פון טויט . מיר וויסען אַלע , אַז „וואָס מעהר וויסען -— אַלץ מעהר וועה־טאָג" ; דאָסטאָיעווסקי ברענגט אונז אָבער צו דעם שטאַרקסטען אויסדריק פון דער דאָזיגער איבערצייגונג און גיט אונז צו פיה־זוכען דעם גיפטיגען וועהטאָג . . . ער ווייזט , אַז פאַר דעם גרויסען גייסט־מענשען איז קיין אויסוועג נישטאָ, און סוף כל סוף מוז ער בויגען דעם קאָפּ , אויב נישט פאַר דעם מענשליכען פער־שטאַנד , איז ווייניגסטענס — פאַר דעם געטליכען . ער ווייזט אונז די טיעפסטע וואונד אויף אונזער קערפער און פרובט זיך

איהר היילען מיט א גאנץ אלטען פלאסטער...

דאסטאיעווסקי זוכט זיך א שוץ אין דעם איינפאכען פרימיטיווען גלויבען, ווייל דאס שלעכטע, וואס ער פיהלט, איז — צו־ביטער. ער פערלאנגט אפט פונ׳ם מענשען, ער זאל זיך אונטערגעבען, ווייל ער פערשטעהט, אז ערדרייכענדיג די העכסטע שטופע, וועט דער מענשליכער וועזען די אייגענע עקסיסטענץ נישט קענען איבערטראגען, ער פערשטעהט, אז ווען דער מענש קומט צו צו דער העכסטער שטופע פון זעלבסטבעוואוסטזיין, קען ער שוין מעהר בשום אופן נישט איינגעהן אויף קיין פשרה מיט דער וועלט אין איהרע ארדנונגען, און זיין עצה איז — זיך אונטערגעבען, זיך איינבויגען, זיך קלענער מאכען...

ווען דאסטאיעווסקי וויל זיך אליין אויסטייטשען די אלגעמיינע רפואה, וואס ער געפינט אין דער אמונה, קומט ער צו גאנץ נאהנט צו טאלסטאי׳ס אנשויאונג איבער ליעבע. דער מענש ליידט א סך, ווייל ער פיהלט זיך שטארק, און ער דארף זיך בעפרייען דערפון. נישט פון זיין הנאה וועגען איז דער מענש בעשאפען געווארען, נאר פאר דער טעטיגקייט פון ליעבע. ער דארף זיך איינגעוועהנען ליעב האבען אלץ און אלעמען מיט׳ן גאנצען הארצען, שטענדיג, און אהן א שום אבהאלט, דאן וועט ער פון קיין שלעכטס נישט וויסען, און קיינע „ביטערע שאלות" וועלן איהם מעהר נישט פייניגען און ער וועט בעגרייפען דעם זין און דעם תכלית פון זיין לעבען. ער וועט דאן פערשטעהן, אז זיין לעבען איז א שטארקע בעוועגונג, וואס האט דעם צוועק צו שטיצען די מאכט פון ליעבע און ליכטיגקייט.

„דעם מענשען׳ס נשמה איז געקומען פונ׳ם קוואל פון ליכט און ליעבע, אום צוצוקומען אויף דער וועלט צו אקטיווער, ממשות׳דיגער ליעבע".

יד .

די נייע אידעען .

אין דער צייט, ווען די אַלע, וואָס פערנעהמען זיך מיט דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס, האָבען זיך געשטיצט אָדער אויף דער אַנשויאונג פון די אָפּטימיסטען, אָדער אויף דער פון די פּעסימיסטען אָדער גאָר אויף רעליגיעזע דאָגמען, — אין דער צייט האָט זיך אין דייטשלאַנד בעוויזען אַ געוואַלדיג-מעכטיגער גייסט, וואָס האָט געוואָלט לעזען דאָס דאָזיגע פּראָבלעם גאָר אויף אַנאַנדער וועג.

דער דאָזיגער גרויסער גייסט איז פריעדריך ניטשע (געבוירען אין יאָהר 1844). ווי בנוגע צו אַלע אַנדערע לעבענס-פראַגען, אַזוי איז ניטשע געגאַנגען מיט זיין בעזונדערן וועג אויך בנוגע צו דער פראַגע וועגען גוטס און שלעכטס; ווי אין אַלע אַנדערע זאַכען, אַזוי אויך דאָ האָט ניטשע געפאָדערט די „אומווערטונג פון אַלע ווערטען".

ווי בעקאַנט, האָט ניטשע קיין בעשטימטען סיסטעם, קיין בעשטימטע שיטה, — ער האָט נאָר מיינונגען, אידעען, וועלכע האָבען זיך אויך גאַנץ אָפט געענדערט ביי איהם. אויב אָבער מיר געפינען אפילו נישט ביי איהם קיין איין אַלגעמיינעם געדאַנק, וואָס זאָל צונויפבינדען אַלע זיינע אידעען, — געפינען מיר ביי איהם יאָ אַ געוויסע נייגונג, אַ געוויסע בעציהונג צו אַלץ. די דאָזיגע נייגונג דריקט זיך אויס אין דעם: צו מעסטען יעדער זאַך מיט דעם מאַסשטאַב פון דער מענשליכער פרייהייט.

ווען ער איז נאָך יונג געווען, איז שאָפּענהויער'ס „הייליגער" געווען זיין אידעאַל; דאָס אָבער, וואָס ביי שאָפּענהויערן איז געווען נאָר שען געזאָגט, איז פאַר ניטשע'ן געווען אַ גאַנצע תורה, וואָס פאָדערט מ'זאָל איהר מקיים זיין. קיין פשרות און קיין אָבגעבונגען פון געזעץ האָט ניטשע נישט ליעב געהאַט; ער איז דאַן שטאַרק פערקאָכט געווען אין שאָפּענהויער'ס עסטעטישע אידעען און אין וואַגנער'ס מעלאָדיען. די גאַנצע וועלט מיט אַלץ, וואָס אין איהר געפינט זיך, איז פאַר איהם געווען

נישט מעהר, ווי אַ מין הילע צום וועלט־ווילען, וואָס ליידט און זוכט זיך אַנ׳אויסוועג, אָנשטאָט דעם אָבער, וואָס ער האָט פריהער אויך געגלויבט, אַז די ישועה פון דער וועלט שטעהט אין אַ ענגען צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָבזאָגען זיך פון ווילען לעבען, — האָט ער אין די שפּעטערדיגע יאָהרען אַנערקענט, אַז די דאָזיגע ישועה ליעגט אין דעם מענשענס שאַפען, אין דער קונסט.

„נאָר אַלס עסטעטישע ערשיינונג האָט די וועלט אַ זין“ — זאָגט ניטשע. נאָר דער פּעסימיזם דאַרף אָנקומען צו דער קונסט און נאָר איהם איז זי פערשטענדליך. די ביטערע פאָלגען פונ׳ם פּעסימיזם ווערן געמילדערט נאָר אַ דאַנק דער קונסט.

אַלע פערגניגענס פון דער וועלט זענען גאָרנישט ווערט. יעדער פערגניגען ברענגט מיט זיך צער; נאָר דאָס עסטעטישע פערגניגען איז ריין, הויך און טייער. דאָס עסטעטישע פערגניגען מאַכט דעם מענשען פערגעסען אָן אַלע זיינע צרות און פלאָגען — דאָס האָט נאָך שאָפּענהויער געזאָגט; אָנשטאָט דעם אָבער, וואָס לויט שאָפּענהויער׳ן איז אויסגעקומען, אַז חאָטש דער עסטעטישער פערגניגען איז ווירקליך הויך און געטליך, פונדעסטוועגען האָט ער קיין בעטרעף נישט אַנטקעגען די צרות און פלאָגען, וואָס דער מענש שטעהט אויס יעדע מינוט, יעדע סעקונדע, — אָנשטאָט דעם זעהט ניטשע אין דער קונסט אַ מין אַלגעמיינע ישועה צו דעם אַלגעמיינעם ווילען. ניטשע איז נוטה צו דער מעטאַפיזישער השערה, אַז דאָס אייביגע דאַזיין און די אייביגע איינהייט נויטיגט זיך אין מעטאַמאָרפאָזען און פרעהליכע אילוזיעס, צוליעב דעם, וואָס עס איז אייביג פול מיט צער און מיט אינערליכע קאָנטראַסטען. אין דעם יסוד פון דער גאַנצער נאַטור ליעגט אַ שאַפענדע קראַפט, וואָס בעפרייט זיך פון זיין אינוועניגסטען צער מיט דעם פּראָצעס פון שאַפען און צושטערען (יעדע שאַפונג האָט אין זיך עלעמענטען פון צושטערונג). ס׳טרעפט, אַז מיר זעהען די גאַנצע נאַטור אַ שייגענדיגע, אַ שטראַהלענדע, אַ ליכטיגע: דאָס טרייסט די נאַטור זיך אַליין פון איהר בעהאַלטענעם טיעפען צער מיט אויסערליכע שענע פאַנטאַזמען (ערשיינונגען, פערבלענדענישען).

„די וועלט האָט מיר דאַן אויסגעזעהן, ווי אַ געטליך בעשעפ־

נעש, וואָס ווערט געפּייניגט און געפּלאָגט. ווי אַ חלום האָט זיך מיר די וועלט פאָרגעשטעלט, ווי אַ פּאָעטיש געשטאַלט פון דער געטליכקייט, ווי אַ פיעל־פאַרביגער רויך", — אַזוי שילדערט ניטשע אין „זאַראַטוסטראַ“ זיין פילאָזאָפישע אַנשויאונג פונ'ם ווערק „די געשיכטע פון דער טראַגעדיע“.

דער אַלגעמיינער ווילען פון דער וועלט געפינט זיך זיין ישועה אין דעם מענשענ'ס קונסט, וואָס שילדערט די גאַנצע טיעפקייט פונ'ם וועלט־שמערץ און די פערשידענסטע סאָרטען אילוזיעס, און גיט זיי איבער אַזוי לעבעדיג, אַז זיי זעהען אויס, ווי רעאַלע, פערקערפּערטע געשטאַלטען.

דעם מענשענס מיסיע איז אַלזאָ זעהר אַ רייכע און אַ גרויסע—זיין ציעל איז, אויסצוליזען, צו בעפרייען. וואָס מעהר די קונסט דערנעהנטערט זיך צו איהר ציעל, אַלץ מעהר דערנעהנטערט זיך אויך דער מענש צו זיין ציעל. דעריבער איז ניטשע'ן אַזוי ליעב און טייער די עפּאָכע פון דער גריכישער טראַגעדיע, צו דער געשיכטע פון וועלכער ער איז צוגעגאַנגען גאָר מיט אַנאַנדער מאַסשטאַב — מיט אַ מאַסשטאַב, וואָס איז ווירקליך צוגעפּאַסט צו זיין גרונד־אַנשויאונג איבער דעם עסטעטישען יסוד פון דער וועלט, און האָט קיין שום עהנליכקייט נישט צו דעם „סאָקראַטישען יסוד“ (ווי ער דריקט זיך אויס), ד. ה. דער יסוד פונ'ם געזונדטען און פשוט'ען פערשטאַנד. דער מענש איז, לויט דער אַנשויאונג, דער העלד פון דער וועלט; דער פּראָגרעס פון דער קולטור איז אויך דער פּראָגרעס פון דער טראַגישער וועלט־אַנשויאונג.

און ניטשע האָפּט אויף דעם טאָג, ווען עס וועלען זיך אַרויסווייזען די טרעגער פון יענער קולטור. איינעם פון די דאָזיגע קולטור־טרעגער זעהט ער זאָגאַר אין זיין פאַנטאַזיע; דאָס וועט זיין „אַ וועזען פול מיט שטאָלצען צאָרן, מיט אַ גאוה'דיגען בליק, מיט אַ שטאַרקען ווילען; אַ קעמפּפער, אַ דיכטער און אַ פילאָזאָף, וואָס שטעלט זיינע טריט אַזוי, ווי ווען ער וואָלט ער דאַרפען דורכגעהן דורך אַ רייהע שלאַנגען און עקדישען“.

די דאָזיגע העלדען פון דער וועלט דאַרפען פערקערפּערן מיט זיך דעם עסטעטישען אידעאַל, דאַרפען אָנווייזען דעם מענשען זיין אמת'ען ציעל און איהם פיהרען אין דער ריכטיגער וועג.

און נאָכדעם, ווי דער מענש וועט צוקומען צו דער העכסטער מדרגה פון עסטעטישער אײדעלקייט, נאָכדעם ווי די מענשהייט וועט שוין מעהר פאַר זיך אין דער צוקונפט קיין אַרבייט נישט האָבען, — עפענט זיך אויף פאַר איהר אַ וועג צו אַ נייעם הויכען תכלית: צו שטאַרבען רוהיג און מיט'ן פולען בעוואוסטזיין אַלס איין קערפּער...

„אויב די גאַנצע מענשהייט דאַרף ווען ס'איז שטאַרבען (און אין דעם קען דאָך גאָר קיין צווייפעל נישט זיין!), בעשטעהט איהר העכסטע מיסיע אין דעם, זיך צו בעהעפטען אינאיינעם אַלס אַלגעמיינעם און איינציגעם און גאַנצעם וועזען, צו בעגעגנען מיט אַ טראַגישען פערשטעהן די פערניכטונג, וואָס רוקט זיך אָן אויף איהר. די דאָזיגע העכסטע מיסיע ענטהאַלט אין זיך די ענטוויקלונג פון אַ בעזונדער מין אַריסטאָקראַטיזם ביי מענשען — אַזוי פיהל איך די זאַך און אַזוי פערשטעהע איך זי".

שפּעטער איז אין ניטשע'ס אידעען־גאַנג פאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקעהרעניש.

דעם פּלאַץ פון דער מעטאַפיזיק האָבען איבערגענומען די פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען. דער „סאָקראַטישער" יסוד האָט גובר געווען אין איהם דעם „דיאָניזישען"; דאַן אָבער זעהען מיר אויך אין ניטשען דעם דיכטער פון די ערשטע צייטען. איבערנעהמענדיג די פּאָזיטיוויסטישע אַנשויאונג מיט אַלע איהרע דעטיילען, האָט ער פון דעסטוועגען דאָך נישט געקאָנט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז די מענשהייט לעבט נאָר אום צו לעבען און האָט נישט קיין שום אַנדערן הויכען תכלית, קיין שום מיסיע, קיין שום אידעאַל. אין דער צווייטער עפּאָכע פון זיין גייסטיגער ענטוויקלונג האָט ניטשע בלויז אומגעביטען די פאָרמולע, און אַנשטאָט „שענהייט" אַוועקגעשטעלט „וויסען". דער גרינדליכער קריטעריום איז אָבער געבליבען כמעט דער זעלביגער. אין דעם ערשטען פעריאָד פון זיין גייסטיגען שאַפען האָט ניטשע געגלויבט, אַז דער תכלית פון דער מענשהייט איז זיך צו ברענגען פאַר אַ קרבן אויף דעם מזבח פון דער עסטעטיק, און אין דעם צווייטען פעריאָד, — אַז די מענשהייט דאַרף זיך איינגאַנצען מקריב זיין פאַר דעם ערפאָלג פון דער וויסענשאַפט.

„זאָל בעסער די מענשהייט אונטערגעהן, איידער די ווי־

מענשאַפט", — שרייט ער אויס מיט זיין געוועהנליכען פּאַטאָס.

זיין אינדיווידועלע נייגונג ווייזט זיך בעזונדער אַרויס אין דעם דריטען פּעריאָד פון זיין גייסטיגער ענטוויקלונג, ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע איבערקעהרעניש אין זיין געדאַנקענגאַנג, ווען ער האָט אָנגעהויבען דרש'ענען וועגען דעם „איבערמענש", וועגען דעם „גרויסען טאָג", וועגען דעם „וועג", וואָס פיהר'ט צום „איבער־מענש" און נאָך אַזעלכעס.

דער יסוד פון די דאָזיגע אַלע אידעאַלען איז דער בעקאַנטער. אַפּעריזם, וואָס חזר'ט זיך איבער ביי איהם הונדערטער מאָל: דער מענש איז אַזאַ וועזען, וואָס מ'דאַרף איהם איבערווינדען דאָס הייסט, נאָך אונזער מיינונג: דער מענש אַן און פאַר זיך איז דאָך גאָר נישט, זיין פּשוט'ער און אויבערפלעכליכער לעבען האָט דאָך קיין שום זין נישט — ער דאַרף זיך דעריבער אויסגעפינען עפּעס אַ אידעאַל, עפּעס אַ רייכען לעבענס־אינהאַלט. אין אָנפאַנג האָט ניטשע געגלויבט, אַז דעם מענשענ'ס תכלית איז די אַלזייטיגע און טיעפע עסטעטישע השגה; אין דעם צווייטען פּעריאָד האָט זיך די דאָזיגע עסטעטישע השגה פערוואַנדעלט אין וויסען און בעגרייפען; און גאָר אַם ענדע האָט ער בעשלאָסען, אַז די מיסיע פון דער מענשהייט איז צו בעשאַפען אַ הויכען, אידעאַלען טיפּ — אַ „איבער־מענשען".

ניטשע'ס רייד זענען זיך גאַנץ אָפט סותר איינע די אַנדערע און דערצו זענען זיי נאָך איינגעהילט אין אַ דיקען וואָלקען פון פערשידענע סימבאָלען און אַ מאַסע פּאָעטישע בילדער; עס האָבען זיך דעריבער געפונען אַ סך בעלנים, זיי צו ערקלערן, זיי אָבצופרעגען, זיך צו פּשטל'ען איבער זיי און אַריינצולעגען אין זיי אַזעלכע כוונות, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געהאַט אין זינען צו מיינען.

מיר ווילען דאָ נישט נעהמען אויף זיך די אַרבייט, רעכט צו מאַכען די אַלע סתירות, און צו ערקלערן די פערשידענע מיינונגען, וואָס זענען צעוואָרפען איבער די ווערק פון דעם גרויסען ניטשע. בנוגע צו אונזער פּראָבלעם אָבער, גלויבען מיר, אַז דער ריכטיגער וועג איז, זיך נישט צו רעכנען מיט איינצעלנע שטעלען פון ניטשע'ס ווערק, נאָר מיט זיין כאַ־

ראקטער אין אלגעמיין און מיט זיינע אינערליכע נייגונגען.

זיין כאראקטער אין אלגעמיין איז דער פון א ריזיגען גייסט, וואס געפינט נישט קיין שום אינטערעסע און קיין שום פערגניגען אין דעם מענשען'ס לעבען. ער זעהט אין איהם בלויז יסורים, נארעשקייט און פוסטקייט, און זייענדיג א מענש מיט א פייערדיגער נשמה, קען ער זיך נישט בעפרידיגען מיט דעם שרעקליכען „הכל הבל" (אלץ איז גארנישט). ער וויל שאפען עפעס א אינהאלט פאר דעם מענשען'ס לעבען, עפעס א וויכטיגען אידעאל, וואס עס זאל לוינען צו לעבען און זיך צו פייניגען פאר איהם.

„ווען דער מענש איז יונג זינגט ער ליעדלעך". ווען ניטשע איז נאך פול מיט יוגענד-גלוט, ווען זיין פאנטאזיע הערט נישט אויף איהם צו וועבען פערשידענע פאעטישע בילדער, און ער קוקט זיך צו אין דער זעלביגער צייט צום לעבען און זעהט די גאנצע פוסטקייט פון דארטען, — שטעלט זיך איהם פאר די גאנצע וועלט, ווי א מין צויבער-פאלאץ, וואס איז פון אויסווענדיג וואונדער-שען און פון אינוועניג — פוסט און שרעקליך.

דאן קומט א צווייטע צייט. ער הויבט אן צו בעגרייפען די גאנצע קראפט און דעם גאנצען פערגניגען, די גאנצע גרויסקייט און שענקייט, וואס עס האבען אין זיך די פאזיטיווע וויסענשאפטען, און קומט צום בעשלוס, אז דאס ציעל פון דער מענשהייט איז, צו ערר[ייכ]ען דעם אבסאלוטען וויסענשאפטליכען אמת און דאס לעבען אוועקצוגעבען, אום צוצוקומען צום זעניט, צו דער העכסטער שטופע פון וויסען און פערשטעהן. און ווען דאס בעוואוסטזיין אין איהם ערר[ייכ]ט די פאלשטענדיגע רייפקייט, קומט ער צו צו זיין לעצטער הנחה, אז דער גאנצער מין מענש, איז נישט מעהר, ווי א פוס-בענקעל פאר דעם העכסטען אויסדריק זיינעם, פאר דעם „איבער-מענש".

דער בעגריף פון ענטוויקלונג בעקומט ביי ניטשע'ן א גאנץ אייגענארטיגע פאעטישע פיזיאנאמיע. ביי אלע געלעהרטע איז די ענטוויקלונג א וויסענשאפטליכער בעגריף, מיט דער הילף פון וועלכען ס'איז לייכטער זיך צו אריענטירען אין דעם פלאנטער פון די לעבענס-ערשיינונגען; פאר זיך אבער האט ער אין זיך נישט קיין בעזונדער שענהייט און קיינע בעזונדערע גייסטיגע איי-

געזעלשאפטען. ביי ניטשע'ן, דאגעגען, איז אט דער בעגריף אינגאנצען פאעזיע, אינגאנצען הייליגקייט. אלע געלעהרטע בענוצען זיך מיט דעם ענטוויקלונגס־בעגריף נאר אלס הילפס־מיטעל, אויף צו פערשטעהן די ארגאנישע און געזעלשאפטליכע לעבענס־ערשיינונגען, און ניטשע געפינט אין איהם דעם עצם געדאנק פון לעבען, דעם תכלית, די טיעפקייט, דעם זין און די בעהאלטענסטע בעהעלטעניש פון לעבען. דער סימבאל פון די פלאנצונגען, וואס זייערע בלעטער זענען געווענדעט צו דעם קוואל פון ליכטיגקייט, צו דער זון, — איז ניטשע'ן אם־ליעבסטען.

יעדע זאך שטרעבט זיך אויפצוהויבען העכער, יעדע זאך וויל זיך בעפרייען פון איהר ניעדריגען מהות, יעדע זאך זוכט דערהויבען צו ווערען איבער אנדערע, ארויסצווייזען איהרע אייגענטימליכקייטען וואס בולט'ער, וואס שטארקער, און אונטערצודריקען אלץ, וואס זי איז נאר אימשטאנד; יעדע זאך רייסט זיך ארויס פון איהרע ענגע ראהמען און בעגרענעצטע כחות, קורץ: יעדע זאך וויל הערשען.

„נישט דאס ווילן לעבען בעוועגט אלץ — לעגט ניטשע ארייין זאראטוסטרע'ן אין מויל — נאר דאס ווילן מאכט האבען..

און אט דער אלץ בעוועגענדער יסוד פון לעבען, אט די שטרעבונג צו מאכט, איז נישט יענע ברוטאלע און פרימיטיווע קראפט, וואס ווערט מיט אזא ליעבע בעטעמ'ט פון פערשיעדענע אויבערפלעכליכע געלעהרטע. דא האנדעלט זיך וועגען יענעם כח, וואס רופט אלץ ארויס צום לעבען; וואס צווינגט יעדען לעבענדיגען וועזען, ארויסצווייזען זיינע אלע פעהיגקייטען און פאלקאמענהייטען; וואס בעשעגט און בע'חנ'ט יעדען איינצעלנעם אינדיווידו און יעדען געשלעכט און ברענגט אלץ צו דער אלגעמיינער פאלקאמענהייט.

ווען ניטשע וואלט זעהן אין דעם, וואס איז נאך זיין מיינונג די איינציגע ערהאלטענדע לעבענס־קראפט, ווען ער וואלט אין דעם זעהען בלויז די פשוט'ע תאוה פון יעדען וועזען צו בעזיעגען דעם צווייטען, וויל יענער שטערט איהם אין זיינע פערגניגענס און אין זיינע פערזענליכע נוצען, ווי א סך ניטשעערקלערער ווילען האבען, — וואלט ער אינגאנצען נישט דארפען אנקומען צו די אלע סימבאלען און פאעטישע בילדער און

זעהר, זעהר איידעלע בעגריפען, וואָס נישט יעדערער פערשטעהט זיי. ער האָט געקענט אויף אַ גאַנץ פשוט'ען און קלאָרען אופן ערקלערען דאַרווינ'ס טעאָריע וועגען דער ערהאַלטונגס-קראַפט פונ'ם שטאַרקען און וועגען זיין נצחון אינ'ם קאַמפף אום דאָס זיין, און זיך בענוצען דערביי מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין לאָגיק, אום אַוועקצושטעלען דער דאַרוויניזם אין איין רייהע מיט יענע אַלע טעאָריעס, וואָס זעהען די פאָלקאָמענהייט פון דער מענשהייט אין דער פאָלקאָמענהייט פון פויסט... עס וואָלטען דאַן קיין זין נישט האָבען אויך זיינע גאַליגע אַרויס-טרעטונגען געגען ביסמאַרק'ן מיט זיין קאָמפּאַניע, און עס וואָלט זיך, אדרבא, גיכער פּאַסען, ער זאָל דעם לעצטען אַרויסשטעלען אַלס „איבער-מענש" און וויזען אויף איהם, ווי אויף אַ היילינגען: עקצע האָמאָ (זעה, וואָס'רע מענש)!...

אין דעם אמת'ען אָבער האָט ניטשע גערעדט נאָר וועגען דער שטרעבונג זיך אויפצוהויבען, דאָס הייסט: וועגען דער שטרעבונג, זיך אַרויסצורייסען פון די אַלע אַרומיגע קליינליכקייטען און גרויס צו ווערן. אַנשטאָט דעם, וואָס דאַרווין זעהט אין דער נאַטור אַ בעזונדער קמצנות און אַ ביטערע מלחמה פאַר יעדען אָטעם-צוג, פאַר יעדען טראָפּען ליכטיגקייט, פאַר דעם מינדעסטען שטח זיך צו בעוועגען, — זעהט ניטשע אין דער נאַטור, פערקעהרט, פזרנות און פערשווענדערישע עשירות. די מלחמה אין דער וועלט קומט פאַר נישט פאַר דער עקסיסטענץ, נישט פאַר דער קליינליכער הנאה, נאָר פאַר דער בכורה... יעדעס וועזען שטרעבט, זיך וואָס מעהר אַרויסצושטעלען, זיך וואָס מעהר אַרויסצעווייזען, און אָט די שטרעבונג רופט אַרויס געשלעכטער מעהר צוגעפּאַסטע צו דעם ערהאַלטונגס-צוועק, מעהר פערפאָלקאָמטע. געשלעכטער פערשווינדען און אַנדערע — העכערע, רייכערע, טיעפערע — קומען אויף אויף זייער אָרט, און דער פּראָצעס ציהט זיך אַזוי לאַנג ביז ער קומט צו צו דעם געשלעכט, וואָס הייסט: מענש; געזעלשאַפטס-פאָרמען קומען אויף און פערשווינדען, קומען אויף און פערשווינדען, און דער מענש וואַקסט אַלץ העכער און העכער, ביז ער ערהייכט די מדרגה פון אַ — „איבער-מענש".

„דער איבער-מענש" — ווען מ'זעצט איהם איבער פון ניטשעס שפּראַך, וואָס איז פול מיט סודות און רמזים, אין דער שפּראַך פון געוועהנליכע מענשען — איז נישט מעהר, ווי דער פאָלקאָמסטער, אידעאַלסטער מענש. ער איז דער מוסטער פון די אַלע פאָלקאָמענהייטען, וואָס מיר קענען זיך נאָר פאָרשטעלען. ער איז שטאַרק און מוטיג, ער איז גרויס און שען, און האָט אַ רעכט אויף אַלץ, ווייל ער איז ווירקליך העכער פון אַלץ.

אַלע העכערע ספערען פון דער גייסטיגער וועלט, אַלע אַבסטראַקטע אידעען פון פּלאַטאָן און זיינע נאָכפאָלגער געהען ביי ניטשע'ן אַריין אין דעם בעגריף איבער-מענש. מיר האָבען אַבסטראַקטע בעגריפען פון פערשידענע פאָלקאָמענהייטען, מיר האָבען וועלכע ס'איז פערגעבעלטע עמפּפינדונגען, וועלכע ס'איז העכערע בעגעהרען און פערלאַנגען, וועלכע ס'איז העכערע חלומות און פאַנטאַזיעס; דאָס שטעלט זיך אונז אָבער אַלץ פאָר נאָר, ווי עטוואָס אַזוינס, וואָס געפינט זיך ערגעץ ווייט אין דער לופטען... ערגעץ דאָרט, ווייט אין הימעל... דער איבער-מענש וועט אָבער אָט די אַלע העכערע עמפּפינדונגען און בעגעהרען און פערלאַנגען אַריינגעהמען אין זיין ערדישען לעבען. די אַלע קאָנטראַסטען און געגענזאַצען, די אַלע ספיקות און וואַקלענישען, די אַלע נייגונגען און בייגונגען אין פערשידענע זייטען, די אַלע שרעקען און ציטערנישען, די אַלע צערעמאָניעס און העפליכקייטען, די אַלע מיני טראַדיציאָנעלע תורות און בעגריפען, די אַלע סאָרטען אונטערגעבען זיך דער „מאַיאָריטעט", דער „געזעלשאַפט", דער „געמיינדע" און אַזוי בסדר, — אָט די אַלע שוואַכקייטען זענען דעם איבער-מענשען פרעמד. ער טוט דאָס אַלץ, וואָס געהט אַרויס פון די טיעפענישען פון זיין מהות, ער טוט דאָס אַלץ, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם צוועק פון זיין פאָלקאָמענהייט, און קיינע ספיקות און קיינע וואַקלענישען עקזיסטירען נישט פאַר איהם... און מיט דעם איבער-מענשען האָט ניטשע רעכט געמאַכט אויך די פראַגע וועגען גוטס און שלעכטס, וואָס האָט איהם בעאונרוהיגט זיין גאַנץ לעבען.

ווען ניטשע וואָלט זעהן אין לעבען נאָר פערגניגען און צער, וואָלט איהם דער איבער-מענש מיט זיין גאַנצער פאָעטישער גרויסקייט גאַנץ וועניג געקענט אָבווענדען פון דער פראַגע.

ווארום, נאך אלעמען, איז דאך דער איבער=מענש פארט ניט אימשטאנד גוט צו מאלען די פעהלערען פון דער נאטור...

ניטשע זעהט אבער אין דער וועלט אויך א צוועק און א טיעפע אינערליכע שטרעבונג, וואס נויטיגט זיך ניט אין קיין פערענטפערונג, און דעריבער געפינט ער אין זיין אידעאל=מענש א בעזונדער עסטעטישען פערגניגען.

און ווירקליך. אלץ ליידט, ליידט זעהר א סך. אבער וואס איז דא אזוי? די וועלט קען ניט עקזיסטירען אהן ליידען, דורך די ליידען ווערט אלץ העכער, רייכער, שענער; די ליידען זענען נויטווענדיג, זיי זענען די פרוכט פון דער אייביגער שטרעבונג, פון דעם אייביגען זוכען, און דאס איז דער וועג, וואס פיהרט צו דעם העכסטען אויסדרוק פון דעם מין מענש, צו דעם איבער=מענש.

ווען א מענש פרעגט: צו וואס לעב איך און צו וואס לייד איך? איז אויב ער איז א קלוגער, מיינט ער דערמיט צו פרעגען: וואס איז דער תכלית פון מיינע ליידען, ווער און וואס נויטיגט זיך אין זיי?

דער וועלט=צער האט אלזא קיין פערענטפערונג ניט, נאר אזוי לאנג, ווי מיר זעהען ניט אין איהם קיין זין, קיין בעדערפעניש; קוים אבער אנערקענען מיר זיין מיטווירקונג אין דעם פראצעס פון אויסבילדען דעם שענסטען עקזעמפליאר פון דער נאטור, ווערט שוין אלץ רעכט און פערשטענדליך.

מיט פערשידענע זידלערייען, ווי זיין שטייגער איז געווען, פאלט ניטשע אן אויף די אויבערפלעכליכע פעסימיסטען, וועלכע פערשטעהען ניט די גאנצע טיעפקייט, די גאנצע מאיעסטעטישע שענקייט פון לעבען. ער קוקט אויף זיין אייגענער אנשויאונג, ווי אויף דער פערטיעפונג פון פעסימיזם. ער ווייסט, אז פון אייביג=אן האבען מענשען געליטען און ביז אייביג וועלען זיי ניט אויפהערען צו ליידען, דעריבער וויל ער, אז עס זאל אזוי זיין. ער געפינט אין דעם עיקר מהות פון לעבען, וואס לאזט זיך גאר אנדערש ניט פארשטעלען.

דער איבער=מענש אליין דארף קיין פערענטפערונג ניט האבען, דער איבער=מענש פרעגט קיין שאלות ניט און קיין

זאַך האַרט איהם נישט. מיר, פאַר זיך, קענען אמאָל פרעגען „דער מענש איז נישט מעהר, ווי אַ איבערגאַנג צו דעם איבער־מענש". נו, און וואָס וועט דער איבער־מענש אַליין אויפטאָן?

אין דער אמת׳ען אָבער, איז דאָך דאָס גאָרנישט אונזער זאַך. וואָס קימערט עס אונז, ווי דער איבער־מענש וועט זיין און וואָס ער וועט אויפטאָן? מיר קענען זיך אַליין נישט בעפרידיגען מיט דעם איצטיגען בעגרענעצטען לעבען, מיט די איצטיגע רייסענישען, קאָנטראַסטען און סתירות, וואָס רינגלען אונז אַרום, און מיר מוזען שטרעבען צו אַ העכער לעבען, מיר מוזען אויסטרעטען אַ וועג פאַר דעם איבער־מענשען פון די ווייטע, קומענדיגע דורות. דער איבער־מענש אַליין וועט טאָן דאָס אַלץ, וואָס איהם וועט זיך גלוסטען, און וואָס ער וועט טאָן וועט זיין אָבגעטאָן, ווייל ער וועט דאָך זיין דער העכסטער פונקט פון לעבען.

דער סך הכל.

נאָכדעם ווי מיר האָבען דורכגעפיהרט פאַר׳ן לעזער צעהנדליגער דורות מיט די בעציהונגען פון יעדען דור בעזונדער צו דעם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, ווען מיר דאָ פּרובען וואַרפען אַ איבערבליק אויף די דאָזיגע אַלע מיינונגען און בעציהונגען, און קומען, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך, צו אַ געוויסען סך־הכל.

דריי גענייאַלע פעלקער האָבען געלעבט אין דער אַלטער (אַנטיקער) וועלט: דאָס יודישע פאָלק, דאָס אינדישע פאָלק און דאָס גריכישע פאָלק. יעדעס איינע פון די פעלקער האָט זיך בעצויגען צו דעם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס אויף אַנ׳אַנדער אופן, און אָט די אופנים חזר׳ן זיך איבער אין יעדען דור. זיי וועררן, אמת, ברייטער, טיעפער, רייכער; דער יסוד זייערער בלייבט אָבער שטענדיג דער איינענער.

רעדענדיג וועגען דאָס יודענטום אין דער עפּאָכע פון תנ״ך האָבען מיר שוין אויפגעוויזען, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט נישט אָבסערווירט די נאַטור, נאָר דעם מענשען, און אַז נישט דאָס שלעכטס אַליין האָט ביי איהם אַרויסגערופען זיינע געדאַנקען, נאָר די אונגערעכטיגקייט דערפון. אויב די גרויסע גייסטער פון דעם יודישען פאָלק זענען שטענדיג געפּייניגט געוואָרען פון ספיקות און געדאַנקען און גייסטיגע יסורים, איז עס נאָר געוועזען דערפאַר, וואָס זיי האָט געהאַרט, „פאַרוואָס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט״. די אַלגעמיינע ליידען ערקלערן זיך דעם גלויביגען יודען גאַנץ לייכט: די מענשהייט איז ווי אַ קינד, און די געטליכע השגחה — זיין ערציהערין. די ליידען זענען נאָר אַ שטראָף, און די שטראָף איז נויטיג, ווייל אָהן אַ שטראָף קען מען נישט ערציהען און לעהרנען. דער זעלביגער „חכם מכל אדם״ (דער קליגסטער פון אַלע מענשען: שלמה המלך), וועלכער זאָגט: „דער, וואָס פערמיידט די רוט (צום שטראָפען) האָט פיינד זיין זוהן, און דער וואָס האָט זי ליעב — פלאַנצט איין אין איהם מוסר״, דער זעלביגער זאָגט אויך: „דעם, וואָס גאָט האָט ליעב, שטראָפט ער און ווי אַ פאָטער זיין זוהן, אַזוי טוט ער איהם בעוויליגען״.

די דאָזיגע אַנשויאונג דרינגט דורך די גאַנצע הייליגע שריפטען נישט בלויז בנוגע צו יודען, נאָר אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע פעלקער. זיי ווערן בעשטראָפט, ווייל זיי האָבען געזינדיגט. די ערד האָט „אויסגעשפּיגען״ פון זיך דעם אמורי; אשור איז גאָט׳ס רוט; נבוכדנצר ווערט דערהויבען ביז צו דער מדרגה פון „גאָטס קנעכט״, ווייל ער איז אויסגעוועהלט געוואָרען פון דער געטליכער השגחה צו בעשטראָפען די פעלקער פאַר זייערע שלעכטע מעשים.

די נביאים קענען זיך נאָר דאַן קיין עצה נישט געבען מיט דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס, ווען זיי זעהען אין לעבען אַ גרויסע סתירה צו זייער גרונד־אַנשויאונג, דאָס הייסט, ווען זיי זעהען, ווי די רשעים לעבען גליקליך, און די אַלע תירוצים און פערענטפערונגען לעגען זיי זיך נישט אויפן שכל...

דאָס אינדישע פאָלק האָט זיך בעזונדער שטאַרק פערטיעפט אין דער פראַגע פון די אַלגעמיינע ליידען. נישט די „רוהיגקייט

פון די רשעים און די יסורים פון די צדיקים" האָט בעֶאונרוהיגט זייערעֶ חכמים, נאָר דאָס שלעכטס אַליין, אַן און פאַר זיך. זיי האָבעֶן מיטגעֶפיהלט דעֶם צער נישט פון די אָדעֶר יענעֶ מעֶנשעֶן, נאָר דעֶם צער פון דעֶם מין מעֶנש אין אַלגעֶמיין, און נישט נאָר פונ'ם מין מעֶנש, נאָר אויך פון אַלץ, וואָס לעֶבט אויף גאָט'ס וועֶלט. זיך פעֶרטיפעֶנדיג אין דעֶר עֶרשיינונג האָבעֶן זיי איינגעֶזעֶהעֶן, אַז די גאַנצעֶ נאַטור איז בעצם שלעכט. דאָס לעֶבעֶן איז נישט פול מיט צער, — עס איז אַליין דורך און דורך צער. לעֶבעֶן הייסט וועֶלן, און וועֶלן הייסט — צער. מ'דאַרף אויפהעֶרן וועֶלן וועֶט פעֶרשווינדעֶן אויך דעֶר צער.

דאָס גריכישעֶ פאָלק האָט זיך אינגאַנצעֶן אַנדעֶרש בעֶצויגעֶן צו דעֶר פראַגעֶ. זיינעֶ געֶלעֶהרטעֶ האָבעֶן זיך בעֶשעֶפטיגט נישט מיט דעֶם צער פון צדיק, און אויך נישט מיט דעֶם צער פון די אַנדעֶרעֶ לעֶבעֶדיגעֶ ווען, נאָר מיט דעֶם צער פונ'ם מענשען אין זיין בעֶציהונג צו דעֶר נאַטור. דעֶר קאַמפף צווישעֶן דעֶם מעֶנשעֶן מיט דעֶר נאַטור — דאָס איז דעֶר אינהאַלט פון דעֶם אַלגעֶמיינעֶם פּאָעֶטישעֶן געֶדאַנק ביי די גריכעֶן. דעֶר יודישעֶר שמשון הגבור קעֶמפפט אַממעֶהרסטעֶן מיט מענשען; דעֶר גריכישעֶר העֶלד העֶרקולעֶס קעֶמפפט אַממעֶהרסטעֶן מיט די ריעזיגעֶ נאַטור-קרעֶפטעֶן, מיט חיות און מזיקים. דעֶר מעֶנש אַלס פריַיעֶס וועֶזעֶן און אַלס שקלאַף, — דאָס איז דעֶר עיקר אינהאַלט פון דעֶם גריכישעֶן געֶדאַנק בנוגע צו דעֶם פּראָבלעֶם פון גוטס און שלעכטס. דעֶר מעֶנש רעֶכעֶנט זיך פאַר אַ פריַיעֶן, פאַר אַ מאַכט-בעֶזיצעֶר, פאַר אַ העֶרשעֶר, און אַט דעֶר גרויסעֶר העֶרשעֶר מוז בויגעֶן דעֶם קאָפּ פאַר דעֶם מינדעֶסטעֶן צופאַל פון לעֶבעֶן. ווען זיי האָבעֶן געֶגלויבט, אַז סוף כל סוף וועֶט דעֶר מעֶנש דאָך אַלץ בעֶזיגעֶן, האָבעֶן זיי זיך געֶפרעֶהט, און ווען זיי האָבעֶן געֶשפּירט, אַז די גאַנצעֶ מעֶנשליכעֶ מיה און מאַטעֶרניש איז אַרויסגעֶוואָרפעֶן, — האָבעֶן זיי דעֶם מוט פעֶרלוירעֶן. די גריכישעֶ טראַגעֶדיעֶ בעֶשעֶפטיגט זיך אַממעֶהרסטעֶן מיט די ליַידעֶן פון דעֶם העֶלד, דאָס הייסט מיט די ליַידעֶן פון דעֶם מעֶנשעֶן, וואָס וואָלט אייגעֶנטליך געֶדאַרפט העֶרשעֶן איבעֶר אַלעֶ, און עֶר פאַלט גאָר אַ דעֶרשלאָגעֶנעֶר פונ'ם בלינדעֶן צופאַל. אין די עֶרשטעֶ עֶנטוויקלונגס-פּעֶריאָדעֶן פון זיי-

ער זעלבסט־בעוואוסטזיין האָבען די גריכען מיטגעפיהלט די ליידען פון דעם געשמידעטען פראָמעטעאוס, און אין די לעצטע — די ליידען פון דעם גרויסען מענשען, וואָס וויל אַלץ וויסען און די נאַטור ענטדעקט איהם נישט איהרע בעהעלטענישען *).

עס פערשטעהט זיך, אַז דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג פון די דריי געניאַלע פעלקער, לאָזט זיך נישט איינשליסען אין אַזא ענגער ראַהם, ווי די וועלכע מיר האָבען דאָ איצט בעשטימט. ס'טרעפט, אַז דער יודישער נביא קלאָגט זיך אויך אויף דעם מענשענס שוואַכקייט אלס פרייער וועזען, וואָס איז אונטערגעוואָרפען דעם צופאַל, ווי אַלע אַנדערע נידריגע וועזענס. „דו האָסט געמאַכט דעם מענשען, ווי די פיש אין ים, ווי אַ וואָרים, וואָס קיינער הערשט איבער איהם נישט" — קלאָגט זיך חבקוק.

און פון דער אַנדערער זייט וויערער קלאָגט זיך דער גריכישער עסכילוס אויף דער אונגערעכטיגקייט פון פראָמעטעאוס'עס ליידען. אין אַלגעמיין אָבער געפינען זיך אין די אַנשויאונגען פון די דערמאָהנטע דריי פעלקער וועגען דעם פראָבלעם פון גוטס און שלעכטס די גרונדשטריכען, וואָס מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט.

פון דער יודישער שטעלונג בנוגע צו דער פראַגע האָט זיך ענטוויקעלט די יודיש־למודישע אַנשויאונג פון איין זייט און די קריסטליכע אַנשויאונג פון דער צווייטער זייט.

די אינדישע אַנשויאונג האָט, אין אַ סך דורות אַרום, אָנגענומען די פאָרם פון שאָפּענהויער'ס פעסימיזם, און האָט בעקומען אויך אַ מעהר איינזאַפעאישען און אַ מעהר פּאָעטישען כאַראַקטער.

---

*) זעה קאַפּיטעל ד.; אין אַלגעמיין זענען די גריכען קיינמאָל נישט צוגעקומען צו דעם עקסטרעמען פעסימיזם, צו וועלכען עס זענען דערגאַנגען די אינדיאַנער, למשל, — „דערפון האָט זיי געשיצט די שענע און מעסיגע נאַטור פון זייער לאַנד". ווען זיי קלאָגען זיך אָבער יאָ איז'ס שטענדיג אויף דער בעגרענצטער מענשליכער קראַפט. זיי קלאָגען זיך נישט, ווי די אינדיאַנער, אויף די ערשיינונגען: קראַנקהייט, טויט א. א. וו., נאָר אויף דעם מענשענס קליינקייט און אויף דעם, וואָס ער איז פערשקלאַפּט ביים צופאַל.

די גריכישע באַציהונג צו דער פראַגע געפינען מיר אין די דיכטונגען פון אַלע דורות און צייטען. וואָס די דיכטער האָבען צו דער וועלט, — איז אויך נישט מעהר, ווי דעם מענשען׳ס קליינליכקייט, די פּוסטקייט פון זיין לעבען און זיין שוואַכקייט עפּעס גרויסעס אויפצוטאָן און פאָלשטענדיג פריי צו זיין, — צו זיין דער בעל-הבית פונ׳ם אייגענעם לעבען.

בעזונדער בולט זעהט זיך אַרוים די גריכישע באַציהונג צו דער פראַגע אין די אידעען, האָפנונגען און פערלאַנגען פון פריד־ריך ניטשע. דער גרונד-טאָן פון אַלע זיינע געדאַנקען און שטרע־בונגען איז דורך און דורך נאָר — דער מענש און זיין פרייהייט. ניטשע איז ווירקליך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזען אויף דעם טיפען פּעסימיזם, מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען די גריכישע טראַגעדיע, און ס׳איז גאָרנישט צו צווייפלען אין דעם, אַז ער איז געווען אויך דער איינציגער, וואָס האָט טיעף אין האַרצען געטראָגען דעם דאָזיגען טראַגיזם און איהם געפיהלט אין זיין גאַנצען אומפאַנג. ער האָט געזוכט די מענשליכע פריי־הייט און האָט זי געגלויבט צו געפינען פריהער אין דער קונסט, שפּעטער אין דער וויסענשאַפט, און ענדליך — אינ׳ם איבער־מענש, אין יענעם פאָלשטענדיגען פרייען וועזען, וואָס קיין זאַך איז נישט אימשטאַנד זיך איהם אין וועג צו שטעלען און ער איז שטענדיג און צו יעדער צייט דאָס, וואָס ער איז, מיט זיין גאַנ־צער גרויסקייט, מיט זיין גאַנצער מעכטיגקייט.

די יודישע אַנשויאונג אין דער צונויפשמעלצונג מיט איינ־צעלנע גריכישע אידעען האָט אַרויסגערופען די בעזונדערע אַלעק־סאַנדרינישע באַציהונג צו דער פראַגע.

פון דער זעלביגער צונויפשמעלצונג זענען אַרויסגעקומען אויך די אַנשויאונגען פון אונזערע געלעהרטע אינ׳ם מיטעלאַלטער; דאַן אָבער האָט די גאַנצע יודישע אַנשויאונג אַן׳אַנדער פיזיאָנאָמיע בעקומען. די אַלעקסאַנדרינער האָבען געזוכט מקרב צו זיין די יודיש-רעליגיעזע בעגריפען בנוגע צו דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס צום פּלאַטאָניזם, און אונזערע חכמים פון מיטעלאַלטער — צו די אידעען פון אַריסטאָטעלעס.

די אַנשויאונג פון דער יודישער פּאָעזיע אין דער צונויפ־שמעלצונג מיט אַלעקסאַנדרינישע און אינדישע אידעען האָט אַרויס־

גערופען די קבלה, און די קבלה — דעם חסידי׳זם, אין וועל־כען זי, די קבלה, האט זיך אויפגעהויבען ביז צו דער הויך פון א רעליגיעז־עסטעטישער בעאבאכטונג. ר׳ נחמן ברעסלאווער׳ס „צדיק“ איז פאלשטענדיג פריי. דער צדיק בעקומט ביי איהם דעם כאראקטער פון א בעשעפער, פון א אויסלייזער...

די פאזיטיוויסטישע אנשויאונג בעציהט זיך צום פראבלעם פון גוטס און שלעכטס גאנץ אנדערש. מ׳דארף אבער אבטיילען דעם אויבערפלעכליכען פאזיטיוויזם פון דעם אמת׳ען, טיעפען, בעגרינדעטען. דער אויבערפלעכליכער פאזיטיוויזם בעציהט זיך אינגאנצען נעגאטיוו צו דער פעסימיסטער אנשויאונג, אין דער צייט, ווען דער טיעפער פאזיטיוויזם בעמיהט זיך איהם צו פער־שטעהן. דער אויבערפלעכליכער פאזיטיוויזם זעהט אינ׳ם פעסימיזם בכלל א מין שטארקען נערווען־רייץ, און אינ׳ם עקסטרעמען פע־סימיזם — עכטע משוגעת; די ערנסטע פאזיטיוויסטישע אנשוי־אונג זעהט אבער אינ׳ם פעסימיזם א געוויסע פסיכישע בעציהונג צום לעבען, וואס שטאמט פון דער איבערצייגונג, אז אין דער הנהגה פון דעם ארומיגען לעבען זעהט זיך נישט קיין שום לאגי־שער סדר און די גאנצע אויסערליכע וועלט איז נישט צוגעפאסט צו די אמת׳ע גייסטיגע בעדערפענישען.

די אויבערפלעכליכע פאזיטיוויסטישע אנשויאונג איז אינגאנצען מבטל די אלע קלאגענישען און טענות געגען דעם סדר פון דער וועלט; דער טיעפער פאזיטיוויזם פערשטעהט אבער דעם פסיכאלא־גישען מקור פון די אלע טענות. ער לאזט זיך פון זיי נישט פער־פיהרען, ווייל זיין יסוד איז „נישט לאכען, נישט וויינען, נאר — פערשטעהן“; ער איז זיי אבער נישט מבטל אלס א בעשטימטען פסיכישען צושטאנד.

דער אמת׳ער פאזיטיוויזם איז אויך דאגעגען יענעם אורטייל, וואס די פעסימיסטען האבען ארויסגעגעבען וועגען דעם מהות פון צער און פערגניגען און וועגען דער איביגער פערמעהרונג פון צער, ווייל דער דאזיגער אורטייל האט נישט קיין פעסטען ווי־סענשאפטליכען באדען; ער לייקענט אבער אויך נישט אב פעטראַרקי׳ס אפאריזם (אין דעם זין, ווי שאפענהויער האט זיך מיט איהם בענוצט): „טויזענדער פערגניגענס קענען נישט ביי־שטעהן קענען איין מינוט צער“, ווארום אויב דער בעשלום פון די

פּעסימיסטען בנוגע צו דער כמות (קוואַנטיטעט) פון צער איז אפילו איבערטריבען, קען דאָך נאָך אַלץ זיין, אַז ער איז אויסגעהאַלטען בנוגע צו דער איכות (קוואַליטעט, אייגענשאַפט) פון צער.

דער פּעסימיסט האָט, למשל, דאָס פאָלשטענדיגע רעכט צו זאָגען, אַז ס'איז נישטאָ איין פערגניגען אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דעם צער פון אַ פעראורטיילטען צום טויט, וואָס ווייסט, אַז אָט, אין אַ טאָג, אין אַ שעה, אין אַ האַלבע שעה, אין עטליכע מינוט אַרום וועט ער איבערגעגעבען ווערן דעם תלין... ס'איז נישטאָ איין פערגניגען אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דעם שמערץ פון אַ מענשען, וואָס מוז צוזעהען, ווי זיין לעבענס-געליבטע ווערט געפּייניגט פון ווילדע אכזרים... ס'איז נישטאָ איין פערגניגען אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט די ליידען פון דער פרוי, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט איהר קינד מיט איהר בלוט און מילך, און פּלוצלונג רייסט זיך אַריין צו איהר וועלכע ס'איז בעסטיע און צושמעטערט עס איהר אין די אויגען... וואָס'רע ווערט האָבען די גלענצענדסטע האָפנונגען אין דער וועלט געגען דער פערצווייפלונג פון אַ מענשען, וואָס זעהט פאַר זיך אין דער צוקונפט: הונגער און קעלט, עלענדקייט, בעליידיגונגען, פּיין און אייביגע שקלאַפעריי... ס'איז נישטאָ איין פערגניגען אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דעם וועהטאָג פון אַ מענשען, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען מקריב געווען פאַר דער מענשהייט, און מיט אַמאָל זעהט ער זיך אַרום, אַז פון אַלע זיינע חלומות האָבען זיך אויסגעלאָזען „דברים בטלים"...

אַמאָל פלעגט מען זאָגען, אַז די פּאָזיטיווע וויסענשאַפט האָט קיין שום עסק נישט מיט די מעטאַפיזישע שאלות. די אַלע חקירות און פּשט'לעך וועגען דעם זענען גאָרנישט מיט גאָרנישט; דער מענש דאַרף נאָר זעהן פערשטעהן און דערגעהן דאָס, וואָס עס ליעגט אין די גרענעצען פון זיין אומפאַסונגס-קראַפט, דאָס הייסט: די ערשיינונגען פון דער נאַטור און זייער בעציהונג איינע צו דער אַנדערער, און נישט מעהר. איצט פערשטעהען אָבער די אמת'ע וויסענשאַפטס-לייט, אַז מיט די

פערשידענע בעגרענעצונגען וועלן מיר די מעטאַפיזישע בעדערפענישען נישט פערניכטען, און אָנשטאָט צו אַנערקענען די מעגליכקייט פון לעזען ווען ס'איז די דאָזיגע וועלט=פּראָבלעמען אָדער זי נישט אַנערקענען — זוכען זיי זיך אַליין קלאָר צו מאַכען, אויף וויפיעל דער מענשליכער גייסט פיהלט אין זיך ווירקליך דאָס בעדערפניש, זיך צו בעשעפטיגען מיט די (מעטאַפיזישע) פּראָבלעמען. זיי קוקען זיך צו צו דעם צוזאַמענהאַנג פון די געדאַנקען, צו די אידעען=אַסאָציאַציעס און צו דער בעציהונג פון די דאָזיגע געדאַנקען צו די אינערליכע און אויסערליכע ווירקונגען, און זוכען צו ערקלערן די פּסיכישע יסודות, וואָס האָבען געמוזט אַרויסרופען אַזעלכע געדאַנקען=פּראָצעסען.

אויסגעצייכענט אין דער הינזיכט זענען די ווערק פון גיאוּאִי, אַווענאַריוס און לאַנגע. די דאָזיגע געלעהרטע זענען גאַנץ ווייט איינער פון אַנדערן אין די מיינונגען; זיי פעראייניגט אָבער די געמיינזאַמע נייגונג צו בעטראַכטען די וועלט=פּראָבלעמען פונ'ם שטאַנדפּונקט פון די פּסיכישע פּראָצעסען.

בעזונדער האָט זיך לאַנגע פערטיעפט (אין זיין בוך „די געשיכטע פונ'ם מאַטעריאַליזם“) אינ'ם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, נישט פון דער זייט פונ'ם אָביעקטיווען אמת, נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פונ'ם פּסיכישען פּראָצעס.

נאָך זיין מיינונג ווייסט נישט דער אָביעקטיווער אמת נישט פון קיין פּעסימיזם און נישט פון קיין אָפּטימיזם, און דער סוביעקטיווער אמת ווייסט נאָר פון אָפּטימיזם. די פּעסימיסטען זענען אויף אַזוי פיעל גערעכט, אויף וויפיעל זיי פערשטעהען די קראַפט פון דאָס שלעכטע, וואָס ס'איז פערהאַן אין דער וועלט; די אָפּטימיסטען קוקען אָבער אויף דער וועלט אינגאַנצען מיט די אויגען פון זייער גייסטיגער האַרמאָניע. דאָס גוטע, דאָס הויכע און דאָס שענע, וואָס זיי געפינען אין זיך אַליין, זעהען זיי אויך אין דער וועלט, און אַנדערש קענען זיי גאָרנישט זעהען — זיי קענען זיך דאָך פון זייער אייגענעם מהות נישט בעפרייען. דער אמת פון די אָפּטימיסטען איז אַ פילאָזאָפיש=עסטעטישער. זיי האָבען ליעב דעם מענשליכען געשלעכט אין האָפען אויף גוטס, און זייער אידעאַל זעהען זיי אין דער ענטוויקלונג פון דער גאַנצער נאַטור און פון דער מענשליכער געשיכ=

טע. אין דעם זין איז שטרוים גאַנץ גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז יעדע פילאָזאָפיע מוז זיין אָפּטימיסטיש...

לויט אונזער מיינונג איז לאַנגע'ס בעצייכנונג פון דעם סובּיעקטיווען און אָביעקטיווען אמת — אַ גאַנץ ריכטיגע, נאָר מ'דאַרף זי אוועקשטעלען אין אַ פערקעהרטער ריכטונג. די עסטעטישע און מאָראַלישע הויכקייט רופט אַרוים נישט קיין אָפּטימיזם, נאָר, פערקעהרט — פעסימיזם.*) ווער איז נאָך אַזוי דורכגעדרונגען מיט ריינער באַרימהערציגקייט, ווי בודדהאַ, און — ווער איז נאָך אַזאַ פעסימיט, ווי ער? ווער האָט נאָך אַזוי ליעב געהאַט זיינע פאָלקסברידער און אַלע מענשען, ווי לעאָפאַרדי, — און ווער איז נאָך אַזוי פערצווייפעלט געווען, ווי ער?

אין דער אמת'ען זענען פערהאַן צוויי סאָרטען פעסימיזם. איין פעסימיזם איז אַ פּראָדוקט פון אַ געמיינער נאַטור, וואָס זעהט אומעטום נאָר שמוץ און בלאָטע, ווייל זי איז אַליין פול דערמיט. אַזאַ מין מגושמ'דיגען פעסימיזם געפינען מיר ביי פערשיעדענע בעלעטריסטען. ס'איז אָבער פערהאַן אַנ'אַנדער פעסימיזם, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון זעהר אַ רייכער נאַטור, פון אַ נאַטור, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ אונבעגרענעצטער ליעבע צו אַלץ און זעהט אין דער זעלביגער צייט די אַלע ליידען און ביטערקייטען פון דער וועלט. און ווייל זייער ליעבע צו מענשען איז אַזוי שטאַרק, פיהלען זיי שטאַרקער אויך זייערע צרות און זייערע חסרונות. קיינער ווייסט נישט אַזוי דעם צער פון קינד, ווי די ליעבענדע מוטער. די ליעבענדע נאַטור איז ווי אַ האַרציגע

---

*) איך מיין נישט דאָ צו צו זאָגען, אַז אַ רייכע מאָראַלישע און עסטעטישע נאַטור מוז שטענדיג אַרויסרופען אַ פעסימיסטישע נייגונג; איך גלויב נאָר, אַז אַממעהרסטען-טייל רופט אַזאַ מין נאַטור אַרוים פערשיעדענע טענות געגען דער וועלט-אָרדנונג. די דאָזיגע טענות ברענגען אַמאָל צו אַבסאָלוטער פערצווייפלונג, אַמאָל צו נייע אידעאַלען און אַמאָל אויך — צו אידעאַלער בעגייסטערונג. שילער, למשל, פערשטעהט, אַז „נאָר דאָס אידעאַל איז דאָס לעבען, אמת איז — דער טויט", און פון דעסטוועגען, און אפשר גראָד צוליעב דעם, זעהען מיר איהם קעמפפענדיג דאָס גאַנצע לעבען פאַר זיינע הויכע אידעאַלען, פאַר'ן גליק פון דער מענשהייט.

מוטער בנוגע צו אלע מענשען...

שאפענהויער זוכט שטענדיג פעהלערן אין דער מענשליכער נאטור און געפינט זיי. פארוואס אבער זוכט ער זיי? ווייל ער האט גרויסע מאראלישע און עסטעטישע פאדערונגען. וואלט ער זיך בענוגענען מיט דער דורכשניטליכער נאטור, וואלט ער פון מענשען נחת געקליבען... *) ווען די פאדערונגען פון א בייראן, היינע און נאך אזעלכע וואלטען זיין נישט גרעסער פון די פאדערונגען, וואס עס שטעלט ארויס וועלכער ס'איז סאטירישער ליין סתם אין דער וועלט אריין, וואלטען זיי אנגעקוואלען פון דעם מענשען'ס מעשים...

דער וואס האט גרויסע פאדערונגען, מוז גאנץ אפט קוקען אויף מענשען, ווי אויף מילבען. ער האט מיטלייד מיט זיי. דאס רחמנות ברענט איהם צו ליעבע; ער קען אבער דאך רוהיג נישט צוזעהען די גאנצע קליינליכקייט, די גאנצע געמיינהייט זייערע...

וואס רייכער און גרעסער ס'איז דעם מענשען'ס אינערליכע וועלט, אלץ בולט'ער זעהט ער דעם קאנטראסט צווישען זיין איי־גענער, אינערליכער וועלט און דער אויסערליכער, ארומיגער... און ער קאכט זיך און כעס'ט זיך אזוי לאנג, ביז ער קומט צו צום פעסימיזם. דער, וואס זיין אינערליכע וועלט איז זעהר רייך, פאלט אפט אראב, ווי פון א הויכען טורעם אין א טיפע גרוב, ווען ער קוקט זיך צו דעם מענשענס לעבען, צו זיינע עובדות און מעשים.

ווער עס לייענט אויפמערקזאם די גרויסע דיכטער, פיהלט שטענדיג ביי זיי א גיפטיגע פערביטערונג איבער דעם שרעקליכען תהום צווישען דער עשירות פון דער גייסטיגער וועלט און דער ארימקייט פון דער פשוט'ער ווירקליכקייט. וואס רייכער ס'איז

*) שאפענהויער האט דאס גאנצע לעבען פערבראכט אין שטרענגער הארטקייט; ווער עס לייענט אבער זיינע ווערק אהן א שום פאראורטייל, זעהט און פערשטעהט, אז ער איז גאנץ אפט געוועזען פיעל בעסער, ווי ער שטעלט זיך ארויס. ס'איז נישטא נאך איין פילאזאף, וואס זאל אזוי טיעף האבען פערשטאנען דעם מהות פונ'ם אלגעמיינעם צער, און נישט פיהלענדיג קען מען נישט רעכט פערשטעהן...

דעם דיכטער'ס גײַסטיגע וועלט, אַלץ טיפער פּיהלט זיך זײַן פערביטערונג.

די פאַלשע נביאים זענען שטענדיג פריידליכע מענשען, און ירמיהו הנביא איז געווען א „מענש פון קריג און אַרומרײַסעניש פאַר'ן גאַנצען לאַנד".

צווישען יענע, וואָס זעהען דעם שרעקליכען תהום צווישען דער פאָלקאָמענהײַט און דער ווירקליכער געמײַנהײַט, זענען פערהאַן אַזעלכע, וואָס פערצווײַפלען אינגאַנצען, — דאָס זענען די עקסטרעמע פּעסימיסטען; און פערהאַן אַזעלכע, וואָס זייער ליבע וועגט אַלץ איבער. אַלס מוסטער פון אַזעלכע קענען דיענען: בײַ יודען — די נביאים, ר' ישראל בעש"ט און ר' נחמן ברעסלאַווער; בײַ אַנדערע פעלקער — די ערשטע קריסטען, טאָלסטאָי — פון איין זייט, ניטשע פון דער אַנדערער זײַט.

און קיין אַנדער וועג און קײַן אַנדער בעהעלטעניש און קײַן אַנדער שיצונג איז נישטאָ פאַר דיר, מענש, וואו דו זאָלסט דיך קענען בעהאַלטען פון די אַלע קלײַנליכקײַטען און נאַרישקײַטען און געמײַנהײַטען און לײַדען, וואָס דו זעהסט אַרום זיך, אויסער דער הויכער, אידעאַלער ליבע.

„און אויב צו דער ערד בויגט זיך (דער מענש) און זעהט ווילדע פינסטערניש, אַנגסט און עלענד" איז אָבער דאָ נאָך א וועג פאַר'ן מענשען — „צום הימעל זאָל ער זיך קעהרען"...

אויסבעסערונגען פון די דרוק־פעהלערן.

זייט	שורה	עס איז געדרוקט:	דארף זיין:
3	23	און אונגערעכקייט רחמנות, און אכזריות.	אונגערעכטיגקייט, רחמנות און אכ־זריות.
5	3	ענטקגעגעזעצטע	ענטקעגענגעזעצטע
6	18	„סאמא" זאפט פון אזא מין גראז (אונטער א. א. וו.	„סאמא" (זאפט פון אזא מין גראז אונטער דעם נאמען);
8	14	אונענדליכע „ענדע רונגען"	אונענדליכע ענדערונגען
12	12	זיין פון טוידט, פון קראנק־הייט און פון טוידט!	זיין פון קראנקהייט און פון טוידט!
13	25	עגדערונגען	ענדערונגען
„	„	זיין	קיין
15	15	יסורות	יסודות
„	28	מנוהה	מנוחה
16	14	מארט	סארט
18	8	דעמוטס־צושטאנד	געמיטס־צושטאנד
„	16	איז, דער	איז דער
19	6	צייטען	קייטען
„	10	משיג זיין, דעם	משיג זיין דעם
„	18	ווייטער דאס אלץ	ווייטער — דאס אלץ
„	20	טוידט די	טוידט; די
20	8	פערגעניגליך	פערגעגגליך
„	12	ברודער	ברידער
„	32	נורוואנא	נירוואנא
„	19	געזעצען. און פעראָרדנונ־גען	געזעצען און פעראָרדנונגען,
„	23	בעשאפען, עס	בעשאפען, אז עס
22	6	זאגט;	זאגט;
„	17	נביאים 16)	נביאים 16),
„	32	געזעלשאפט;	געזעלשאפט.
23	14	געשלאגען געהען אויף	געשלאגען, זיי געהען
„	21	זיך פרעהען	זיך פרעהען!
24	6	זעהער, אויך	זעהער אויך
„	14	„אויף"	„אויף
„	16	מאטערנישען 24) אויף דער חכמה	מאטערנישען 24], אויף דער חכמה,
25	15	זנן,	זנן.

25	16	גאַל בײטערניש	גאַליגע בײטערניש
„	25	נישט דײן געקינסטעלטער און נישט דײן געמאַכטער	און נישט קײן געקינסטעלטער און נישט קײן געמאַכטער
26	3	גופיא	גופא
„	15	אַנטײל נעהמער	אַנטײל-נעהמער
36	1	טענהוט	טענה'ט
„	22	האָבענדיג אַ	האָבענדיג אָבער אַ
47	11	געזאָגט, אויך	געזאָגט אויך
„	19	דורות.	דורות,
„	26	פון דעם	פון דער
49	1	גריכענלאַנד אין רוים	גריכענלאַנד און רוים
„	11	האָט זי די נאַטור	האָט זי, די נאַטור,
50	6	ער האָט, געשעצט	ער האָט געשעצט
„	25	אונז דאָס די	אונז די
„	31	זײ אָן.	זײ אָן,
51	4	און די	אין די
„	27	און אַלץ	אין אַלץ
„	28	פערקעהרט	פערגעהט
„	31	זײט,	זײט.
54	34	בירגערען	בירגערין,
„	14	אַראָב,	אַראָב
58	5	יעדען.	יעדען
59	24	פערנופטיגען	פערנינפטיגען
62	4	אויטיליטאַרוסטען	אוטיליטאַרוסטען
„	10	אויטיליטאַרוסטען	אוטיליטאַריסטען
63	13	פאַל	פאַל.
64	5	צו	די
„	11	און זײ	אין
72	17	אויוועלע	אויסלײטערונג
73	32	אום	אים
„	34	(איבערגעבער פונ'ם טראַדיציאָן)	(איבערגעבער פון דער טראַדיציע)
76	5	שטומט	שטימט
77	30	דאָס	און דאָס
96	12	אַלזאָ, וועגען שלעכט	רעדען, אַלזאָ, וועגען שלעכטס.
97	17	געלעהרטע אום	געלעהרטע אים
102	34	דער קריסטליכער	די קריסטליכע
121	14	שטימונג	שטימיג
124	4	מלא חמות	מלחמות
133	1	גענער	פון אײגענער.